STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03443

DI NAYESTE GESHIKHTE FUNM YIDISHN FOLK

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די נייסטע געשיכטע פונם יידישן פאלק

שמעון דובנאָוו

אַלגעמיינע געשיכטע
פֿונם יידישן פֿאָלק פֿון די אַלטע צייטן
ביז צו היינטיגער צייט

די נייסטע געשיכטע:

פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע (1789)

ביז דער וועלט־מלחמה (1914).

אין דריי בענד.

1923

יידישער ליטעראַרישער פֿאַרלאַג, בערלין

די נייסטע
געשיכטע פונם יידישן פאָלק

פון ש. דובנאָוו

ערשטער באַנד

(1815—1789).

איבערגעזעצט פון נ. שטיף

אונטער דער רעדאַקציע פון מחבר.

1923

יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג, בערלין

Alle Rechte vorbehalten.

Copyright 1923 by S. Dubnow, Berlin.

Buchdruckerei Felix Wolf G.m.b.H., Berlin S 14

הקדמה צו דער ייִדישער אויסגאַבע

די „נייַסטע געשיכטע פֿונם ייִדישן פֿאָלק" איז נאָך אין דער ערשטער, ניט פֿאַרענדיגטער רוסישער אויסגאַבע געווען אויסגעטיילט פֿון מייַן „אַלגעמיינער ייִדישער געשיכטע" אין אַ באַזונדער ווערק. איצט, ווען די „נייַסטע געשיכטע" איז שוין פֿאַרענדיגט מיט דעם גרעניץ־יאָר 1914, מאַכט זי אויס אַן אָפּגעשלאָסן ווערק ניט נאָר אויסערליך, נאָר אויך לויט איר היסטאָרישן אינהאַלט. דער דאָזיגער טייל פֿון אונזער היסטאָריע פֿאַרנעמט אַ תּקופֿה פֿון 125 יאָר (פֿון 1789 ביז 1914), וואָס איז אודאי אַ קלייניגקייט אין אונזער דריי־טויזנט־יעריגער געשיכטע, אָבער מיר, די לעצטע דורות, לעבן דאָך אונטער דער דירעקטער השפּעה פֿון דער נאָהענטער תּקופֿה, און עס איז נויטיג אויסצופֿאָרשן די קוואַלן, פֿון וואַנען עס נעמען זיך אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און גייַסטיגע קריזיסן אין דער לעצטער צייַט. אויסערדעם, שטעלט פֿאָר די נייַסטע תּקופֿה אַן אָפּגעשלאָסענעם גאַנצעם אין איר אינעווייניגסטער עוואָלוציע. מיר זעהען דאָ, ווי דאָס היסטאָרישע באַשעפֿעניש, וואָס רופֿט זיך פֿאָלק ישׂראל, מאַכט דורך אין אַ קורצער צייַט דעם גאַנצן פּראָצעס פֿון אָרגאַנישער אַנטוויקלונג: פֿון דעם אַלטן ט ע ז י ס — דעם פֿאַרגליווערטן מיטלאַלטערליכן לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען קיים באַרירט צו דער צייַט פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, דורך דעם שאַרפֿן אַ נ ט י ־ ט ע ז י ס פֿון אַסימילאַציע, ביז צום מאָדערנעם נאַציאָנאַלן ס י נ ט ע ז, וואָס פֿאַראייניגט אין זיך נאַציאָנאַלע מיט הומאַניסטישע, אַלמענשליכע עלעמענטן. דאָס איז מער נישט ווי איין רינג אין אונזער לאַנגער היסטאָרישער קייט, וואו עס געפֿינען זיך נאָך אַסך אַזעלכע רינגען פֿון גאָר אַלטע צייטן, אָבער אונזער דור לעבט דאָך אין דעם דאָזיגן רינג, און מיר מוזן אים אויפֿקלערן, געבן צו פֿאַרשטיין, וואו האַלטן מיר אין דער היסטאָרישער וועלט.

צו דעם צוועק איז דער נייַסטער טייל פֿון דער ייִדישער געשיכטע באַאַרבעט אין אַסך גרעסערן מאַשטאַב, איידער די פֿריהערדיגע טיילן. די צוויי גרעניצן פֿון דער נייַסטער תּקופֿה — די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע מיט דער ייִדן־עמאַנסיפּאַציע אין אָנהויב און די וועלט־מלחמה מיט דעם חורבן פֿון דעם רוסיש־ייִדישן צענטר צום סוף — שניידן זי שאַרף אָפּ פֿון ביידע זייטן. די לעצטע דאַטע, די קריזיס־יאָרן 1914—1918, זייַנען ניט אַ פּשוט'ער גרעניץ: דאָס איז אַ טיפֿער תּהום, אַן אָפּגרונד, וואָס אַ היסטאָריקער דאַרף נאָך איצט ניט אַריבערטרעטן.

די ייִדישע אויסגאַבע שטימט בכלל מיט דעם טעקסט פֿון דער לעצטער דריי־בענדיגער רוסישער אויסגאַבע (בערלין 1923). דער רעגיסטער צו אַלע דריי בענד וועט געדרוקט ווערן צום סוף פֿון לעצטן באַנד.

בערלין, יוני 1923.

דער מחבר.

אינהאַלט

זייט
הקדמה צו דער יידישער אויסגאבע V

אַריינפיר

I. די יידישע וועלט פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

§ 1. די אלטע ארדנונג 3
§ 2. דייטשלאנד 5
§ 3. פרייסן 10
§ 4. רעכטלאזיגקייט און בילדונג 13
§ 5. עסטרייך. 17
§ 6. פראנקרייך 23
§ 7. איטאליע 29
§ 8. נידערלאנד, ענגלאנד, שווייץ און סקאנדינאווען 33
§ 9. פוילן נאך דעם ערשטן צעטיילן 37
§ 10. רוסלאנד (רייסן) 45
§ 11. די לענדער אויסער אייראפע 47

II. די הויפּט־פּראָצעסן פון דער נייסטער יידישער געשיכטע

§ 12. עמאנסיפאציע און רעאקציע 49
§ 13. אסימילאציע און נאציאנאלע באוועגונג 51

די תקופה פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע
(1815—1789)

קאַפּיטל I. די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין פראַנקרייך

§ 14. דער קאמף פאר גלייכבארעכטיגונג אויפן גרונד פון דער רעכטס־דעקלאראציע 59

§ 15. די דעבאטן אין דער נאציאנאל־פארזאמלונג וועגן אקטיווע בירגער־רעכט פאר יידן 65
§ 16. ספרד'ישער סעפאראטיזם און בירגער־רעכט פאר ספרד'ישע יידן 71
§ 17. די אגיטאציע פון דער פאריזער קאמונע פאר יידן . . . 75
§ 18. דער וויטערדיגער קאמף און דאס אנערקענען פון דער עמאנסיפאציע 80
§ 19. פרייהייטס־פאטריאטיזם און קרבנות פון טעראר 87
§ 20. די ערשטע פרוכט פון דער עמאנסיפאציע (1796—1806) . 93
§ 21. נאפאלעאן און יידן; דער דעקרעט פון יאר 1806 . . . 97
§ 22. די דעפוטאטן־פארזאמלונג 102
§ 23. דער „גרויסער סנהדרין“ אין פאריז 110
§ 24. דער „שענדליכער דעקרעט“ (1808) 113

קאַפּיטל II. יידישע עמאַנסיפּאַציע אין די לענדער פון פראַנצויזישער הערשאַפט

§ 25. האלאנד (באטאווער רעפובליק און דאס האלענדישע קיניגטום) 119
§ 26. איטאליע: רוימישע און ציזאלפישע רעפובליק; דאס איטאלישע קיניגטום 128
§ 27. שווייץ (העלוועטישע רעפובליק) 135

קאַפּיטל III. עמאַנסיפּאַציע־שטרעמונגען און קולטור־קריזיס אין דייטשלאַנד

§ 28. די לאגע בכלל. 139
§ 29. די רעפארם־פראעקטן אין פרייסן. 142
§ 30. אפרוב פון א רעליגיעזער פשרה און די יידנפיינטליכע ליטעראטור 146
§ 31. דער קולטור־קריזיס: רעוואלוציע אין די זיטן, שמד־עפידעמיע 153
§ 32. רעפארמעס אין פרייסן, דער עדיקט פון יאר 1812 . . . 161
§ 33. עמאנסיפאציע אויף א ווייל אין דער געגנט פון פראנצויזישער הערשאפט (וועסטפאלן, פראנקפורט, האנזא) 166
§ 34. דער אלטער רעזשים קעגן דעם נייעם (זאקסן, בייערן, מעקלענבורג, באדן) 174
§ 35. די נייע ליטעראטור און די נייע שול 180

קאַפּיטל IV. די פעסטקייט פון דעם אַלטן רעזשים אין עסטרייך

§ 36. די פאליטישע לאגע בכלל 185
§ 37. די סיסטעם פון נארמירונגען אין בעהמען און מעהרן. . . 192
§ 38. די אויסלייטישן־פאליטיק אין גאליציע 194
§ 39. אונגארן. 198
§ 40. דער קולטור־צושטאנד 200

קאַפּיטל V. יידן אין פּוילן אין דער צייט פון די לעצטע צעטיילן

§ 41. די יידנפראגע אין דער ליטעראַטור פונם פיריאריגן סיים . 203
§ 42. די גאס און די סיים־קאמיסיע 207
§ 43. דאס צווייטע און דאס דריטע צעטיילן פון פוילן. בערעק יאסעלעוויטש 211
§ 44. ווארשעווער הערצאגטום 215

קאַפּיטל VI. דער נייער יידישער צענטר אין רוסלאַנד

§ 45. דער געזעצגעשטעלטער יידישער „תחום" 222
§ 46. פראעקטן צו רעגלאמענטירן דעם יידישן לעבנס - שטייגער (פאוועל דעם I רעגירן) 226
§ 47. „דער קאמיטעט איינצוארדנען יידן" און דער סטאטוט פונם יאר 1804 234
§ 48. די רעזולטאטן פונם יידן־סטאטוט; דער גירוש פון די דערפער 240
§ 49. די מלחמה פון יאר 1812 245
§ 50. דאס עקאנאמישע לעבן און זיינע קריזיסן 247
§ 51. דער קריזיס פון דער יידישער אויטאנאמיע; קהל און מאגיסטראטן 251
§ 52. די חסיד'יש־מתנגד'ישע מחלוקת און דער רעגירונגס אריינמישן זיך 254
§ 53. רבנות, חסידות, השכלה („בערלינער") 259

ביבליאגראפיע: קוועלן און ליטעראטור 265

אַרײַנפֿיר

I. די ייִדישע וועלט פֿאַר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע

II. די הויפּט־פּראָצעסן פֿון דער נײַסטער געשיכטע

D 1

I. די יידישע וועלט פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

§ 1. די אַלטע ארדנונג.

אין דער לעצטער צייט פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס פון איר האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע עמאַנסיפּאַציע, איז די פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע פון אַלע טיילן יידישן פאָלק אין די אייראָפּעאישע מדינות געווען כמעט אומעטום גלייך.

אומעטום זיינען יידן געווען באַגרעניצט אין זייערע רעכט, אין אייניגע ערטער ביז גאָר אָהן רעכט, דאָ האָט געגאָלטן אַן אייגנאַרטיג jus judaicum (יידן־רעכט), אַ רעשט פון מיטלאַלטער, וואָס האָט געהאַט זיינע אייגענע פאָר־מען אין יעדער לאַנד באַזונדער, לויט די תנאים אויף אַן אָרט און לויט דעם, וואָס הערשער און הערשנדיגע קלאַסן האָבן פאַרמאָגט יורידיש צוצוטראַכטן. די דאָזיגע יסודות פון דער אַלטער אָרדנונג זיינען אַזוי:

א. אין פּאָליטישן און אין בירגערליכן פרט זיינען יידן אין יעדער לאַנד געווען אַ מין גרופּע אויסלענדער, וואָס קיין אייגענע מלוכה האָבן זיי ניט, און דעריבער זיינען אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטן פאַר זיי ניט גילטיג, ניטאָ ווער זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. זיי האָבן געמעגט לעבן אין אייניגע געגנטן און באַשעפטיגן זיך מיט געוויסע פּראָפעסיעס אויף שווערערע אָדער גרינגערע תנאים, וואָס די רעגירונג, די פעאָדאַלע אָדער מוניציפּאַלע מאַכט האָט זיי געשטעלט. דאָס איז געווען אַ מין אָפּמאַך צווישן בעלי־בתים און אָנגעקומענע, כאָטש די דאָזיגע אָנגעקומענע האָבן שוין געהאַט פאַר זיך אין לאַנד צענדליגער דורות פריהער. דער אָפּמאַך האָט באַדאַרפט לוינען דעם שטאַרקערן צד: דעם „אָנגעקומענעם" האָט מען געלאָזט ערגעץ אַ הינטערשט ווינקל צו וואוינען און אייניגע נישטיגע פּראָפעסיעס אויף צו לעבן, אַזוינע פּראָפעסיעס, וואָס פון זיין קאָנקורענץ זאָל דער „תושב" וואָס ווייניגער ליידן. פאַר דעם „חסד" האָט דער אָנגעקומענער באַדאַרפט צאָלן אַ גרונד־שטייער, „שוץ־געלט" און אַנדערע ספּעציעלע אָפּצאָלן. אין דעם גרעסטן טייל לענדער האָט מען דעם יידן געשטעלט אייזערנע גראַטעס, ווי נאָר ער האָט געפּרובט פאַרברייטערן זיין „תחום" צו וואוינען און זיין „תחום" פּראָפעסיעס. אין אייניגע

ערטער האָט די מאַכט אָפיציעל פאַרווערט יידן, זיי זאָלן זיך נאַטירליך מערן, אַ ספעציעל געזעץ האָט נאָרמירט די צאָל חתונות ביי יידן און ניט געלאָזט די יידישע באַפעלקערונג וואַקסן. שטרענגער און ערגער, איידער אומעטום, האָט מען רעגלאַמענטירט דאָס יידישע לעבן אין די צוויי וויכטיגסטע יידישע צענטערן אין מערב־אייראָפּע — אין דייטשלאַנד און עסטרייך. אין מזרח־אייראָפּע, אין פוילן, צווישן די געדיכטע יידישע מאַסן, האָט די רעגלאַמענטאַציע זיך ניט פאַרמאָסטן אויף דעם געזעץ פון דעם נאַטירליכן וואַקסן, נאָר אין פוילן האָט מען נאָרמירט דאָס יידישע לעבן מיט ספעציעלע קאָנצעסיעס, קיניגליכע, פריצ׳ישע אָדער מוניציפאַלישע. דאָ האָט מען געהאַלטן די יידישע מאַסע אויסגעטיילט אין אַ לאַגע פון אַ באַזונדער קאַסטע, מחוץ פון אַלע שטאַנדן. אין די פוילישע פראָווינצן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד, האָט מען שוין געקאָנט מערקן סימנים פון אַ באַזונדער געזעצגעבונג צו באַגרעניצן יידישע רעכט.

ב. די עקאָנאָמישע לאַגע האָט געשטימט מיט דער בירגערליכער. הערשער, הערשנדיגע קלאַסן, מאַגיסטראַטן, צעכן און גילדיעס האָבן פאַרטריבן יידן אין אַ שטייג פון געציילטע פראָפעסיעס. אין מערב־אייראָפּע האָבן יידן געמעגט זיך באַשעפטיגן נאָר מיט קליינהאַנדל און מיט וואָכער, אפילו צו קיין מלאכה האָט מען זיי אָפטמאָלס ניט צוגעלאָזט. גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן און באַנקירן האָט מען געקאָנט טרעפן אין דרום־פראַנקרייך, אין האָלאַנד און אין ענגלאַנד; אין פרייסן און אין עסטרייך האָבן אַזוינע זיך אָנגעהויבן באַווייזן ערשט ענדע 18־טן יאָרהונדערט, וואו די „אויפגעקלערטע" מאָנאַרכן פרידריך דער II־טער און יוסף דער II־טער האָבן געשטיצט פאַבריק־אינדוסטריע, אָבער דאָס איז שוין געווען אַ שפּראָצל פון יידישער געלט־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך געהאַלטן מיט דער יידישער מאַסע פונדערווייטנס. אין מזרח־אייראָפּע האָבן זיך יידן באַשעפטיגט מייסטנס מיט מלאכה און האַנדל, מיט אַרענדירן פאַרשיידענע צווייגן לאַנדווירטשאַפט ביי פריצים, דערהויפט האָבן יידן אַרענדירט די „פראָפינאַציע", ד.ה. דאָס רעכט צו האַלטן שענקען אין שטעט און דערפער. די יידישע אָרימע מאַסע, פאַרטריבן ערגעץ אויף דעם הינטער־הויף אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט, אומזיכער מיט די נישטיגע, צופעליגע פאַרדינסטן, האָט אויסגעזעהן אין עקאָנאָמישן פרט ביי דער וועלט ווי אַ מחנה פאַרשטויסענע. אַזוינע מוז־פרנסות, ווי וואָכער אין מערב־אייראָפּע און שענקעריי אין די מזרח־לענדער, האָבן נאָך שאַרפער געמאַכט די דערנידערונג און האָבן געריצט דאָס האַס־געפיל צו די שטיפקינדער פון פאָטערלאַנד.

ג. נאַציאָנאַל איז די יידישע מאַסע געווען ביזן יאָר 1789 אין יעדער לאַנד אַן אָפגעזונדערטער קאָלעקטיוו מיט אַן אייגענעם שטייגער קהלה־לעבן און גייסטיגקייט. די מלוכה האָט זיך גערעכנט מיטן יידישן אייגענעם שטייגער לעבן און האָט סאַנקציאָנירט די קהלה־אויטאָנאָמיע. אין היסטאָרישן פראָצעס האָט זיך דאָס נאַציאָנאַלע אייגנס ביי דער יידישער מאַסע אַזוי איבער־

געפלאָכטן מיט דער רעליגיעזער טראַדיציע, אַז פון אַ זייט האָט דאָס געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק, אַז די יידישע געשלאָסנקייט האַלט זיך נאָר אויף דער רעליגיע, אויף אמונה און מנהגים. דערפון נעמען זיך די פאַרשיידענע קוקן אויף יידן ביי דער אַרומיגער געזעלשאַפט: איין צד האָט געהאַלטן יידן פאַר אַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן טיפּ, וואָס לעבט מיט דער האָפנונג אויפריכטן זיין מלוכה־לעבן אין אַ קינפטיגער משיח־מלוכה; דער אַנדערער צד האַלט יידן בלויז פאַר אַ רעליגיעזער געמיינשאַפט אָדער פאַר אַ סעקטע, וואָס איז אָדער קאָן זיין מיט דער צייט אַ גליד פון די אַרומיגע נאַציעס. זינט דער צווייטער העלפט 18־טן יאָרהונדערט, זינט דער „אויפקלערער־תקופה" אָן, זעהען מיר צו די דאָזיגע פאַרשיידענע מיינונגען ביי יידן גופא. דער אַלטער פונדאַמענט פון דער יידישער קהלה־אויטאָנאָמיע הויבט זיך אָן צו וואַקלען, אין מערב־אייראָפּע קומט עס פאַר איבער די קלעפּ פון דעם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם", וואָס האַלט יידישע אָפּגעזונדערטקייט פאַר אַ פאַרברעך, אין מזרח־אייראָפּע קומט דאָס דערפון, וואָס דער יידישער צענטער אין פוילן ווערט צעפאַלן, צעפּיצלט צווישן פּרייסן, עסטרייך און רוסלאַנד.

ד. אין פּרט פון גייסטיגער קולטור זעהען מיר אין יענער תקופה דאָס ערשטע מאָל אַ שפּאַלטונג צווישן צוויי העגעמאָנישע צענטערן פונם אַלטן יידנטום, צווישן דייטשלאַנד און פוילן. אין פוילן, וואו די אַלטע יידישע קולטור קאָן זיך שוין גענוג ניט שפּייזן פונם רבנות, זעהען מיר, ווי דאָס אויפגעקומענע חסידות שפּייזט זי און פאַרשטאַרקט אירע פּאָזיציעס; אין דייטשלאַנד אָבער שטייט אויף אַקעגן דער אַלטער קולטור די „אויפקלערונג" פון מענדעלסאָנס צייט. די מעסיגע עלעמענטן פון דער אויפקלערער־באַוועגונג ווילן באַנייען די יידישע קולטור, די עקסטע עלעמענטן ווילן זי צעשטערן. די רעזולטאַטן פון ביידע באַמיהונגען באַווייזן זיך ערשט נאָך דעם יאָר 1789.

בכן זעהען מיר, ווי די לעצטע צייט פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז די אַלטע אָרדנונג נאָך שטאַרק אין בירגערליכן און אין עקאָנאָמישן לעבן, נאָר אין נאַציאָנאַל־קולטורעלן פּרט הויבט זיך אָן אַ איבערבראָך. מיר וועלן זיך איצט צוקוקן, ווי דער אַלטער רעזשים האָט אויסגעזעהן אין יעדער לאַנד באַזונדער.

§ 2. דייטשלאַנד.

אַ בילד פון יידישער רעכטלאָזיגקייט בכלל אין צעברעקלטן דייטשלאַנד און אין שכנות'דיגן פראַנצויזישן עלזאַס געפינען מיר ביי קריסטיאַן־ווילהעלם דאָהם אין זיין בוך: „איבער די בירגערליכע פאַרבעסערונג דער יודען" (בערלין, 1781). דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פּרייסישן „טשינאָווניק" אַ פּובליציסט, וואָס האָט

געפאָדערט מעסיגע רעפאָרמעס פאַר יידן צוליב מלוכה־אינטערעסן. דעריבער האָבן מיר אין זיינע רייד כמעט אָפיציעלן מאַטעריאַל. ער שרייבט אַזוי:

„ס׳זיינען פאַראַן מלוכות, וואו יידן טאָרן בכלל ניט וואוינען, נאָר רייזנדער מעגן זיך דאָ אָפּשטעלן פאַר אַ געוויס געצאָלט, אָפטמאָלס ניט מער ווי אויף איין נאַכט, אונטערן שוץ פון דער אָרטיגער מאַכט. אין אַלע איבעריגע מלוכות לאָזט מען געוויינליך אריין יידן אונטער די שווערסטע תנאים, און דאָס אויך ניט אַלס בירגער, נאָר אַלס „גערולדעטע״. מייסטנס לאָזט מען יידישע משפחות זיך באַזעצן אין אַ לאַנד ניט מער ווי אַ געוויסע צאָל, נאָר אויך די לאָזט מען וואוינען ניט אַנדערש, ווי אין געוויסע ראַיאָנען, און פאַר אַ גרויס געצאָלט. אַז אַ ייד האָט עטליכע זין, קאָן ער איבערגעבן זיין רעכט צו וואוינען אין לאַנד, וואו זיי זיינען געבוירן, נאָר איינעם, די איבעריגע זין מוז ער אָפּשיקן אין אַנדערע לענדער זיך מאַטערן דאָרט; ממילא מוז ער צעברעקלען זיין פאַרמעגן. טאָמער האָט ער טעכטער, איז דאָס אַ מזל־זאַך, צי וועט אים געראָטן זיי חתונה מאַכן צווישן די געציילטע משפחות יידן, וואָס וואוינען אין לאַנד. דערפון זעהט מען, אַז אַ יידן אַ פאַמיליע־מענשן טרעפט זעלטן דאָס גליק צו לעבן מיט זיינע קינדער אינאיינעם און פאַרזאָרגן זיכער זיין געזינט. אפילו דער רייכסטער מוז צעברעקלען זיין פאַרמעגן, ווייל ער מוז זיך שיידן מיט זיינע קינדער און אויסטיילן זיי געוויסע חלקים, זיי זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן אין אַנדערע לענדער. אַז אַ ייד באַקומט שוין דאָס רעכט צו וואוינען אין לאַנד, מוז ער דאָס אַלע יאָר קויפן פון דאָס ניי פאַר היפּשן אָפּצאָל. ער טאָר ניט חתונה האָבן אָהן אַ ספּעציעלער ערלויבעניש, וואָס ניט יעדער קאָן דאָס באַקומען; פאַרשטייט זיך, אַז דערפאַר דאַרף ער ווידער צאָלן; קומט אים צו אַ קינד, וואַקסט אויף אים דער באַרג שטייערן . . . וויפיל אַ ייד זאָל ניט צאָלן פאַר פאַרשיידענע רעכט, זיינען זיינע פרנסות באַגרעניצט ביז גאָר. ער טאָר ניט געניסן דעם כבוד צו דינען דער מלוכה ניט אויפן פרידליכן און ניט אויפן מיליטערישן געביט. די וויכטיגסטע פּראָדוקטיווע באַשעפטיגונג — ערדאַרבעט איז אים פאַרבאָטן, און כמעט אין ערגעץ איז אים ניט ערלויבט צו פאַרווערבן גיטער. אַ צעך בעלי־מלאכות וואָלט געהאַלטן פאַר אַן אום׳כבוד פאַר זיך, ווען אַ ייד זאָל ווערן ביי אים אַ גליד, און דערפאַר טאַקע ווערן יידן באַזייטיגט פון מלאכה און פון מעכאַנישע פּראָפעסיעס. נאָר אַ קליינער טייל צווישן זיי, גאָר די פעהיגסטע, האָבן באַוויזן מוט און טאַלענט גובר צו זיין די אַלע רדיפות און דערגיין ביז העכערע מדרגות אין וויסנשאַפט און קונסט, אָבער פון אַלע קענטעניש מעג אַ ייד זיך שפּייזן נאָר פון מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט און מעדיצין. אפילו די געציילטע יידן, וואָס האָבן דערלאַנגט גאָר אַ הויכע מדרגה אין וויסנשאַפט און אין קונסט און וואָס מיט זייער אָרנטליך לעבן זיינען זיי אַ כבוד פאַר דעם כלל מענשן, אפילו די ווייסט מען אויך צו שעצן נאָר אין אַ הייפל איידעלע געבילדעטע לייט; די מאַסע פון פאָלק אָבער קאָן זיי ניט

מוחל זיין די שולד, וואָס זיי שטאַמען פֿון יידן. קיין שום טאַלענטן און מעלות העלפֿן ניט. און דער אומגליקליכער ייד, וואָס קיין פּאַטערלאַנד לאָזט מען אים נישט האָבֿן, וואָס מ׳שטערט אים אַרבּעטן, וואָס מ׳לאָזט אים ניט אַנטוויקלען זיינע פֿעהיגקייטן, האָט קיין אַנדער ברירה ניט, ווי נעמען זיך צום האַנדל. אָבֿער אין דעם האַנדל גופא האָט ער אויסצושטיין גזרות און איבּערטראָגן אַ באַרג שטייערן. בכלל זיינען פֿאַראַן זעהר ווינציג יידן, וואָס פֿאַרמאָגן גענוג קאַפּיטאַל צו גרינדן אַ גרעסער געשעפֿט. דער רוב יידן זיינען דעריבּער געשטעלט אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי מוזן זיך באַשעפֿטיגן מיט קליינקרעמעריי אָדער זיי מוזן אָפּגעבֿן זייער געלט אויף פּראָצענט, וואָרום אַנדערש קאָנען זיי פֿון דעם קיין נוץ ניט ציהען״ . . .

דאָס איז געווען דער כּלל רעפּרעסיווע פּאָליטיק קעגן יידן אין אַלע גרעסערע און קלענערע מלוכות אין דעם צעבּרעקלטן דייטשלאַנד, פּרטים האָט יעדער לאַנד אויפֿגעטאָן פֿאַר זיך, אָבֿער שטרענג אָפּגעהיט דעם כּלל. שווערער פֿאַר אַלץ האָט זיך די דאָזיגע פּאָליטיק געלאָזט פֿילן אין דעם רעכט פֿון פֿאַרקער. דריי הונדערט מלוכות און מלוכה׳לאַך אין דייטשלאַנד, דריי הונדערט שטיינן, האָבֿן געמאַכט נעצן בּיי זייערע גרעניצן אַריינצוכאַפּן די געיאָגטע חיה, דעם יידן. איז אַ ייד איבּערגעפֿאָרן פֿון איין מלוכה אין דער צווייטער, אָפֿט אפילו פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער אין דער זעלבּער מלוכה, אַזוי האָט ער געמוזט בּיי דער גרעניץ אויפֿן נייעם אָרט צאָלן דעמזעלבּן קאָפּ־שטייער, וואָס איז געווען איינגעפֿירט פֿאַר פֿרעמד פֿיה. דאָס איז דער שענדליכער „לייבּ־צאָל״ אָדער „געלייט־צאָל״, „יודען־געלייט״ אָדער בּכלל דורכפֿאָר־צאָל, וואָס האָט אַ יידן אַ דורכפֿאָרער געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט בּיי די טויערן און בּיים שלאַגבּוים פֿון אַסך דייטשע שטעט. פֿון דעם דאָזיגן שטייער האָט מען פֿריי געלאָזט נאָר פּריווילעגירטע „שוץ־יודען״ אָדער „פֿערגלייטעטע יודען״ אויף דעם שטח פֿון דער מלוכה, וואָס האָט זיי די פּריווילעגיע געשענקט, אָבֿער בּזיונות פֿון קאָנטראָל האָט אין אַזאַ פֿאַל אויך ניט געפֿעלט. ווי נאָר אַזאַ „פּריווילעגירטער״ ייד האָט זיך אַ ריר געטאָן צו אַ פֿלעק ערד פֿון אַן אַנדער פֿירשט, האָט ער שוין דאָ אויך געמוזט צאָלן דעם לייבּ־צאָל. ווען מענדעלסאָן, שוין דאַמאָלס פֿאַר׳שמ׳ט אַלס שריפֿטשטעלער, איז אין יאָר 1776 געקומען קיין דרעזדען, די הויפּטשטאָט פֿון זאַקסן, האָט מען אים בּיי דער גרעניץ פֿאַרהאַלטן, און מ׳האָט אים געהייסן בּאַצאָלן לייבּ־צאָל לויט דער טאַקסע, וואָס מ׳נעמט פֿון „אַ פּוילישן אָקס״, ווי דער בּאַליידיגטער בּערלינער פֿילאָזאָף האָט זיך נאָכדעם אויסגעדריקט מיט אַ בּיטערן שפּאָס.

אין זאַקסן, אין דער „פּראָטעסטאַנטישער שפּאַניע״, האָבֿן יידן, לויט דער „יודען־אָרדנונג״ פֿון יאָר 1746, געמעגט וואוינען נאָר אַ קליינע צאָל און מיט זעהר בּיטערע תּנאים. אין דרעזדען האָבֿן זיי ניט געטאָרט האָבֿן קיין שול אויף צו דאַווענען בּצבּור, זיי האָבֿן ניט געטאָרט פֿאַרווערבֿן קיין הייזער, ניט געטאָרט

באַשעפטיגן זיך מיט מלאכה און האַנדל חוץ אויסבייטן געלט און טענדלען מיט אַלטוואַרג. שפּעטער (די יאָרן 1767, 1772—73) האָט מען זיי באַהאַנדלט נאָך שטרענגער. פּאָליציי האָט געקוקט, אַז אין די הייזער ביי „טאָלערירטע״ יידן זאָלן זיך ניט אויסבאַהאַלטן קיין פרעמדע יידן, וואָס האָבן דאָ קיין וואוינרעכט ניט. דער שטייער פאַר וואוינרעכט („שוץ־געלט״) איז אויסגעוואַקסן ביז 70 טאָלער אַ יאָר פון יעדן יידן אַ בעל־הבית, 30 טאָלער פאַר זיין ווייב, צו 5 טאָלער פאַר אַ קינד. פאַר אַ חתונה־האָבן האָט מען באַדאַרפט אָפּצאָלן 40 טאָלער. אַסך געזינטן, וואָס האָבן ניט געקאָנט אויסשטיין אַזוינע שטייערן, האָט מען געהאַלטן ביי אַרויסשיקן פון דאָרט; מענדעלסאָן האָט זיך דאָ אַריינגעלייגט און האָט אָפּגעראַטעוועט הונדערטער אומגליקליכע נפשות (1777).

דאָס קאַטוילישע ביי ערן האָט קאָנקורירט מיט דעם פאָטערלאַנד פון פּראָטעסטאַנטיזם. דאָ האָבן יידן געמעגט וואוינען אין זייערע געטאָס ניט מער ווי אין עטליכע שטעט (פיורט אָדער פיורדאַ, אַנסבאַך א.אַ.), אין אַסך שטעט האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזט, סיידן אויף נאָר אַ קורצער צייט צוליב האַנדלס־צוועק, און די פּאָליציי האָט אויף זיי דאַמאָלס השגחה געהאַט אַזוי ווי אויף אַרעסטאַנטן („לעבעדיגעס געלייט״ אין ניורנבערג). אומעטום איז זיי זעהר שווער אָנגעקומען אַ פּאַטענט אפילו אויף קליינהאַנדל, נאָר אין פיורט אַליין האָבן יידן באַוויזן צו מאַכן גרויסע מסחרים.

דערהויפּט האָט דער מיטלאַלטערישער געטאָ־רעזשים געבליהט אין דער פרייער רייכסשטאָט, פראַנקפורט אַם מיין, דעם אָרט פון דער גרעסטער יידישער קהלה אין דייטשלאַנד. די בירגערישע אָליגאַרכיע, וואָס האָט געפירט די שטאָט, אָנגעזאַפּט מיט קרעמער־גייסט און מיט לוטעראַנישער אומטאָלעראַנץ (דאָרט זיינען אפילו קאַטוילן געווען באַגרעניצט אין רעכט), האָט פאַרשפּאַרט יידן אין דער פינסטערסטער שטייג. פראַנקפורטער געטאָ אָדער די „יידנגאַס״ האָט ניט אומזיסט געהאַט אַ שם פון אַ „צווייטן מצרים״. אין אַ שרעקליכער ענגשאַפט האָבן זיך דאָרטן געשטיקט ביז 500 יידישע פאַמיליעס, צווישן זיי אַסך פאַרמעגליכע און געבילדעטע לייט אויך. פון יענער זייט געטאָ האָט קיין ייד ניט געטאָרט וואוינען. אין שטאָט אַריין האָט ער געמעגט גיין נאָר ביי טאָג, זונטאָג—אפילו ביי טאָג אויך ניט; אויף ביינאַכט פלעגט מען פאַרשפּאַרן די געטאָ־טויערן, און אַ פּאָליציי־וואַך האָט געהיט, אַ ייד זאָל ניט אַרויסשמעקן פון דאָרט, סיידן אין אַ נויטפאַל. אין יאָר 1786 איז דאָ אין אַזאַ קנעכט־הויז געבוירן געוואָרן לודוויג בערנע (לייב ברוך), דער קינפטיגער שטרייטער פאַר דייטשלאַנדס פרייהייט. ער האָט באַשריבן זיינע קינדער־איינדרוקן פון דעם פראַנקפורטער געטאָ מיט אַזוינע סאַרקאַסטישע ווערטער: „יידן האָבן געוואוינט אין אַ ענגער גאַס, און דער דאָזיגער פלעק ערד איז געווען אַזוי געדיכט באַזעצט, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס ניט . . . וועגן קיין אַנדערן האָבן די הערשער ניט אַזוי ציטעריג געזאָרגט, ווי וועגן דעם יידן. זונטאָג האָט מען יידן

ניט געלאָזט זיך באַווייזן פון זייער גאַס אַרויס, שכּורים זאָלן זיי ניט באַפאַלן. ביז 25 יאָר האָט מען זיי ניט געלאָזט חתונה האָבן, געווים מיט דעם מיין, זיי זאָלן האָבן אַ שטאַרקן, געזונטן דור. אין די הגאות האָבן זיי געמעגט אַרויסגיין פאַר דעם טויער ערשט זעקס אַזייגער אין אָוונט, דאָס איז מען אויסן געווען זיי צו פאַרהיטן, די זון זאָל זיי ניט ברענען. די שפּאַציר-פּלעץ הינטער דער שטאָט זיינען געווען ניט פאַר זיי, זיי האָט מען געהייסן שפּאַצירן אין פעלד, זיי זאָלן ליב באַקומען לאַנדווירטשאַפט. גייט אַ ייד, און אַ קריסט שרייט אים אַקעגן: „מאַך מאָרעס, יוד" (דרך ארץ, ייד!), מוז דער ייד אַראָפּנעמען די היטל: אַזאַ העפליכקייט זאָל פאַרשטאַרקן די ליבשאַפט צווישן צוויי רעליגיעזע גרופּעס. אויף איינינע גאַסן האָט זיך אַ ייד ניט געטאָרט ווייזן, מסתמא זיינען זיי געווען שלעכט באַקירט". די געטאָ-מענשן האָבן זיך ניט געטאָרט ווייזן אין גאַס אין שטאָט בעת רעליגיעזע פּראָצעסיעס און פייערליכקייטן. אין זעלטענע פאַלן האָט מען אַזוינס ערלויבט. אין יאָר 1790, דעם טאָג וואָס מ'האָט געקרוינט קייזער לעאָפּאָלד II, האָט מען עטליכע יידן געטאָן אַ חסד און זיי אַרויסגעגעבן פון דעם שטאָטראַט אַזוינע פּאַסיר-שיינען: „אַזוינעם און אַזוינעם... מעג מען אַרויסלאָזן פון דער יידנגאַס אין שטאָט אַריין דעם טאָג פון קרוינען, בתנאי, אַז ער זאָל קוקן אויף דער צערעמאָניע פון אַ פענסטער אָדער אַ באַלקאָן, אָבער באין אופן ניט אין גאַס"... אין פראַנקפורט האָט ניט געטאָרט זיין מער פאַר 12 חתונות אַ יאָר צווישן 500 יידישע געזינטן.

די רעגירער פון די דייטשע מלוכות האָבן ניט באַהאַלטן די מאָטיוון פון זייער פרעה-פּאָליטיק, וואָס איז אויסן געווען, יידן זאָלן זיך ניט מערן. דער מעקלענבורגער הערצאָג פרידריך-פראַנץ דער I-טער, וואָס האָט געקלונגען פאַר אַ „ליבעראַל", האָט באַפוילן, מ'זאָל אויפהערן געבן יידן „שוץ-בריף" (אויף וואוינרעכט) מער פאַר אַ געוויסער צאָל, „אַזוי לאַנג, ביז אַ טייל פריהערדיגע שוץ-יידן וועט ניט אויסשטאַרבן, און די איבעריגע וועלן דורכדעם באַקומען די מיגליכקייט דורכצולעבן". דערוואַקסענע זין האָבן ניט געטאָרט בלייבן אין לאַנד אויף דעם זכות פון זייערע עלטערנס וואוינרעכט, סיידן זיי האָבן געקאָנט באַווייזן, אַז זיי פאַרמאָגן אייגענעם קאַפּיטאַל אָדער זיי האָבן אַ זיכער פאַרדינסט. דער תּירוץ פאַר נאָרמירן די צאָל יידן אין לאַנד איז דאָ געווען כּלומר'שט די זאָרג, זיי זאָלן האָבן פון וואַנען צו לעבן, באמת אָבער האָבן די הערשער, די מאַגיסטראַטן, [די צעכן געטאָן וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט צו פאַרשטאָפּן פאַר יידן אַלע קוועלן פון חיונה און דערמיט געווינען אַ תּירוץ אויף אַרויסשיקן די „איבעריגע" יידן. די באַדענער רעגירונג דערקלערט, פאַרוואָס זי לאָזט ניט צו יידן צו צעך-מלאכות, אַזוי: „ביי זייערע פעהיגקייטן וואָלטן זיי (יידן) דערלאַנגט גרויסע מייסטער-שאַפט אין איינינע פאַכן און וואָלטן איבערגעצויגן די פאַרדינסטן צו זיך".

אין דער גרויסער יידישער קאָלאָניע אין דער אינדוסטריע-שטאָט האַמבורג האָט מען יידן עקאָנאָמיש געשטערט אויף טריט און שריט, אין גרונד איז מען דאָ אויך

אויסן נעווען צו באַזייטיגן יידישע קאָנקורענץ. אסך צוויינן אינדוסטריע און מלאכה זיינען יידן געווען פאַרווערט. יידישע קינדער, אפילו פון פאַרמעגליכע און געבילדעטע פאַמיליעס, האָט מען ניט צוגעלאָזט אין די שטאָט־שולן. איז אַ פרעמדער ייד נעקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער געמוזט ביים אַריינפאָר אָפּצאָלן אַ „געלייטס־גולדען" און אַ „שוץ־טאַלער" דערצו. יידן האָבן דאָ געמעגט וואוינען נאָר אין אַ געוויסן ראַיאָן, כאָטש שוין ניט אַזוי ענג, ווי אין פראַנקפורטער געטאָ.

§ 3. פרייסן.

אין קיין אַנדער מלוכה איז די רעגלאַמענטאַציע פון יידישער קנעכטשאַפט ניט געווען אַזוי מיאוס, ווי אין פרייסן צו דער „אויפקלער־צייט" פון פרידריך II, „דעם גרויסן", ווי מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן. דאָס גאַרע יידישע לעבן איז דאָ געווען אַרומגענומען מיט די אומדערבאַרמסטע פונקטן פון פרידריכס „יידן־רעגלאַמענט" (1750) אַזוי ווי מיט אייזערנע קייטן. דער דאָזיגער רעגלאַמענט, אַ מלוכה־אויפטו פון אַ קיניג אַ פריידענקער, וואָס האָט ניט געגלויבט אין קיין קירך־קאַנאָנען, איז לויט זיין אינעווייניגסטן געדאַנק ניט ווייט אַוועק פון די מיטלאַלטערישע קירך־געזעצן קעגן יידן.

לויט דעם רעגלאַמענט פון יאָר 1750 און די שפּעטערדיגע פירושים צו דעם, זיינען יידן אין קיניגרייך פרייסן איינגעטיילט אין צוויי הויפּט־קלאַסן: „שוץ־יודען" און „געדולדעטע יודען". „שוץ־יודען" זיינען ווידער איינגעטיילט אין דריי גרופּעס, לויט די רעכט, וואָס יעדער איינער ווערט געשענקט: 1) „גענעראַל־פּריווילעגירטע" האָבן לויט אַ קיניגליכער פּריווילעגיע געמעגט וואוינען און זיך באַשעפטיגן מיט פּראָפעסיעס, זיי און זייערע געזינטן, אומעטום, וואו יידן האָבן זיך געמעגט באַזעצן. 2) „געוויינליכע" („אָרדענטליכע שוץ־יודען") האָבן געלעבט אויפן סמך פון אַ „שוץ־בריף", אין וועלכן איז געווען פּינקטליך אויסגערעכנט, וואו זיי מעגן וואוינען, מיט וואָס זיי מעגן זיך באַשעפטיגן, ווער פון זייער געזינט געניסט דעם זכות. די געוויינליכע שוץ־יידן האָבן געקאָנט איבערגעבן זייער זכות נאָר איינעם פון זייערע קינדער; אַז צוויי, איז שוין מיט אַ באַזונ־דער השתדלות, בתנאי, אַז דער פאָטער פאַרמאָגט אַ היפּשן קאַפּיטאַל; די איבעריגע קינדער האָבן ניט געהאַט קיין זכות צו האַנדלען. 3) „אויסער־געוויינליכע" („אויסער־אָרדענטליכע שוץ־יודען") האָבן געהאַט דעם זכות צו וואוינען לעבנ־לאַנג אין אַ געוויסן אָרט און באַשעפטיגן זיך מיט איין געוויסער פּראָפעסיע; קינדער האָבן שוין דעם זכות ניט געגאָסן. צו דער גרופּע האָבן געהערט דאָק־טוירים, מאָלערס און אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס. צום קלאַס „געדולדעטע" האָבן געהערט: אָנגעשטעלטע אין די קהלות (רבנים, חזנים, שוחטים וכדומה), קינדער פון „געוויינליכע" שוץ־יידן, חוץ די ערשטע צוויי, אַלע קינדער פון „אויסער־

געוויינליכע״ שוק־יידן, הויז־דינער און דעסגלייכן. זיי איז פאַרווערט געווען אין פאַרשיידענע מדרגות צו באַשעפטיגן זיך מיט האַנדל און מיט מלאכות און חתונה האָבן צווישן זיך; דורך אַ שידוך האָבן זיי נאָר געקאָנט אַריין אין פאַמיליעם פון „פּריווילעגירטע״ יידן. אויף דורכפירן די דאָזיגע געזעצן האָט אכטונג געגעבן אַ „גענעראַל־דירעקטאָריום״, מיט באַאַמטע פון דעם אינערן־מיניסטעריום און פינאַנץ־מיניסטעריום, וואָס אין זיין רשות זיינען געווען די פרייסישע יידן.

אין יאָר 1787 האָבן דעפּוטאַטן פון יידישע קהלות דערלאַנגט דער פרייסישער רעגירונג אַ מעמאָראַנדום, וואו עס זיינען אויסגערעכנט אַלע גזרות און באַגרענעצן, וואָס פאַרוויסטן יידן דאָס לעבן אין פרייסן. די ספּעציעלע שטייערן זיינען געווען אומגעהייער. ערשטנס דאָס „שוץ־געלט״, וואָס האָט געמוזט צאָלן די גאַנצע „יידישע קאָלאָניע״ אין פרייסן מיט דער אחריות פון אַלעמען, איינער פאַרן אַנדערן; דאָס האָט אריינגעבראַכט דער קרוין 25.000 טאָלער אַ יאָר. ווייטער גייען: רעקרוט־שטייערן, „זילבער־שטייער״, זילבער־אַקציז („קיינער ווייסט ניט, פאַר וואָס קומט דער אַקציז״, שרייבן די דעפּוטאַטן), אַ שטייער פאַר באַשטעטיגן אַלע דריי יאָר די וואַלן פון קהלה־גבאים, פּיירלעשער־אָפּצאָל, פאַרשיידענע מינים „שטעמפּל־שטייערן״ און נאָך און נאָך. מערקווירדיג איז דער „חתונה־שטייער״ פאַר ערלויבן יידן חתונה האָבן. די צאָלער פון דעם חתונה־שטייער זיינען געווען איינגעטיילט אין עטליכע קאַטעגאָריעס, וואָס האָבן געצאָלט פון 20 ביז 80 טאָלער פאַר יעדער חופּה און חוץ דעם נאָך 14 טאָלער פאַר דעם חתונה־שיין („טרוי־שיין״). יונגער־לייט פאַר 25 יאָר, וואָס האָבן בדרך־כלל נאָך ניט געטאָרט חתונה האָבן, האָבן געצאָלט פאַר אַראָפּנעמען דעם פאַרבאָט איבעריגע 40 טאָלער, ביי חתונה־האָבן אַ צווייטן מאָל זיינען געווען נאָך צוגאָב־שטייערן. אומפאַרמעגליכע לייט האָבן איבער אַזוינע שטייערן ניט געקאָנט חתונה האָבן. נאָך מער האָט די מלוכה געריסן אָפּצאָלן פאַר דאָס, וואָס קומט אַרויס פון אַ חתונה: פאַר צושרייבן אַ קינד האָט די קרוין גענומען ביז 160 טאָלער. דעם געוויסן „לייב־צאָל״ אָדער „געלייט״ האָט מען געמאָנט ניט אַליין ביי פרעמדע, נאָר ביי היימישע יידן אויך, ביים איבערפאָרן פון איין פרייסישער פראָווינץ אין דער אַנדערער. „די באַנעמונג מיט די צאָל־צאָלער — זאָגן די יידישע דעפּוטאַטן — איז זעהר אַ שענדליכע, מ׳באַהאַנדלט יידן אַזוי ווי פיה״.

אין יאָר 1788 האָט דער געזעץ באַפרייט פרייסישע יידן פון דעם „לייב־צאָל״, געבליבן איז ער נאָר פאַר פרעמדע יידן; די שענדליכע צערעמאָניע אָבער פון „דורכלאָזן״ אַ יידן איז ניט געוואָרן אויס, וואָרום ביים שטאָט־פאַרשטעל האָט אַ ייד געמוזט דאָקומענטאַליש באַווייזן, אַז ער איז אַ פרייסישער בירגער, אַנדערש האָט ער קיין „דורכגאַנג״ ניט באַקומען אָהן צאָל. אָבער אפילו מיט אַזאַ דורכגאַנג האָט אַ ייד אין איינינע פראָווינצן (פאָר־פּאָמערן א. אַ.) ניט געטאָרט פאַרבלייבן מער פאַר 24 שעה.

דער קינצינגסטער אויפטו פון פרידריך II רעגירונג איז געווען דער געווי־

סער „פּאָרצעלײ־שטײער“, („פּאָרצעלאַן־עקספּאָרט“), וואָס איז אײנגעפירט געוואָרן פֿאַר פּרײסישע ײדן אין יאָר 1769: יעדער האָט געמוזט צו דער חתונה, אָדער בײ קױפֿן אַ הױז און בײ מאַכן אַנדערע ציוויל־אַקטן, קױפֿן פּאָרצעלײ בײ דער קיניגליכער פּאָרצעלײ־פֿאַבריק פֿאַר אַ געוויסער סומע (ביז 300 טאָלער) און דאָס פֿאַרקױפֿן קײן אױסלאַנד, זאָל זײן אפילו מיט היזק. פֿון אַזאַ מוז־פּראָטעזשירן דער לאַנד־פֿאַבריקאַציע האָבן פּרײסישע ײדן געהאַט היזק אין אײנע אַכט יאָר (1779—1787) 100.000 טאָלער אויף דעם אײנגעהאַנדלטן פּאָרצעלײ. ווער ס׳האָט ניט פֿאַרמאָגט צאָלן פֿאַר דער אָנגעוואָרפֿענער סחורה, האָט מען בײ אים איבער־געשריבן און פֿאַרקױפֿט דאָס הױז, און נאָך אַזאַ אױפֿמאָנען איז דאָך געבליבן אַ גרױסער חוב דער קרױן (אין יאָר 1786 האָט דער חוב אָנגעטראָפֿן 52.000 טאָלער). ערשט אין יאָר 1788 זײנען ײדישע קהלות פּטור געוואָרן פֿון דעם פּאָרצעלײ־שטײער, אָפּצאָלנדיג דער קרױן מיטאַמאָל אַ גרױס אױסקױף־געלט. דאָס בערלינער קיניגליכע פּאָרצעלײ האָט געהאַט אין לאַנד און אױסן אַ חוזק־נאָמען „ײדישע פּאָרצעלײ“.

וואָס זשע פֿאַר אַ רעכט האָט מען ײדן געגעבן פֿאַר די אַלע גרױסע קרבנות, וואָס זײ האָבן געבראַכט דער קרױן? ײדן האָט מען אין פּרײסן ניט צוגעלאָזט צו ערדאַרבעט, כאָטש פֿרײע אַקער־ערד איז דעמאָלט געווען גענוג; זײ האָבן ניט געטאָרט קױפֿן אָדער אַרענדירן ערד אויף צו פֿאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט, זײ האָבן אויך ניט געטאָרט האַלטן קײן גוראַלניעס און ביר־ברויזן. די צעכן, וואָס האָבן געבעל־הבית׳עוועט אין די שטעט, האָבן ניט צוגעלאָזט ײדן צו קײן מלאכה און ניט גענומען קײן ײדישע קינדער אויף דער לער. אפילו אין דער כשר־ײדישער בראַנזשע — אין האַנדל איז זײ אַסך פֿאַרווערט געווען: זײ האָבן ניט געטאָרט האַנדלען מיט שפּײז, ניט געטאָרט פּעדלען (הױזירן) אין די דערפֿער. אין אײניגע האַנדלס־שטעט (שטעטין, מאַגדעבורג, קאָלבערג, עלבינג) האָבן זײ ניט געטאָרט וואוינען אויך. אין ײדישן „תחום“ האָט די אַדמיניסטראַציע שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז ײדן זאָל ניט מער ווערן. אפילו „געוויינליכע“ שוץ־ײדן האָבן ניט געטאָרט צושרײבן צו זיך מער פֿאַר צוויי דערוואַקסענע קינדער, די איבעריגע האָבן געמוזט עמיגרירן. פֿאַמיליעס זײנען דורכדעם צעפֿאַלן און פֿאַראָרימט געוואָרן. האָט אַ ײד פֿאַרווערבט אַ פֿאַרמעגן, האָט ער געמוזט אױסטײלן אַ גרױסן טײל די אַרױסגעשיקטע קינדער, וואָס האָבן געזוכט ברױט אין דער פֿרעמד. אַ ײד האָט ניט געטאָרט האָבן די פֿרײד לעבן צוזאַמען מיט קינדער און קינדסקינדער, ער האָט זיך געמוזט שײדן מיט זײ און צעברעקלען זײן פֿאַרמעגן.

אין קעניגסבערג האָבן קריסטליכע סוחרים געפֿאָדערט, מ׳זאָל ײדישע געזינטן מער קײן פּריווילעגיעס אויף וואוינרעכט ניט געבן, ס׳זאָל ניט ווערן מער ײדן. צוויי ײדן, סוחרים אין ברעסלױ, איציג און אפרים, האָבן דערלאַנגט אַ ביט, מ׳זאָל שיצן זײערע האַנדלס־רעכט, דערויף האָט פֿרידריך II געמאַכט אַזאַ קורצע און שאַרפֿע רעזאָלוציע: „האַנדלס־רעכט — יאָ! אָבער דאָס וואָס איר ברענגט קײן

ברעסלוי גאַנצע מחנות יידן און איר ווילט מאַכן פון ברעסלוי ירושלים — דאָס וועט איר ניט אויספירן". דער קיניג האָט פרום אָפגעהיט אפילו קוריאָזן פון דער אַלטער „געזעצגעבונג" פאַר יידן. ס'איז געווען אַן אומגעלומפּערטער עדיקט, נאָך פון דעם יאָר 1737, אַז באַווייבטע יידן מוזן טראָגן בערד (מ'זאָל זיי דערקענען פון קריסטן); אויף דעם סמך האָט פרידריך אָפגעזאָגט איינעם אַ יידן, וואָס האָט געבעטן, מ'זאָל אים ערלויבן אָפגאָלן די באָרד.

ס'איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס דער באַרימטער מיראַבאָ, ווען ער איז געווען אין בערלין אין יאָר 1786 (דאָס יאָר פון פרידריך II טויט), האָט געזאָגט אויף אייניגע יענעמס „יידן־געזעצן" — אַז זיי „פּאַסן פאַר אַ קאַניבאַל".

§ 4. רעכטלאָזיגקייט און בילדונג.

די שענדליכקייט פון דער יידישער קנעכטשאַפט אין פּרייסן האָט זיך גאָר שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן דערהויפּט דאָס לעצטע פערטל פון 18־טן יאָרהונדערט; דאָס איז געווען אַ גוואַלדיגער קאָנטראַסט צו דעם גרויסן קולטור־אויפלעב ביי יידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פון מענדעלסאָנס צייט. מענדעלסאָן גופא, וואָס איז געווען באַרימט ווי אַ דייטשער שריפטשטעלער, דער מאָדעל פאַר „נאַטאַן דער וויזע", האָט פּאָליטיש געהערט צו דעם צווייטן סאָרט יידן אין פּרייסן, צו די „געדולדעטע יידן", און געלעבט האָט ער אין בערלין אויף „פּראָוועס" פון אַ בוכהאַלטער אין אַ פאַבריק. מאַרקיז ד'אַרזשאַן, פרידריך דעם II־טנס אַ מקורב און מענדעלסאָנס אַ גוטער פריינט, האָט זיך איינמאָל דערקונדיגט וועגן מענדעלסאָנס רעכטליכער לאַגע, האָט ער באַקומען אַזאַ ענטפער: ער ווערט „געדולדעט" (האָט וואוינרעכט), אַלס אַ מענש ביי בערנאַרדן, דעם פאַבריקאַנט. זאָל אים דער פאַבריקאַנט היינטיגן טאָג אָפּשאַפן און זאָל ער (מענדעלסאָן) ניט געפינען קיין אַנדער „שוץ־יידן", וואָס זאָל אים צונעמען אויף אַ שטעלע, אַזוי שיקט אים פּאָליציי תיכף אַרויס פונם לאַנד". דעם פילאָזאָף האָט מען „מוחל געווען", וואָס ער געהערט צו יידן. אַ אינטערעסאַנט לעבנס־בילד מאָלט איינער אַ בן־דור, ווי אַזוי מענדעלסאָן, וואָס איז געווען צו גאַסט אין קעניגסבערג, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן מיט קאַנטן (1777). מענדעלסאָן איז שטילערהייט געקומען אין דער אוידיטאָריע, וואו קאַנט האָט געזאָלט לייענען אַ לעקציע. „אַ קליין, האָרבאַטע מענשל מיט אַ שפּיציג בערדל איז, אויף קיינעם ניט קוקנדיג, אַריין אין דער אוידיטאָריע און האָט זיך געשטעלט ניט ווייט פון דער טיר. ווי געוויינליך, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שפּעטעריי, אַ פייפעריי, אַ טופּעריי; אָבער דער אומבאַקאַנטער האָט זיך, אויף אַלעמענס וואונדער, ניט ווייסנדיג געמאַכט, געבליבן שטייף אויף זיין אָרט, רוהיג און קאַלט ווי אייז. ער האָט אפילו גענומען אַ פּריי בענקל און זיך אַנידערגעזעצט,

געבֿנדיג דערמיט אָנצוהערן, אַז ער האָט בדעה זיך דערוואַרטן אויף דעם פּראָפעסאָר. מ׳איז צו אים צוגעגאַנגען, אָנגעהויבן מיט אים רעדן; ער האָט געענטפערט קורץ און העפליך: ער וויל דאָ אויסוואַרטן, כּדי זיך באַקענען מיט קאַנטן. דער ליאַרעם איז שטיל געוואָרן ערשט ווען קאַנט איז אַריין אין זאַל. זיין לעקציע האָט אַלעמען אָפּגעצויגן ווייט פון דאַנען, אַלע זיינען געווען אַזוי באַצויבערט, אַזוי פאַרטאָן אין אַ שטראָם נייע אידייען, אַז אָן דעם יידן האָט מען גאָר פאַרגעסן. פּלוצום, באַלד נאָך דער לעקציע, גיט זיך דער פרעמדער אַ וואָרף דורך דעם עולם, עפּעס ווי נאָר ניט דער געלאַסענער מענש, וואָס פריהער, און גייט צו צו דער קאַטעדר. ביי די סטודענטן האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן אַ שפּאָט־געלעכטער, אָבער באַלד איז פון דעם געוואָרן אַ שטומע איבעראַשונג: קאַנט האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם אומבאַקאַנטן, אויסגעהערט אַ פּאָר ווערטער, און באַלד האָט ער אים אָפּגעגעבן אַ האַרציגן שלום־עליכם און אַרומגענומען. דעם עולם האָט ווי אַ עלעקטרישער שטראָם דורכגענומען: „מאָזעס מענדעלסאָן! דער יידישער פילאָזאָף פון בערלין”. מיט דרך־ארץ האָבן די סטודענטן געמאַכט אַ וואַרע, ווען ביידע וועלטבאַרימטע חכמים האָבן פאַרלאָזט די אודיטאָריע, האַלטנדיג זיך ביי די הענט”.

די דייטשע געזעלשאַפט האָט פאַראַכט יידן בכלל. נאָר פּאַר יחידים איז געווען אַן אויסנאַם. אויף אַ טייל געזעלשאַפט האָט שטאַרק געווירקט דער געהויבענער הומאַניזם פון לעסינגס דראַמע „נאַטאַן דער ווייזע”, וואָס איז אַרוס אין יאָר 1779. אין די קרייזן איז שוין סתם אַ ייד ניט געווען נאָר אַ קליינקרעמער: מ׳האָט שוין אַמאָל דערשפּירט אינם יידן שפּראָצן פון אַ טיפער אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער קולטור. דאָהמס ווערק „ווענן פאַרבעסערן די יידישע בירגערליכע לאַגע” (1781), וואָס איז שוין דאָ ביי אונז דערמאָנט געוואָרן, האָט אויך איבער־צייגט אַסך דייטשן, אַז די רעכטליכע קנעכטשאַפט און די בירגערליכע דער־נידערונג — דאָס איז די אמת׳ע סיבה פון יידישער געפאַלנקייט און אָפּגעזונדערט־קייט. אין די העכערע קרייזן בערלינער געזעלשאַפט האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן מערקן אַ דערנעהענטונג צווישן קריסטן און יידן. דאָס איז שוין געווען ניט יענער צונויפקום פון דענקער און שרייבער, וואָס פלעגט פאָרקומען אין מענדעלסאָנס שטילער דירה אין קרייז פון לעסינג און ניקאָלאַי. אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן אויפקומען „דער בערלינער סאַלאָן”, דאָרט פלעגן זיך צונויפ־קומען קריסטליכע און יידישע אַריסטאָקראַטיע. די יידישע געלט־אַריסטאָקראַטיע איז געווען אַ ניי באַשעפעניש פונם דאַמאָלדיגן עקאָנאָמישן לעבן. די גרויסע יידישע מאַסע האָט פרידריך II געצוואונגען צו בלייבן שמאַכטן ביי זייערע קליינקרעמעריי, און אין דער איינענער צייט האָט ער פּראָטעזשירט יידישע גרויסקאַפּיטאַליסטן, פאַבריקאַנטן, באַנקירן. אַסך בערלינער, קעניגסבערגער, ברעסלויער יידן זיינען רייך געוואָרן פון צושטעלן פּראָוויאַנט בעת דעם זיבניאָריגן קריג. יידן מינץ־אַרענדאַרן („מינץ־יודען”) און באַנקירן האָבן באַקומען אַ ווירקונג אין

הויף, זיי האָבן אַסך געהאָלפן צו רעגולירן די קיניגליכע פינאַנצן. פאַר אַזוינע יידן איז דער אייזערנער „יידן־רעגלאַמענט", פאַרשטייט זיך, ניט געזאָגט געוואָרן; דער קיניג האָט זיי געגעבן „גענעראַל־פּריווילעגיעס גלייך מיט קריסטליכע סוחרים". אַזוי אַרום זיינען אויפגעקומען פּריווילעגירטע רייכע הייזער, די אפרים׳ס, די איציגס, די גומפּערצס און נאָך. די פּאַטערס זיינען געווען פּאַרטאָן אין די גרויסע געשעפטן, די פרויען און די קינדער האָבן אין די רייכנעפּוצטע הייזער געמאַכט „סאַלאָנען", נאָכגעמאַכט די בעסטע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען אין בערלין און געמיהט זיך אפילו איבערצויאָגן יענע אין לוקסוס און אין גע־שמאַק. די העכערע קריסטליכע געזעלשאַפט איז דאָ אין די יידישע סאַלאָנען געווען אָנגעלייגטע געסט. ס׳האָט געצויגן אַהין צוליב די שיינע געבילדעטע יידישע טעכטער, וואָס האָבן געגאַרט צו דער דייטשער אַריסטאָקראַטיע. פרײ־סישע אָפיצערן, הויכבאַאַמטע, דיפּלאָמאַטן פלעגן גערן אַריינגיין צו די בערלי־נער באַנקירן אפרים, כהן, מייער, איציג. דאָ האָבן זיך געשפּינען ראָמאַנען מיט יידישע טעכטער, וואָס פאַר אַ טיטל פון אַ דייטשן באַראָן אָדער פון אַ פּרייסישן יונקער זיינען זיי גרייט געווען גאָר אויסבייטן זייער יידישקייט. אַקעגן יאָר 1786 האָט זיך אין בערלין אָנגעהויבן לאָזן הערן אַ ליטעראַרישער אינטעליגענטי־שער סאַלאָן ביי העגריעטע הערץ אין הויז, אַ זעלטענער יידישער שיינקייט, דאָקטאָר מאַרקוס הערצס (מענדעלסאָנס תּלמיד) אַ פרוי. דאָס יאָר האָט זיך אין דעם סאַלאָן צופעליג באַוויזן גראַף מיראַבאָ, וואָס איז געקומען קיין בערלין מיט אַ דיפּלאָמאַטישער שליחות; ער איז געווען איבערראַשט פון דעם גלאַנץ. אָבער דער עכטער אויפבליה פון דעם סאַלאָן באַלאַנגט שוין די יאָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אַ אילוסטראַציע, ווי אַזוי די בערלינער געזעלשאַפט האָט זיך דעמאָלט פאַרהאַלטן צו יידן, זעהען מיר אין אַזאַ מעשה (דערציילט פון אַ בן־דור): אין אויגוסט 1788 האָט מען אין בערלינער נאַציאָנאַל־טעאַטער אויפגעפירט שעקספּירס דראַמע „קויפמאַן פון ווענעדיג" („שיילאָק"). אַרטיסט פלעק, וואָס האָט אויסגעצייכנט געשפּילט די ראָלע „שיילאָק", האָט ניט געוואָגט אַרויס־טרעטן אין דער ראָלע, ניט פאַרענטפערנדיג זיך פריהער פאַרן עולם, וואָס צווישן אים איז אַנב געווען אַסך יידן. האָט ער פאַר דעם ספּעקטאַקל אָפּדע־קלאַמירט ספּעציעל פאַר דעם פאַל אַ פּראָלאָג: „איצט הויבט שוין אָן דאָס קלוגע בערלין מער צו שעצן דעם חכם מענדעלסאָנס גלויבנס־גענאָסן. ביי דעם דאָזינן פאָלק, וואָס זיינע נביאים און ערשטע געזעצן שעצן מיר, זעהען מיר איצט מענער, גרויס אין וויסנשאַפטן און אין קונסטן. ווען מיר דען באַליידיגן און אָפּשפּעטן דאָס דאָזיגע פאָלק? ניין, דאָס ווילן מיר ניט. מיר מאָלן שלעכטע קריסטן אויך... אין „נאַטאַן דער ווייזע" שפּילן קריסטן די שלעכטע ראָלע. אין „קויפמאַן פון ווענעדיג" טוען עס יידן". דער „כראָניק־שרייבער" דערציילט אָבער, אַז ביים עולם האָט אַזאַ פיינקייט קענן יידן גאָר ניט אויס־

גענומען, שפּעטער האָט מען שוין דעם פּראָלאָג ניט געליייענט. ער זאָגט: „מ׳איז געווען אומצופרידן, און מ׳איז גערעכט געווען, וואָרום יידן ווילן האָבן פאַר זיך אַ פּריווילעגיע אין טעאַטער, בעת דאָרטן באַווייזט מען אַלע שטאַנדן, יעדער שטאַנד מיט זיינע מעלות און חסרונות״.

ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען יידן אין פּרייסן האָט אַ שיין געטאָן אַ האָפ־נונג, אַז זייער רעכטליכע לאַגע זאָל עטוואָס בעסער ווערן. דאָס איז געווען אין יאָר 1786, ווען פרידריך II, דער אויפטוער פונעם אכזריות׳דיגן „יידן־רעגלאַמענט״, איז געשטאָרבן און אויף זיין שטול האָט זיך געזעצט פרידריך־ווילהעלם II, אַ מאָנאַרך ניט אַזאַ דעספּאָט ווי יענער. אין דער ערשטער זיסער וואָך פון זיין פירונג האָט ער איבערגעגעבן דעם גענעראַל־דירעקטאָריום זיין ווילן: „אַז מ׳זאָל ווי ווייט מיגליך גרינגער מאַכן די לאַגע פון דער דאָזיגער גע־פלאָנטער נאַציע״ (יידן). דערפרייט פון דעם קיניגס אַ גוט וואָרט, האָבן זיך די פירער פון דער בערלינער יידישער קהלה געווענדט צו אים מיט אַ ביטע, „מיט גרויס ערפורכט און קינדערשן צוטרוי״ (דעם 6 פעברואַר 1787). זיי האָבן אָפּגעמאָלט די אומגליקליכע לאַגע פון פּרייסישע יידן, וואָס „קרעכצן ביטער אונטער דער לאַסט פון שווערע שטייערן און פון נאָך מער דערנידע־רונג״. „ביידע זאַכן, שרייבן זיי אין דער ביטע, האָבן דערנידערט אונזער נאַציע און האָבן אונז געשטערט צו דערלאַנגען ווייטער אין בילדונג, אין גרויס־אינדוסטריע און אין אַלצדינג, וואָס ברענגט צו וואוילשטאַנד... אונזער קאָלאָניע איז דערווייטערט פון אַלע קוועלן חיונה, פון מלאכה, ערדאַרבעט, פון יעדער מלוכה־אַמט. איר בלייבט נאָר איין זאַך: האַנדל, אָבער האַנדלען לאָזט מען אונז אויך ניט פריי״. דער מלוכה לוינט אויך בעסער — רעדט זיך ווייטער — אַז „אַ היפּשע קאָלאָניע, וואָס איז אַזוי דערנידערט, זאָל בעסער באַהאַנדלט ווערן, ממילא וועט זי געבן ניצליכע אונטערטאַנען״. בערלינער קהלה־לייט האָבן בהכנעה געבעטן, דער קיניג זאָל הייסן מאַכן אַ קאָמיסיע, די קאָמיסיע זאָל צו־זאַמען מיט דעלעגאַטן פון יידישע קהלות באַטראַכטן די איצטיגע געזעצגעבונג וועגן יידן און זאָל אויסאַרבעטן אַ פּראָעקט צו פאַרבעסערן זייער בירגערליכע לאַגע.

דער קיניג האָט באַוויליגט די ביט און האָט אַזאַ באַפעל געגעבן דעם גענעראַל־דירעקטאָריום. דאָס דירעקטאָריום האָט באַלד באַפוילן יידישע קהלות, זיי זאָלן אויסקלייבן דעפּוטאַטן, און יענע זאָלן צושטעלן דער קאָמיסיע „די פאַרלאַנגען פון דעם גאָרן יידנטום״. ביים גענעראַל־דירעקטאָריום איז געוואָרן „אַ קיניגליכע קאָמיסיע צו רעפאָרמירן דעם יידישן שטייגער״. דעם 17 מאַי 1787 האָבן „דעפּוטאַטן פון אַלע יידישע קאָלאָניעס אין דער מלוכה פּרייסן״ דערלאַנגט דער קאָמיסיע אַ היפּשן מעמאָראַנדום. אין דעם מעמאָראַנדום ווערן אויסגערעכנט אַלע רעכט־באַגרעניצן פאַר יידן, און ווייטער בעטן די דעפּוטאַטן, אַז ביים אויסאַרבעטן אַ רעפאָרם־פּראָעקט זאָל מען זיך ניט האַלטן ביים שטרענגן „יידן־

רעגלאַמענט" פון יאָר 1750, נאָר מ'זאָל צוזאַמען מיט יידישע דעפוטאַטן אויס־
אַרבעטן אַ רעפאָרם־פּלאַן „אויפן גרונד פון טאָלעראַנץ און מענשליכקייט".

דער נאָהענטער פועל־יוצא פון אַלע השתדלות'ן איז געווען צוויי הנחות
אין שטייערן: אין יאָר 1787 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער שענדליכער „לייב־צאָל"
פאַר פּרייסישע יידן, און דאָס יאָר 1788 זיינען יידן פּטור געוואָרן פון דער
קלאָגעדיגער קאָמעדיע מיט דעם „פּאָרצעליי־שטייער". אין דער עצם סיסטעם
אָבער פון יידישער קנעכטשאַפט איז גאָר ניט געענדערט געוואָרן. די קאָמיסיע
טשינאָווניקעס, וואָס דער קיניג האָט באַשטימט, האָט באַקומען פון דעם גענע־
ראַל־דירעקטאָריום אַ אינסטרוקציע, אָנגעזאַפּט מיט דעם אַלטן גייסט פון יידנ־
פרעסעריי און קאַזאַרמע־שטייגער (דעם 10־טן דעצעמבער 1787). אין דער אינ־
סטרוקציע האָט מען דער קאָמיסיע געגעבן אַזוינע אָנווייזן: „דאָס פאַרבעסערן
די יידישע לאַגע דאַרף זיין פּונקט אָפּגעוואויגן לויט זייער ניצליכקייט פאַר
דער מלוכה", מ'דאַרף פאַרגרינגערן די באַגרעניצן אין האַנדל, וואָרום די נויט
ברענגט יידן צו אומגעזעצליכער געשעפט־מאַכעריי, ווידער אָבער פאַרברייטערן
יידישע רעכט, איידער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער אָפּגעזונדערטקייט,
— קאָן נאָך דער מלוכה מער שאָדן ברענגען. דער אויספיר איז, אַז מ'דאַרף זעהר
געהיט מעסטן און וואויגן יעדן פאָרשלאָג וועגן רעפאָרמירן דעם יידישן שטיי־
גער. פאַרגרעסערן יידן זייערע רעכט קאָן מען נאָר שטרענג בהדרגה'דיג, „ביז
די קינדער און קינדסקינדער פון די איצטיגע יידן וועלן לייטיש ווערן גאָר
אָדער טיילווייז, דער מלוכה צו־וואויל און זיך אַליין". נאָך אַזאַ אינסטרוקציע
האָט מען אויף קיין גרויסע ישועות פון דער קאָמיסיע ניט געקאָנט אַרויסקוקן.
און אַזוי איז געווען: צוויי יאָר האָט זיך די קאָמיסיע גע'ישוב'ט און לסוף האָט
זי צונעשטעלט אַזאַ „רעפאָרם"־פּראָעקט, אַז די הכנעה'דיגע יידישע דעפוטאַטן
אפילו זיינען געוואָרן אויסער זיך און געמאָלדן, אַז בעסער איז שוין בלייבן
ביים אַלטן רעגלאַמענט. דער דאָזיגער קלאָגעדיגער פּרוב „עמאַנסיפּאַציע" האָט
געטראָפן פּונקט דאָס יאָר פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

§ 5. עסטרייך.

ווי ווייט דער אויפגעקלערטער אַבסאָלוטיזם איז אומפעהיג געווען צו
פאַרענטפערן די יידנפראַגע, האָט זיך גאָר קלאָר באַוויזן אין עסטרייך, אין דעם
גרעסטן צענטר פונם מזרח־יידנטום, אין די 80־ער יאָרן פונם 18־טן יאָר־
הונדערט*). דער קאַטוילישער קייזער פון עסטרייך יוסף II האָט געוויס

*) לויט דעם פאַלקסצייל פון יאָר 1785 האָט זיך אין עסטרייך גערעכנט 281.873 יידן
אויף 10.740.750 כלל־באַפעלקערונג. זיי זיינען איינגעטיילט אומגלייך אין פאַרשיידענע פראַווינצן:
אין בעהמען — 42.129 יידן, אין מעהרן און אין שלעזיע — 26.665, אין גאַליציע — 212.002,

פאַרמאָגט מער טאָלעראַנץ צו יידן, איידער פרידריך II, דער „שלעכטער פראָטעסטאַנט". די פּראַקטישע פּאָליטיק בנוגע יידן אין איינצלנע פּרטים איז דעריבער פאַרשיידן געווען ביי די ביידע מאָנאַרכן. אָבער דער קוק בכלל אויף יידן און אויף זייער פּלאַץ אין דער מלוכה איז ביי ביידע געווען איינער. אויב מיר זעהען, אַז דער פּרייסישער קיניג האָט פאַר'עקשנ'ט געהאַלטן יידן אויף אַ קייט און דער עסטרייכישער קייזער האָט זיי מבטיח געווען טאָלע־ראַנץ, בתנאי, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער נאַציאָנאַלן אייגנס, נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס איינער האָט געהאַלטן יידן פאַר פאַרפאַלענע — מ'וועט זיי ניט איבערמאַכן, און דער צווייטער האָט נאָך געמיינט, אַז „ס'לאָזט זיך זיי מאַכן ניצליך פאַר דער מלוכה". אָבער די עסטרייכישע סיסטעם איבערמאַכן יידן איז פאַר זיי ניט בעסער געווען, איידער די פּרייסישע פאַרשימלטע יידנ־פרעסעריי. יוסף II האָט מיט זיינע רעפאָרמעס מיט איין האַנט מער אָפּגענומען, ווי מיט דער צווייטער האַנט געגעבן. די שלעכטע זייטן פון זיין רעזשים האָבן זיך נאָך מער געלאָזט פילן איבער דעם, וואָס דערפון האָבן געהאַט צו ליידן גרויסע געפאַקטע מאַסן יידן אין אַזוינע פּראָווינצן, ווי בעהמען, מעהרן און נאָר־וואָס אָפּגעטיילטע פון פּוילן גאַליציע.

„אויב יוסף II, זאָגט איין היסטאָריקער, האָט געגעבן פאַר יידן דעם „טאָלעראַנץ־עדיקט" (1782), האָט ער דאָס געטאָן ניט פון מענשליכקייט וועגן, נאָר מיט דעם מיין איבערצומאַכן יידן פאַר ניצליכע גלידער אין דער מלוכה. אַליין איז ער ניט געווען בעסער פאַר אַנדערע אין זיין צייט, ער האָט אויך געהאַלטן יידן פאַר שעדליך אין דער מלוכה, אויף יידישע קהלות האָט ער געקוקט עפּעס ווי אויף אַ מין געהיימע כנופיות, וואָס האַלטן נאָר אין איין צו־קלערן, ווי אַזוי צו שאָדן דער מלוכה, יודאַאיזם און יידישע ספרים האָט ער געהאַלטן פאַר אַ הויפן ווילדע נאַרישקייט". אויבן־אָן אין דעם „טאָלעראַנץ־עדיקט" פאַר ווין זעהט איר למשל אַזוינע פּונקטן: 1) יידן אין ווין זיינען ניט קיין קהלה, און זיי טאָרן ניט דאַוונען בצבור. 2) די צאָל יידן טאָר ניט מער ווערן, דער „תחום" פאַר וואוינען דאַרף ניט גרעסער ווערן. די איבעריגע 23 פּונקטן פון עדיקט קאָן מען איינטיילן אין פיינטליכע און פריינטליכע. צו דעם ערשטן מין געהערן די פּונקטן וועגן וואוינרעכט אין ווין, צונויפגעשטעלט אויפן פּרייס'שן מוסטער: אַ ייד פון אַן עסטרייכישער פּראָווינץ מעג זיך באַזעצן אין ווין ניט אַנדערש נאָר מיט אַ באַזונדער ערלויבעניש פון דער רעגירונג, אַן אויסלענדישער ייד דאַרף שוין האָבן אַן ערלויבעניש פונם קייזער. פאַר וואוינרעכט קומט פון יעדער פאַמיליע אַ באַזונדער „טאָלעראַנץ־געלט". פון דעם דאָזיגן זכות קאָנען אָבער ניט געניסן אויסגעגעבענע זין און טעכטער אין דער פאַמיליע. אין נידער־עסטרייך

אין אויבער־ און אין נידער־עסטרייך (דערהויפּט אין ווין) — 652, אין קראַין, הערץ און אין גראַ־דיסק — 426, אין שטיריע און און קערנטן איז קיין יידן גאַר ניט געווען. זעה: G. Wolf, Die Juden אין דער סעריע Die Völker Oesterreich-Ungarns ב. VII, ווין 1883, ז. 47—51

טאָרן יידן ניט וואוינען אין דערפער, חוץ אַזוינע, וואָס מאַכן דאָרט פאַבריקן. צו די פּריווילעגיע־פּונקטן געהערן אַזוינע: יידן מעגן אָנקומען אין די אַלגעמיינע „נאָרמאַלע” און רעאַל־שולן, אָדער מאַכן פאַר זיך נאָרמאַל־שולן, זיי מעגן אויך לערנען אין הויכשולן; יידן מעגן לערנען אַ מלאכה ביי קריסטליכע מייסטערס, זיי קאָנען אָבער ניט באַקומען דעם נאָמען בירגער אָדער מייסטער. יידן מעגן פירן גרויסע געשעפטן, האָבן פאַבריקן, נעמען אין זיכערקייט („זאַלאָג”) גיטער, זיי טאָרן אָבער ניט צונעמען זיך די גיטער פאַר דעם חוב. ס'ווערן אָפּגעשאַפט אַלע אַלטע כּללים וועגן אַ יידישער ספּעציעלער קליידונג, דער פאַרבאָט צו באַווייזן זיך אין גאַס אין די קריסטליכע פייערטעג ביז האַלבן טאָג און דעסגלייכן. ס'ווערט אויך אָפּגעשאַפט דער שענדליכער שטייער פאַר אריינפאָרער (Leibmauth).

פאַר אַזוינע „טובות” האָט זיך די מלוכה גענומען אַ פאַרגיטיגונג, זי האָט אַרויסגעגעבן דורכאַנאַנד דעקרעטן, וואָס זייער גדאַנק איז געווען אָפּצושאַפן די אויטאָנאָמיע פון יידישע קהלות, אַרויסשטופן ביי יידן זייער שפראַך און נאַציאָנאַלע קולטור. אין „טאָלעראַנץ־עדיקט” איז יידן פאַרווערט צו פירן געשעפטס־ביכער און קאָרעספּאָנדענץ אויף זייער שפראַך (העברעאיש און יידיש), זיי דאַרפן נוצן נאָר די מלוכה־שפראַך, דייטש. מיט אַ דעקרעט פונם 25 אויגוסט 1783 האָט דער קייזער אָפּגעשאַפט דעם יידישן בית־דין פאַר ציוויל־זאַכן און יידישקייט, דאָס אַלץ האָט איצט געהערט צו דעם מלוכה־געריכט. דאָס איז געווען אַ גרויסער בראָך פאַר דער יידישער קהלה־אויטאָנאָמיע. די רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבן מישן אפילו אין יידישע חתונה־ און גט־זאַכן. אין דעם פּרט האָבן די רבנים געהאַט אויף זיך אַ קאָנטראָל פון דער ציוויל־מאַכט, יענע האָט געקאָנט ניט דערלאָזן אַ חתונה אָדער אַ גט (1785—1788). אַזוינע רעפאָרמעס האָט די יידישע מאַסע געוויינליך געהאַלטן פאַר אַ „גזרה” אויף איר פרייהייט אין גייסטיגע ענינים און לעבנסשטייגער, וואָס זי האָט געהאַט אפילו אין די צייטן פון דער ערגסטער בירגערליכער קנעכטשאַפט.

נאָך אַ נייער איינפיר האָט שטאַרק געקרענקט יידן: וואָס מ'האָט אָנגעהויבן נעמען די יוגנט פאַר רעקרוטן (אין יאָר 1788). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, מ'זאָל יידן אַריינגעמען אין דער אַרמיי אין אַ קריסטליכער מלוכה אין אייראָפּע. און דאָס האָט שטאַרק אָנגעריירט די קאָנסערוואַטיווע קרייזן יידן און קריסטן. די עסטרייכישע מיליטער־אַריסטאָקראַטיע האָט דאָ דערפילט אַ באַליידיגונג פאַר דעם מיליטער־שטאַנד. די יידישע מאַסע, וואָס איז הונדערטער יאָרן לאַנג געווען דערווייטערט פון מלוכה־אינטערעסן און איז באַרויבט געווען עלעמענטאַרע בירגער־רעכט, האָט געמוזט ווערן אויסער זיך, וואָס איר יוגנט שלעפּט מען אין אַ פרעמדער סביבה אַריין, מייסטנס אין אַ פיינטליכער, וואו עס איז פאַר דער יוגנט אַ געפאַר אָנצו־ווערן די אמונה און דאָס פאָלק. דאָס ערשטע יידישע רעקרוטן־נעמען אין די יידישע פּראָווינצן אין עסטרייך —

איז געווען אַ גרויל צוצוזעהן. איינע אַזאַ סצענע פון רעקרוטן־נעמען אין פּראָג (בעהמען) איז באַשריבן אין אַ זשורנאַל פון יענער צייט. אין פּראָג האָט מען צוגענומען 25 יידן פאַר רעקרוטן. דער טאָג, ווען מ'האָט זיי אַוועקגעשיקט אין דער ארמיי, איז געווען אַ חורבן; מוטערס, שוועסטער, כּלות האָבן געוויינט אין די גאַסן. דער באַרימטער פּראַגער רב יחזקאל לאַנדוי איז געקומען אין קאַזאַרמע אַריין און געזאָגט פאַר די רעקרוטן, צוגערעדט, זיי זאָלן פאָלגן דעם קייזערס באַפעל און גיין אויף דער דינסט, זעהן דאָרטן אָפּהיטן יידיש־קייט, דערהויפּט דאַוונען אַלע טאָג, דערביי האָט ער יעדן דערלאַנגט אַ זעקל מיט תפילין, אַ סדור וכדומה. דער רב האָט אויך אָנגעוויזן, וואָס פאַ־ אַ פּאָלי־טישן באַטייט די זאַך האָט: לייגט מען אַרויף אויף יידן די שווערסטע ביר־גערליכע לאַסט, מוז דאָס ברענגען דערצו, אַז די רעגירונג זאָל אָראָפּנעמען פון יידן די קייטן, וואָס שטיקן זיי נאָך ביז אויף היינטיגן טאָג. ווען דער רב האָט פאַרענדיגט זיין זאָגן מיט די ווערטער „יברכך אלהים וישמרך" (זאָל דיך גאָט בענשן און היטן), האָט זיך אין דער קאַזאַרמע און אין הויף דער־הערט אַ ביטער יאָמער־געוויין, די רעקרוטן זיינען געפאַלן אויף די קני פאַר דעם גרייז־גראָען רב, ווי זיי וואָלטן בעטן ביי אים רחמים; דעם רב, וואָס האָט אַליין אויך יאָמערדיג געוויינט און האָט געהאַלטן ביי פאַלן חלשות, האָט מען קוים צוגענומען פון דאָרטן. ס'האָט זיך געפילט, אַז דאָ געשעהט עפּעס אַ שטאַרקער איבער־בראָך, און געקומען איז ער פריהער, איידער דאָס פאָלק האָט זיך צו דעם צו־געגרייט. וואָס האָבן ווענן דעם נעזאָלט קלערן די אַלטע יידישע ישובים, בעהמען, מעהרן, דערהויפּט גאַליציע, וואָס האָט נאָך געלעבט מיט די פּאַטרי־אַרכאַלישע טראַדיציעס פונם פּוילישן רעזשים און וואָס דאָס חסיד'ישע פייער האָט זיך דאָרט ערשט רעכט צעברענט? צי האָבן זיי געקאָנט קלערן, אַז פון דער קאַזאַרמע זאָלן קומען „ישועות אויף יידן"?

אין בעהמען האָט נאָך צו דער צייט פון יוסף II „רעפאָרמעס" געגאָלטן די אַלטע נאָרמ פאַר דער צאָל יידן: ניט מער פאַר 8600 געזינטן. אין מעהרן איז די נאָרם געווען 5400 געזינטן; אַ חתונה האָט מען ערלויבט נאָר אין דער נאָרם; יידישע אימיגראַציע אַהער פון אַנדערע פּראָווינצן איז געווען געזעצליך כּמעט אוממיגליך. פאַר די „צוגעלאָזטע" יידן האָט מען אָבער גרינגער געמאַכט צו טאָן אין דער אינדוסטריע. די רעגירונג האָט פּראָטעזשירט די פאַבריק־אינדו־סטריע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן: פון 58 מאַנופאַקטור־פאַבריקן זיינען 15 געווען ביי יידן אין די הענט; אין פּראָג זיינען אין יידישע פאַבריקן געווען באַשעפטיגט טויזנטער קריסטן־אַרבעטער; לויט יוסף דעם צווייטנס אָנ־ווייזן, האָט די רעגירונג דאָ אויך פאַרשמעלערט די יידישע אויטאָנאָמיע, נאָר דער יסוד אירער איז געבליבן. אַ גרויסע קהלה מיט אַן אייגענער קהלה־פירונג איז געווען אין פּראָג, איינגעצוימט אין 300 הייזער אין יידן־קוואַרטאַל; אין ניקאָלסבורג אין מעהרן איז נאָך געבליבן דער אינסטיטוט פון „לאַנד־רבנים".

שווערער פאַר אַנדערע האָט גאַליציע געליטן פון יוסף II רעפאָרם־מאַכעריי. אַכצן יאָר (1772־1790) האָט מען דאָ געהאַלטן אומדערבאַרמדיג אין איין ברעכן אַן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטליכן שטייגער, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר הונדערטער יאָרן פוילישן רעזשים. מיט ווינער דעקרעטן האָט מען געמיינט איבערצומאַכן דאָס גאַנצע פאָלקסלעבן אין דעם פוילישן קאַנט; כלומר׳שט בעסער מאַכנדיג, האָט מען פאַרוויסט דאָס לעבן צעהנדליגער טויזנטער מענשן. אין דער פאַטריאַרכאַלישער גאַליציע אין געדיכטן יידישן ישוב האָט מען ניט געקאָנט איינפירן די פרעה־סיסטעם — נאָרמירן די צאָל חתונות ביי יידן, וואָס איז אַזוי באַליבט געווען ביי די עסטרייכישע רעגירער; האָט מען צוגעקלערט אַ סוראָגאַט: אויף אַ חתונה האָט מען באַדאַרפט בעטן אַן ערלויבעניש ביים שטאַטהאַלטער און אָפצאָלן דערפאַר אַ היפשן שטייער (1773, 1785). שפעטער האָט מען אָנשטאָט אַ געלט־שטייער געפאָדערט פונם חתן, ער זאָל צושטעלן אַ שיין, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף דייטש אין דער ספּעציעלער קאָמיסיע. נאָכאַנאַנד דעקרעטן האָבן תחלת באַגרעניצט און דערנאָך גאָר פאַרווערט יידן צו האַלטן שענקען אין דערפער און אַרענדירן פאַרשיידענע צווייגן לאַנדווירטשאַפט, וואָס דערפון האָבן זיך געשפייזט אַ דריטל גאַליציש יידן; דאָס האָט רואינירט דעם יידישן עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד אין גאַליציע (די יאָרן 1776, 1784־1785). צעהנדליגער טויזנטער זיינען געבליבן אָהן ברויט, שטאַרק פאַראָרימט, די אָרימע און נויטבאַדערפטיגע אָבער, וואָס האָבן דריי יאָר כסדר ניט אַריינגעטראָגן דעם קאָפּ־שטייער, פלעגט די רעגירונג אַרויסשיקן פונם לאַנד קיין פוילן. יוסף דעם II-טנס פרובן צוציהען יידן צו ערד־אַרבעט האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי אַ טייל פאַראָרימטע יידן אין די ישובים. די רעגירונג האָט אָבער ניט געקאָנט באַטיילן ערד אַלע ווילער, וואָרום אין דער איינענער צייט האָט זי אָנגעהויבן קאָלאָניזירן דייטשן אין איר פוילישער גרעניק־געגנט (גאַליציע). פאַראַלעל צו דעם עקאָנאָמישן רואין האָט מען נאָכאַנאַנד רואינירט די ברייטע יידישע קהלה־אָרגאַניזאַציע אין גאַליציע. נאָך דעם ווי מ׳האָט זיך געפרובט אָנוואַרפן יידן אַ „רעגירישע" לאַנד־רבנות אין לעמבערג און צונעמען ביי די קהלות אַ טייל פונקציעס, איז ביי די רבנים און ביי די קהלות ניט געבליבן קיין שום מאַכט אויסער דעם געביט פון רעליגיעזע אינטערעסן (1785). ביי אַזאַ לאַגע איז ביי יידן אַלץ געוואַקסן דער אומצוטרוי צו דער רעגירונג, און אויף אַזוינע „רעפאָרמעס", ווי נעמען רעקרוטן ביי יידן און פאַררופן זיי אין די לאַנדשולן, האָט מען אין גאַליציע געקוקט, ווי אויף אַ המשך פון די גזרות, וואָס האָבן דעם צוועק צו צעשטערן דאָס יידישע לעבן.

די רעגירונג האָט אַגב ניט פאַרהוילן איר אמת׳ן מיין: פאַרניכטן דאָס יידישע נאַציאָנאַל אייגנס. יוסף II האָט אין זיינע דעקרעטן נאָכאַנאַנד באַטאָנט אַזאַ טענדענץ. אין אַ רעזאָלוציע אויף אַ ראַפּאָרט פון דער הויף־קאַנצעלאַריע וועגן אַ נייעם רעגלאַמענט פאַר גאַליציש יידן (1788) האָט ער אַזוי אויסגעטייטשט

זיין קוק אויף דער יידנפראַגע: „פון אַזאַ פּראָעקט יידן־רעגלאַמענט („יידן־פּאַטענט“), וואָס ס'האָט אַזוי פיל מיה געקאָסט אים צונויפשטעלן, קאָן קיין גוטס און קיין זיכערס ניט אַרויסקומען אַזוי לאַנג ווי יידישע דינים און מנהגים, וואָס טיילווייז שטאַמען זיי פון משה'ן, טיילווייז זיינען זיי נאָכדעם פאַרדרייט געוואָרן, וועלן האָבן אַ געזעצליכע קראַפט און וועלן זיך צונויפפלעכטן מיט די איצטיגע מלוכה־געזעצן... די מנהגים זייערע, וואָס זיינען ניט סותר די לאַנד־געזעצן, מעגן ביי זיי בלייבן, אָבער בנוגע די איבעריגע מנהגים זאָל יעדער האָבן די ברירה: אָדער ער טרייסלט זיך אָפּ פון די רעליגיעזע מנהגים, וואָס האָבן זייער גלייכן ניט היינטיגע צייטן, אָדער ער געזעגנט זיך מיט אַלע פּריווילעגיעס, וואָס אַ בירגער קומט, באַצאָלט דעם עמיגראַנטן־שטייער און קלייבט זיך אַרויס פון דעם לאַנד“. אַזאַ אינסטרוקציע — וואָס איז אגב אַזוי אָנגעמאָסטן פאַר דער „טאָלעראַנץ“ פון דעם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם — האָט געגעבן דער אַדמיניסטראַציע אַ געפערליך געווער אין האַנט צו מישן זיך אין יידישן גייסטיגן לעבן. וואָלט מען אַזאַ אינסטרוקציע דורכגעפירט כסדר אין דעם פּאַטריאַרכאַלן גאַליצישן יידישן לעבנסשטייגער, וואָלט דאָס געבראַכט צו דער ערנסטער גייסטיגער אינקוויזיציע. פאַר יוסף II האָט די סיסטעם פון רעגלאַמענטירן דאָס אינעווייניגסטע יידישע לעבן ניט באַוויזן צו האָבן אַ פּראַקטישע ממשות (דער קייזער איז געשטאָרבן אין יאָר 1790), מיר וועלן אָבער זעהן, ווי אַ תקופה נאָכדעם וואַרפט די סיסטעם אַראָפּ פון זיך דעם שלייער פון אַ פריינטליכער רעפאָרם און זי באַגייט קולטורעלע רציחות מיט דער הילף פון פּאָליציי־שטיק. „פריהער — אויס אייגענער נאַציאָנאַלער טיפּ, דערנאָך — בירגערליכע גלייכבאַרעכטיגונג“ — דאָס איז דער לאָזונג פון אַזאַ פּאָליטיק. פון יוסף דעם II־טנס בירגערליכע רעפאָרמעס בלייבט גאָרנישט, אָבער זיין סיסטעם אַפּוטרופּסות אויף דעם יידישן לעבן האַלט זיך שטאַרק אין עסטרייכישער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק.

אויב עמיצער האָט געקאָנט מיינען, אַז אין די 10 יאָר פון יוסף II רעגירן הויבט זיך אָן די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין עסטרייך, איז דאָס געווען אַ קליין הייפל קורצזיכטיגע „משכילים“ פון מענדעלסאָנס חדר, וואָס זיי האָבן געגלויבט, אַז דורך פּאָליציי־אישן צוואַנג קאָן מען שאַפן אַ דור געבילדעטע און ממילא שוין גלייכבאַרעכטיגטע יידישע בירגער. אגב, איין גרופּע יידן האָט שוין פּאַקטיש כמעט גענאָסן גלייכבאַרעכטיגונג — דאָס איז געווען אַ גרופּע געלט־אַריסטאָקראַטיע אין ווין, וואָס האָט געהאַט געלט־געשעפטן מיטן הויף און מיט די הויכבאַאַמטע און האָט זיך שוין דערוויטערט פון פאָלק. דער „בערלינער סאַלאָן“ האָט געהאַט זיין אָפּטייל אין ווין: דאָ האָט געקיניגט באַראָנעסע פאַני פאָן־אַרנשטיין, די טאָכטער פון דניאל איציג, דעם בערלינער נעגאָציאַנט און דעם פירער פון דער יידישער קהלה. יוסף II האָט אַליין געקענט און געשעצט די באַראָנעסע, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַן אָנגעזעהענע ראָלע אין ווינער דיפּלאָמאַטישע קרייזן.

אין א ו נ ג אַ ר ן איז די רעגירונגס־פּאָליטיק געווען כּמעט דיזעלבע, וואָס אין עסטרייך. דעם קייזערס „טאָלעראַנץ־עדיקט” האָט מען דאָ צוגעפּאַסט צו די היימישע אָנגעלעגנהייטן, געגעבן דעם אַ נאָמען: Systematica gentis judaicae regulatio (1783). 80 000 אונגאַרישע יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין אַ קליינעם ראַיאָן פון עטליכע שטאָט־קרייזן, האָבן באַקומען רעכט צו וואוינען שטענדיג אָדער אויף אַ צייט אין די קיניגליכע פריישטעט, חוץ אין די צענטערן פון דער באַרג־אינדוסטריע. אָבער אין פּראָפעסיעס זיינען זיי געווען באַגרעניצט, און שטייערן האָבן זיי געטראָגן שווערע. רעכט האָבן זיי געזאָלט באַקומען נאָר דעמאָלט, אויב זיי וועלן אויספירן דעם קייזערס „אויפקלער”־פּראָגראַם: מ׳האָט געמאָלדן, אַז אין 10 יאָר אַרום, אויב אַ ייד וועט וועלן מאַכן אַ געשעפט, וועט ער מוזן וויַיזן אַן אַטעסטאַט, אַז ער האָט געענדיגט אַ נאָרמאַל־שול. די קולטור־אַפּוטרופּסות האָט אָפּט געהאַט אַ קאָמיש אויסזעהן. צווישן די רעפאָרמעס איז געווען אויך אַזאַ, אַז יידן מוזן גאָלן די באָרד. היות ווי אָרטאָדאָקסן האָבן דאָס ניט געקאָנט טאָן, האָט מען אינגיכן דערלאַנגט אַ פּעטיציע: אונגאַרישע יידן האָבן זיך פאַררופן אויף דעם טאָלעראַנץ־פּרינציפּ און געבעטן, מ׳זאָל זיי לאָזן טראָגן בערד (1783). מ׳האָט דאָס זיי צוליב געטאָן. אין דעם פּרט איז יוסף II געווען נאָכגעבינער, איידער פרידריך II: יענער האָט געקוקט אויף אַ באָרד פאַרקערט און האָט דעריבער ניט געלאָזט די בערלינער אפּיקורסים גאָלן זיך (זעה פריהער § 3).

§ 6. פראַנקרייך.

אין פראַנקרייך פאַר דער רעוואָלוציע האָט פאַר יידן עקזיסטירט אַ „תחום” צו וואוינען: די פּראָווינץ ע ל ז אַ ס (חוץ שטראַסבורג) און אַ טייל לאָטאַרינגען (די שטעט מעץ און נאַנסי). דאָס גאַנצע איבעריגע לאַנד האָט געהייסן מחוץ דעם „תחום”, און יידן האָט מען אַהין גאָר ניט אַריינגעלאָזט, אָדער געלאָזט שטאַרק באַגרעניצט. אין דרום־פראַנקרייך, אין די אינדוסטריע־צענטערן באָרדאָ און מאַרסעל, ברעטאַן און באַיאָן האָבן געלעבט ספרדים, שפּאַנישע יידן. תחלת זיינען זיי אַהער געקומען אַלס „מאַראַנען” אָדער „ניי־קריסטן”, דערנאָך האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע, און די רעגירונג האָט געמוזט סאַנקציאָנירן אַ געשעהענע זאַך. מיט דער צענטראַלער רעגירונג וואָלטן שוין די יידן געקאָנט אויסקומען, אָבער די אָרטיגע מאַכט, די מוניציפּאַליטעטן און די סוחרים־גילדיעס האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, כּדי אַרויסצושטופּן די „אומגעזעצליכע איינוואוינער” פון אַזוינע ערטער, וואו קריסטליכע סוחרים האָבן געפילט זייער האַנדלס־קאָנקורענץ. אין יאָר 1773 האָבן קריסטליכע סוחרים אין נ אַ נ ט אַרויסבאַקומען ביים קיניג אַ דעקרעט, מ׳זאָל פון דאָרטן אַרויסשיקן יידן־סוחרים.

איבער אַ געלט־תביעה פון אַ מעצער יידן ישראל קרעאַנזש צו צוויי באַמטע אין דער שטאָט ברעסט, האָט דער רענער פאַרלאַמענט באַשלאָסן אין יאָר 1780: „ארויסשיקן קרעאַנזשן און אַלע יידן פון ברעטאַן אין זייער „תחום״ אַריין״, דאָס זאָל געשעהן ניט שפּעטער, ווי אין צוויי וואָכן אַרום. זיכער האָט זיך איינגעוואָרצלט נאָר אַ גרויסע יידישע קאָלאָניע אין באָרדאָ; דאָס זיינען געווען מייסטנס אָנגעזעהענע נעגאָציאַנטן און באַנקירן, וואָס האָבן געהאַט געלט־געשעפטן מיט דעם קיניגס הויף. פאַר לודאָוויק XVI האָבן באָרדאָער יידן דערגרייכט, אַז זיי זאָלן מעגן וואוינען און האַנדלען איבער גאַנץ פראַנקרייך (1776). די קרוין־קאַסע האָט דערצו ניט צוגעלייגט: פאַר אַזוינע פּריווילעגיעס האָבן יידן געצאָלט הונדערטער טויזנטער ליוור. אין יאָר 1782 האָבן באָרדאָער יידן פאַר דאַנק געמאַכט צווישן זיך אַריבער 60.000 ליוור אויף קויפן אַ קריגס־שיף אַ מתנה דעם קיניג.

נאָך אַ יידישער צענטר איז געווען אין דרום־פראַנקרייך — אין אַוויניאָן. אויף דער שטאָט האָט נאָך ערב רעוואָלוציע געהאַט צו שאַפן דער רוימישער פּויפּסט. דאָ האָט נאָך געשמעקט מיט גוטן מיטלאַלטער: יידן זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ (carrière des juifs) און האָבן געהאַט אויף זיך די השגחה פון דעם פּויפּסטס אינקוויזיציע. יעזואיטן און דאָמיניקאַנער קלויסטער־לייט פלעגן שבת קומען אין די יידישע שולן און זאָגן דרשות, ווי דאָס קריסטנטום עפנט דעם ליכטיגן גן־עדן און יידישקייט פאַרפירט אין שאול־תחתיה אַריין; אָפט פלעגט מען גנב'ענען יידישע קינדער, פאַרשפּאַרן אין די קלויסטערס און זיי שמד'ן דאָרט; קיין פּראָטעסטן פון די אומגליקליכע עלטערן האָבן ניט געהאָלפן.

די געדיכטע מאַסע פּראָנצויזישע יידן איז געווען אין די צפון־מזרח־פּראָווינצן — אין עלזאַס און אַ טייל לאָטאַרינגען.*) אין צוויי לאָטאַרינגער שטעט, אין מעץ און אין נאַנסי מיט דעם קרייז אַרום, איז די צאָל יידן געווען שטרענג נאָרמירט: אין מעץ האָבן געמעגט זיין ניט מער ווי 480 יידישע פאַמיליעס, אין נאַנסי — 180. פון צייט צו צייט האָט מען „גערייניגט“: מ'פלעגט אַרויס־טרייבן די איבערצאָל יידן, וואָס איז צוגעקומען פון נאַטירליכן צו־וואוקס אָדער פון שטילער אימיגראַציע. מעצער געטאָ האָט נאָך ענדע 18־טן יאָרהונדערט אויסגעזעהן ווי אַ שטייג מיט קנעכט, פּונקט ווי אין אָנהויב יאָרהונדערט:

*) לויט דער ציילונג פון יאר 1784 האט זיך אין עלזאס גערעכנט 19.624 יידן, אהער קומט נאך צו אסך יידן, ניט רעגיסטרירטע איבער די שטרענגע געזעצן וועגן וואוינרעכט. צוגעגעבן נאך 480 יידישע געזינטן אין מעץ (לויט דער נארם), און אזוי אויך 180 אין קרייז נאנסי (צוזאמען בערך 4.000 נפשות), קומט אויס, אז אין עלזאס־לאטארינגען איז סך־הכל געווען אן ערך 40.000 יידן. אין גאנץ פראנקרייך האט זיך ערב רעוואלוציע 1789 גערעכנט אקעגן 50.000 יידן. זעה: Glaser, Geschichte der Juden in Strassburg, 1894, ז. 81-82, און די איבעריגע קוועלן וועגן דעם פרט (ענדע בוך, קוועלן און ליטעראטור).

די אייגענע ענגשאַפט און שמוץ פון אַ פאַרשפאַרטן קוואַרטאַל, די אייגענע שטייערן פאַר וואוינרעכט (נאָך אין די ערשטע יאָרן רעוואָלוציע האָט מען ביי יידן אויפגעמאָנט 20.000 ליוור אַ יאָר פאַר דעם הערצאָג בראַנקאַס און גרעפין פאָנטענס אייניקלאַך), דער אייגענער באַליידיג־שטייער פאַר די אָרטיגע קירכן; ווייטער — אַ פאַרבאָט, יידן זאָלן זיך ווייזן אין שטאָט זונטאָג און פייערטעג און דעסגלייכן, — אַלצדינג, ווי מיר האָבן דאָס צוגעזעהן אין פראַנקפורטער געטאָ, מיט קליינע וואַריאַנטן.

אין עלזאַס האָבן יידן געוואוינט צעוואָרפן אין צוויי הונדערט שטעט און ישובים, אָבער אין דער הויפטשטאָט שטראַסבורג האָבן יידן ניט געטאָרט זיין קיין שטענדיגע איינוואוינער. די שטאָט האָט געהאַט אַ פאַרצייטיגע פריווילעגיע נאָך פון דער שוואַרצער מגפה אָן (1349), אַז דער מאַגיסטראַט מעג ניט אַריינלאָזן אַהין קיין איין יידן. קעגן דער דאָזיגער פריווילעגיע האָבן אפילו קינינגן ניט געקאָנט העלפן. די צווייטע העלפט 18־טן יאָרהונדערט האָט מען יידן אַריינגעלאָזט קיין שטראַסבורג נאָר דורכפאָרער, איבערנעכטיגן אָדער אויף אַ פאָר טעג, געשעפטליך, יעדעס מאָל מיט דעם הסכם פון פאָליציי. יעדער דורכפאָרער האָט דערביי געהאַט אויסצושטיין נאָכאַנאַנד בזיונות: ביים אַריינפאָר האָט ער באַדאַרפט צאָלן דורכלאָז־געלט לויט אַ טאַקסע פאַר פיה (péage corporel אַזוי ווי אין דייטשלאַנד „לייב־צאָל"); באַקומען דעם דורכפאָר, האָט ער געמעגט איינשטיין נאָר אין איינגע ספעציעל־אָנגעוויזענע איינפאָר־הייזער; פאָליציי האָט געהיט, אַז ענדע טערמין זאָל ער באַלד פאַסירן די שטאָט. אַ מערקווירדיגן באַפעל האָט פאָליציי געמאָלדן אין שטראַסבורג (נאָוועמבער 1780): „ריכטער פון דער פאָליציי־קאַמער האָבן באַמערקט, אַז איינגע בירגער דערוועגן זיך פאַרדינגען יידן צימער און דירות ביי זיך אין די הייזער, זיי קוואַפן זיך אויף געלט און ווילן ניט פאָרזעהן די שלעכטע רעזולטאַטן דערפון. דאָס ברענגט אַ געפערליכן פאַרקער און אַ באַפריינדונג צווישן קריסטן און יידן, בעת אַזוינס איז שטרענג פאַרזאָגט אין די פאַרצייטיגע רעגלאַמענטן: קיין ייד זאָל ניט וואוינען אונטער איין דאַך מיט קיין קריסט. היות ווי מיר ווילן ניט דערלאָזן אַזאַ געפערליכן אומגעזעץ... פאַרווערן מיר שטרענג די בירגער פאַרדינגען אַ יידן אַ הויז, אַ קראָם אָדער אַן אַנדער שטעל ביי אַ שטראָף פון 150 ליוור. יידן, וואָס קומען צו זיי (צו די בירגער) און בעטן זיך אָפשטעלן ביי זיי אָדער איבערנעכטיגן, הייסן מיר אָפשיקן אין די ערטער, וואָס זיינען ספעציעל דערפאַר אָנגעוויזן". כדי קיינער זאָל קיין תירוץ ניט האָבן, ער ווייסט ניט פון דעם געזעץ, האָט די פאָליציי געהייסן אָפדרוקן דעם דאָזיגן באַפעל אויף צוויי שפראַכן און צעקלעפן איבער דער שטאָט.

ווי ווייט מ'האָט געהיט, שטראַסבורג זאָל ניט „פאַרפלייצט" ווערן פון יידן, קאָן מען אַרויסזעהן פון אַזאַ מעשה: אין יאָר 1767 האָט אַ רייכער ייד הערץ סערף־בער, אַ נעגאָציאַנט, אַ צושטעלער ביי דער קיניגליכער אַרמיי, געבעטן

ביי די שטאָט־רעגירער, מ׳זאָל אים לאָזן בלייבן דעם ווינטער אין שטראַסבורג, וואָרום איבער די וועגן יאָגן אַרום רויבער און ס׳איז געפערליך אַלע מאָל צו פאָרן הין און צוריק אין שטאָט אַריין. אין דער זאַך האָט זיך אַריינגעלייגט דער מיניסטער הערצאָג שואַזעל, וואָס האָט געוויזן דעם שטראַסבורגער מאַגיסטראַט, אַז אַריינלאָזן ווינטער איין יידן אַ נעגאָציאַנט, מיט דער השגחה פון פּאָליציי, איז ניט געפערליך. אַזאַ תקיף אַ מיניסטער האָט ניט געפּאַסט אָפּזאָגן, האָט מען בערן געלאָזט אין שטראַסבורג. אין עטליכע יאָר אַרום האָבן די שטאָט־רעגירער געמוזט נאָך מער אַוועק פון דעם מיטלאַלטערישן רעגלאַמענט. אין יאָר 1775 האָט דער קיניג געגעבן בערן און זיין געזינט אַ פּאַטענט אויף „נאַטוראַליזאַציע" און וואוינרעכט אומעטום, אַ שכר פאַר דעמס פּאַרדינסטן קעגן דער אַרמיי און דער רעגירונג. בער האָט זיך באַזעצט אין שטראַסבורג, דער שטאָט־ראַט האָט אים תחלת געשטערט, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, צו פאַרווערבן אַ הויז, לסוף האָט ער מיט אַ שווער הארץ נאָכגעגעבן דעם קיניג. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן די שרעק פון די פּני, אַז זיי האָבן דערזעהן ביי דער ציילונג פון יאָר 1784 אין שטאָט ביי זיך מיטאַמאָל 4 יידישע פאַמיליעס פון 68 נפשות — דאָס איז געווען סערף־בערס געזינט און קרובים, מענשן און הויז־דינער.

אָבער די מאַסע עלזאַסער יידן איז געבליבן ניט נאַטוראַליזירט. דאָס איז געווען אַ מחנה אומבאַרעכטיגטע, אומבאַשיצטע אויסלענדער, וואָס מ׳האָט זיי נאָר „געליטן" (tolerés). אין דערפער און אין פּריץ׳ישע שטעטלאַך האָבן זיי געמענט וואוינען, אויב דער פעאָדאַל, דער פּריץ אָדער דער סעניאָר האָט זיי געטאָן אַזאַ חסד. פאַר אַזאַ וואוינרעכט האָט מען ביי זיי געריסן גרויסע שטייערן. יידן האָט מען ניט צוגעלאָזט צו אַסך פּראָפעסיעס, ממילא האָט מען זיי פאַר־טריבן אין קליינהאַנדל און אין וואָכער. יידן אין דערפער האָבן געליהען פּויערים געלט אויפן חשבון פון תבואה, אין שטעט און שטעטלאַך האָבן זיי קרעדי־טירט בירגער און האַנדווערקער. אַ בעל־חוב אַ קריסט, וואָס האָט געוואוסט וואויל, ווי אומזיכער דעם יידנס לאַגע איז — מ׳קאָן אים אַלע טאָג אַרויסוואַרפן, פלעגט אָפט לייהען געלט מיט אַ כוונה קיינמאָל ניט אָפּגעבן. די ריזיקע פון אַזאַ קרעדיט האָט געגוויט דעם יידן נעמען באַרייסערישע צינזן. דערפון נעמען זיך קריגערייען, פּראָצעסן, די אומגליקליכע יידישע לאַגע פון אַן עקספּלואַטאַטאָר, וואָס ווערט אַליין עקספּלואַטירט, די פאַראַכטונג דורכאויס צום יידן א. אַז. וו. דער נאָמען „ייד" (juif) הייסט אַזוי גוט ווי וואָכערניק (usurier). ביי אַזוינע אומ־שטאַנדן האָט זיך געקאָנט פאַרלויפן אַ גרויסע אַפּערע פון אַ יידנפיינט העל, אַ ריכטער אין עלזאַס; ער האָט נאָכגעמאַכט מאַסן קבלות, און קריסטן האָבן דערמיט געקוויטעט זייערע וועקסלען פאַר די חובות, וואָס יידן האָבן געהאַט ביי זיי. העל איז סוף כל סוף געשטראָפט געוואָרן פאַרן שווינדל און מ׳האָט אים פאַרטריבן פון עלזאַס (1780). אָבער הונדערטער יידישע פאַמיליעס זיינען רו־אינירט געוואָרן.

דער אַלטער רעזשים האָט אויסגעפּירט זיינס: ער האָט געמאַכט דעם יידן פריהער פֿאַר אַ קנעכט, דערנאָך פֿאַר אַ פֿאַראַכטן. דעם יידן האָט מען געצוואונגען קויפֿן אַלצדינג פֿאַר געלט: רעכט צו וואוינען, צו פֿאַרקערן, צו פֿאַרדינען; מ'האָט אים געהייסן צאָלן פֿאַר יעדער מויל לופֿט, וואָס ער האָט געאָטעמט, פֿאַר יעדער שפּאַן ערד, וואו זיין פֿוס האָט געטראָטן. וואָס זשע נאָך האָט ער געזאָלט טאָן, אויבֿ ניט גייציג יאָגן זיך נאָך געלט צו קויפֿן דערפֿאַר דאָס אַלץ, וואָס אַלעמען קומט אָהן געלט? די פּריצים אָדער די סעניאָרן האָבן אויסגעפּרעסט פֿון יידן אין זייערע גיטער די לעצטע זאַפֿטן. פֿאַרקויפֿנדיג דעם יידן פֿאַר אַ גרויס יערליך שטייער וואוינרעכט, האָט דער סעניאָר ניט געוואָלט גאַראַנטירן אַזוינס יענעמס דערוואַקסענע קינדער, אַ דערוואַקסענער זון פֿלעגט אָפֿט מוזן זיך שיידן מיט דער היים, ווייל דער סעניאָר האָט אים ניט געוואָלט געבן קיין וואוינרעכט. האָבן יידן זיך געפּרובט קלאָגן דעם „עלזאַסער אויבער־ראַט" (Conseil souverain d'Alsace), האָבן זיי באַקומען פֿון דעם העכסטן אַדמיניסטראַטיוון לאַנד־אָרגאַן אַזאַ מין תשובה: „אַ ייד האָט ניט קיין באַשטימט וואוין־אָרט, אים איז באַשערט אייביג וואַנדערן. דאָס דאָזיגע שוואַרץ־מזל גייט אים נאָך פֿוסטריט און לערנט אים, אַז ער קאָן זיך אין ערגעץ ניט פֿאַרגינען צו זיצן פֿעסט. דעריבער איז אַ חוצפּה, ווען איינער פֿון אַזאַ פֿאַרשאָלטענער נאַציע וויל נויטן דעם סעניאָר, ער זאָל אים סאַנקציאָנירן און פּראָטעזשירן דערפֿאַר, וואָס דער סעניאָר האָט באַוויליגט צו לאָזן אַזאַ יידנס אַ פֿאָטער וואוינען אין זיינע גיטער. אַ ייד איז ניט קיין בירגער, ניט קיין שטאָטישער (ni citoyen, ni bourgeois), וואוינרעכט קאָן אים געבן נאָר דער סעניאָר, און ער קאָן אים אַרויסשיקן אויך ווען ער וויל".

אין יאָר 1784 האָט די רעגירונג גענומען עפּעס טאָן צו פֿאַרגרינגערן די יידישע לאַגע. אין יאַנואַר דאָס יאָר איז לויט לודוויג דעם XVI־טנס אַ דעקרעט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דער „לייב־שטייער" (péage corporel) אָדער דער דורכפֿאָר־צאָל, וואָס מ'פֿלעגט נעמען ביי יידן־דורכפֿאָרער אין עלזאַס און וואָס „האָט זיי געמאַכט מיט פֿיה גלייך". אָבער אין יולי דאָסזעלבע יאָר איז פֿאַרעפֿנטליכט געוואָרן אַ נייער קיניגליכער דעקרעט פֿאַר עלזאַסער יידן; דער מאָנאַרך האָט מיט דעם דעקרעט סאַנקציאָנירט אַלס געזעץ אַלע פּלאָגן און באַגרעניצן, וואָס פֿעאָדאַלע און בורזשואַזע יידנפֿרעסער האָבן צוגעקלערט פֿאַר יידן. חוץ אַ פּאָר פּונקטן, וואָס זיינען אויסן עטוואָס פֿאַרברייטערן יידישע פּראָפֿעסיעס (לאַנד־אַרענדע, ערדאַרבעט, פֿאַבריקאַציע), זיינען אַלע איבעריגע פּונקטן פֿונם רעגלאַמענט אַ מין שולחן־ערוך פֿון יידישער קנעכטשאַפֿט. דערהויפּט וואַרפֿט זיך אין אויג די טענדענץ ניט דערלאָזן, יידן זאָלן זיך נאַטירליך מערן. אין ערשטן פּונקט שטייט: „די יידן אין דער פּראָווינץ עלזאַס, וואָס צו דער צייט פֿון פֿאַרעפֿנטליכן דעם איצטיגן אַקט וועלן זיך אַרויסווייזן פֿאַר מענשן, וואָס האָבן ניט קיין באַשטימט וואוין־אָרט, האָבן ניט באַצאָלט דעם

קיניג קיין פּראָטעקציע־שטייער (droit de protection), די סעניאָרן און די שטעט קיין וואוין־שטייער און קיין אָפּצאָל (Contribution) די געמיינדעס, — די אַלע מוזן אַרויספּאָרן פון דער פּראָווינץ אין משך פון דריי חדשים; דאָס גילט אפילו אין דעם פאַל, ווען זיי זאָלן זיך פון היינט אָן פאַרפליכטן צאָלן די אַלע שטייערן. אויב זיי וועלן אָבער בלייבן אין לאַנד, קומט זיי באַהאַנדלט צו ווערן אַזוי ווי שנאָרער און אומלייט (vagabonds et gens sans aveu) מיט גאָר דער שטרענגקייט פון די אָרדאָנאַנסן". די ווייטערדיגע פּונקטן פאַרווערן סעניאָרן, שטעט און דאָרף־געמיינדעס צולאָזן אויסלענדישע יידן אַלס שטענדיגע וואוינער: ווען אַזוינע קומען קיין עלזאַס, מעג מען זיי לאָזן וואוינען אַ קורצע צייט, ניט מער ווי דריי חדשים, בתנאי, אַז זיי וועלן צושטעלן אַ פּאַס און אַ שיין פון דער אַדמיניסטראַציע וועגן דעם צוועק פון זייער אַהערקומען. דער געזעץ פאַרהיט דאָס לאַנד פאַר פרעמדע יידן און פאַרגעסט ניט היימישע אויך: ער נאָרמירט דעם נאַטירליכן יידישן צו־וואוקס. יידן אין עלזאַס טאָרן ניט חתונה האָבן אָהן דעם קיניגס ערלויבעניש, דאָס גילט אפילו פאַר יידן, וואָס וואוינען אין אַ פעאָדאַלס לאַנדגוט; אין קעגנפאַל קומט זיי פאַרטרייבן פונם לאַנד; אָהן אַזאַ ערלויבעניש טאָרן רבנים ניט מסדר־קדושין זיין, ווען ניט, קומט זיי 3000 ליוור שטראָף, דאָס צווייטע מאָל — פאַרטרייבן פונם לאַנד.

בכן זעהען מיר, ווי אפילו דער דאָזיגער רעגלאַמענט, וואָס פאַלט אויס אין די „ליבעראַלע" יאָרן פון לודאָוויקס רעגירן, האָט נאָר סאַנקציאָנירט די שענדליכע סיסטעם פון יידישער קנעכטשאַפט. יידן אין עלזאַס האָבן ווידער ביטער געקרעכצט אונטער דעם פאָטערליכן שוץ פון סעניאָרן און שטעט. שטאַרקערע און פעהיגערע האָבן זיך געריסן אַרויס פון דער דאָזיגער פעאָדאַל־פריצ׳ישער ממשלה אין די גרויסע צענטערן אַריין, דערהויפּט אין דער רעזידענץ, קיין פּאַריז. אָבער דאָ האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין נייע בזיונות. פּאַריז איז געווען מחוץ דעם „תחום", מיט אָנגעקומענע יידן פלעגט מען זיך דאָרטן באַגיין אַזוי ווי פאַר די צאַרן אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע. זיי זיינען געווען ביי פּאָליציי אין די הענט, אויף זיי האָט געקוקט אַ ספּעציעלע „אינספּעקציע פאַר שנאָרער און יידן". צו באַקומען אַ ערלויבעניש צייטווייליג צו וואוינען אין פּאַריז, האָבן יידן געמוזט ווייזן דאָקומענטן, צו־וואָס זיינען זיי אַהער געקומען; פּאָליציי־קאָמיסאַרן פלעגן אַלע וואָך גיין איבער די האָטעלן און איינפאָר־הייזער פאַר יידן, מאַכן רעוויזיעס, פאַרנעמען „חשוד׳יגע" פאַרשוינען; ווען מ׳האָט געכאַפּט אָהן פּאַפּירן, פלעגט מען שלעפּן אין טורמע אַריין. די דאָזיגע „געיעגן" פלעגן געוויינליך פאָרקומען אין אָוונט אָדער ביינאַכט. אָט האָבן מיר אַ בילד, ווי מ׳באַהאַנדלט אַ גרופּע אַרעסטירטע יידן אין פּאָליציי־ביוראָ: „וואָס איז דעמס פּראָפעסיע?" — פרעגט אַ באַאַמטער. „דאָס איז אַ טענדלער פון אַלטוואַרג" — ענטפערט אַ פּאָליציסט. „רעכט, שלעפּט אים אין טורמע אַריין, און יענער?" — „דאָס איז לעאָן קאַגין, וואוינט אין סען־

מאַרטען־גאַס, געקומען קיין פּאַריז ווענן זיינע געשעפטן מיט אַ גרענאַדיר־פּאָלק (דאָס איז אַ צושטעלער), פּאָרט אָפּ אין עטליכע טאָג אַרום" — „רעכט! נאָר אויב ער בלייבט איבער דעם טערמין — איז אין טורמע אַריין! דער דריטער?" — „אַ קאַווע־מילנער" — „ווייטער?" — „האָט אַ שלעכטע רעפּוטאַציע!" — „אַרויס מיט אים פון פּאַריז!" — „ווייטער"? — „אַלעקסאַנדר זשאַקאָב פון מאָ־דיוע־גאַס, אַ מעקלער, קיין פּאַס האָט ער ניט"... — „טרייבט אים אַרויס! טרייבט זיי אַלע אַרויס!".

נישט געקוקט אויף אַלע פאַרבאָטן און רדיפות איז אין פּאַריז דאָך געווען אַ שטענדיגע קאָלאָניע יידן; צום יאָר 1780 האָט זיך דאָרט גערעכנט ביז 800 יידן. באַשטאַנען איז זי פון פאַרשיידענע מינים. די מיוחסים צווישן זיי זיינען געווען ספרד׳ישע יידן, מייסטנס אָנגעזעהענע באָרדאָער נעגאָציאַנטן. זייער פאָרשטייער איז געווען אַ געוויסער פילאַנטראָפּ יעקב־ראָדריגעס פּעריירא, וואָס האָט געגרינדעט אַ אינסטיטוט פאַר טויבשטומע. אויף דעם אונטערשטן שטאַפּל זיינען געווען די „אשכנזים", עלזאַסער און פּוילישע יידן. פון דעם יאָר 1778 אָן האָבן אַלע יידן, וואָס פלעגן קומען קיין פּאַריז, געמוזט צושטעלן זייערע דאָקומענטן (רעקאָמענדאַציעס פון זייערע קהל׳ס־לייט) פּעריירא׳ן; דער האָט געפירט אַ רייסטער און פלעגט דאָס פּעריאָדיש צושטעלן דער פּאָלי־ציי. אַזאַ יידישע אינספּעקציע איז געווען זעהר צו לאַסט די אשכנז׳ישע יידן, צו זיי האָט זיך פּעריירא פאַרהאַלטן אַסך שטרענגער, איידער צו זיינע לאַנדסלייט, די ספרדים. פּאָליציי־נעיענען אויף „יידן אָהן פּעסער" האָבן ניט אויפגעהערט, און אפילו די ערשטע חדשים רעוואָלוציע (מאַי־יוני 1789) פלעגט נאָך פּאָליציי ביינאַכט באַפאַלן יידישע הייזער.

דער עדיקט פון יאָר 1787, וואָס האָט אויפגעבונדן די ניט־קאַטאָליקן, זיי זאָלן מעגן פריי האַנדלען און באַשעפטיגן זיך מיט פּראָפעסיעס, האָט גע־גאָלטן פאַר פּראָטעסטאַנטן, אָבער ניט פאַר יידן. די לעצטע יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע האָט אַ רעגירונג־קאָמיסיע מיט אַ ליבעראַלן מיניסטער מאַלזערב אויבן־אָן באַהאַנדלט די יידנפראַגע. אין דער קאָמיסיע זיינען געווען פאַרטרעטער פון יידן אויך: פון די ספרדים — פורטאַדאָ, גראַדיס און אַנדערע. פון באָרדאָ, פון די אשכנז׳ישע יידן — דער פריהער־דערמאָנטער סערף־בער פון שטראַסבורג און ישעיה־בער בינג פון נאַנסי. יידן האָבן געפאָדערט בירגערליכע גלייכבאַרעכ־טיגונג, די רעגירונג האָט אָבער ניט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך אַזאַ גרינדליכע רעפאָרם; אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביזן יאָר 1789.

§ 7. איטאַליע.

אַ גערדיכטע עסענץ מיטלאַלטער האָט זיך געהאַלטן אין געטאָ פון רוים. דעם פּויפּסטס רעגירונג האָט פאַרשפּאַרט עטליכע טויזנט יידן אין אַ קוואַרטאַל

א טורמע אויפן זומפּיגן ברעג טיבר און האָט געטריבן מיט זיי די שמאַרצליכע עקספּערימענטן. די אכזריות פין די הייליגע קונצנמאַכערס האָט דערלאַנגט די העכסטע מדרגה צום ענדע 18־טן יאָרהונדערט, ווען די קירך האָט זיך דערפילט אַטאַקירט פון דעם נייעם גייסט און האָט זיך געהאַלטן אין קריגס־צושטאַנד. אָן די דערשלאָגענע, איבערגעשראָקענע געטאָ־מענשן האָט מען זיך נוקם געווען פאַר די מפּלות, וואָס מ'האָט געהאַט אין דעם לאַנד פון וואָלטערן און די ענציקלאָפּעדיסטן; אין דעם דאָזיגן הייפל „אפּיקורסים" האָט די קירך געכאַפּט נשמות, פּונקט ווי זי וואָלט וועלן דערמיט ממלא זיין דעם אָנווער, וואָס זי האָט געהאַט אין דער טשערעדע געטרייע.

דעם יידן־עדיקט (Editto sopra gli Ebrei), וואָס דער פּויפּסט פּיאוס VI האָט פאַרעפנטליכט אין יאָר 1775, געהערט צו די אוממענשליכסטע אַקטן אין דער געשיכטע. אַלע אכזריות'דיגע קירך־געזעצן און פּויפּסט־בולעס, דעם גאַנצער סם פון דעם קלעריקאַליזם האָט מען אַריינגעטאָן אין די 44 פּונקטן פון דער „געטאָ־קאָנסטיטוציע". יידן טאָרן ניט וואוינען אין רוים פון יענער זייט געטאָ; בייטאָג מעגן זיי גיין אין שטאָט אַריין וועגן זייערע געשעפטן, אָבער נעכטיגן דאָרט איז שטרענג פאַרבאָטן ביי א געלט־שטראָף און שמיץ. די שומרים פון דעם געטאָ טאָרן קיינעם ניט לאָזן ניט אַריין, ניט אַרויס שפּעטער פאַר איינס אַזייגער ביינאַכט. מחוץ די געטאָ־מויערן טאָרן יידן קיין קראָמען ניט האָבן; נאָר אַלס אויסנאַם קאָן מען אַזוינס ערלויבן א יידן, אָבער ניט ווייט פון געטאָ. אויף די זומער־פּלעץ אין אומגעגנט טאָרן יידן ניט וואוינען בשום אופן, אפילו צו אָטעמען פרישע לופט. א ייד טאָר אין רוים ניט פאָרן אין א קאָטש. יידן, מענער און פרויען, מוזן שטענדיג טראָגן, אין געטאָ און אויסער דעם געטאָ, „א געלע לאַטע, מ'זאָל זיי דערקענען". מענער דאַרפן דאָס שטיקל געלס צונייען צו די היטלען, פרויען — צו די הויבן; מ'טאָר דאָס געלס ניט פאַרדעקן מיט א טיכל אָדער מיט א איבערבונד; טאָמער גייט א ייד אַרויס אין א געוויינליך היטל, מוז ער דאָס האַלטן אין האַנט און גיין אָהן א היטל; פאַר ניט פאָלגן קומען שווערע שטראָפן, „אויף באַראָט". יידן טאָרן ניט: פאַרקויפן קריסטן קיין פלייש און קיין מילך, געבן זיי מצה, האַלטן זיי פאַר הויז־דינער און אַמען, רופן א קריסטליכע הויבאַם, פירן קריסטן אין שול אַריין, עסן, טרינקען און שפּילן מיט זיי; זיי טאָרן ניט אפילו שמועסן מיט קריסטן אינדערהיים, אין שענק, אויפן גאַס, — ווען ניט, קומט ביידע צדדים שמיץ און געלט־שטראָף. דערהויפּט האָט מען שטאַרק אָפּגעהיט, אַז יידן זאָלן ניט האָבן קיין מגע־ומשא מיט די אומגליקליכע ברידער, שוועסטער אין קינדער זייערע, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צו מיסיאָנערן אין די הענט און וואָס מ'פלעגט זיי האַלטן ווי אין א טורמע אין א ספּעציעל הויז פאַר שמד־קאַנדידאַטן — דאָס „קאַטעכומענער־הויז". קיין ייד האָט ניט געטאָרט נאָהענט צוגיין צו אַזאַ הויז און צו דער קירך סאַנטאַ־מאַריאַ

אין רוים; פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעך קומט שטראָף: 300 סקודי, פֿאַרשיקן אויף קאַטאָרגע־אַרבעט אויף די גאַלערעס און „נאָך אַזוינע לײַבשטראָף, אויף באַראַט". אַ ייִדן, וואָס האָט אַרײַנגעלאָזט צו זיך אין שטוב אַרײַן אַן אַנטלאָפֿענעם שמד־קאַנדידאַט אָדער אַ נײַ־געשמדטן ייִדן, קומט „דער פֿײַניגונג־סלופּ". פֿאַר צורייִדן אַזױנעם בלײַבן אַ ייִד — קומט טורמע, קאָנפֿיסקירן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און גאַלערעס. מ׳האָט געשמידט אין קייטן דאָס ייִדיש גײַסטיג לעבן אויך. אַכט גיפֿטיגע פּונקטן האָבן צו טאָן מיט „די גיהנום׳דיגע תּלמוד־ און קבלה־ספֿרים און אַנדערע ספֿרים, וואָס זײַנען איבערפֿולט מיט פֿאַלשקייטן און מיט חוצפּה־רייד קעגן קריסטנטום". אַ ייִד טאָר ניט האָבן בײַ זיך אַזױנע ספֿרים, דאָס הייסט אייגנטליך קיין איין ייִדישן ספֿר, חוץ אַ סדור און אַ תּנ״ך; ער טאָר אין אַזױנע ספֿרים ניט אַרײַנקוקן, ער טאָר זיי ניט פֿאַרקויפֿן, שענקען און דעסגלײַכן. אַ ייִד טאָר ניט אַרײַנפֿירן, ניט קויפֿן, ניט נעמען אַ מתּנה קיין ייִדישן ספֿר, אײדער ער גיט דאָס פֿריִער ניט איבער דער צענזור פֿון Pater Maestro אין דעם פּויפּסט־הויף, דעם בישאָף אָדער דעם אינקוויזיטאָר אין אַן אַנדער שטאָט, — ווען ניט, קומט אים זיבן יאָר טורמע. ייִדן טאָרן ניט מאַכן קיין לוויות מיט זאָגן פּסוקים־תּהלים, מיט אָנגעצונדענע ליכט, טאָרן ניט שטעלן קיין מצבֿות זייערע מתים. אין געטאָ טאָר מען ניט בויען קיין נײַע שולן, מ׳טאָר אָבער ניט רעמאָנטירן די אַלטע אויך. קריסטלעכע פֿייערטעג מעגן ייִדן אַרבעטן בײַ זיך אינדערהיים נאָר בײַ פֿאַרמאַכטע טיר און טויער. אַ רבֿ טאָר ניט טראָגן קיין ספּעציעלע קליידער, ער דאַרף גיין אָנגעטאָן מיט אַלע גלײַך. רבנים מוזן אַכטונג געבן, אַז אויף די דרשות בײַ די קאַטױלישע מיסיאָנערן זאָלן קומען אַ געזעצטע צאָל ייִדן, וואָרום „דרשות איז דער בעסטער וועג עפֿענען ייִדן די אויגן". דעם עדיקט האָט דער פּויפּסט געהייסן צעקלעפּן אין די גאַסן און אויף די פּלעצער אין רוים און אין די שולן אין געטאָ. דאָס איז געטאָן געוואָרן דעם 20 אַפּריל 1775, און רוימער אײַנוואוינער האָבן זיך געשטופּט צו גרויסע פּלאַקאַטן מיט דעם פּויפּסטס „ייִדן־קאָנסטיטוציע".

פֿון אַזאַ רעזשים האָט געהאַט אויסצושטיין אַ קהלה מיט 7000 נפֿשות, פֿאַרשפּאַרט אין געטאָ פֿון רוים, שוין ניט גערעכנט די ייִדן, וואָס זײַנען געזעסן צעוואָרפֿן אין אַנדערע ערטער אין דעם פּויפּסטס מלוכה (קירך־לאַנד) און אין אַוויניאָן, וואָס האָט געהערט צום פּויפּסט. דיופּאַטי, וואָס איז געווען אין רוים אין יאָר 1783, שרײַבט, אַז די ייִדישע לאַגע איז דאָרטן ערגער, אײדער אומעטום: „מ׳פֿרעגט, ווען זשע וועלן ייִדן שוין ווערן קריסטן? און איך פֿרעג: ווען וועלן קריסטן ווערן מענשן, ווערן טאָלעראַנט? קריסטן, ווען וועט איר ווערן אויס אויפֿמאַנער פֿון נאָטס גערעכטיגקייט?..." אַ שוואַרצע מחנה קלויסטער־מענשן האָט געזייט און געשפּרייט די שענדליכסטע ייִדנפֿרעסערישע פּאַמפֿלעטן און גערייצט דעם פֿאַנאַטיזם בײַ די קאַטױלן. אָנפֿאַלן אין גאַס אויף ייִדן איז געווען אַ וואָכעדיגע זאַך, בײַ דער געלעגנהייט האָט מען גערויבט און

גע׳הרג׳עט אויך. איז אַ ייד פֿאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער, האָט מען אים פֿאַרוואָרפֿן מיט שטיינער און געמאַכט פֿאַר אַ קאַליקע. ס׳איז געווען אַ פֿאַל, ווען אַ יידן אַ בלינדן אויף איין אויג, האָט מען געטראָפֿן מיט אַ שטיין אין צווייטן אויג, און יענער איז גאָר בלינד געוואָרן (1789). דערהויפּט פֿלעגט מען זיך אָפּרעכענען מיט יידן, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט פֿון אַ ניי־גע׳שמד׳טן. פֿריה־זומער 1787 האָט אַן אָרימער ייד אין רוים מסכּים געוואָרן צו טויפֿן זיך. ווען מ׳האָט אים גענומען אין הויז פֿאַר די ניי־געטויפֿטע (casa), האָט ער גיזאָגט, אַז אין געטאָ זיינען געבליבן צוויי יינגלאַך־יתומים, קרובים זיינע. די יינגלאַך זיינען טאַקע געווען דאָרט, האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן ביי נאָהענטע קרובים. די קהלה האָט זיך דערוואוסט, אַז דעם פּויפּסטס שפּיאָנען זוכן די יינגלאַך שמד׳ן זיי, האָט זי זיי אויסבאַהאַלטן. די רוימישע פּאָליציי האָט דעמאָלט אַרעסטירט 60 יידישע יינגלאַך און האָט געהייסן פֿיניגן די פּרנסים פֿון דער קהלה. די אומגליקליכע יתומים האָט מען געמוזט אַוועקגעבן צו די גלחים. מיט גוואַלד האָט מען זיי געשלעפּט צום שמד, נישט קוקנדיג אויף דעם עלטערן יינגלס געשרייען. די קהלה ווידער האָט מען אָנגעלערנט פֿאַר ווערן אויסבאַהאַלטן די יינגלאַך: זי האָט געמוזט באַצאָלן אַ גרויסע קאָנטריבוציע. רוימער יידן האָבן וועגן דעם פֿאַל געשריבן צו זייערע ברידער אין בערלין און אין אַנדערע שטעט.

די פֿאַרפֿייניגטע רוימער יידישע קהלה האָט לסוף (1786) באַשלאָסן ווענדן זיך צום פּויפּסט פּיאוס VI מיט אַ געבעט — ער זאָל זיך אויף איר אומקוקן און איר גרינגער מאַכן. דער קהלה־ראַט אין געטאָ (Congrega) האָט דערלאַנגט דעם פּויפּסט אַ מעמאָראַנדום, אויסגערעכנט אַלע שטייער־לאַסטן, וואָס דאָס געטאָ טראָגט אויף זיך (אגב, אין דעם לאַנגן צעטל שטייערן זעהען מיר אויך דעם שענדליכן אַלטן „קאַרנאַוואַל־שטייער" און אַן אָפּצאָל לטובת דעם „הויז פֿאַר שמד־קאַנדידאַטן"), אַלע באַגרעניצן אין פּראָפֿעסיעס און אין געשעפֿטס־זאַכן, אַלע עפֿנטליכע בזיונות, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין אויף יעדן טריט. ווי גרויס די פֿאַרצווייפֿלונג איז ביי די בעטער געווען, קאָן מען זעהן פֿון אַזאַ נאַאיווער ווענדונג צום דעמזעלבן פּויפּסט, וואָס האָט סאַנקציאָנירט דעם עדיקט פֿון יאָר 1775: „הויבט זיך אויף, הייליג האַר, און גיט אַ קוק פֿון אייער הויכן טראָן אויף דעם געטאָ אַראָפּ, אויף דעם דאָזיגן אומגליקליכן רעשט ישראל, וואָס איז דאָך אייער פֿאָלק אויך און וואָס פֿאַרברעכט די הענט צו אייך מיט געבעט!" דער פּויפּסט האָט דערהערט דאָס יידישע געבעט און האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פֿון זיבן גלידער, צו באַטראַכטן זייערע קלאָגן. די קאָמיסיע האָט זיך אָבער ניט געאיילט און נאָך אין יאָר 1789 האָט זי געהאַלטן אין באַטראַכטן דעם יידישן מעמאָראַנדום. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיגער ישוב־הדעת פֿון די הייליגע פֿאָטערס האָט צו גאָר נישט געבראַכט. אַן ענטפֿער אויף דעם וויי־געשריי האָט דאָס געטאָ באַקומען אין עטליכע יאָר אַרום פֿון אַן אַנדער מאַכט: ענטפֿער האָט געגעבן די רעוואָלוציאָנערע פֿראַנצויזישע

אַרמיי, וואָס איז אַריין קיין רוים, האָט פאַרטריבן פון דאָרט דעם פּויפּסט און האָט אויפגעהויבן אַ רעפּובליקאַנישע פאָן אין צענטר פון דער טיראַנישער קירך־מלוכה.

טרויעריג איז אויך געווען די לאַגע פון יידישע קהלות אין אַנדערע טיילן איטאַליע, כאָטש ניט אַזוי פינסטער, ווי אין רוים. אַסך פּראָווינצן זיינען געווען אין דער ווירקונגס־ספער פון עסטרייך אָדער שפּאַניע — צוויי מלוכות, וואו יידן האָט מען גע׳רודפ׳ט. יוסף דעם II־טנס כלומר׳שטע „רעפאָרמעס” האָבן נאָך געקאָנט האָבן אַ ווירקונג אין אַזוינע פונקטן, פאַרבונדענע מיט עסטרייך, ווי טריעסט; די יידישע בירגערליכע לאַגע איז אָבער דערפון ווייניג וואָס בעסער געוואָרן. אין די גרויסע האַנדלס־שטעט אין איטאַליע פלעגן יידן אָפּט דורכקומען מיט די מוניציפּאַליטעטן. אין דער פּאָרט־שטאָט ליוואָרנאָ האָבן יידן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין האַנדלס־לעבן. דער מוניציפּאַליטעט האָט זיך דעריבער גערעכנט מיט יידן. דער סטאַטוט פון דער שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין יאָר 1780 האָט יידן געגעבן רעכט קלייבן זייערע ראַטמענער אין שטאָטראַט. אין ליוואָרנאָ און אין פלאָרענץ האָבן יידן געמעגט וואוינען מחוץ דעם געטאָ אויך. אין ווענעדיג האָט געהערשט דער אַלטער געטאָ־רעזשים. די קאָנסערוואַטיווע רעגירונג פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק האָט דערויף השגחה געהאַט, נישט קוקנדיג, וואָס ווענעציאַנער יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַלס עקספּאָרטיאָרן און באַנקירן. אין אַנדערע פּראָווינצן, אַ שטייגער אין פּיעמאָנט, אין מאָדענאַ, האָבן נאָך געגאָלטן פאַר יידן די קירך־געזעצן; די קלעריקאַלע רעגירער האָבן געשטרעבט צו פאַרגלייכן די לאַגע פון יידישע קהלות מיט דער לאַגע פונם געטאָ אין רוים.

§ 8. נידערלאַנד, ענגלאַנד, שווייץ און סקאַנדינאַוון.

אין דעם רעפאָרמאַטישן האָלאַנד, דעם נעסט פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ, זיינען יידישע קהלות געווען אַ שאַרפער קאָנטראַסט קעגן דעם געטאָ־רעזשים אין דער קאַטוילישער איטאַליע. האָלאַנד איז געוואָרן אַ מין עיר־מקלט פאַר טויזנטער יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פאַר דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און פאַר דער קנעכטשאַפט אין דייטשלאַנד. יידן איז דאָ גאַראַנטירט געווען גלויבנס־פרייהייט און פּערזענליכע זיכערקייט, כאָטש בירגערליך זיינען זיי נאָך ניט געווען גלייכבאַרעכטיגט. אין אַמסטערדאַם, האַאַג, ראָטערדאַם און אין אַנדערע שטעט אין נידערלאַנד זיינען געווען גרויסע יידישע קהלות ספרדים און אשכנזים מיט גוט אָרגאַניזירטער קהלה־פירונג. יידן האָבן דאָ פאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם אָרט אינם גרויסהאַנדל, דערהויפּט צווישן אייראָפּע און אַמעריקע און אין געלט־געשעפט. אין דעם בירגערליכן לעבן זיינען זיי אָבער געווען נאָך אָפּגעזונדערט, זיי האָבן פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט נאָך די קאַ־

טוילן, וואָס זיי אַליין זיינען אויך ניט געווען גלייכבאַרעכטיגט מיט די קאַלוויניסטן. יידן, הייסט דאָס, זיינען דאָ געווען אַ דריטער סאָרט בירגער. אין אַמסטערדאַם האָט נאָך געגאָלטן אַ פֿאַרצייטיגער געזעץ, וואָס האָט ניט צוגעלאָזט יידן צו אַסך האַנדלס- און מלאכה-גילדיעס; דאָס האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פֿון זייער געווערב-אַרבעט. יידן האָט מען ניט צוגענומען אין די לאַנד-שולן, כאָטש זיי האָבן געצאָלט דעם שול-שטייער און אפילו שטייערן פֿאַר דער לאַנד-קירך אויך. די מוניציפּאַליטעטן האָבן בכלל ניט פֿאַרהוילן זייער אומצופֿרידנקייט מיט יידן און האָבן געזעהן ניט צו דערלאָזן יידישע קאָנקורענץ אין פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע צווייגן. די נידערלאַנדער שטאַטהאַלטערס, די אָראַנער פּרינצן, זיינען געווען גוט צו דער יידישער אַריסטאָקראַטיע. בעת דעם אויפֿשטאַנד פֿון דער „פּאַטריאָטישער פּאַרטיי" קעגן דעם שטאַטהאַלטער ווילהעלם V (1786-1787) זיינען יידן געווען אויף די „אָראַנער"'ס צד. ווען דער שטאַטהאַלטער איז אַנטלאָפֿן פֿון האַאַג, האָט ער אין אַמסטערדאַם געפֿונען גאַסטפֿריינדשאַפֿט ביי אַ יידן בנימין כהן אין הויז; נאָך דעם ווי ווילהעלם האָט ווידער פֿאַרנומען דאָס לאַנד מיט דער הילף פֿון דער פּרייסישער אַרמיי, האָבן זיך יידן באַטייליגט אין דער שמחה לכבוד זיין אומקערן. יידן, זעהט אויס, האָבן געהאַט גרונדן האַלטן מער פֿון דער רעגירונגס-פּאַרטיי, איידער פֿון די „פּאַטריאָטן", וואָס זיינען געזעסן אין די גילדיעס און אין די מאַגיסטראַטן, האָבן געענגט יידן אין זייערע רעכט און ניט צוגעלאָזט אין דער געזעלשאַפֿט.

אין ע נ ג ל אַ נ ד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שטילע פּ אַ ס י װ ע אומטאָלעראַנץ בנוגע צו יידן. טיילווייז זיינען יידן דאָ געווען אין דערזעלבער לאַגע, וואָס בכלל „דיסענטערן" (קריסטן, וואָס געהערן ניט צו דער אָפֿיציעלער ענגלישער קירך). יענע זיינען אין 18-טן יאָרהונדערט נאָך אויך ניט געווען גלייכבאַרעכטיגט, יידן אָבער זיינען געשטאַנען אויף דער געזעלשאַפֿטליכער טרעפּ נאָך אַ שטאַפּל נידעריגער. אין יאָר 1754 איז איבער אַגיטאַציע פֿון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דער ליבעראַלער ביל פֿון דעם יאָר 1753 וועגן נאַטוראַליזירן יידן אין ענגלאַנד, און דאָס האָט אויף אַ שטיק צייט פֿאַרהאַלטן די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין ענגלאַנד. יידן האָבן אַסך געאַרבעט אין דער אינדוסטריע און אין האַנדל, זיי האָבן געהאַט אויטאָנאָמע קהלות אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט, אָבער פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכן און פּאָליטישן לעבן זיינען זיי געווען דערווייטערט. זיי זיינען געווען געענגט אין אַסך עלעמענטאַרע רעכט, ווי למשל פֿאַרווערבן אַ נחלה וכדומה. אויף אָנצוקומען אויף אַן עפֿנטליכער שטעל האָט מען באַדאַרפֿט געבן אַ שבועה; אין דער שבועה זיינען געשטאַנען אַזוינע ווערטער: „(איך שווער) נאָך דעם אמת'ן גלויבן פֿון אַ קריסט" — די דאָזיגע פֿראַגע האָט פֿאָרמעל פֿאַרשטעלט יידן דעם וועג אין פּאַרלאַמענט, אין די מוניציפּאַליטעטן, אין פֿאַרשיידענע קאָרפּאָראַציעס. דאָ איז געוואָרן אַן אָריגינעלע סיסטעם: דעם יידן האָט מען ניט גע'רודפֿ'ט, מ'האָט

זיך ניט אַריינגעריסן גראָב אין זיין אייגן־לעבן, אַזוי ווי מ׳האָט דאָס געטאָן אין פּרייסן און אין עסטרייך, אָבער אַ צוים האָט אים געהאַלטן דערווייטנס פון דער בּירגער־געזעלשאַפט. צווישן יידן און דעם פולבּאַרעכטיגטן ענגלענדער איז געשטאַנען די אָפיציעלע קירך. זי האָט דאָ ניט געווילדעוועט, ניט בּאַוויזן קיין אַגרעסיווע פּאָליטיק, אַזוי ווי די רוימיש־קאַטוילישע קירך, זי האָט אָבער פּאַסיוו פּאַר־עקשנ׳ט ניט אָנערקענט קיין ניט־איריגן, בּפרט נאָך ניט קיין קריסט. אַ שילד פון דער אָפיציעלער קירך איז געווען אַ זיכערע סגולה קעגן אַלע אָנשיקענישן. ווען אין יאָר 1780 זיינען אין לאָנדאָן פּאָרגעקומען גאַסן־אומרוהען צווישן פּאַרשיידענע קריסטליכע־רעליגיעזע גרופּעס, האָבּן יידן אויסגעהאַנגען בּיי זיך אין די פענסטער אויפשריפטן: „דאָס הויז געהערט צו אַן אמת׳ן פּראָטעסטאַנט” — דאָס איז געווען גענוג. ס׳האָבּן זיך אָבער געפונען בּעלנים בּייטן די שילד ניט נאָר אויף אַ וויל. צווישן דער יידישער געלט־אַריסטאָקראַטיע זיינען געווען ניט ווייניג פּאַמיליעס, וואָס האָבּן גע׳פּועל׳ט בּיי זיך, זייערע קינדער זאָלן איבּערגיין אין שויס פון דער אָפיציעלער קירך, כּדי זיי זאָלן מאַכן אַ זיכערע קאַריער און פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער ענגלישער געזעלשאַפט. אַ גרויסער נסיון איז דאָ געווען די האַנדלונג פון דעם פינאַנציסט שמשון גדעון, דעם פירער פון דער יידישער קהלה; נאָך דעם ווי מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם בּיל וועגן נאַטוראַליזאַציע, האָט ער אָפּגעע׳־שמד׳ט זיינע קינדער. נאָך אים האָט דאָס געטאָן אַ גאַנצע גרופּע יידישע פּאַמיליעס אין לאָנדאָן. דערהויפּט האָט מען זיך גענומען אָפּטרייסלען פון יידישקייט אין דער ספרד׳ישער קהלה, בּיי די רייכע נעגאָציאַנטן און פינאַנציסטן. שטאַרקער האָבּן זיך געהאַלטן די אשכּנזים, דייטשיש־פּוילישע יידן; בּיי זיי איז די נאַ־ציאָנאַלע טראַדיציע געווען פעסטער. עקאָנאָמיש זיינען זיי געשטאַנען נידעריגער פאַר די ספרדים, זיי זיינען דעריבּער געווען אויך ווייטער פון די העכערע ענגלישע קלאַסן. די אשכּנז׳ישע יידן האָבּן געוואוינט ניט אין לאָנדאָן אַליין, נאָר אין אַנדערע פּאָרט־שטעט און האַנדלס־צענטערן אויך: אין ליווערפּול, פּלימוט, בּריסטאָל; זייער בּאַשעפטיגונג איז געווען קליינהאַנדל און פּעדלעריי.

גייען מיר איבּער פון די לענדער מיט צווייערליי קהלות, אַ ספרד׳ישער און אַ אשכּנז׳ישער צו די לענדער מיט איין יידישער קולטור, וואָס האָבּן געצויגן אָדער צו דייטשלאַנד אָדער צו עסטרייך, אַזוי זעהען מיר דאָסזעלבּע טרויע־ריגע בּילד. אין שוויץ בּכלל האָבּן יידן ניט געטאָרט וואוינען, דאָרט האָט פאַר זיי עקזיסטירט אַ „תחום”, וואו זיי האָבּן געמעגט וואוינען אויף אַ צייט. דאָס זיינען געווען צוויי שטעטלאַך אין קרייז בּאַדן: ענדינגען און לענגנוי, וואָס זיינען דערנאָך אַריין אין קאַנטאָן אַאַרגוי. די „שוץ־יידן”, וואָס האָבּן זיך דאָ צוגעשפּאַרט, האָבּן געהאַט מיט דער אָרטיגער מאַכט אַ ספּעציעלן קאָנטראַקט, וועלכן מען האָט בּאַדאַרפט בּאַנייען אַלע 16 יאָר. אין די לעצטע טערמינען פון 18־טן יאָרהונדערט (די יאָרן 1760, 1776) האָט מען בּאַנייט דעם קאָנטראַקט אויף אַזוינע קאָנדיציעס: יידן וועלן זיך ניט צופיל מערן, זיי וועלן ניט דערלאָזן קיין

התונות צווישן אָרימע; נעמט מען אַ כּלה פון דער פרעמד, איז ניט אַנדערש, נאָר זי זאָל געבן נדן 500 גולדן. יידן טאָרן ניט פאַרווערבן קיין הויז, קויפן ערד, טאָרן ניט געבן געלט אויף וואָכער; אויסלייהען געלט מעגן זיי נאָר אויף אַ משכּון; אַ ייד טאָר ניט וואוינען אונטער איין דאַך מיט אַ קריסט. אַזוי האָט מען באַהאַנדלט אַ הייפל יידן (בערך 150 פאַמיליעס) אין דעם „פרייען לאַנד" ערב רעוואָלוציע און אפילו די ערשטע יאָרן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אויך.

די יידישע קאָלאָניע אין ד אַ נ י ע (ביז 3000 נפשות) איז געווען אַ צווייג פון דער האַמבורגער קהלה. די האָלשטיינער שטאָט אַלטאָנאַ בשכנות מיט האַמבורג האָט נאָך אין 18־טן יאָרהונדערט געהערט צו דאַניע, די צוויי קהלות האָבן צו־זאַמען מיט דער קהלה אין וואַנדסבעק געהאַט איין רב. אין טיף־דאַניע איז יידן שווער אָנגעקומען צו באַזעצן זיך, דאָך האָבן רייכע סוחרים און פאַבריקאַנטן באַוויזן צו בילדן אַ קהלה אין דער רעזידענץ קאָפּענהאַגען. פאַר קיניג קריסטיאַן VII האָט די רעגירונג גערן צוגעזעהן, ווי יידן אין דאַניע נעמען איבער די בערלינער השכלה. איבער דער השכלה האָט זיך די קהלה געשפּאָלטן אויף צווייען: פּראָגרעסיסטן און אָרטאָדאָקסן. אָבער צו בירגערליכער גלייכבאַרעכטיגונג האָט דאָ נאָך געהאַלטן ווייט.

אין דעם אַנדערן סקאַנדינאַוון־לאַנד, ש ו ו ע ד ן, האָט מען פריהער (אין 17־טן יאָרהונדערט) שטאַרק פאַרהיט קריסטן פאַר „דער ווירקונג, וואָס די יידישע אמונה קאָן נאָך האָבן אויף דעם אמת'ן עוואַנגעלישן גלויבן". פון יידן, וואָס פלעגן ווען קומען קיין סטאָקהאָלם, האָט מען געפאָדערט סך־הכּל זיך טויפן לויטן לוטעראַנישן נוסח. אָבער צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט האָבן יידן דערגרייכט אַ וואוינרעכט אין לאַנד אומגעטויפט. אין יאָר 1782 איז אַרויס אַ רעג־לאַמענט פאַר יידן. היימישע יידן האָבן געמעגט פריי דאַוונען בצבור, אָבער אָהן אַזוינע צערעמאָניעס, „וואָס קאָנען אומרוהיג מאַכן די קריסטליכע באַפעלקערונג". יידישע קהלות מיט שולן, מיט רבנים האָבן געמעגט זיין נאָר אין דריי שטעט: אין סטאָקהאָלם, געטע־באָרג און אין נאָרקעפּינג. פרעמדע יידן פלעגט מען אַריינלאָזן נאָר ווען זיי האָבן באַוויזן דאָקומענטן וועגן זיך פערזענליך און וועגן זייער פאַרמעגן. די רעגירונג האָט גערן געגעבן קאָנצעסיעס רייכע יידן, וואָס האָבן געהאַט גענוג קאַפּיטאַל צו מאַכן אַ גרויס געשעפט אָדער אַ פאַבריק אין יענע אינדוסטריע־צווייגן, וואָס זיינען געווען ווינציג אַנטוויקלט אין שוועדן. אין קליין־אינדוסטריע און קליינהאַנדל האָט מען יידן שטאַרק געשטערט.

שפּורן פון דעם שוועדישן רעגלאַמענט, וואָס איז אין שפּעטערדיגע צייטן דאָרטן גופא בטל געוואָרן, זיינען געבליבן נאָך ביז דער לעצטער צייט אין דער געוועזענער שוועדישער פּראָווינץ פ י נ ל אַ נ ד. דעם אַלטפאַרצייטיגן יידן־רעזשים האָט דאָ געשטיצט די רוסישע מלוכה, וואָס איז געווען שטענדיי. דער גרויסער רעזערוואַר פון יידישער רעכטלאָזיגקייט.

§ 9. פֿוילן נאָך דעם ערשטן צעטיילן.

ערב דעם קריזיס אין לעבן פֿון מערב־אייראָפּעאישע יידן, וואָס די רעוואָלוציע פֿון יאָר 1789 האָט געבראַכט, איז דער גרויסער יידישער צענטר אין פּוילן געווען אין אַ צושטאַנד פֿון פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטליכער צעפֿאַלנקייט. דאָס איז געווען די צייט צווישן ערשטן (1772) און צווייטן (1793) צעטיילן פּוילן. דעם קראַנקן פּוילישן אָרגאַניזם האָט מען שוין געמאַכט די ערשטע אָפּעראַציע; רוסלאַנד האָט אָפּגעשניטן איין זייט — רייסן, עסטרייך — האָט אָפּגעריסן גאַליציע, פּרייסן האָט צוגענומען — פּאָמערן און אַ טייל פּראָווינץ פּויזן. דערמיט איז דער געדיכטער יידישער קיבוץ אין פּוילן צעשניטן געוואָרן אויף שטיקער. איין טייל פֿון דער דאָזיגער טיף־יידישליכער אָפּגעשלאָסענער מאַסע איז געוואָרן אַן אָביעקט פֿאַר „רעפֿאָרמאַטאָרישע" פּרובן אין יוסף דעם II־טנס לאַבאָראַטאָריע; דער אַנדערער טייל איז געוואָרן פֿון די „געדולדעטע" אין פֿרידריך דעם II־טנס מלוכה־קאַזאַרמע, וואָס ער וואָלט מיט מער חשק צוגענומען די פּראָווינצן אָהן זייערע יידן; דער דריטער טייל איז אַריין אונטער דער מאַכט פֿונם רוסישן אָדלער, וואָס ביז איצט האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן אפילו דאָס הייפֿל יידן אין דעם עק אוקראַינע. דער פֿאַרקלענערטער יידישער צענטר אין פּוילן, וואָס איז געבליבן נאָך דער אָפּעראַציע פֿון יאָר 1772, האָט זיך געמאַטערט אין קאָנוואולסיעס פֿון אַ מלוכה אַ גוסס, וואָס דאַרף איבערלעבן נאָך צוויי צעטיילן. דאָס גוסס־פּוילן האָט זיך געוואָרפֿן ווי אין פֿיבער, האָט געזוכט לעבנס־געטראַנק אין די רעגלאַמענטן פֿון דעם „שטענדיגן ראַט", אין די רעפֿאָרמעס פֿונם פֿיריאָריגן סיים (1788—1791). ביי דער געלעגנהייט פֿון רעפֿאָרמעס אין לאַנד בכלל האָט מען זיך דערמאָנט די אַלטע קרענק, די יידנפֿראַגע. די „פֿינאַנץ־קאָמיסיע" פֿונם פֿיריאָריגן סיים האָט איינגעזאַמלט ידיעות וועגן דער צאָל יידן אין פּוילן נאָכן ערשטן צעטיילן, וועגן זייער עקאָנאָמישן מצב און קולטור־צושטאַנד. איינער אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע, דער היסטאָריקער טאַדעוש טשאַצקי, מאַכט אַזאַ סך־הכּל פֿון דער אָפּיציעלער אויספֿאָרשונג:

אָפּיציעל האָט זיך אין יאָר 1788 גערעכנט אין פּוילן און אין ליטע אַן ערך 617.000 יידישע נפֿשות, אָבער ריכטיג ווייזט טשאַצקי אָן אויפֿן סמך פֿון פֿאַרשיידענע קאָנטראָל־סימנים, אַז די צאָל יידן, צוגערעכנט אויך די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר דער אָפּיציעלער ציילונג איבער שטייער־צאָלן, באַטרעפֿט באמת ניט ווייניגער פֿאַר 900.000 נפֿשות. אויף אַזאַ ציפֿער בערך האָט אָנגעוויזן בוטרימאָוויטש אויך, אַ גליד פֿון דער „יידן־קאָמיסיע"ביים פֿיריאָריגן סיים; נאָך זיין מיינונג מאַכן יידן אויס אַן אַכטל באַפֿעלקערונג אין פּוילן (סך־הכּל 8.790.000). דער קנאַפּער מיליאָן יידן האָט זיך שטאַרק געמערט איבער די פֿריהע חתונות. אין די שולן האָט מען שטודירט נאָר רעליגיעזע למודים, דער־

הויפּט תּלמוד. דער האַנדל איז געווען אין יידישע הענט אין אַזאַ ערך: $^{3}/_{4}$ פֿון דעם גאָרן אַרויספֿיר און אַ $^{1}/_{10}$ אַריינפֿיר. אַ ייד אַ סוחר האָט פֿאַרלעבט האַלב וואָס אַ קריסטליכער, האָט ער געקאָנט פֿאַרקויפֿן די סחורה אַסך ביליגער. יידן־סוחרים האָבן מער אָנגעזעצט פֿאַר קריסטן. אין די פּראָווינצן, חוץ אין גרויס־פּוילן, זיינען אַ העלפֿט בעלי־מלאכות געווען יידן, דערהויפּט שוסטער, שניידער, פּעלצמאַכער, גאָלדשמידן, טעסלערס, מולערס, שערער; אין גאָרן לאַנד זיינען סך־הכּל געווען 14 יידישע פֿאַמיליעס ערד־אַרבעטער. זעהר זעלטן האָט זיך דאָס אָנגעזאַמלטע גוטס געהאַלטן אין דער יידישער משפּחה עטליכע דורות, די סיבה איז געווען — אָפּטע אָנזעצן און אַ חשק צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען. אַ $^{1}/_{12}$ טייל יידן זיינען געווען „ליידיג־גייער", אַ $^{1}/_{60}$ טייל — אָרימעלייט.

צו די דאָזיגע אָפּיציעלע מאַטעריאַלן דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז די יידישע הויפּט־פּרנסה אין יענער צייט איז געווען — שענקערייי אין שטעט און אין דערפֿער. אין די פּריץ׳ישע גיטער איז דאָס שענקערייי געווען פֿאַרבונדן מיט אַרענדע און קרעטשמערייי אויך: אַ ייד האָט אַרענדירט ביים פּריץ פֿאַרשיידענע צווייגן לאַנדווירטשאַפֿט: מילך־ווירטשאַפֿט, פֿאַשע־ערד, וואַלד, סעדער און פֿאַראיינוועגס דאָס „פּראָפּינאַציע־רעכט" אויך, דאָס הייסט, דאָס רעכט צו טרייבן בראָנפֿן און פֿאַרקויפֿן אין דאָרפֿישע שענקען און קרעטשמעס, אויף די שליאַכן. אַזוינע פּרנסות האָבן אָפּט אויפֿגעבראַכט דעם פּויער קעגן יידן. דער קנעכט, וואָס פֿלעגט גיין אין שענק אַריין ניט פֿאַר וואָילטאָג, נאָר פֿאַר נויט און פּיין פֿון ביטערער „פּאַנ־שטשינע", פֿלעגט שוין דאָס לעצטע רעשט פֿאַרטרינקען אין שענק, און דערפֿון האָט זיך גענומען דער געדאַנק, אַז אַ ייד אַ שענקער רואינירט דעם פּויער. אַזאַ שולד האָבן געוואָרפֿן אויף יידן גראָד די פּריצים, די קנעכט־באַזי־צער, וואָס זיינען באמת געווען די שולדיגע אין דעם פּויערס אָרימקייט און וואָס האָבן געהאַט דעם גרעסטן נוץ פֿון דער פּראָפּינאַציע, וואָס זיי האָבן יידן פֿאַר־דונגען אין אַרענדע. די שענקערייי האָט דעמאָראַליזירט יידן. ס'איז ניט געווען צו מקנא זיין דעם אַרענדאַר, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט צווישן דעם צעלאָזענעם פּריץ, דעם אויסברענגער, און דעם דערשלאָגענעם פּויער. ביים פּריץ אין די אויגן איז אַ ייד אויך געווען זיינער אַ קנעכט, דערצו נאָך אַ „מאָשקע", וואָס ער האָט אים באַהאַנדלט ניט בעסער פֿאַרן פּויער. איז ביים פּריץ אין גוט ניט פֿאַרריכט דער וועג אָדער אַ בריק, כאַפּט דער ייד שמיץ; איז דעם פּריץ גוט אויפֿן האַרצן, טרייבט ער זיך פּריץ׳ישן שפּאַס מיטן יידן און מיט זיין גע־זינט. ביי איינעם אַ וואָלינער פּריץ האָט מען געפֿונען אין זיין טאָגבוך פֿאַר דאָס יאָר 1774 אַזוינע נאָטיצן למשל: „דער אַרענדאַר הערשקאָ האָט מיר ניט באַצאָלט נאָך פֿון פֿריהערדיגן טערמין 91 טאָלער. איך האָב געמוזט אויפֿמאָנען מיט בייזן. אין קאָנטראַקט שטייט, אויב ער צאָלט ניט, מעג איך אים האַלטן אין טורמע מיט ווייב און קינדער אַזוי לאַנג ביז ער וועט באַצאָלן. איך האָב אים געהייסן שמידן אין קייטן און פֿאַרשפּאַרן אין שטאַל מיט חזירים. דאָס

ווייב מיט די בחורים האָב איך געלאָזט אין קרעטשמע, נאָך דעם יינגסטן, לייזערן, האָב איך גענומען אין דער מיזע און האָב געהייסן לערנען מיט אים קאַטעכיזים און תפלות (קאַטויליש)...״ דאָס יינגל האָט מען גענויט צלמ׳ען זיך און עסן חזיר, ביז ס׳זיינען אָנגעקומען יידן פון בערדיטשעוו און געראַטע־וועט דעם פאָטער פונם חזיר־שטאַל און דאָס יינגל פון נויט־שמד.

וואָס האָט געטריבן יידן צו דער דאָזיגער וויסטיגער פרנסה — אַרענדע און שענקעריי? יידן האָבן אויסגעמאַכט אַן $^1/_8$ פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פוילן, צווישן בעלי־מלאכות אָבער האָבן זיי אויסגעמאַכט אַ העלפט און צווישן פאַרמיטלער ביים עקספּאָרט (וואַלד, לייַן, פעל, און רוויוואַרג בכלל) גאַנצע דריי פערטל. זעהט אויס, אַז די אַלע פרנסות זיינען ניט גענוג געווען אויסצוהאַלטן די יידישע באַפעלקערונג. אגב פוילן זעהען מיר צו דאָס אייגענע, וואָס אין די מערב־לענדער: די צעכן און די גילדיעס, וואָס צווישן זיי אגב איז געווען אַסך דייטשן, האָבן ניט צוגעלאָזט צו זייערע אָרגאַניזאַציעס קיין יידן בעלי־מלאכות און הענדלער, און זיי האָבן שטאַרק גענגט יידן אין זייערע פּראָפעסיעס. ביי דער דאָזיגער קריסטליכער בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאַט די דעה אין די מאַגיסטראַטן, איז געווען אין די הענט לאָזן יידן־קאָנקורענטן האַנדלען און טאָן אַ מלאכה, אָדער ניט. די סיים־קאָנסטיטוציע פון דעם יאָר 1768 האָט אָפּגע־געבן די מאַגיסטראַטן דעם קאָנטראָל איבער יידישע פרנסות. „ווי ווייט יידן קריוודען שטאַרק די שטעט און די שטעטישע בירגער און נעמען ביי זיי צו חיונה, הייסן מיר, אַז אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, וואו יידן האָבן ניט קיין ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס, באַווילינגט פון דער קאָנסטיטוציע, זאָלן זיי זיך פירן לויט די אָפּמאַכן, וואָס זיי וועלן מאַכן מיט די שטעט, און ניט נעמען זיך מער רעכט; ווען ניט — וועלן זיי שטרענג באַשטראָפט ווערן״. אַזוי האָבן געוואָלט האָבן די צעכן און די גילדיעס. פאַרשטייט זיך, אַז אַזוינע „אָפּמאַכן״ האָט ביי קריסטליכע געשעפטס־מענטשן געהייסן — פשוט פאַרווערן יידישע קאָנקורענץ אָדער שטאַרק דריקן זי. אַזוי אַרום זיינען יידן אַרויסגעשפאַרט געוואָרן פון די שטאָט־פרנסות און פאַרטריבן אין דאָרף צו אַרענדעס און שענקעריי.

די סיים־קאָנסטיטוציע פון יאָר 1775, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן נאָך דעם ערשטן צעטיילן פוילן און וואָס זי האָט באַשאַפן אַ רעגירישן אויבער־אָרגאַן, דעם „שטענדיגן ראַט״ (Rada nieustająca), האָט גרעסער געמאַכט דעם יידישן קאָפּ־שטייער (דריי גילדן, אָנשטאָט פריהער צוויי, פון אַ נפש). זי האָט אויך געפּרובט נאָרמירן די צאָל יידישע חתונות, כאָטש ניט אַזוי גראָב, ווי מ׳האָט דאָס געטאָן אין מערב־אייראָפּע. רבנים האָבן ניט געטאָרט מסדר קדושין זיין ביי אַזוינע, וואָס באַשעפטיגן זיך ניט מיט אַ נוצליכער פּראָפּע־סיע: מלאכה, האַנדל, ערדאַרבעט, אָדער אויף אַ שטעלע, און וואָס קאָנען ניט אָנווייזן קיין קוועל פאַר חיונה; דער דאָזיגער געזעץ האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום פּראַקטישן ממשות.

דאָס אַלטע פוילן האָט ניט געהאַט קיין „תחום" פאַר יידן; זיי האָבן נאָר ניט געטאָרט וואוינען אין עטליכע „פּריווילעגירטע" שטעט. צו אַזוינע שטעט האָט געהערט די רעזידענץ — וואַרשע. פון לאַנג אָן איז יידן דאָרטן פאַרווערט געווען צו וואוינען, זיי האָבן געמעגט קומען אַהין נאָר בעת די סיים־סעסיעס האַנדלען אויף די ירידים. די סיים־קאָנסטיטוציע פונם יאָר 1768 האָט באַשטעטיגט דעם „אַלטן איינפיר", אַז יידן זאָלן מעגן צייטווייליג וואוינען אין וואַרשע; דער מאָטיוו איז געווען: „די נוץ פאַר דעם כלל און די פאַרמינערונג פונם יקרות אַדאַנק דער יידישער קאָנקורענץ" אין דער רעזידענץ איז געוואָרן אַזאַ סדר: צוויי וואָכן פאַר עפענען דעם סיים פלעגט דער קרוין־מאַרשאַלאָק הייסן לאָזן הערן אין שטאָט מיט טרומייטן, אַז אָנגעקומענע יידן מעגן האַנדלען און טאָן אַ מלאכה. צוויי וואָכן נאָך דער סעסיע האָט מען פונקט אַזוי מיט טרומייטן געגעבן אָנצוהערן יידן, אַז שוין צייט זיך אַרויסקלייבן פון דאַנען. ווער ס'האָט ניט געאיילט אָפּפאָרן, פלעגט פאָליציי אַרויסטרייבן. די אַרויסגעשיקטע פלעגן אין איין טויער אַרויס, אין אַנדערן אַריין, מאָרגן האָבן זיי שוין געהייסן פרישגעקומענע אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, פלעגן פאַרברענגען אין שטאָט עטליכע וואָכן און פאַרשטאָפן דעם מאַרשאַלאָקס אויפזעהער דאָס מויל מיט לא־יחרך־געלט. דער קרוין־מאַרשאַלאָק לובאָמירסקי האָט דעמאָלט איינגעפירט פאַר אָנגעקומענע יידן אַ סיסטעם פון בילעטן, וואָס זיינען גילטיג געווען 5 טאָג. אַזאַ בילעט האָט געקאָסט אַ זילבער־גראָשן און אָהן דעם האָט אַ ייד ניט געטאָרט זיך ווייזן אין גאַס. האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בילעט־אָפּצאָל ברענגט אין דעם מאַרשאַלאָקס קאַסע 200.000 גילדן אַ יאָר. דערויף קוקנדיג, האָבן זיך איינינגע מאַגנאַטן, וואָס זיי האָט געהערט אין וואַרשע גאַנצע קוואַרטאַלן, מתקנא געווען אין אַזאַ גאָלדן געשעפט און האָבן געלאָזט יידן וואוינען אויף זייער ערד הינטער דעם גראָבן, פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל. אַזוי איז געוואָרן אַ גאַנצער ישוב „ניי־ירושלים". די וואַרשעווער שטעטישע קריסטן האָבן געמאַכט אַ גוואַלד און האָבן געפאָדערט, מ'זאָל שטרענג האַלטן דעם געזעץ, וואָס פאַרווערט יידן באַזעצן זיך אין וואַרשע. ליובאָמירסקי האָט גענומען רייניגן וואַרשע פון יידן מיט אַן אייזערנעם בעזים, נישט געקוקט אויף די פראָטעסטן פון די הויכגעשטעלטע הויזווירטן און אפילו ניט אויף דעם קיניגס פראָטעקציע: דעם 22 יאַנואַר 1775 האָט מען יידן אַרויסגעטריבן פון וואַרשע, זייערע דירות אין ניי־ירושלים האָט מען רואינירט, זייערע סחורות האָט מען אַוועקגעפירט אין צייכהויז און אין די קאַדעטן־קאַזאַרמעס און אויספאַרקויפט. דאָס איז געווען אַ גרויסער בראָך פאַר דער יידישער געשעפטסוועלט, זי איז געוואָרן אָפּגעריסן פון דעם פאָליטישן און האַנדלס־צענטר אין לאַנד. מ'האָט זיך ווידער געמוזט צופרידנשטעלן מיט קומען אויף אַ קורצע צייט בעת די סיים־סעסיעס; מיט דער צייט אָבער האָבן יידן ווידער גענומען טאָן זייערס. אין יאָר 1784 האָט די אַדמיניסטראַציע, אויף דעם מאַגיסטראַטס אָנקלאָג, ווידער גענומען רייניגן וואַרשע פון יידן. די לאַגע האָט זיך

געענדערט דאָס יאָר 1788, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סעסיע פונם פיראָריגן סיים. יידן האָבן זיך געכאַפּט, אַז ווי באַלד די סעסיע גופא ווערט ניט איבערגעריסן, הייסט דאָס, אַז זייער וואוינרעכט אין דער רעזידענץ איז אויך ניט באַגרעניצט מיט אַ געוויסן טערמין. אַזוי אַרום האָט זיך אין וואַרשע אָנגעקליבן עטליכע טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין צענטר שטאָט. דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די בירגער און דעם מאַגיסטראַט, און ס׳איז געקומען צו אַ פּאָגראָם (דאָס יאָר 1790, זעה ווייטער § 42).

אַזוי האָבן דאָס לעבן און דער געזעץ געפירט אַ שטרייט צווישן זיך: דאָס לעבן האָט ניט געקאָנט איבערקייען אַ געזעץ, וואָס איז קעגן לעבנס־אינטערעסן און האָט געמאַכט פונם געזעץ אַ פיקציע. דער געזעץ ווידער פלעגט זיך נוקם זיין אָנם לעבן אויף אַ ווייל. ווי אַ פלאָקן אין דער מיט האָבן יידן געשטעקט אין דער אַכט־מיליאָניגער פּוילישער מאַסע. הונדערטער יאָרן האָבן זיי אויף זייער שטייגער באַהעפט אַ פאָלק פון פּריצים און קנעכט, האָבן אויסגעפולט אַ פוסטן חלל פון אַ האַנדלס־ און אינדוסטריע־קלאַס, איצט איז דעם פלאָקן ניט מיגליך געווען אַרויסצושטופּן. איצט איז אויפגעקומען אַן אייגענער פּויליש־דייטשער שטעטישער קלאַס, וואָס האָט געגאַרט אַרויסשטופּן יידן, ער האָט זיי אָבער ניט געקאָנט גובר זיין. *גייסטיג און נאַציאָנאַל* פאַרפרעמדט צו פּוילן זיינען, יידן *עקאָנאָמיש* געווען דאָך צו שטאַרק צונויפגעוואַקסן מיטן לאַנד. דאָ האָט געשטעקט דער טראַגיזם פון דער יידנפראַגע אין פּוילן צו דער צייט פונם צווייטן צעטיילן. אויפגעוועקט פון דער קאַטאַסטראָפע אין יאָר 1772, האָט פּוילן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף רעפאָרמעס. ס׳זיינען אויפגעקומען צוויי פּראָעקטן צו פאַרענטפערן די יידנפראַגע: איין פּראָעקט איז געגאַנגען אויפן אַלטן אויסגעריבענעם וועג פונם פּריצ׳ישן פּוילן: שטיקן יידן; דער אַנדערער האָט שוין געשעפּט די יניקה פונם נייעם ליבעראַלן גייסט, פון יוסף דעם II־טנס „גוואַלד־אויפקלערונג״. דער ערשטער וועג איז אָנגעצייכנט געווען אין זאַמאָיסקיס פּראָעקט, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט דעם סיים אין די יאָרן 1778—1780, דער צווייטער וועג איז אָנגעוויזן אין בוטרימאָוויטשס און טשאַצקיס פּראָעקטן צו דער צייט פון דעם רעפאָרמאַטאָרישן פיראָריגן סיים (1789).

„דער פיל־גערימטער עקס־קאַנצלער (אַנדריי זאַמאָיסקי) — זאָגטו וועגן דעם איין פּוילישער היסטאָריקער — האָט אויסגעאַרבעט אַ רעגלאַמענט, וואָס איז אויסן געווען ניכער פּטור צו ווערן פון יידן, איידער זיי צונויפשמעלצן מיטן פאָלקס־אָרגאַניזם״ (דעם פּוילישן). זאַמאָיסקיס פּראָעקט איז שטאַרק אָנגעשמעקט מיט דער פאַרצייטיגע׳ קירך־פּאָליציי־אישער געזעצגעבונג וועגן יידן. יידן מעגן וואוינען נאָר אין די שטעט, וואוהין מ׳האָט זיי אַריינגעלאָזט ביז איצט, לויט די אַלטע אָפּמאַכן מיט די מאַגיסטראַטן; אין די איבעריגע שטעט מעגן זיי קומען נאָר אויף אַ צייט, אויף ירידים און אויקציאָנען. אין די שטעט דאַרפן זיי וואוינען אין באַזונדערע גאַסן, אָפּגעטיילט פון קריסטן. יעדער דערוואַקסענער ייד מוז קומען

צו דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע און באַווייזן, אַז אָדער ער איז אַ סוחר, וואָס האָט אַ פאַרמעגן ניט ווייניגער פאַר 1000 גילדן די ווערט, אָדער אַ בעל־מלאכה, אַן אַרענדאַר, אַ ערד־אַרבעטער. ווער ס׳קאָן ניט באַווייזן, אַז ער געהערט צו איינע פון די פיר קאַטעגאָריעס, מוז אין משך פון אַ יאָר אַרויספאָרן פונם לאַנד; אויב ער טוט דאָס ניט מיט גוטן, קומט אים אַרעסטירן און פאַרשפאַרן אין צוכטהויז. דער מחבר פונם פּראָעקט טוט ווייטער נאָך די קירך־געזעצן: יידן זאָלן באַזייטיגט ווערן פון פינאַנץ־ און עקאָנאָמישע פונקציעס: מלוכה־אַרענדעס, שטייער־אָפּקויפן וכדומה. יידן טאָרן ניט האַלטן קיין קריסטליכע דינסט־מענשן. מיט גוואַלד שמד׳ן יידן דאַרף מען ניט, נאָר די שוין געטויפטע דאַרף מען האַלטן אָפּגעזונדערט פון יידן, זיי זאָלן זיך זעהן מיט איינענע ניט אַנדערש, אַז פאַר אַ קריסט אין די אויגן. די קאַטוילישע גייסטליכע זיינען געווען אַזוי צו־פרידן מיט זאַמאָיסקים פּראָעקט, אַז דער פּלאָצקער בישאָף שעמבעק האָט זיך געוואָלט חתמ׳ענען אויף אים. באַוואָרענענדיג זיך מיט אַזוינע קירך־פּאָליציייאישע גאַראַנטיעס, האָט שוין זאַמאָיסקי זיך געקאָנט פאַרגינען אַ שמייכל טאָן דעם ליבעראַלן צייט־גייסט אויך: דער פּראָעקט גיט יידן זיכערקייט פּערזענליכע און פאַר דעם פאַרמעגן. צו וואָס נאָך באַליידיגן דעם יידן, אַז ער ליגט שוין אַזוי אויך אַ געבונדענער?

אַנדערש האָט געקוקט אויף דער זאַך איינער אַ מחבר פון אַ פּוילישבּיכל „וועגן דער נויטיגער יידן־רעפאָרם אין די לענדער פון דער פּוילישער מלוכה״, וואָס איז אַרויס אין וואַרשע דאָס יאָר 1782. דער מחבר, וואָס האָט פאַרשטעלט זיין נאָמען מיט אַ פּסעוודאָנים „איינער אָן אַ נאָמען״, האַלט פון דער נייער אוטיליטאַר־אויפקלערערישער מעטאָדע, ניט פון דער אַלטער רעאַקציאָנערער. וועגן יידישער אמונה מיינט ער, אַז מ׳דאַרף לאָזן יידן פריי די יסודות פון זייער גלויבן, מ׳דאַרף אָבער שטרייטן קעגן „שעדליכע מנהגים״, קעגן די צופיל יום־טובים, קעגן די שפּייז־געזעצן און דעסגלייכן. מ׳דאַרף פאַר־שמעלערן די קהל׳שע אויטאָנאָמיע, זי זאָל האָבן צו טאָן נאָר מיט רעליגיעזע פראַגן. יידן זאָלן ניט זיין קיין רעפּובליק אין אַ רעפּובליק. כדי צו אַסימילירן יידן מיטן פּוילישן פאָלק, דאַרף מען זיי נויטן, איינצופירן ביי זיך די פּוילישע שפּראַך, דערהויפּט אין געשעפטס־זאַכן; מ׳דאַרף פאַרטיליגן דעם יידישן „זשאַר־גאָן״ און פאַרווערן דרוקן יידישע ספרים אָדער אַריינפירן אַזוינע פון אויס־לאַנד. אין עקאָנאָמישן פּרט זאָלן יידן ניט טאָרן וואוינען אין קרעטשמעס און פאַרקויפן בראָנפן, זיי מעגן נאָר פירן ערליכן מסחר, זיך באַשעפטיגן מיט מלאכה און ערדאַרבעט. בכן איז דער פּראָעקט אויסן צו „מאַכן יידן אומשעדליך״ דורך אַסימילאַציע מיט גוואַלד, אַזוי ווי זאַמאָיסקים פּראָעקט האָט געוואָלט דערלאַנגען דאָסזעלבע דורך אָפּזונדערן יידן מיט גוואַלד. דער אומשעדליכער ייד מעג שוין זיין גלייכבאַרעכטיגט מיט אַ קריסט. אין דעם פּראָעקט זעהט מען די ווירקונג פון קייזער יוסף׳ס עסטרייכישער סיסטעם: יידן קאָנען ווערן גלייך־

באַרעכטיגטע בירגער נאָר בתנאי, מ׳זאָל זיי פריהער „מאַכן פאַר לייט״ דורך בילדונג מיט גוואַלד און צונויפשמעלצן זיי מיט דער אַרומיגער באַפעלקערונג. דער פראָעקט איז, זעהט אויס, געפעלן יענע קרייזן פון פוילישער געזעלשאַפט, וואָס זיינען געווען אָנגעשמעקט מיט די אידייען פונם 18־טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1785 איז פון דעם אַנאָנימס ביכל געדרוקט געוואָרן אַ צווייטע אויסגאַבע, דאָס יאָר 1789 האָט בוטרימאָוויטש, דעפּוטאַט פונם פיריאָריגן סיים, אָפּגעדרוקט דאָס ביכל אַ דריט מאָל מיט זיינע צוגאָבן. שפּעטער האָט בוטרימאָוויטש אויסגענוצט דאָס ביכל פאַר זיין פראָעקט „יידן־רעפאָרם״, און דעם פראָעקט דערלאַנגט דער קאָמיסיע ביים סיים (1790), וואָס איז זיך צונויפגעקומען שוין בעת דער פראַנצויזישע רעוואָלוציע. (זעה ווייטער § 41).

וואָס אַזוינס איז געווען דעמאָלט דער מיליאָן פּוילישע יידן אין זיין אינעווייניגסט לעבן? דאָ זעהען מיר אויך אַ טרויעריג בילד פון צעפאַלן. דאָס סאָציאַלע פוילן פון דער אַרומיגער סביבה, דער סם פון פוילנס טויטן קערפּער זיינען אריינגעדרונגען אין יידישן לעבן אויך און צעטרייסלט די אַמאָליגע פעסטע יסודות. דער נאַציאָנאַלער שטיק — די יידישע אויטאָנאָמע קהלה, האָט אָנגעהויבן צעפאַלן ווערן. אין דרום־מערב־געגנט (פּאָדאָליע, וואָלין און גאַליציע) איז די קהלה־אויטאָנאָמיע אונטערגעריסן געוואָרן איבער דער שפּאַלטונג, וואָס דאָס חסידות האָט געבראַכט אין יידישן לעבן: די קהלה־אָרגאַניזאַציע האָט דאָ געפּלאַצט אָדער איבער דעם, וואָס די קהלה האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי פיינטליכע מחנות: חסידים און מתנגדים, אָדער איבער דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם חסידישן רוב, וואָס איז בלינד נאָכגעגאַנגען די „גוטע יידן״ און איז ניט פעהיג געווען צו קיין געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע. אין ליטע און אין רייסן איז די קהל׳שע מתנגד׳ישע פּאַרטיי געווען שטאַרקער פאַר די חסידים, אָבער דאָ האָט זיך אויך געלאָזט פילן דער פּראָצעס דעגענעראַציע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לעבן אין פּוילן צו דער צייט פון די צעטיילן און האָט אונטערגעריסן דעם לעבעדיגן יסוד פון דער קהלה. יידן־גבירים האָבן עקספּלואַטירט די אָרימע יידישע אַרבעטס־מאַסע, אַזוי ווי פּוילישע פּריצים האָבן עקספּלואַטירט פּויערים; רבנים האָבן געצויגן צו גבירים, אַזוי ווי פּוילישע גייסטליכע צו פּריצים. די וועלטליכע און גייסטליכע אָליגאַרכיע, וואָס האָט געפירט דאָס רעדל אין די קהלות, האָט געדריקט דאָס פאָלק מיט דעם שטייער־פּרעס, וואָס זי האָט געהאַט אין האַנט: די שווערסטע לאַסט פון מלוכה׳שע און קהלה׳שע שטייערן האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף די אָרימע שיכטן פון פאָלק און האָט זיי רואינירט ביז גאָר; פרנסים און רבנים האָט מען אָפּט געכאַפּט ביי גנב׳ענען קהל׳שע סומעס, ביי שווינדל און שאַנטאַזש. דער יאָך פון דער קהל׳שער אָליגאַרכיע האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז די געדריקטע מאַסן פלעגן זיך אָפּט קלאָגן פאַר דער קריסטליכער אַדמיניסטראַציע, פאַר „ערכאות של גויים״, אויף זייערע הערשער, גישט געקוקט, וואָס די טראַדיציע האָט אַזוינס שטרענג פאַרווערט. פאָרשטייער

פון אַ טייל מינסקער יידישער קהלה, פּשוט׳ע מענשן, דערהויפּט בעלי־מלאכות, האָבּן זיך אין יאָר 1782 געקלאָגט פאַר דעם ליטווישן סקאַרב־טריבּונאַל אויף זייער קהל־פירונג, וואָס האָט „ביז גאָר רואינירט די קהלה״: די קהל׳ס־לייט פאַרלייקענען אַסך איינגעגאַנגענע שטייערן און לייגן דאָס אַריין צו זיך אין טאַש, זיי פּרעסן אויס מיט חרמות שטייערן פון אָרימעלייט און צע׳גנב׳ענען דאָס דאָזיגע בּלוטיגע געלט. די אָנקלאָגער דערציילן נאָך, אַז פאַר זייער פּרוב אויפדעקן דעם שווינדל פון די קהל׳ס־לייט פאַר דער אַדמיניסטראַציע האָבּן די פּרנסים געהייסן זיי אַרעסטירן, פאַרשפּאַרן אין טורמע, דערנאָך שטעלן זיי אין קונע.

אין ווילנע, דער שטאָט פון גאונים און מיוחסים, איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג ביי דער קהל׳שער אָליגאַרכיע גופא. 20 יאָר האָט זיך דאָ געצויגן אַ מחלוקת פון דעם רב ר׳ שמואל אביגדור׳ס מיט קהל, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, פון דעם רב׳ס צד מיט קהל׳ס צד. דעם רב האָט מען אויסגעוואָרפן שוחד־נעמען, שכרות, אומערליכע פּסקים, ניט־האַלטן קיין שבועה און דעמגלייכן. די מחלוקת פון רב מיט קהל איז פריהער געקומען פאַר מענשן און פאַר דעם ליטוויש־רבנ׳ישן ועד, נאָר היות ווי די מחלוקת האָט ניט אויפגעהערט, האָבּן די צדדים זיך געווענדט צום ווילנער וואָיעוואָדע ראַדזיוויל; יענער האָט געגעבּן גערעכט קהל׳ס צד און האָט אָפּגעשאַפט דעם רב (1785). דאָס פּשוט׳ע פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט צווישן די צדדים, האָט אַסך מער פיינט געהאַט קהל פאַר דעם שווינדל און רציחות, וואָס איז בּאמת שוין מער ניט געווען אויסצוהאַלטן. שפּעטער זעהען מיר, ווי איינער שמעון ר׳ וואָלפס, אַ שליח פונם פאָלק, איז געוואָרן אַ קדוש פאַר זיינע אינטערעסן. גע׳רודפ׳ט פונם קהל, האָט ער בּאַקומען ביים קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט אַן „אייזערנעם שוץ־בּריוו״ אויף זיכערקייט פאַר זיך און פאַר זיינע שיקער, וואָס „זיינען רואינירט ביז גאָר איבּער קהל׳ס דעספּאָטיזם״. קהל האָט פונדעסטוועגן אַריינגעלייגט שמעונ׳ען אין חרם און האָט פאַרשריבּן זיין נאָמען אין „שוואַרצן בּוך״. דער וואָיעוואָדע ווידער, וואָס האָט געהאַלטן קהל׳ס צד, האָט פאַרשפּאַרט דעם איינגעשטעלטן פאָלקס־בּאַשיצער אין נעסוויזשער טורמע (1788). דאָרט האָט דער תּפוס אָנגעשריבּן אַ ווענדונג צום פיריאָריגן סיים וועגן גרינדליך רעפאָרמירן דעם יידישן קהלה־שטייגער און אָפּשאַפן קהל׳ס תּקיפות, וואָס שטיקט דאָס פאָלק. דער דאָזיגער שטרייט צווישן קהל, רבנות און דעם איבּעריגן פאָלק האָט שטאַרק אונטערגעריסן די קהלה־אָרגאַניזאַציע אין ליטע אַ קורצע צייט פאַר דעם, איידער די פּראָווינץ איז אַריין אונטער רוסלאַנדס הערשאַפט.

איינער פון די געציילטע פריידענקערישע רבנים פון יענער צייט מאָלט מיט פינסטערע פאַרבּן די פירונג פון דער קהל׳שער אָליגאַרכיע: „די פּני (רבנים און פּרנסים) עסן אויף דעם פאָלקס לאַסטן און טרינקען וויין פאַר שטראָף־געלט. זיי מאַכן די הערכה פון די שטייערן און לייגן אַריין אין חרם (די ניט־פאָל־

גער). זיי נעמען זיך געצאָלט פאַר זייער קהל'שער אַרבעט אָפן און פאַרשטעלט,
ווי זיי קאָנען; פיר איילן וועלן זיי קיין טריט ניט טאָן אָהן שוחד, און די
אָרימע ליידן דעם יאָך... די לומדים חנפ'ענען די גבירים, די רבנים גופא
פאַראַכטן איינער דעם אַנדערן: גמרא־לומדים פאַראַכטן מקובלים, דאָס פאָלק
הערט אוים ביידע צדדים און ס'בלייבט ביי אים, אַז אַלע טויגן אויף כפרות...
די רייכע איז דעם פריצ'ס גנאָד טייערער פאַר דער גוטער מיינונג פון די
בעסטע און ערליכסטע (יידן)... דער גביר באַרימט זיך ניט, אַז אַ למדן האָט
אים כבוד אָפּגעגעבן, ער באַרימט זיך, אַז אַ פריץ האָט אים אַריינגעלאָזט אין
פּאַלאַץ אַריין און אים געוויזן זיינע חפצים...״ די פאַרמעגליכע קלאַסן „האָבן
ליב פוץ״; די פרויען טראָגן האַלז־פּערלען און טוען זיך אָן אין פילפאַר־
ביגע שטאָפן. די ערציהונג אין חדרים און אין ישיבות איז געוואָרן אַלע מאָל
ערגער. פון עלעמענטאַר מענשליך וויסן האָט מען דאָ גאָרניט געטאָרט דער־
מאָנען, דאָ לערנט מען נאָר תורה. דער תלמוד'ישער פּלפול האָט געשאַרפט
דעם מח; היות ווי ער האָט אָבער קיין פּאָזיטיוו וויסן ניט געגעבן, האָט ער
נאָר באַשאַפן דריי־קעפּ; דאָס חסידות האָט אָפּגעריסן פון דער דאָזיגער רבני'־
שער מלוכה אַ היפשן שטיק, נאָר אין בילדונג האָט חסידות נאָך ווייניגער
באַוויזן אויפצוטאָן. חסידות האָט שטאַרק געענדערט די רעליגיעזע און נאַציאָ־
נאַלע שטימונג ביי יידן, אָבער דאָס האָט געשלעפּט דעם יידן צוריק, צו מיסטי־
שער הסתכלות און צו בלינדער אמונה קעגן דעם פאַרשטאַנד און קעגן
יעדער געזעלשאַפטליכער רעפאָרם. אין די 80־ער יאָרן פון דעם 18־טן יאָרהונ־
דערט, בעת ביי יידן אין דייטשלאַנד האָט זיך שוין צעפלאַקערט דער שטרייט
פאַר השכלה, זעהען מיר אין פוילן און אין ליטע אַ פאַר'עקשנ'טע מלחמה
צווישן חסידים און מתנגדים. די דאָזיגע מלחמה האָט פאַרטעמפּט דאָס געפיל
פאַר דעם פּאָליטישן קריזיס, וואָס דער גאַנצער יידישער כלל לעבט איבער אין פוילן,
און האָט פאַרטויבט דעם אויסרוף צו באַנייאונג און רעפאָרמעס, וואָס האָט זיך געלאָזט
הערן פון מערב. ביידע צדדים האָבן מורא פאַר דעם שאָטן פון השכלה. אַ
„בערלינער״ (אַ משכיל) הייסט דאָ אַזוי גוט ווי אַן אפיקורס, ווי אַ פאַרפאַ־
לענער. אַזוינע יונגעלייט, ווי שלמה מיימון, מוזן אַנטלויפן קיין דייטשלאַנד צו
דעם קוואַל פון נייע אידייען, וואָס אין פוילן ליגט אויף זיי אַ שווערער חרם.

§ 10. רוסלאַנד (רייסן).

דער קאַראַנטין, וואָס דאָס אַלטע רוסלאַנד האָט זיך דערמיט פאַרצוימט
אַקעגן „קריסטוס׳ פיינט״, איז דורכגעריסן געוואָרן דורך דעם ערשטן צעטיילן
פוילן אין יאָר 1772. רייסן מיט צוויי הונדערט טויזנט יידן*), וואָס יעקאַטערינע די

*) א בן־דור, בענעט, האלט (אויפן סמך פון אפיציעלע „רייסטערס״), אז אין די צוויי רוי־
סישע גובערניעס זיינען דעמאלט געווען פערציג טויזנט יידישע פאמיליעס. די אפיציעלע פאלקס־

צווייטע האָט אָפּגענומען ביי פּוילן, האָט ווידער מזכּה געווען רוסלאַנד מיט אַ יידנ־פּראַגע, נאָך דעם ווי די קיסרין עליזאַבעטע איז אינגאַנצן פּטור געוואָרן פון יידן. אָט אין דעם מאָמענט איז באַשאַפן געוואָרן דער קערן פון דעם נייעם גרויסן יידישן צענטר אין דער רוסישער אימפּעריע. אויפן גרעניץ פון מאָסקאָוויע האָבן זיך באַוויזן צוויי נייע גובערניעס: מאָהילעווער און פּאָלאָצקער (וויטעבסקער) מיט אַ פּרעמד־נאַציאָנאַלער באַפעלקערונג, מיט אַן אייגענעם שטייגער עקאָנאָמיש און קולטור־לעבן. יעקאַטערינעס רעגירונג האָט גענומען מאַכן עקספּערימענטן מיט דער באַ־פעלקערונג אין רייסן, אמת ניט אַזוי שאַרף, ווי קיניג יוסף II אין גאַליציע. די רוסישע רעגירונג האָט די ערשטע צייט ניט אַזוי שטרענג רעגלאַמענטירט דעם יידישן שטייגער אין אַלע קליינליכע פּרטים, אַזוי ווי מ'האָט דאָס געטאָן אין דייטשלאַנד, אָבער אין דער רוסישער פּאָליטיק האָט זיך אויך געפילט דאָס־זעלבע געמיש פון ליבעראַליזם און רדיפות, ווי אין עסטרייך. יידן האָט מען ער־לויבט זיך פאַרשרייבן פאַר סוחרים און שטעטישע („מעשטשאַנע”) און געניסן די געהעריגע רעכט פונם שטאַנד („סאָסלאָוויע”), אָבער זיי האָבן זיך ניט גע־טאָרט פאַרשרייבן אין די דאָזיגע צוויי שטאַנדן הוץ דעם גבול פון די צוויי רייסישע גובערניעס (1786), ד. ה. יידן האָבן ניט געהאַט קיין וואוינ־רעכט חוץ רייסן. דאָס איז געווען אַ קערן פון דעם קינפטיגן „תחום”. מ'האָט גענומען שטאַרק ברעכן דעם יידישן עקאָנאָמישן שטייגער. מ'האָט געפּרובט אַרויסרייסן די הויפּט־באַשעפטיגונג ביי יידן: די בראָנפן־פאַבריקאַציע און שענקעריי; אין די שטעט האָבן מאַגיסטראַטן באַזייטיגט יידן פון דער דאָזיגער באַשעפטיגונג, אין שטעטלאַך און אין דערפער האָט די רייסישע אַדמיניסטראַציע אויף איר אייגן באַראָט גענומען פאַרווערן פּריצים אָפּגעבן יידן שענקען אין אַרענדע (1783). דער פּועל־יוצא איז געווען — אַ שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס, „טויזנטער פאַ־מיליעס זיינען בדיל־הדל געוואָרן”, אַזוי דערציילט אַ בן־דור. די וויי־געשרייען פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען דערגאַנגען צום סענאַט (1786), דעמאָלט האָט די רעגירונג געהייסן אויפהערן צו רואינירן די געגנט. אַ גרויסן פּלאָנטער האָט די רעגירונג אָנגעמאַכט אין דעם קהלה־לעבן איבער דעם, וואָס זי האָט דאָ געוואָלט דערלאַנגען צוויי פאַרשיידענע צוועקן; דערהאַלטן די אַלטע קהלה צוליב שטייער־צוועקן (1776) און אַקעגן — פאַרבינדן יידן מיט דער שטאָטי־שער זעלבסט־פאַרוואַלטונג (1783); פונקציעס פון צוויי מינים זעלבסט־פאַרוואַל־טונג: אַלגעמיינער און יידישער, האָבן זיך דאָ אויסגעמישט, און איינס האָט געשטערט דעם צווייטן.

אַזאַ אומבאַשטימטע פּאָליטיק, אַ געמיש פון ליבעראַליזם און רעפּרעסיעס, האָט ניט געקאָנט ווירקן צום גוטן אויף דעם וואוילשטאַנד פון דער נייער

ציילונגען אין יעדער גובערניע באזונדער באוויזט אסך וויכציגער, אבער היות ווי די מאסן האבן אין יענע צייט אויסגעמיידט זיך צו פארשרייבן אין די שטייער־רייסטער, דעריבער זיינען די אפי־ציעלע צאלן געוויס נידעריגער פון אמת.

יידישער קאָלאָניע אין רוסלאַנד. זעהר שוועך איז געווען איבערצוטראָגן די קריזיסן פון אַ איבערגאַנגס־צייט — צווישן ערשטן און צווייטן צעטיילן פּוילן. רייסישע יידן זיינען מעכאַניש צוגעבונדן געוואָרן צו אַ ניי לאַנד און אין דערזעלבער צייט זיינען זיי מיט אַן אייזערנער צוים אָפּגעצוימט געוואָרן פון די איבעריגע טיילן לאַנד. די אַלטע מאָסקווער יידן־פּאָליטיק האָט שוין אַרויסגעקוקט פון אונטער דער פּעטערבורגער מאַסקע... און דאָ איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל, גרייט אַריינגעצויגן צו ווערן קיין רוסלאַנד, כמעט אַ מיליאָן יידן פון ליטע, פּאָדאָליע, וואָלין און פון דעם גרעסטן טייל צענטראַל־פּוילן, פון די געגנטן, וואָס זיינען צוגעקומען רוסלאַנד נאָך דעם צווייטן און דריטן צעטיילן פּוילן און דערנאָך אויף דעם ווינער קאָנגרעס (די יאָרן 1793, 1795, 1815).

§ 11. די לענדער אויסער אייראָפּע.

אויסער אייראָפּע האָבן זיך יידן געפונען ענדע 18־טן יאָרהונדערט אויף צוויי עקן פון קולטור: אין ווייטן מערב — אין דער ניי־געגרינדעטער פרייער רעפּובליק פון די אַמעריקאַנישע פאַראייניגטע שטאַטן, און אין די אַזיאַטיש־אַפריקאַנישע מזרח־לענדער, וואָס האָבן געשלומערט אין יאָך פון אַ פאַרצייטיגן פּאַטריאַרכאַלישן דעספּאָטיזם.

אַמעריקע, דאָס יונגע לאַנד, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס באַפרייט פון אייראָפּעם אַפּוטרופּסות, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אייראָפּעם פאָראורטיילן אויך און האָט דערקלערט ביי זיך פרייהייט און גלייכקייט. בעת אין ענגלאַנד זיינען יידן נאָך געווען דערווייטערט פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, פאָרמעל אָפּגעטיילט איבער דעם נוסח פון דער בירגערליכער שבועה: „נאָך דעם אמת'ן גלויבן פון אַ קריסט", — אין דערזעלבער צייט האָט דאָס פאָלק אין די פאַראייניגטע שטאַטן פעסטגעשטעלט אין יאָר 1776 אין דער „דעקלאַראַציע פון פרייהייט" אַ נייעם פרינציפּ: „ביי קיינעם זאָל ניט זיין אָפּגענומען קיין בירגער־רעכט, און קיינער זאָל ניט גע'רודפ'ט ווערן פאַר זיין רעליגיעזער איבערצייגונג". די יידישע קאָלאָניע אין דער נייער רעפּובליק אויף יענער זייט אַטלאַנטישן אוקינוס, וואָס האָט גענאָסן דעם וואויל פון פרייהייט, איז געווען קליין, אָבער דאָ איז געווען דער ערשטער אַקט עמאַנסיפּאַציע, און אָנגעקומען איז ער אָהן אַ שטרייט, נאָר אויפן גרונד פון דעם כלל־פּרינציפּ — בירגערליכע גלייכקייט.

פונקט דעם היפוך זעהען מיר אין די מוסולמענישע מזרח־לענדער, אין די אַלטע נעסטן פון יידישער קולטור. אַזיע איז פאַרגליווערט געוואָרן. נאָך דעם פיבערדיגן ברען פון דער שבתי־צבי־תקופה, זעהען מיר די יידישע מאַסן אין טערקיי ליגן ווי אין הינערפלעט. טרויעריג איז דאָס לעבן אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, וואָס האָט פאַראייניגט אין זיך ברוכשטיקער פון צוויי גרויסע יידישע

קבוצים, דעם אשכנזי׳ישן און דעם ספרדי׳ישן. ביידע שטייען דאָ אָפּגעזונדערט, איין טייל מיט זיין דייטש־יידיש, דער אַנדערער מיט זיין שפּאַניש־יידיש, ביידע קולטורעל פאַרשלאָפן, פּאָליטיש פאַרקנעכטעט, ווי אַלע פעלקער אין דעם טי־ראַנישן לאַנד, אין אַ שטענדיגער שרעק צווישן צוויי פייערן — צווישן איסלאַם און קריסטנטום. אין די צענטערן פון דער אייראָפּעאישער טערקיי, אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל און אין סאַלאָניק, לעבן גרויסע יידישע קהלות אין אַ פרעמדער סביבה פון גריכן און אַרמעניער, וואָס שטרייטן קעגן יידן אין האַנדל. אין דער אַזיאַטישער און אַפריקאַנישער טערקיי געפינען זיך יידן צווישן ראַסן־פאַרוואַנד־טע, אָבער פאַרווילדעטע אַראַבישע מאַסן; זיי דריקט דער דאָפּלטער יאָך פון אַזיאַטישן דעספּאָטיזם און מוסולמענישן פאַנאַטיזם. אין יעדער געגנט אַן איי־גענער סיסטעם אומגעזעץ און תקיפות. יעדער פּאַשאַ האָט דאָ צו זאָגן אויפן לעבן און פאַרמעגן פונם יידן: אַמאָל זוינט ער אים „פריידליך" אויס, נעמט אָפּ דאָס איבעריגע ביי דעם רייכן און רייסט אַרויס דאָס שטיקל ברויט פון מויל ביי דעם אָרימאַן, און אַמאָל באַפאַלט ער גאָר דעם יידישן קוואַר־טאַל און מאַכט אים חרוב. די דערשלאָגענע איבערגעשראָקענע יידישע קהלות פּאַסן זיך צו אין יעדער סאַטראַפּיע צו דעם אָרטיגן רעזשים און שטיקן זיך מיט זייער פּיין אין דער ענגשאַפט פון געטאָ. אין פּאַלעסטינע, וואָס ליגט חרוב און טויט אונטער דער טערקישער הערשאַפט, זעהען מיר טויזנטער חלוקה־יידן, שומרים פון אַלטע חורבות און קברים. ירושלים, חברון, צפת און טבריה — דאָס זיינען די פיר נעסטן פון פרומע קבצנים, וואָס דערנערן זיך מיט נדבות, אָנגעקומענע פון אייראָפּע. פריהער האָבן דאָ געהערשט רבנים און בעלי־קבלה־אַסקעטן, איצט, ענדע 18־טן יאָרהונדערט, באַווייזן זיך די נייע חסידים פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב׳ס שניט, וואָס קומען פון פוילן און רוסלאַנד און ברענגען מיט זיך אַ לעבעדיגערע שטימונג. דאָס איז די „רעפאָרם" אין דער פאַרשלאָפענער וועלט... אויף די ווייטע שטחים אין סיריע, מצרים, בערבעריע (מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר), ציהט זיך אַ קייט יידישע קהלות, שטומע עדות פון אַ לאַנג־פאַר־לאָשענער ציוויליזאַציע, פון גרויסע היסטאָרישע איבערקערענישן. אַ ים ווילדקייט, טיראַניע און פאַנאַטיזם האָט פאַרפלייצט אָט דעם גרויסן פּאַס ביים מיטל־ים, דאָס וויגעלע פון דער יידישער און וועלט־ציוויליזאַציע. דער מזרח שלאָפט ערב דעם שטורמישן 19־טן יאָרהונדערט... שפּעטער וועט אַהער אויך דערלאַנגען דער רעש פון דער קאָכיגער אייראָפּע, און צווישן אַלטע קברים וועלן זיך באַווייזן שפּראָצן פון אַ ניי לעבן.

II. די הויפּט־פּראָצעסן פון דער נייסטער יידישער געשיכטע

§ 12. עמאַנסיפּאַציע און רעאַקציע.

באַטראַכטן מיר די נייסטע יידישע געשיכטע צווישן צוויי דאַטן, 1789 און 1914, צווישן דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער וועלט־מלחמה, אַזוי זעהען מיר דאָ צוויי קייטן פּאַראַלעלע פּראָצעסן. אין דער פּאָליטישער געשיכטע פונם יידישן פּאָלק בייטן איינס דאָס אַנדערע בירגערליכע עמאַנסיפּאַציע (אָדער קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע) און רעאַקציע (אַלגעמיינע, אָדער ספּעציעל אַנטי־יידישע). אין דער קולטור־געשיכטע זעהען מיר צו דעם אייגענעם בייט אָדער שטרייט צווישן אַסימילאַציע און דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. די דאָזיגע צוויי קייטן פּראָצעסן פלעכטן זיך איבער צווישן זיך מיט אַסך פעדים אין דעם לויף פון דער נייסטער געשיכטע, און די גאַנצע תקופה ווערט פאַרבונדן אין איין געזעצמאָסיגער היסטאָרישער עוואָלוציע.

דער טערמין „עמאַנסיפּאַציע", וואָס זאָל הייסן: יידן ווערן לויט אַ געזעץ גלייכבאַרעכטיגט מיט אַלע בירגער אין לאַנד — דער דאָזיגער טערמין שטאַמט פון דער נייסטער צייט. ביי דעם אַלטן רעזשים, ווען יידן זיינען אין יעדער לאַנד געוועזן ניט אַ טייל בירגער, נאָר אַ פרעמדע קאַסטע מיט אַ ביסל קאָנצעסיעס אָדער פּריווילעגיעס פון דער מלוכה, האָט זיך געהאַנדלט פון רעכטן, ניט פון רעכט, ניט פון בירגערליכער גלייכקייט. „עמאַנסיפּאַציע" האָט געקאָנט ווערן אַ פּאָליטישער פאַקט נאָר זינט ס'איז אויפגעקומען די נייע מלוכה, וואָס איז געבויט אויף רעכט, אָנשטאָט דער אַלטער מלוכה, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף שטאַנדן און פּאָליציי. אין אייראָפּע איז דאָס געשעהן: זינט דעם יאָר 1789 אין פראַנקרייך, זינט 1848 און אַנדערע מערב־לענדער; אין רוסלאַנד הויבט זיך דאָס אָן ערשט אין 20־טן יאָרהונדערט *).

*) פון דער דאזיגער סיסטעם עמאנסיפּאציע אויף דעם אייראפּייאישן קאנטינענט דארף מען אפּטיילן ענגלאנד באזונדער, ווייל דער פּאליטישער רעזשים שטייט דא ניט אונטער דער השפעה פון די נייסטע רעוואלוציעס. די יידישע עמאנסיפּאציע איז דא פארגעקומען אויפן וועג פון עוואלוציע און חוץ דעם האט זי א באזונדער רעליגיעזע פארבונג, ענליך צו דער עמאנסיפּאציע פון ענגלענדער־קאטוילן (1829), וואס היסטאריש איז דא פאראן א געוויסע פארבינדונג.

אין קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער זעהען מיר, ווי דער פּראָצעס עמאַנסיפּאַציע מאַכט דורך געוויסע שטאַפּלען. בשעת ס׳ווערט פּראָקלאַמירט אַ נייע קאָנסטיטוציע, איז די עמאַנסיפּאַציע ערשט אַ געמיינטע: מ׳האַלט סתם, אַז יידן זיינען עמאַנסיפּירט, ווייל לאָגיש איז דאָס אַ פּועל־יוצא פון בירגערליכער גלייכקייט, וואָס שטייט געשריבן אין די גרונד־געזעצן (אין דער „דעקלאַראַציע פון רעכט", אין די ערשטע אַרטיקלען פון די אייראָפּייאישע קאָנסטיטוציעס). באַלד שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז דער כלל: בירגערליכע גלייכקייט — איז נאָך ניט גענוג, יידן זאָלן יורידיש ווערן גלייכבאַרעכטיגט. מען טענה׳ט, אַז דער גרונד־געזעץ וועגן גלייכקייט איז ניט חל אויף יידן; אַזוי איז למשל געווען אין פראַנקרייך באַלד ווי די „דעקלאַראַציע פון רעכט" איז פאַרעפנטליכט געוואָרן. דעמאָלט הויבט מען אָן ספּעציעל באַהאַנדלען די יידנפראַגע אין די פּאַרלאַמענטן (אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין די יאָרן 1789־1791; אין דייטשן און אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט אין יאָר 1848). דאָ גייט דאָס צו ניט גאָר גלאַט, אָבער דאָך ווערט יידישע גלייכבאַרעכטיגונג פאָרמעל אָנערקענט; דאָס איז אַ לאָגישע נויט, וואָרום ס׳לאָזט זיך ניט דענקען אַ נייע מלוכה־סיסטעם און דערביי אַלטע קנעכטשאַפט פאַר יידן. אָבער אָט די פאָרמעל סאַנקציאָנירטע יידישע גלייכבאַרעכטיגונג טרעפט אין לעבן צווייערליי מניעות: אָדער די רעאַקציע איז גובר און זי שאַפט אָפּ די גרונד־געזעצן, אָדער די קריסטליכע געזעלשאַפט וויל ניט צושטימען, יידן זאָלן פּאַקטיש זיין גלייכבאַרעכטיגט. אין ערשטן פאַל שאַפט מען אָפּ פאָרמעל יידישע גלייכבאַרעכטיגונג, אין צווייטן פאַל דערלאָזט מען ניט פּאַקטיש יידן אויסנוצן זייער גלייכבאַרעכטיגונג, מ׳שטערט אויף יעדן טריט. די רעגירונגס־רעאַקציעס האַלטן זיך ניט לאַנג, באַלד הויבט זיך אויף אַ נייע כוואַליע פאָלקס־באַוועגונג, די אָפּגעשאַפטע קאָנסטיטוציעס ווערן ווייטער גילטיג, גאַנצערהייט אָדער פאַרשמעלערט, ממילא ווערט ווידער פאָרמעל גילטיג יידישע גלייכבאַרעכטיגונג אויך. אַסך דויערנדיגער זיינען געזעלשאַפטליכע רעאַקציעס, ד. ה. דער קאַמף פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט קעגן פאַרווירקליכן די עמאַנסיפּאַציע, וואָס יורידיש, אויף פּאַפּיר, איז זי שוין אָנערקענט. אַזאַ רעאַקציע זעהען מיר אָפּט צו אין אַ פאָרם פון אַ אָרגאַניזירטער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג (אין די מערב־לענדער). אין אַנדערע ערטער איז די דאָזיגע געזעלשאַפטליכע רעאַקציע אַן ענטפער ניט אויף דער יורידישער עמאַנסיפּאַציע, נאָר אויף דעם קאַמף, וואָס יידן פירן פאַר זייער פרייהייט קעגן דעם אַלטן רעזשים (דייטשלאַנד ביז 1848, און שפּעטער רוסלאַנד).

אויפן גרונד פון די אָנגעמערקטע פּראָצעסן, קאָן מען איינטיילן די נייסטע פּאָליטישע געשיכטע פונם יידישן פאָלק אין אַזוינע תקופות, וואָס בכלל פאַלן זיי אויף די תקופות אין דער נייסטער אייראָפּייאישער געשיכטע:

1) די תקופה פון דער ערשטער פראַנצויזישער

עמאַנסיפּאַציע (1789־1815), ווען פראַנקרייך עמאַנסיפּירט אירע יידן, און די נצחונות פון דער נייער רעפּובליק ברענגען דערצו, אַז אַנדערע לענדער זאָלן אויך עמאַנסיפּירן יידן אָדער פאַרבעסערן זייער בירגערליכע לאַגע (האָלאַנד, אַ טייל איטאַליע און דייטשלאַנד, אין אַ געוויסער מאָס רוסלאַנד אין אָנהויב אַלעקסאַנדר דעם I־טנס רעגירן).

2) די תקופה פון דער ערשטער אַלגעמיין־פּאָליטישער רעאַקציע (1815־1848), ווען, חוץ פראַנקרייך און האָלאַנד, קערט מען זיך ווידער צו דער סיסטעם פון יידישער רעכטלאָזיגקייט גאַר אָדער טיילווייז.

3) די תקופה פון דער צווייטער דייטשער עמאַנסיפּאַציע (1848־1881), ווען דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעזשים אין די לענדער פון דייטשער קולטור ברענגט יידן יורידישע גלייכבאַרעכטיגונג (אָבער ניט אומעטום — פּאַקטישע), און די „צייט פון גרויסע רעפאָרמעס" אין רוסלאַנד וועקט אויף דאָרטיגע יידן צו קעמפן פאַר זייער עמאַנסיפּאַציע.

4) די תקופה פון דער צווייטער, אַנטיסעמיטישער רעאַקציע (1881־1914), ווען אין מערב־אייראָפּע ווערט דער אַנטיסעמיטיזם אַ קראַפט, וואָס דערלאָזט ניט, ס'זאָל פאַקטיש פאַרווירקליכט ווערן יידישע פּאָליטישע און בירגערליכע גלייכבאַרעכטיגונג, און די יידנפרעסעריי אין רוסלאַנד באַשאַפט פאַר דעם גרעסטן יידישן קבוץ אַ רעזשים פון פּאָגראָמען און שענד־ליכסטער קנעכטשאַפט.

§ 13. אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

דער דאָפּלטער אינעווייניגסטער פּראָצעס פון אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלי־זאַציע איז פאַרבונדן מיט דעם דאָפּלטן אויסערליכן פּראָצעס פון עמאַנסיפּאַציע און רעאַקציע. אַסימילאַציע באַטייט, אָדער אַז דער ייד ווערט פאַר־פלייצט אין שטראָם פון אַרומיגער קולטור און פאַרלירט זיין נאַציאָנאַלן קולטור־טיפּ, אָדער אַז דער ייד זאָגט זיך פאָרמעל אָפּ פון זיין נאַציאָנאַל־אייגנס, חוץ אין פרט רעליגיע, און האַלט זיך אַליין אין יעדער לאַנד פאַר אַ גליד פון דער הערשנדיגער נאַציע. אין גרונד פון אַזאַ דענאַציאָנאַליזאַציע שטעקן צוויי סיבות: אַ הומאַניסטישע און אַן אוטיליטאַרע. דאָס ערשטע איז קיין נייס ניט אין דער יידישער געשיכטע, אין פאַרשיידענע צייטן ווירקן גרויסע קולטור־באַוועגונגען אויף יידן אַזוי, אַז אַ טייל הויבט אָן ציהען צו כלל־מענשליכער קולטור, און דאָס וואויגט ביי אים איבער די פאַרבונדנקייט מיט נאַציאָנאַל־אייגענער קולטור. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען אין ארץ־ישראל אין די צייטן, ווען ס'האָט געהערשט די פיניקיער קולטור, דערנאָך די אשור־בבל'שע קולטור; אין גאַנץ פאָדער־אַזיע און אין מצרים (אלכסנדריא) האָבן

מיר דאָס געזעהן בעת ס'האָט געהערשט די גריכיש־רוימישע קולטור, אין שפאַניע און אין די מזרח־לענדער בעת דעם אַראַבישן רענעסאַנס. נאָך הונדערטער יאָרן אָפּגעשלאָסנקייט האָט זיך דאָס אייראָפּייאישע יידנטום אַ וואָרף געטאָן אויף דער אויפקלער־באַוועגונג פונם 18־טן יאָרהונדערט און האָט זיך אונטערגעגעבן דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע. די תּקופה פון מענדעלסאָנען און פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט יידן שטאַרק אָפּגעריסן פון זייער נאַציאָנאַלן צענטר. ס'האָט געהייסן: פון דעם נאַציאָנאַלן צום כּלל־מענשליכן! דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון אַריינציהען יידן אין דער מערב־קולטור, נאָר היות ווי קיין מערב'דיגער כּלל־קולטור איז ניט געווען, נאָר ס'איז געווען אַ פראַנצויזישע, אַ דייטשע קולטור וכדומה, בכלל אַ קולטור, פאַרפאַרבט מיט אַ נאַציאָנאַלן קאָליר, לויט דעם טיפּ, שפּראַך, שול און ליטעראַטור פון דער הערשנדיגער נאַציע, — דעריבער האָבן פאַרשיידענע גרופּעס יידן אין יעדער לאַנד איבערגענומען די נאַציאָנאַלע קולטור פונם לאַנד, ד. ה. זיי האָבן זיך פאַרשמעלצט מיט פראַנצויזן, דייטשן און אַזוי ווייטער. די הומאַניטאַרע באַוועגונג האָט געבראַכט דערצו, וואָס מ'האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יידישן נאַציאָנאַל־אייגנס צוליב דעם נאַציאָנאַל־אייגנס, וואָס הערשט אין דעם יענעם לאַנד אָדער פּראָווינץ.

ווען אַזאַ דערווייטערונגס־פּראָצעס צענטר־אויס (פון צענטר אַוועק) זאָל געווען גיין זיין נאָרמאַלן גאַנג (געהאַט אין אויג שוין די אומנאָרמאַלע לאַגע אין גלות), וואָלט דאָס מיט דער צייט געקומען צו אַ גלייכגעוויכט מיט דעם נאַטירליכן קעגן־פּראָצעס צענטר־איין (צום צענטר צו): די אַסימילאַציע וואָלט טיף אין דער יידישער מאַסע געטראָפן אַ שטאַרק ציהען צוריק צו נאַציאָנאַל־אייגנס. אָבער צו דער הומאַניסטישער סיבּה פון דער אַסימילאַציע האָבן זיך דאָ צוגעוואָרפן אוטיליטאַרע מאָטיוון, תּכלית. אַסימילאַציע האָט מען דאָ אויסגענוצט פאַר אַ געווער אין שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע. די קעגנער פון עמאַנסיפּאַציע צווישן קריסטן האָבן גע'טענה'ט, אַז מ'קאָן ניט בירגערליך גלייכבאַרעכטיגן אַ גרופּע, וואָס האַלט זיך פאַר אַ באַזונדער נאַציע. דער גלח מאָרי האָט אַרויסגעזאָגט נאָך אין 1789־טן יאָר אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אַזאַ געדאַנק: „דאָס וואָרט י י ד איז ניט אַ נאָמען פון אַ סעקטע, דאָס איז אַ נאָמען פון אַ נ אַ צ י ע". דעם דאָזיגן געדאַנק האָבן אויסגענוצט די קעגנער פון עמאַנסיפּאַציע אין אַלע לענדער אין משך פון גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט. די עמאַנסיפּאַציע־פריינד פלעגן דערויף ענטפערן מיט דעם ליבעראַל קלערמאָן־טאָנערס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט אין דערזעלבער זיצונג: „יידן אַלס נאַציע קומט גאָרנישט, אָבער יידן אַלס מענשן קומט אַלץ". געוויינליך פלעגן דעם שטרייט געווינען די עמאַנסיפּאַציע־פריינד: יידן פלעגט מען געבן גלייכבאַרעכטיגונג מיט דעם תּנאַי, אַז זיי זיינען אין לאַנד נאָר אַ באַזונדער רעליגיעזע גרופּע אין דער הערשנדיגער נאַציע, אָבער ניט

קיין באַזונדער נאַציאָנאַלע גרופּע. שפּעטער, שוין נאָך דעם אַקט עמאַנסי־פּאַציע פון יאָר 1791, ווען נאַפּאָלעאָן איז ניט זיכער געווען, ווי האַלטן יידן גופא וועגן זייער נאַציאָנאַל־אייגנס, האָט ער צונויפגערופן אין פּאַריז אַ יידישע דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג פון גאַנץ פראַנקרייך און האָט ביי זיי אַרויסגעריסן אַ דערקלערונג, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון זייער נאַציאָנאַל־אייגנס, מיט אַן אָנשרעק, אַז אַנדערש ווערט ביי זיי אָפּגענומען די גלייכבאַרעכטיגונג. דער פּאַריזער „סנהדרין" (1807) האָט געהאַט אַ ברירה: אָדער זאָגן, אַז יידן זיינען אַ נאַציע ניט נאָר אַ אמונה אַליין, און מיטאַמאָל אָנווערן די בירגערליכע גלייכבאַ־רעכטיגונג אין נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע, אָדער זיך אָפּזאָגן פון זיין נאַציאָנאַל־אייגנס, צוגעבן, אַז יידן זיינען טיילן פון די אַרומיגע מלוכה־נאַציעס, — דעמאָלט זיינען זיי גלייכבאַרעכטיגטע בירגער. גובר געווען האָט תכלית, און מ'האָט געזאָגט: ניין, ניט קיין נאַציע...*)

אַגב, אַסך האָבן דאָס געקאָנט טאָן מיט אַ גוט געוויסן פאַר זיך און פאַר זייערע, וואָרום קולטור־אַסימילירטע יידן אין די מערב־לענדער איז שוין געווען אַסך, און די קולטורעלע אַסימילאַציע האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. איינע פון די וויכטיגסטע סיבות איז דאָ געווען, וואָס דייטשע און עלזאַסישע יידן האָבן פאַרוואָרפן זייער אייגענע שפּראַך (יידיש) און האָבן זיך גענומען פאַר דייטש און פראַנצויזיש; צו דעם האָט געפירט די פּראָפּאַגאַנדע פון מענדעלסאָנס תקופה, און פאַר דעם צוועק האָט מען אפילו תנ"ך איבערגעזעצט אויף דייטש. די מלוכה־שפּראַך האָט פאַרדייטשט, פאַרפראַנצויזישט די יידישע שול, די יידישע פאַמיליע. דער יונגער דור איז שוין אין דער ערציהונג פאַרפרעמדט געוואָרן צו יידן. דריי דורות — „בערלינער סאַלאָן", בערנע און היינע, מאַרקס און לאַסאַל — דאָס זיינען דריי מדרגות, ווען די פאַרפרעמדקייט ווערט אַלץ גרעסער. אמת, צווישן די דאָזיגע דורות זעהען מיר אויך אַזוינע מענשן, ווי פרידלענדער און יאַקאָבסאָן, ריסער און גייגער, וואָס האָבן געוואָלט אויפלעבן און באַנייען דאָס יידנטום. אָבער וואָס האָבן אפילו אַזוינע טוער געזאָגט די אַרומיגע נאַציעס וועגן יידן? זיי האָבן איבערגע'חזר'ט די אַלטע איינרעדעניש פון דעם פּאַריזער סנהדרין'ס צייטן: נאַציאָנאַל געהערן מיר צו די אַרומיגע פעלקער, ס'איז ניטאָ קיין יידישע נאַציע, נאָר ס'זיינען דאָ דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, וואָס האַלטן זיך ביי יידישע אמונה.

*) אין אלע פארלאמענטן צו דער צייט פון דער „ערשטער עמאנסיפאציע", האט מע' יידן געשטעלט א תנאי פאר גלייכבארעכטיגונג: זיי זאלן זיך אפזאגן פון זייער „ספעציעלער פריווילעגיע" פון דער קהלה־אויטאנאמיע און פון נאציאנאל־קולטורעלע אנשטאלטן, חוץ רעליגיעזע. אזא תנאי זעהען מיר אין דעם עמאנסיפאציע־דעקרעט פון יאר 1791 און פראנקרייך (זעה ווייטער § 18). אזא תנאי האבן געשטעלט קריסטליכע און אפילו יידישע שטרייטער פאר עמאנסיפאציע אין האלאנד (די אמסטערדאמער קהלה האט זיך געשטעלט קעגן דעם, § 25); דאס אייגענע זעהען מיר אין איטאליע צו נאפאלעאנס צייטן (§ 26). אנשטאט דער פריהערדיגער ברייטער אויטאנאמיע האט מען יידן געגעבן א סוראגאט — נאפאלעאנס קאנסיסטאר־סיסטעם.

אין אַזוינע דעקלאַראַציעס, וואָס געוויינליך פלעגט מען זיי אויסברענגען אין דעם הייסן קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע, איז דער הומאַניסטישער מאָטיוו געווען אַזוי איינס מיט דעם אוטיליטאַרן צוועק, אַז ס׳איז נישט צו דערקענען, וואו לאָזט זיך אויס איינס, און וואו הויבט זיך אָן דער צווייטער. אין פאַל ווען די קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע זיינען אפילו ניט זיכער געווען, צי איז שוין טאַקע באמת אויס יידישע נאַציע, האָט מען דאָך געמוזט דאָס זאָגן, ווען ניט — קאָן מען דאָך ניט מאָנען קיין גלייכבאַרעכטיגונג און ס׳וועט ניט העלפן מאָנען אויך. מ׳איז נאָך ניט דערוואַקסן צו דעם געדאַנק, אַז אפילו אַ נאַציע אָהן אַ מלוכה און אפילו אָהן אַ טעריטאָריע האָט אויך רעכט מאָנען גלייכבאַרעכטיגונג מיט געוויסע נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט אויך דערצו. אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז נאָך די נאַציאָנאַלע פראַגע ניט רייף געווען אין אייראָפּעס פּאָליטישער געשיכטע; די פראַגע איז ערשט אויפגעקומען שפּעטער נאָך דעם יאָר 1848, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין פאַרשיי־דענע לענדער.

אַ צייט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס 19־טע יאָרהונדערט איז באמת אַ שאַרפער איבערבראָך אין דער יידישער געשיכטע: ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דאָס עלטסטע פאָלק, וואָס איז בייגעשטאַנען זיין קיום קעגן אַלע שטורעמס אין דער וועלט־געשיכטע, האָט ניט אויסגעהאַלטן די כוואַליע פון איין יאָרהונדערט, אַז ס׳האָט נאָכגעגעבן, ס׳האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אייגנס און זיך אַליין דערנידערט צו דער מדרגה פון אַ רעליגיעזער סעקטע, וואָס איז צעטיילט צווישן די אַרומיגע נאַציעס. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז פעלקער האָבן ערנסט גענומען די יידישע דעקלאַראַציעס וועגן זייער „אויס נאַציע״ אַז דער קולטור־קריזיס, וואָס איז פאָרגעקומען אין די מערב־לענדער, וועט נאָכקומען אין מזרח־אייראָפּע אויך. אָבער דער קריזיס האָט געבראָכן, די צווייטע רעאַקציע, וואָס האָט פאַרכאַפּט אייראָפּע אין די לעצטע צעהנדליגער יאָר פון 19־טן יאָרהונדערט, האָט אָפּגעשאַפט דעם פראָצעס פון צעפאַלן־ווערן. אַנטיסעמיטן פון אַלע פעלקער האָבן געזאָגט צו יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן אין קאָן זייער „אויס נאַציאָנאַל״ פאַר עמאַנסיפּאַציע: מיר גלויבן אייך ניט, אַז איר האָט זיך באמת אָפּגעזאָגט פון אייער נאַציאָנאַל־אייגנס; איר זייט אונז פרעמד, אפילו ווען איר זייט זיך מטריח אַסימילירן זיך מיט אונז, איר זייט ניט אַ פרעמדע אמונה אַליין, נאָר אַ פרעמד פאָלק אויך. צוגלייך האָט דער טראַגישער גורל פונם רוסישן יידנטום אומגעקערט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין אַסך אַזוינע, וואָס האָבן דאָס שוין געהאַט פאַרלוירן.

זינט דעם קולטור־קריזיס פון מענדעלסאָנס תקופה און פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע זיינען זיך מזרח־יידן און מערב־יידן צעגאַנגען אויף פאַרשיידענע וועגן. די פריהערדיגע העגעמאָניע פון דייטשיש־פּוילישע יידן, וואָס איר יסוד איז געווען די שאַרפע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנ־

קייט, האָט זיך איצט צעשפּאָלטן: דייטשע יידן האָבן זיך גאָר אָפּגעטרייסלט פון דעם אַלטן יסוד, האָבן איבערגענומען אייראָפּייאישע בילדונג און זיינען פאַרגאַנגען אין אַסימילאַציע; פּוילישע יידן אָבער, וואָס פאַר דער צייט זיינען זיי געוואָרן דערהויפּט רוסלענדער און עסטרייכער בירגער, האָבן דערהאַלטן זייער אייגנס און האָבן זיך ניט גערן נאָכגעגעבן נייע קולטור־ווירקונגען. מערב־אייראָפּייאישע אויפקלערונג האָט זיך דורכגעריסן צו מזרח־אייראָפּייאישע יידן אויך און האָט דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר השכלה, פאַר אַסימילאַציע, פאַר קאַמף וועגן עמאַנסיפּאַציע און אפילו פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט אויך, אַלס אַ מעטאָדע אין דעם עמאַנסיפּאַציע־שטרייט (די תקופה 1860־1881). אָבער איידער נאָך דער דאָזיגער קולטור־קריזיס האָט באַוויזן טיף אַריינדרינגען אין פאָלק, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די רעאַקציע פון 1880־גער יאָרן מיט פּאָגראָמען און מיטלאַלטערישע רדיפות. דער בראָך האָט געטראָפן דעם קערן פון דעם מזרח־יידנטום אין אַ צייט, ווען איינמאָל האָט זיך נאָך אין דער טיף ביי אים ניט אויסגעשעפּט דער אַלטער רעזערוו פון נאַציאָנאַלער ענערגיע און ווען צווייטנס האָט זיך אין די אויבערשטע אינטעליגענטישע קרייזן אָנגעקליבן אַ געוויסע סאָציאַלע ענערגיע, וואָס האָט געשטופּט קעמפן פאַר פרייהייט. אַ קאָמבינאַציע פון די דאָזיגע צוויי עלעמענטן האָט באַשאַפן אַ נייע העכערע פאָרם קאַמף פאַר קיום: אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וואָס דאָס מערב־אייראָפּייאישע יידנטום האָט דאָס ניט געקענט.

די נייע באַוועגונג האָט זיך צעצווייגט אויף צוויי ריכטונגען: איין וועג פירט ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל אויסצוטיילן דאָס יידישע פאָלק אָדער אַ טייל פאָלק פונם גלות אַרויס און איבערבויען דאָס פאָלקסלעבן אויף נייע אויטאָנאָם־טעריטאָריאַלע יסודות (ציוניזם, טעריטאָריאַליזם); די אַנדערע ריכטונג זעהט ניט, אַז אַזאַ מין טעריטאָריאַל אויסטיילן יידן זאָל קאָנען ווירקן אויפן גאַנצן לעבן פונם פאָלק, זי שטרעבט צו אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל־ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר אויפלעבונג פונם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער גופא, דאָס פאָלק זאָל דאָ קעמפן גלייכצייטיג פאַר זיינע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכט. ביידע שיטות זיינען מסכים, אַז יידן דאַרפן קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג אַלס גלידער פון איין אַלוועלטליכער יידישער נאַציע, ניט אַלס טיילן פון פרעמדע נאַציעס. צו דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 האָט זיך די נייע באַוועגונג באַשאַפן איר פּאָליטישע פּלאַטפאָרם: דער רוב יידישע פּאַרטייען האָט געפירט דעם קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע אונטער אַ יידיש־נאַציאָנאַלער פאָן. ווען די פרייהייטס־באַוועגונג וואָלט ניט צעקלאַפּט געוואָרן, מחמת די רוסישע ווירקליכקייט האָט קיין פרייען רעזשים ניט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָלט שוין דעמאָלט געווען געקומען צו דער „דריטער עמאַנסיפּאַציע“ — דער רוס־לענדישער: עמאַנסיפּאַציע וואָלטן געקראָגן ניט יידן אונטער אַ רוסישער מאַסקע, נאָר טאַקע די מיליאָנען רוסישע בירגער פון יידישער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט.

ס׳איז אָבער באַשערט געווען, אַז די דאָזיגע דריטע עמאַנסיפּאַציע זאָל ווערן אָפּגערוקט ביז דער רוסישער מערץ־רעוואָלוציע פון יאָר 1917, אָבער אַלע אירע דערגרייכונגען זיינען אינגיכן אומגעקומען אין די שרעקנס פונם בירגער־קריג אין חרוב־געוואָרענעם רוסלאַנד.

דער אינעווייניגסטער קריזיס איז שוין געווען פאַרענדיגט נאָך לאַנג פאַר דער וועלט־מלחמה. שוין דעמאָלט זעהען מיר, ווי מערב־יידן האָבן אָנגעוואוירן זייער השפּעה אויף דעם מזרח־צענטר; פאַרקערט, דער דאָזיגער צענטר געווינט אַלץ מער השפּעה אויף מערב־יידן. די אַסימילאַציע טרעט אָפּ די בכורה דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. די אַסימילאַציע איז געווען דער זיכערער סימן פאַרן 19־טן יאָרהונדערט; ס׳איז צו האָפן, אַז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג וועט זיין דער סימן פאַרן 20־טן.

די תקופה
פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע

(1815—1789)

קאַפּיטל I

די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין פראַנקרייך

§ 14. דער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיגונג אויפן גרונד פון דער רעכטס־דעקלאַראַציע.

אין יענעם היסטאָרישן פריה־זומער פון יאָר 1789, ווען אין פּאַריז האָבן זיך פאַרזאַמלט די גענעראַל־שטאַטן, וואָס נאָכדעם איז פון זיי געוואָרן די גרינדנדיגע נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, האָבן פראַנצויזישע יידן פאַרשטאַנען, אַז די פרייע כוואַליע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין לאַנד, קאָן זיי אויך אויפהויבן פון טיפער קנעכטשאַפט. די יידישע מאַסן, וואָס זיינען געווען באַזייטיגט בכלל פונם בירגערליכן לעבן, האָבן ניט געקאָנט מיטזיין אין דער געזעלשאַפטליכער באַוועגונג בשעת די וואַלן פון פאָלקס־פאָרשטייער: קיין דעפּוטאַטן האָבן זיי ניט געקליבן, און האָבן ניט געהאַט דורך וועמען אַרויסצוזאָגן זייערע פאָדערונגען. נאָר אַ גרופּע נאַטוראַליזירטע יידן אין דרום־פראַנקרייך, די „פּאָרטוגעזן" אָדער ספרדים, האָבן זיך ווי עס איז באַטייליגט אין וואַל־קאַמף. אין באָרדאָ זיינען עטליכע יידן אַריינגעפאַלן פאַר וואַל־מענער, איינעם זייערן (דוד גראַדיס) האָט סך־הכל געפעלט עטליכע שטימען צו ווערן דעפּוטאַט. אָבער די יידישע טוער אין די צפון־פּראָווינצן האָבן זיך אויף זייער שטייגער געגרייט ביישטיין זייערע רעכט. אגב, גרייטן האָט מען זיך באַדאַרפט קעגן אַן אָנפאַל אויך, וואָרום אין אַסך ראַיאָנען אין יידישן „תחום", עלזאַס און לאָטאַרינגען, האָבן די קריסטליכע ווײלער פון די העכערע צוויי שטאַנדן געגעבן זייערע דעפּוטאַטן יידנפיינטליכע אינסטרוקציעס. די גייסטליכע אין די פּאַראַפיעס קאָלמאַר און שלעטשטאָט האָבן געוואָלט האָבן, אַז אין יעדער יידישער פאַמיליע זאָל מעגן התונה האָבן נאָר דער עלטסטער זון, כדי „דאָס דאָזיגע פאָלק זאָל זיך ניט צו פיל מערן". די דאָרטיגע פריצים האָבן געהאַלטן, אַז דער עצם קיום פון יידן „איז אַן אומגליק פאַרן כלל". די שטאָט שטראַסבורג איז באַשטאַנען אויף איר אַלטער „פּריווילעגיע", זי זאָל מעגן ניט אַריינלאָזן יידן אין אירע גרעניצן. אַזוינע שטיק טרעפן זיך אין די אינסטרוקציעס, וואָס מ'האָט געגעבן די דעפּוטאַטן פונם

דריטן שטאַנד אויך. אין פאַריז און אין איינִיגע קולטור־צענטערן (מעץ) האָט מען די דעפּוטאַטן פאַרזאָגט „זיך אומקוקן אויף דער יידישער לאַגע” און באַשטיין, מ׳זאָל זיי געבן גלייכע רעכט; אָבער אין עלזאַס האָט אפילו דער דריטער שטאַנד געפאָדערט, מ׳זאָל ניט דערלאָזן, יידן זאָלן זיך מערן, מ׳זאָל באַגרעניצן זייערע פּראָפעסיעס, דערהויפּט זייערע קרעדיט־געשעפטן; מ׳האָט אפילו געפאָדערט אָפּצושאַפן באַזונדערע קהלות בײַ יידן. בכלל האָט דאָס רוב עלזאַסער געגאַרט — ערב רעוואָלוציע — צו דעם שטרענגן רעגלאַמענט פון יאָר 1784 (§ 6) נאָך אין אַ פאַרגרעסערטער אויפלאַגע.

יידישע טוער אין עלזאַס און אין לאָטאַרינגען האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט. נאָך לאַנגע השתדלות׳ן האָט דער „אויבער־שתדלן” בײַ עלזאַסישע יידן סערף־בער גע׳פּועל׳ט בײַ נעקערס רעגירונג, מ׳זאָל לאָזן צוזאַמענרופן אַ דעלעגאַטן־צונויפפאָר פון יידישע קהלות אין דריי פּראָווינצן (עלזאַס, לאָטאַרינגען און מעץ), וואָס זאָל דערלאַנגען דער רעגירונג זייערע פאַרלאַנגען. די דעלעגאַטן זיינען זיך צונויפגעקומען אין מאַי 1789, ווען די גענעראַל־שטאַטן האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט. מ׳האָט אויסגעאַרבעט אַ צעטל באַשיידענע פאָדערונגען, ניט אָפּצושאַפן גאָר די יידישע רעכטלאָזיגקייט — דערפון האָט מען תחלת אפילו ניט געחלומ׳ט — נאָר גרינגער צו מאַכן דעם יאָך . . . אָבער די זומערדיגע געשעהענישן פון יענעם גרויסאַרטיגן יאָר, וואָס האָבן געמאַכט אַ נייע פּאָליטישע תקופה אין פראַנקריך, האָבן די יידנפראַגע אויך אַנדערש אַוועקגעשטעלט.

די יולי־טעג האָבן געבראַכט יידן סיי פרייד, סיי לייד. יידן אין פאַריז האָבן דערזעהן די באַסטיליע צעשמעטערט, דעם דעספּאָטיזם דערנידערט, דאָס פאָלק אויבן־אָן. געטאָ־יידן, וואָס נעכטן נאָך האָבן זיי געציטערט פאַר יעדן פּאָליציסט, וואָס האָט געקאָנט יעדן יידן „אָהן רעכט” אַרויסטרייבן פון פאַריז, זיינען געוואָרן מיטאַמאָל אַנדערע, דער עלעקטרישער שטראָם, וואָס איז דורכגעגאַנגען גאַנץ פראַנקרייך, האָט זיי אויך דורכגענומען. אין פאַריז זיינען אַסך יידן אַריין אין דער פריי־אַרמיי — אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, דאָס אייגענע אויך אין באָרדאָ . . . אָבער גראָד אין יענער צייט (ענדע יולי) האָבן זיך פון עלזאַס געלאָזט הערן ביטערע נייסן: בעת די אַגראַר־אומרוהען קעגן די פּריצים, זיינען פּויערים אין די דערפער באַפאַלן יידישע הייזער. צערייצט פון דער הונדערטער־יאָריגער קנעכטשאַפט בײַ פעאָדאַלן און גייסטליכע, האָבן פּויערים גענומען מיט האַרץ צינדן און רויבן פּריץ׳ישע הייזער און מאַיאָנטקעס, פאַראיינוועגס יידישע הייזער אויך, דערהויפּט צו פאַרניכטן וועקסלען און געשעפטסביכער בײַ די מלווים. יידן, וואָס פּריצים האָבן זיי מיט די פיס געטרעטן, זיינען געוואָרן, ווי איין היסטאָריקער זאָגט, חברים אין צרות מיט זייערע באַדריקער. אַריבער טויזנט יידן זיינען אַנטלאָפן, איבערגעלאָזט זייער פאַרמעגן אויף רויבערס באַראָט; אויף אַ צייט האָבן זיי געפונען אַ מקום־מנוחה אין באַזעל, אין דער שווייץ.

די וויי־געשרייען פון עלזאסער יידן האבן דערלאנגט צו דער נאציאנאל־פארזאמלונג. אבאט גרעגואר, א גלח — א פרייזיניגער, וואס האט זיך א צוועק גענומען, „יידן זאלן באפרייט ווערן פונם יאך, האט דער ערשטער אויפגעהויבן זיין שטים פאר די געפייניגטע. אלס דעפוטאט פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג, וואס האט נאך פאר דער רעוואלוציע געהאט אנגעשריבן א פייערדיגע אפאלאגיע פאר יידן, האט ער געזאלט ארויסטרעטן אין דער פארזאמלונג מיט א רעדע פאר גלייכבארעכטיגן יידן; איצט אבער, ווען ער האט דערהערט פון די עלזאסער פאגראמען, איז ער ארויף אויף דער טריבונע פאדערן שוץ און זיכערקייט פאר יידיש לעבן און גוטס. די פארזאמלונג האט מיט סימפאטיע אויסגעהערט דעם אבאטס היציגע רעדע (דעם 3־טן אויגוסט) און איז איבערגעגאנגען צום טאג־סדר. די פארזאמלונג האט זיך ניט געקאנט לענגער פארהאלטן אויף א זאך, וואס ביי איר איז דאס געווען ניט מער ווי א פרט אין דער אגראר־באוועגונג, אין א צייט, ווען זי האט זיך געקליבן צו פארענטפערן די גרויסע פראבלעם — אפצושאפן די פריי־ווילעגיעס פון די פריצים און צו באפרייען די פויערים. אונטער דער ווירקונג פון דעם מעכטיגן פאלקס־פראטעסט קעגן פעאדאליזם האט די נאציאנאל־פארזאמלונג אין יענער נאכט (פונם 3־טן אויפן 4־טן אויגוסט) אינגאנצן אפגעשאפט דעם פעאדאל־קנעכטישן רעזשים.

צו דער יידנפראגע איז מען אין דער נאציאנאל־פארזאמלונג דאס ערשטע מאל צוגעקומען, בעת מ׳האט באטראכט פונקטנווייז „די דעקלאראציע פון א מענשנס און א בירגערס רעכט״. דעם 22־טן אויגוסט האט די פארזאמלונג באהאנדלט דעם פונקט „וועגן גלויבנס־פרייהייט״ אין דעפוטאט קאסטעלאנס נוסח: „קיינער זאל ניט גע׳רודפ׳ט ווערן פאר זיינע רעליגיעזע מיינונגען״. די קאנסערוואטיווע דעפוטאטן האבן געוואלט האבן, די קאטוילישע רעליגיע זאל הייסן די אפיציעלע, און דערביי האבן זיי פארשפראכן „טאלעראנץ״ פאר אנדערע אמונות. דא האט זיך אויף דער טריבונע באוויזן מ י ר א ב א, און אויפגעבראכטער: „א מ ל ו כ ה ־ ר ע ל י ג י ע! — האט ער א געשריי געטאן: — זאל אין אונזער געזעץ מער ניט גערעדט ווערן דאס דאזיגע טיראנישע ווארט! ווארום וועט איר דערלאזן אזא צונאמען צו רעליגיע, וועט איר אזוינס מוזן דערלאזן ווייטער אויך, אומעטום! וועט איר האבן: א מלוכה־קולט, א מלוכה־פילאזאפיע, מלוכה־סיסטעמען. ניין! הערשן זאל נאר די גערעכטיגקייט אליין. דער העכסטער פרינציפ — איז דער מענש און זיין רעכט און ד ע ם פרינציפ זאל אלצדינג אונטערטעניג זיין״. צו מיראבא׳ן איז אויך צוגעשטאנען ראבא סענט־עטיען, א פראטעסטאנטישער פאסטאר. זיין רעדע וועגן רעכט פאר פראטעסטאנטן האט ער פארענדיגט מיט אזוינע ווערטער: „פאר פראנצויזן־פראטעסטאנטן, פאר אלע ניט־קאטוילן אין אונזער לאנד מאן איך דאס, וואס איר ווילט האבן פאר זיך: פרייהייט און גלייכע רעכט! איך מאן דאס פאר יענעם פאלק אויך, וואס האט זיך אפגעריסן פון זיין ערד אין אזיע, וואס בלאנקעט ארום, ווערט געיאגט

און געפּלאָגט שוין 18 יאָרהונדערטן, וואָס וואָלט זיכער איבערגענומען אונזער פּירונג און אונזער שטייגער, ווען אונזער געזעץ זאָל דאָס פאָלק דערנעהענטערן צו אונז. מיר וואַגן ניט אויסוואַרפן דעם דאָזיגן פאָלק זיינע מאָראַלישע פעלער, וואָרום אַזוי ווי ער איז איצט, קומט דאָס צו אים פון אונזער ווילדקייט און פון דער שענדליכער לאַגע, אין וועלכע מיר האָבן אים מיט אומרעכט געשטעלט". נאָך אַ לאַנגן וויכּוח איז דער פונקט 10 פון דער דעקלאַראַציע אָנגענומען געוואָרן (23 אויגוסט) אין אַזאַ רעדאַקציע: „קיינער זאָל גיט גע'רודפ'ט ווערן פאַר זיינע מיינונגען, פאַר רעליגיעזע אויך ניט, אויב זיי שטערן ניט דער געזעצליכער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג". ווען נאָך דעם דאָזיגן פונקט וואָלט מען גלייך פעסטגעשטעלט אַלע פּראַקטישע אויספירן, וואָס שטעקן אין אים, וואָלט די פראַגע וועגן גלייכע רעכט פאַר יידן געווען פאַרענטפערט באַלד, אויפן גרונד פון דער דעקלאַראַציע. די פאַרזאַמלונג האָט דאָס אָבער ניט געטאָן. גרינגער איז צו פועל'ן ביי מענשן אָנערקענען אַ טעאָרעטישן אמת, איידער באַקומען אַ הסכּם פּראַקטיש דעם אמת צו פאַרווענדן. די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט גענומען באַהאַנדלען די ווייטערדיגע פונקטן פון דער דעקלאַראַציע, דערנאָך האָט זי זיך פאַרנומען מיט באַטראַכטן די קאָנסטיטוציע. דער רעש פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם, וואָס האָט זיך אַלע ווילע אַריינגעריסן אין זאַל צו די פאָלקס־פאַרטרעטער, האָט זיי אָפּגעווענדט פון פּראַקטישע פראַגן, פון גרעסערע אפילו, איידער די יידנפראַגע. דער לעצטער איז נאָך באַשערט געווען דורכצומאַכן אַ וויטן פאַראומערטן וועג.

די פאַרעפנטליכטע דעקלאַראַציע און דאָס ערשטע פריינדליכע וואָרט פאַר יידן אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָבן דערוועקט אַ גרויסע פרייד ביי די יידישע טוער. איצט האָבן זיי שוין געקאָנט דרייסטער טאָן זייער זאַך, וואָס זיי האָבן זיך געהאַט אָנגעמערקט: ווירקן פון דרויסן אויפן פאַרלאַמענט מיט פעטיציעס און דעפּוטאַציעס. דעם 26־טן אויגוסט האָבן פאַריזער יידן דערלאַנגט דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אַן אַדרעס, גע'חתמ'עט דערהויפּט פון די פאָרשטייער פון ספרד'ישער קהלה. אַנציקט פון די „גרויסאַרטיגע אַקטן פון גערעכטיגקייט" מצד דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג און אויסדריקנדיג אַ האָפנונג, אַז די דאָזיגע אַקטן וועלן האָבן צו זאָגן אויפן יידישן גורל אויך, בעטן די מחברים פון דער פעטיציע, די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג זאָל ספּעציעל דערמאָנען אין אירע דעקרעטן דאָס יידישע פאָלק, און זאָל מיט איר „אויטאָריטעט באַנייען יידישע בירגער־רעכט, כּדי ס'זאָל אין דעם פּרט קיין ספקות ניט זיין, און כּדי די אַלטע רדיפות זאָלן ניט זיין ביי אייניגע קיין תּירוץ אויף צו דריקן יידן ווייטער". אין עטליכע טאָג אַרום איז אָנגעקומען אַן ענליכע פעטיציע פון די „פאַראייניגטע יידישע דעפּוטאַציעס" פון עלזאַס און לאָטאַרינגען, וואָס תּחלת האָבן זיי בדעה געהאַט בעטן ניט מער, מ'זאָל יידן עטוואָס פאַרגרינגערן. איצט האָבן זיי שוין גערעדט אַנדערש. די רעוואָלוציע — אַזוי שרייבן זיי אין זייער פעטיציע — האָט פעסטגעשטעלט די רעכט פון אַ מענשן און פון אַ בירגער:

איז דען מיגליך, אַז נאָר מיר, יידן, אַליין זאָלן ניט אַריין אין כּלל? נאָך עד־היום רודפֿ׳ט מען אונז, און די לעצטע צייט, ווען „דעם פֿאָלקס צאָרן האָט זיך געזוכט קרבּנות“, האָט ער זיך אויסגעגאָסן אויף אונז. וואָרום דאָס פֿאָלק איז זיכער און ווייס זיכער זיין, אַז פֿאַר אַ יידן גילט דער געזעץ נישט, ביז זיין גלייכבּאַרעכטיגונג וועט ניט מפורסם ווערן אין אַ פֿייערליכן דעקרעט. פֿאַרשיידן, און ניט צופֿעליג, איז דער נוסח פֿון די צוויי פּעטיציעס: די פֿאַריזער מאָנען גלייכבּאַרעכטיגונג און זיי פֿאַרזיכערן, אַז זיי זיינען גרייט „זיך אָפּזאָגן פֿון דער פּריווילעגיע צו האָבן אייגענע פֿירער, אויסגעוויילט פֿון אונז און באַשטעטיגט פֿון דער רעגירונג“, ד. ה. זיי זאָגן זיך אָפּ פֿון אַן אַ אויטאָנאָמער קהלה־פֿירונג. אַקעגן אָבער די עלזאַסער בּעטן זעהר אין זייער פּעטיציע „דערהאַלטן אונזער סינאַגאָגע (קהלה), אונזערע רבּנים, אונזערע פֿאָרשטייער“ און ניט אָנרירן די אייגענע קהלה־פֿירונג, וואָס אָהן איר וועלן די אינעווייניגסטע קהלה־ענינים געשטערט ווערן. בּכן זעהען מיר, ווי די אויבערשטע שיכטן, וואָס זיינען אָפּגעריסן פֿונם פֿאָלק, קוים דערשמעקט גלייכבּאַרעכטיגונג, טרייסלען זיך אָפּ פֿון זייער קולטור־אויטאָנאָמיע, בּעת די געדיכטע מאַסן לייגן ניט פֿאָר קיין שענדליכע הנחות פֿאַר גלייכבּאַרעכטיגונג . . . אין דער זיצונג פֿון 3־טן סעפּטעמבּער זיינען בּיידע פּעטיציעס געקומען פֿאַר דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג. אַבּאַט גרעגואַר האָט געבּעטן אַ וואָרט מיט דעם מיין צו רעדן פֿאַר יידישער גלייכבּאַרעכטיגונג, די פֿאַרזאַמלונג האָט אָבער געהאַט אַנדערע וויכטיגע פֿראַגן, ניט אָפּצולייגן, האָט זי איבּערגעגעבּן די יידישע פּעטיציעס אַ קאָמיסיע צו בּאַטראַכטן.

דערווייל האָבּן זיך פֿון דערפֿער און שטעט אין עלזאַס און אין לאָטאַרינגען געלאָזט הערן קלאָגן פֿון רואינירטע יידישע פֿאַמיליעס. די פּאָגראָם־עפּידעמיע האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט; אין איינגע ערטער האָבּן די צערייצטע מאַסן געריסן דעכער פֿון יידישע הייזער, געשאָסן אין שולן און געשראָקן מיט געשלעג און רציחות. דאָס קיניגליכע מיליטער האָט זיך ניט שטאַרק אָנגענומען פֿאַר יידן. דעם 26־טן סעפּטעמבּער האָבּן דעפּוטאַטן גרעגואַר און קלערמאָן־טאָנער געפֿאָדערט בּיי דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג איבּעררייסן די שטייענדיגע פֿראַגן, כּדי אָנצונעמען מיטלען קעגן פּאָגראָמען. „ס׳קומט בּאַלד יום־כּפּור, — האָט קלערמאָן געזאָגט — און יידן אין די שולן האָבּן ניט קיין שום שוץ קעגן דעם צערייצטן המון, פֿון יידישע שולן קאָן נאָך ווערן אַ יידישער בּית־עולם“. בּיידע דעפּוטאַטן האָבּן געפֿאָדערט, מ׳זאָל בּאַלד זעהן ווירקן אויף דער עלזאַסער אַדמיניסטראַציע. די פֿאַרזאַמלונג האָט אַרויסגעזאָגט איר אויפֿגעבּראַכטקייט קעגן עלזאַסער רציחות און האָט איבּערגעגעבּן דעם פֿאָרזיצער דעמעניע בּאַלד אָנשרייבּן אַ צירקולאַר צו דער עלזאַסער אַדמיניסטראַציע, זי זאָל אָננעמען עקסטראַמיטלען צו פֿאַרהיטן יידיש לעבּן און גוטס; דער פֿאָרזיצער זאָל אויך בּעטן דעם קיניג שטיצן דעם בּאַפֿעל „מיט גאָר זיין אויטאָריטעט“.

אַ געהויבּענע סצענע איז פֿאָרגעקומען אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג אין

אָונט דעם 14־טן אָקטאָבער, עטליכע טעג נאָך דעם, ווי די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך גלייך מיט דעם קיניג איבערגעקליבן פֿון ווערסאַל קיין פּאַריז. אַבאַט גרעגואַר מעלדעט דער פֿאַרזאַמלונג, אַז אַ דעפּוטאַציע פֿון עלזאַסער און לאָטארינגער יידן וואַרט שוין לאַנג צו קומען פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג, און ער בעט, מ'זאָל זי באַלד אויפֿנעמען. מ'הייסט אַריינלאָזן די יידישע דעפּוטאַציע. אויבן אָן אין דער דעפּוטאַציע איז בער־יצחק בער, אַ געוויסער יידישע טוער, גרעגואַרס אַ פֿריינד און אַ לאַנדסמאַן. בער ווענדעט זיך צו דער פֿאַרזאַמלונג מיט אַ ציטערדיגער שטים אַזוי: „מיינע הערן! אין נאָמען פֿון דעם אייביגן באַשעפֿער פֿון יעדן אמת און גערעכטיגקייט, וואָס ער האָט געגעבן מענשן גלייכע רעכט און האָט זיי פֿאַרזאָגט גלייכע פֿליכטן; אין נאָמען פֿון דער מענשהייט, וואָס ווערט דערנידערט שוין אַסך יאָרהונדערטן איבער דעם שענדליך באַהאַנדלען יידן, די יורשים פֿון דעם עלטסטן פֿאָלק — פֿאַרשווערן מיר אייך: קוקט זיך אום אויף אונזער ביטערער לאַגע! אומעטום יאָגט מען אונז, מ'באַליידיגט אונז, און דאָך זיינען מיר אומעטום אונטערטעניג און געהאָרכזאַם; אַלע פֿעלקער טראָגן אויף יידן אַ האַס און אַ פֿאַראַכטונג, בעת מיר האָבן פֿאַרדינט טאָלעראַנץ און מיטלייד. איצט ווענדן מיר זיך צו אייך און האָפֿן, אַז אין דער וויכטיגער אַרבעט, וואָס איר זייט פֿאַרטאָן דערינען, וועט איר די יידן אויך ניט פֿאַרגעסן, איר וועט אויסהערן זייער מעלדונג, מיט וועלכער זיי קומען צו אייך פֿון דער טיף פֿון זייער דערנידערונג. מיר ווילן ניט אָפּנעמען ביי אייך קיין איבעריגע צייט אַריינצוגיין אין די פּרטים פֿון אונזערע פֿאָדערונגען, וואָס זיי זיינען און ווי גערעכט זיי זיינען: דאָס אַלץ וועט איר געפֿינען אין די מעמאָראַנדומס, וואָס מיר האָבן דעם כבוד אייך צו דערלאַנגען. ס'איז געווענדט אָן אייך, אַז מיר זאָלן ניט דאַרפֿן מער אויסשטיין די ביטערע לאַגע, וואָס ביז איצט. זאָל צעריסן ווערן דער שענדליכער צווישן־שייד, וואָס האָט אונז אַזוי לאַנג אָפּגעטיילט פֿון אַ וועלט! זאָלן מענשן דערקענען אין אונז זייערע ברידער! זאָל פֿאַר אונז אויך גילטן די געטליכע ליבשאַפֿט צו מענשן, וואָס איר האַלט זי אַזוי טייער! זאָלן גרינדליך רעפֿאָרמירט ווערן אַלע שענדליכע אינסטיטוציעס, וואָס מאַכן אונז צו קנעכט, און זאָל די דאָזיגע רעפֿאָרם, וואָס ביז היינט האָבן מיר אומזיסט אויף איר אַרויסגעקוקט און וואָס איצט ווילן מיר זי אויסבעטן ביי אייך מיט טרערן אין די אויגן, זאָל די דאָזיגע רעפֿאָרם זיין א י י ע ר גנאָד, א י י ע ר אויפֿטו!".

מיט גרויס ערנסט האָט זיך די פֿאַרזאַמלונג צוגעהערט צו דעם יידישן פֿאַרטרעטער. אַסך זיינען געווען גערירט. שלוחים פֿון דער אייביג־געפּלאָגטער נאַציע זיינען דאָ געשטאַנען פֿאַר דער קריסטליכער געזעלשאַפֿט און האָבן זיך געבעטן גערעכטיגקייט. אַ ברידערליכן פֿאַרבונד, געבעטן פֿאַרגעסן די טויזנטיאָריגע פֿיינטשאַפֿט, און אַליין האָבן זיי פֿאַרשפּראָכן פֿאַרגעסן די היסטאָרישע עוולות... ווען בער האָט געענדיגט רעדן, איז אויפֿגעשטאַנען דער פֿאָרזיצער

פּרעטאָ און האָט זיך געווענדט צו דער יידישער דעפּוטאַציע מיט אַזוינע רייד: „די פאַרזאַמלונג קאָן ניט אויסהערן גלייכגילטיג די געהויבענע מאָטיוון, וואָס איר ברענגט דאָ צו רעכטפאַרטיגן אייערע פאָדערונגען. די פאַר־זאַמלונג וועט זיך צוהערן צו אייער פּעטיציע און וועט זיך שעצן גליקליך, אויב זי וועט קאָנען פאַרשאַפן אייערע ברידער רוהע און גליק. דערווייל קאָנט איר איבערגעבן די דאָזיגע מעלדונג אייערע שיקער". דעם פּרעזידענטס ענטפער האָט אַרויסגערופן הילכיגע אַפּלאָדיסמענטן. אויף גרעגואַרס פאָרשלאָג האָט מען די יידישע דעפּוטאַציע געלאָזט בלייבן אין זאַל ביז סוף זיצונג, אַלס סימן פון אַ אויסטערישן כבוד און אויסצייכענונג.

צו דער צייט האָט אַבאַט גרעגואַר אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער בראָשור זיין יידנפריינדליכע רעדע, וואָס ער האָט זי ניט באַוויזן אויסצוברענגען אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, ווייל די פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעלייגט צו באַטראַכטן די יידישע פּעטיציעס (Motion en faveur des juifs). ער ענדיגט זיין אַפּאָ־לאָגיע מיט אַזאַ אויסרוף צו די פאָלקס־פאַרטרעטער: „פופציג טויזנט פראַנצויזן זיינען היינט אויפגעשטאַנען קנעכט, ס'איז אָן אייך געווענדט, אַז זיי זאָלן זיך לייגן שלאָפן פרייע מענשן!".

§ 15. די דעבאַטן אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועגן אַקטיווע בירגער־רעכט פאַר יידן.

אונטער דעם איינדרוק פון דעם פייערליכן אויפנעם דעם 14־טן אָקטאָבר האָבן זיך פראַנצויזישע יידן אַ שטיקל צייט געפילט אין אַ געהויבענער שטימונג. זיי האָט אויסגעוויזן, אַז זייער האַרץ־געשריי וועגן גלייכקייט און ברו־דערשאַפט איז אַריין אין האַרצן יענע מענשן, וואָס האָבן נאָר־וואָס געשטימט פאַר די געהויבענע געבאָטן פון דער „דעקלאַראַציע". די אָפּטימיסטן האָבן זיך געוואָלט איינרעדן, אַז דעם פאָרזיצערס פריינדליכער ענטפער שטימט מיט דער מיינונג פון דער גאָרער פאַרזאַמלונג און אַז זי וועט זיך באמת „שעצן גליק־ליך, אויב זי וועט קאָנען פאַרשאַפן יידן רוהע און גליק". די פּראַקטיק האָט אָבער באַלד איבערגעפירט דעם זיסן חלום. ווען די יידנפראַגע איז אַראָפּ פון די פּרינציפּן־הימלען אויף דער זינדיגער ערד, איז קלאָר געוואָרן, אַז גאָר ניט אַלע גלידער פון דער פאַרזאַמלונג האַלטן, אַז די „דעקלאַראַציע" האָט שוין אָנגעוויזן דעם ענטפער אויף דער פראַגע. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די רעאַק־ציאָנערע קלעריקאַלע דעפּוטאַטן פון דער פּאַרטיי „שוואַרצע" האַלטן זיך נאָך שטאַרק פאַר יידן־קנעכטשאַפט, פאַר יידישער בירגערליכער אומגלייכקייט און זיי ווילן אַזוי גרינג ניט נאָכגעבן. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אַדל און די גייסטליכע, וואָס זיינען דורכגעווייקט דורך און דורך מיט זייערע אַלט־

פאַרצייטיגע פאָראורטיילן, זיינען ניט פעהיג האַלטן פאָליטיש גלייך צו זיך אַזוינע מענשן, וואָס זיי זיינען געוויינט צו באַהאַנדלען אַזוי ווי קנעכט.

די יידנפראַגע איז געקומען אויפן סדר פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם 21־טן דעצעמבר 1789, בעת מ׳האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון „אַקטיווע בירגער־רעכט“, ד. ה. ווער האָט רעכט צו קלייבן און זיין אויסגעקליבן אויף אַדמיניסטראַטיווע און מוניציפאַלע שטעלעס. די ליבעראַלן האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז די „אַקטיווע בירגער־רעכט“ זאָלן גילטן פאַר ניט־קאַטוילן אויך, דערהויפט האָבן זיי דאָ אין זינען געהאַט פראָטעסטאַנטן. דעמאָלט האָבן די קאָנסערוואַטאָרן געפאָדערט, אַז מ׳זאָל פאַראיינוועגס שטעלן די פראַגע וועגן „אַקטיווע בירגער־רעכט“ פאַר פערזאָנען פון נידעריגע פראָפעסיעס: קאָמעדיאַנטן און תלינים; דער מיין איז געווען דעם גאַנצן פראָעקט איבערצופירן. קלערמאָן־טאָנער, אַ ליבעראַלער דעפוטאַט, האָט זיך ניט איבערגעשראָקן און האָט גלייך פאָרגעלייגט אַזאַ רעדאַקציע: „די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג באַשליסט, אַז קיין אַקטיווער בירגער, וואָס איז יוצא אַלע תנאים פון דעם וואַל־געזעץ, טאָר ניט אויסגעשלאָסן ווערן פונם צעטל אויסגעקליבענע, ס׳טאָר ביי אים אויך ניט אָפגענומען ווערן דאָס רעכט צו פאַרנעמען געזעלשאַפטליכע שטעלעס איבער זיין פראָפעסיע אָדער גלויבן“. דאָ איז אויפגעקומען די פראַגע וועגן אָנווענדן דעם געזעץ אויף יידן. רעוובעל, אַ עלזאַסער דעפוטאַט, אַ פאַרברענטער יידנפיינט, האָט דערויף געזאָגט: „איך האַלט וועגן יידן אַזוי ווי זיי אַליין האַלטן וועגן זיך: זיי האַלטן זיך ניט פאַר קיין בירגער. אין דעם זין קאָן איך מסכים זיין צו קלערמאָנס רעדאַקציע, וואָרום ווען ער זאָגט „אַקטיווער בירגער“, איז דערמיט גופא שליסט ער אויס יידן פון דעם געזעץ, וואָס ער לייגט פאָר“. דערויף האָט קלערמאָן־טאָנער געענטפערט מיט ווערדע, אַז יידן, וואָס זיינען יוצא די פאָרמעלע פאָדערונגען פונם געזעץ, רעכנט ער אויך אין כלל אַקטיווע בירגער. אין דער פאַרזאַמלונג איז געוואָרן אַ רעש און אַן אויפרעגונג, מ׳האָט געמוזט אָפלייגן די דעבאַטן אויף אַן אַנדער זיצונג.

אויף מאָרגן איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פאַרזאַמלונג גייט קנאַפּ אָן סיי די פראַגע וועגן פראָטעסטאַנטן, וואָס וועט זיכער פאַרענטפערט ווערן פאָזיטיוו, סיי דער חוזק־אויפטו וועגן קאָמעדיאַנטן און תלינים: די הויפטזאַך איז דער שטרייט וועגן פאָליטישע רעכט פאַר יידן. די דאָזיגע פראַגע איז געווען אַ פּרוב פאַר ביידע פאַרטייען, ליבעראַלן און רעאַקציאָנערן. די פירער פון דער ליבעראַלער פאַרטיי האָבן געמוזט באַווייזן אין דער פראַקטיק, אַז זיי האַלטן טריי די „דעקלאַראַציע“, די קאָנסערוואַטאָרן ווידער האָבן ניט געקאָנט דערלאָזן אַזאַ „געפאַר“, ווי פאָליטיש גלייכבאַרעכטיגן יידן, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ טויט פאַר זייער גאַנצער סיסטעם. דעם 23־טן דעצעמבר האָבן זיך געלאָזט הערן אין דער פאַרזאַמלונג אַזוינע היציגע וויכּוחים, וואָס אַזוינס איז געווען זעלטן אפילו אין דעם דאָזיגן

שטורעמדיגן פּאַרלאַמענט. קלערמאָן־טאָנער האָט אין זײַן רעדע מאָטיווירט דעם געזעץ און האָט זיך אַסך פאַרהאַלטן אויף דער ייִדנפראַגע: „איר, זאָגט ער, האָט שוין אײנמאָל אײער מײן געוויזן, בעת איר האָט אין דער „דעקלאַראַציע" דערקלערט, אַז קײנער זאָל ניט גע׳רודפ׳ט ווערן אפילו פאַר זײַנע רעליגיעזע מײנונגען. אָבער צי טוט איר דען ניט פאַרקערט, צי איז דאָס ניט קײן וויכטיגער באַגרעניץ פאַר בירגער, ווען מ׳וויל בײַ זײ אָפּנעמען די טײַערסטע רעכט (אַקטיווע בירגער־רעכט) נאָר פאַר זײערע מײנונגען אַלײן? דער געזעץ קאָן ניט האָבן צו שאַפן אויף יענעמס גלויבן, ער האָט קײן מאַכט ניט אויף זײַן נשמה; דער געזעץ האָט צו זאָגן נאָר אויף דעם מענשנס טאָן און דאַרף דאָס שיצן, ווען דאָס טאָן שאָדט ניט דער געזעלשאַפט. גאָט האָט געוואָלט האָבן, אַז מענשן זאָלן זיך גלײַכן אין מאָראַלישע פּרינציפּן, און ער האָט אונז געלאָזט באַשאַפן מאָראַלישע געזעצן, אָבער דאָגמאַטישע געזעצן און דעם מענשנס געוויסן האָט ער געלאָזט פאַר זיך. לאָזט זשע דעם מענשנס געוויסן פרײַ זײַן! זאָל ניט זײַן קײן פאַרברעך, ווי אַזוי אײנער דענקט און פילט אין גאָטס־זאַכן; די געזעלשאַפט דאַרף זיך דאָ ניט אַרײַנמישן און שטראָפן דערמיט, וואָס זי נעמט אָפּ בײַ אײנעם זײַנע סאָציאַלע רעכט. אויב דאָס איז ניט אַזוי, זאָגט אָפן, אַז איר האָט אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע, גיט איר אַ שווערד אין האַנט און צערײַסט אײער „דעקלאַראַציע"! יעדע רעליגיע דאַרף צושטעלן נאָר אײן מין ערבות — אַז זי איז מאָראַליש ציכטיג. ווען ס׳זאָל זיך געפינען אַ רעליגיע, וואָס זי זאָל האַלטן פון גנבה און אונטערצינדן, וואָלט מען בײַ אירע אָנהענגער געדאַרפט ניט נאָר אָפּנעמען וואַלרעכט, נאָר פשוט פאַרטרײַבן זײ פונם לאַנד. וועגן יודאַאיזם קאָנט איר אַזוינס ניט זאָגן. ייִדן וואַרפט מען אויף אַסך זאַכן. די וויכטיגסטע טענות זײַנען אומגערעכט, די איבעריגע זײַנען קלײניגקײטן. מ׳טענה׳ט, ייִדן זײַנען וואָכערניקעס; איר מוזט אָבער מודה זײַן, אַז מענשן, וואָס זײער גאַנץ פאַרמעגן שטעקט אין געלט, האָבן קײן אַנדער ברירה ניט, נאָר לעבן פון דעם געלט; און ווער האָט דען געשטערט ייִדן, זײ זאָלן מעגן האָבן אַנדער פאַרמעגן, אַז ניט איר?... ייִדן אַלס נ אַ צ י ע קומט גאָרנישט, אָבער ייִדן־מ ע נ ש ן קומט אַלץ. מ׳טענה׳ט, כלמר׳שט ווילן זײ אַלײן ניט זײַן קײן בירגער; זאָלן זײ דאָס זאָגן — וועט מען זײ אַרויסטרײַבן, ווײַל ס׳קאָן ניט געמאָלט זײַן אײן נאַציע אין דער אַנדערער... אָבער אין זײער פּעטיציע בעטן זײ גראָד, אַז מ׳זאָל זײ האַלטן פאַר בירגער. דער געזעץ מוז זײ צו׳פסק׳ענען דעם דאָזיגן נאָמען (בירגער), וואָס נאָר דער פאָראורטײל האָט דאָס געקאָנט בײַ זײ אָפּנעמען".

קלערמאָן־טאָנערן האָט שאַרף אָפּגעענטפערט אַ ב אַ ט מ אָ ר י, דער בעסטער רײדער פון דעם רעכטן פליגל, אַ „מאַן מיט אַ שאַרפן שכל, נאָר מאָראַליש אַ חשוד׳יגער" (אַלאַר). אַ וואָלטעריאַנער אין האַרצן, אַ מענש, וואָס האָט געקאָנט מאַכן חנ׳דלאַך דער רעוואָלוציע, האָט מאָרי זיך אײנגעשטעלט פאַר „קרוין און קירך" מיט אַ חשוד׳יגן ברען, ניט געקאַרגט קײן אומרײנע פאַ־

לעמישע גענג. דער דאָזיגער „שוואַרצער" אַבאַט איז געווען דער היפּוך פון דעם „רויטן" אַבאַט גרעגואַר, דעם אײדעלן קעמפּער פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיגונג. מאָרי האָט אין זיין אָנפאַל אויף יידן אויסגענוצט קלערמאָן־טאָנערס כאַראַקטע־ריסטיש וואָרט, אַז יידן־מענשן קומט אַלץ, יידן אַלס נאַציע — גאָרנישט. אויף דעם פונקט האָט מאָרי געבויט זיין גאַנצן אויספיר, אַז דעם יידן טאָר מען גאָר קיין רעכט ניט געבן, וואָרום דער מענש איז ביי אים פאַרבונדן מיט דער נאַציע, ניט אויסצוטיילן. „קודם־כל, זאָגט מאָרי, דאַרף איך באַמערקן, אַז דאָס וואָרט „ייד" איז ניט קיין נאָמען פון קיין סעקטע, דאָס איז אַ נאָמען פון אַ נאַציע, וואָס האָט זיך אירע געזעצן, האָט זיך תמיד געהאַלטן ביי אירע געזעצן, און וויל זיי אויף ווייטער אויך האַלטן. זאָגן, אַז יידן זיינען בירגער (פראַנצויזישע), הייסט אַזוי גוט, ווי מיר זאָלן זאָגן, אַז ענגלענדער אָדער דענער, וואָס האָבן זיך ניט נאַטוראַליזירט און וואָס האַלטן זיך פאַר ענגלענדער אָדער דענער, אַז זיי זיינען פראַנצויזן . . . יידן האָבן דורכגעמאַכט 17 יאָרהונדערטן און האָבן זיך ניט אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער; זיי האָבן קיין אַנדער באַשעפטיגונג ניט געהאַט, חוץ געלט־געשעפטן. שוויים פון קריסטן־קנעכט באַוועסערט די פעלדער, וואו ס'וואַקסט יידישע רייכקייט: יידן טרעפן זייער פעלד פאַרזייט, און זייער אַרבעט איז ניט מער ווי וואויגן דוקאַטן און אויסרעכענען, וויפיל נאָך קאָן מען צאַפּן פון די דאָזיגע מטבעות און דערביי אויסמיידן אַ שטראָף . . . אין עלזאַס האָבן זיי אין די הענט היפּאָטעקן אויף נחלאות אין אַ באַטרעף פון צוועלף מיליאָן. אין אַ חודש אַרום קאָנען זיי ווערן בעלי־בתים איבער אַ האַל־בער פראָווינץ, אין צעהן יאָר אַרום וועט זי אינגאַנצן זיין ביי זיי אין די הענט, עלזאַס וועט ווערן אַ יידישע קאָלאָניע. דאָס פאָלק טראָגט אַ האַס אויף יידן, און דער וואוקס פון יידישער רייכקייט וועט ברענגען צו אַן אויפרייס. נישט אויסצומיידן. פאַר די יידן אַליין לוינט גאָר ניט, מ'זאָל רעדן דערפון. יידן דאַרף מען ניט רודפ'ן, זיי זיינען מענשן, הייסט דאָס, אונזערע ברידער, און דער זאָל פאַר־שאָלטן ווערן, ווער ס'וואָלט זיך איינגעשטעלט רעדן פאַר אומטאָלעראַנץ! קיינער זאָל ניט גע'רודפ'ט ווערן פאַר זיינע רעליגיעזע מיינונגען. דעם פּרינציפּ האָט איר פעסטגעשטעלט, דערמיט גופא גאַראַנטירט איר יידן די גרעסטע שוץ. זאָלן זיי זשע געשיצט זיין אַזוי ווי מענשן בכלל, אָבער ניט ווי פראַנצויזן, וואָרום קיין בירגער קאָנען זיי ניט זיין".

אין פאַרלאַמענט און אויסער דעם פאַרלאַמענט האָבן אַסך באַמערקט, ווי אַזוי אַבאַט מאָרי האָט אין זיין רעדע געפעלשט פאַקטן פון יידישער געשיכטע און איצטיק לעבן. דער „זשורנאַל דע פאַריז" האָט אויף מאָרגן אויפגעדעקט אין אַ לאַנגן אַרטיקל די פאַקטישע פעלער אין מאָרים רעדע; וועגן זיינע לעצטע ווערטער „שוץ פאַר יידן" דריקט זיך אויס דער „זשורנאַל" אַזוי: „מענשן דאַרפן ניט שיצן איינער דעם אַנדערן, אַזאַ שוץ שמעקט מיט טיראַניע. נאָר דער געזעץ אַליין שיצט אַלעמען, אָהן אויסנאַם, אָבער דער געזעץ איז ניט מער ווי

אַ גוואַלד־אַקט, אויב די, וואָס דאַרפן אים פּאָלגן, זיינען ניט דערביי געווען, ווען מ׳האָט אים אויסגעאַרבעט". די פּרעסע האָט אויך ווי געהעריג אָפּגעשאַצט מאָרים סאָפיזם, אַז יידן דאַרפן אייביג בלייבן אויסלענדער, ווייל ביז איצט זיינען זיי ניט נאַטוראַליזירט אין פראַנקרייך, ד. ה. אַז מען דאַרף ווייטער דריקן, ווייל מ׳האָט דאָס געטאָן אַזוי ביז איצט. יענע צייט האָט זיך אָבער ניט געקאָנט געפינען קיין איינער צווישן יידנפריינד, וואָס זאָל האָבן מוט צו זאָגן, אַז אויב יידן זיינען אַ נאַציע, ניט קיין סעקטע (רעליגיעזע גרופּע), ווי מאָרי האָט דאָס ריכטיג אויסגעטייטשט, איז דערפון נאָר געדרונגען, אַז מ׳דאַרף יידן געבן נאַציאָנאַלע רעכט אויך, חוץ בירגער־רעכט. אַזאַ טערמין (נאַציאָנאַלע רעכט) איז גאָר ניט געווען אין ווערטערבוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי האָט פאַרשטאַנען גלייכבאַרעכטיגונג פאַר שטאַנדן, קלאַסן, רעליגיעזע גרופּעס, אָבער ניט פאַר נאַציאָנאַלע גרופּעס. דער ליבעראַליזם האָט דאָס אויסגעדריקט מיט קלערמאָן־טאָנערס מויל: „יידן־מענשן קומט אַלץ, יידן אַלס נאַציע — גאָרנישט". דאָס הייסט, אַז יידן שטעלט מען אַ תּנאַי פאַר אַקטיווע בירגער־רעכט, זיי זאָלן זיך אינגאַנצן אַסימילירן.

דעם אַבאַט מאָרי האָט אָפּגעענטפערט ראָבעספּיער, דאַמאָלס נאָך נישט פון די ערשטע טוער אין דער רעוואָלוציע. אין זיין קורצער רעדע האָט ער געזאָגט אַזוי: „ווענן יידן האָט מען אונז דאָ אָנגערעדט שטאַרקע גוזמאות און אָפּט קעגן דעם היסטאָרישן אמת. יידישע חסרונות קומען צו זיי פון דעם שענדליכן צושטאַנד, וואָס מיר האָבן זיי פאַרשאַפט. זיי וועלן ווערן וואויל, ווען זיי וועלן איינזעהן, אַז ס׳לוינט . . . איך האַלט, אַז מ׳טאָר ביי קיינעם ניט אָפּנעמען די הייליגע רעכט, וואָס ס׳קומט אים אַלס מענשן. דאָס איז ניט קיין פּרט־ נאָר אַ כּלל־פראַגע, און פאַרענטפערן דאַרף מען די פראַגע ווי דער פּרינציפּ הייסט".

ראָבעספּיער האָט ווידער געשטעלט די יידנפראַגע פּרינציפּיעל לויט דער „דעקלאַראַציע פון רעכט". דאָס האָט ניט געלוינט די יידנקעגנער, צווישן וועלכע איז געווען דער בישאָף לאַפאַר פון נאַנסי. האָבנדיג איין דעה מיט דעם אַבאַט מאָרי און מיט דעם יידנפרעסער רעוובעל, האָט ער דאָך ניט געקאָנט, איבער זיין הויכער שטעלונג, אָנקומען צו אַזוינע פּאָלעמישע גענג, ווי יענע האָבן זיך דאָס געקאָנט פאַרגינען. ער האָט געמוזט באַ׳טעמ׳ען זיין רעדע מיט שמן־זית פון דער הייליגער קירך. „יידן, זאָגט ער, זיינען אויסגעשטאַנען אַסך עוולות, וואָס מיר דאַרפן זעהן פאַרגלעטן. מ׳מוז אָבשאַפן די געזעצן פון אַזאַ געזעצגעבער, וואָס האָט פאַרגעסן, אַז יידן זיינען מענשן, און אומגליקליכע מענשן דערצו. מ׳מוז זיי געבן שוץ, זיכערקייט, פרייהייט. צי קאָן מען אָבער אַרייננעמען אין משפּחה אַ פרעמד פאָלק, וואָס זיין קוק איז שטענדיג געווענדט צו אַן אייגענער היים, וואָס גאַרט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואו עס געפינט זיך איצט? . . . וויל מען זיין גערעכט, מוז מען זאָגן, אַז יידן האָבן

פֿיל נוצן געבראַכט דעם לאַנד לאָטאַרינגען, דערהויפּט דער שטאָט נאַנסי. נישט תמיד קאָן מען אָבער האַנדלען ווי מ׳וויל: מיר האָבן מיינע ווײַלער פֿאַרזאָגט, אַז אין אַזאַ פֿאַל זאָל איך זיך שטעלן אַקעגן (קעגן אַקטיווע בירגער־רעכט פֿאַר יידן). מיין פּראָטעסט איז פֿון די יידנס טובה וועגן גופא. בײַם פֿאָלק זײַנען זיי אַ גרויל; אין עלזאַס, ווי נאָר אַ פֿאָלקס־באַוועגונג, זײַנען זיי די ערשטע כּפּרה. מיט פֿיר חדשים צוריק האָט מען זיך אין נאַנסי געוואָלט נעמען פֿאַר זייערע הייזער. איך בין געקומען צום אָרט און האָב געפֿרעגט: וואָס האָט איר צו יידן? האָבן מיר אייניגע דערקלערט, אַז יידן קויפֿן אויס דאָס ברויט; אַנדערע האָבן זיך געקלאָגט, אַז יידן מערן זיך צו פֿיל, קויפֿן אויס די שענסטע הייזער און גאָר אינגיכן וועט די גאַנצע שטאָט זײַן זייערע. איינער פֿון די אויפֿגערייצטע האָט נאָך צוגעגעבן: „יאָ, הייליגער פֿאָטער, ווען איר זאָלט פֿון אונז אַוועקגיין, קאָן נאָך געמאָלט זײַן, מיר זאָלן האָבן אַ יידן אַ בישאָף אויך; אַזוי קינציג האָבן זיי אַלץ פֿאַרכאַפּט אין די הענט". ווען ס׳זאָל אַרויס אַ דעקרעט, אַז יידן ווערן גלײַכבאַרעכטיגטע בירגער, וואָלט ער פֿאַרשאַפֿט גרויסע אומרוהען . . . איך לייג פֿאָר: מאַכן אַ קאָמיטעט און אים הייסן איבערזעהן די גאַנצע געזעצגעבונג וועגן יידן".

אויף רעוובעלס און בישאָף לאַפֿאַרס שרעקן מיט יידישע פּאָגראָמען, באַם מ׳וועט זיי גלײַכבאַרעכטיגן, האָט אַ פּאַריזער צײַטונג זעהר צוגעטראָפֿן אָפּגעענטפֿערט: „מערקווירדיג, וואָס מ׳פֿאַררופֿט זיך אויף איין עוולה, כּדי צו באַווייזן, אַז איבער דעם מוז מען באַגיין אַ צווייטע. צי דען דאַרף דער געזעץ זײַן אַ שטענדיגער מיטהעלפֿער בײַם פֿאַרברעכערישן פֿאַנאַטיזם און ווילדע איינרעדענישן"? דאָס איז אויך געווען דיופּאָרס מיינונג, איינעם פֿון די אָנגעזעהענסטע פֿירער פֿון דער ליבעראַלער קאָנסטיטוציאָנעלער פּאַרטיי, וואָס אים איז באַשערט געווען שפּעטער ברענגען צום גמר די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין פֿראַנקרייך. אָפּענטפֿערנדיג דעם נאַנסיער בישאָף, האָט ער געזאָגט: דער געזעץ דאַרף זײַן די פֿאַרקערפּערונג פֿון שטרענגער גערעכטיגקייט. אויב געוווינהייטן און זיטן פֿון פֿאָלק שטימען ניט מיטן געזעץ, דאַרף דער געזעץ זיי איבערציהען אויף זײַן צד, „סוף כּל סוף וועלן זיך די זיטן אויסשטימען מיטן געזעץ". דיופּאָר האָט פֿאָרגעלייגט אַ נייע רעדאַקציע פֿאַרן געזעץ; אין זײַן רעדאַקציע ווערט נאָר פֿעסטגעשטעלט דער פּרינציפּ פֿון גלײַכקייט: „בײַ אַ פֿראַנצויז טאָר ניט אָפּגענומען ווערן קיין אַקטיווע בירגער־רעכט, סיידן איבער די טעמים, וואָס ווערן געבראַכט אין די דעקרעטן פֿון דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג". דיופּאָרס רעדאַקציע איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן מיט אַ מערהייט סך־הכּל פֿון 5 שטימען (408 קעגן 403).

אויף מאָרגן דעם 24 דעצעמבער האָבן זיך די דעבאַטן ווײַטער געצויגן; הערצאָג בראָלי האָט דעמאָלט פֿאָרגעלייגט אַ פּשרה: אָננעמען דיופּאָרס רעדאַקציע בכלל, נאָר אויסגערעדט, אַז וועגן יידן ווערט די פֿראַגע אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער צײַט. ביידע צדדים האָבן זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דעם פֿאָרשלאָג:

די רעכטע האָבן געוואָלט געווינען צייט, כּדי דערווייל פאַרהאַלטן די „סכּנה פון גלייכבאַרעכטיגונג“ פאַר יידן, וואָס רעוובעל האָט דאָס אַזוי אָפן אויסגעטייטשט מיט זיין געוויינליכן ציניזם. די ליבעראַלן ווידער זיינען איינגעגאַנגען אויף אָפּלייגן דערפאַר, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט איבער דער יידנפראַגע דורכפאַלן גאָר מיט דיופאָרס רעדאַקציע, וואָס איז אויסן געווען דערהויפּט פּראָטעסטאַנטן. מיראַבאָ אפילו איז אויך איינגעגאַנגען דערויף, ווייל „די פראַגע איז נאָך ניט קלאָר גענוג“. דער פירער פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט מסתמא געמיינט, אַז דאָס איז ניט אויף לאַנג און אַז רעכט און פרייהייט וועלן איניגיכן גובר זיין; ער האָט ניט פאָרגעזעהן, אַז ער וועט שטאַרבן, נישט דערוואַרטנדיג זיך יידישע עמאַנסיפּאַציע . . . דער באַשלוס פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג הייסט אַזוי: ניט־קאַטוילן באַקומען אַקטיווע און פאַסיווע וואַלרעכט און רעכט אויף מלוכה־אַמטן מיט קאַטוילן גלייך, „פאַר יידן ווערט ניט איינגעפירט קיין נייס, ווענן זיי וועט נאָך אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג זיין אַ רייד באַזונדער“.

אין דעם רעש פון די דעבאַטן האָט מען פאַרגעסן אַזאַ זאַך: ס׳האָט געהייסן, אַז אָפּגעלייגט האָט מען נאָר די פראַגע וועגן „אַקטיווע בירגער־רעכט“ פאַר יידן, ד. ה. וועגן גאָרע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט; באמת אָבער האָט מען אָפּגעלייגט די גאַנצע יידן־פראַגע, ד. ה. די פראַגע וועגן עלעמענטאַרע רעכט פאַר יידן, וואָס קענן דעם האָט ניט געשטרייט אפילו די מעסיג־רעכטע אָפּאָזיציע. מיר האָבן שוין געזעהן, ווי אַבאַט מאָרי און בישאָף לאַפאַר זיינען איינגעגאַנגען דערויף, אַז דער געזעץ דאַרף „שיצן יידן אַלס מענשן“ און אַז אַסך זאַכן פון דער אַלטער יידנפיינט־ליכער געזעצגעבונג דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן, אָבער אין דעם באַשלוס פון דער פאַר־זאַמלונג שטייט, אַז „ס׳ווערט ניט איינגעפירט ק י י ן נייס פאַר יידן“, ד. ה. יידן בלייבן ביי זייער אַלטער רעכטלאָזיגקייט. צוויי מאָל, הייסט דאָס, האָט די פאַרזאַמלונג אָפּגעלייגט די יידנפראַגע: דעם 23 אויגוסט, בעת מ׳האָט געשטימט די דעקלאַראַציע פון מענשן־ און בירגער־רעכט“, און דעם 24 דעצעמבער, בעת מ׳האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אַקטיווע בירגער־רעכט.

§ 16. ספרד׳ישער סעפּאַראַטיזם און בירגער־רעכט פאַר ספרד׳ישע יידן.

דער באַשלוס פון 24־טן דעצעמבער האָט שטאַרק פאַראומערט יידן. באַגייסטערט מיט די ערשטע אידעעלע שטרעמונגען פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיי געמיינט, אַז די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועט באַלד אַ סוף מאַכן צו דער יידנפראַגע, אַזוי, ווי די „דעקלאַראַציע פון מענשן־ און בירגער־רעכט“ האָט אָנגעמערקט. דערנאָך אָבער האָבן זיי געמוזט איינזעהן, אַז מיט דער דעקלאַראַציע קאָנען יידן אויך בלייבן אָהן רעכט, אָהן „מענשן־רעכט“ אפילו, פון „בירגער־רעכט“ שוין ניט צו רעדן. זיי האָבן געמוזט אויסהערן אין דעם גרויסן טריבונאַל פאַר

פֿרייהייט די אַלטע שטים פֿון רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן האַס, די שטים פֿון די „שוואַרצע‟, וואָס האָט פֿאַרהילכט די צורופֿן פֿון די עמאַנסיפּאַציע־פֿריינד. דאָס איז געווען אַ מאָראַלישער בראָך פֿאַר דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק, ניט אַליין פֿאַר דעם קליינעם טייל יידן אין פֿראַנקרייך. אַזוי האָבן דאָס אויפֿגענומען די נאַציאָנאַל־געשטימטע „דייטשע‟ אָדער עלזאַסער יידן, ד. ה. די גערדיקטע מער הייט פֿונם יידישן קבוץ אין לאַנד. גאָר אַנדערש האָט זיך דערצו פֿאַרהאַלטן אַ קליינער פּריווילעגירטער טייל ספרד'ישע יידן פֿון בּאָרדאָ, וואָס האָט זיך שוין אָנגעמאָסטן דעם טיטל „פּראַנצויזן פֿון משה־רבינו'ס גלויבן‟. זיי האָבן אָפּגעשאַצט די מפּלה ניט פֿון נאַציאָנאַלן, נאָר פֿון זייער גרופּן־שטאַנדפּונקט. זיי, די ספרדים פֿון בּאָרדאָ, האָבן זיך שוין פֿון לאַנג אָן געהאַלטן פֿאַר דער יידישער אַריסטאָקראַטיע; זיי האָבן שוין רעכט פֿון נאַטוראַליזירטע אין דרום־פֿראַנקרייך, ד. ה. „פּאַסיווע בּירגער־רעכט‟, זיי האָבן שוין געהאַלטן נאָהענט צו „אַקטיווע בּירגער־רעכט‟ בעת די וואַלן צו די „גענעראַל־שטאַטן‟ (זעה § 14); און דאָ האָט מען זיי, די מיוחסים, מיטאַמאָל פֿאַררעכנט אין איין צעטל מיט די שלים־מזל'דיגע „דייטשע‟ יידן, וואָס האָבן אפֿילו ניט קיין עלעמענטאַרע בּירגער־רעכט און האַלטן זיך נאָך פֿאַר זייער נאַציאָנאַלער אָפּגעשלאָסנקייט‟! די בּאָרדאָער יידן האָט ניט אַזוי פֿאַרדראָסן די דערנידערונג פֿון דעם רוב יידן, ווי דער קלאַפּ פֿאַר דער אַמבּיציע און פֿאַר די אינטערעסן פֿון זייער אייגענער גרופּע, און זיי האָבן גע'פּועל'ט בּיי זיך צו בּאַגיין אַ שענדליכן אַקט: זיך אויסטיילן פֿונם כּלל יידן.*)

ווי נאָר די רעזאָלוציע פֿונם 24 דעצעמבּער איז פֿאַרעפֿנטליכט געוואָרן, האָבן די בּאָרדאָער יידן זיך געווענדט צו דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג מיט אַ פּראָטעסט־פּעטיציע (דעם 31 דעצעמבּער 1789). זיי האָבן דערמאָנט דער פֿאַרזאַמלונג, אַז „פּאָרטוגעזישע‟ יידן אין דרום־פֿראַנקרייך האָבן פֿון לאַנג אָן זוכה געווען בּירגער־רעכט לויט קיניגליכע „פּאַטענטן‟, אַז צו פֿולער גלייכבּאַרעכטיגונג פֿעלט זיי נאָר אַ סאַנקציע אויף „אַקטיווע בּירגער־רעכט‟. דעריבּער זיינען זיי, בּאָרדאָער יידן, בּאַליידיגט, וואָס אין דער רעזאָלוציע פֿון דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג האָט מען זיי געשטעלט אויף איין מדרגה מיט „יידן פֿון אַן אַנדער אָפּשטאַם‟. זיי פּראָטעסטירן קעגן דער אויפֿפֿירונג פֿון „עלזאַסער, לאָטאַרינגער און אַנדערע יידן, וואָס ווילן דערהאַלטן אין פֿראַנקרייך זייער פּריוואַטע

---

*) שוין נאך די ערשטע עלזאסער פאגראמען אין אויגוסט 1789, האבן זיך בארדאער יידן געווענדט צום אבאט גרעגואר מיט א בריוו און באמיהט זיך צו באווייזן, אז זיי, ווייט אפגעשיידט פון די עלזאסער „געבעך‟, זיינען שוין פון לאנג באהענט צו קריסטן און דעריבער, „אויב די נאציאנאל־פארזאמלונג וועט איבער דער אויפפירונג אדער איבער דעם ביטערן מזל פון עטליכע עלזאסער און אנדערע יידן פארעפנטליכן א דעקרעט וועגן א ל ע יידן אין דער מלוכה, וועלן דאס בארדאער יידן האלטן פאר אן אומגערעכטער באליידיגונג פאר זיך‟. גע'חתמ'עט האבן: פורטאדא, גראדיס און אנדערע.

קהלה־פירונג, זייערע אייגענע געזעצן און בלייבן אַ קלאַס בירגער, וואָס איז אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע". די מחברים פון דער פעטיציע זיינען אויפגעבראַכט אויף אַזאַ „אויפטו פון רעליגיעזן ברען", און זיי האָפן, אַז דאָס וועט ניט שאַדן זיי, די ספרדים, וואָס „האָבן זיך קיינמאָל ניט אויסגעמישט און ניט פאַראייניגט מיט דער איבעריגער מאַסע פון יעקב אבינו'ס אייניקלאַך".

די פעטיציע („אַדרעס") פון די ספרדים האָבן גע'חתמ'עט זייערע פאָר־שטייער און 215 „פירמעס"; זי איז פאַרשפּרייט געוואָרן עפנטליך, מ'האָט זי אויך צעשיקט אַלע דעפּוטאַטן פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. מיטאַמאָל זיינען אַלע געוואויר געוואָרן, אַז ס'איז פאַראַן צוויי יידישע שבטים: אַ „פאָר־טוגעזישער", אַ פּריווילעגירטער, אַ פּאַטריאָטישער, וואָס פאַרדינט ערליך גלייכ־באַרעכטיגונג, און אַ „דייטשער", אַ פאַנאַטישער, וואָס איז נאָך צו בירגער־רעכט ניט דערוואַקסן. די פעטיציע איז אָנגעקומען צום קאָנסטיטוציע־קאָמיטעט ביי דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. דער קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן זיינעם אַ גליד, דעם אָטענער בישאָף, וואָס איז שפּעטער מפורסם געוואָרן אַלס דיפּלאָמאַט טאַלייראַן, ער זאָל צושטעלן אַ באַריכט וועגן דער השתדלות פון די באָר־דאָער. דעם 28־טן יאַנואַר 1790 האָט דער קאָמיטעט צוגעשטעלט דעם פּלענום אַ באַריכט מיט אַזאַ אויספיר: „די רעוואָלוציע, וואָס האָט אומגעקערט אַלע פּראַנצויזן זייערע רעכט, קאָן ניט אָפּנעמען ביי איין גרופּע בירגער זייערע געשענקטע רעכט, דעריבער לייגט דער קאָמיטעט פאָר דער פאַרזאַמלונג געבן די באָרדאָער יידן דאָס, וואָס זיי האָבן רעכט צו מאָנען, און מעלדן, אַז זיי זיינען אַקטיווע בירגער גלייך מיט אַלע אַנדערע; די אָפּגעלייגטע אַלגעמיינע פּראַגע (וועגן יידן בכלל) בלייבט ווי ביז איצט". דער פאָרשלאָג האָט אַרויס־גערופן אין זיק־זאַל אַ גרויסן טומל. דער געשוואוירענער יידנפרעסער רעוובעל איז אַרויף אויף דער טריבונע און האָט אָנגעהויבן אַזוי: „מיינע הערן! מ'לייגט אייך פאָר, אַז באָרדאָער יידן זאָלן ניט הייסן קיין יידן"... ווייטער האָט ער גענומען באַווייזן, אַז דער פאָרשלאָג פונם קאָנסטיטוציע־קאָמיטעט איז סותר די רעזאָלוציע פונם 24 דעצעמבר: אויב מ'זאָל גלייכבאַרעכטיגן באָרדאָער יידן, איז פאַרוואָס ניט עלזאַסער אויך? אָבער דאָס קאָן מען ניט טאָן, וואָרום אָנערקענען עלזאַסער יידן פאַר גלייכבאַרעכטיגטע בירגער, הייסט דאָס — אויפרייצן די באַפעל־קערונג צו מאַכן פּאָגראָמען אויף זיי. אים האָט נאָכגעזאָגט אַבאַט מאָרי אויך. די ריידערס פונם לינקן פליגל האָבן זיי אָפּגעענטפערט, אָנווייזנדיג, אַז מ'קאָן ניט פאַרגלייכן באָרדאָער יידן מיט עלזאַסער: ביי יענע האַנדלט זיך נאָר פון דערהאַלטן זייערע פריהערדיגע בירגער־רעכט, עלזאַסער יידן אָבער קומט אויס צו געבן רעכט, וואָס זיי האָבן פריהער ניט געהאַט.

אַבאַט גרעגואַר האָט פאָרגעשלאָגן אַ וויכטיגע אויסבעסערונג: גלייכבאַ־רעכטיגונג זאָל געגעבן ווערן ניט באָרדאָער יידן אַליין, נאָר אַלע יידן אין דרום־ און מערב־פראַנקרייך, וואָס זיינען באַוואוסט מיט דעם נאָמען „פּאָרטוגעזישע,

שפּאַנישע און אַוויניאָנער יידן״. וועגן עלזאַס־לאָטאַרינגער יידן האָט ער גע־
בעטן אָפּשטעלן אַ געוויסן טאָג, צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן זייערע רעכט,
דעמאָלט וועט ער אָפּווענדן די פאַלשע טענות פונם אַבּאַט מאָרי און אַנדערע
קעגנער פון עמאַנסיפּאַציע.

ס'זיינען געווען נאָך אַסך אַנדערע רעדאַקציעס און אויסבעסערונגען, לסוף
איז מען געקומען צו דער אָפּשטימונג. מ'האָט געפּרובט שטימען מיט אויפ־
שטיין פון אָרט, צוויי מאָל האָט מען דאָס דורכגעמאַכט, און קיין קלאָרן רעזולטאַט
האָט מען ניט געקאָנט דערגיין. דעמאָלט האָט מען געמוזט אָנקומען צו אַ נאָמ־
מענטליכער אָפּשטימונג. דער יידנפיינטליכער פּאַרטיי האָט דאָס ניט געלוינט,
האָבּן זיי געוואָלט גאָר אויפרייסן די זיצונג. אויף די רעכטע בּענק האָט זיך
אָנגעהויבּן אַ גוואַלדיגער ליאַרעם: די קלעריקאַלע און פּריצ'ישע דעפּוטאַטן זיינען
ניט איינגעזעסן אויף אַן אָרט, אַלע ווילע אַריין און אַרויס, גערעדט, געטומלט;
מ'האָט איבּערגעשריען דעם סעקרעטאַר, וואָס האָט אויסגערופן די דעפּוטאַטן ביי
די נעמען, מ'זאָל אים ניט דערהערן; צוואַנציג מאָל האָט זיך דאָס אויסרופן
אָנגעהויבּן און איבּערגעריסן. דער סקאַנדאַל האָט געדויערט צוויי שעה. דער
לינקער פליגל און דער צענטר זיינען געווען אויסגעבּראַכט פון אַזאַ חוצפּה'־
דיגער פירונג מצד די יידנפיינט און האָבּן באַשלאָסן ניט נאָכגעבּן די סקאַנ־
דאַליסטן. דער פּאָרזיצער האָט געמאָלדן, אַז ער וועט דערפירן די אָפּשטימונג
ביזן סוף, קיין סקאַנדאַל וועט ניט העלפן. לסוף זיינען די „שוואַרצע״ מיד
געוואָרן ליאַרעמען, און די נאָמענטליכע אָפּשטימונג איז צוגעגאַנגען רוהיג. מיט
373 שטימען קעגן 225 איז דורכגעגאַנגען אַזאַ רעזאָלוציע: „די נאַציאָנאַלע
פאַרזאַמלונג באַשליסט, אַז אַלע יידן, וואָס זיינען אין פראַנקרייך
באַוואוסט מיט דעם נאָמען פּאָרטוגעזישע, שפּאַנישע און אַוויניאָנער
יידן, האָבּן ווייטער די רעכט, וואָס ס'קומט זיי ביז איצט לויט די
קיניגליכע פּאַטענטן; דעריבּער האָבּן זיי אַקטיווע בּירגער־רעכט אויך,
ווי ווייט זיי זיינען יוצא די פּונקטן, וואָס די נאַציאָנאַלע פאַר־
זאַמלונג פאָדערט אין דעם פּרט״.

דעם דעקרעט פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט מען באַלד דערלאַנגט
דעם קיניג צו באַשטעטיגן, און אין עטליכע טעג אַרום איז דאָס שוין געוואָרן
אַ געזעץ. די פּאַריזער ספרדים האָבּן געשיקט אַ קוריער ספּעציעל קיין בּאָרדאָ
אָנזאָגן די לאַנדסלייט די גוטע בּשורה. די בּאָרדאָער איז אָבּער אויסגעקומען
איבּערלעבּן עטליכע אומרוהיגע טעג. די „שוואַרצע מאה״, שטאַרק פאַר־
אומערט פון דער מפּלה, האָט געפּרובּט אָנרייצן דעם המון אין בּאָרדאָ אויף
יידן. קיין פּאַריז האָבּן דערלאַנגט אומרוהיגע קלאַנגען פון כּלומר'שט אַ פּאָגראָם,
וואָס זאָל דאָרטן געווען פּאַרקומען. די קלעריקאַלע פּרעסע האָט אָנגעקוואָלן;
אַ קלאָרער סימן, אַז זיי זיינען גערעכט: „דער קיניג פון פראַנצויזן קאָן ניט
זיין קיין קיניג פון יידן״. אָבּער בּאַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די קלאַנ־

גען זיינען איבערגעטריבן. דעם 9 פעברואר האָט דעפּוטאַט גאַראַ באַרוהיגט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, דערביי האָט ער געלייענט אַ בריוו, צוגעשיקטן ספּעציעל מיט אַ שליח פון באָרדאָער יידן. פאָרגעקומען איז ניט מער ווי אַ נישטיגע דעמאָנסטראַציע: אַ כּנופיה יונגעלייט האָט געשריען אין טעאַטער אין הויז פון דער בירזשע: „נידער מיט יידן", און האָט זיך געפּרובט אַרויסשטופּן יידישע צו־זעהער. אָבער דער גרעסטער טייל עולם איז געווען אויפגעבראַכט אויף אַזאַ אויפפירונג פון סקאַנדאַליסטן, און אויף מאָרגן זיינען אַסך אָנגעזעהענע קריסטן געקומען צו די פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה אַרויסזאָגן זייער באַדויערן פאַר דעם סקאַנדאַל. ביי דעם בירזשע־הויז האָט מען געשטעלט אַ וואַך, נאָר דאָס איז אויך געווען איבעריג: אויף מאָרגן אין אָוונט האָבן קריסטן באַגריסט יידן אין טעאַטער מיט אַפּלאָדיסמענטן.

§ 17. די אַגיטאַציע פון דער פאַריזער קאָמונע פאַר יידן.

אין אַ אַרטיקל וועגן דעם דעקרעט פונם 28 יאַנואַר האָט דער „זשורנאַל דע פאַריז" אָנגעוויזן אויף דעם נצחון פון ליבעראַלע אידייען, דערביי האָט ער באַמערקט: „אָבער אין דעם נצחון איז פאַראַן אַ שמערצליכער געפיל. עלזאַסער און לאָטאַרינגער יידן קאָנען זאָגן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אַזוי ווי עשו האָט געזאָגט זיין פאָטער: צי דען האָסטו נאָר איין ברכה? . . ." אָבער פראַנקרייכס שטיפקינדער, די באַ׳עוולה׳טע עלזאַס־לאָטאַרינגער און פאַריזער אשכּנזים, האָבן זיך ניט צופרידנגעשטעלט נאָר מיט באַקלאָגן זיך אַליין. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט מאָנען גלייכבאַרעכטיגונג, וואָס ס׳קומט זיי, ניט אַז מ׳דאַרף זיי דאָס שענקען. באַלד נאָך דעם, ווי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט דעם 24 דעצעמבער אָפּגעלייגט די יידנפראַגע, האָבן די דאָזיגע „דייטשע" יידן, אויפגעבראַכט אויף דער פאַמעליכקייט, צוגעגרייט אַ פּעטיציע און אָפן געזאָגט דאָרטן, אַז זיי קוקן אַרויס אויף בירגערליכע רעכט, וואָס דאַרפן געגעבן ווערן ניט צו ביסלאַכווייז, נאָר „מיטאַמאָל און באַלד". זיי מאָנען זייערע רעכט „אַזוי ווי מענשן, וואָס שטייען צו, ניט מ׳זאָל זיי שענקען, נאָר מ׳זאָל זיי באַהאַנדלען מיט יושר", וואָרום טראָגנדיג אויף זיך אַלע געזעלשאַפטליכע פליכטן, מוז מען גע־ניסן פון דער געזעלשאַפט אויך. פאַר זיי איז דאָס „אַ פראַגע אויף לעבן און טויט אין סאָציאַלן געביט". די פּעטיציע האָבן גע׳חתמ׳עט די אָנגעזעהענסטע טוער צווישן די אשכנזי׳ישע יידן (סערף־בער, בער־יצחק בער, דוד זינצהיים, שפּעטער דער פאָרזיצער פונם סנהדרין אין נאַפּאָלעאָנס צייטן). צו דער נאַ־ציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז זי אָנגעקומען דעם 28 יאַנואַר 1790, דעם טאָג, ווען מ׳האָט געשטימט די פראַגע וועגן ספרדים, זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום פּעולה. ס׳איז געבליבן ביים „אָפּלייגן".

דערהויפּט האָבן זיך פּאַריזער יידן־אשכּנזים געפילט באַליידיגט. זיי זיינען געווען אין צענטער פון דער רעוואָלוציע און אין דער רעכטער מיט. איבער הונדערט יידן האָבן געדינט אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. אַהין זיינען זיי אָנגעקומען פריייוויליג, באַלד ווי מ'האָט גענומען די באַסטיליע־פעסטונג. אין איינינע ראַיאָנען אין פּאַריז (דערהויפּט אין קאַרמעליטער ראַיאָן) זיינען יידן געווען גלידער אין די מוניציפּאַל־ראַטן און אין אַנדערע שטאַט־אינסטיטוציעס, נישט געקוקט אויף די באַגרענעצן. זיי האָבן ניט ווייניג געגעבן אויך אויף גע־זעלשאַפטליכע נויטן. אַן אָרימער געלערנטער, זאַלקינד הורוויץ, אַ מחבר פון אַ „יידן־אַפּאָלאָגיע" נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, אַ איבערזעצער ביי דער פּאַריזער קיניגליכער ביבליאָטעק, האָט פון זיין קליינעם געהאַלט, 900 פראַנק, אַ פערטל אָװעקגעגעבן דער שטאָט־קאַסע. אַזוינע פערזאָנען האָבן ניט געקאָנט מער איבערטראָגן דעם שאַנד־שטעמפּל פון רעכטלאָזיגקייט. פּאַריזער יידן האָבן געפונען אַ ניי מיטל, ווי צו קעמפן פאַר זייער גלייכבאַרעכטיגונג: זיי האָבן גענומען ווירקן אויף דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג דורך דער פּ א ר י ז ע ר ק אָ ־ מ ו נ ע, אָדער שטאָטראַט. אין דער קאָמונע האָבן זיך צונעקליבן די ראַדיקאַלסטע עלעמענטן פון פּאַריז, און ניט איין מאָל האָבן זיי געווירקט מיט זייערע רעזאָלוציעס אויף דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. דער חשבון איז געווען אַזוי: אויב דער שטאָטראַט, דער אויבן־אָן פון פּאַריזער געזעלשאַפטליכער מיינונג, זאָל פאָדערן עמאַנסיפּאַציע פאַר יידן, וועט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג מוזן שטעלן די יידנפראַגע אויפן סדר און געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

דעם אייגענעם טאָג, דעם 28־טן יאַנואַר, ווען אין דער נאַציאָנאַל־פאַר־זאַמלונג האָט מען באַהאַנדלט די פראַגע וועגן די דרום־יידן, איז אין זיץ־זאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע פאָרגעקומען אַ געהויבענע סצענע. אַ גרויסע דעפּו־טאַציע פון פּאַריזער יידן, מיט 50 נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטן אין דריי־פאַרביגע קאָקאַרדעס (צווישן זיי זאַלקינד הורוויץ אויך), זיינען געקומען פאַר דער קאָ־מונאַל־פאַרזאַמלונג מיט אַ ביטע, די פּאַריזער קאָמונע זאָל זיך איינשטעלן פאַר יידישע רעכט. דער ריידער אין דער דעפּוטאַציע איז געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ גליד פון דער קאָמונע ג אָ ד אַ ר; אים האָבן פּאַריזער יידן אויסגעקליבן בייצו־שטיין זייער פאָדערונג. גאָדאַר טרעט ארויס פון פּאָרנט פאַר דער דעפּוטאַציע און זאָגט אַזוי: „מיינע הערן! איך האָב פאַרלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם פּלאַץ, וואָס איך פאַרנעם צווישן אייך, כּדי צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ, וואָס פּאַסט פאַר מיר מער, ווען איך רעד פאַר די בעטער און איך בין אַ שתּדלן פאַר די געפּלאָגטע. איך בין באַפולמעכטיגט פון דעם גרעסטן טייל יידן אין דער מלוכה ביישטיין זייערע אינטערעסן פאַר דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג*), איך בין אַ פאָרשטייער פון פּאַריזער יידן אויך. אַלס זייער אַ פאָרשטייער באַגריס איך אייך דאָ און

*) גאָדאַר איז אויך געווען דער באַפולמעכטיגטער שתּדלן פאַר עלזאַסער יידן און דער מחבר פון דער דערמאַנטער פּעטיציע פון 28־טן דעצעמבער.

קאָן אייך פאַרזיכערן זייער איבערגעגעבנקייט און זייער דאַנקבאַרקייט. וואָרום די אײדעלע אײנוואוינער פון אונזער רעזידענץ האָבן זיך ניט דערוואָרט אויף דעם חסד פונם געזעץ און האָבן אויסגענוצט היינטיגע גרויסאַרטיגע רעוואָלוציע צו מאַכן יידן פאַר חברים אין געווער און אָנטאָן זיי דעם בירגערליכן מונדיר (פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע), וואָס איר זעהט אים דאָ אויף איינִיגע פון זיי. די באַפעלקערונג באַגייט זיך שוין מיט יידן אַזוי ווי מיט ברידער, נאָך איידער זי האָט די מיגליכקייט לעבן מיט זיי ווי מיט בירגער". גאָדאַר רעדט ווייטער וועגן דעם פּאַטריאָטישן ברען ביי יידן, וואָס האָבן געגעבן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע הונדערט מאַן, און פאַרענדיגט מיט דעם פאַרלאַנג פון דער דעפּוטאַציע: „בעת יידן זיינען זיך משתדל פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און פאַרהאָפן אויף איר איידלקייט און אויף אַ פריינדליכן געזעץ פאַר זיך, לייגן זיי גרויס געוויכט אויף דעם אויטאָריטעטן הסכם, וואָס קומט זיי אַקעגן אומעטום אין דער רעזידענץ. זיי מיינען, אַז די פריינדליכע באַנעמונג פון פאַריזער באַפעלקערונג צו זיי גיט זיי רעכט בעטן אייך, איר זאָלט אויפהויבן אייער שטים זיי צום גוטן און זאָלט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, וואָס וואָלט זיי קאָנען גיכער ברענגען זייער גאולה... אייער פייערליכע מעלדונג, וואָס דאָס וועט זיין ניט מער ווי אָפּגעבן אַ חוב דעם אמת, זאָל צוהעלפן ניט בלויז פאַריזער יידן אַליין, נאָר יידן אין דער גאַנצער מלוכה אין זייער גערעכטער זאַך, צום גליק פאַר פופציג טויזנט מאַן". אַבאַט מיולאָ, פּרעזידענט פון דער קאָמונאַל־פאַרזאַמלונג ענטפערט דערויף, אַז די פאַרזאַמלונג וועט באַטראַכטן די השתדלות פון דער יידישער דעפּוטאַציע; ער פאַרהאָפט, אַז די קאָמונע וועט אָננעמען אַ באַשלוס, אַזוי ווי פאַרשטאַנד און מענשליכקייט הייסט".

דערמיט אָבער האָבן זיך יידישע טוער און זייערע קריסטליכע פריינד ניט צופרידנגעשטעלט. זיי האָבן געמאַכט אַן אַגיטאַציע אין די „סעקציעס", אָדער אין די ראַיאָן־ראַטן אין פאַריז (אַזוינע סעקציעס איז געווען 60), אַז יענע זאָלן פון זייער זייט ווירקן אויף דער צענטראַלער קאָמונע. די ערשטע האָט זיך אָפּגערופן די קאַרמעליטער סעקציע; דאָרט האָט געוואוינט דער גרעסטער טייל יידן, וואָס האָבן דאָ געהאַט זייער פאָרשטייער אין דעם סעקציע־ראַט. דעם 30 יאַנואַר (1790) איז צו דער אַלגעמיינער קאָמונע־פאַרזאַמלונג געקומען אַ דעפּוטאַציע ראַטמענער פון דער קאַרמעליטער סעקציע און האָט איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט אַ רעזאָלוציע, וואָס איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן אין דער סעקציע: בעטן די קאָמונע, זי זאָל מיט אַלע מיגליכקייטן מיטהעלפן, אַז די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג זאָל אָנערקענען אַקטיווע בירגער־רעכט פאַר יידן. דער הויפּט פון דער דעפּוטאַציע, דער פּראָקוראָר־סינדיק דע־זשערוויל, האָט דערביי געהאַלטן אַ הייסע רעדע. „דאָ, אין קאַרמעליטער ראַיאָן, זאָגט ער, וואוינען מער יידן, איידער אין אַנדערע ראַיאָנען פון פאַריז. אין קאַרמעליטער ראַיאָן איז דעריבער מער פאַר אַנדערע מיגליך געווען פון אָנהויב רעוואָלוציע צוצוזעהן די יידישע אויפפירונג, דערגיין זייער קוק, פאַרשטיין זייער מאָראַל... ס'וועט אייך

דעריבֿער ניט וואונדערן, וואָס פֿאָרשטייער פֿון קאַרמעליטער ראַיאָן שטעלן זיך איין די ערשטע עפֿנטליך אַרויסצוזאָגן זיי אַ דאַנק פֿאַר זייער פּאַטריאָטיזם, פֿאַר זייער מוט און איידלקייט. קיינער האָט נאָך ניט באַוויזן אַזאַ ברען צו פֿאַרווערבן פֿרייהייט פֿאַרן לאַנד, ווי יידן; קיינער האָט זיך אַזוי ניט געריסן צו דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, ווי זיי. פּאַריזער יידן האָט מען נאָך אָפֿיציעל ניט אָנגערופֿן פֿראַנצויזן, אָבער גלויבט אונז, אַז זיי פֿאַרדינען ערליך דעם נאָמען. איך וועל אפֿילו זאָגן, אַז ביי אונז זיינען זיי שוין באמת פֿראַנצויזן. יאָ, מיינע הערן, קאַרמעליטער סעקציע וויל ניט, אַז ביי איר זאָל מען מאַכן אונטערשייד צווישן בירגער. יידן לאָזט מען צו אין די ראַטן, מיט אונז צוזאַמען טראָגן זיי דעם כּבֿוד און די לאַסט פֿון מיליטער־דינסט, און איר וועט קיין דערווידער ניט הערן קעגן דעם, מ׳זאָל זיי געבן בירגער־רעכט, די רעכט, וואָס איצט פֿעלט זיי דערצו ניט מער ווי אַ הסכּם פֿונם געזעץ... טוט זשע אונז אָן דעם כּבֿוד זיך צוהערן צו אונזער גערעכטער מעלדונג צום גוטן פֿאַר אונזערע נייע בירגער. לייגט צו אייער מעלדונג אויך צו אונזערער און דערלאַנגט זיי ביידע דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג. זייט זיכער: איר וועט אָהן גרויס מיה דערלאַנגען פֿאַר פּאַריזער יידן דאָס אייגענע, וואָס מ׳האָט אָנערקענט פֿאַר יידן, וואָס מ׳רופֿט זיי פּאָרטוגעזישע, שפּאַנישע, אַוויניאָנער. וואָרום פֿאַרוואָס זאָל מען יענע אָפּגעבן די בכורה אַקעגן אונזערע יידן? צי האָבן דען ניט אַלע יידן איין תּורה? איז דען ניט אונזער פּאָליטיש פֿאַרהאַלטן־זיך צו די און צו יענע אַלץ־איינס? אויב די פֿריהערדיגע דורות פֿון די יידן, וואָס מיר פֿאַרטיידיגן איצט, זיינען אויסגעשטאַנען פּלאָג און רדיפֿות מער, איידער פּאָרטוגעזישע יידן, הייסט עס דען ניט, אַז פֿאַר דעם דאָזיגן לאַנגיאָריגן שרעקליכן פּיין אַליין האָבן זיי נאָך מער רעכט, מ׳זאָל זיך מיט זיי באַגיין מיט גערעכטיגקייט?"

די דעפּוטאַציע האָט געווירקט. דעמזעלבן טאָג, דעם 30 יאַנואַר, האָט די פּאַריזער קאָמונע באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן שטיצן די יידישע השתּדלות אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג. ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּילט היציגע דעבאַטן: דער רוב איז געווען פֿאַר אַזאַ שטיק, אַ קליינער טייל האָט זיך געקווענקלט. אום צו־נישט מאַכן די דאָזיגע אומזיכערקייט און אַרויסבאַקומען אַ באַשלוס איינשטימיג לטובֿת יידן, איז אויף דער טריבונע אַרויף איינער פֿון די בעסטע ריידערס אין דער קאָמונע, אַבאַט ב ע ר ט אָ ל י אָ, און האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, באַטראַכטנדיג אַלע וויכטיגע זייטן אין דער יידנפֿראַגע. אָנגעהויבן האָט ער, אַז פֿראַנקרייך האָט סוף כּל סוף דערלעבט אַ צייט, ווען מ׳קאָן שוין צעשטערן רי מחיצות צווישן מענשן, וואָס אַלטע איינרעדענישן האָבן אויפֿגעשטעלט; דערנאָך זאָגט ער אַזוי: „אָבער אונזער גליקליכע אומגעריכטע רעוואָלוציע וועט בלייבן ניט פֿאַרענדיגט, אויב אונזערע באַגריפֿן וועלן ניט דערוואַקסן ביז דער קאָנסטיטוציע, דער רעוואָלוציעס אַ קינד. די פּרינציפּן, וואָס זיינען שוין סאַנקציאָנירט אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג, האָבן שוין לעבעדיג געמאַכט דריי מיליאָן פּראַנ־

צויזן; פראַנצויזן־פּראָטעסטאַנטן האָט מען אומגעקערט אַלע זייערע רעכט... די דאָזיגע פּרינציפּן האָבן די טעג גובר געווען נאָך אַן ערגערע איינגעגעסענע איינרעדעניש: אַ פייערליכער דעקרעט האָט פאַרשטאַרקט די בירגערליכע לאַגע פון באָרדאָער, באַיאָנער און אַוויניאָנער יידן. פראַנצויזישע יידן אין פאַריז און אין גאַנצן לאַנד בעטן ביי אונז דיזעלבע גערעכטיגקייט. פאַרוואָס זאָלן מיר זיי דאָס ניט טאָן? וואָס פאַר אַ חלוק איז אין תוך צווישן זיי און זייערע באָרדאָער ברידער? איר וועט זאָגן, אַז יענע האָבן פאַטענטן און געוויסע רעכט, אונזערע האָבן דאָס ניט! וועל איך אייך דערויף ענטפערן: די פראַנצויזישע יידן־פאַטענטן זיינען אויסגעקריצט אין דער נאַטור, און דער נאַטורס שטעמפּל איז ווערט די שטעמפּלען פון אַלע אייראָפּייאישע קאַנצעלאַריעס אינאיינעם." צים סוף פאַרענדיגט ער מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג: „איך מיין, אַז מיר דאַרפן אָננעמען אַזאַ רעזאָלוציע: די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג זאָל וואָס גיכער שטעלן אויפן סדר די יידנפראַגע, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעלייגט, און זי זאָל פאַרעפנטליכן אַ דעקרעט, וואָס זאָל אַלע יידן גלייך מאַכן צו באָרדאָער, באַיאָנער און אַוויניאָנער יידן. אָבער אַזאַ מין מעלדונג דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועלן מיר ערשט קאָנען מאַכן דעמאָלט, ווען מיר וועלן די מעלדונג פריהער צעשיקן אין אַלע 60 סעקציעס אין פאַריז און זי וועט דאָרט באַוויליגט ווערן מיט אַ רוב שטימען".

דער רעדנער האָט דערלאַנגט, וואָס ער האָט געוואָלט. נאָך זיין רעדע איז געוואָרן אויס וואַקלעניש. די קאָמונע האָט אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: 1) עפנטליך באַשטעטיגן יידישע גוטע אויפפירונג, יידישן פאַטריאָטיזם און פערזענליכע מעלות, 2) אָפּן און שאַרף אַרויסזאָגן, אַז די פאַריזער באַפעלקערונג וויל, יידן זאָלן באַקומען אַלע רעכט פון אַקטיווע בירגער. כדי דער דאָזיגער אַקט זאָל האָבן דעם אויטאָריטעט פון אַ פּלעביסציט, האָט די קאָמונע באַשלאָסן צעשיקן איר רעזאָלוציע אין אַלע סעקציעס, און נאָך דעם, ווי זי וועט באַקומען זייער הסכם, זאָל זי די רעזאָלוציע דערלאַנגען דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. די רעזאָלוציע האָבן גע'חתמ'עט דער געוויסער פאַריזער מער באַלאי (באַרימט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע) און דער פּרעזידענט מיולאָ. אַדוואָקאַט גאָדאַר, אָפּדאַנקנדיג די פאַרזאַמלונג פאַר אַלע פאַריזער יידן, האָט פאַרענדיגט זיין רעדע מיט באַלאַיס אַ היסטאָריש וואָרט: „געבענטשט זאָל זיין די רעוואָלוציע, וואָס האָט אונז אַלע געמאַכט פאַר ברידער!"

אינגיכן האָט דער פאַריזער מוניציפּאַליטעט געקאָנט אויספירן זיין באַשלוס. עקסטראַ זיינען זיך צונויפגעקומען די קאָמונעס און כמעט אַלע האָבן באַוויליגט די רעזאָלוציע פון דער קאָמונע פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע. פון 60 סעקציעס האָבן 53 געענטפערט: יאָ, 6 האָבן ניט געענטפערט, און נאָר איין סעקציע (מאַטיורען) האָט פאָרגעלייגט אויסוואַרטן מיט עמאַנסיפּאַציע ביז די פּראָווינציעלע קאָמונעס וועלן באַהאַנדלען די פראַגע. ס'איז געווען קלאָר: כמעט „גאַנץ פאַריז" פאָדערט, מ'זאָל

יידן גלייכבאַרעכטיגן. דעם 25 פֿעברואַר איז צו דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג געקומען אַ דעפּוטאַציע פֿון פּאַריזער קאָמונע; פּרעזידענט מיולאָ, גאָדאַר, אַבֿאַט בערטאָליאָ און אַנדערע. די דעפּוטאַציע האָט איבערגעגעבֿן דער פֿאַרזאַמלונג פֿון געזעצגעבֿער אַ שריפֿטליכע רעזאָלוציע, אַז מ'מוז זיך צואיילן מיט באַהאַנדלען די יידנפֿראַגע און געבֿן יידן אַקטיווע בירגער־רעכט. אַ הייסע רעדע האָט דערביי געהאַלטן אַבֿאַט מיולאָ, פּרעזידענט פֿון דער קאָמונע. טאַלייראַן־פּעריגאָר, וואָס איז געווען דעם טאָג פֿאָרזיצער אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג, האָט געענטפֿערט דער דעפּוטאַציע: „די נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג האָט גענומען אויף זיך אַ הייליגע פֿליכט אומקערן אַלעמען זייערע רעכט און האָט געמאָלדן, וואָס ס'פֿאָדערט זיך פֿון איינעם, ער זאָל זיין אַן אַקטיווער בירגער. לויט די דאָזיגע פּרינציפּן און פֿאָדערונגען וועט די פֿאַרזאַמלונג באַטראַכטן מיט יושר די מאָטיוון לטובת יידן, וואָס איר האָט אונז דאָ אַרויסגעזאָגט אין אַזאַ רירנדיגער פֿאָרם”.

פֿונדעסטוועגן האָט זיך די נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג ניט געאיילט. אויף מאָרגן האָט הערצאָג ל י אַ נ ק ו ר געפֿאָדערט, די פֿאַרזאַמלונג זאָל פֿעסטשטעלן אַ טאָג צו באַטראַכטן די פֿראַגע וועגן בירגער־רעכט פֿאַר יידן. איינער אַ דעפּוטאַט האָט דערויף אָפּגעענטפֿערט: „געוויס איז די יידנפֿראַגע זעהר וויכטיג, אָבער אויפֿן סדר ביי אונז שטייען נאָך וויכטיגערע פֿראַגן, וואָס זיי זיינען נוגע אַלע בירגער. דאָס, וואָס דאָ וועט באַשלאָסן ווערן וועגן יידן, איז נוגע די אינטערעסן נאָר פֿון אַ טייל פֿאָלק, אָבער פֿעסטשטעלן די יוסטיץ־אָרדנונג, קלאָר מאַכן די צאָל און דעם צונויפֿשטעל פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרמיי, רעגולירן אונזערע פֿינאַנצן — דאָס זיינען דריי זאַכן, וואָס זיינען נוגע דאָס גאַנצע לאַנד און וואָס דאַרפֿן ביי אונז אָפּנעמען אונזער גאַנצע צייט. דעריבער לייג איך פֿאָר ווייטער אָפּלייגן די יידנפֿראַגע”. דער פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. די יידנפֿראַגע האָט מען ווידער אָפּגעלייגט ביז ס'וועלן ניט באַטראַכט ווערן די וויכטיגסטע פֿראַגן, וואָס שטייען אויפֿן סדר־היום.

§ 18. דער ווייטערדיגער קאַמף און דאָס אָנערקענען פֿון דער עמאַנסיפּאַציע.

יידן און זייערע ליבעראַלע פֿריינד האָבן געמוזט צוזעהן, ווי מ'האָט די יידנפֿראַגע ווייטער אָפּגעלייגט; זיי האָבן זיך אָבער געטרייסט, וואָס דער טעם איז: ס'דאַרפֿן פֿריהער באַהאַנדלט ווערן נאָהענטערע וויכטיגע פֿראַגן; הייסט דאָס, אַז די נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג גופא האָט שוין אָנגעמערקט אַ געוויסן צייט־סדר פֿאַר דער יידנפֿראַגע. אָבער די אַנטי־יידישע פּאַרטיי האָט זיך געהאַט איר טאַקטיק. זי האָט געשטערט יעדער פּרוב צו שטעלן די פֿראַגע אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג. זי האָט אַלע מאָל צוגעקלערט נייע אָפּציהענישן און

דערווייל האָט זי געפירט אַגיטאַציע אויסער דעם פּאַרלאַמענט, כּדי אַזוי אַרום צו ווירקן אויף די דעפּוטאַטן. ווען די יידנפראַגע האָט זיך שוין דערוואַרט איר צייט (דעם 15 אַפּריל 1790, נאָך די פּאַסכע־וואַקאַציעס), האָט דער עלזאַסער דעפּוטאַט רעוובעל געמאָלדן, אַז אין עלזאַס הייבט זיך ווייטער אָן אַ באַוועגונג קעגן יידן, און דאָס וועט זיך אויסלאָזן מיט פּאָגראָמען, ווי נאָר מ׳וועט פאַר־עפנטליכן יידישע עמאַנסיפּאַציע. דערויף האָט אַ ליבעראַלער דעפּוטאַט אָפּגע־ענטפערט, אַז דוקא דאָס שטענדיגע אָפּציהען שאַפט די גרעסטע געפאַר פאַר יידן, אַז דער פינסטערער המון זאָל אויף זיי אָנפאַלן. „פאָרשטייער פונם יידישן פאָלק, זאָגט ער, זאָגן אונז זיכער, אַז זיי וועלן קאָנען רוהיג לעבן נאָר דעמאָלט, ווען די פאַרזאַמלונג וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן איר וואָרט וועגן זייער גורל. אפילו אין עלזאַס גופא קוקט מען אַזוי אַרויס אויף אַן אָפיציעלער מעלדונג וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיגונג, אַז אַסך געמיינדעס זיינען גרייט באַ־טיילן אויך יידן מיט ערד ביי דער הלוקה פון די קהל׳שע ערדן” (יידן האָבן ניט געטאָרט האָבן קיין נחלאות). די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָבער דערצו ניט צוגעהערט און האָט באַשלאָסן: איבערגעבן די יידנפראַגע אין קאָנסטי־טוציע־קאָמיטעט. נאָר אַזוי גרינג פּטור ווערן פון דער יידנפראַגע האָט מען ניט געקאָנט: אויף מאָרגן האָט זיך איר שרעק־שאָטן ווידער באַוויזן פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

אין עלזאַס האָט מען געפירט אַ שטאַרקע יידן־העץ; די נעסט פון דער אַגיטאַציע איז געווען אין פּאַריז ביי דער כּנופיה עלזאַסער רעאַקציאָנערע דע־פּוטאַטן. כּדי ניט צו דערלאָזן יידישע עמאַנסיפּאַציע, האָבן די „שוואַרצע” אין פּאַריז און זייערע אַגענטן אין דער פּראָווינץ געטאָן אַלע פּעולות צו מאַכן אין עלזאַס וויינִיגסטנס אַן אויסזעהן פון אַ פאָלקס־אויפרעגונג קעגן יידן. די אַגיטאַציע האָט מען ענערגיש געטריבן. מ׳האָט געשפּריייט יידנפיינט־ליכע בראָשורן און בלעטלאַך, די רעאַקציאָנערע און קלעריקאַלע פּרעסע האָט געשיט מיט בייזע רכילות אין אירע אַרטיקלען קעגן יידן און קעגן זייערע לי־בעראַלע פריינד. געדונגענע צייטונגס־פענעס האָבן געזידלט, אויף וואָס די וועלט שטייט, מיראַבאָ׳ן, גרעגואַרן, טאַלייראַנען, באַלאַי׳ן: איינער זאָל זיין אַ „פּאַרקויפטער” ביי יידן, דער אַנדערער — אַ „קריסטוס־פאַררעטער”, דער דריטער זאָל האַלטן ביי ווערן אַ ייד און „מל זיין זיך”. ווען די „געזעלשאַפט פון די קאָנסטיטוציע־פריינד” אין שטראַסבורג האָט גענומען עפּעס טאָן צו שטיצן יידישע עמאַנסיפּאַציע, האָבן די „שוואַרצע” גענומען טומלען. זיי האָבן צונויפגערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג „אַקטיווע בירגער” צו באַהאַנדלען די יידנפראַגע; די ליבעראַלע ריידערס, וואָס האָבן געפּרובט רעדן פאַר עמאַנסיפּאַציע, האָט מען אויסגעפייפט אָדער אַרויסגעשטופּט. דערנאָך איז שוין ניט שווער געווען אָננעמען אַ רעזאָלוציע „איינשטימיג”. אין דער רעזאָלוציע איז געשטאַנען: שטראַסבורגער קריסטליכע בירגער, דערהויפּט סוחרים, האָבן מורא פאַר יידישער קאָנקורענץ און

זאָגן, אַז יידן טאָר מען ניט גלייכבאַרעכטיגן (דעם 8 אַפּריל). די דאָזיגע אָפּנהאַרציגע רעזאָלוציע פון דעם „פּאַנאַטיקער־קאָנגרעס“ מיט טויזנטער חתימות האָט מען אָפּגעשיקט דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. אַן ענליכע רעזאָלוציע איז אָנגעקומען פון קאָלמאַר אויך.

די אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ פּעולה: ס׳האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט פּאָגראָמען. סערף־בער, קיינמאָל ניט מיד צו שתּדלנ׳ען פאַר עלזאַסער יידן, האָט מיטגעטיילט דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, אַז אין דער פּראָווינץ טרייבט מען אָפּן אַן אַגיטאַציע אָנצורייצן דעם פינסטערן המון אויף יידן. די דאָרטיגע אַדמיניסטראַציע לא די וואָס זי האָט גאָר ניט געטאָן צו פאַרהיטן די רציחות, האָט זי נאָך צוגעגעבן היץ די פאַרבּרעכער דערמיט, וואָס זי אַליין האָט גראָב באַהאַנדלט יידן און האָט אויף טריט און שריט שאַרף געגעבן אָנצוהערן זייער רעכטלאָזיגקייט. אין אַ זיצונג פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט מען געלייענט אַ מעלדונג פון אַן עלזאַסער מוניציפּאַליטעט, אַז די „אומבאַשטימטע לאַגע פון יידן איז פאַר זיי אַ גרויסע געפאַר. פאַרהיטן קאָן דאָס נאָר אַ דעקרעט פון דער פאַרזאַמלונג“. דער ערנסטער מאָטיוו האָט באַוועגט דעם ראַדיקאַלן דעפּוטאַט רעדערער פאָרשלאָגן, מ׳זאָל פאַרעפנטליכן אַזאַ דעקרעט: „די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, זאָגט נאָכאַמאָל, אַז פאַר יידן אין עלזאַס און אין אַנדערע ערטער גילט דער שוץ פונם געזעץ, די פאַרזאַמלונג פאַרווערט אָנרירן זייערע אינטערעסן און הייסט די שטאָט־מאַגיסטראַטן און דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע מיט דער גאַנצער מאַכט פאַרהיטן יידן און זייער גוטס“ (דעם 16־טן אַפּריל). די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען די דאָזיגע פאָרמל כּמעט איינשטימיג. אין צוויי טאָג אַרום האָט דער קיניג אויך גע׳חתמ׳עט דעם דעקרעט. די פּאָגראָם־שרעק איז פאַרביי, אָבער די שונאי־ישראל האָבן אויסגעפירט זייערס: איצט האָט שוין די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג געהאַלטן פאַר פּאָליטישקלוג אָפּלייגן די יידנפראַגע; יידן אַליין דאַרפן דאָס וועלן, כּדי ניט צו פאַרשאַרפן די באַציהונגען צווישן יידן און קריסטן אין דער פּראָווינץ.

מיט דעם מאָטיוו האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג זיך אַליין ווידער באַרוהיגט דאָס געוויסן אין צוויי וואָכן אַרום, ווען זי האָט נאָכאַמאָל דורכגעלאָזט אַ געלעגנהייט אַ סוף מאַכן צו דער יידנפראַגע. ס׳האָט זיך געהאַנדלט פון אַ פּראָעקט, מ׳זאָל געבן בּירגער־רעכט יעדן איינעם, אפילו אַן אויסלענדער, אויב ער האָט נאָר אָפּגעוואוינט אין פראַנקרייך לפּחות פינף יאָר (דעם 30 אַפּריל). רעוובּעל האָט געפאָדערט, מ׳זאָל אַריינשטעלן: „דערביי ווערט ניט באַרירט די יידישע בּירגערליכע לאַגע; די דאָזיגע פראַגע בלייבט אָפּגעלייגט“. דער טייוולישער אויסרייד איז אָנגענומען געוואָרן. אפילו די ליבעראַלע דעפּוטאַטן, זעהט אויס, האָבן קיין קלער ניט געטאָן, וואָס פאַר אַ ביטערע באַליידיגונג דאָס איז פאַר יידן: אויסלענדער גיט מען יאָ רעכט צו נאַטוראַליזירן זיך אין פינף יאָר אַרום, און יידן ניט, כאָטש זיי זיינען היגע און זייערע

אורעלטערן האָבן נאָך דאָ געלעבט אין גאַליע און אין דער פראַנקישער מאָנאַרכיע. נאָר אין איין פּרט האָט מען דורך־אױס גרינגער געמאַכט יידן: בײַ דער אַלגעמיינער שטייער־רעפאָרם האָט די נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג אָפּגעשאַפט די באַליידיגנדיגע, לעצטיגע ספּעציעלע שטייערן, וואָס מ'פֿלעגט מאָנען בײַ יידן אין מעץ און אין אַנדערע ערטער פֿאַר וואוינרעכט, פֿאַר „שוץ", פֿאַר „טאָלעראַנץ" און דעסגלייכן (20 יולי 1790).

יידישע טוער האָבן אָנגעהויבן אָנווערן געדולד. דעם 9 מאַי 1791 האָט אַ גרופּע פֿאַריזער יידן דערלאַנגט דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג אַן אַדרעס, וואָס דאָרט הערט זיך שוין מער פּראָטעסט, איידער געבעט. „די נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג, אַזוי שטייט דאָרט, האָט געגעבן אַ דעקרעט, אַז אַלע אויסלענדער ווערן פֿראַנצויזישע בירגער נאָך 5 יאָר וואוינען אין פֿראַנקרייך. פֿאַרוואָס האַלט מען אונז ערגער פֿאַר אויסלענדער? פֿאַרוואָס קומט דאָס נאָר אונז צו זיין אויסגעשלאָסן פֿון אַלע רעכט, וואָס די נאַטור גיט און די דעקרעטן פֿון דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג קערן אום אַלע מענשן? האַלט איר אונז פֿאַר יידן, זיינען מיר דאָך אַ טייל פֿראַנצויזישע בירגער, וואָרום מיר זיינען יוצא אַלע פֿאָדערונגען און טוען אַלע פֿליכטן פֿון אַ בירגער. האַלט איר אונז פֿאַר אויסלענדער, כאָטש דער גרעסטער טייל אונזערער איז געבוירן אין פֿראַנקרייך, האָבן מיר שוין לויטן געזעץ באַקומען דעם נאָמען פֿראַנצויזישע בירגער, וואָרום מיר וואוינען שוין לאַנג אין דער רעזידענץ־שטאָט; יעדנפֿאַל קומט אונז אַלע רעכט, וואָס שטעקן אין דעם נאָמען בירגער". דער דאָזיגער פּראָטעסט האָט געהאַט דאָס אייגענע מזל, וואָס אַלע פּעטיציעס און מעלדונגען ביז אַהער: מ'האָט אים איבערגעגעבן דעם קאָנסטיטוציע־קאָמיטעט.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען געמאַכט די לעצטע פּרוב ווירקן אויף דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג דורך דער פֿאַריזער קאָמונע. לויט אַ דעקרעט פֿונם 7 מאַי וועגן פֿרייהייט פֿאַר עפֿנטליכער גאָטס־דינסט, האָבן פֿאַריזער יידן באַקומען די מיגליכקייט אָפֿיציעל עפֿענען אַ שול אין אַ געמיינדע־הויז. אַדוואָקאַט גאָדאַר האָט דעם פֿאַל ניט געוואָלט דורכלאָזן, ער האָט זיך געווענדט צום קאָמונע־ראַט מיט אַ ביטע, אַז נאָך דעם ווי יידן האָבן באַקומען גלויבנס־פֿרייהייט, זאָלן זיי באַקומען בירגערליכע פֿרייהייט אויך, וואָרום איינס אָן דעם אַנדערן שיקט זיך ניט. „בעת דער געזעץ האָט יידן געגעבן רעכט מאַכן שולן, קאָנען זיי דען בלייבן אָהן בירגער־רעכט, אָהן דעם נאָמען בירגער? קאָן דען געמאָלט זיין, אַז בירגער זאָלן זיי זיין נאָר אין דער סינאַגאָגע און אויף יענער זייט טיר זאָלן זיי זיין פֿרעמדע, קנעכט?... גלויבנס־פֿרייהייט ווערט אַ פּוסטער קלאַנג, אויב דערפֿאַר קומט אַ שטראָף, וואָס מען נעמט אָפּ בירגער־רעכט. ס'קאָן ניט זיין! האָט איר דערהויבן מענשן צו רעליגיעזער פֿרייהייט, אַזוי האָט איר זיי דערהויבן צו בירגערליכער פֿרייהייט אויך. האַלב־פֿריי — איז ניטאָ, אַזוי ווי עס איז ניטאָ האַלב־גערעכט". די פֿאַריזער קאָמונע האָט אויסגעהערט די דאָזיגע ביטע אין

איר זיצונג פון 26־טן מאַי און האָט אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: „די מוניציפּאַל־פאַרזאַמלונג איז איבערציינגט, אַז די פאָדערונג, וואָס יידן באַשטייען אויף איר מיט אַזאַ שיינעם אויסדויער, איז אַ גערעכטע; די פאַרזאַמלונג ווייסט וואויל די פאַקטן, וואָס אויף זיי שטיצט זיך די פאָדערונג, וועלכע די דערווייליגע שטאָט־פאַרטרעטער (פון דער פריהערדיגער שטאָט־פירונג) האָבן שוין איינמאָל אַליין דערלאַנגט דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, און דעריבער באַשליסט די מוניציפּאַל־פאַרזאַמלונג: נאָכאַמאָל אָנשרייבן דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, צושטעלן די יידישע ביטע און דער קאָמונעס פאַרלאַנג, און באַוועגן די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, זי זאָל וואָס גיכער פאָרמעל גילטיג מאַכן פאַר פאַריזער יידן די אויספירן פון די מענשליכע פרינציפּן, וואָס זי האָט דאָ ניט לאַנג ווייטער סאַנקציאָנירט מיט דעם דעקרעט וועגן גלויבנס־פרייהייט". די רעזאָלוציע האָט גע׳חתמ׳עט דער פאַריזער מער באַלאי און מ׳האָט זי אָפּגעשיקט. אָבער אין יענע שטורמישע צייט איז די יידישע פראַגע ניט געלעגן אין קאָפּ. זומער 1791 איז לודאָוויק XVI געוועזן אַנטלאָפן קיין וואַרען, און אין דער פּאָליטישער מהומה האָט מען אָן יידן פאַרגעסן. דאָס לאַנד האָט געקאָכט, ס׳האָט זיך געוואַקלט צווישן רעפּובליק און מאָנאַרכיזם; אין פאַריז איז געוואַקסן אַ נייער קער אין דער גרויסער רעוואָלוציע — און קלענערע מלוכה־פראַגן האָבן זיך דערווייל אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

לסוף איז געקומען אַ צייט, ווען ווייטער אָפּלייגן די יידנפראַגע איז שוין ניט מיגליך געווען. נאָך צוויי יאָר אַרבעט האָט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אָנגענומען די קאָנסטיטוציע און דער קיניג האָט זי באַשטעטיגט (דעם 14 סעפּטעמבר). די קאָנסטיטוציע האָט אין אירע גרונד־פּונקטן פעסטגעשטעלט גלייכקייט פאַר אַלע בירגער קעגן געזעץ. לאָגיש האָט דאָס געמוזט הייסן, אַז יידן זיינען גלייכבאַרעכטיגטע בירגער, נאָר דאָס האָט מען באַדאַרפט פאָרמעל פעסטשטעלן אין אַ דעקרעט, מאַכן וועגן דעם ספּעציעל אַ געזעץ. באַהאַנדלען ווייטער די פראַגע איז ניט געווען וואָס: אַלע פאַר און קעגנס האָט שוין די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אויסגעהערט אין אַ משך פון צוויי יאָר פון ריידערס, פּעטיציעס, אַדרעסן, רעזאָלוציעס. דעם 27 סעפּטעמבר איז דעפּוטאַט דיופּאָר אַרויף אויף דער טריבונע און געזאָגט אַזוי: „איך מיין, אַז נאָך דעם ווי די קאָנסטיטוציע האָט פעסטגעשטעלט רעליגיעזע פרייהייט, קאָן שוין מער קיין חלוק ניט זיין אין פּרט פּאָליטישע רעכט צווישן בירגער פון פאַרשיידענע אמונות. די יידנפראַגע האָבן מיר די גאַנצע צייט אָפּגעלייגט. אין דער צייט אָבער האָבן מיר שוין געגעבן פּאָליטישע רעכט טערקן, מוסולמענער און אַלע סעקטעס. דעריבער פאָדער איך, ס׳זאָל זיין אויס אָפּלייגן, און ס׳זאָל געגעבן ווערן אַ דעקרעט, אַז אַלע יידן אין פראַנקרייך האָבן אַקטיווע בירגער־רעכט". די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעהערט דיופּאָרס מיינונג אַזוי ווי אַ זאַך, וואָס קיין דערווידער קאָן ניט זיין. רעוובעל האָט געפּרובט אָפּוועגדן דיופּאָרס פאָרשלאָג, נאָר דאָ האָט זיך אויפגעהויבן דעפּוטאַט רעניאָ

און אויסגערופן: „איך פאָדער, אַז מ׳זאָל רופן צו אָרדנונג די אַלע, וואָס וועלן וואַגן רעדן קעגן דעם פאָרשלאָג, וואָרום ווער ס׳פאַלט אָן אויף דעם פאָרשלאָג, פאַלט אָן אויף דער עצם קאָנסטיטוציע". דאָס צאָרנדיגע אָנשרייען פון אַ קאָנסטיטוציאָנאַליסט האָט געהאַט אַ פעולה: דער רעכטער פליגל איז שטיל געוואָרן און דער רוב פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען דיופאָרס פאָרשלאָג. באַלד האָט מען צונויפגעשטעלט אַ קורצן, נאָר אַ שאַרפן דעקרעט, אין דער אַנדערער זיצונג דעם 28 סעפטעמבער האָט מען אַריינגעשטעלט אייניגע אויסדרוקן לויט אָנווייזן פון דעפוטאַטן: „היות ווי אין דער קאָנסטיטוציע זיינען פעסטגעשטעלט די קאָנדיציעס צו באַקומען דעם נאָמען פראַנצויזישער בירגער און צו האָבן די רעכט פון אַקטיווע בירגער; היות ווי יעדער איינער, וואָס איז יוצא די דאָזיגע פונקטן, וואָס גיט אָפּ אַ בירגער־שבועה און איז זיך מתחיב האַלטן אַלע פליכטן, וואָס די קאָנסטיטוציע הייסט, האָט רעכט צו געניסן אַלע רעכט, וואָס די קאָנסטיטוציע גיט, — דעריבער שאַפט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אָפּ אַלע אָפּציהעניש, אויסנאַמען און אויסריידן, וואָס שטייען אין די פריהערדיגע דעקרעטן בנוגע יידן, וואָס געבן אַ שבועה; די דאָזיגע שבועה זאָל באַטייטן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון אַלע פריווילעגיעס און באַזונדערע רעכט, וואָס זיי האָבן פריהער געהאַט" *).

די יידנפיינט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָבן נאָך די לעצטע מינוט ניט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך, אַז יידן זיינען גלייכבאַרעכטיגט. שטערן האָבן זיי שוין ניט געקאָנט, האָבן זיי געזועהן וויינינגסטנס אַ ביס טאָן יידן. רעוובעל האָט נאָכאַמאָל געפרובט אָנשרעקן די פאַרזאַמלונג מיט „פאָלקס־אומרוהען, וואָס דער דאָזיגער דעקרעט קאָן אַרויסרופן" אין עלזאַס. כדי צו פאַרהיטן די פאָגראָמען האָט ער פאָרגעלייגט געבן עלזאַסער קריסטן אַ באַפרידיגונג פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיגונג: היות ווי קריסטן זיינען שטאַרק פאַרשולדיגט ביי יידן (זייערע חובות זאָלן כלומר׳שט אָנטרעפן אין עזלאַס 12־15 מיליאָן ליוור), זאָל זיך די רעגירונג נעמען ליקווידירן די דאָזיגע חובות, פאַרקלענערן זיי ביז אויף אַ דריטל; און יידן זיינען כלומר׳שט מסכים אויף דעם. דעריבער זאָל די רעגירונג באַפוילן דער אָרטיגער מאַכט פאָדערן ביי יידן, זיי זאָלן אין אַ חודש צייט צושטעלן גענויע חשבונות אויף די אַלע הלוואות, נאָכדעם זאָל מען זיך קלאָר מאַכן די צאָלן־פעהיגקייט פון די בעלי־חובות. מ׳זאָל אויסאַרבעטן אַ פראָעקט ליקווידאַציע און דעם גאַנצן מאַטעריאַל צושטעלן קיין פאַריז אויף דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונגס באַראָט. דערמיט, פאַרזיכערט רעוובעל, וועט די פאַרזאַמלונג באַווייזן, אַז זי זאָרגט פאַר פאָלקס־אינ־

*) די לעצטע ווערטער האט מען אריינגעשטעלט איבער דעם, וואס אייניגע דעפוטאטן האבן גע׳טענה׳ט, אז יידן האבן „פריווילעגיעס" פון פריהער, און אז בירגער־רעכט מיט פריווילעגיעס קאן ניט געמאלט זיין. דערהויפט האט מען דערמיט געמיינט פארשמעלערן אדער גאר אפשאפן די קהלה־אויטאנאמיע ביי יידן און זייערע נאציאנאל־קולטורעלע אינסטיטוציעס.

טערעסן, און זי וועט באַרוהיגן עלזאַסער קריסטליכע באַפעלקערונג וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיגונג. די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען רעוובעלס פאָרשלאָג. געוויס האָט זיך אין דעם פּרט געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל זיך אַריינמישן, קלאָר מאַכן און רעגולירן די פאַרפלאָנטערטע קרעדיט־אָפּעראַציעס אין עלזאַס, וואָרום אָהן דעם האָבן ביידע צדדים ניט געקאָנט אַרויסקריכן פון דעם פינאַנץ־זומפּ, אַ ירושה פונם אַלטן רעזשים. אָבער דעם ערגסטן איינדרוק האָט געמאַכט אַזאַ רעזאָלוציע, בעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט פון אַזאַ פייערליכער אַקציע, ווי עמאַנסיפּאַציע. ביידע דעקרעטן: וועגן גלייכבאַרעכטיגונג און וועגן ליקווידירן די חובות האָט מען אָנגענומען אין איין טאָג, האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק, פונקט ווי מ׳האָט יידן געגעבן גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אויסקויף־געלט, פאַר אַ טיילווייזן אַנולירן די חובות, וואָס זיי קומט.

ביידע דעקרעטן האָט מען דערלאַנגט דעם קיניג צו באַשטעטיגן; ער האָט זיי אונטערגעשריבן ערשט דעם 15 נאָוועמבער, שוין נאָך דעם, ווי די נאַציאָנאַלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג („קאָנסטיטואַנטע״) האָט זיך פאַרמאַכט און אויף איר אָרט איז געקומען די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג („לעגיסלאַטיווע״).

כמעט צוויי יאָר איז פראַנצויזישע יידן אויסגעקומען צו קעמפן פאַר אַ זאַך, וואָס לאָגיש איז זי ממילא נעדרונגען פון דער „דעקלאַראַציע פון מענשן־ און בירגער־רעכט״. די פרוכט פון יידישער עמאַנסיפּאַציע איז ניט אַראָפּגעפאַלן אַליין אַ צייטיגע פון דעם פרייהייטס־בוים, מ׳האָט זיך געמוזט אָנטאָן אַ כּוח זי אָפּצורייסן... יידן האָבן אויסגעקעמפט גלייכבאַרעכטיגונג, אַ נצחון־געשריי הערט זיך אין דעם התפּעלות׳דיגן שרייבן, וואָס יצחק־בער, דער איבערגעגעבענער פאָלקס־זאָרגער, האָט פונאַנדערגעשיקט עלזאַסער און לאָטאַרינגער קהלות נאָך דעם ווי דער דעקרעט פונם יאָר 1791 איז פאַרעפנטליכט געוואָרן. דער געבילדעטער נאַנסיער פאַבריקאַנט, וואָס פאַר צוויי יאָרן איז ער געשטאַנען פאַר דער גראַטע אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג און האָט געבעטן גערעכטיגקייט פאַר דעם גע־פּלאָגטן פאָלק, האָט איצט געקאָנט מעלדן זיינע ברידער, אַז דער צוועק איז דערלאַנגט. „ס׳איז געקומען דער טאָג פון אונזער פרייהייט — רופט ער אויס מיט פרייד אין זיין שרייבן, — סוף כּל סוף האָבן מיר צוריק באַקומען די רעכט, וואָס מ׳האָט ביי אונז מיט גוואַלד אָפּגענומען מיט אַכצן יאָרהונדערטן צוריק. זאָלן מיר דען ניט זעהן אין דעם די גרויסע גנאָד פון גאָט פון אונזערע אבות? אַדאַנק גאָט און דעם פאָלקס איבער־הערשאַפט זיינען מיר איצט אָנערקענט ניט סתם מענשן, ניט סתם בירגער אַליין, נאָר פראַנ־צויזן אויך. וואָס פאַר אַ גרויסן איבערקער האָסטו, גרויסער גאָט, געטאָן מיט אונז! דעם 27־טן סעפּטעמבער זיינען מיר נאָך געווען די איינציגע איינוואוינער אין דעם דאָזיגן גרויסן לאַנד, וואָס האָט אויסגעוויזן, אַז זיי איז באַשערט אייביגע דערנידערונג און קנעכטשאַפט — און אויף מאָרגן, דעם אומ־

פאַרגעסליכן טאָג, וואָס מיר וועלן תּמיד האַלטן פאַר אַ יום־טוב, האָסטו אַריינגעגעבן אין זין פון פראַנקרייכס אומשטערבליכע געזעצגעבער, זיי זאָלן אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, וואָס האָט געמאַכט 60.000 אומגליקליכע פאַר גליקליכע, צופרידענע מענשן. גאָט האָט אויסדערוויילט די איידעלע פראַנצויזישע נאַציע אומצוקערן אונז אונזערע רעכט און מיטהעלפן אונזער אויפלעבונג, אַזוי ווי אַמאָל האָט ער אויסדערוויילט אַנטיוכס׳ן און פּאָמפּייען צו דערנידערן און פּייניגן אונז!..."
בעת בער האָט געשריבן די דאָזיגע באַגייסטערטע רייד, איז די יידישע געזעלשאַפט געווען פול מיט הייסן רעוואָלוציע־פאַטריאָטיזם. די רעוואָלוציע־שׂריפה האָט זיך צעפלאַקערט אַלץ מער, און פיגורן פון יידישע קעמפער האָבן זיך געוויזן אין דעם רעכטן פייער.

§ 19. פרייהייטס־פאַטריאָטיזם און קרבנות פון טעראָר.

פון די ערשטע טעג רעוואָלוציע אָן, זיינען אַסך יידן, דערהויפט פאַריזער, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם באַפרייאונגס־שטראָם און האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דעם פאַטריאָטיזם, וואָס דעמאָלט האָט עס באַטייט ליבשאַפט צו פרייהייט און צו דער היים פון פרייהייט, צו דעם לאַנד, וואָס האָט דאָס ערשטע פראָקלאַמירט מענשן־ און בירגער־רעכט (כּידוע, האָבן „פאַטריאָטן" דעמאָלט געהייסן — פריינד פון דער רעוואָלוציע). די יורשים פון די אוראַלטע נביאים האָבן אין די לאָזונגען „פרייהייט, גלייכקייט, ברודערשאַפט" דערהערט קלאַנגען, וואָס זיינען פאַרדעמפט געוואָרן די לאַנגע הונדערטער יאָרן אין דעם קלונג פון קנעכטישע קייטן... אַזאַ מעכטיגע ווירקונג פון דער רעוואָלוציע־לופט, ווי אויך די פריהעריגע השפּעה פון די אויפקלער־אידייען פון 18־טן יאָרהונדערט, האָבן געבראַכט דערצו, אַז יידן, וואָס נעכטן נאָך זיינען זיי געווען אַזוי אָפּגעשלאָסן, אָפּגעזונדערט פון דעם אַלגעמיין־בירגערליכן לעבן, האָבן זיך איצט מיטאַמאָל אַריינגעצויגן אין דער פּאָליטישער באַוועגונג. אַקטיווער פאַר אַלע אַנדערע זיינען געווען פאַריזער יידן. דאָס קאָן מען אַרויסזעהן דערפון, וואָס די קליינע יידישע קאָלאָניע אין פאַריז האָט שוין דאָס ערשטע יאָר רעוואָלוציע געגעבן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע הונדערט פרייוויליגע. דערצו האָבן זיך נאָך אַסך יידן פאַרשריבן פאַר גלידער אין די אָנגעזעהענע פּאָליטישע קלובן פון די יאַקאָבינער, פעליאַנטינער און אַנדערע. זיי זיינען מיטגעווען אין די סעקציעס־פאַרזאַמלונגען פון פאַריזער בירגער. יידישע טוער האָבן אין די דאָזיגע פּאָליטישע נעסטן באַקומען די געניטקייט און די ענערגיע, וואָס זיי האָבן באַוויזן אין קאַמף פאַר זייער עמאַנסיפּאַציע, אין זייער אַגיטאַציע אויסער דעם פּאַרלאַמענט, אין זייער אַרט ווירקן אויף דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, אויף דער פאַריזער קאָמונע און פּרעסע.

אין דער פּרעסע זיינען נאָך יידן געווען ווייניג. דער אָנגעזעהענסטער צווישן

זיי איז געווען דער דערמאָנטער שרייבער און פּאַטריאָט, זאַלקינד הורוויץ, דער אַלטער קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע. זיינע אַרטיקלען אין פּאַריזער ראַדיקאַלע בלעטער („כראָניק דע־פּאַריז" און אַנד.) מיט דער צושריפט Polonais (פון פּוילן) צום מחבר׳ס נאָמען, האָבן געמאַכט אַ רושם מיט זייער שאַרפזיניגן סטיל, אַן אָנזאָג אויף בערנעס סאַרקאַסטישן סטיל. נאָך דעם ווי די נאַציאָנאַלע פאַר־זאַמלונג האָט אָפּגעלייגט די יידנפראַגע, האָט הורוויץ אָנגעשריבן אַ בריוו אין רעדאַקציע פון „פּאַריזער כראָניק" (22 פעברואַר 1790); דאָרט בעט ער „פּלפּול־לייט פון אַלע רעליגיעס" פאַרענטפערן אים אַזאַ קשיה, וואָס לאָזט אים ניט צו־רוה: פון איין זייט האָט ער, דער בריוו־שרייבער, געגעבן אַ „בירגער־שבועה", אַז ער וועט טריי האַלטן די קאָנסטיטוציע, וואָס איר יסוד איז, אַז אַ מענשן קומט רעכט; פון דער אַנדערער זייט אָבער דערלאָזט אים דער באַשלוס פון דער נאַציאָנאַל־פאָרזאַמלונג ניט אָנערקענען קיין רעכט פאַר אַזוינע, וואָס דאַוונען אויף לשון־קודש און וואָס האָבן ניט געהאַט די זכיה געבוירן ווערן אין באָרדאָ אָדער אין אַוויניאָן... הורוויץ פלעגט זיך לאָזן הערן מיט בייסנדיגע פּאָלעמישע אַרטיקלען אויף אַבאַט מאָרים רעדעס אין פּאַרלאַמענט און אויף די שטיק פון דער קלעריקאַלער פּרעסע. ווען די קאַטוילישע גייסטליכקייט, אויפגעבראַכט אויפן דעקרעט, וואָס נעמט אָפּ ביי אירע קלויסטערס די גיטער, האָט גענומען העצן אויף יידן, האָט הורוויץ אָפּגעדרוקט אַ סאַרקאַסטיש אַרטיקל, געבעטן פאַר־לייט זאָלן אים, דעם עם־הארץ, פאַרשטיין געבן „איינינע פיזישע און מאָראַלישע פּרטים אין דער נאַטור־געשיכטע פון די גייסטליכע".

נאָך דער עמאַנסיפּאַציע הויבט זיך דער פּאַטריאָטיזם ביי יידן נאָך מער. אין די צייטונגען באַווייזן זיך התפעלות׳דיגע בריוו, דאַנק־מזמורים פון די באַפרייטע. נאַאיוו־רירנדיג איז דערהויפּט געווען אַ בריוו פון איינעם שמואל לעווי, וואָס האָט זיך גענומען אַ מאָדנעם טיטל: „דער פירשט פונם גלות, דער האַר איבער מזרח־ און מערב־קבוצים". „פראַנקרייך, זאָגט ער, וואָס האָט די ערשטע אַראָפּגענומען די שאַנד פון יהודה — איז אונזער ארץ־ישראל; אירע בערג — זיינען אונזער באַרג־ציון; אירע טייכן זיינען אונזער ירדן: לאָמיר טרינקען די לעבעדיגע וואַסערן פון אירע קוואַלן, דאָס איז די וואַסער פון פרייהייט... פרייהייט פאַרמאָגט נאָר איין שפּראַך, דעם אלף־בית פון דער שפּראַך קענען אַלע. די נאַציע, וואָס איז געווען פאַרקנעכט מער פאַר אַנדערע, וועט נאָט בעטן פאַר דער נאַציע, וואָס בינדט אויף די קניפּן ביי קנעכט. פראַנקרייך — איז אַ מקום־מקלט פאַר געיאָגטע"... ביים אָפּגעבן די בירגער־שבועה פלעגן אַסך יידן אויסרופן דעם רעוואָלוציע־אויסרוף פון יענער צייט: „לעבן ווי פרייע מענשן אָדער שטאַרבן!" יידן האָבן געזעהן צו באַווייזן זייער טריי־שאַפט צו דעם פאָטערלאַנד מיט „פּאַטריאָטישע געשענקען", ד. ה. זיי האָבן אַסך געגעבן אויף געזעלשאַפטליכע באַדערפענישן; אַזוינס האָט מען שטאַרק געשעצט דעמאָלט, אין דער צייט פון פינאַנץ־קריזיס. ווען דאָס לאַנד האָט אָנ־

געשטערענגט אַלע כּוחות פאַר דער מלחמה מיט דער אייראָפּייאישער קאָאַליציע (1792—1793). יידן האָבן געגעבן געלט און זאַכן, אָפט אָפּגעגעבן דאָס לעצטע, אַוועקגעשענקט אפילו דאָס מעבל פון אייניגע שולן. די מלחמה האָט געפאָדערט אויך קרבנות מיט בלוט, און יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום פראָנט אונטער די קוילן פון פּרוסאַקן און עסטרייכער. די גרעניק־געגנטן עלזאַס און לאָטאַרינגען זיינען געווען אין קריגס־צושטאַנד, און די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעטראָגן די צרות פון קריגס־צייט גלייך מיט אַנדערע. אין יאָר 1793 איז אין דער פראַנצויזישער אַרמיי געווען 2000 יידן. דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט אָפּגעהאַלטן די יידנפיינט אין נאַנסי דאָסזעלבע יאָר אָנגעמען אַ רעזאָלוציע, מ'זאָל אַלע יידן אַרויסטרייבן פון פראַנקרייך. אַז מען האָט דערלאַנגט די רעזאָלוציע צו דעם קלוב יאַקאָבינער אין פּאַריז, האָט ער באַשלאָסן: „די רעפּובליק ווייסט ניט מער דאָס וואָרט ייד, וואָרום דאָס וואָרט באַטייט איצט אַ סעקטע, ניט קיין נאַציע; די רעפּובליק אָבער וויל ניט וויסן פון קיין סעקטעס און קלייבט זיך ניט אַרויסטרייבן קיין סעקטאַנטן, סיידן זיי שטערן די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג"... ניט ווילנדיג קומט אויפן זינען אַזאַ געדאַנק: און וואָס וואָלט געווען, ווען יידן זאָל מען געווען אָנערקענען פאַר אַ נאַציע?...

דער גוואַלדיגער טעראָר צו דער צייט פונם קאָנווענט (1793—1794) פלעגט שטאַרק אָנרירן יידן אויך. דעם קאָנווענטס דעקרעט, אַז ס'ווערט איינגעפירט אַ „רעליגיע פון שכל" אָנשטאָט דעם קריסטליכן גלויבן, איז פּראַקטיש גילטיג געווען אויך פאַר דער יידישער אמונה. צווישן יידן האָט מען אויך געקאָנט צוזעהן, ווי מענשן זאָגן זיך אָפּ פון זייער רעליגיע מיט גוטן אָדער איבערגוואַלד, אַזוי ווי ס'פלעגט צוגיין ביי די קאַטוילן. אין די פייערטעג פון „דעקאַדן" (צעהנטער טאָג), וואָס זיינען געשטאַנען אין רעוואָלוציאָנערן לוח אָנשטאָט זונטאָג, פלעגן אהרן פּאָלאַק און יעקב כּהן, יידישע שול־לערער אין פּאַריז, פירן די קינדער אין „שכל־טעמפּל", איבערגעמאַכט פון דער קאַטוילישער קירך „נאָטר־דאַם". אייניגע שולן האָבן אָפּגעגעבן פאַר אַ נדבה די שטאָט־קאָמונעס זייער „רויב", ד. ה. טייערע שול־חפצים, אַזוי ווי ס'האָבן דאָס געטאָן אייניגע קאַטוילישע קירכן, „די קרעמלאַך פון ליגן" (boutiques du mensonge), ווי מ'פלעגט זיי דעמאָלט רופן, אַ דעפּוטאַציע פון איין פּאַריזער סינאַגאָגע איז געקומען מיט אַזאַ מעלדונג צום קאָנווענט: „אונזערע אבות האָבן אונז איבערגעגעבן געזעצן, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן באַרג (סיני); די געזעצן, וואָס איר גיט פראַנקרייך, שטאַמען אויך פונם באַרג*), וואָס מיר שעצן אים ניט ווייניגער". איינער סאָלאָמאָן העסע, אַ יידישער גייסטליכער, האָט געשענקט דער חברה „פריינד פונם פּאָטערלאַנד" אין פּאַריז זיין

*) אן אנצוהערעניש אויף דעם לינקן פליגל, די בארג־פארטיי אדער מאנטאניארן, וואס האט געהערשט אין קאנווענט.

טלית מיט אַ זילבערנער עטרה און האָט דערבײַ געמאָלדן, אַז „ער האָט ניט קיין אַנדער גאָט, חוץ דעם גאָט פון פרייהייט און קיין אַנדער רעליגיע, חוץ דער רעליגיע פון גלײַכקייט". אַזוינע סצענעס זײַנען פאָרגעקומען אין דער פּראָווינץ אויך. אין אַוויניאָן האָבן „בירגער, באַוואוסט מיט דעם נאָמען יידן", געשענקט דער קרייז־פּאַרוואַלטונג „אַלע גאָלדענע און זילבערנע געצייג", וואָס מען באַנוצט בײַם. גאָטס־דינסט. אין לאָטאַרינגער רבנ'ישן צענטר, אין מעץ, האָט מען פאַרניכטט „לוחות פון משה רבינו" און ספרי־תורות. דער „רעפּובליקאַנער קוריער" שרײַבט וועגן דעם פאַל נצחונ'דיג: די געזעצן פון דעם דאָזיגן געשיקטן שווינדלער (משה רבינו), געשריבן אויף פּאַרמעט, וועלן אויסגעצייכנט נוצן אויף אַ פּויק צו קלאַפּן אַטאַקע און אומוואַרפן די ווענט פון נײַעם יריחו". די צײַטונג פאַרזיכערט, אַז קיינעם האָט דאָס נישט געאַרט, חוץ עטליכע ווײַבער „מיט די אַלטע נאַרישקייטן". אין נאַנסי האָט אַ מוניציפּאַל־באַאַמטער געפאָדערט, יידן זאָלן אָפּגעבן זייערע „מיסטישע פּאַפּירן" צוזאַמען מיט די גאָלדענע און זילבערנע שול־חפצים. אין פּאַריז האָבן סאַנקיולאָטישע בלעטלאַך געפאָדערט, מ'זאָל יידן פאַרווערן מל זײַן קינדער; דער קאָנווענט האָט זיך אָבער דערצו ניט צוגעהערט. ס'זײַנען געווען פּרובן פאַרווערן יידן האַלטן שבת, היות ווי פאַר רוה עקזיס־טירט אַ בירגערליכער שבת, די דעקאַדע; מ'האָט גענויט יידן אין עטליכע שטעט (טרואַ, שטראַסבורג) האַלטן שבת די געשעפטן אָפן. אין מעץ האָבן יידן מיט שרעק געבאַקן מצה, מ'זאָל זיי ניט מסר'ן אין אָבערגלויבן. איין פרוי האָט גע'פּועל'ט בײַ דער מאַכט, זי זאָל מעגן האַלטן פּסח דורך דעם, וואָס זי האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ יום־טוב, ווען דאָס פאָלק ישראל איז פּאָליטיש פרײַ געוואָרן. ס'זײַנען געווען פאַלן פון גוואַלד־טאָן: די פאַנאַטיקער פונם „שכל־קולט", ד. ה. גלאַט גאָס־יונגען פלעגן זיך אַרײַנרײַסן אין שולן, פאַרברענען ספרי־תורות און ספרים (אין די אָפיציעלע ראַפּאָרטן האָט דאָס געהייסן: „מ'האָט זייערע פאַלשע ביכער פאַרברענט אויפן פּאַטריאָטישן פײַער"), פאַרמאַכן שולן; איינצינע רבנים אין עלזאַס איז אויסגעקומען אויסצושטיין רדיפות.

פריה־זומער 1794 האָט מען דעם „קולט פון שכל" פאַרביטן אויף ראָבעספּיערס דעאיסטישן קולט פון דעם „העכסטן וועזן"; רעליגיעזע רדיפות האָבן אויפגעהערט, אָבער דער טעראָר האָט נאָך אַלץ געווילדעוועט. די רעוואָלוציע האָט געפרעסן אירע לייבליכע קינדער: אונטער דעם גיליאָטינע־מעסער זײַנען געפאַלן נאָכאַנאַנד קעפּ פון זשיראָנדיסטן, העבערטיסטן, דאַנטאָ־ניסטן, איצט איז געקומען די צײַט פאַר ראָבעספּיערס פּאַרטיי. היות ווי יידן זײַנען מיטגעווען אין פאַרשיידענע פּאַרטייען און קלובן, האָט דער טעראָר זיי אויך ניט געשוינט. שוין דעם קאָנווענטס דעקרעטן פון יאָר 1793 וועגן פאַר־האַלטן אַזוינע, וואָס מ'איז זיי חושד, אַז זיי זײַנען ניט געטרײַ דער רעפּובליק, און וועגן פאַרשיקן „אַריסטאָקראַטן" און אויסלענדער, האָבן באַשאַפן אַן אוממיגליכע לאַגע פאַר אַסך יידן אין פּאַריז. איינציגע האָט מען אַרעסטירט

אַלס אָנגעקומענע פון אויסלאַנד, אַנדערע האָט מען באַשולדיגט אין „איינגעגעסענעם אַריסטאָקראַטיזם״, נאָך אַנדערע — אַז זיי געהערן צו דער פאַרטיי, וואָס די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן האָבן צו דער צייט געוואָלט אויסראָטן. פורטאַדאָ, אַ יידישער פאָליטיקער אין באָרדאָ, אַ זשיראָנדיסט, האָט געמוזט אַנטלויפן, כּדי אויסצומיידן דעם גורל פון אַלע זשיראָנדיסטן (1793). מ'פלעגט כאַפן און פאַרהאַלטן אין די טורמעס איבער פאַלשע מסירות אַסך מענשן. פלעגט מען זיי אויסהערן און מייסטנס אָפלאָזן, אָבער אויך פיל האָבן געליטן. אויף איינציגע יידישע באַנקירן און נעגאָציאַנטן אין באָרדאָ האָט מען אַרויפגעלייגט גרויסע סומעס געלט־שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט געשעפטן מיטן קיניגס הויף און מיט דער אַריסטאָקראַטיע, אָדער וואָס זיי זיינען ניט גענוג איבערגעגעבן דער רעפובליק. אַ באַנקיר פייקסאָטאָ האָט מען באַשולדיגט, חוץ די אַלע זינד, נאָך אין דעם, וואָס ביים אַלטן רעזשים האָט ער זיך גע'שתדל'ט צו באַקומען דעם אַדל־טיטל אויפן גרונד, וואָס ער שטאַמט פון אַ ביבלישער פאַמיליע לוי. אַזוינע חוזק'דיגע מאָטיוון איז גענוג געווען, אַז די מיליטער־קאָמיסיע אין באָרדאָ זאָל אים באַשטראָפן מיט אַ גוואַלדיגער סומע פון 1.200.000 ליוור. צו געלט־שטראָף אַליין האָט זיך דאָס אָבער ניט אויסגעלאָזט: עטליכע יידישע קעפ האָבן ניט אויסגעמידן די גיליאָטינע.

איינער פון די ערשטע איז געפאַלן יעקב פערייראַ. אַ געבוירענער אין דרום־פראַנקרייך, האָט ער זיך אין יאָר 1790 באַזעצט אין פאַריז, געעפנט אַ טאַבאַק־פאַבריק און האָט זיך אַריינגעטאָן אין פאָליטיק. ער איז צוגעשטאַנען צו די עקסט־לינקע פאַרטייען און איז געוואָרן אַן אָנגעזעהענער גליד פון דעם קלוב יאַקאָבינער. ווען ס'איז געוואָרן דער „שכל־קולט״, האָט זיך פערייראַ באַטייליגט צוזאַמען מיט דעם קאָסמאָפאָליט אַנאַכאַרסיס קלאָטס, „דעם וועלט־ריידער״, אין אַ קעגן־קאַטוילישער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט אויפגערירט גאַנץ פראַנקרייך. ביידע יאַקאָבינער זיינען געקומען צום פאַריזער בישאָף גאָבעל און האָבן אים פאָרגעלייגט גיין צום קאָנווענט און עפנטליך זיך אָפזאָגן דאָרטן פון זיין „גרייזן״, ד. ה. פון זיין גייסטליכן טיטל. דער בישאָף האָט זיך ניט לאַנג געוועדט, ער האָט געמוזט גיין צום קאָנווענט; דאָרטן האָט ער געמאָלדן, אַז ער זאָגט זיך אָפ פון זיין בישאָפס שטעלע, האָט אויסגעטאָן דעם צלם און אָנגעטאָן אַ רויט מיצל, וואָס עמיצער האָט אים אָנגערוקט אויפן קאָפ ביי הילכיגע אַפלאָדיסמענטן פון דעם קאָנווענט. פאַרן אָנטייל אין דער דאָזיגער קאָמעדיע האָט פערייראַ טייער באַצאָלט. אינגיכן האָט מען דעם „שכל־קולט״ אָפגעשאַפט: ראָבעספיער האָט זיך גענומען פאַר די מיסיאָנערן פון דער „אַטעאיסטישער רעליגיע״ און האָט פאַרפירט אַ פראָצעס קעגן די טעראָריסטן פון העבערס פאַרטיי; פערייראַ איז אַריינגעפאַלן צווישן די באַשולדיגטע צוזאַמען מיט אַנאַכאַרסיס קלאָטס; די באַשולדונג איז געווען: כּלומר'שט „האָט ער זיך באַטייליגט אין אַן אָפרייד צו פאַרניכטן די נאַציאָנאַלע פאָרוואַלטונג (קאָנ־

ווענט), אומבּרענגען די דעפּוטאַטן און אָפּשאַפן די רעפּובּליק". פּינף חדשים איז פּערייראַ אָפּגעזעסן אין פעסטונג און נאָכדעם האָט אים דער רעוואָלוציאָנערער טריבּונאַל פאַר'משפּט טויט־שטראָף. צום עשאַפאָט האָט מען אים געפירט אין איין קאָטש מיט העבּערן, קלאָטסן און אַנדערע. פּערייראַס קאָפּ איז אַראָפּ־געפאַלן בּיי הויכע אויסגעשריין פון די צוזעהער: „לעבּן זאָל די רעפּובּליק!" (מערץ 1794).

אין אַ חודש אַרום איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון די דאַנטאָניסטן; דאָ זיינען פאַרמישט געווען די בּרידער פּריי, וואָס האָבּן געשטאַמט פון יידן *). יוני און עמנואל פּריי זיינען געווען פון עסטרייך, דאָרט האָט זייער פאָטער, אַ רייכער נעגאָציאַנט, געטויפט זיך. די בּרידער פּריי, צוזאַמען מיט אַ יונגער שוועסטער לעאָפּאָלדינע, זיינען איבּערגעצויגן קיין פּאַריז אין יאָר 1792, „צו געניסן פרייהייט". דאָ זיינען זיי געוואָרן נאָהענט צו די מאָנטאַניאַרן, דערהויפּט צו דעם דעמאַגאָג שאַבּאָ, אַ געוועזענעם קאַפּוצינער־מאָנאַך. כּדי צו פאַר־שטאַרקן זייער פאַרבּונד מיט דער רעוואָלוציע האָבּן די בּרידער פּריי אויסגעגעבּן זייער 16־יאָריגע שוועסטער פאַר שאַבּאָ'ן, כּמעט אים אָנגעוואָרפן די יונגע שיינהייט, מיט אַ צוגאָבּ פון אַ היפּשן קאַפּיטאַל. אינגיכן איז שאַבּאָ אַריינגעפאַלן אין נעץ פון רעוואָלוציאָנערן שפּיאָנאַזש; מ'האָט אים בּאַשולדיגט, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן עסטרייכערין און גענומען אויסלענדיש געלט מיט דעם צוועק צו מאַכן אַ מלוכה־איבּערקער. די בּרידער פּריי האָט מען בּאַשול־דיגט, אַז זיי האָבּן געוואָלט מאַכן אַ מיאוס'ן שם דער רעפּובּליקאַנער רעגירונג דורך שוחד געבּן. דער רעוואָלוציאָנערער טריבּונאַל האָט זיי פאַר'משפּט טויט־שטראָף, בּיידע יונגעלייט (איינער 36 יאָר אַלט, דער אַנדערער 27) זיינען אומ־געקומען אויף דעם עשאַפאָט צוזאַמען מיט שאַבּאָ, דאַנטאָן, דעמולען און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע העלדן (אַפּריל 1794). איין לעאָפּאָלדינע איז אַרויס פּריי, געבּליבּן אַן אלמנה אַ האַלבּ יאָר נאָך דער חתונה.

נאָך אַ טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער פאַמיליע בּיים בּאַראָן ליפּמאַן קאַלמער, אַ האָלענדער, וואָס האָט זיך נאַטוראַליזירט אין פראַנקרייך אַ צייט פאַר דער רעוואָלוציע. איין זון זיינער, יצחק קאַלמער האָט געהערט צו די פאַרבּרענטסטע סאַנקיולאָטן („אַ סאַנקיולאָט מיט 200 טויזנט ליוור הכנסה אַ יאָר"), דער אַנדערער האָט סימפּאַטיזירט די ראָיאַליסטן, אָבּער בּיידע זיינען פון פאַרשיידענע עקן פּאָליטיק געקומען צום עשאַפאָט. יצחק קאַלמערן, אַן אַקטיוון גליד, אָפּט אַ פּאָרזיצער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין קלישי (נעבּן פּאַריז), האָבּן פּאָליטישע קעגנער בּאַשולדיגט אין דעספּאָטיזם: ער בּאַנייט זיך שלעכט מיט די מוניציפּאַל־בּאַאַמטע און טעראָריזירט קלישיער בּירגער.

*) עס איז אסברה, אז זיי שטאמען פון יעקב פראנקס משפחה, וואס האט זיך באזעצט אין ברין (מעהרן, עסטרייך). זיי זיינען געטויפט און האבן זיך גערופן „פריי" נאך דעם נאמען פראנק.

דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט אים פאַר׳משפט טויט, אומגעקומען איז ער אין יוני 1794. דעם יינגערן ברודער, לואי בענזשאַמען, האָט מען באַשולדיגט, אַז ער „שטיצט ראָיאַליסטן און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן”. מ׳האָט אים אויסגעשטעלט, אַז בעת ער איז געווען אַ גרענאַדיר אין איין באַטאַליאָן אין טיולירי, וואו דעם קיניגס פאַמיליע האָט פאַרבראַכט, פלעגט ער אַריינגיין אין פּאַלאַץ און רעדן מיט דעם קיניג און מיט דער קיניגין, אַז ער האָט געפאָלגט דעם „פאַראַכטן הויפמאַנס” לאַפּאַיעטס באַפעלן און פלעגט צעגעבן מעדאַליען, וואָס יענער האָט געהייסן. אין מאַי 1794 האָט דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל פאַר׳משפט דעם יינגערן קאַלמער צום טויט, און אינגיכן איז ער אומגעקומען אויף דער גי־ליאָטינע. דאָס אייגענע האָט געזאָלט טרעפן זייער שוועסטער שרה אויך, גאָר צופעליג האָט זי זיך געראַטעוועט פון טויט: זי איז זיך פאַרזעסן אין טורמע שפּעטער פאַר אירע ברידער, דערווייל איז פאָרגעקומען דער טערמידאָר־איבער־קער, און ראָבעספּיערס בלוטיגע דיקטאַטור איז געפאַלן (יולי 1794). מ׳האָט זי באַפרייט צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטירטע, וואָס ס׳איז זיי פריהער אָנגעצייכנט געווען אומצוקומען.

יידישע נעמען טרעפן זיך אין פּאָליטישע פּראָצעסן שפּעטער אויך, אין דער צייט פון „באַרוהונג”. אין קאָנווענטס צייטן האָט מען געכאַפּט און פאַר־שפּאַרט אין טורמע פאַר ניט גענוג ראַדיקאַל־זיין, אין די צייטן פון דער דירעקטאָריע (1795־1796) האָט מען פאַרפירט פּראָצעסן קעגן לינקע יאַקאָבינער. מ׳דאַרף אָבער זאָגן, אַז דאָס אַלץ האָט אָנגערירט איינצלנע פּערזאָנען, און דער כּלל יידן האָט דערפון ניט געליטן.

§ 20. די ערשטע פּרוכט פון דער עמאַנסיפּאַציע (1796—1806).

אין די צעהן יאָר, וואָס זיינען אַריבער פון דער דירעקטאָריע ביז נאַפּאָ־לעאָנס אימפּעריע, איז אין לעבן פון די פראַנצויזישע יידן קיין שום וויכטיגע געשעהענישן ניט פאָרגעקומען, אָבער אין דער צייט זיינען אויסגעוואַקסן יענע געשעהענישן, וואָס מיר זעהען זיי שפּעטער. ס׳ווערן צייטיג די ערשטע פּרוכטן פון דער עמאַנסיפּאַציע, די זיסע ווי די ביטערע. די יידישע בירגערליכע און עקאָנאָמישע לאַגע פאַרבעסערט זיך, אָבער אַקעגן וואַקסט אויך די אומצופרידנ־קייט און דער ווידערשטאַנד פון דעם טייל קריסטליכער באַפעלקערונג, וואָס זיינע אינטערעסן האָבן ניט געשטימט מיט די יידישע. אונטער דער ליכטיגער זון פון פרייהייט וואַקסט אויס אַ פּרוכט, וואָס ציהט אירע זאַפטן פון דעם באָדן פון קנעכטשאַפט.

זינט דער רעוואָלוציע אָן איז די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנק־רייך אַלץ געוואַקסן. פון נאָהענטן דייטשלאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט די אימיג־

ראַציע אין די מזרח־דעפּאַרטאַמענטן, קיין עלזאַס־לאָטאַרינגען. די באַוואוינער פון די דייטשע געטאָס האָבן דאָ געטראָפן אַ היימישע סביבה; דער לעבנסשטייגער און די שפּראַך (יידיש) זיינען דאָ געווען דיזעלבע, וואָס דאָרט, און דייטשע יידן האָבן זיך דאָ גיך צוגעפּאַסט. אַסך האָבן זיך געלאָזט ווייטער אויך, דערהויפּט קיין פּאַריז; פאַר 15 יאָר איז די צאָל יידן אין פּאַריז געוואָרן דריי מאָל אַזוי די גרויס (אַרום יאָר 1806 האָט שוין דאָרט געוואוינט 3000 יידישע נפשות). אין שטראַסבורג, וואָס איז פריהער געווען פאַרשלאָסן פאַר יידן, איז איצט געוואָרן אַ היפּשע יידישע קהלה. פראַנצויזישע איינגעמוונגען בשעת רעוואָלוציע און אימפּעריע (בעלגיע, האָלאַנד, שווייץ, אַ טייל איטאַליע און דייטשלאַנד) האָבן מעכאַניש פאַרגרעסערט די צאָל פון דער יידישע באַפעלקערונג; אין די ערשטע יאָרן פון דער אימפּעריע (1804־1808) האָט זיך אין פראַנקרייך שוין גערעכנט איבער 135 טויזנט נפשות; בערך העלפט דערפון האָט געוואוינט אין די אַלט־פראַנצויזישע דעפּאַרטאַמענטן.

די דאָזיגע מאַסע יידן האָט געזעהן צו אַנטוויקלען אירע כחות אין דעם פרייען לאַנד, אָבער אין יענער שטורעמדיגער צייט האָט זי ניט געקאָנט נאָר־מאָל וואַקסן: פריהער האָבן געשטערט אינעווייניגסטע רעוואָלוציאָנערע קריזיסן, דערנאָך דורכאַנאַנד אויסווייניגסטע מלחמות. אַנשטאָט דעם פריהערדיגן דורשט צו פרייהייט איז איצט געקומען אַ דורשט צו קריגס־רום, צו הערשן איבער אייראָפּע; ס'האָט אויפגעבליהט נאַפּאָלעאָנס מיליטאַריזם. יידן האָבן אויך געמוזט נאָכגיין דעם שטראָם, וואָס האָט פאַרשלעפּט בירגער־מוט אין די סאָלדאַטן־קאַזאַרמעס און אויף די שלאַכט־פעלדער; ניט ווייניג שטאָף האָבן יידן געליפערט פאַר דעם האַרמאַטן־פלייש, וואָס „פראַנקרייכס גרויסקייט" האָט געפאָדערט. די אָפטע מאָביליזאַציעס האָבן אָוועקגענומען ביי דער יידישער באַפעלקערונג די בעסטע יוגנט. יידן האָבן זיך געשטעלט אונטער די פאָנען פון דער רעפּובליק און פון דער אימפּעריע אָדער האָבן געדונגען אַנדערע פאַר זיך; ס'האָט ניט געפעלט קיין וואָלאָנטערן און קיין פראָפעסיאָנאַלן אויך, וואָס האָבן דערלאַנגט צו אָפיצערן־ראַנג. די לאַגע פון אַ יידן אַ סאָלדאַט צווישן זיינע קריסטליכע חברים איז אָפט געווען זעהר אַ געדריקטע; אַסך יידן האָבן דעריבער ניט אויסגעזאָגט זייער אָפּשטאַם און האָבן זיך אויסגעקליבן אַ מיליטער־פסעוודאָנים אַנשטאָט זייער יידישן נאָמען. וואָס מער מאָביליזאַציעס, איז אָבער אַלץ שווערער געוואָרן דער „בלוט־שטייער", און אַלץ מער האָט מען זיך גענומען אויסדרייען פון מיליטער־דינסט. די פרעפעקטן אין די מזרח־דעפּאַרטאַ־מענטן פלעגן מעלדן, אַז אַסך יידן קומען ניט צו די מאָביליזאַציעס, אַז זיי פירן ניט ריכטיג זייערע מעטריקעס; אַנדערע פאַרשרייבן נאָר זייערע יינגלאַך מיט מיידלשע נעמען, כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט. כאָטש ניט־קומען צו דער דינסט און אפילו דעזערטירן איז ביי קריסטן אויך געוואָרן אַלץ אָפטער, פונדעסטוועגן פלעגט מען קוקן דערהויפּט אויף יידן און מ'פלעגט זיי אויסוואַרפן,

אַז זיי פעלט בירגער־געפיל. דערפון האָט מען שוין ממילא געצויגן דעם פועל־יוצא, אַז יידן פאַרדינען ניט קיין גלייכבאַרעכטיגונג. ס'איז געווען אַ היסטאָרישער טראַגיזם פאַר פראַנצויזישע יידן, וואָס די עמאַנסיפאַציע איז פאַר זיי אָנגעקומען פאַרקנוילט אין בלוטיגן טעראָר און אין פולווער־רויך, אַזוי, אַז זיי האָבן ניט געהאַט די געלעגנהייט ביסלאַכווייז זיך צופאַסן צו דעם נייעם בירגער־לעבן און צו דער אייראָפייאישער קולטור.

דערפון נעמען זיך אויך די אומנאָרמאַלע וועגן פון זייער קולטור־אַנטוויקלונג: אומגעריכטע שפרונגען אויף איין זייט, פאַרגליווערטקייט אויף דער אַנדערער זייט. די אויבערשטע שיכטן, דערהויפט אין פאַריז און צווישן ספרד'ישע יידן, האָבן זיך גיך אונטערגעגעבן דעם שטראָם אַסימילאַציע. אָנשטאָט צו רעפאָרמירן די יידישע שול, האָבן די עלטערן אָפגעגעבן זייערע קינדער אין פראַנצויזישע שולן און אין „לייטישע פאַנסיאָנען”, יידישע קינדער האָבן זיך אויפגעצויגן צווישן קריסטן און האָבן זיך דערווייטערט פונם יידישן לעבן. מיליטער־דינסט האָט אויך אָפט אָפגעריסן די יידישע יוגנט פון איר נאַציאָנאַלער סביבה. אייניגע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין מלוכה־דינסט אָדער אין די פרייע פראָפעסיעס, אָבער זעהר ווייניג אין דעם יונגן דור האָבן זיך אינטערעסירט מיט זייער פאָלק, ווי אַדוואָקאַט מיכאל בער, דעם געוויסן יצחק בערס אַ זון, און אַנדערע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן ראַסן־אַסימילאַציע אויך: *געמישטע חתונות* צווישן יידן און קריסטן. די אַסימילאַציע האָט זיך שטאַרק פאַרנומען אפילו אין די יידישע צענטערן פון עלזאַס־לאָטאַרינגען. נאָך אין יאָר 1791, באַלד נאָך דער עמאַנסיפאַציע, האָט דער שתדלן יצחק־בער אויפגעפאָדערט יידן, זיי זאָלן זיך אָפזאָגן פון דער יידישער שפראַך, איינפירן ביי זיך פראַנצויזיש, אָפגעבן זייערע קינדער אין פראַנצויזישע שולן, וואָרום נאָר דורך אַזאַ איינינגן־זיך מיט קריסטליכע קינדער אין דער שול וועט באַזייטיגט ווערן די פאַרפרעמדקייט, און צווישן קריסטן און יידן וועט ווערן „אַ ברידערליכע ליבשאַפט”. אין אינעווייניגסטן יידישן לעבן איז בערס וואונש אינגיכן מקוים געוואָרן: די פראַנצויזישע מלוכה־שפראַך האָט ביסלאַכווייז אַרויסגעשטופט די יידישע פאָלקס־שפראַך, די פראַנצויזישע שול האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער יידישער שול, דער יונגער יידישער דור איז בכלל, וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַרפרעמדט געוואָרן צום אייגענעם פאָלק, אָבער צו „ברידערליכער ליבשאַפט” מיט דער קריסטליכער באַפעלקערונג האָט דאָס נאָך געהאַלטן ווייט. אין יאָר 1806, ד. ה. 15 יאָר נאָך דער עמאַנסיפאַציע, איז דעמזעלבן יצחק בער אויסגעקומען צו שרייבן אַזאַ ביטערע זאַך: „געווים האָט דער גליקליכער דעקרעט פונם 28 סעפטעמבר 1791 אומגעקערט אונז אונזערע רעכט און האָט אונז פאַרפליכט אייביג דאַנקבאַר זיין, אָבער ביז היינט נאָך האָבן מיר דעם דעקרעט ווייניג באַנוצט, און אין דער פראַקטיק פעלט אונז נאָך אַסך פון דעם, וואָס מיר האָבן באַקומען אויפן פאַפיר.

די פּראַכטונג צום נאָמען „ייד" איז די גרעסטע מניעה פאַר אונזער אויפלעבן. זאָל אַ יידיש יינגל קומען צו אַ מייסטער אַ בעל־מלאכה, צו אַ פאַברי־קאַנט, צו אַ קינסטלער אָדער צו אַן ערד־אַרבעטער לערנען זיך ביי אים — אַזוי טרייבט מען אים דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד. רופט מען אַ יידן אין געריכט אַריין — ווערט זיך דער אַנדערער צד זעלטן ניט אָנטאָן דעם פאַר־געניגן אויסלאַכן יידן און אויסרעדן אויף זיי, וואָס נאָר מ'וואַרפט אונז אויס זינט די וועלט שטייט... אפילו אין די טעאַטערס שעמט מען זיך ניט מאַכן אונז צו שפּאָט."

דער דאָזיגער ווידערשטאַנד פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג אַקעגן יידישער גלייכבאַרעכטיגונג האָט דערהאַלטן יידן ביי זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט. דער גרעסטער טייל יידן אין עלזאַס און אין לאָטאַרינגען האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי די פריהערדיגע פּראָפעסיעס, ביי קליינהאַנדל און געלט־לייען, נישט געקוקט, וואָס דער געזעץ האָט זיי ניט געשטערט פריי זיך נעמען פאַר יעדער זאַך. דער דויערנדיגער פינאַנץ־עקאָנאָמישער קריזיס אין פראַנקרייך צו דער צייט פון רעוואָלוציע און אימפּעריע האָט געבראַכט דערצו, אַז יידן האָבן ניט געקאָנט אָהן ריזיקע נעמען זיך פאַר נייע פּראָפעסיעס; די קריסטליכע באַפעלקערונג ווידער, ווייניגסטנס אירע פּאַראינטערעסירטע קלאַסן, האָבן אַזוינס אויך ניט דערלאָזט. דערפון נעמט זיך דער עקאָנאָמישער קאָנסערוואַטיזם; אין דער יידישער ווירטשאַפט איז געבליבן הערשן אַ וויסטיגע מאָנאָפּאָליע: דער געלט־קרעדיט, דערהויפּט אין דאָרף צווישן פּויערים. דער איבערקער, וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט אין דער ערד־פראַגע (אויס פעאָדאַליזם, די עמיגראַציע פון דעם אַדל, דער אויפגעקומענער פּויערשער ערד־בעל־הבית), האָט נאָר געגעבן אַן אַנדער ריכטונג דער יידישער פּאַרמיט־לעריי. פון היפּאָטעק־אויסלייער איז אַ קליינער טייל יידן־קאַפּיטאַליסטן געוואָרן ערד־אייגנטימער, דער גרעסטער טייל אָבער האָט זיך באַשעפטיגט מיט איבער־פאַרקויפן די פאַרזעצטע נחלאות צו פּויערים אָדער שטאָט־לייט. איבער דעם טעראָר און קריגס־אומרוה איז די ספּעקולאַציע מיט נחלאות אויפגעשרויפט געוואָרן ביז גאָר: בעלנים אויף גרינגע פּרנסות פלעגן אויפקויפן פאַר קליינ־געלט די גיטער, וואָס די עמיגראַנטן־פּריצים האָבן געמוזט פאַרלאָזן, און פאַרקויפן זיי פאַר הויכע פּרייזן. אַ ייד, וואָס פלעגט לייען אַ פּויער געלט צו קויפן פּריצ'יישע ערד, האָט אים דערמיט גרינגער געמאַכט צו ווערן אַ בעל־הבית פאַר זיך, אָבער דער אייגענער ייד האָט באַלעסטיגט דעם נייעם בעל־הבית מיט שווערע חובות. די אומזיכערקייט פון קרעדיט האָט געגעוויט דעם אויסלייער צו נעמען גרויסע פּראָצענטן; דאָס האָט אָבער שטאַרק אויפגע־בראַכט דעם עולם. פון די ריין־דעפּאַרטאַמענטן האָט מען זיך געקלאָגט קיין פּאַריז, אַז „יידן עקספּלואַטירן", יידן זיינען וואָכערניקעס, יידן פאַרכאַפּן אַלץ פאַר זיך. מאַרשאַל קעלערמאַן האָט אין יאָר 1806 געשיקט נאַפּאָלעאָנען אַ „פּריוואַטן

ראַפּאָרט"; דאָרט מאָלט ער מיט שוואַרצע פאַרבן די לאַגע פון דער פּראָווינץ עלזאַס אונטער דער יידישער עקאָנאָמישער „הערשאַפט": יידן רואינירן דאָס עלזאַסישע דאָרף, זיי האַלטן אין יאָך כמעט דאָס גאַנצע פויערטום און זיינען פאַקטיש די איינגעטימער פון דעם גרעסטן טייל ערד אין געגנט. אַזוינע פאַרטייאישע ראַפּאָרטן האָבן געמאַכט אויף נאַפּאָלעאָנען אַ גרויסן איינדרוק, ער האָט זיך גראָד יענע צייט שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידנפראַגע. אין פּאַריז האָט זיך קענען יידן געקליבן אַגרויסער באַשולדיגונגס־אַקט, ס'האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט אָפּשאַפן יידישע גלייכבאַרעכטיגונג...

§ 21 נאַפּאָלעאָן און יידן; דער דעקרעט פון יאָר 1806.

די נייע קראַפט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אייראָפּעס לעבן, אַ קראַפט, וואָס האָט גלייכצייטיג צעשטערט און געבויט, וואָס האָט פאַראייניגט אין זיך אומגעזעץ פון דעספּאָטיזם מיט פרייהייט פון רעוואָלוציע, די דאָזיגע שטורעמדיגע קראַפט האָט אָנגערירט יידן אויך. נאַפּאָלעאָן איז געווען פאַר יידן דאָס, וואָס פאַר גאַנץ אייראָפּע: אַ באַדריקער און אַ באַפרייער, אַ גייסט פון בייז און פון גוטס. געמיינקייט און גרויסקייט האָבן זיך דאָ פאַרקניפּט ביי דעם וועלט־איינגעמער אין זיינע באַציהונגען צו אַ נאַציע. וואָס די וועלט האָט זי ניט געקאָנט גובר זיין.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך באָנאַפּאַרט נאָהענט געטראָפן מיט יידן אין זייער אַלטער היים, בשעת זיין וואונדערליכן פעלדמאַרש קיין סיריע און מצרים. נאָך דעם ווי באָנאַפּאַרט האָט איינגענומען עזה און יפו (פעברואַר־מערץ 1799), האָט ער ביי די טויערן פון ירושלים פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף צו יידן אין אַזיע און אין אַפריקע, זיי זאָלן העלפן דעם פראַנצויזישן מיליטער, וועט ער דעמאָלט צוריק אויפשטעלן ירושלים. דאָס איז געווען אַ פּאָליטישע קונץ צו פאַרווערבן זיך מזרח־יידן פאַר גוטע פריינד בעת דער מלחמה אין פּאַלעסטינע. יידן האָבן זיך ניט געלאָזט איינרעדן: זיי זיינען טריי געבליבן דער טערקישער רעגירונג. איבער די ידיעות וועגן רציחות פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, האָבן ירושלים'ער יידן אַסך מיטגעאַרבעט צו פאַרטיידיגן די שטאָט. דער פאַנטאַסטישער פּלאַן איינצונעמען אַזיע איז ניט געראָטן, און נאַפּאָלעאָן האָט זיך אומגעקערט קיין מערב, כדי מיט דעם קלאַפּ פון 18־טן ברומער נעמען אין די הענט פראַנקרייך און נאָכדעם — איינגעמען אייראָפּע.

דער געדאַנק, ווי אַזוי איינצואָרדנען יידן אין אַ מאָדערנער מלוכה, האָט דאָס ערשטע מאָל פאַראינטערעסירט נאַפּאָלעאָנען, ווען ער איז נאָך געווען ערשטער קאָנסול. נאָך דעם ווי ער האָט געשלאָסן דעם קאָנקאָרדאַט מיטן פּויפּסט (1801), איז געוואָרן אַ פראַגע וועגן די פאַרשיידענע רעליגיעזע קולטן אין

פֿראַנקרייך. דער ערשטער קאָנסול האָט איבערגעגעבן דעם קולט־מיניסטער פּאָרטאַליסן צושטעלן אַ באַריכט וועגן דער באַציהונג פֿון דער יידישער רעליגיע צו דער מלוכה. יענער האָט צוגעשטעלט אַ באַריכט, און דער גנזעצגעבערישער קאָרפּוס האָט דאָס אויסגעהערט אין דער זיצונג פֿון 5 אַפּריל 1802. אָבער אָנשטאָט אַ פּראָעקט, ווי אַזוי איינצואָרדנען יידישע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, זיינען דאָ אָנגעגעבן געווען טעמים, ווי שווער דאָס איז צו פֿאַרווירקליכן אַזאַ פּראָעקט. „די רעגירונג זאָרגט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון פֿאַרשיידענע קולטן, שרייבט פּאָרטאַליס, ממילא האָט זי אין אויג די יידישע רעליגיע אויך; די יידישע אמונה דאַרף זיין פֿריי גלייך מיט אַנדערע אַזוי ווי אין אונזער געזעץ שטייט. אָבער יידן זיינען מער אַ פֿאָלק, איידער אַ אמונה, זיי לעבן צווישן אַנדערע נאַציעס און מישן זיך מיט זיי ניט אויס. די רעגירונג האָט געמוזט אין זינען האָבן די אייביגקייט פֿון דעם דאָזיגן פֿאָלק, וואָס איז גאַנץ געבליבן ביז צו היינטיגער צייט נאָך אַלע היסטאָרישע אומגליקן, דאָס פֿאָלק, וואָס אין זיין קולט און אין זיין גייסטיגער אָרדנונג פֿאַרמאָגט דאָס די גרעסטע פּריווילעגיע — צו האָבן גאָט אליין פֿאַר זיין געזעצגעבער". אין אַזאַ פֿאָרשפּיל האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די שפּעטערדיגע צווייזייטיגקייט פֿון נאַפּאָלעאָנס רעגירונג אין דער יידנפֿראַגע: היסטאָרישע קאָמפּלימענטן דער יידישער שטאַנדהאַפֿטיגקייט, און פֿון דער אַנדער זייט — די מורא, אַז אַזאַ פֿאָלק וועט זיך ניט קאָנען צופּאַסן צום פֿראַנצויזישן מלוכה־לעבן, ד. ה. ס'וועט דערהאַלטן ווייטער אויך זיין היסטאָרישע שטאַנדהאַפֿטיגקייט. איבער דער דאָזיגער אומזיכערקייט איז די פֿראַגע וועגן דער אינעווייניגסטער יידישער אָרגאַניזאַציע אָפּגעלייגט געוואָרן.

נאַפּאָלעאָן דער אימפּעראַטאָר האָט פֿאַרענדיגט, וואָס נאַפּאָלעאָן דער ערשטער קאָנסול האָט אָנגעהויבן; אָבער אין גרונד האָט שוין דאָ געשטעקט מער באַזאָרגעניש און חשד, איידער דרך־ארץ פֿאַר דער „אייביגקייט פֿונם יידישן פֿאָלק". גאָר און נאָר פֿרעמד דעם יידישן לעבן, האָט זיך נאַפּאָלעאָן געפּאַסט אַ באַגריף דערפֿון פֿון די צופֿעליגע איינדרוקן בשעת די פֿעלדמאַרשן, פֿון פּריוואַטע אָנקלאָגן אָדער פֿון אָפֿיציעלע ראַפּאָרטן. אין מלחמה־צייטן האָט ער ניט באַמערקט ספּעציעל יידישע סאָלדאַטן אין דער פֿילפֿאַרביגער, פֿילפֿעלקערדיגער אַרמיי, בפֿרט נאָך, אַז יידישע סאָלדאַטן פֿלעגן פֿאַרהוילן זייער יידישן אָפּשטאַם דורך פֿאַרשיידענע פּסעוודאָנימען (זעה § 20). דערפֿאַר אָבער האָבן זיך אים געוואָרפֿן אין אויג מחנות מאַרקיטאַנטן, וואָס פֿלעגן נאָכגיין דער אַרמיי און גייציג כאַפּן זייער האַנדלס־געווין דאָרט, וואו דער פֿראַנצויזישער פֿירער האָט געזוכט קרינס־געווין. צוריקוועגס פֿון דער אויסטערליצער שלאַכט (ענדע יאָר 1805) האָט זיך דער קיסר אַנגעהערט אין שטראַסבורג מיט אָנקלאָגן אויף עלזאַסער יידן: זיי זאָלן האָבן פֿאַרקנעכט מיט זייערע קרעדיט־אָפּעראַציעס די גאַנצע פּויערשע באַפֿעלקערונג אין דער פּראָווינץ. די קריסטן אין שטראַסבורג, וואָס האָבן זיך פֿון לאַנג אָן פֿעסט געהאַלטן אָן זייער אַלטער „פּריווי־

לעגיע״ — ניט אַריינצולאָזן קיין יידן אין שטאָט, האָבן נאָך אַלץ ניט געקאָנט צוגעוויינען זיך צו יידישער עמאַנסיפּאַציע, צו אַ גלייכבאַרעכטיגטער יידישער קהלה אין דער שטאָט, וואו פריהער „האָט אַ ייד ניט געטאָרט איבערנעכטיגן״. אויף נאַפּאָלעאָנען האָבן שטראַסבורגער און אַנדערע עלזאַסער יידנפיינט אַרויסגעקוקט, ער זאָל זיי צוליב טאָן וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט פּועל׳ן אין די יאָרן פון רעוואָלוציע, נעמליך, מ׳זאָל ניט לאָזן יידישע גלייכבאַרעכטיגונג פּאַקטיש פאַרווירקליכט ווערן. דאָס מאָל האָבן זיי געטראָפן: דער קיסר האָט צוגעזאָגט באַטראַכטן די אָנקלאָגן און אָננעמען מיטלען.

קיין פּאַריז איז נאַפּאָלעאָן געקומען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף יידן, מיט אַ פעסטן באַשלוס זיך נעמען צו זיי, ניט געשראָקן זיך פאַר אָנרירן זייער גלייכבאַרעכטיגונג. דעם מלוכה־ראַט האָט ער באַפוילן באַלד באַהאַנדלען די פראַגע. רעפערענט איז געווען גראַף מאָלע, דער געוויסער קאָנסערוואַטיווער מלוכה־טוער פון שפּעטערדיגע יאָרן, דעמאָלט נאָך אַ יונגער באַאַמטער, אַן אָנהענגער פון נאַפּאָלעאָנס רעזשים. ווען מאָלע האָט געלייענט זיין פּאָרטראָג אין מלוכה־ראַט און האָט דערמאָנט, אַז פאַר יידן דאַרפן גילטן אויסנאַם־געזעצן, ווייניגסטנס אין זייער האַנדל, האָט דאָס שטאַרק אויפגעבראַכט די ראַט־גלידער, מייסטנס ליבעראַל־געשטימטע. ס׳האָבן זיך געלאָזט הערן פּראָטעסטן קעגן דעם רעאַקציאָנערן פּרוב אומקערן יידן צום אַלטן רעזשים. אין דער צווייטער זיצונג אונטער דעם קיסר׳ס פאָרזיץ איז די פראַגע ווידער געשטעלט געוואָרן (30 אַפּריל 1806); דער ליבעראַלער ראַטגליד בעניאָ האָט געהאַלטן אַ הייסע רעדע קעגן דעם פּראָעקט צו באַגרעניצן יידן אין זייערע רעכט, דערביי האָט ער זיך בילדליך אויסגעדריקט, אַז יעדער אויסנאַם־געזעץ קעגן יידן וואָלט געהייסן אַזוי גוט ווי „אַ פאַרשפּילטער קאָן אויפן שלאַכט־פעלד פון גערעכטיגקייט״. דער רוב ראַטגלידער האָט געהאַלטן ווי בעניאָ. אָבער דער מאַן פון שווערד האָט אָפּגעענטפערט די מענער פון געזעץ. אין אַ שאַרפער רעדע האָט נאַפּאָלעאָן געלאָזט הערן זיין פאַראַכטונג צו „אידעאָלאָגן״, וואָס „זיינען מקריב די ווירקליכקייט צוליב אַ קאָפּ־זאַך״; די ווירקליכקייט גופא האָט אין זיינע אויגן אויסגעזעהן שרעקליך. „די רעגירונג, זאָגט נאַפּאָלעאָן אויפגערעגט, קאָן ניט גלייכגילטיג צוזעהן, ווי אַ נאַציע, אַ דערנידעריגטע, אַ געפאַלענע, וואָס אין פעהיג אויף אַלע שענדליכע זאַכן, זאָל פאַרכאַפּן צוויי בעסטע דעפּאַרטאַמענטן אין אַלטן עלזאַס. *יידן דאַרף מען האַלטן פאַר אַ נאַציע, ניט פאַר קיין סעקטע. דאָס איז אַ נאַציע אין אַ נאַציע*... מ׳קאָן זיי ניט גלייכן צו פּראָטעסטאַנטן אָדער צו קאַטוילן; פאַר זיי דאַרף גילטן אַ פּאָליטישער געזעץ, ניט קיין בירגערליכער, וואָרום זיי זיינען קיין בירגער ניט... איך וויל אָפּנעמען ביי יידן דאָס רעכט צו נעמען נחלאות אַלס משכון, ווייניגסטנס אויף אַ צייט. יידן האָבן שוין פאַרכאַפּט גאַנצע דערפער: זיי האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון פריהערדיגע פעאָדאַלן. דאָס זיינען גאַנצע טשאַטעס

ראָבן... ס׳וואָלט געלוינט צו פאַרווערן זיי אויך האַנדל, וואָס זיי האָבן דאָס פאַרשמוצט מיט וואָכער, און אַנולירן זייערע פריהערדיגע אָפּמאַכן, וואָס אין גרונד שטעקט אין זיי שווינדל״. צום סוף האָט דער קיסר אויפגעדעקט די קוועל פון זיינע ידיעות וועגן יידן: דאָס זיינען אָנקלאָגן פון שטראַסבורגער קריסטן און אַ ראַפּאָרט פונם פרעפעקט.

אויסגעשיילט נאַפּאָלעאָנס עצם מיינונג פון צופעליגע איינדרוקן, זעהט מען דאָ אַזאַ סיסטעם: די רעוואָלוציע האָט געגעבן יידן גלייכבאַרעכטיגונג, אַלס אַ סעקטע אין דער פראַנצויזישער נאַציע (§ 15); אויב אָבער זיי זיינען אַ באַזונדער נאַציע, דאַרף פאַר זיי, אַלס פאַר אויסלענדער, גילטן אַ פּאָליטישער קאָדעקס, ניט קיין בירגערליכער — אַ נעפּערליכער גערדאַנק, וואָרום נאַפּאָלעאָנס פּאָליטישער קאָדעקס איז געווען פונקט אַזוי שלעכט, ווי גוט ס׳איז געווען זיין ציוויל־קאָדעקס... פּראַקטיש האָט אָבער נאַפּאָלעאָן ניט געוואָלט זיין אַזוי אויסגעהאַלטן און קריגן אַ שם פון אַ יידנפיינט. אין דער אַנדערער זיצונג האָט ער אָפּגעוואָרפן דעם רעפּערענטס וויטסטן פאָרשלאָג: מ׳זאָל אַרויסטרייבן אַלע יידישע קליינהענדלער־הייזירער און מאַכן אויף וואָכערניקעס אַ השגחה פון די געריכטס־טריבונאַלן. „איך בין זעהר ווייט פונם געדאַנק צו טאָן עפּעס אַזוינס קעגן מיין רום, וואָס די שפּעטערדיגע דורות זאָלן מיר פאָרהאַלטן... ס׳וואָלט געווען אַ שוואַכקייט צו יאָגן יידן, אָבער אַ שטאַרקייט איז — זיי אויסבעסערן״. מיט „אויסבעסערן״ האָט נאַפּאָלעאָן געמיינט ניט נאָר רעפּרעסיעס אַליין קעגן די שעדליכע זייטן פונם יידישן האַנדל, נאָר גרינדליך אומענדערן דאָס יידישע געזעלשאַפטליכע לעבן. „דאָס שלעכטס, וואָס יידן פאַרשאַפן, שטאַמט, נאָך זיין מיינונג נאָך, ניט פון איינצלנע פּערזאָנען, נאָר פון דער גאַנצער איינריכטונג פונם יידישן פאָלק״. דערביי האָט ער פאָרגעלייגט צונויפרופן אין פּאַריז יידישע „גענעראַל־שטאַטן״. די פאַרטרעטער פון אַ פאָלק, וואָס זיצט אויף דער שולד־באַנק, דאַרפן אַרויסזאָגן: צי קאָן מען אויסבעסערן די יידישע שלעכטע „קאָנסטיטוציע״ און זי אונטעראָרדנען דער מלוכה־קאָנסטיטוציע, אָדער יידן טויגן ניט פאַר קיין בירגער־לעבן.

דער פּועל־יוצא פון די דאָזיגע באַראַטונגען איז געווען דעם קיסר׳ס אַ דעקרעט פון 30 מאַי 1806, אין צוויי טיילן. איין טייל איז געווען אַ באַפעל צו פאַרהאַלטן אויספירן די געריכט־באַשלוסן וועגן אַלע תביעות פון יידישע קרעדיטאָרן צו פּויערים אין די דעפּאַרטאַמענטן פון נידער־ און אויבער־ריין און אין אַנדערע „דייטשע״ פּראָווינצן. דער אַנדערער טייל האָט מודיע געווען, אַז צום 15 יולי דאַרף זיך צונויפקומען אין פּאַריז אַ „פאַרזאַמלונג מענשן פון יידישער אמונה, וואָס וואוינען אויף פראַנצויזישער ערד״; עס דאַרפן קומען ניט ווייניגער פאַר הונדערט מאַן, וואָס די פּרעפעקטן זאָלן זיי אויסקלייבן צווישן וועלטליכע און גייסטליכע פאָרשטייער פון יידישע קהלות.

ביידע טיילן פון דעקרעט זיינען מאָטיווירט אַזוי: ראשית איז נויטיג צור

הילף קומען די ערד־אַרבעטער, וואָס יידן־וואָכערניקעס האָבן זיי פאַריאָכט, צווייטנס דאַרף מען אויפפרישן ביי יידן דאָס געפיל פון „בירגער־מאָראַל, וואָס ביי אַסך זייערע איז דאָס דערשלאָגן געוואָרן איבער דעם לאַנג דערנידע־ריגטן צושטאַנד. אַזאַ צושטאַנד ווילן מיר ניט דערהאַלטן ווייטער און ניט באַנייען”.

דער באַפעל, מ׳זאָל אויפהערן אויפמאָנען חובות, וואָס יידן קומט, איז געווען אַ גרויסער קלאַפ ניט אַליין פאַר איינצלנע מענשן (אַגב זיינען צווישן זיי געווען אַסך אַזוינע, וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט צו גרויסע פראָצענטן), נאָר פאַר דעם עצם פרינציפ פון בירגערליכער גלייכקייט, וואָרום געשטראָפט האָט מען דאָ ניט קיין פראָצענטניקעס בכלל, נאָר דוקא יידישע. דער געהויבענער פלאַן — ווידער צונויפזאַמלען יידישע דעפוטאַטן — איז שוין געווען פאַרשמוצט: איינמאָל, וואָס ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער שטראָף קעגן יידישע וואָכערניקעס אין דעם ערשטן טייל דעקרעט, און צווייטנס איבער דעם באַליידיגנדיגן אָפיציעלן ציל פון דער פאַרזאַמלונג: קעגן יידן, הייסט דאָס, האָט מען פאַרפירט אַ פראָצעס, מ׳דאַרף זיי נעמען אויפן פאַרהער, זיי דאַרפן עפנטליך האַלטן עקזאַמען אויף דעם נאָמען בירגער. פונדעסטוועגן האָט די יידישע געזעלשאַפט אין פראַנקרייך און אין אויסן פאַרקוקט די דאָ־זיגע שאָטן־זייט פונם דעקרעט און האָט געזעהן נאָר די ליכטיגע פאַראַד־זייט: אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע דעפוטאַטן איז פאַר זיך געווען אַ וויכטיגע אַקציע, ס׳האָט אויסגעוויזן צו זיין אַן אָנהויב פון אַ נייער תקופה פאַרן יידישן פאָלק.

די פראַנצויזישע פרעסע האָט אויך באַהאַנדלט די יידנפראַגע. די קאַטוי־לישע רעאַקציע, וואָס האָט איצט אויפגעהויבן דעם קאָפ, און איר וואָרטפירער באָנאַלד זיינען אַרויס קעגן דעם פרינציפ פון יידישער עמאַנסיפּאַציע. אין אַן אַרטיקל אין „מערקור דע פראַנס” חזר׳ט באָנאַלד איבער די אַלטע טענות קעגן יידן און קומט צום אויספיר, אַז „יידן קאָנען ניט זיין און וועלן קיינ־מאָל ניט זיין קיין בירגער אין אַ קריסטליך לאַנד, אַזוי לאַנג, ווי זיי וועלן ניט ווערן קיין קריסטן”. יידנפריינד זיינען אַרויס קעגן באָנאַלדן. ראָדריגעס, אַ ספרד׳ישער פובליציסט, האָט אויסגעדריקט זיין אויפגעבראַכטקייט, וואָס אין 19־טן יאָרהונדערט, אונטער דעם שוץ פון אַ פריי און שטאַרק פראַנקרייך, קאָן מען דרוקן אַרטיקלען, אַז מ׳זאָל אָפנעמען ביי יידן זייערע בירגערליכע און פאָליטישע רעכט, וואָס ס׳קומט זיי ניט אַליין דערפאַר, וואָס דער געזעץ וויל אַזוי, נאָר וויילל דער מענשליכער פאַרשטאַנד הייסט. ניט צופעליג האָט באָנאַלד אָנגעהויבן זיין יידנפיינטליכע אַגיטאַציע גראָד דעמאָלט, ווען מ׳האָט אין מלוכה־ראַט גענומען באַהאַנדלען די יידנפראַגע: דער דאָזיגער רעאַקציאָנער, אַ מקורב אין הויף, האָט געוואוסט דעם קיסר׳ס שטימונג און איז מיט זיין אַגיטאַציע אויסן געווען צו ווירקן אויף דעם ראַטס באַשלוס. ווען מאָלע האָט געלייענט זיין רעפעראַט אין מלוכה־ראַט, האָבן די ליבעראַלע ראַט־גלידער אָנגעוויזן, אַז דאָס

איז שטאַרק אָנגעשמעקט מיט „פאָנטאַנס און באָנאַלדס אַנטיפילאָזאָפישער פאַרטיי”. זיי האָבן דערשפּירט פון וואַנען דער ווינט בלאָזט, זיי האָבן אָבער געמוזט געדענקען, אַז דער קיסר גופא האַלט פון יענעם צד.

§ 22. די דעפוטאַטן־פאַרזאַמלונג.

ניך זיינען צוגעגאַנגען די הכנות צום „יידישן פאַרלאַמענט”, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין פאַריז לויט דעם דעקרעט פונם 30 מאַי 1806. קיין פאָלקס־וואַלן זיינען ניט פאָרגעקומען. לויט דער אינסטרוקציע האָבן די פרעפעקטן פון דע־פאַרטאַמענטן אַליין באַשטימט אַ געוויסע צאָל דעפוטאַטן פון רבנים, סוחרים און פני („נאָטאַבלען”). מ'האָט דערהויפּט געזוכט געבילדעטע פּראָגרעסיווע לייט, וואָס זאָלן פאַרשטיין צו שעצן „די גוטע וואונשן פון דער רעגירונג”. אין די עכט־פראַנצויזישע דעפאַרטאַמענטן, אין עלזאַס־לאָטאַרינגען און אין די שכנות'דיגע דייטשע פראָווינצן האָט מען געלאָזט אויסקלייבן 74 דעפוטאַטן, צוויי דריטל זיי־ערע האָבן געזאָלט זיין פון די ריין־דעפאַרטאַמענטן; שפּעטער האָט מען די צאָל פאַרגרעסערט. חוץ דעם זיינען נאָך געקומען דעפוטאַטן פונם איטאַליענישן קיניגטום (ווענעדיג, טורין, פעראַראַ און אַנד.); צו דעם עפענען די פאַרזאַמלונג זיי־נען זיך צונויפגעקומען 112 דעפוטאַטן פון אַלע טיילן פון דער אימפעריע.

די אָנגעזעהענסטע צווישן די דעפוטאַטן זיינען געווען די לאַנג־באַקאַנטע אברהם פ ו ר ט אַ ד אָ פון באָרדאָ, בער־יצחק ב ע ר פון נאַנסי און דער שטראַס־בורגער רב דוד ז י נ צ ה י י ם . פורטאַדאָ איז געווען אַ פאָרשטייער פון יענע ספרדים, וואָס אין דער רעוואָלוציע־צייט האָבן זיי זיך אָפגעטיילט פון דעם רוב אשכנז'ישע יידן (§ 16). אַן אַלטער וואָלטעריאַנער, אַ זשיראָנדיסט, מער פראַנצויז אין האַרצן איידער ייד, האָט פורטאַדאָ ניט געהאַט קיין צוטרוי ביי די דעפוטאַטן פון דייטשע דעפאַרטאַמענטן. די עלזאַסער דעפוטאַטן האָבן גע־שפּאַסט, אַז פורטאַדאָ קען תנ"ך נאָר פון וואָלטערס פאַמפלעטן קעגן ביבל. פונדעסטוועגן האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר פאָרזיצער, וואָרום ער האָט פאַר־מאָגט די נויטיגע אויסערדיגע מעלות: פאָליטישע געניטקייט און אַ ריידער־טאַלענט אין דער מלוכה־שפּראַך. דער אָנגעזעהענסטער דעפוטאַט צווישן די אשכנז'ישע יידן איז געווען יצחק בער, אַ שטענדיגער שתדלן פאַר יידן, מענדעלסאָנס אַ חסיד, וואָס האָט געוואָלט צונויפפירן יידישקייט מיט בילדונג. אַ קורצע צייט, איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט, האָט זיך יצחק בער געווענדט צו יידישע קאַפיטאַליסטן אין זיין דעפאַרטאַמענט, זיי זאָלן אויף אַ יאָר אָפּשטעלן אויפ־מאָנען זייערע חובות ביי פויערים, דערנאָך זאָלן זיי גאָר אַוועקוואַרפן די מיאוס'ע פרנסה — האַנדלען מיט געלט. צווישן די רבנים איז דער אָנגעזעהענסטער געווען דוד זינצהיים, אַ גרויסער למדן, וואָס איז בעת דעם קאָנווענט אַסך

אויסנעשטאַנען פון די פאַנאַטיקער פונם „שכל־קולט“. דאָס איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער רב, וואָס האָט דאָך פאַרשטאַנען נאָכצוגעבן, ווען די פּאָליטישע לאַגע האָט דאָס געפאָדערט. צו די דאָזיגע פירער פון דער פאַרזאַמלונג זיינען צוגעשטאַנען איינציגע פערזאָנען, אָנגעזעהן לויט זייער בילדונג אָדער לויט זייערע געזעלשאַפטליכע פאַרדינסטן: מיכאל בער, דער ערשטער יידישער אַדוואָקאַט אין אייראָפּע, ראָדריגעס, אַ שרייבער, די איטאַליענישע רבנים: סעגרע, דע־קאָלאָניאַ און נעפּי. אויף איינעם אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר, וואָס איז דאָ בייגעווען, האָט די פאַרזאַמלונג געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, ער שרייבט אַזוי: „מיר האָבן דאָ געטראָפן מענשן, וואָס שטייען אַסך העכער פון דעם דורכשניט־עולם, מענשן מיט אַן אַנטוויקלטן שכל, ניט אָהן אַלגעמיינער בילדונג. דאָ האָט מען געמוזט אָנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציע, וואָס ביז אַהער האָבן מיר געזעהן נאָר איר אָפּפאַל און וואָס איצט האָט זי דורך אירע בעסטע פאָרשטייער גענומען רעדן אויף אַ שפּראַך, וואָס ס'איז כּדאי געווען צו הערן“.

נאַפּאָלעאָן האָט באַשטימט דריי סעקרעטאַרן פונם מלוכה־ראַט פאַר רעגירונגס־קאָמיסאַרן אין דער פאַרזאַמלונג פון יידישע דעפּוטאַטן. דאָס זיינען געווען: דער דערמאָנטער מאָלע *), פּאָרטאַליס דער יינגערער (דעם קולט־מיניסטרס אַ זון) און פּאַסקיע (דער לעצטער האָט געלאָזט מעמואַרן וועגן „יידישן פאַרלאַמענט“). אָפיציעל האָבן די קאָמיסאַרן באַדאַרפט איבערגעבן און דערקלערן דער פאַרזאַמלונג די פראַגן, וואָס דער קיסר אַליין האָט רעדאַקטירט, און באַקומען דערויף תשובות. ניט אָפיציעל האָבן די קאָמיסאַרן געזאָלט (זיי האָבן נאָכדעם אַליין מודה געווען) „אונטערהאַנדלען מיט די אָנגעזעהענסטע דעפּוטאַטן און דערלאַנגען דעם געווינשטן צוועק“, ד. ה. הינטער די קוליסן האָבן זיי געזאָלט ווירקן אויף דער פאַרזאַמלונג און זיי פירן אין דעם וועג, וואָס דער קיסר האָט אָנגעוויזן.

די דעפּוטאַטן זיינען זיך צונויפגעקומען קיין פאַריז און מ'האָט באַשטימט אַ טאָג צו עפענען די פאַרזאַמלונג: שבת, דעם 29 יוני (יאָר 1806). די אָרטאָדאָקסישע דעפּוטאַטן האָט דאָס פאַרדראָסן, וואָס מען שטערט שבת־רוה, און אין אַ פּריוואַט־באַראַטונג האָט מען שטאַרק דעבאַטירט, צי זאָל מען ניט בעטן אָפּלייגן די ערשטע זיצונג אויף אַן אַנדער טאָג. אָבער פּאָליטיק האָט גובר

*) ווי אזוי מאלע האט זיך דעמאלט פארהאלטן צו יידן, קאן מען ארויסזעהן פון אזא פאקט, וואס איז אויפגעדעקט געווארן אין פאסקיעס מעמוארן. עטליכע טעג פריהער, איידער די פארזאמלונג פון יידישע דעפוטאטן האט זיך געעפנט, איז אין דער אפיציעלער צייטונג „מאניטער“ געדרוקט געווען א לאנגער יידנפיינטליכער פאמפלעט מיט דעם נאמען: „וועגן יידן פון משה'ן ביז איצט“, אין דעם פאמפלעט האט מען אגב געוואלט דערווייזן, אז וואכעריי איז ביי יידן א געשעפט פון אלטע צייטן, ווארום זייער אמונה הייסט דאס זיי. דעם דאזיגן „באשולדיגונגס־אקט קעגן דער יידישער נאציע“, ווי פאסקיע רופט דאס, האט מאלע געשריבן (אדער רעדאקטירט) אויף אפאלעאנס באפעל.

געווען פרומקייט: מ׳דאַרף באַווייזן דער רעגירונג, אַז יידן זיינען גרייט פאָלגן און מותּר זיין אויף דינים. די ערשטע הנחה איז געטאָן געוואָרן, דער ערשטער עקזאַמען אויף פאָלגן האָט מען אויסגעהאַלטן (אפשר האָט דאָס די רעגירונג מיט אַ כּיוון אַזוי אונטערגעשטעלט). די פייערליכע עפנונג איז פאָרגעקומען דעם באַשטימטן שבת אין דעם גרויסן זאַל אין שטאָט־הויז, איבערגעמאַכט פון אַ קירך־קאַפּעלע. די איינפיר־רעדע האָט געהאַלטן דער הויפּט־קאָמיסאַר מאָלע. די געוויינליכע העפליכע פראַזן האָבן דאָ קיום פאַרשטעלט. דעם פיינטליכן אינ־האַלט: „איר זייט געקומען אַהער פון אַלע עקן אימפּעריע, און יעדערער פון אייך מוז זיכער וויסן דעם צוועק, צו וואָס זיין מאַיעסטעט האָט באַוויליגט אייך צונויפרופן. איר ווייסט, אַז די אויפפירונג פון אַסך אייערע האָט פאַרשאַפט אָנקלאָגן, וואָס האָבן דערלאַנגט צו דעם קיסר׳ישן טראָן. די אָנקלאָגן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר ריכטיג, און דאָך האָט דער קיסר געטאָן ניט מער ווי פאַרהאַלטן דאָס שטייגן פון דער קרענק; ווי אַזוי זי צו היילן, וויל ער הערן פון אייך". דער ריידער פאַרהאָפט, אַז די דעפּוטאַטן וועלן פאַרשטיין צו שעצן דעם קיסר׳ס גנאָד און זיי וועלן אַרבעטן מיט דער רעגירונג, ניט קעגן איר. „זיין מאַיעסטעט פאַרלאַנגט, איר זאָלט זיין פראַנצויזן, אָן אייך איז גע־ווענדט נעמען דעם דאָזיגן נאָמען אָדער בלייבן אָהן דעם, אין דעם פאַל, אויב איר וועט דאָס ניט ווערט זיין. באַלד וועט מען אייך פאָרלייענען די פראַגן, וואָס געהערן דערצו; אייער חוב איז ענטפערן דעם ריינעם אמת". נאָך דער דאָזיגער רעדע, וואָס האָט געהאַט אין זיך מער אָנשרעקן, איידער באַגריסן, האָט מען פאָרגעלייענט די צוועלף פראַגן, וואָס דער קיסר האָט געשטעלט דער פאַרזאַמלונג. די ערשטע דריי פראַגן געהערן צום פאַמיליען־לעבן: צי מעגן יידן נעמען עטליכע ווייבער? צי איז גילטיג אַ גט אָהן דער סאַנקציע פונם גע־ריכט, ווי דער פראַנצויזישער געזעץ פאָדערט דאָס? צי איז יידן ערלויבט גע־מישטע חתונות מיט קריסטן? די אַנדערע דריי פראַגן געהערן צו פּאַטריאָטיזם: צי האַלטן יידן די פראַנצויזן פאַר זייערע ברידער אָדער פרעמדע? ווי אַזוי הייסט דער יידישער דין פאַרהאַלטן זיך צו פראַנצויזן־קריסטן? צי האַלטן יידן, געבוירענע אין פראַנקרייך, דאָס לאַנד פאַר זייער היים, צי פילן זיי זיך פאַר־פליכט באַשיצן דאָס לאַנד און פאָלגן אַלע בירגער־געזעצן? די ווייטערדיגע פראַגן געהערן צו רבנים, דערהויפּט צום בית־דין. די לעצטע דריי פראַגן געהערן צו פּראָפעסיעס און דערהויפּט צו וואָכער: צי ס׳זיינען דאָ פּראָפעסיעס, וואָס יידן טאָרן זיך דערמיט ניט באַשעפטיגן? צי מעג אַ ייד אויסלייען געלט אויף פּראָצענט נאָר אַ ניט־קיין־יידן?

בעת מאָלע איז געקומען צו דער פראַגע: צי האַלטן יידן פראַנקרייך פאַר זייער היים און צי פילן זיי זיך פאַרפליכט באַשיצן דאָס לאַנד? — האָבן זיך די דעפּוטאַטן אויפגעהויבן און אויסגערופן: „יאָ! ביזן טויט". דער פאָרזיצער פורטאַדאָ האָט אָפּגעענטפערט מאָלע׳ן אויף יענעמס שאַרפער רעדע: די פאַרזאַמלונג

איז מיט פֿרייד גרייט מיטהעלפֿן דעם קיסר׳ס „גוטע וואונשן", זי מיינט, אַז דאָס וועט זיין דאָס בעסטע מיטל „אויפֿצוקלערן ניט איין טעות און באַזייטיגן ניט איין פֿאָראורטייל". מ׳האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פֿון 12 מאַן, צווישן זיי יצחק בער, דער רב זינצהיים און אַנדערע, זי זאָל צוגרייטן אַן ענטפֿער אויף די פֿאָרגעלייגטע פֿראַגן. די ערשטע עטליכע טעג האָט די קאָמיסיע שוין באַוויזן פֿאַרטיג מאַכן ענטפֿערן אויף דער ערשטער גרופּע פֿראַגן, אין דער זיצונג פֿון 4־טן אויגוסט האָט זיי די פֿאַרזאַמלונג אָנגעהויבן באַטראַכטן. אויף דער ערשטער פֿראַגע וועגן פֿאַמיליען־לעבן האָט מען געקאָנט זעהר גרינג ענטפֿערן, אָנווייזנדיג, אַז ביי יידן איז שוין לאַנג איינגעפֿירט שטרענגע מאָנאָגאַמיע. די פֿראַגן וועגן גט׳ן האָט מען פֿאַרענטפֿערט אַזוי, אַז דער רעליגיעזער גט ביים רב ווערט גילטיג ערשט דעמאָלט, ווען דער לאַנד־געריכט באַשטעטיגט אים. דערביי האָט מען אָנגעוויזן, אַז זינט עמאַנסיפּאַציע אָן האַלטן רבנים אין פֿראַנקרייך שטרענג די בירגערליכע שבועה און אָנערקענען אין אַלע רעליגיעזע משפּחות־אַקטן דעם קאָנטראָל פֿון מלוכה־אינסטיטוציעס. שווערער איז געווען צו ענטפֿערן אויף דער דריטער פֿראַגע: וועגן געמישטע חתונות (מיט קריסטן), נאָר דאָ האָט זיך אויך געפֿונען אַ פּשרה. דער ענטפֿער איז געווען אַזוי: חתונות פֿון יידן מיט קריסטן האָבן דעם כּח פֿון בירגערליכע, ניט פֿון רעליגיעזע אַקציעס, פּונקט אַזוי ווי די קאַטוילישע קירך אָנערקענט געמישטע חתונות, נאָר זי הייליגט זיי ניט. אַ ייד, וואָס האָט גענומען אַ קריסטין „הערט ניט אויף צו זיין אַן אייגענער ביי יידן אין די אויגן".

צו די תּשובות האָט די פֿאַרזאַמלונג צוגעגעבן אַ „דעקלאַראַציע", וואו ס׳האָט געהייסן: די פֿאַרזאַמלונג „איז באַגייסטערט מיט אַ געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט, ליבשאַפֿט און ערפֿורכט צו דער הייליגער פּערזאָן פֿון דעם קיסר", די פֿאַרזאַמלונג „איז גרייט אין אַלע פּרטים פֿאָלגן זיין פֿאָטערליך ווילן", וואָרום די יידישע אמונה הייסט אין אַלע בירגערליכע און פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן שטעלן מלוכה־געזעצן העכער פֿאַר רעליגיעזע דינים; אויב איינע שטימען ניט מיט די אַנדערע, ווערן די רעליגיעזע דינים בטל.

איין מאָל געשטעלט זיך באַרג אַראָפּ, גרייט נאָכצוגעבן און חנפֿ׳ענען, איז די פֿאַרזאַמלונג געפֿלויגן אַראָפּ און אַראָפּ. און ווען ס׳איז געקומען צו דער צווייטער גרופּע פֿראַגן: צי שטימט בירגער־פּאַטריאָטיזם מיט נאַציאָנאַל־געפֿיל? — האָט דאָס שטרעבן חן צו געפֿינען דערלאַנגט די העכסטע מדרגה. אָנשטאָט צו ענטפֿערן פּשוט, אַז ס׳שטימט, איז די פֿאַרזאַמלונג פֿאַרגאַנגען גאָר ווייט: מ׳האָט גענומען לייקענען נאַציאָנאַלע איינהייט ביי יידן. דעם טעזיס, אַז יידן האַלטן פֿראַנצויזן פֿאַר ברידער, פֿאַרטייטשט דער ענטפֿער פֿון די דעפּוטאַטן אַזוי: „איצטיגע צייט זיינען יידן קיין נאַציע ניט, ווייל אויף זייער גורל איז אויסגעפֿאַלן דאָס גליק צו ווערן אַ טייל פֿון אַ גרויסער נאַציע (פֿראַנצויזן), און אין דעם זעהען זיי זייער אויסלייזונג". צווישן יידן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער איז קיין שום אחדות ניט פֿאַראַן: אַ פֿראַנצויזישער ייד פֿילט זיך

פרעמד צווישן ענגלישע יידן; פראַנצויזישע יידן פאַרגיסן גערן בלוט קעגן זייערע גלויבנס־גענאָסן, וואָס דינען אין די פיינטליכע אַרמייען... אַזוי האָט מען זיך דאָ אָפּגעזאָגט פון נאַציאָנאַל־אייננס. ניט אַלע האָבן דאָס אויפריכטיג געמיינט: אַסך האָבן זיך ניט קעגן־געשטעלט נאָר איבער מורא פאַר דעם אָנשרעק־טאָן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן שוין אין מאָלעם גרוס־רעדע אינם קיסר׳ס נאָמען. יידן האָט מען געשראָקן, אַז מ׳וועט ביי זיי אָפּנעמען בירגער־רעכט, אויב זיי וועלן ניט טאָן דעם קיסר׳ס ווילן: „יידן זאָלן זיין פראַנצויזן״; די איבערגעשראָקענע דעפוטאַטן האָבן געפאָלגט און מכריז געווען, אַז יידן זיינען ניט מער ווי „פראַנצויזן פון משה רבינו׳ס גלויבן״, און אפילו פון דעם דאָזיגן גלויבן זייער זיי אויך גרייט אַרויסוואַרפן אַלץ, וואָס שטימט ניט מיט דער רעגירונגס ווילן.

און פונקט אַזוי גרינג אויסערליך, כאָטש געוויס ניט מיט אַ גרינג האַרץ (וויינינגסטנס ביי אַ טייל דעפוטאַטן), האָט זיך די פאַרזאַמלונג אָפּגעזאָגט פון פרעטענזיעס אויף אַ ברייטער קהל׳שער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. די פאַרזאַמלונג האָט אויף די פראַגן וועגן רבנים געענטפערט, אַז ס׳ווערט אָפּגעשאַפט דער יידישער בית־דין, רבנים זאָלן פסק׳ענען נאָר רעליגיעזע שאלות. מ׳האָט אפילו ניט געפרובט שטעלן די פראַגע וועגן קומענדיגער אָרגאַניזאַציע פאַר יידישע קהלות; שפעטער איז די פראַגע אויפגעקומען, אָבער לויט דער רעגירונגס איניציאַטיוו. אויף דער לעצטער גרופע פון פראַגן „וועגן וואָכער״ האָט די פאַרזאַמלונג געענטפערט מיט אַ לאַנגער אַפּאָלאָגיע פאַר יידישע דינים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געשיצט קיין וואָכערניקעס. די פאַרזאַמלונג האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק, אַז כלומר׳שט האָבן יידן בטבע ליב וואָכער; געוויס איז צווישן יידן אויך פאַראַן אַזוינע, וואָס „באַשעפטיגן זיך מיט דער דאָזיגער מיאוס׳ער פראָפעסיע, וואָס דער דין פאַרווערט דאָס״, נאָר צי זאָלן איבער אָט דעם הייפל מענשןליידן צעהנדליגער טויזנטער?

נאַפּאָלעאָנען האָט מען צוגעשטעלט די ענטפערן, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט געגעבן אין אירע אויגוסט־זיצונגען, און ער איז מיט זיי בכלל צופרידן געווען *). מיט אַ שמעק פון אַ געניטן איינגעמער האָט ער דערפילט, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן נאָך אַ נצחון — איבער יידן. מ׳האָט באַדאַרפט פאַרפעסטיגן די רעזולטאַטן פון דעם נצחון. באַשלוסן פון אַ צופעליגער פאַרזאַמלונג מיט וויינינג רבנים האָבן געקאָנט ניט זיין אויטאָריטעט פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. מ׳דאַרף, הייסט דאָס, באַשאַפן אַן אויטאָריטעטע אינסטיטוציע, וואָס זאָל באַשטעטיגן יענע באַשלוסן און זאָל זיי מאַכן אַ מוז פאַר אַלעמען. נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט ליב געהאַט גרויסאַרטיגע פאָזעס, איז געקומען צום געדאַנק צונויפרופן

*) ווי ס׳איז ארויסצוזעהן פון נאפאלעאנס א פריוואט־בריוו, האט ער געוואלט, אז די יידישע פארזאמלונג זאל אנבעמען א שטארקערע רעזאלוציע וועגן געמישטע חתונות, „מ׳זאל ראטן יידן אזוינע חתונות (צווישן יידן און פראנצויזן), אלס א שוץ־מיטל און א כבוד פארן יידישן פאלק״.

אַ יידישן סנהדרין. פון די ענטפערן, וואָס די דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג האָט אים צוגעשטעלט, האָט ער דערזעהן, אַז זינט דעם חורבן האָט דאָס יידישע פאָלק ניט געהאַט מער אַזאַ אויטאָריטעטע קאָלעגיע, ווי דער אַלטער סנהדרין, וואָס האָט אויסגעאַרבעט געזעצן, אַ צוגאָב צו דער תורה. כּדי צו פאַרשאַפן די באַשלוסן פון דער פאַרזאַמלונג דעם נויטיגן אויטאָריטעט, דאַרף מען צונויפרופן אין פאַריז אַ סנהדרין, וואָס זאָל זיי סאַנקציאָנירן. דער נייער סנהדרין זאָל ווי דער אַמאָליגער באַשטיין פון 71 גלידער, דערהויפּט גייסטליכע און געלערנטע.

כּדי די „פאַנאַטישע רבנים" זאָלן ניט גובר זיין אין קינפטיגן סנהדרין די ליבעראַלן, האָט נאַפּאָלעאָן באַזאָרגט, אַז ער זאָל דאָרט האָבן אַ מערהייט, וואָס וועט פאָלגן. ער שרייבט וועגן דעם דעם אינערן־מיניסטער שאַמפּאַני אַזוי (דעם 3־טן סעפּטעמבּר): „מ'דאַרף האָבן אַן אָנגעזעהענע פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל מורא האָבן פאַרלירן איר גוטס (ד. ה. גלייכבאַרעכטיגונג), אַ ועד פון יידישע פירער, וואָס זאָלן ניט וועלן, מ'זאָל זיי האַלטן שולדיג פאַר דעם אומגליק פונם יידישן פאָלק" (אויב זיי זאָלן אָננעמען אַזוינע באַשלוסן, וואָס זאָלן ניט געפעלן דעם קיסר). די פעסטע מערהייט „זאָל מיטשלעפן די וואַקלדיגע רבנים און זאָל ווירקן אויף די פאַנאַטישע, אויב יענע וועלן זיך שטאַרק איינשפאַרן; זיי זאָלן זעהן, אַז זיי מוזן אָננעמען די באַשלוסן (פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג), און אויב ניט, קאָן דאָס ברענגען דערצו, אַז מ'זאָל *אַרויסטרייבן דאָס יידישע פאָלק*". דאָס, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אַזוי ציניש־אָפן געזאָגט אין אַ געהיימער אינסטרוקציע דעם מיניסטער, איז צו דער עפנטליכקייט דערמאָלט ניט דערגאַנגען, אָבער יידישע טוער האָבן געפילט דעם דרוק פון הויכער הינטער־קוליסן־פּאָליטיק.

אין דער זיצונג פון 17־טן סעפּטעמבּר האָבן די קאָמיסאַרן געמאָלדן דער דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג, אַז דער קיסר איז צופרידן מיט די רעזאָלוציעס, און האָבן צו וויסן געגעבן, אַז ס'ווערט צונויפגערופן אַ „גרויסער סנהדרין". מאָלע האָט דאָס מאָל געהאַלטן אַ ווייכערע רעדע. ער האָט גערעדט וועגן דעם גרויסאַרטיגן בילד „פון אַזאַ פאַרזאַמלונג געבילדעטע לייט, וואָס זיינען אויסגעקליבן פון קינדער פון דעם עלטסטן פאָלק". ער האָט געזיכערט, אַז נאַפּאָלעאָן איז דער איינציגער גואל פון די „צעוואָרפענע רעשטן נאַציע אויף דער גאָרער וועלט, וואָס זי איז גרויס אין איר געפאַלנקייט אויך", נאָר דער מעכטיגער באַשיצער „פאָדערט אַ רעליגיעזע גאַראַנטיע", אַז מ'וועט טריי האַלטן די באַשלוסן, וואָס זיינען דאָ אָנגענומען געוואָרן. אַזאַ גאַראַנטיע זאָל געבן אַ צווייטע פאַרזאַמלונג, „וואָס אירע באַשלוסן זאָלן גילטן אַזוי גוט ווי דער תלמוד און זאָלן האָבן דעם גרעסטן אויטאָריטעט ביי יידן אין אַלע לענדער". דער קינפטיגער יידישער סנהדרין זאָל זיין דער אמת'ער אויסטייטשער פונם יידישן דין און זאָל „באַזייטיגן אַלע פאַלשע אויסטייטשן פון פריהערדיגע יאָרהונדערטן". צוויי דריטל פון דער אסיפה זאָלן זיין רבנים, אַ טייל פון איצטיגע רבנים־דעפּוטאַטן, אַ

טייל פון דאָס ניי אויסגעקליבנע פון קהלות; אַ דריטל זאָל אויסגעקליבן ווערן מיט אַ געהיימער אָפּשטימונג פון די וועלטליכע דעפּוטאַטן אין דער איצטיגער פאַרזאַמלונג. דער איצטיגער פאַרזאַמלונג הייסט דער קיסר צוגרייטן אַלע מאַטעריאַלן פאַר דעם סנהדרין, אָבער זי עקזיסטירט ווייטער אויך, ביז דער סנהדרין וועט ניט פאַרענדיגן זיין אַרבעט. דערוויל זאָל די פאַרזאַמלונג אויסקלייבן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון 9 גלידער, צו דריי פון יעדער גרופּע: „פּאָרטוגעזישע", דייטשע און איטאַליענישע יידן. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט זאָל מיטטיילן אַלע „סינאַגאָגן אין אייראָפּע", אַז זיי מעגן שיקן קיין פּאַריז דעפּוטאַטן אין סנהדרין.

די פאַרזאַמלונג, וואָס האָט נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען נאַפּאָלעאָנס מיין, האָט מיט התפּעלות אויסגעהערט די ידיעה, אַז ס'ווערט צונויפגערופן אַ סנהדרין. אַסך זיינען געווען אַנציקט פון דער טראַדיציאָנעלער פאָרם פון דער אסיפה, מיט איר נאָמען, וואָס דערמאָנט אָן די אַמאָליגע גוטע צייטן. איינינגע האָבן אונטער אַזאַ היסטאָרישער דעקאָראַציע ניט באַמערקט אַ פּרוב צו רעפאָרמירן די יידישע אמונה אויף אַ באַפעל פון אויבן; אַנדערע האָבן דאָס יאָ פאַרשטאַנען און זיינען געווען צופרידן דערמיט. פורטאַדאָ, איינער פון די, וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון אַזאַ רעפאָרמאַציע, האָט געענטפערט מאָלע'ן מיט אַ לאַנגער התפּעלות'דיגער רעדע. ער האָט געלויבט און געדאַנקט דעם קיסר, וואָס „פירט אייראָפּע", וואָס אינמיטן זיין וועלט־פאַרזאָרגן פאַרגעסט ער ניט אָן „אונזער אויפלעבונג"... די רעגירונג, האָט ער געזאָגט, דאַרף האָבן איר קאָנטראָל אויף יעדער פּאָזיטיווער רעליגיע, יענע זאָל ניט פלאַנצן קיין פאַלש־גלויבן און שעדליכע מאָראַלישע אידייען.

די לעצטע חדשים פון יאָר 1806 איז די פאַרזאַמלונג געווען פאַרנומען מיט צוגרייט־אַרבעט פאַר דעם סנהדרין; דערהויפּט האָט אין דעם געטאָן דער ניין־גלידיגער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט צוזאַמען מיט די רעגירונגס־קאָמיסאַרן. אָנהויב אָקטאָבער האָט דער קאָמיטעט פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף צו אַלע יידן אין אייראָפּע, פייערליך מודיע געווען וועגן דער „גרויסער געשעהעניש": אַז עס דאַרף זיך עפענען דער סנהדרין. מיט דעם זאָל זיך אָנהויבן „פאַר די צעזייטע קינדער פון אברהמ'ען אַ תקופה פון פרייהייט און גליק". דער אויפרוף, געדרוקט אויף פיר שפּראַכן: פראַנצויזיש, העברעאיש, איטאַליעניש און דייטש, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, דערהויפּט אויף יידן אויסער פראַנקרייך, וואָס האָבן ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס שטעקט אונטער נאַפּאָלעאָנס יידישן פאַרלאַמענט. אין דעצעמבער האָט די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אָנגענומען דעם פּראָעקט פונם „ניין־גלידיגן קאָמיטעט" וועגן גרינדן יידישע קאָנסיסטאָריעס, אַלס אַ פאַרמיטל־אָרגאַן צווישן יידישע קהלות און דער רעגירונג. אין אַ דערקלער־שריפט צום פּראָעקט איז אָנגעוויזן דער טעם, צו וואָס מ'דאַרף דאָס: די קאָנסיסטאָריעס זאָלן דינען ניט אַזוי דער קהל'שער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווי דער רעגירונג:

זיי זאָלן השגחה האָבן, אַז די באַשלוסן פון דער דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג און פונם סנהדרין זאָלן אויסגעפירט ווערן; אגב זאָלן זיי זאָרגן צוציהען די יידישע יוגנט צו „דער איידעלער מיליטער־פּראָפעסיע". אין די אַלע דעקלאַראַציעס און באַשלוסן פילט זיך איין באַגער: צוטרעפן נאַפּאָלעאָנען.

אין איינער אַ לעצטער זיצונג פון דער פאַרזאַמלונג (דעם 5 פעברואַר 1807) האָט דער דעפּוטאַט יצחק־שמואל אביגדור פון ניצע געהאַלטן אַ מאָדנע רעדע: ער האָט געפּרובט „היסטאָריש" באַווייזן, אַז די גרעסטע פירער פון דער קריסטליכער קירך האָבן זיך אַלעמאָל פריינדליך פאַרהאַלטן צו יידן און האָבן פאַרווערט זיי צו רודפ׳ן, און דעריבער פאַרדינט די קריסטליכע גייסטליכקייט אַ דאַנק פונם יידישן פאָלק. אביגדור האָט פאָרגעלייגט דער פאַרזאַמלונג אַזאַ רעזאָלוציע: „די דעפּוטאַטן פון דער פראַנצויזישער אימפּעריע און פונם איטאַליענישן קיניגטום אין דעם יידישן ועד באַשליסן: היות ווי זיי פילן זיך דאַנקבאַר דער קריסטליכער גייסטליכקייט פאַר די גנאָדן, וואָס זי האָט געטאָן יידן אין פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע; היות ווי זיי געדענקען, אַז פאַרשיידענע פויפּסטן און אַנדערע גייסטליכע פירשטן האָבן באַשיצט יידן פון אַלע לענדער אין יענע צייטן, ווען ווילדקייט, אָבערגלויבן און אומוויסן האָבן זיך פאַראייניגט אויף צו רודפ׳ן יידן און אויסשליסן זיי פון דער געזעלשאַפט, — דעריבער זאָלן די דאָזיגע געפילן פאַרצייכנט ווערן אינם פּראָטאָקאָל פון דער איצטיגער זיצונג, כּדי ס׳זאָל בלייבן לזכּרון אויף אייביג, ווי יידן, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט, זיינען דאַנקבאַר די קירך־הויכגעשטעלטע פאַר די טובות, וואָס פריהערדיגע דורות יידן האָבן פון זיי געהאַט אין פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע. אַ קאָפּיע פון דעם פּראָטאָקאָל זאָל געשיקט ווערן דעם קולט־מיניסטר". די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען אַזאַ אומגעריכטן פאָרשלאָג. אייניקלאַך פון יידן, וואָס מ׳האָט זיי אין מיטלאַלטער געטריבן פון פראַנקרייך, אייניקלאַך פון מאַראַנען און פון אומשולדיגע קרבּנות פון דער אינקוויזיציע האָבן פאַראייביגט אין זייערע אַקטן „גנאָדן" פון אַזוינע פויפּסטן, ווי אינאָצענס דער I, פּאַולוס IV און דער איצטיגער פּיאוס VI, דער אויפטוער פון דעם אוממענשליכן „יידן־עדיקט" פון יאָר 1775. אַזאַ קנעכטשאַפט האָט געוואונדערט אפילו נאַפּאָלעאָנס קאָמיסאַרן, וואָס זיינען בייגעווען אין דער זיצונג; איינער זייערער (פּאָרטאַליס) האָט איבערגעגעבן דעם קיסר די „חדוש׳דיגע" מעשה: יידן לויבן די טאָלעראַנץ און מילדקייט פון דער קאַטוילישער קירך, בעת אַסך קריסטן „זיינען אַזוי אומפאַרשעמט, אַז כּלומר׳שט אין נאָמען פון פילאָזאָפיע פאַלן זיי אָן אויפן פאַנאַטיזם און אומטאָלעראַנץ פון קריסטליכע גלחים". ווער איז דאָ גערעכט געווען, קאָן מען זעהן פון אַזאַ אָנקלאָג, וואָס איז אָנגעקומען צום קולט־מיניסטר אין דערזעלבער צייט: איינער אַ ייד, אַ מוניציפּאַל־ראַטמאַן אין דער שטאָט קאָני, קלאָגט זיך, אַז דער קאַטוילישער גלח האָט אים פאַרווערט אַריינגיין אין קלויסטער דעם טאָג, ווען מ׳האָט דאָרט געזונגען Te deum פאַרן

קיסר . . . נאַפּאָלעאָנען האָט אַזאַ קאַטויליש־פריינדליכע דעמאָנסטראַציע פון יידישע דעפּוטאַטן געמוזט פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגען: ער האָט זיך איבערציינגט, אַז אויף אַזוינע מענשן קאָן מען זיך זיכער פאַרלאָזן, אַז די אויסגעקליבענע צווישן זיי וועלן שוין דורכפירן אַלע רעגירונגס־פּלענער אינם קינפטיגן פאַרייזער סנהדרין.

§ 23. „דער גרויסער סנהדרין" אין פּאַריז.

דעם 9־טן פעברואַר פון יאָר 1807 האָבן זיך אין פּאַריז אָנגעהויבן די זיצונגען פונם סנהדרין. דאָ זיינען געווען 46 רבנים און 25 וועלטליכע דעפּוטאַטן מיט 10 קאַנדידאַטן און צוויי סעקרעטאַרן; אַ טייל נייגעקליבענע רבנים זיינען געקומען פון איטאַליע און פון דייטשלאַנד. דער פּרעזידיום, וואָס דער אינערן־מיניסטער האָט אָנגעוויזן, איז באַשטאַנען פון דריי רבנים, וואָס מ'האָט זיי באַטיילט מיט טיטלען, גענומען פונם אַמאָליגן סנהדרין: נשיא (פּאָרזיצער) איז געווען דער עלזאַסער רב דוד זינצהיים, אב־בית־דין (ערשטער געהילף־פּאָרזיצער) איז געווען דער איטאַליענישער רב סעגרע, חכם (צווייטער געהילף) — אברהם דע־קאָלאָניאַ פון מאַנטואַ. נאָך אָפּריכטן אַ תּפילה אין שול האָבן געזאָגט דרשות די רבנים זינצהיים און דע־קאָלאָניאַ, און באַלד האָט זיך געעפנט די זיצונג אין שטאָט־הויז, וואו ס'איז פריהער געזעסן די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג. מ'האָט אַסך געוויכט געלייגט אויף דער דעקאָראַטיווער אויסערליכקייט: לויט אַ באַפעל פון דער מאַכט זיינען אַלע מיטגלידער פון דעם סנהדרין געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע מאַנטיעס און אין שוואַרצע היט; די מענער פון פּרעזידיום זיינען געווען אָנגעטאָן אין סאַמעטענע אָדער זיידענע טאַלאַרן מיט ברייטע גאַרטלען, מיט היט, באַזוימט מיט פוטער; די פאַרזאַמלטע זיינען געווען אויסגעזעצט נאָכן עלטער האַלב־קיילעכדיג אַרום ביידע זייטן פּרעזידיום. די פאַרזאַמלונגען זיינען געווען עפנט־ליכע, און דאָס האָט צוגעצויגן עולם ניט נאָר פון יידן, נאָר קריסטן אויך. די דעפּוטאַטן האָבן פון אַזאַ ספּעקטאַקל שטאַרק געליטן: זיי האָבן ניט גע־קאָנט רעדן פריי; אַסך האָבן נאָר געשוויגן, געשעמט זיך עפנטליך צו באַשטיין אויף זייער אויפריכטיגער, אָבער אַלטמאָדישער דעה.

באמת זיינען די זיצונגען פונם סנהדרין געווען ניט מער ווי אַ צערעמאָניע, אַ צוגאָב צו דער אַרבעט, וואָס די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט שוין אָפּגעטאָן. די נאָהענטע קרובה'שאַפט צווישן די צוויי פאַרזאַמלונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס פורטאַדאָ, דער פּאָרזיצער פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג, איז געווען רעפערענט אין סנהדרין ווענן די וויכטיגסטע פראַגן. אין זיבן זיצונגען האָט דער סנהדרין באַוויזן צו באַהאַנדלען די ענטפערן, וואָס יענע פאַרזאַמלונג האָט געגעבן אויף אַלע 12 פראַגן; ווענן יעדער פראַגע האָט ער נאָך דערצו אויסגעהערט פורטאַדאָס אַ גרויסרייידערישן רעפעראַט; כּמעט אָהן וויכּוחים האָט

מען אָנגענומען יענע ענטפערן, נאָר מ׳האָט זיי רעדאַקטירט אַלס „פסקים״, אָנגענומענע באַשלוסן, וואָס דאַרפן ווערן אַ תּורה פאַר אַלעמען. צום טעקסט פון די „פסקים״ קומט צו אַ דעקלאַראַציע, וואָס זאָל דערקלערן דעם סנהדרינ׳ס פרינציפיעלע שטעלונג צו דער פראַגע, ווי ווייט ס׳לאָזט זיך צונויפפירן יידישע דינים מיט מלוכה־געזעצן. אין דער דעקלאַראַציע, וואָס דאָ פילט זיך פורטאַדאָס האַנט, איז געזאָגט, אַז יידישע דינים קאָן מען איינטיילן אין צוויי טײלן: רעליגיעזע און פּאָליטישע. רעליגיעזע זיינען אייביג, זיי בייטן זיך ניט מיט דער צייט, ניט מיט דעם אָרט; אַקעגן אָבער פּאָליטישע דינים, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט צו אַ צייט פון אַ זעלבשטענדיגער מלוכה אָדער צו אַן איינן לאַנד אין פּאַלעסטינע, „קאָן מען שוין מער ניט אָנווענדן זינט דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגעהערט צו זיין אַ נאַציאָנאַלע קערפערשאַפט״. אָבער אַפילו רעליגיעזע דינים, אויב זיי שטימען ניט מיטן בירגערליכן געזעץ, מוזן אויך אָפּטרעטן פאַרן געזעץ, אָדער זיך צופּאַסן צו אים. דעם לעצטן געדאַנק האָט מען ניט אַרויסגעזאָגט אָפן אין דער דעקלאַראַציע, אָבער מ׳האָט אים פּאַקטיש דורכגעפירט דורך געוויסע באַשלוסן פונם סנהדרין. אַ שטייגער אין דער פראַגע פון פאַמיליען־רעכט האָט דער סנהדרין שאַרף פעסטגעשטעלט, אַז רבנ׳ישע אַקטן זיינען ניט גילטיג, אויב פריהער פאַר זיי זיינען ניט אָפּגעטאָן די געהעריגע בירגערליכע אַקטן. מ׳האָט אַסך נאָכגעגעבן אין דער פראַגע וועגן געמישטע חתונות אויך: אַזוינע חתונות האָבן דעם כּוח פון בירגערליכע חתונות, די רעליגיע קאָן זיי ניט הייליגן, אָבער קיין חרם דערפאַר קומט ניט. וואָס איז שוין דאָ געווען צו שוינען דעם נאַציאָנאַלן טיפּ פון דער פאַמיליע, וואָס ער בלייבט ניט מער ביי געמישטע חתונות, אַז יידן זיינען מער קיין נאַציע ניט . . . דער סנהדרין האָט ווייטער אָנגענומען, אַז יידן־סאָלדאַטן זיינען אין דער דינסט פריי פון אַלע מצוות, וואָס מ׳קאָן זיי דאָרט ניט אויספירן. נאָר אין די פראַגן וועגן פּראָפעסיעס און דערהויפּט וועגן וואָכער האָט דער סנהדרין באַוויזן מוט און ווערדע; ער האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן די שענדליכע אָפּעראַציעס פון וואָכערניקעס און האָט מיט האַרץ גערופן די גלויבנס־גענאָסן זיך נעמען פאַר ניצליכע פּראָפעסיעס, וואָס איצט ביי דער גלייכבאַרעכטיגונג זיינען זיי פאַר יעדערן אָפן.

דער סנהדרין האָט געדויערט פונקט אַ חודש. די שלוס־זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 9־טן מערץ 1807. דער פאָרזיצער האָט איבערגעלייענט אַ בריוו פון די רעגירונגס־קאָמיסאַרן: די רעגירונג האַלט, אַז דער סנהדרין האָט זיין אַרבעט פיין אָפּגעטאָן. דער סנהדרין האָט זיך פאַרמאַכט, אָבער אַסך מיטגלידער זיינע האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג: איצט האָט זי געשפּילט די ראָלע פון אַ פּלענום און האָט באַנייט אירע זיצונגען דעם 25־טן מערץ. פורטאַדאָ האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דעם סנהדרינ׳ס אַרבעט מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט באַוויזן אַ גרויס העלדישקייט; אָבער אַן

אומעטיגע נאָטע האָט זיך געהערט אין זיין שטים, ווען ער האָט באַראַפּט דערקלערן דעם פאַקט, וואָס האָט אַלעמען פאַרדראָסן, נעמליך, פאַרוואָס דער סנהדרין האָט ניט זוכה געווען צו זיין אויף אַן אודיענץ ביי נאַפּאָלעאָנען: דעם קיסר׳ס פּלוציםדיגער אָפּפאָר אויף דער מלחמה האָט אים געשטערט אויפצונעמען די יידישע פאַרטרעטער, און יענע האָט דאָס געשטערט פּערזענליך אָפּדאַנקען „אונזער ליבן גוטס־טוער". אין די איבעריגע זיצונגען האָט די פאַרזאַמלונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: ס׳איז צו ווינשן, אַז מ׳זאָל באַגיין רעפּרעסיעס קעגן יענע יידן־וואָכערניקעס און טענדלער, וואָס מיט זייער אויפפירונג פאַרשאַפן זיי אָנקלאָגן און וואָס זיי פאַרשוואַרצן זייערע „גלויבנס־גענאָסן"; אָבער אין דערזעלבער צייט האָט מען באַשלאָסן זיך משתדל זיין, מ׳זאָל אָפּשאַפן דעם דעקרעט פונם 30 מאַי 1806 וועגן אָפּשטעלן אויסמאָנען יידישע חובות. דעם 6־טן אַפּריל 1807 האָט זיך די דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג פאַרמאַכט, נאָך דעם ווי מ׳האָט איבערגעלייענט אַ קורצע מעלדונג פון די קאָמיסאַרן, אַז אַלץ, וואָס מ׳האָט איבערגעגעבן דער פאַרזאַמלונג צו טאָן, איז אָפּגעטאָן.

די צוויי „יידישע פאַרלאַמענטן", וואָס נאַפּאָלעאָנס קאַפּריז האָט באַשאַפן, האָבן לסוף אויפגעהערט אים צו אינטערעסירן. תחלת האָט נאַפּאָלעאָנס אַפּעטיט געהאַלטן אין איין וואַקסן, וואָס מער די דעפּוטאַטן האָבן נאָכגעגעבן. פון דעם סנהדרין האָט ער געוואָרט *), אַחוץ די דערלאַנגטע הנחות, נאָך דריי אַזוינע אויפטוען: ער זאָל פאַרווערן יידן אָפּגעבן געלט אויף פּראָצענט און זאָל באַגרעניצן זייער האַנדל ביז אַ געוויסער צייט; ער זאָל צורעדן צו געמישטע חתונות מיט אַ געוויסער נאָרם: איין געמישטע חתונה אויף צוויי יידישע („כדי יידיש בלוט זאָל אָנווערן זיינע אייגנשאַפטן"), און לסוף זאָל ער גאַראַנטירן, אַז יידן וועלן פּינקטליך קומען צו דער מיליטער־דינסט. בכלל האָט נאַפּאָלעאָן געוואָלט, אַז יידישע דעפּוטאַטן זאָלן אים געבן אַ געלעגנהייט, ער זאָל מאַכן ספּעציעל אַן אַפּוטרופּסות אויף יידן. זיין געטרייער דינער, מיניסטער שאַמפּאַני, איז געווען גאָר און גאָר מסכים מיט זיין האַרם פאַרלאַנג. ער האָט געשריבן דעם קיסר וועגן דעם: „מ׳דאַרף האָבן, אַז די דאָזיגע פאַרזאַמלונגען מיט זייערע באַשלוסן זאָלן אונז געבן געווער אין האַנט קעגן זיי גופא און קעגן דעם פאָלק, וואָס זיי ווילן דאָס באַשיצן". אַזאַ שפּראַך האָבן גערעדט צווישן זיך צוויי פּאָליטיק־מאַכער, בשעת יידישע דעפּוטאַטן האָבן געלויבט דעם „ליבן גוטס־טוער, נאַפּאָלעאָן דעם גרויסן", וואָס „גאָט האָט אים אויסדערוויילט פאַר אַ געצייג פון זיין גנאָד צו רעטן די געפאַלענע אייניקלאַך פון דעם אַלטן יעקב׳ן". אינגיכן אָבער האָט זיך נאַפּאָלעאָנס באַהאַלטענער מיין אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען, און יידן האָבן דערפילט זיין „גנאָדיגע" האַנט.

*) ווי ס׳איז אַרויסצוזעהן פון נאַפּאָלעאָנס קאָרעספּאָנדענץ מיטן אינערן־מיניסטער שאַמפּאַני.

§ 24. דער „שענדליכער דעקרעט“ (1808).

פֿאַרנומען מיט איבערמאַכן די קאַרטע פֿון אייראָפּע, האָט נאַפּאָלעאָן קיין צייט ניט געהאַט צו קלערן וועגן יידן. דאָס יאָר פֿון די „יידישע פֿאַרלאַמענטן“ איז געווען אַ יאָר פֿון די גרעסטע פּאָליטישע קריזיסן: ס׳איז געוואָרן דער „ריין־בונד“, פּרייסן איז צעקלאַפּט און דערנידערט, פֿון פּוילן איז אויסגעשניטן וואַרשעווער הערצאָגטום, געשלאָסן שלום אין טילזיט. דעם האַר איבער אייראָפּע, וואָס האָט אָפּגעוואָרפֿן מאָנאַרכן, זיינען יידן אין זינען ניט געלעגן. יידן האָט מען געקאָנט איינגעמען אָהן אַרמיי און אָהן האַרמאַטן, גענוג געווען קיסר׳ישע דעקרעטן און אפילו באַפֿעלן פֿון דער אַדמיניסטראַציע. „טשינאָווניקעס“ האָבן געטאָן זייער האַרס אַרבעט, ווי ער האָט געצילט. פֿריה־זומער 1807 איז אויסגעגאַנגען דער יאָר־טערמין דעם דעקרעט וועגן אָפּשטעלן אויפֿמאָנען יידישע חובות; דעמאָלט האָט דער אויבער־קאַנצלער קאַנבאַסערעס אונטערגעשריבן אַ פּשוט׳ן צירקולאַר און פֿאַרלענגערט דעם טערמין אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, ביז ס׳וועט זיין אַ ספּעציעלער באַפֿעל פֿון נאַפּאָלעאָנען, וואָס איז גראָד געווען אויף דער מלחמה. אויף דער השתדלות פֿונם „יידישן פֿאַרלאַמענט“ האָט מען ניט געקוקט, ווי אויף אַלע זיינע השתדלות׳ן בכלל. ווען נאַפּאָלעאָן האָט צייט באַקומען נאָך אַ מאָל אַ קלער טאָן וועגן יידן, זיינען שוין אַלע חלומות פֿונם יידישן פֿאַרלאַמענט מיטן רויך פֿאַרשוואונדן.

אין דעם משך צייט צווישן צונויפֿרופֿן און צעלאָזן די דעפּוטאַטן־פֿאַרזאַמלונג האָט זיך דעם קיסר׳ס באַציהונג צו יידן געוואַקלט. לסוף האָט גובר געווען אומפֿריינדשאַפֿט. מ׳דאַרף דאָס גאָר ניט דערקלערן מיט די „איינדרוקן, וואָס אויפֿן קיסר האָבן געמאַכט יידישע מאַסן אין דייטשלאַנד און אין פּוילן“ בעת דעם פֿעלדמאַרש, ווי אייניגע מיינען*). גיכער האָבן דאָ געווירקט שטענדיגע סבות, נאַפּאָלעאָנס אַלטע אומפֿריינדשאַפֿט צו יידן און אַ טעמפּעראַמענט פֿון אַ וועלט־הערשער, וואָס וויל צעהאַקן מיט דער שווערד דעם קניפּ פֿון פֿאַרוויקלטע פֿראַגן. נאָך דעם ווי די „יידישע פֿאַרלאַמענטן“ זיינען זיך צעגאַנגען, האָט מען אין מלוכה־ראַט גענומען לעבעדיג באַהאַנדלען דעם סנהדרין׳ס באַשלוסן מיט די פּראָעקטן פֿון די קאָמיסאַרן און מיניסטאָרן. אין די פּראָעקטן זיינען געווען אָנגעוויזן פֿאַרשיידענע מיטלען, ווי אַזוי צו באַזייטיגן די עקאָנאָ־

*) דער קאמיסאר פאסקיע, שפעטער א קאנצלער, שרייבט אזוי אין זיינע מעמוארן: פריהער, איידער נאפאלעאן האט דעם סנהדרין צונויפגערופן, האט ער פון פאליטישע חשבונות וועגן בדעה געהאט איבערציהען אויף זיין זייט יידן אין דייטשלאנד און אין פוילן, וואו ער האט זיך געקליבן מלחמה האלטן. אן אנדער מעמוארן־שרייבער (באראנט, אין גיזאס פראגמענטן) דערציילט, אז נאפאלעאן האט זיך אינם חשבון נישט אפגענארט, ווארום בעת דער מלחמה אין פוילן האבן אים יידן דארט געדינט, צוגעשטעלט פראוויאנט און ידיעות; דער קיסר זאל האבן כלומר׳שט געזאגט מיט א שפאס: „אט אויף וואס איז מיר צו־נוץ געקומען דער גרויסער סנהדרין“.

מישע סכסוכים אין די ריין־דעפּאַרטאַמענטן, וואָס זיי האָבן פּאַראַאָרן באַוואויגן נאַפּאָלעאָנען צו מאַכן רעפּרעסיעס קעגן יידן און אויסהערן יידישע דעפּוטאַטן. דאָ האָט מען באַהאַנדלט פראַגן וועגן דער יידישער בירגערליכער לאַגע און וועגן יידישער מיליטער־דינסט, וואָס פאַר אַ קיסר אַ סאָלדאַט איז דאָס געווען דער הייליגסטער חוב פון אַ בירגער. דער רוב גלידער אין מלוכה־ראַט, וואָס האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעטרייסלט פון זייערע ליבעראַלע מיינונגען, האָט אין די דאָזיגע פּראָעקטן אָפּגעוואָרפן אַלץ, וואָס האָט געזאָלט עובר זיין אויף דעם וויכטיגסטן געבאָט פון דער קאָנסטיטוציע — אויף בירגערליכער גלייכבאַרעכטיגונג. דער קיסר האָט אָבער ניט ליב געהאַט צו מאַכן אַ ווערן פון דער קאָנסטיטוציע, ווען זי האָט אים געשטערט, — האָט ער דעם 17־טן מערץ 1808 געגעבן אַ דעקרעט, וואָס „מיט זיין האַרטקייט האָט ער איבערגעשפּאַנט אַלע גרעניצן פון גערעכטיגקייט" (דעם קאָמיסאַר פּאַסקיעס אַ וואָרט), אָדער פּשוט גערעדט, אַ דעקרעט, וואָס האָט אָנגערירט דעם עצם פּרינציפּ פון בירגערליכער גלייכקייט, וואָס די גרויסע רעוואָלוציע האָט איינגעפירט.

דעם 17־טן מערץ האָט נאַפּאָלעאָן אונטערגעשריבן צוויי דעקרעטן: אין איין דעקרעט ווערט באַשטעטיגט דער רעגלאַמענט וועגן יידישע קאָנסיסטאָריעס, וואָס די דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג האָט אויסגעאַרבעט. אין יעדער דעפּאַרטאַמענט אָדער אין אַ גרופּע דעפּאַרטאַמענטן מיט 2000 יידן ווערט אַן אָרטיגע קאָנסיסטאָריע, אין פּאַריז ווערט אַ צענטראַלע קאָנסיסטאָריע. יעדע קאָנסיסטאָריע באַשטייט פון צוויי־דריי רבנים און פונקט אַזוי פיל וועלטליכע מענשן, וואָס זיי קלייבט אויס אַ קליינע גרופּע (25 מאַן) אָנגעזעהענע בעלי־בתּים, די פּני פון שטאָט. סיי די וואַלמענער, סיי די אויסגעוויילטע דאַרף די אָרטיגע אָדער די צענטראַלע מאַכט באַשטעטיגן. די אויפגאַבן פון די קאָנסיסטאָריעס זיינען אַזוי: אַכטונג געבן, די רבנים זאָלן פּסק'ענען לויט דעם נייעם „שלחן ערוך", ד. ה. לויט די באַשלוסן פונם פּאַריזער סנהדרין; אַכטונג געבן אויף דער אָרדנונג אין די שולן; צו געבן יידן חשק צו ניצליכע פּראָפעסיעס, דערהויפּט צו מיליטער־דינסט, און מודיע זיין אַלע יאָר דער מאַכט וועגן דער צאָל יידישער יוגנט אין דעם ראַיאָן, וואָס דאַרפן זיך שטעלן... אויף אַזאַ שטייגער איז באַשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע „טשינאָווניקעס", וואָס דאַרפן דינען דער רעגירונגס פּאָליטישע צוועקן און אפילו פּאָליציי־צוועקן אויך, אָבער ניט — דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אָט דעם קיסרישן דעקרעט, וואָס האָט גענעבן אַזאַ קהלה־קאָנסטיטוציע, האָט מען געהאַלטן פאַר „אַ גנאָד". דאָס איז נעווען די איינציגע אַקציע צו אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן, וואָס יידישע נאָטאַבלען צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָנס רעגירונג האָבן אויפגעטאָן. נאָך אַ „רעפאָרם" איז אויפגעטאָן געוואָרן: אין די אָפיציעלע אַקטן האָט מען אָנגעהויבן נוצן אַ נייַ וואָרט: „איזראַעליט" (דעם סנהדרינ'ס אַ ניי באַשעפעניש) אָנשטאָט דאָס

וואָרט „ייד״ (juif), וואָס אין דער אומגאַנגס־שפּראַך האָט זיך אין דעם געפילט עפּעס אַ באַליידיגונג, ענליך ווי אין דעם רוסישן וואָרט „זשיד״. אין די אָפיציעלע אַקטן פון דער ערשטער אימפּעריע טרעפט מען נאָך ביידע נעמען, שפּעטער אָבער האָט דער „איזראַעליט״ גאָר אַרויסגעשטופּט דעם „יידן״.

אָבער גאָר ווייט פון רעפאָרם איז געווען אַן אַנדער נאַפּאָלעאָנס דעקרעט, געגעבן דעמזעלבן טאָג, וואָס זאָל רעגולירן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן. מיט דעם דעקרעט, אַרויסגעגעבן אָהן דעם הסכּם פון מלוכה־ראַט, האָט זיך דער קיסר אָפּגערעכנט מיט יידן קורץ און שאַרף. דער ערשטער טייל פון דעקרעט, וואָס רעגולירט יידישע קרעדיט־אָפּעראַציעס, האָט געהייסן אַזוי: עס ווערן בטל און ניט גילטיג אַלע חובות, וואָס יידן קומט פון מיליטער־לייט, פון פרויען און מינדעריעריגע, אויב יענע האָבן דאָס געטאָן אָהן דעם הסכּם פון זייער העכערער מאַכט, פון זייערע מאַנען אָדער עלטערן; אויב אַ ייד דערלאַנגט אַ וועקסל ניט פון קיין האַנדלס־מענשן, ווערט ער באַפרידיגט נאָר אין דעם פאַל, ווען דער מאָנער וועט באַווייזן, אַז ער האָט געגעבן דעם בעל־חוב די קאַפּיטאַל־סומע גאַנצערהייט, ניט אָפּרעכנדיג דערפון קיין פּראָצענטן; הלוואות מער ווי אויף 10 פּראָצענט הייסן וואָכער, און דער געריכט מאָנט אַזוינע ניט אויף. בכן האָט מען מיט איין פעדער־שטריך אָפּגענומען פאַרמעגן־רעכט ביי טויזנטער בירגער, וואָס זייער שולד איז באַשטאַנען נאָר דערין, וואָס זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אַרויסצורייסן זיך פון דער קייט פון עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניש, צו וועלכער זיי זיינען געווען צוגעשמידט הונדערטער יאָרן. דעם קיסר איז אָבער ניט גענוג געווען, וואָס ער האָט עקספּראָפּריאירט געלט ביי האַנדלס־לייט: ער האָט נאָך אָפּגעשאַפט די פרייהייט פון האַנדל און פּראָפעסיעס פאַר יידן בכלל. אין צווייטן טייל פון דעקרעט זיינען פאַראַן אַסך פונקטן, וואָס פאַרווערן יידן צו האַנדלען אָהן אַ „פּאַטענט״ פונם פּרעפעקט; אַזאַ פּאַטענט קאָן מען באַקומען נאָר ווען מ׳שטעלט צו אַ שיין פונם מוניציפּאַל־ראַט און פון דער יידישער קאָנסיסטאָריע, אַז מ׳איז כשר אין פּרט פון מאָראַל און האַנדל; אַלע יאָר דאַרף מען דעם פּאַטענט ביישן; אַלע געשעפטן פון ניט פּאַטענטירטע יידן זיינען ניט גילטיג. נאַפּאָלעאָן גייט נאָך ווייטער: ער נעמט אָפּ ביי יידן דאָס עלעמענטאַרע רעכט, דאָס רעכט פון פרייען פאַרקער. דער דריטער טייל דעקרעט פאַרווערט יידן צו באַזעצן זיך פון ס׳ניי אין די ריין־דעפּאַרטאַמענטן (עלזאַס). אין אַנדערע דעפּאַרטאַמענטן מעגן יידן זיך באַזעצן נאָר ווען זיי פאַרווערבן דאָרטן ערד צו באַאַרבעטן, אָבער ניט פאַר האַנדלס־צוועקן. אין מיליטער־דינסט ווערט פאַר יידן אַזאַ אויסנאַם: אַ ייד מוז אַליין דינען, ער טאָר ניט דינגען פאַר זיך קיין אַנדערן, אַזוי ווי רעקרוטן־קריסטן מעגן טאָן. דער דעקרעט פונם 17 מערץ לאָזט זיך אויס מיט אַזוינע צוויי „אַלגעמיינע כּללים״: א) דער דעקרעט גילט נאָר אויף 10 יאָר; די רעגירונג פאַרהאָפט, אַז צו יענער צייט וועלן יידן שוין „ניט זיין אַנדערש פאַר אַלע בירגער״; אויב ניט, וועט

דער טערמין פאַרלענגערט ווערן; ב) אַלע באַגרעניצן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אינם דעקרעט, געהערן ניט צו יידן אין באָרדאָ און אין די דעפּאַרטאַמענטן זשיראָנד און לאַנד, ווייל אויף יענע יידן קלאָגט מען זיך ניט און זיי באַשעפטיגן זיך ניט מיט קיין טריפ׳ע פּראָפעסיעס.

אַזוי האָט נאַפּאָלעאָן געמאַכט אַ רעוואָלוציע פון אויבן אַראָפּ אין דער יידנפראַגע. אָנשטאָט רעפאָרמעס, וואָס זאָלן ביסלאַכווייז אומענדערן דעם אומנאָרמאַלן עקאָנאָמישן צושטאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין משך פון הונדערטער יאָרן, האָט דער קיסר געהייסן מיטאַמאָל איבעראַנדערשן דעם צושטאַנד, און זאָלן דאָ פאַלן פאַר אַ קרבן טויזנטער רואינירטע פאַמיליעס. אָנשטאָט צו היילן דעם קראַנקען האָט מען געהייסן אים רעכטס אָנשלאָגן. אויף שלעכטע קרעדיט־אָפעראַציעס פון איין טייל יידן האָט דער קיסר אָפּגעענטפערט מיט אַ שלעכטער כירורגישער אָפעראַציע, וואָס האָט אָנגערירט כמעט אַלע טיילן. דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן איינע פון די עקספּראָפּריאַציעס, וואָס דער דרייסטער אַרמיי־פירער איז אַזוי געוויינט געווען צו טאָן אין זיינע פעלדמאַרשן; אָבער דער דעקרעט פון 17־טן מערץ איז דאָך געגעבן געוואָרן ניט אין קיין מילי־טער־לאַגער, נאָר אין פּאַלאַץ טיולערי אין פּאַריז, דאָרט, וואו דער באַרימטער „ציוויל־קאָדעקס" נאַפּאָלעאָנס איז נאָך ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן... דאָ איז אָנ־געריירט געוואָרן ניט בלויז דער ציוויל־קאָדעקס אַליין, מ׳האָט דאָ מיט די פיס געטרעטן די יסודות פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט יידן גלייכבאַרעכ־טיגט... אויף צעהן יאָר לאַנג האָט מען אָפּגענומען ביי יידן די פרייהייט פון פּראָפעסיעס, די פרייהייט פון פאַרקער; ביי אַסך האָט מען אָפּגענומען זייערע אייגענע פאַרמעגנס־רעכט אויך. די רעזולטאַטן פון דער אָפּיציעלער עקספּראָפּריאַציע זיינען געווען שרעקליך: אין עלזאַס האָבן קריסטן אויפגעהערט צאָלן יידן אפילו די כשר׳־סטע חובות; אין אַסך שטעט האָבן די שטאָט־מערס (בירגערמייסטער) פאַרעפנט־ליכט נאַפּאָלעאָנס דעקרעט מיט גרויס פאַראַד, מיט פויקן־געקלאַפּ, כדי די קריסטליכע באַפעלקערונג זאָל פאַרשטיין, אַז פאַר יידן איז דער בירגער־ליכער געזעץ ניט גילטיג בכלל. יידישער האַנדל איז געווען געפּענטעט מיט אַ נייעם „פּאַטענטן", און ווייל ביי יידן איז אָפּגענומען געוואָרן דער פרייער פאַרקער, האָט דאָס פאַרשאַפט גרויסע אומגליקן דעם רירעוודיגן יידישן האַנדלס־עולם.

נאָך שווערער פאַרן עקאָנאָמישן חורבן איז געווען דער מאָראַלישער בראָך פאַר אַ פאָלק, וואָס די רעוואָלוציע האָט דאָס ניט לאַנג באַפרייט, וואָס האָט אַזוי פיל כוחות אַוועקגעלייגט צו קעמפן פאַר פראַנקרייכס פרייהייט און וואָס האָט ניט ווייניג לעבנס אַוועקגעגעבן פאַר נאַפּאָלעאָנס נצחונות. דער דעקרעט פונם 17־טן מערץ איז אין דער געשיכטע געבליבן מיט דעם נאָמען décret infâme (שענדליכער דעקרעט). דערהויפּט האָט ער שווער געטראָפן יענע נאָטאַבלען, וואָס האָבן נאָך אַ קורצע צייט פאַר דעם געלויבט אין

נאַפּאָלעאָנס גוטסקייט און האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ יידישן אויסלייזער. ווען פורטאַדאָ, דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג, און אַנדערע אָנגעזעהענע דעפּוטאַטן זיינען דערגאַנגען אַ קורצע צייט פאַרן 17־טן מערץ וועגן דעם דעקרעט, וואָס גרייט זיך פאַר יידן, זיינען זיי געלאָפן קיין פאָנטענעבלאָ, דעם קיסר׳ס רעזידענץ, אַרויסזאָגן זייער פּראָטעסט, אָבער מ׳האָט זיי צום קיסר ניט צוגעלאָזט. נאַפּאָלעאָן האָט זיי שוין מער ניט באַדאַרפט: ער האָט ביי זיי מיט אַ פריינדליכן אָנשטעל אַרויסגעקריגן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן, און דערנאָך האָט ער געמאַכט דעם פּיינטליכן אָנפאַל. ניט נאַפּאָלעאָן האָט אָפּגענאַרט יידן, ווי איינִיגע היסטאָריקער מיינען, נאָר יידן האָבן זיך גענאַרט אין אים, בעת זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז טעאַטראַלע דעקאָראַציעס זיינען אַ ממשות. דער קיסר איז געווען איצט, וואָס ער איז געווען פריהער: צוויי יאָר פאַר דעם האָט ער גערעדט אין מלוכה־ראַט, אַז צו יידן דאַרף מען האָבן ניט קיין ציוויל־קאָדעקס, נאָר אַ „פּאָליציי־קאָדעקס, און איצט האָט ער אויף זיי טאַקע פאַרווענדט זיין אינטערנאַציאָנאַלן קאָדעקס פון קריג און עקספּראָפּריאַציע.

די אומגעזעצליכקייט און די אוממענשליכקייט פון דעם „שענדליכן דעקרעט” האָבן געבראַכט דערצו, אַז ס׳איז שווער געווען אים דורכצופירן. ס׳האָבן זיך אַ שיט געטאָן יידישע אָנקלאָגן פון אַלע דעפּאַרטאַמענטן, דערהויפּט פון איטאַליענישע און איינִיגע דרום־פראַנצויזישע יידן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט זיי מיט זיין ברייטער האַנט פאַרגלייכט מיט די פאַרשולדיגטע יידן אין די ריין־פּראָווינצן. די רעגירונג האָט איצט געמוזט מאַכן אויסנאַמען פון דעם געזעץ פאַר פאַרשיידענע טיילן און שטעט. קודם־כל האָט זי געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר פאַריזער יידן (26 אַפּריל 1808), וואָס דער אינערן־מיניסטער קרעטע האָט וועגן זיי געגעבן זעהר אַ גוטע מיינונג (צווישן 2453 פאַריזער יידן זיינען געווען סך־הכל פיר וואָכערניקעס, געדינט אין מיליטער האָבן 150 יידן); דערנאָך האָט מען באַפרייט פון דער דאָזיגער שטראָף יידן אין ליוואָרנאָ, אין 20 דעפּאַרטאַמענטן פון דרום־פראַנקרייך און אין איטאַליע. אין יאָר 1810 האָט נאַפּאָלעאָן באַפולמעכטיגט דעם אינערן־מיניסטער, ער זאָל אים אַלע מאָל צושטעלן די נעמען פון שטעט, וואָס דאָרטיגע יידן האָבן פאַרדינט דעם חסד, מ׳זאָל פון זיי אַראָפּנעמען דעם דעקרעט. אין יאָר 1812, ווען נאַפּאָלעאָנס גרויסע אַרמיי האָט שוין געהאַלטן ביי אומקומען אין רוסלאַנד, האָט ער אָפּגעשאַפט דעם פאַרבאָט, אַז יידן־רעקרוטן זאָלן מעגן שטעלן פאַר זיך אַנדערע יידן. ער האָט געזעהן, ווי יידישע סאָלדאַטן קומען אום אויף די שלאַכטפעלדער צווישן דער פאַרפאַלענער גרויסער אַרמיי, און דאָ האָט ער אפשר פאַרשטאַנען, ווי אוממענשליך ער איז זיך באַגאַנגען קעגן אַ פאָלק, וואָס האָט אויף אים אַזוי אַרויסגעקוקט.

דאָס דערנידערטע, בירגערליך־באַרויבטע יידנטום האָט ניט געטאָרט פּראָטעסטירן אין דער הויך קעגן דעם, וואָס האָט געבראָכן דעם עיקר פון גלייכ־

באַרעכטיגונג. אָבער מען הערט וועגן זייערע השתדלות׳ן אין ראַפּאָרטן פון מיניסטאָרן און פון דער פּראָווינציעלער אַדמיניסטראַציע. פון די פּרעפעקטן און קאָנסיסטאָריעס קומען אָן ידיעות, אַז יידן „פאַרבעסערן" זיך גיך. „מ׳זעהט שוין, ווי יידן ווערן אַנדערש, — טיילט מיט דער אינערן־מיניסטער דעם קיסר אין יאָר 1811 — אומעטום מיהען זיי זיך צו פאַרדינען אייער מאַיעסטעטס גוטסקייט, מיט דער האָפנונג, אַז איר וועט פאַר זיי מאַכן אַן אויסנאַם פונם דעקרעט". אַסך פּרעפעקטן טיילן מיט, אַז יידן געבן זיך אַלץ מער אָפּ מיט ניצליכע פּראָפעסיעס און קומען ערליך צו מיליטער־דינסט. אין די איטאַליענישע דעפּאַרטאַמענטן ווייזט מען אָן מיט פרייד, אַז יידן הויבן אָן „גאָר זיך אויסצומישן מיט דער מאַסע פראַנצויזן". מ׳לויבט אויך די פּאַטריאָטישע אַרבעט פון די קאָנסיסטאָריעס, וואָס פירן יידן אין די שולן דעם חוב צו פאָלגן דער רעגירונג.

אין יוני 1810 האָט די יידישע צענטראַל־קאָנסיסטאָריע אין פּאַריז דערלאַנגט דעם אינערן־מיניסטער אַ גרויסן מעמאָראַנדום וועגן דער לאַגע פון יידן אין פראַנקרייך, צונויפגעשטעלט נאָך די מאַטעריאַלן פון די פּראָווינציעלע קאָנסיסטאָריעס. יידישע טשינאָווניקעס רעדן דאָ די אַלטע קנעכטישע שפּראַך, וואָס מ׳האָט נאָך געקאָנט מוחל זיין די דעפּוטאַטן פון די „יידישע פּאַרלאַמענטן", וואָס איז שוין אָבער איצט געווען ניט צו דערליידן נאָך דעם „שענדליכן דעקרעט". נאַפּאָלעאָנען באַרימט מען, אַלס דעם „העלדישן געזעצגעבער" און דעם „גוטס־טוער" און מ׳מעלדעט, אַז „איזראַעליטן ווערן גאָר אַנדערש": ס׳ווערט מער יידן ערד־אייגנטימער, פאַבריקאַנטן, פרייע פּראָפעסיאָנאַלן, אין מיליטער, אין די לאַנד־שולן, בעלי־מלאכות. לויט די ידיעות פון די קאָנסיסטאָריעס רעכנט זיך צווישן 80 טויזנט יידן אין דער אימפּעריע (חוץ די אויטאָנאָמע מלוכות): 1232 ערד־אַרבעטער, 767 אין מיליטער, 2360 קינדער אין די אַלגעמיינע שולן אָדער אַזוינע, וואָס „גרייטן זיך צו ניצליכער אַרבעט"; יידישע פאַבריקן זיינען דאָ 250. די דאָזיגע „אויפלעבונג" וואָלט ביי יידן צוגעגאַנגען נאָך גיכער, — שטייט אין מעמאָראַנדום — ווען מ׳זאָל אַראָפּנעמען די קייטן, וואָס דער האַרטער דעקרעט פונם יאָר 1808 האָט אָנגעטאָן אויף יידן.

די קייטן האָט מען אָבער ניט אַראָפּגענומען. אין 44 דעפּאַרטאַמענטן פון 68 איז נאָך גילטיג געווען דער „שענדליכער דעקרעט". די לאַגע האָט זיך געביטן ערשט נאָך נאַפּאָלעאָנס פאַל. די געשיכטע האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַס: די הערן פונם „אַלטן רעזשים" איז באַשערט געווען צוריק אויפשטעלן אין פראַנקרייך איינע פון די בעסטע אַקציעס פון דער רעוואָלוציע, וואָס נאַפּאָלעאָן, „דער זון פון דער רעוואָלוציע", האָט זי אָפּגעשאַפט.

קאַפּיטל II

יידישע עמאַנסיפּאַציע אין די לענדער פון פראַנצויזישער הערשאַפט

§ 25. האָלאַנד (באַטאַווער רעפּובליק און דאָס האָלענדישע קיניגטום).

די עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג איז אין אייראָפּע נאָכגעגאַנגען דער פראַנצויזישער אַרמײ, פריהער דער רעפּובליקאַנישער, נאָכדעם נאַפּאָלעאָנס אַרמײ. אין די לענדער, וואו ס׳איז מיט פראַנצויזישער ווירקונג איינגעפירט געוואָרן אַ רעפּובליקאַנישער אָדער אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעזשים, דאָרט איז דערלאַנגט געוואָרן יידישע גלייכבאַרעכטיגונג — מיטאַמאָל, אָדער נאָך אַ געוויסן פּאַרלאַמענטאַרישן שטרייט — אויף דער גאַנצער צייט, וואָס דער נייער רעזשים האָט זיך געהאַלטן. אַזוי איז פאָרגעקומען די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין אַלע צייטווייליגע רעפּובליקן פון יענער תּקופה: אין דער באַטאַווער רעפּובליק (האָלאַנד), אין דער ציזאַלפּישער און רוימישער (איטאַליע), וואָס זיינען אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע געוואָרן „קיניגטומס“, און אין דער העלוועטישער רעפּובליק (שווייץ). אין איטאַליע און אין שווייץ האָט די יידישע עמאַנסיפּאַציע ניט אויסגעהאַלטן: דאָרט איז זי געווען אָנגעוואָרפן פון דער פרעמד; פאַרקערט אָבער האָט זיך די עמאַנסיפּאַציע פאַרפעסטיגט אין האָלאַנד: דאָ האָט זי געהאַט אייגענע וואָרצלען אין לאַנד, דער פראַנצויזישער רעזשים האָט דאָס נאָר ניכער געמאַכט.

די ווירקונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך קודם־כּל אַרויסגעוויזן אין האָלאַנד, דעם לאַנד פון האַלב־פרייהייט און האַלב־טאָלעראַנץ. די 50 טויזנט יידן אין האָלאַנד, פון זיי 20 טויזנט אין אַמסטערדאַם אַליין, זיינען געווען אַ צענטר פון אַ היפּשער קולטור־קראַפט, נישט קלענער אין צאָל פאַר דעם יידישן קבוץ אין פראַנקרייך, נאָר אַסך בעסער אָרגאַניזירט. אין דעם רעפאָרמאַטישן לאַנד, וואו קאַטוילן זיינען אויך ניט געווען נאָר גלייכבאַרעכטיגט (זעה § 8), זיינען יידן נאָך געווען שטיפקינדער; זיי האָבן אָבער ניט געהאַט אויסצושטיין אַזאַ שענדליכע בירגערליכע קנעכטשאַפט, ווי זייערע ברידער אין די שכנות׳דיגע לענדער. אַ ברייטע קהלה־אויטאָנאָמיע האָט געשטאַרקט זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלן פאַרבונד, וואָס איז נאָר אַ ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך

דעם, וואָס די קהלות האָבן זיך געטיילט אויף „פּאָרטוגעזישע" (ספרד׳ישע) און אשכּנז׳ישע. די שטייפֿע קהלה־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן די מאַסע האָלענדישע ייִדן אין אַ קאָנסערוואַטישער דיסציפּלין, אָבער אַזאַ קאָנסערוואַטיזם האָט איר געדינט אַלס אַן אַ איינהאַלטס־קראַפֿט בעת דער עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג. די השפּעה פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע איז תּחילת געווען זעהר ניט אָנגעזעהן: זי האָט אָנגעריירט נאָר אַ קליינעם טייל פֿון דער אַמסטערדאַמער ייִדישער געזעלשאַפֿט, וואָס איז געווען באַאיינפֿלוסט פֿון די אידייען פֿונם 18־טן יאָרהונדערט און פֿון מענדלסאָנס השכּלה. דער דאָזיגער געבילדעטער טייל האָט צום אַלער־ערשטן דערפֿילט, אַז ייִדן האָבן נויטיג אַן אינעווייניגסטע רעפֿאָרם. די דאָזיגע ערשטע פּיאָנערן פֿון דער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג זיינען צוגעשטאַנען צום ליבעראַלן קלוב Felix libertate, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַמסטערדאַם נאָך איידער די פֿראַנצויזן האָבן פֿאַרנומען דאָס לאַנד (1793־1794). אינם קלוב, וואָס האָט אויפֿגעשריבן אויף זיין פֿאָן די אידייען פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן זיך באַטייליגט אַמסטערדאַמער ייִדישע טוער מיט קריסטליכע גלייך; לאָמיר דאָ אָנרופֿן משה־שלמה אַסער, אַ סוחר א יוריסט, און דע־לעמאָן, אַ דאָקטאָר. אין יאָר 1795 איז מקוים געוואָרן דער טרוים פֿון האָלענדישע „פּאַטריאָטן־ליבעראַלן": צוזאַמען מיט דער פֿראַנצויזישער אַרמיי האָבן זיי פֿאַרטריבן פֿונם לאַנד דעם שטאַטהאַלטער ווילהעלם אָראַנער, און פֿון נידערלאַנדער שטאַטן איז געוואָרן באַטאַווער רעפּובליק. ס׳איז געגעבן געוואָרן אַ דעקלאַראַציע פֿון האָלענדישע בירגער־רעכט, וואָס האָט פֿעסטגעשטעלט פֿולע בירגערליכע גלייכבאַרעכטיגונג פֿאַר פּערזאָנען פֿון אַלע אמונות. דעם 4־טן מערץ 1795 האָבן זיך אַמסטערדאַמער ייִדן באַטייליגט אין אַ רעפּובליקאַנישער מאַניפֿעסטאַציע מיט קריסטן גלייך, ייִדישע גלידער פֿונם Felix libertate און קינדער פֿון ייִדישע יתומים־הייזער זיינען אויך בייגעווען ביי דער צערעמאָניע, ווי מ׳האָט פֿאַרזעצט פֿאַר דעם ראַטהויז „דעם פֿרייהייטס־בוים".

די אַמסטערדאַמער ייִדישע קהלה איז אָבער ניט געווען אייניג. דער געבילדעטער פֿרייזיניגער מיעוט איז געווען באַגייסטערט פֿון דעם איבערקער און האָט דאָ געזעהן אַ גליק פֿאַר ייִדן, אַקעגן אָבער האָט דער קאָנסערוואַטיווער רוב געזעהן, אָדער געפֿילט, אַז דאָ שטעקט אַ געפֿאַר פֿאַר דעם ייִדישן קיבּוץ צעפֿאַלן ווערן, אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט. קאָנסערוואַטיווע ייִדן האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿריהערדיגע קהלה־אויטאָנאָמיע, וואָס האָט רעגולירט ניט אַליין דאָס רעליגיעזע, נאָר אויך דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבן, מוז פֿאַלן, ווי נאָר ייִדן וועלן ווערן אַ טייל פֿון דער בירגערליכער געזעלשאַפֿט און וועלן צעטיילט ווערן צווישן פֿאַרשיידענע שטאַנדן: ס׳וועט ניט בלייבן ניט דער ייִדישער בית־דין, ניט די ייִדישע שול, ניט די פֿאָלקס־שפּראַכן (דייטש־ייִדיש און שפּאַניש־ייִדיש), ס׳וועט פֿאַלן די רעליגיעזע דיסציפּלין אויך. צו די דאָזיגע דאגות פֿאַרן

כלל זיינען נאך צוגעקומען פערזענליכע פניות: רבנים און פרנסים פון אמסטערדאמער אשכנזישער און פארטוגעזישער קהלה האבן מורא געהאט, אז זייער מאכט וועט געמינערט ווערן, ווען ס'וועלן אפגעשאפט ווערן די אלטע רעגלאמענטן, וואס האבן זיי געזעצליך נעמאכט פאר א מין רעגירונג ביי יידן. ס'איז קיין חידוש ניט, וואס די ליבעראלע גלידער פון דער אמסטערדאמער קהלה האבן ניט געקאנט פועל'ן, מ'זאל איבערלייענען אין שול די רעפובליקאנישע דעקלאראציע. די פרנסים האבן געזאמלט אסך התימות, אז לייענען די דעקלאראציע אין שול איז קעגן דער יידישער אמונה. די ליבעראלן האבן דעמאלט אויפגעשריבן א פראטעסט־אויפרוף און צעקלעפט אין די שולן; די פרנסים האבן אבער געהייסן אראפרייסן די דאזיגע פראקלאמאציעס.

אזוי האט זיך אנגעהויבן א שפאלטונג ביי האלענדער יידן גראד דעמאלט, ווען זיי האבן שטארק באדארפט זיין איינינג, ווארום ס'זיינען פארגעקומען וואלן אין דער נאציאנאל־פארזאמלונג פון דער באטאווער רעפובליק. יידן האט מען צו די וואלן צוגעלאזט גלייך מיט אנדערע, אבער איבער איניגע ווייניגסטע רייטעגישן האבן זיי זיך קנאפ באטייליגט אין דער וואל־קאמפאניע; זיי האבן דעריבער ניט דורכגעפירט קיין איין יידישן דעפוטאט אין ערשטן פארלאמענט פון דער רעפובליק. ווען די נאציאנאל־פארזאמלונג האט זיך געעפנט, איז אהין דערלאנגט געווארן א יידישע פעטיציע, וואס האבן גע'חתמ'עט די יידישע גלידער פון דעם קלוב Felix libertate: משה אסער, זיין זון קארל, הערץ בראמעט און יצחק יאנגע פון די אשכנזים, דאקטאר דע־לעמאן און יעקב שאספארטאס פון די ספרדים. די פירער פון דער יידישער ליבעראלער פארטיי האבן געבעטן די נאציאנאל־פארזאמלונג, מ'זאל יידן גלייכבארעכטיגן מיט אנדערע בירגער. יידן זיינען געווארן פאקטיש בירגער, שטייט אין דער פעטיציע, איצט קוקן זיי ארויס, מ'זאל דאס יורידיש אנערקענען; יידן האבן זיך באטייליגט אין די וואלן, מעגן זיי האלטן דעריבער קריסטליכע דעפוטאטן פאר זייערע פארשטייער אויך, און זיי פאדערן, יענע זאלן זיך איינשטעלן פאר זייערע אינטערעסן (מערץ 1796). די נאציאנאל־פארזאמלונג האט אויסגעקליבן א ספעציעלע קאמיסיע צו באטראכטן די פראגע.

די קאמיסיע האט געהאט א שווערע ארבעט: פארענטפערן א פראגע, וואס איז נאך געווען פארבונדן ביי דער קריסטליכער געזעלשאפט מיט אסך פאראורטיילן, וואס האט אפילו די יידישע געזעלשאפט גופא צעשפאלטן אויף צוויי מחנות. די האלענדער פאלקס־פארטרעטער האבן זיך געמוזט רעכענען מיט א פאקט — דער איינציגער אין דער געשיכטע פון דער עמאנסיפאציע, — אז גלייכבארעכטיגונג האט געפאדערט נאר א קליינער טייל יידישער געזעלשאפט, בעת דער גרעסטער רוב האט געצויגן צום אלטן רעזשים. א הייפל יידישע פראגרעסיסטן האט זיך געמיהט אפשוואכן דעם איינדרוק פון דעם דאזיגן פאקט און האט אנגעפירט א גרויסע אגיטאציע. זיי האבן דערלאנגט דער קאמיסיע נאכאנאנד מעמאראנדומס

פֿאַר יידישער גלייכבאַרעכטיגונג, צווישן זיי אויך אַ ווערק פֿון דוד פֿרידריכספֿעלד, אַ משכּיל פֿון מענדעלסאָנס שיטה*) וואָס האָט אַליין געשטאַמט פֿון דייטשלאַנד.

אין אויגוסט 1796 האָט די קאָמיסיע דערלאַנגט דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג אַ ליבעראַלן באַריכט וועגן דער יידנפֿראַגע. אין פּאַרלאַמענט האָבן זיך אָנגעהויבן דעבאַטן, וואָס האָבן געדויערט אַכט טעג (פֿון 22 ביז 30 אויגוסט) און האָבן זיך געפֿירט זעהר היציג. רעפֿערענט פֿון דער קאָמיסיע איז געווען דעפּוטאַט האַן, וואָס האָט געהאַלטן אַן איבערציינגנדיגע רעדע פֿאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע. האָלענדישע יידן, זאָגט ער, האָבן געצויגן צום אַלטן רעזשים און צו דער אָראַנער דינאַסטיע, וואָס האָט זיי פּראָטעזשירט, אָבער די רעפּובליק קאָן זיי נאָך מער צובינדן צו זיך, ווען זי וועט זיי מאַכן פֿריי און גלייכבאַרעכטיגט: מיר זעהען דאָס שוין אין צפֿון־אַמעריקע און אין פֿראַנקרייך. דער ריידער האָט אָנגערירט אויך די וויכטיגסטע פֿראַגע פֿון דעם עמאַנסיפּאַציע־שטרייט: די פֿראַגע וועגן אַ יידישער נאַציע. „קאָן מען דען האַלטן פֿאַר אַ נאַציע אָדער פֿאַר אַ באַזונדער פֿאָלק אַזוינע מענשן, וואָס כּמעט שוין צוויי טויזנט יאָר האָבן זיי קיין אייגענע מלוכה ניט? דער נאָמען „נאַציע“ פּאַסט נאָר פֿאַר אַ מלוכה־פֿאַראייניגונג, אָבער ניט פֿאַר קיין רעליגיעזן קיבוץ; קיינער וועט דאָך ניט זאָגן, אַז קאַלוויניסטן אָדער לוטעראַנער אין פֿאַרשיידענע מלוכות זיינען אַ באַזונדער נאַציע. אמת, יידן גלויבן, אַז די יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע וועט אַמאָל אויפֿגעריכט ווערן, אָבער מיר, קריסטן, ווייסן דאָך, אַז די דאָזיגע משיח־אידיי קאָן ניט מקוים ווערן“. האַנען האָט אָפּגעענטפֿערט דעפּוטאַט האַמלספֿעלד: „יידן זיינען פֿרעמדע, ניט קיין בירגער. פֿאַרטריבן פֿון אַנדערע לענדער, זיינען זיי געקומען קיין האָלאַנד, און האָבן דאָ געפֿונען אַ היים און טאָלעראַנץ; גענוג פֿאַר זיי, קיין בירגער־רעכט דאַרפֿן זיי ניט מאָנען. זיי אַליין האַלטן זיך דאָך פֿאַר אַ נאַציע, מיר קוקן אויך אַזוי און האַלטן זיי ניט פֿאַר קיין שטאַם־טייל פֿון דער האָלענדער נאַציע“. דער ריידער ענטפֿערט אָפּ האַנען וועגן דער יידישער משיח־אידיי: „איך בין אויך אַ קריסט און דאָך גלויב איך, אַז גאָטס הבטחה וועט מקוים ווערן און יידן וועלן סוף כּל סוף קומען צו זייער לאַנד“. ווייטער דערמאָנט דער ריידער, אַז נאָר אַ קליינער טייל פֿון די פֿופֿציג טויזנט האָלענדער יידן מאָנען גלייכבאַרעכטיגונג, די איבעריגע פֿאַרלאַנגען דאָס אפֿשר נאָר ניט. ער האָט אויך דערמאָנט, אַז אין יאָר 1787, בעת דעם „פּאַטריאָטישן“ אויפֿשטאַנד קעגן ווילהעלם אָראַנער, זיינען יידן געווען ווילהעלמס צד. ער האָט געענדיגט זיין רעדע, אַז יידן קאָן מען געבן גלייכבאַרעכטיגונג נאָר אין דעם פֿאַל, ווען זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייערע מנהגים, קהלות און אַנשטאַלטן (חוץ ריין־רעליגיעזע) און וועלן זיין ניש[ט] מער ווי איינצעלנע בירגער צווישן באַטאַווער בירגער בכלל.

*) פֿרידריכספֿעלדס מעמאַראַנדום איז נאָכדעם געדרוקט געוועז אויף העבריאיש אויך („דברי נגידים“; זעה די ביבליאָגראַפֿיע צו דעם קאַפּיטל).

די דאָזיגע צוויי רעדעס האָבן געגעבן דעם גרונד־טאָן פון ביידע פאַרטייען אין דער יידנפראַגע, אין פאָליטישן און נאַציאָנאַלן זין. אין די סך רעדעס, וואָס נאָכדעם, זיינען געוועזן איבערגע׳חזר׳ט די מאָטיוון פון דעם אָדער יענעם צד. נאָך בולט׳ער, איידער אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, האָט זיך דאָ באַוויזן די וויכטיגסטע סתירה צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון דער עמאַנסיפאַציע: ביידע צדדים זיינען געוועזן איינציג, אַז בירגערליכקייט מיט נאַציאָנאַל־אייגנס שיקט זיך ניט, נאָר איין צד האָט געלייקנט, אַז אַ יידישע נאַציע איז פאַראַן אויף דער וועלט, דער אַנדערער צד האָט געלייקנט, יידן זאָלן קאָנען ווערן בירגער. דעפוטאַט פלאָ האָט פאָרגעלייגט פרעגן די יידן גופא, צי האַלטן זיי זיך לויט נאַציאָנאַליטעט פאַר „באַטאַווער" אָדער פאַר יידן? דער ריידער איז זיכער, אַז אַלע, חוץ אַ הייפל „גאָט־לייקענער אָדער נאַטוראַליסטן", וועלן ענטפערן, אַז זיי געהערן נאָר צו דער יידישער נאַציע. פונדעסטוועגן האָט ער פאָרגעשלאָגן גלייכבאַרעכטיגן יידן מיט אַ תנאי, אַז יעדער ייד זאָל אין משך פון אַ יאָר געבן אַ התחייבות, אַז ער וועט ניט געהערן מער צו קיין אַנדער נאַציע, חוץ דער באַטאַווער. נאָך אַן אָנגעזעהענער דעפוטאַט, דער געוויסער מלוכה־טוער שימלפעניק, האָט געפאָדערט גלייכבאַרעכטיגונג פאַר יידן, אַלס „יחידים", ניט אַלס יידישער פאָלקס־קבוץ. דער דאָזיגער געדאַנק (איבערגע־חזר׳ט קלערמאָן־טאָנערס וואָרט, זעה § 15) האָט פאַראייניגט אָנהענגער און קעגנער פון עמאַנסיפאַציע, און לסוף האָבן זיי פאַרגעסן זייערע קאָנקרעטע חילוקי־דעות. 30 דעפוטאַטן האָבן דעבאַטירט 8 טעג, און לסוף האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג געגעבן אַ פאָזיטיוון ענטפער. דאָ האָט אויך מיטגעהאָלפן דער פראַנצויזישער געזאַנדטער נאָעל. וואָס איז באַשטאַנען, מ׳זאָל יידן גלייכבאַרעכטיגן אַזוי ווי אין פראַנקרייך. דעם 2־טן סעפטעמבער האָט מען דאָס פאַרעפנטליכט אין אַזאַ דעקרעט: „ביי קיין יידן טאָר ניט אָפגענומען ווערן יענע רעכט און פריווילעגיעס פון אַ באַטאַווער בירגער, פון וועלכע ער וועט וועלן געניסן, בתנאי, אַז ער איז יוצא אַלע פאָדערונגען און טוט אַלע פליכטן, וואָס די קאָנסטיטוציע פאָדערט פון יעדן בירגער".

דער דאָזיגער דעקרעט האָט אָפגעשאַפט די יידישע קהלה־אויטאָנאָמיע מיט אַלע אירע אינסטיטוציעס, חוץ ריין־רעליגיעזע; ס׳איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס האָט געשראָקן די קאָנסערוואַטיוו־נאַציאָנאַלע יידישע קרייזן אין אַמסטערדאַם. זיי האָבן דערפילט אַ קלאַפ פאַר זייער אינעווייניגסטער נאַציאָנאַלער פרייהייט אין דעם אַקט, וואָס פראָגרעסיסטן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נצחון פון גערעכטיגקייט און בירגערליכער פרייהייט. די פראָגרעסיסטן האָבן שוין דעריבער ניט געקאָנט מער בלייבן אין דער אַלטער קהלה: אַ קליינע גרופע האָט זיך אָפגעטיילט און געמאַכט אַ קהלה פאַר זיך אין אַמסטערדאַם מיט דעם נאָמען „עדת ישורון", מיט אַ באַזונדער רב און אַ באַזונדער שול. די נייע רעליגיעזע פאַראייניגונג האָט איינגעפירט ביי זיך רעפאָרמעס: אָנגענומען

ביבל אָנשטאָט תלמוד פאַר אַ גרונד פון נאַציאָנאַלער ערציהונג, דרשות אין שול געהאַלטן אויף האָלענדיש, אָפּגעשאַפט דעם מנהג באַלד דעמזעלבן טאָג באַגראָבן אַ מת, אויסגעשלאָסן פונם סידור קללות קעגן משומדים א. ד. ג. אויף אַזאַ שפּאַלטונג האָט די אַלטע קהלה אָפּגעענטפערט מיט חרמות און רדיפות. די פּרנסים האָבן פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן די ווידערשפּעניגע, געמאָנט, יעדער זייערער זאָל אָפּצאָלן צו טויזנט גולדן פאַר דעם היזק, וואָס די קהלה האָט איבער דעם, וואָס זיי זיינען אַרויס און אויפגעהערט צאָלן קהלה־שטייערן. דער אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט און שטאָט־ריכטער האָבן געשטיצט די פּרעטענזיעס פון די אָרטאָדאָקסן לויט די אַלטע פּריווילעגיעס; די פּראָגרעסיסטן האָבן געזאָלט צאָלן גרויסע געלט־שטראָפן. דאַמאָלס האָט זיך די רעגירונג אַריינגעלייגט אין דער זאַך. אונטער נאָעלס ווירקונג האָט זי דערקלערט, אַז ס'זיינען בטל די אַלטע רעגלאַמענטן פון דער אַמסטערדאַמער קהלה, וואָס האָבן רעגולירט דאָס יידישע געזעלשאַפטליכע לעבן, חוץ רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן; דאָס איז געדרונגען פון דעם דעקרעט וועגן גלייכבאַרעכטיגונג. די אַלטע פּרנסים האָבן דעריבער אָנגעוואוירן זייערע פולמאַכטן, זיי דאַרף מען באַזייטיגן און מ'דאַרף אויסקלייבן אַ דערווייליגע קאָלעגיע פון פינף מאַן צו פאַרוואַלטן די קהלה־אָנגעלעגנהייטן לויט דעם נייעם רעגלאַמענט (16 מערץ 1798). מ'האָט באַלד איינגעפירט די רעפאָרם. נייע פּרנסים האָט מען שוין אויסגעקליבן פון דער פּראָגרעסיווער מינדערהייט, וואָס זיינען צופרידן געווען מיט דעם פאַרשמעלערטן אינהאַלט פון קהלה־לעבן. בכן האָט די בירגערליכע פרייהייט אין דעם פאַל אונטערגעריסן די אָפּגעשטאַנענקייט און דעם פאַנאַטיזם פון די קאָנסערוואַטאָרן, זי האָט אָבער אונטערגעריסן אויך די אויטאָנאָמע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס דורות האָבן פאַר איר געשטרייט. מיט איין האַנט האָט די עמאַנסיפּאַציע געהיילט, מיט דער אַנדערער געביילט...

די לופט פון פּאָליטישער פרייהייט האָט דערוויילן געטאָן אירס. יידן זיינען אַלץ געהענטער געוואָרן צום פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. אין די וואַלן צו דער צווייטער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָבן זיך יידן באַטייליגט פלייסיגער און האָבן דורכגעפירט צוויי אייגענע דעפּוטאַטן — אַמסטערדאַמער ליבעראַלן דע־לע־מאָן און בראָמעט (1797). דאָס זיינען געווען די ערשטע יידישע דעפּוטאַטן אין אַן אייראָפּייאישן פּאַרלאַמענט. ביי די וואַלן צו דער דריטער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג (1798) איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ דריטער יידישער דעפּוטאַט — יצחק דאַ־קאָסטאַ עטיאַס, פריהער אַ גליד פון אַמסטערדאַמער שטאָט־ראַט. אָנגעזעהענע יידישע פּערזענליכקייטן האָט מען אָנגעהויבן צולאָזן צו מוניציפּאַלע און מלוכה־שטעלעס: דער דערמאָנטער משה אַסער, למשל, איז געוואָרן אַ באַאַמטער אין יוסטיץ־מיניסטעריום.

די דאָזיגע געשעהענישן פון דער „רוישנדיגער יוגנט" פון דער באַטאַווער רעפּובליק זאָגן אָבער נאָך ניט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך באמת געביטן אין דער

סאָציאַלער יידישער לאַגע. באמת איז דאָ אויך פאָרגעקומען דאָס, וואָס מיר האָבן שוין צוגעזעהן אין פראַנקרייך: גלייכבאַרעכטיגונג אויף פאַפיר האָט זיך שווער איינגעפלאַנצט אין דער פראַקטיק, די אַלטע געוויינהייטן האָבן זיך ניט געלאָזט אַזוי גרינג ברעכן. אין דערזעלבער צייט, ווען יידישע דעפוטאַטן זיינען געזעסן אין פאַרלאַמענט, האָט מען יידישע קינדער ניט צוגעלאָזן אין די האָלענדישע פאָלקס-שולן. אייניגע באַגרעניצן זיינען נאָך געבליבן גילטיג און זיי האָבן זיך געלאָזט פילן, דערהויפט די לעצטע יאָרן פון דער צייטוויילינגער רעפובליק, ווען די באַגייסטערונג פאַר פרייהייט איז אָפגעקילט געוואָרן. דערפירן די יידישע עמאַנסיפאַציע ביזן סוף, איז שוין באַשערט געווען דעם האָלענדישן קיניגטום, וואָס האָט אין יאָר 1806 פאַרנומען דעם אָרט פון דער באַטאַווער רעפובליק, לויט נאַפּאָלעאָנס ווילן. דער נייער רעגירער אין לאַנד, לודאָוויק באָנאַפּאַרט, נאַפּאָלעאָנס ברודער, האָט געהיט די ליבעראַלע פונקטן פון דער קאָנסטיטוציע בנוגע צו יידן, צו וועלכע ער האָט זיך בכלל פריינדליך פאַרהאַלטן. לודאָוויק האָט אגב אָפגעשאַפט די אַלטע באַליידיגנדע שבועה פאַר יידן (more judaico) אין געריכט; ער האָט אויך געהייסן איבערטראָגן ירידים פון שבת אויף מאָנטאָג, זיך רעכענענדיג מיט די רעליגיעזע איבערצייגונגען פון דער יידישער מאַסע.

דאָס ערשטע יאָר פון זיין רעגירן איז אויסגעפאַלן אין דערזעלבער צייט, ווען אין פאַריז זיינען געווען פאַרזאַמלט די „יידישע פאַרלאַמענטן", די נאָטאַבלען-פאַרזאַמלונג און דער סנהדרין. דאָס האָט אויפגעמונטערט דעם פּראָגרעסיוון טייל האָלענדער יידן. גרויס איז געווען זייער אינטערעס צו דער ערשטער פאַרזאַמלונג, וואָס אירע באַשלוסן זיינען אַזוי נאָהענט געווען צו זייערע אידעאַלן. נאָך גרעסער איז געווען די פרייד פון די פּראָגרעסיסטן, ווען אין הערבסט 1806 איז קיין אַמסטערדאַם אָנגעקומען אַ צירקולאַר וועגן פאַריזער „גרויסן סנהדרין", צו וועלכן מ'האָט געבעטן שיקן דעלעגאַטן. די דירעקציע פון דער רעפאָרמירטער קהלה „עדת ישורון" האָט באַשלאָסן (אין דער זיצונג פון 15 אָקטאָבער 1806) שיקן אַ דעפוטאַציע קיין פאַריז מיטהעלפן דעם „גרויסן צוועק" פונם סנהדרין, וואָס „נאַפּאָלעאָן דער גרויסער, דער יידישער אויסלייזער" רופט צונויף. די פירער פון דער קהלה האָבן זיך פאָרגעשטעלט דעם קיניג און געבעטן, ער זאָל זיי ערלויבן שיקן אַזאַ דעפוטאַציע. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי אויסגעדריקט זייער אַנציקונג פון „די גרויסאַרטיגע מעלות, וואָס נאָר נאַפּאָלעאָנס פאַמיליע פאַרמאָגט אַזוינס". זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער האָפנונג, אַז ביי דעם נייעם רעגירער וועלן זיך ווידער אומקערן די ליכטיגע פרייהייט טעג, וואָס זיינען פאַרפינסטערט געוואָרן די לעצטע יאָרן פון באַטאַווער רעפובליק, ווען מ'האָט טיילווייז אַ קער געטאָן צוריק צום אַלטן רעזשים. דער קיניג האָט ערלויבט שיקן אַ דעפוטאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי פערזאָן: דעם געוועזענעם פאַרלאַמענט-גליד דע-לעמאָן, דעם יונגן אַדוואָקאַט קאַרל אַסער און אַ תּלמוד-יסט

אַ מאַטעמאַטיקער יהודה ליטוואַק; דער לעצטער האָט געשטאַמט פון פוילן און איז געוואָרן איינער פון די פירער אין דער רעפאָרמירטער אַמסטערדאַמער קהלה. די דעפוטאַציע איז אָנגעקומען קיין פאַריז שוין נאָך דעם ווי דער סנהדרין האָט זיך געעפנט און איז דאָס ערשטע מאָל בייגעווען אין דער צווייטער זיצונג, (דעם 12־טן סעפטעמבער 1807). אַלע דריי האָבן באַגריסט די פאַרזאַמלונג אויף פראַנצויזיש און העברעאיש (העברעאיש האָט גערעדט ליטוואַק). די רעדעס זייִנען געווען פול מיט פרייד און לויב דעם סנהדרין, וואָס שאַפט אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק, אַ תקופה פון גליק, פרייהייט און בילדונג. די דעפוטאַציע האָט איבערגעגעבן דעם פאָרזיצער אַ שריפטליכע מעלדונג פון דער קהלה „עדת ישורון”, אַז זיי זיינען באַפולמעכטיגט צושטיין צו די באַשלוסן פונם סנהדרין אין אַלע פראַגן, וואָס נאַפאָלעאָן האָט פאָרגעלייגט. זיי האָבן געטריי אויסגעפירט די פולמאַכט, וואָס מ'האָט זיי געגעבן: די אַמסטערדאַמער דעפוטאַטן האָבן געפונען, אַז אַלע באַשלוסן פונם סנהדרין זייִנען קלוג און אַ גליק פאַר יידן, און האָבן דאָס אַרויסגעזאָגט אין זייערע רעדעס אין דער לעצטער זיצונג. קאַרל אַסער דערמאָנט אין זיין רעדע, אַז אַלע אויפגעקלערטע פרינציפן פונם סנהדרין שטימען מיט די פרינציפן, וואָס האָבן באַגייסטערט די גרינדער פון „עדת ישורון” נאָך אין יאָר 1796; דעם ריידער מאָלט זיך אַ „טעמפל פון טאָלעראַנץ”, וואו ס'פאַראייניגן זיך אַלע פעלקער צו דינען דעם „פאָטער פון אַלע מענשן”, יעדער אויף זיין שטייגער. דע־לע־מאָן זאָגט, אַז אויפגעקלערטע יידן וועלן געפינען אין דעם סנהדרינ'ס באַשלוסן אַ באַרוהונג פאַר זייער געוויסן און אַ סאַנקציע פאַר די נויטיגע רעליגיעזע רעפאָרמעס. ליטוואַק זאָגט נביאות דעם סנהדרין, אַז ער וועט אייביג בלייבן גערימט ביי די קומענדיגע דורות . . . די קומענדיגע דורות האָבן אָבער געהאַט זייער מיינונג וועגן דעם.

דאָס ביטערע געפיל פון אָפגענאַרטקייט אין נאַפאָלעאָנס „ישועות”, וואָס איז געקומען באַלד ווי מ'האָט צעלאָזט דעם סנהדרין, האָט זיך אין האָלאַנד ניט אַזוי שטאַרק געגעבן צו וויסן ווי אין פראַנקרייך. דעם „שעדליכן דעקרעט” פון יאָר 1808 האָט מען אין האָלאַנדער געזעצגעבונג ניט נאָכגעטאָן. שווערליך איז דאָ אויך צוגעגאַנגען די קהלה־רעפאָרם לויט דער פראַנצויזישער קאָנסיסטאָריאַלער סיסטעם; די מניעות זיינען דאָ געווען: די צעריסנקייט צווישן קאָנסערוואַטאָרן און פראָגרעסיסטן און די אַלטע שפאַלטונג צווישן אשכנזים און ספרדים אין די קהילות*). די רעגירונג האָט געפרובט פאַראייניגן די אַלע צע־

*) ווי גרויס ס'איז געווען די דאזיגע פארפרעמדקייט, קאן מען זעהן פון אזא פאקט: נאך אין יאר 1812 האבן אמסטערדאמער פארטוגעזן געבעטן דעם קולטמיניסטער, ער זאל זיי ערלויבן האבן אן אייגענע סינאגאגע, זיי זאלן זיך ניט אנגעהערן מיט דער צענטראלער קאנסיסטאריע, וואס דער רוב איז דארט אשכנזים. אזוינס פראקטיקירט זיך דאך, זאגן זיי, צווישן פארשיידענע קריסטליכע סעקטעס אויך, וואס „ביי זיי איז דער חלוק אין דאגמאטן, אין מנהגים און אין ריטואל אסך קלענער, איידער ביי די צוויי יידישע קהלות, ביי דער אשכנז'ישער און פארטוגעזישער”.

שיידטע טיילן און האָט פאַר דעם צוועק באַשאַפן אַ „צענטראַלע קאָנסיסטאָ־ריע" אין אַמסטערדאַם, וואָס זי זאָל פירן די ענינים פון יידישע קהלות אין גאַנצן קיניגטום (סעפטעמבער 1808). אָבער די אַמסטערדאַמער קאָנסיסטאָריע איז געווען אומבאַהאָלפן עפּעס פאַרצונעמען, ווי בנוגע דער אַלטער אשכנז׳יש־ספרד׳־ישער שפּאַלטונג, אַזוי אויך בנוגע דעם אַלגעמיינעם צעפאַלן, וואָס דער האָס־טיגער פּאָליטישער און קולטורעלער קריזיס האָט מיטגעבראַכט אין יידישן לעבן. שווערליך איז צוגעגאַנגען די געפּלאַנטע עפנונג פון פּראָווינציעלע קאָנ־סיסטאָריעס. די אַמסטערדאַמער קאָנסיסטאָריע, וואָס איז באַשטאַנען דערהויפּט פון רעפאָרמיסטן, מקורבים ביי דער רעגירונג, איז געווען ניט מער ווי אַ רעגירונגס־דעפּאַרטאַמענט פאַר יידישע ענינים. אין יאָר 1809 האָט זי מיטגעהאָלפן דער רעגירונג צוציהען יידן צו מיליטער־דינסט. היות ווי פאַרשיידענע באַטאַליאָנען פון דער האָלענדער בירגערליכער מיליציע האָבן ניט צוגעלאָזט קיין יידן, איז געבליבן מאַכן אַ באַזונדער פאָלק פון יידן־מיליציאָנערן. דער קיניג לודאָוויק האָט באַשטעטיגט דעם פּראָ־עקט, וואָס איז אינגיכן פאַרווירקליכט געוואָרן; דאָס איינגענע יאָר נאָך איז געוואָרן אַן אָרי־גינעלער יידישער קאָרפּוס: צוויי באַטאַליאָן אינפאַנטעריע צו 883 מאַן מיט יידן־אָפיצירן. די דאָזיגע איינגאַרטיגע אַרמיי האָט אָבער קיין לאַנגן קיום ניט געהאַט. אין יאָר 1810 האָט זיך לודאָוויק באַנאַפּאַרט אָפּגעזאָגט פונם טראָן, האָלאַנד איז גע־וואָרן אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אימפּעריע, און די יידישע סאָלדאַטן האָט מען פאַרטיילט צווישן פאַרשיידענע פראַנצויזישע פּאָלקן. אין צוויי יאָר אַרום האָט די דייטשיש־רוסישע פאַראייניגטע אַרמיי פאַרנומען האָלאַנד און האָט פאַרטריבן די פראַנצויזן; אין יאָר 1815 איז די אָראַנער דינאַסטיע ווידער אַרויף אויפן טראָן. די איבערגאַנגצייט פונד ער „ערשטער עמאַנסיפּאַציע" איז געווען אויס.

דאָס איז געווען אַ שטורמישע תקופה, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין האָלאַנד. מער פאַר אַלץ האָט זיך דער קריזיס גע־לאָזט פילן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן. נאַפּאָלעאָנס „קאָנטינענטאַלע סיסטעם", וואָס געמיינט האָט זי שטערן דעם ענגלישן האַנדל, נאָר געטראָפן האָט זי דעם גאַנצן האַנדל אין אייראָפּע, האָט דערהויפּט רואינירט האָלאַנד און אירע יידי־שע סוחרים, וואָס זיינען געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט ענגלאַנד. רייכע נעגאָ־ציאַנטן האָבן פאַרמאַכט די געשעפטן און פאַרלעבט דאָס לעצט ביסל גרייטס; אָבער די אומפאַרמעגליכע קלאַסן האָבן געליטן שרעקליכע נויט. די אָרימקייט האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז צוויי דריטל אַמסטערדאַמער אשכנז׳ישער קהלה האָט געלעבט פון צדקה. די באַפעלקערונג אין אַמסטערדאַם איז שטאַרק אויס־געוואַקסן אין דער צייט פון רעפּובליק און אימפּעריע: אין די יאָרן 1808—1813 האָט זיך אין דער אשכנז׳ישער יידישער קהלה גערעכנט 30 000 נפשות, אין דער פּאָרטוגעזישער קהלה — 2800. אין האַאַג איז געווען 2180 יידן; היפּשע יידישע קהלות זיינען נאָך געווען אין ראָטערדאַם, לײדן און אין גראָנינגען. אין דער גייסטיגער קולטור זעהען מיר צו אַ שטרייט צווישן דעם אַלטן און דעם נייעם.

די גרויסע מאַסע אשכּנזים האָבן זיך נאָך שטאַרק געהאַלטן פאַר יידישער שפּראַך. אויף יידיש האָט מען געלערנט אין חדרים און ישיבות, וואָס די רע־פאָרמירטע יידישע שול האָט זיי ניט געקאָנט באַזייטיגן. אגב פאַר דער רעפאָר־מיסטישער שול האָט מען זעהר וויינינ געזאָרגט: די „אויפגעקומענע״ רעפאָרמיס־טן האָבן אָפּגעגעבן זייערע קינדער אין די קריסטליכע שולן פון זינט אָן מ'האָט זיי אָנגעהויבן צולאָזן אהין. אָבער די דאָזיגע שולן זיינען געווען פאַבריקן פאַר אַסימילאַציע. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע, די פעסטונג פון די רעפאָרמיס־טן, האָט גע'רודפ'ט אויף טריט און שריט דעם יידישן „זשאַרגאָן״ און האָט געפּאָדערט, די בתי־מדרשים זאָלן שרייבן זייערע געשעפטס־פּאַפּירן אויף האָלענ־דיש; ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. מ'האָט אָנגעהויבן איבערזעצן חומש אויף האָ־לענדיש, מ'האָט אָבער ניט באַוויזן דאָס צו פאַרענדיגן. די לפי ערך נעדיכטע יידישע באַפעלקערונג אין האָלאַנד האָט זיך בכלל שטאַרקער געוועהרט קעגן אַסימילאַציע, איידער אין אַנדערע לענדער.

§ 26. איטאַליע: די רוימישע און ציזאַלפּישע רעפּובליק. דאָס איטאַלישע קעניגטום.

די צייטווייליגע עמאַנסיפּאַציע, וואָס איז געקומען פון פראַנקרייכס ווירקונג צו דער צייט פון רעוואָלוציע און שפּעטער אין נאַפּאָלעאָנס צייט, האָט אין קיין אָרט ניט אַזוי פאַרענדערט די יידישע לאַגע, ווי אין איטאַליע, דער־הויפּט אין דער קירך־געגנט. דאָ האָבן פאַרביטערט געקעמפט צוויי פיינטליכע כּוחות: די קירך און די רעוואָלוציע, געטאָ און פרייהייט. אין דעם גרעסטן טייל מלוכה'לאַך אין דעם צעבראָקלטן לאַנד (חוץ אין טאָסקאַנאַ און אין עט־ליכע שטעט) זיינען יידן געקומען צו בירגערליכער פרייהייט פון דער שענד־ליכסטער קנעכטשאַפט אַרויס, ניט פון האַלב־פרייהייט, ווי מיר האָבן דאָס צו־געזעהן אין האָלאַנד. דאָס יידישע געטאָ אין רוים איז נאָך געווען געשמידט אין קייטן פון דעם אינקוויזיטאָרישן יידן־רעגלאַמענט פון דעם יאָר 1775 (§ 7), די געלע לאַטע אויף דער הוט האָט נאָך געפלעקט די „פאַרשטויסענע״ געטאָ־יידן, און דער קירכס יאָג־הינט האָבן נאָכגעיאָגט די דאָזיגע מאַסע „פאַרברעכער״, וואָס מ'האָט צונויפגעטריבן אויף דעם ברעג טיבר צום פויפסטס געיעג, — אָבער פונדערווייטנס האָט זיך שוין געהערט דער אָפּקלאַנג פון דער רעוואָלוציע, און די פראַנצויזישע פרייהייטס־אַרמיי איז אַלץ נעהענטער צוגעקומען צו די טויערן פון רוים. אין יאַנואַר 1793 האָט די רעוואָלוציע דעם ערשטן בליק געטאָן אין רוים. דעם אויפשטאַנד האָט צונעגרייט דער פראַנצויזישער אַגענט באַסעוויל, נאָר אויסנעלאָזט האָט זיך דאָס שלעכט: אַ המון קאַטוילישע פאַנאַטיקער האָט אומגעבראַכט באַסעווילן. דער המון האָט געפּרובט באַפאַלן די פראַנצויזישע

קאָלאָניע אין רוים, אָבער היות ווי מ׳האָט אַזוינס ניט דערלאָזט, האָט זיך דער המון אַ וואָרף געטאָן וואו גרינגער איז, אויפן יידישן קוואַרטאַל. דאָ האָט ער געפייערט זיין נצחון איבער דער רעוואָלוציע מיט צעראַבירן עטליכע יידישע קראָמען. די פויפסטליכע אַדמיניסטראַציע האָט אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו ראַבירן. זי האָט צעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ביי אַ יידן אַ הענדלער האָט מען געפונען צוגעגרייט פאַר די רעוואָלוציאָנערן עטליכע טויזנט דריי־פאַרביגע קאָקאַרדעס. אויף דעם סמך האָט די פאָליציי אַרעסטירט די רבנים און די פרנסים פון דער קהלה און האָט זיך געהייסן באַצאָלן אַ גרויסן שטראָף פאַר פריילאָזן זיי. כּדי שווערער מאַכן דעם פאַרקער פון דעם געטאָ מיט דער שטאָט, האָט די אַדמיניסטראַציע געהייסן שטרענג אַכטונג געבן, מ׳זאָל אויספאָלגן די פונקטן פונם אַלטן רעגלאַמענט, אַז אַ ייד מוז טראָגן די געלע לאַטע אפילו אין געטאָ אויך און טאָר זיך ניט ווייזן ביינאַכט אין שטאָט. וואָס מער מ׳האָט אין פראַנקרייך דורכאַנאַנד אונטערגעריסן דעם אַבסאָלוטיזם פון דער וועלטליכער און קריסטליכער מאַכט, אַלץ מער איז געוואַקסן אין רוים די פאַרביטערונג און אויסגעלאָזט האָט מען דאָס צו יידן. ווען מ׳האָט אין פאַריז געקעפּט לודאָוויק XVI, האָט דער רוימישער המון צעראַבירט דעם יידישן קוואַרטאַל. האָט די רעוואָלוציע איינגעפירט אין פראַנקרייך דעם „קולט פון שכל“, אַזוי האָט מען דאָ אין רוים אָפּגעענטפערט מיט שמד׳ן יידן, וואָס מ׳האָט מיט גוואַלד פאַרכאַפּט אָדער פאַרנאַרט אין „הויז פאַר שמד־קאַנדידאַטן“; אין פאַריז האָט זיך געפונען אַ ייד אַ יאַקאָבינער פערייראַ, וואָס האָט גענויט דעם בישאָף גאָבעל, אויף דער זיצונג פון קאָנווענט, אויסטאָן דעם צלם — דאָ אין רוים האָט מען מיט גוואַלד אָנגעטאָן צלמים יידישע קינדער...

לסוף איז געקומען די צייט, ווען אָנשטאָט אַ ווייטן ווידער־קול פון דער רעוואָלוציע האָט רוים דערהערט אירע נאָהענטע טריט. אין יאָר 1797 האָט פראַנצויזיש מיליטער פאַרפלייצט איטאַליע. דעם יונגן באָנאַפּאַרטס קריגס־געניאוס האָט באַוויזן וואונדער: ווי שטויב איז זיך פאַר אים צעפאַלן די עסטרייכישע אַרמיי אין לאָמבאַרדיע, ס׳האָבן זיך פאַר אים געבויגן רעגירער אין סאַרדיניע, טאָסקאַנע, ווענעדיג, גענואַ; אויך דעם פויפסטס טראָן האָט אַ ציטער געטאָן. דער פויפסט פּיוס VI מיט אַן אָפּגעפליקטער טעריטאָריע, רואינירט פון פראַנצויזישע קאָנטריבוציעס, איז געזעסן אין רוים און האָט געוואַרט אויף זיין פסק. דער סכסוך צווישן דעם קלעריקאַלן המון מיט די רעפובליקאַנער, וואָס פראַנצויזן האָבן זיי פּראָטעזשירט, האָט געגעבן פראַנקרייך געלעגנהייט זיך אַריינמישן. דער פראַנצויזישער גענעראַל בערטיע האָט פאַרנומען רוים; די דאָרטיגע רעפובליקאַנער האָבן אַראָפּגעזעצט דעם פויפסט און דערקלערט די אויבער־הערשאַפט פונם פאָלק (דעם 15־טן פעברואַר 1798). דעמזעלבן טאָג, דעם ערשטן טאָג פון דער „רוימישער רעפובליק“, האָבן יידן אַראָפּגענומען פון זיך דעם שאַנד־צייכן פון קנעכטשאַפט, די געלע לאַטע (sciamano פון דעם העברעאישן וואָרט „סימן“). אין צוויי טעג אַרום איז דאָס געטאָ געוואָרן אילומינירט, מיט

מוזיק האָט מען פאַרזעצט פאַר דער שול אַ „פרייהייטס־בוים". אינדערפריה דעם 20־טן פעברואַר איז אַרויס פון רוים דער אַראָפּגעזעצטער פויפּסט פּיאוס VI, דער אויפטוער פון דעם אוממענשליכן יידן־עדיקט פון יאָר 1775, און מער האָט ער זיך שוין ניט אומגעקערט. דער אַלטער טורמע־וועכטער איז אַוועק, בעת די טורמע פון געטאָ האָט זיך געעפנט און אויף די גאַסן פון דער שטאָט האָט זיך צעשיט די מחנה פאַרשפאַרטע, איצט שוין פרייע בירגער פון דער רעפּובּליק. צווישן די ערשטע אַקטן פון דער נייער רעגירונג איז געווען יידישע גלייכבאַרעכטיגונג: „היות ווי לויט די פּרינציפּן, וואָס די קאָנסטיטוציע פון דער רוימישער רעפּובּליק האָט פעסט אַוועקגעשטעלט, דאַרפן פאַר אַלע רוימישע בירגער גילטן אַלצאיינע געזעצן — ווערט דעריבער דעקלערט אַזאַ געזעץ: פאַר יידן גילטן די אַלגעמיינע געזעצן, ווי פאַר אַלע בירגער אין דער רעפּובּליק, ווי ווייט זיי זיינען יוצא קענען אַלע פּונקטן, וואָס ס'פאָדערט זיך אויף צו האָבּן די רעכט פון אַ רוימישן בירגער; פון היינט אָן ווערן דעריבער בטל אַלע אויסנאָם־געזעצן און באַפעלן וועגן יידן".

ניט מיטאַמאָל האָט זיך די קריסטליכע מאַסע צוגעוויינט, אַז יידן, נעכטן נאָך קנעכט, זיינען היינט בירגער גלייך מיט איר. אַסך האָבּן ניט געקאָנט רוהיג צוזעהן, ווי יידן טראָגן דריי־פאַרבּיגע אָפיצערישע קאָקאַרדעס אָנשטאָט דער געלער לאַטע דאָ ניט לאַנג, און באַטייליגן זיך שטאָלץ אין רעפּובּליקאַנישע מאַניפעסטאַציעס. די קריסטן, וואָס האָבּן געוואוינט אויף יענער זייט טיבּר, די שכנים פון דעם געטאָ, האָבּן צוגעשפּילעט צלמ'לאַך צו די קאָקאַרדעס, אָפּצעשיידן זיך פון יידן. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט תחלת ניט גערן צוגעלאָזט יידישע פרייוויליגע, שפּעטער איז דער אומצוטרוי פאַרשוואונדן, וואָרום יידן האָבּן באַוויזן זייער רעפּובּליקאַנישן פּאַטריאָטיזם און האָבּן אפילו געגעבּן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אייניגע אָפיצערן (באַראַפאַל און אַנד.) אַ יידן יחזקאל מאַרפורגאָ האָט מען געמאַכט פאַר „סענאַטאָר", פאַר אַ גליד פון דעם העכסטן געריכט אין דער רעפּובּליק. פונדעסטוועגן זיינען יידן ניט ווייניג אויסגעשטאַנען פון דעם מיליטערישן אָקופּאַציע־רעזשים. שווער איז געווען איבּערצוטראָגן די קאָנטריבּוציעס, וואָס פראַנצויזישע גענעראַלן האָבּן נאָכאַנאַנד אַרויפגעלייגט. מ'האָט גענויט צאָלן דער קריגס־קאַסע גרויסע סומעס, מ'האָט גענויט יידישע פרויען נייען מיליטער־קליידונג פאַר סאָלדאַטן אפילו אום שבּת, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס געטאָ. טייער האָט יידן געקאָסט די פרייהייט און די באַפרידיגונג צו זעהן די מפּלה פונם אַלטן שונא, דער קאַטוילישער גייסטליכשאַפט. די רעפּובּליקאַנישע מאַכט האָט קאָנפיסקירט דעם פּויפּסטס און די קאַרדינאַלנס פאַרמעגן און אויספאַרקויפט אויף אַן אויקציאָן. צווישן די קויפער זיינען געווען יידן אויך, און צו זיי איז אַנב אַריינגעפאַלן אַסך זאַכן פון דעם קירך־ריטואַל. געטרייע קאַטוילן זיינען געווען אויפגעבּראַכט, וואָס „דער קירכס פיינט" האָבּן אויך אַ טייל אינם ליקווידירן איר פאַרמעגן, אָבּער אַסך קריסטן האָבּן זיך אויך ניט

פאַרהאַלטן מיט מער אַכטונג צו רעליקוויעס, איידער יידן. גייסטליכע זיינען געווען אין רוים צו שפּאָט אַ״ן געלעכטער. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בירגער האָט איינער געפאָדערט, מ׳זאָל אַלע גלחים שטעלן צייכנס אויפן שטערן; אַנדערע האָבן געפאָדערט, אַז די הייליגע פּאָטערס זאָל מען שיקן וואוינען אין געטאָ, דאָרט, וואו זיי האָבן פריהער פאַרשפאַרט יידן. אין ערגעץ האָט זיך נאָך אַזוי בולט ניט באַוויזן דער משפּט פון דער געשיכטע, ווי אין דעם דאָזיגן אומגעריכטן איבערקער. דער איבערקער איז אָבער געווען אויף אַ ווייל: די רוימישע רעפּובליק האָט געהאַלטן ביי אויסגיין.

אין הערבסט 1799 האָט שוין רוים געהאַט אויף זיך די הערשאַפט פון דעם נעאַפּאָליטאַנישן מיליטער אַנשטאָט דער פראַנצויזישער מאַכט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נקמה־נעמען פאַר דעם אָנטייל אין דער רעוואָלוציע. מ׳האָט גענומען אומ׳ברחמנות׳דיג רייסן ביי יידן שטראָף־קאָנטריבוציעס. חוץ דער קאָנטריבוציע, וואָס מ׳האָט גענומען פון 5 שולן, האָט מען פון יעדן איינוואוינער געמאָנט שטראָף־געלט — צוויי פּראָצענט פון זיין פאַרמעגן. דאָס בעל־הבית׳עווען פון די נעאַפּאָליטאַנער איז געווען אַזוי שווער איבערצוטראָגן, אַז נאָך דעם ווי די דאָזיגע באַנדעס זיינען אַרויס און קיין רוים איז געקומען דער נייער פּויפּסט פּיאוס VII (פּיאוס VI איז געשטאָרבן אין „גלות״ אין פראַנקרייך), האָבן יידן אויף אים געקוקט שיר ניט ווי אויף זייער אויסלייזער (דעם 3 יוני 1800). זיי האָבן געמיינט, אַז דער נייער פּויפּסט האָט עפּעס אָפּגעלערנט פון די געשעהענישן פון דער לעצטער צייט און וועט מער ניט וועלן רעגירן מיט די אַלטע אינקוויזיטאָרישע מעטאָדעס. טיילווייז האָבן זיי זיך ניט גענאַרט. פּיאוס VII האָט עטוואָס פאַרגרינגערט דעם שווערן געטאָ־רעזשים: ער האָט גרינגער געמאַכט דעם יאָך פון שטייערן, ווייניגער באַגרעניצט די פרייהייט פון פּראָפעסיעס, נישט באַשטאַנען מער אויף די באַליידיגנדע קירך־נעזעצן פאַר יידן. דער פּויפּסט האָט ערלויבט יידן אויסקלייבן אַ נייע קהלה־פאַרוואַלטונג פון 27 גלידער; די ניי־געקליבענע רבנים און פּרנסים זיינען שוין איצט פריי געוואָרן פון דער פּערזענליכער אחריות פאַר די ציוויל־ און קרימינאַל־ענינים פון די קהלה־גלידער, וואָס פריהערדיגע צייטן האָט זיי דאָס געהאַלטן אין שטענדיגער שרעק.

אין אַכט יאָר אַרום האָט אַ נייער איבערקער איבערגעריסן די רעסטאַווראַציע. אָנהויב יאָר 1808 האָט נאַפּאָלעאָנס מיליטער פאַרנומען רוים, דעם 10 יוני 1809 איז די גאַנצע קירך־געגנט פאַראייניגט געוואָרן מיט פראַנקרייך. פּיאוס דעם VII־טן האָט מען אַוועקגעפירט ווי אַ געפאַנגענעם קיין פאָנטענעבלאָ, וואו ער האָט פאַרבראַכט כמעט 5 יאָר. די יידישע עמאַנסיפּאַציע איז ווידער גילטיג געוואָרן; מ׳האָט אָנגעהויבן איינפירן אינעווייניגסטע רעפאָרמעס אין יידישן לעבן לויט די באַשלוסן פונם פּאַריזער סנהדרין. לויט נאַפּאָלעאָנס אַ דעקרעט פונם 4 יוני 1811 איז אין רוים געוואָרן אַ צענטראַלע קאָנסיסטאָריע פאַר אַלע

ייִדישע קהלות אין דער נעװעזענער קירך־געגנט מיט דעם „אױבער־רבֿ" לעאָן דע־לעאָנע אױבן־אָן. אױף דער פֿײַערלעכער עפֿנונג האָט אײנער אַ גליד פֿון דער קאָנסיסטאָריע געהאַלטן אַ רעדע, שטאַרק געלױבט נאַפּאָלעאָנען, דעם אױס־לײזער: „אין דער קורצער צײַט פֿון צװײ יאָר (פֿון פֿראַנקרײַכס הערשונג) איז בײַ אונדז אױסגעװאַקסן ערדאַרבעט און פֿאַבריק־אינדוסטריע, אונדזערע זין האָבן זיך באַהאַרצט געגומען פֿאַר װיסנשאַפֿט און קונסט; נאָך מער, זײ האָבן אַ טײל אין די בארימטע נצחונות (אין נאַפּאָלעאָנס מלחמות)". די, װאָס זײַנען בײַגעװען אױפֿן יום־טובֿ, איז אַפֿילו קײן געדאַנק ניט איבערגעגאַנגען, אַז ניט שפּעטער װי אין דרײַ יאָר אַרום װעלן זײ װײַטער פֿאַרשטױסן װערן אין פֿינ־סטערן געטאָ אַרײַן. נאָך דעם װי נאַפּאָלעאָנס גליק־שטערן איז פֿאַרגאַנגען, האָט דער פּױפּסט צוריקבאַקומען די קירך־געגנט; פֿאַר ייִדן האָט זיך װידער געשטעלט אַ צײַט פֿון דער ערגסטער רעאַקציע (1814).

דעמזעלבן אַרױף און אַראָפּ — פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרײַהײט און צוריק צו קנעכטשאַפֿט — האָבן ייִדן דורכגעמאַכט אױך אין אַנדערע מלוכה׳לאַך פֿון דער צעשטױבטער איטאַליע. די רעװאָלוציע פֿון יאָר 1797 אין װענעדיג, װאָס די פֿראַנצױזישע נצחונות האָבן זי מיטגעבראַכט, האָט געמאַכט פֿון אַ אַריסטאָקראַ־טישער רעפּובליק — אַ דעמאָקראַטישע, אָבער ניט מער װי אױף אַ האַלב יאָר. פֿאַר דער קורצער צײַט איז דאָרטן פֿאָרגעקומען די ייִדישע עמאַנסיפּאַציע. דעם 11־טן יוני האָט דאָס פֿאָלק אין װענעדיג מיט פֿרײד־געשרײען אָפּגעריסן די טױערן פֿונם געטאָ; די ייִדישע גאַס, װאָס איז איצט אײנס געװאָרן מיט שטאָט, האָט באַקומען אַ נאָמען „די בונד־גאַס" (Contrada dall'Unione), אַ צײכן פֿון ברידערשאַפֿט און אײניגקײט צװישן אַלע בירגער. אַ סך שײנע רעדעס האָט מען געהאַלטן בײַ דער געלעגנהײט; אַפֿילו קאַטױלישע גלחים האָבן אָנטײל גענומען אין דער מאַניפֿעסטאַציע פֿון פֿרײַהײט און גלײַכקײט. אין דעם נײַעם דעמאָקראַטישן מוניציפּאַל־ראַט זײַנען אַרײַן דרײַ פֿאָרשטײער פֿון ייִדן אױך. דער נײַער רעזשים האָט אָבער ניט אױסגעהאַלטן. נעבראַכט האָט אים דער נצחון פֿון דער פֿראַנצױזישער אַרמײ, און דער פֿירער פֿון דערזעלבער אַרמײ, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, האָט אים אומגעבראַכט אַלס קרבן פֿאַר זײַנע עגאָאיסטישע פּאָליטישע צװעקן: לױט דעם שלום־אָפּמאַך אין קאַמפּאָ־פֿאָרמיאָ האָט ער די שטאָט װענעדיג אָפּגעטרעטן עסטרײַך (1798), װאָס האָט געשטיצט דעם אַלטן רעזשים. מיט דעם איבערגײן פֿון דער מאַכט צו עסטרײַך (אין יאַנואַר 1798) זײַנען אָפּגעשאַפֿט געװאָרן אַלע ליבעראַלע רעפֿאָרמעס, בירגערליכע גלײַכבאַרעכטיגונג אױך. אין יאָר 1805 איז װענעדיג פֿאַראײניגט געװאָרן מיט דעם איטאַליִשן קיניגטום (נאַפּאָלעאָנס אַ נײַ באַשעפֿעניש), װאָס איז געװאָרן אַ טײל פֿון דער פֿראַנצױזישער אימפּעריע; ייִדן האָבן װידער באַקומען גלײַכ־באַרעכטיגונג; דאָס מאָל האָט זיך דאָס געהאַלטן נײַן יאָר, ביז דעם נצחון פֿון דער רעאַקציע אין יאָר 1814.

ניט אַזוי שאַרף האָט זיך נעביטן די יידישע לאַגע אין יענע טיילן איטאַליע (לאָמבאַרדיע, מאָדענאַ און די לענדער, וואָס מ׳האָט אָפּגענומען ביי דער קירך־געגנט און ביי ווענעדיג), וואָס זיינען אין יאָר 1797 פאַראייניגט געוואָרן אין איין ציזאַלפּישע רעפּובליק אונטערן דרוק פון דיזעלבע פראַנצויזישע נצחונות. די רעפּובליק האָט עקזיסטירט אַכט יאָר ביז זי איז געוואָרן אַ טייל פון נאַפּאָלעאָנס איטאַלישן קיניגטום (1805), און אירע יידן זיינען אַריבער צו דער פראַנצויזישער אימפּעריע אַלס גלייכבאַרעכטיגטע בירגער; דער צושטאַנד האָט געדויערט ביזן סוף „תקופה פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע". אין אַנדערע טיילן איטאַליע האָבן יידן אויך געוואוסט פון ענליכע פרייע יאָרן אין יענער שטורמישער תקופה פון איבערקערעניש. די יידן אין טאָסקאַנאַ, מיט דער הויפּט־קהלה אין ליוואָרנאָ האָבן זיך דערוואַרט אויף עמאַנסיפּאַציע אין יאָר 1808, ווען דאָס דאָזיגע הערצאָגטום איז אַריבער צו פראַנקרייך. די אינדוסטריעלע און קולטורעלע יידישע באַפעלקערונג פון דער האַפן־שטאָט ליוואָרנאָ, וואָס האָט פריהער אויך ניט געוואוסט פון שענדליכער רעכטלאָזיגקייט, האָט באַוויזן רייפקייט פאַר אַ ניי בירגערליך לעבן. שאַרפער איז געווען די ענדערונג אין פּיעמאָנט (די קהלות טורין, אַלעסאַנדריע און אַנד.); פאַר די אַלטע רעגירער פון דער סאַרדינישער דינאַסטיע האָט דאָרטן געהערשט דער גייסט פון רוימישן קירך־רעזשים. לויט די ראַפּאָרטן פון די פראַנצויזישע פּרעפעקטן צו דער צייט פון דער אימפּעריע, האָבן די סאַרדינישע הערשער געבראַכט יידן צו אַזאַ פיזישער אויסגעצערטקייט, אַז מ׳פלעגט זיי מוזן אָפּבראַקירן צו מיליטער־דינסט (1808).

דער נייער צייטווייליגער רעזשים אין איטאַליע האָט זיך געגעבן צו וויסן ניט נאָר אין דער בירגערליכער לאַגע אַליין, נאָר אין דעם אינעווייניגסטן קהלה־לעבן אויך. כמעט אומעטום האָט מען יידן געשטעלט אַ תנאי פאַר עמאַנסיפּאַציע: זיך אָפּזאָגן פון אַ קהלה־אויטאָנאָמיע. אָנשטאָט דער פריהערדיגער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און איינגענע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אינסטיטוציעס אין אַזוינע קהלות, ווי רוים, ווענעדיג, ליוואָרנאָ, האָט די אימפּערישע רעגירונג מזכה געווען יידן מיטן שלעכטן סוראָגאַט פון קאָנסיסטאָריעס אויף פאַריזער שניט. די איטאַליענישע יידן, אין קעגנזאַץ צו די האָלענדישע, האָבן גאָר ניט געהאַט קעגן אַזאַ אָפיציעלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, זיי האָט ניט באַנג געטאָן זייער פאַרלוירענע אויטאָנאָמיע. זייערע רבנים און פרנסים האָבן זיך אַקטיוו באַטייליגט אין דער אַרבעט פון די יידישע פאַרלאַמענטן אין פאַריז. אין יעדער פאַרלאַמענט איז געווען ביז 25 פאָרשטייער פון איטאַליע (דאָס האָט אויסגעמאַכט אַ פערטל פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג און אַ דריטל פון דער צווייטער). אין פּרעזידיום פונם סנהדרין זיינען געווען צוויי איטאַליענישע רבנים: אברהם דע־קאָלאָניאַ פון מאַנטואַ, וואָס איז אַ צייט געווען אַ גליד אין דער רעגירונג פון דער ציזאַלפּישער רעפּובליק, און דער פּיעמאָנטער רב יהושע סעגרע. דער צווייטער

רעפּערענט אין סנהדרין, נאָך דעם געווינסן פּורטאַדאַ, איז געווען דער ווענעציאַנער רב יעקב קראַקאָוויאַ. די איטאַליענישע דעפּוטאַטן האָבן מייסטנס געהאַלטן מיט דעם ראַדיקאַלן פליגל אין ביידע פאַרזאַמלונגען, וואָס איז צופרידן געווען מיט נאַפּאָלעאָנס אַסימילאַטאָרישע רעפאָרמעס. פון איטאַליע שטאַמט אויך דער געוויסער דעפּוטאַט אבינדור פון ניצע, וואָס האָט פאַרנעלייגט פאַראייביגן אין זכרון פון דאַנקבאַרן יידישן פאָלק די טובות פון די קאַטוילישע גייסטליכע (§ 22).

אין איטאַליע האָט געהערשט פריי־גייסט. אסך האָבן זיך געלאָזט דערנעהענטן זיך צו דער קריסטליכער געזעלשאַפט. א פריינדליכער אויפנעם ביי קריסטן פלעגט אָפט באַפליגלען די יידישע פאַנטאַזיע, אַז אַט בלייבט ניט מער קיין נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע צווישן־שיידן. די פּרעפעקטן מעלדן אין זייערע ראַפּאָרטן וועגן אַזאַ דערנעהענטונג (1808). אָבער „דערנעהענט" האָט זיך נאָר איין צד — יידן, דער אַנדערער צד, די קריסטן — נישט שטענדיג. די צענטראַלע יידישע קאָנסיסטאָריע אין רוים מעלדעט קיין פּאַריז (1810), אַז אין דער קאַטוילישער באַפעלקערונג איז נאָך טיף איינגעוואָרצלט א שנאה צו יידן. די ראַפּאָרטן פון די פּרעפעקטן און די קאָנסיסטאָריעס נעמען זיך פון נאַפּאָלעאָנס רדיפות קעגן יידן: דעם דעקרעט פונם 17 מערץ 1808 האָט מען אין איילעניש גענומען פאַרווענדן אויף איטאַליענישע יידן אויך. די פּרעפעקטן און יידישע קהלות האָבן גענומען אַרבעטן אין פּאַריז, מ'זאָל אָפּשאַפן דעם דעקרעט, וואָרום ער שטערט דעם צונויפשמעלצן פון יידן מיט קריסטן, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און צעבלאָזט דעם רעליגיעזן האַס, וואָס איז נאָך ניט אויסגעלאָשן. למשל, דער פּרעפעקט פונם דעפּאַרטאַמענט פּאָ (פּיעמאָנט) שרייבט: „דער דעקרעט פונם 17 מערץ 1808 וועט ניט האָבן דאָ די פּעולה, וואָס איי־ער מאַיעסטעט קוקט אַרויס אויף דעם אין די ריין־פּראָווינצן; פאַרקערט! גיכער וועט ער שווערער מאַכן די יידישע אויפלעבונג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן זינט דער רעוואָלוציע אָן און קאָן ניין ווייטער נאָר ווען יידן וועלן האָבן אַלע בירגער־רעכט". די דאָזיגע השתדלות'ן האָבן געווירקט אין פּאַריז: לויט דעם קיסר'ס א באַפעל פון 11־טן אַפּריל 1810 איז דער „שענדליכער דעקרעט" געוואָרן ניט גילטיג פאַר די 15 איטאַליענישע דעפּאַרטאַמענטן. פאַר יידן אין רוים איז דער דעקרעט געבליבן גילטיג; דעם פּרעפעקט פון דעם דעפּאַרטאַמענט און דער צענטראַלער רוימישער קאָנסיסטאָריע איז נאָך אויסגעקומען אין נאָוועמבער 1810 זיך משתדל זיין, רוים זאָל אויך האָבן דיזעלבע פּריווילעגיע: „דאָרט זיינען מער פאַראורטיילן קעגן יידן, איידער אומעטום, און צוגעבן חשק צו אַזוינע פאַראורטיילן לוינט ניט".

נאַפּאָלעאָנס רעזשים האָט יידן געבראַכט בירגעליכע גלייכבארעכטיגונג, אָבער ניט קיין עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד. נאָכאַנאַנד פּאָליטישע קריזיסן, מלחמות, גזלנ'ישע פראַנצויזישע קאָנטריבוציעס און רעקוויזיציעס האָבן רואינירט איטאַליע

בכלל אין יידן בפרט. פון אזוינע קריזיסן האָבן שטאַרק געליטן יידישע האַנדלס־פירמעס אין ליוואָרנאָ און אין ווענעדיג. פונדעסטוועגן האָט די פרייהייט פון פּראָפעסיעס, וואָס יידן האָבן באַקומען מיט דער גלייכבאַרעכטיגונג, געהאַט אַ געוויסע פּעולה: יידן האָבן זיך ריכטיגער פאַרטיילט צווישן פאַרשיידענע עקאָנאָמישע צווייגן. אין פּיעמאָנט, דעם אָפּגעשטאַנענסטן טייל איטאַליע, איז נאָר אַ דריטל יידן געווען הענדלער, צוויי דריטל האָבן זיך באַשעפטיגט מיט מלאכות, קונסטן, געזעלשאַפטליכע אַמטן און לאַנדווירטשאַפט (די יאָרן 1808 — 1811). יידן אויף געזעלשאַפטליכע אַמטן זיינען געוויינטליך געווען מוניציפּאַל־גלידער, פּאָסט־באַאַמטע און ד.גל. אין איטאַליע איז געווען בערך אַ היפּשע צאָל יידן אויף אַזוינע שטעלעס, נישט געקוקט, וואָס קריסטן „האָבן ניט גערן געזעצט זיך נעבן יידן אין געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס" (לויט די ראַפּאָרטן פון דער אַדמיניסטראַציע).

§ 27. שווייץ (העלוועטישע רעפּובליק).

דאָס בילד פון עמאַנסיפּאַציע אויף אַ וויַיל האָט זיך אין אַ קלענער מאָס איבערגע׳חזר׳ט אין שווייץ אויך, נאָר פאַרפאַרבט מיט אַן אָרטיגן קאָלאָריט. צוויי הונדערט יידישע פאַמיליעס, וואָס זיי האָבן זיך צונעשפאַרט אין די „ערי־מקלט", אין ענדינגען און לענגנוי אין קרייז באַדן, האָבן אין יאָר 1792 באַניַיט זייער קאָנטראַקט מיט דער רעגירונג אויף וואוינען דאָרט און קוים האָבן ברויט, בתנאי, זיי זאָלן זיך ניט מערן (§ 8). אַרויספאָרן פונם „תחום" און קו־מען אהער פון אַנדערע ערטער האָבן יידן געמעגט נאָר אויף אַ קורצער צייט, און דאָס איז אויך זעהר שווער אָנגעקומען: פון יידן־דורכפאָרער האָט מען גענומען דעם פּיה־שטייער: „לייבצאָל", און אַנדערע ספּעציעלע אָפּצאָלן. די פראַנצויזישע רעגירונג צו דער צייט פון דער דירעקטאָריע האָט די ערשטע דורכגעבראָכן די דאָזיגע וואַנט: זי האָט געפאָדערט פון דעם שווייצישן בונדעס־ראַט, ער זאָל באַפרייען פון לייבצאָל אַלע פראַנצויזישע יידן, וואָס קומען געשעפטליך קיין שווייץ. די שווייצישע רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבן (1797), דערמיט אַליין האָט זי אויסלענדישע יידן געמאַכט פאַר פּריווילעגירטע קעגן היימישע יידן. אין אַ יאָר אַרום האָט שוין פראַנקרייך באַפעסטיגט איר פּראָ־טעקטאָראַט אין שווייץ און האָט צעשטערט איר אַלטפרענקישן רעפּובליקאַנישן רעזשים.

אין יאָר 1798 איז אויף די חורבות פון דער אַלטער שווייצישער קאָנפעדעראַציע אַנטשטאַנען די „איינינע און ניט־געטיילטע" העלוועטישע רע־פּובליק מיט אַ דירעקטאָריע אויבן־אָן און מיט צוויי געזעצגעבערישע קאַמערן. באַלד נאָך דעם איבערקער האָבן זיך די יידן פונם קרייז באַדן געווענדעט צו די געזעצגעבערישע קאַמערן מיט אַ פּעטיציע, מ׳זאָל זיי פאַרגלייכן אין פּרט

פון פרייען פאַרקער און שטייערן מיט די פריווילעגירטע פראַנצויזישע יידן. די רעגירונג (דירעקטאָריע) האָט געשטיצט די השתדלות. נאָך היציגע וויכוחים (דעם 31 מאַי און דעם 1 יוני 1798) האָבן ביידע קאַמערן אָנגענומען דער דירעקטאָריעס פאָרשלאָג אַזוי: „אויף ווייטער ווערן בטל אין גאַנץ העלוועציע אַלע ספּעציעלע שטייערן און אָפּצאָלן פון יידן, וואָס זיי באַליידיגן דעם מענשנס ווערדע". אַזוי איז פאָרגעקומען די שטייער־גלייכבאַרעכטיגונג. איצט האָט געזאָלט קומען די בירגערליכע גלייכבאַרעכטיגונג.

די פראַגע וועגן גלייכבאַרעכטיגונג איז אויפגעקומען אין פּאַרלאַמענט פון וועגן דער בירגערליכער שבועה, ד. ה. דער שבועה אויף טריי־זיין דער נייער קאָנסטיטוציע. צולאָזן יידן צו אַזאַ שבועה האָט געהייסן אַזוי גוט ווי אָנערקענען זיי פאַר בירגער, אָבער די יידנפיינטליכע פּאַרטיי האָט אַזוינס ניט געקאָנט דערלאָזן. לאַנגע וויכוחים אין ביידע קאַמערן און אין אַ ספּעציעלער קאָמיסיע (אויגוסט 1798) האָבן קלאָר געמאַכט די הויפּט־סתירה צווישן קאָנסערוואַטאָרן און ליבעראַלן אין דער עמאַנסיפּאַציע־פראַגע. דער ציריכער דעפּוטאַט עשער און דער לאָזאַנער דעפּוטאַט סעקרעטאַן האָבן געפאָדערט גלייכבאַרעכטיגונג פאַר יידן, וואָס זיינען געבוירן אין שווייץ און וואָס זיינען יוצא אַלע פּונקטן פון בירגערליכער רעכט־פייהיגקייט. זייערע קעגנער האָבן זיך געשטעלט אויף די געוויינליכע טענות: יידן קאָנען ניט געבן קיין שבועה מיטן גאַנצן האַרצן, וואָרום זיי זיינען אַ באַזונדער נאַציע און קוקן אַרויס אויף משיח'ן, וואָס ער זאָל ווידער אויפריכטן זייער אייגענע מלוכה. מ'האָט פאָרגעלייגט אַ פּשרה: צולאָזן צו דער שבועה נאָר אַזוינע יידן, וואָס זיי וועלן צושטעלן פון די דאָרטיגע קהלות שיינען וועגן גוטער אויפפירונג און וועלן זיך פאַרפליכטן שטרענג פאָלגן די העלוועטישע קאָנסטיטוציע און זיך אָפּזאָגן פון נאַציאָנאַלער אָפּגעשלאָסנקייט. אַבער דעם דאָזיגן פאָרשלאָג האָט מען אויך אָפּגעוואָרפן אין ביידע קאַמערן. די דירעקטאָריע האָט אויף איר אָנפרעג באַקומען אַזאַ תשובה: די פראַגע וועגן צולאָזן יידן צו אַ שבועה מוז אָפּגעלייגט ווערן ביז די זאַך וועט ניט רעכט באַהאַנדלט ווערן אין דער קאָמיסיע.

אין פעברואַר 1799 האָט די קאָמיסיע צוגעשטעלט דעם פּאַרלאַמענט דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, צווישן דעם אויך מיינונגען פון רבנים אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד און ענטפערן פון שווייצישע יידן אויף דער אַנקעטע צו זיי. אין די ענטפערן איז געזאָגט, אַז די יידישע אמונה הייסט יידן פאָלגן נאָר די לאַנד־געזעצן, וואו זיי וואוינען, פון קיין שום סעפּאַראַטיזם ווייסט זי ניט. אין 4 זיצונגען פון דער אונטערשטער קאַמער, וואָס האָט זיך דעמאָלט פאַרזאַמלט אין לוצערן, (דעם 6־טן, 12—13־טן פעברואַר און 6־טן מערץ) זיינען פאָרגעקומען היציגע דעבאַטן וועגן דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע. דער פירער פון די עמאַנסיפּאַציע־פריינד, סעקרעטאַן, האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף זיך ניט רעכענען מיט די פאָראורטיילן פון דער פינסטערער מאַסע קעגן יידן:

„מיר זיינען דאָ די פאָרשטייער פון אויפקלערונג און שכל, ניט פונם פאָלקס איינרעדענישן". עלמלינגער, אַ קענער פון עמאַנסיפּאַציע, האָט אָפּגעמאָלט אין זיין רעדע אַ שוואַרץ בילד, וואָס מיט שווייק וועט זיין, אויב מ'וועט יידן געבן גלייכבאַרעכטיגונג; דאָס בעסטע וואָלט געווען נאָך זיין מיינונג, מ'זאָל צונויפנעמען אַלע יידן און זיי אָפּשיקן צום גענעראַל באָנאַפּאַרט, זאָל ער זיי באַזעצן אין ירושלים (דאָס איז געווען די צייט פון באָנאַפּאַרטס פעלדמאַרש אין סיריע און אין מצרים, ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו פּאַלעסטינער יידן). נאָך לאַנגע וויכוחים האָט דער פּאַרלאַמענט מיט אַ קליינער מערהייט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג וועגן גלייכבאַרעכטיגונג.

בכן האָט זיך דער שווייצישער פּאַרלאַמענט אַרויסגעשטעלט קאָנסער־וואַטיווער פאַר דער רעגירונג. די דירעקטאָריע האָט געהאַלטן פאַר אוממיגליך לאָזן יידן ביי דער פריהערדיגער קנעכטשאַפט, האָט זי געזעהן ווי ווייט מיגליך זיי פאַרגרינגערן: „תחום"־יידן האָט זי פאַרגלייכט אין זייערע רעכט מיט אויסלענדישע, ד. ה. מיט די פּריווילעגירטע יידן. יידן פון די צוויי „ערי־מקלט" האָבן שוין געמענט וואוינען אין גאַנץ קרייז באַדן און פאַרווערבן דאָרט נחלאות. אָבער די קריסטליכע באַפעלקערונג פונם קאַנטאָן, מיט אירע מיטל־עלטערישע השגות, האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַזוינע הנהגות אויך. אין סעפּטעמבער 1802, יידישע ימים־טובים־צייט, האָט זי געמאַכט אַ פּאָגראָם אין ענדינגען און אין לענגנוי און צעשטערט אַסך יידישע הייזער. די דאָזיגע אומרוהען האָבן געהאַט אַ געוויסע שייכות מיט דעם צייטווייליגן אַוועקגיין פון דער פראַנצויזישער אַרמיי פון די קאַנטאָנען, וואו עס זיינען דעמאָלט פאָרגע־קומען העפטיגע פּאַרטיי־רייסענישן. אינגיכן איז דאָס פראַנצויזישע מיליטער צוריקגעקומען מיט דעם צוועק צו שטיצן דעם נייעם איבערקער, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געפּלאַנט.

אין יאָר 1803 איז די העלוועטישע רעפּובליק דורך דעם „מעדיאַציאָנס־אַקט" געוואָרן מער אונטערגעוואָרפן פראַנקרייך, דערפאַר אָבער איז צוריק איינ־געפירט געוואָרן די אַלטע קאָנפעדעראַציע: יעדער קאַנטאָן איז געוואָרן אויטאָנאָם אין זיין אינעווייניגסטער פאַרוואַלטונג. יידן זיינען אַרונטער אונטער דער מאַכט פון קאַנטאָן אַ אַ ר ג וי, אין וועלכן ס'איז אַריין דער קרייז באַדן, דער יידישער „תחום". דאָסזעלבע יאָר האָבן זיי זיך געווענדט צום בונדעס־ראַט פון דער קאָנפעדעראַציע מיט אַ פּעטיציע, דער בונדעס־ראַט זאָל זיי געבן גלייכע רעכט מיט קריסטן. דער „בעל־הבית", דער פראַנצויזישער גענעראַל ניי, האָט געשטיצט די פּעטיציע. דער בונדעס־ראַט האָט אָנגעפרעגט ביי דער רעגירונג פונם קאַנטאָן אַאַרגוי און האָט באַקומען אַ תשובה, אַז נאָך דער נייער קאָנסטיטוציע טאָר זיך די צענטראַלע רעגירונג ניט מישן אין אַ קאַנטאָנס אינעווייניגסטע זאַכן. די קאַנטאָנאַלע רעגירונג האָט אַליין אויסגעאַרבעט אַ פּראָעקט צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע און האָט אים צוגעשטעלט דעם קאַנטאָן־ראַט צו באַטראַכטן. דער

קאַנטאָן־ראַט האָט אָבער איינגעזעהן צו פֿיל ליבעראַליזם אין דעם מעסינגן פּראָעקט: לויט דעם פּראָעקט האָבן געזאָלט נאַטוראַליזירט ווערן יידן, וואָס האָבן אָפּגעוואוינט אין קאַנטאָן ניט ווייניגער פֿאַר 26 יאָר (1805). לסוף איז נאָך לאַנגע שהיות אָנגענומען געוואָרן אַ נייער געזעץ וועגן יידן אין אַארגווי מיט אַ שמעק ליבעראַליזם (דעם 5 מאַי 1809). וועגן דעם געזעץ זאָגט איין שווייצישער היסטאָריקער, אַז „יידן האָבן באַקומען פֿליכטן פֿון קאַנטאָן־בירגער, נאָר ניט קיין רעכט". דער „תחום" איז געבליבן ניט געעררט, נאָר אַ ייד האָט זיך געמעגט באַזעצן אין אַנדערע שטעט (הוץ ענדינגען און לענגנוי) אויך, אויב ער וועט צושטעלן אַ שיין וועגן זיין מאָראַלישער פֿיינקייט, קענטעניש און אונטערנעמונגס־פֿייהיקייט. אָבער ווי אַזוי האָט מען געקאָנט צושטעלן אַזוינע באַווייזן, אַז די רעגירונג האָט נאָך אַלץ ניט געלאָזט יידן קיין פֿרייען פֿאַרקער, פֿריי אַרבעטן און טאָן? די איינציגע פּראָפֿעסיע, וואָס יידן האָבן געהאַט פֿריי, איז געווען „הויזירעריי" (פּעדלעריי): אַן אָרימער ייד פֿונם „תחום" האָט זיך אַלע זונטאָג אָנגעלאָדן אַ קויש מיט סחורה אויף די פּלייצעס, אויסגעוועון די וואָך אַלע דערפֿער און ישובים אַרום ענדינגען און לענגנוי און צוריק אַהיים געקומען פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט אויף שבת. אין דעם געזעץ איז געבליבן דער אַלטער פּרעה׳ס פֿאַרבאָט קעגן דעם, יידן זאָלן זיך מערן: יידן האָבן ניט געטאָרט חתונה האָבן אָהן אַ הסכם פֿון דער קאַנטאָן־מאַכט, אָבער צו באַקומען אַזאַ הסכם האָט מען באַדאַרפֿט צושטעלן אַ שיין וועגן דעם חתנ׳ס פּראָפֿעסיע, אַז ער איז מאַטעריעל גאָר געזיכערט.

בכן האָט שווייץ באַוויזן, נאָך דעם ווי זי האָט אויף אַ ווייל נאָכגעגעבן, צוריק אויפֿשטעלן איר אַלטן רעזשים פֿאַר יידן, און דאָס האָט זי דערגרייכט נאָך איידער די רעאַקציע האָט גובר געווען אין אייראָפּע. דאָס אייגענע זעהען מיר דערנאָך אויך: אַ לאַנגע צייט האָט זיך דאָס דאָזיגע פֿרייע פֿאָלק פֿאַרעקשנ׳ט געווערט קעגן אַלע פּרובן צו עמאַנסיפּירן דאָס הייפֿל יידן, וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין זיין לאַנד.

קאַפּיטל III

עמאַנסיפּאַציע־שטרעמונגען און קולטור־קריזיס אין דייטשלאַנד

§ 28. די לאַגע בכלל.

די אינעווייניגסטע פּאָליטיק פון די דייטשע מלוכות האָט זיך געענדערט ניט אונטער דער פרייער השפּעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר אונטער דעם שווערן דרוק פון נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע. פראַנצויזישע אידייען האָבן איינגענומען אַ געוויסן טייל פון דער דייטשער געזעלשאַפט, פראַנצויזיש געווער האָט אונטערטעניג געמאַכט די דייטשע רעגירער און האָט זיי גענויט צו רעפאָרמירן דעם מלוכה־רעזשים. דער פּאָליטישער קריזיס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1806, יענעם יאָר, ווען נאַפּאָלעאָן האָט צעשמעטערט פּרייסן, ווען ס'איז געוואָרן דער „ריין־בונד", און פראַנקרייך האָט פאַרשפּרייט איר פּראָטעקטאָראַט איבער אַ גרויסן טייל דייטשלאַנד. די לאַגע פון די דייטשע יידן איז פאַרבונדן מיט די דאָזיגע ענדערונגען; פון יאָר 1789 ביז 1806 זעהען מיר אַ פינסטער בילד פון רעכטלאָזיגקייט אויפן אַלטן שטייגער, ליכטיגע פּונקטן — פּרובן פון עמאַנסיפּאַציע — באַוויזן זיך ערשט אין דער קורצער תקופה פון 1807—1813.

די ערשטע צייט האָט זיך די השפּעה פון דער רעוואָלוציע און פון דער עמאַנסיפּאַציע אין פראַנקרייך זעהר ווייניג געלאָזט פילן אין די רעגירונגס־קרייזן פון דייטשלאַנד. מערניט אין אייניגע דייטשע מלוכות האָבן די קאַנצעלאַריעס גענומען באַטראַכטן די יידנפראַגע: מ'האָט געשאַפט קאָמיסיעס, „טשינאָווניקעס" האָבן געשטוקעוועט מעסיגע פּראָעקטן פון „רעפאָרמעס", אָבער פון דער דאָזיגער קאַנצעלאַרישער אַרבעט איז נאָר ניט אַרויסגעקומען. יידישע רעכטלאָזיגקייט איז זיך אַזוי צונויפגעוואַקסן מיטן אַלטן רעזשים, אַז כּדי דאָס אָפּשאַפן, האָט דער גאַנצער רעזשים באַדאַרפט אונטערגעריסן ווערן. שטאַרקער האָט די נייע תקופה געווירקט אויף יידן גופא. די אויפגעקלערטע, אייראָפּייאיזירטע יידישע געזעל־

שאַפט אין דייטשלאַנד האָט זיך אויסגעלערנט קעמפן פאַר איר גלייכבאַרעכטי־גונג, מאָנען בירגער־רעכט אין נאָמען פון „מענשן־רעכט״, וואָס מ׳קאָן דאָס ביי קיינעם ניט אָפּנעמען. ווען די אַלע באַמיהונגען האָבן ניט געקאָנט ברעכן די עקשנות פונם אייזערנעם דייטשן אַבסאָלוטיזם, האָבן זיך יידן גענומען ווענדן צו אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס: זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון אַלע אייראָפּייאישע קאָנגרעסן און דיפּלאָמאַטישע קאָנפערענצן, וואָס האָבן זיך אָפט פאַרזאַמלט ענדע 18־טן און אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט, ווען נאַפּאָלעאָנס מלחמות האָבן געבראַכט צום איבערמאַכן די קאַרטע פון אייראָפּע.

צוויי מעמאָראַנדומס וועגן יידן, געווענדעט דערהויפּט צו די פאַרטרעטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט מען דערלאַנגט דעם ראַשטאַטער קאָנגרעס (1797—1798), וואָס האָט געזאָלט פאַרפעסטיגן פאַר פראַנקרייך אירע נצחונות אויפן לינקן ברעג ריין און אין צפון־איטאַליע. דער אַנאָנימער מחבר פון איין בראָשור מאָנט ביי די קאָנגרעס־גלידער, זיי זאָלן אומקערן אַ נעטריי אַרבעטס־פעהיג פאָלק זיינע מענשליכע רעכט; איצט „קאָן דאָס פאָלק ניט ליב האָבן אַ מלוכה, וואָס אונטערדריקט עס״. דער „גוטער״ פּרייסישער קיניג און די איבעריגע רעגירער אין דייטשלאַנד זאָלן זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון דעם פאַרשטאָרבענעם עסטרייכישן קייזער יוסף II. יידן דאַרף מען אָפּציהען פון האַנדל, וואָרום האַנדל „איז פעהיג צו באַשאַפן נאָר ענגלענדער, אָבער ניט קיין איידעלע נאַציע״ (ענג־לאַנד־פיינטשאַפט איז דעמאָלט געווען אין מאָדע); מ׳דאַרף צוגעוויינען יידן צו ערדאַרבעט, שאַפן פאַר זייערע קינדער דייטשע שולן, צעשטערן זייער אָפּגע־שלאָסנקייט, וואָס נעמט זיך, אגב, פון זייער „העסליכן דיאַלעקט״ (יידיש); דע־מאָלט וועלן אַלע פאָראורטיילן קעגן יידן פאַרשווינדן. אַן אַנדער מעמאָראַנדום שטאַמט פון אַ דייטשן אַדוואָקאַט קריסטיאַן גרונד, וואָס בערלינער יידישע טו־ער האָבן אים געמאַכט פאַר זייער שתדלן. אָבער די שטים פון יידנפריינד פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע האָט מען אין ראַשטאַטער קאָנגרעס ניט דערהערט; אגב איז ער איבערגעריסן געוואָרן איבער אַ נייעם קאָן עסטרייכיש־פראַנצויזישער מלחמה.

נאָך דעם לונעווילער שלום אין יאָר 1801 האָט זיך אין רעגנס־בורג פאַרזאַמלט אַ „דעפּוטאַציע פון דער אימפּעריע״: דאָ זיינען זיך צונויפגע־קומען פאָרשטייער פון עסטרייכיש־דייטשע לענדער, כּדי אויף דאָס ניי איינטיילן די דייטשע טעריטאָריעס, וואָס באָנאַפּאַרט האָט צעבראָקלט. דעם קאָנגרעס איז אויך דערלאַנגט געוואָרן אַ פּעטיציע אין נאָמען פון „דייטשע יידן״; דערלאַנגט האָט דאָס ווידער דער דערמאָנטער גרונד. אין דער פּעטיציע ווערט דערמאָנט די ביטערע לאַגע פון דייטשע יידן; טיילווייז זיינען זיי פאַרשפּאַרט אין געטאָ (פראַנקפורט), טיילווייז באַליידיגט מען זיי מיט אַזאַ העסליכן שטייער, ווי „לייב־צאָל״ און מען שטערט אויף יעדן טריט זייער האַנדל. די פּעטיציע־דער־לאַנגער בעטן אַראָפּנעמען פון יידן דעם קנעכטישן יאָך און געבן זיי בירגער־

רעכט, כּדי „דאָס דאָזיגע פאָלק זאָל זיך צונויפשמעלצן מיט דער דייטשער נאַציע". די פּעטיציע האָט נעשטיצט דער בעהמישער דעלעגאַט, ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן: די פאָרשטייער פון דעם צעפאַלענעם דייטשלאַנד האָבן געקלערט נאָר פון איין זאַך — ווי אַזוי פאַרהיילט מען די וואונדן, וואָס באָנאַפּאַרט האָט געמאַכט; יידן זיינען זיי אין קאָפּ ניט געלעגן.

נאָך פריהער, צו דער צייט פון לונעווילער שלום־קאָנגרעס, האָט מיכאל בער, אַ ייד אַ יוריסט פון פראַנקרייך, פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף, געווענדעט צום „יושר־געפיל פון פעלקער און קיניגן" (1801), אָבער דאָס האָט אויך קיין איינדרוק ניט געמאַכט אויף די רעגירער־קרייזן אין דייטשלאַנד. מיכאל בער, אַ זון פון אַן אַלטן קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע אין פראַנקרייך יצחק בער, האָט שוין געהערט צום נייעם אַסימילירטן דור יידן. ער אַליין זאָגט אין זיין אויפרוף, אַז „ער האַלט זיך פאַר מער פראַנצויז, איידער ייד", פונדעסטוועגן מיינט ער, אַז ער מעג רעדן „אין נאָמען פון אַלע איינוואוינער אין אייראָפּע, וואָס האַלטן זיך ביים יידישן גלויבן". אין זיין אויפרוף פילט זיך אַ שטאָלץ פון אַ פראַנצויז היינט און פון אַ יידן אַמאָל. ער זאָגט: „ניט אַלס אַ גליד פון אַ אונטערדריקטן קלאַס וועק איך דאָס יושר־געפיל ביי קיניגן און פעלקער, וואָרום איך קאָן אָפן זאָגן: פראַנצויזישע יידן זיינען שוין בירגער. אַלס פראַנצויזישער בירגער, אַלס מענשן־פריינד וויל איך דאָ ביישטיין יענע מענשן, וואָס זייערע חסרונות האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דער אוממענשליכער שנאה פון זייערע פיינט, אָבער זייערע מעלות — נאָר זיך אַליין . . . ניט געקוקט אויף אַלע פיינען, טויט־שרעק און פינסטער לעבן, האָבן זיי דאָך אויסגעהאַלטן דעם שטראָם פון דער צייט און איבערגעלעבט פעלקער, גלויבנס און דורות. בעת פון רוים און גריכנלאַנד זיינען געבליבן ניט מער ווי גרויסאַרטיגע זכרונות, זעהען מיר, ווי עס שלאָגט נאָך אַ לעבנס־אָדער אין אַ פאָלק פון עטליכע מיליאָנען מענשן, וואָס האָט איבערגעלעבט דרייסיג יאָרהונדערטן און דערפון זעכצן אין רדיפות". דער מחבר רופט נעהענטער זיך צוקוקן צו אַ פאָלק, וואָס „נאָר דער אומגליק האָט דאָס דערנידערט", זיך צוקוקן צו זיין ראָלע בעת דער רעוואָלוציע און טעראָר אין פראַנקרייך: „קיין איין יידן זעהט איר ניט, ניט צווישן די טעראָריסטן"*), ניט צווישן וואַנדייער, „וואָס האָבן געבראַכט אין איין טייל פון פאָטערלאַנד פייער און שווערד" . . . „זאָל דאָס נייע יאָרהונדערט — זאָגט ער צום סוף — זיך אָנהויבן מיט דעם געהויבענעם אַקט באַפרייען יידן פון פיין און דערנידערונג, יידן זאָלן זיין בירגערליך גלייכגעשטעלט אין גאַנץ אייראָפּע אַזוי ווי מיר זעהען דאָס אין פראַנקרייך און אין האָלאַנד".

אָבער דער 19־טער יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן מיט פייער און בלוט פון נאַפּאָלעאָנס מלחמות. „קיניגן און פעלקער" האָבן דעמאָלט נאָר קנאַפּ גע־

*) פאַקטיש ניט ריכטיג, זעה פריהער, § 19.

קלערט פֿון עמאַנסיפּירן ייִדן. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט דער קריזיס פֿון דייטשלאַנד און נאַפּאָלעאָנס שווערע האַנט געמאַכט אַ וועג פֿאַר אַ פֿרעמד אַרטיקל — פֿאַר ייִדישער גלייכבאַרעכטיגונג. ווי אַזוי ייִדן זיינען איבערגעגאַנגען פֿון בירגערליכער קנעכטשאַפֿט צו פֿרייהייט אָדער האַלב־פֿרייהייט, וועלן מיר זעהן, ווען מיר וועלן זיך צוקוקן צום ייִדישן לעבן אין באַזונדערע מלוכות אין דייטשלאַנד און דערהויפּט אין דער וויכטיגסטער פֿון זיי — אין פּרייסן.

§ 29. די רעפֿאָרם־פּראָעקטן אין פּרייסן.

אין יענע דעצעמבער־טעג פֿון יאָר 1789, ווען אין פּאַריזער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג זיינען פֿאָרגעקומען היציגע דעבאַטן וועגן ייִדישע „אַקטיווע בירגער־רעכט”, האָבן פּרייסישע „טשינאָווניקעס” אין בערלין געהאַלטן אין איין באַטראַכטן די ייִדנפֿראַגע ביי זיך אין די קאַנצעלאַריעס. די ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס פֿרידריך־ווילהעלם II האָט געשטעלט צו פֿאַרגרינגערן פֿרידריך דעם גרויסנס רעגלאַמענט (זעה § 4), האָט סוף כּל סוף נאָך אַ שווער טראָגן (צוויי יאָר) געהאַט איר פּראָעקט צו פֿאַרבעסערן דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער; דאָס גענעראַל־דירעקטאָריום האָט דאָס צוגעשטעלט דעם קיניג. דער רעפֿאָרם־פּראָעקט האָט געלאָזט ניט אָנגערירט די אַלטע איינטיילונג אין „געדולדעטע” און „שוק־ייִדן”, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז איין פּלאָנטער פֿון פּלאָג און באַגרעניצן; ער האָט שוין אָבער געגעבן עטליכע איינגאַרטיגע „הנחות”: ס'זאָל בטל ווערן די קעגנזייטיגע ערבֿות פֿון אַלע קהלה־גלידער, איינער פֿאַר דעם אַנדערן, ביי שטייער־אָפּצאָלן, אָבער די עצם שטייערן, וואָס האָבן ספּעציעל רואינירט ייִדן, זאָלן בלייבן; ייִדן זאָלן מעגן פֿריי האַנדלען, אָבער נאָר רייכע און נאָר דאָרט, וואו ס'איז ניטאָ גענוג סוחרים־קריסטן; ייִדן זאָלן מעגן באַאַרבעטן ערד, אָבער קיין באַאַרבעטע ערד טאָר אַ ייִד ניט קויפֿן; ייִדן זאָלן מעגן זיין בעלי־מלאכות, אָבער ניט פֿון קיין צעך־מלאכות. פֿאַר די אַלע חסדים האָט דער פּראָעקט געפֿאָדערט, ייִדן זאָלן ווערן דייטשן: אין דער עפֿנטליכקייט זאָלן זיי באַנוצן נאָר דייטש, אין זייערע שולן זאָלן זיין נאָר דייטשע לערער; דעמאָלט וועט מען מיט דער צייט אָנטאָן דער ייִדישער יוגנט אַ גרויס כּבֿוד — מ'וועט זי צולאָזן צו מיליטער־דינסט. צום סוף זיינען די מחבּרים פֿונם פּראָעקט אַזוי גוט, אַז זיי ערלויבן ייִדן זיך רופֿן ניט „ייִדן”, נאָר „מאָזאַאיסטן”, אָדער „דעאיסטן”, ווי איינִיגע אויפֿגעקלערטע בערלינער האָבן געבעטן. דאָס גענעראַל־דירעקטאָריום ניט נאָך צו ביים איבערגעבן דעם פּראָעקט צום קיניג: „ס'איז זעהר מיגליך, אַז דער דריטער דור ייִדן, אין 60—70 יאָר אַרום, וועט אָנווערן אַלע רעליגיעזע אייגנשאַפֿטן, וואָס שיידן זיי אָפּ פֿון קריסטן, חוץ איינִיגע, ניט וויכטיגע און ניט שעדליכע פֿאַר דער מלוכה; דעמאָלט וועט מען קאָנען

אָפּשאַפן דעם רעשט באַגרעניצן אויך, וואָס איצט קאָן מען נאָך אָהן זיי ניט אויסקומען".

אָנהויב יאָר 1790 האָט מען דעם קאַנצעלאַרישן „רעפאָרם"־פּראָעקט איבערגעגעבן די יידישע „דעפּוטאַטן", פאָרשטייער פון בערלינער און אַנדערע קהלות, וואָס אויף זייער בקשה האָט מען פאָרגענומען די רעפאָרם. ווייניג האָבן יידישע טוער נעלייגט האָפנונגען אויף דער רעאַקציאָנערער פּרייסישער רעגירונג, אָבער דאָך האָבן זיי זיך ניט געקאָנט מאָלן אַזאַ פּראָעקט, וואָס זאָל צוזאָגן גלייכבאַרעכטיגונג דעם דריטן דור און דערווייל לאָזן די אַלטע קנעכטשאַפט. דער געוויסער בערלינער טוער, דוד פרידלענדער, מענדעלסאָנס אַ תּלמיד, און אַנדערע, האָבן זיך דעריבער אָנגענומען מוט און האָבן דערלאַנגט דעם גענעראַל־דירעקטאָריום אַ מעלדונג (פעברואַר 1790), אַז קיינער האָט זיי קיין פולמאַכט ניט געגעבן איבערצונעמען נייע פליכטן, בעת ס'בלייבן די אַלטע באַגרעניצן. זיי בעטן, מ'זאָל אָפּשאַפן די אויסנאַם־געזעצן, דערהויפּט אין פרט פון וואוינרעכט און פּראָפעסיעס, און זיינען מסכּים אויף די שטרענגסטע שטראָף קעגן אומערליכן האַנדל און וואָכער. די „דעפּוטאַטן" פאַרענדיגן מיט אַזאַ פייערליכער ווענדונג צו דער רעגירונג, וואָס פרידלענדער האָט פאַרפאַסט: „שוין צייט אַראָפּנעמען פון אונז די קייטן, וואָס שטיקן אונז אַזוי לאַנג. די רעגירונג דאַרף זעהן שוואַכער צו מאַכן, ווי נאָר מיגליך, די בירגערליכע אונטערשיידן, וועלכע שטאַמען פון די אונטערשיידן אין די רעליגיעס. אַזוינס קאָן געשעהן נאָר אין דעם פאַל, אויב מיר וועלן זיין פּאָליטיש גלייכגעשטעלט מיט אַנדערע אונטערטאַנען, אויב דער נאָמען ייד וועט ניט דערמאָנט ווערן אין די געזעצן צו שאַנד אָדער מיט אומצוטרוי צו זיין מאָראַל, אַ כּלל, אויב די רעגירונג וועט האַלטן פאַר איר חוב ניט נאָר עפענען פאַר די יידן די קוואַלן פון חיונה, נאָר אויך זיי אומקערן זייער בירגערליכע ווערדע . . . אויך אָבער אונז איז באַשערט זיך אָפּנאַרן, ס'זאָל ניט מקוים ווערן, וואָס מיר קוקן אַרויס, מוזן מיר מיט דעם גרעסטן ווייטאָג אין האַרצן אויסזאָגן אונזער שרעקליכן וואונש, וואָס מיט דעם איז די גאַנצע קאָלאָניע מסכּים: מיר בעטן, זאָל זיין קיניגליכע מאַיעסטעט באַווילינגן לאָזן אונז אין אונזער פריהערדיגן צושטאַנד, כאָטש דער יאָך ווערט אַלע טאָג שווערער איבערצוטראָגן" . . .

דאָס איז געווען אַ שיינע שטאָלצע דעמאָנסטראַציע: די געפלאָגטע זיינען מוחל די פלאָגער זייערע נדבה־גראָשן. דער דאָזיגער טראַגישער אָפּזאָג האָט אָבער ניט גערירט די פאַרשפּילעטע הערצער ביי די באַאמטע פונם גענעראַל־דירעקטאָריום. בעת מ'האָט באַטראַכט דעם יידישן ענטפער, האָט זיך געפונען אַ גליד אין דער „רעפאָרם־קאָמיסיע", וואָס האָט געזאָגט: „דאָס איז ניט מער ווי אַ שאַרפער פּלפּול איינגעפאַסט אין אַ שיינער מליצה" . . . ביי דער פּרייסישער ביוראָקראַטיע האָט אַלץ געהייסן מליצה: זאָל דאָס זיין אַ ביטערער קרעכץ פון געיאָגטע, אָדער רייד, וואָס באַווייזן, אַז זיי פאַרמאָגן ערן־געפיל.

דאָס דירעקטאָריום האָט מיט אַ רוהיג האַרץ באַגראָבן דעם „רעפאָרם־פּראָעקט“; צוויי יאָר איז די יידנפראַגע ניט דערמאָנט געווען.

דער אַלטער רעזשים איז געבליבן אַזוי העסליך ווי פריהער. אין יאָר 1790 האָט נאָך דער קיניג אונטערגעשריבן אַ באַפעל, וואָס נאָרמירט די צאָל יידן אין אַזאַ וויכטיגער שטאָט, ווי ב ר ע ס ל ו י. ביז יענעם יאָר האָט מען יידן איינגעטיילט אין אַזוינע קאַטעגאָריעס, איינע ערגער פאַר דער אַנדערער: גענעראַל־פּריווילעגירטע, פּריווילעגירטע, נעדולדעטע, „פיקסאַנטריסטן“ (פונם וואָרט fix-entrée — אָנגעקומענע, וואָס צאָלן אַ פיקסירטן שטייער פאַר אַריינלאָזן זיי), „שוק־גענאָסן“, (אַזוינע, וואָס האָבן דאָס רעכט צו וואוינען אַלס אָנגעשטעלטע ביי „שוק־יידן“), האַנדלס־אָנגעשטעלטע, דינערשאַפט און פרעמדע. די פּרייסישע רעגירונג איז געוואָרן איסער זיך, ווען זי האָט באַמערקט, אַז „שוין אַ צייט, וואָס אַהין (קיין ברעסלוי) שפּאַרן זיך דורך מיט פאַרשיידענע אויסריידן אַ גרויסע צאָל יידן, באַשעפטיגן זיך מיט אַזוינע פּראָפעסיעס, וואָס זיי איז פאַרווערט, און קריסטליכע סוחרים ליידן דערפון היזק“ (אַזוי שטייט אין באַפעל). בכן מאַכט דער קיניג אַ געוויע נאָרם: אין ברעסלוי מעגן זיין ניט מער ווי 160 יידישע פאַמיליעס. די פאַמיליע־פאָטערס, איינגעטיילט אין די דערמאָנטע קאַטעגאָריעס, דאָס זיינען געזעצליכע שוק־יידן. אָבער די גליקליכע, וואָס זיינען אַריין אין צאָל, האָבן אויך אויסצושטיין פרעה׳ס גזרה: זיך ניט מערן; יעדער „שוק־ייד“ מעג חתונה מאַכן ניט מער ווי איין זון, וועלכער ירש׳עט דעם פאַמיליע־„נומער“ פון זיין פאָטער; נאָך אַ זון קאָן חתונה האָבן נאָר ביי איינם פון די ביידע: אָדער אויב ער קלייבט זיך אַרויס פון ברעסלוי ערגעץ אַנדערש, אָדער אויב זיין כלה האָט אַ וואַקאַנטן נומער פון דער צאָל 160. ווייטער גייט אַ גאַנצער שולחן־ערוך וועגן אַלע ענדערונגען אין דער פאַמיליע צווישן די געזעצליכע 160, וועגן „יידן איבער דער צאָל“, וואָס מ׳לאָזט אַריין קיין ברעסלוי אויף אַ צייט, וועגן ספּעציעלע שטייערן, וועגן די פונקציעס פון פרנסים אין דער קהלה, וואָס זיי האָבן אויף זיך ספּעציעל אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר וכדומה. דער דאָזיגער קיניגליכער דעקרעט האָט יענע צייטן נאָך געהייסן אַ „מילדער“ אַקעגן פרידריך II אוממענשליכן יידן־רעגלאַמענט. דער קיניג האָט זיך געהאַלטן גערעכט צו זאָגן אינם אַריינפיר צום דעקרעט, אַז ער „זאָרגט פאַר דעם וואויל פון זיינע אונטערטאַנען, צו וועלכע געהערן די פון יידישן גלויבן אויך“. אָבער דרך אגב רעדט ער דאָ אויס: „מיר ווילן אפילו גאָר גלייכשטעלן די דאָזיגע נאַציע מיט אַנדערע בירגער אין דער מלוכה און זי צולאָזן צו אַלע בירגערליכע רעכט, אָבער אַזוינס צו דערלאַנגען — זיינען נאָך פאַראַן מניעות, וואָס נעמען זיך אַ טייל פון אירע רעליגיעזע מנהגים, אַ טייל פון איר גאַנצן וועזן, אַזוי אַז דאָס (גלייכבאַרעכטיגונג) איז אוממיגליך דורכצופירן, ווייניגסטנס היינטיגע צייט“.

דער יידישער גהינום, הייסט דאָס, איז אין פּרייסן געווען אויסבּרוקירט

מיט דעם קיניגס בעסטע וואונשן, אָבער דערפֿון איז יידן ניט גרינגער געווען. דאָך דאַרף מען זאָגן, אַז פֿרידריך־ווילהעלם II איז געווען בעסער פֿאַר זיינע מיניסטאָרן־רעאַקציאָנערן ווי די וועלנערס און בישאָפֿסווערדערס. דאָס גענעראַל־דירעקטאָריום האָט מיט אַ פֿאַרגעניגן באַגראָבן אין אַרכיוו דעם פּלאַן פֿון אַ נישטיגער יידן־רעפֿאָרם, וואָס יידן האָבן זיך פֿון אים אָפּגעזאָגט. דער קיניג האָט זיך אָבער אין צוויי יאָר אַרום דערמאָנט אָן אים. דאָ האָט מסתמא געווירקט די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין פֿראַנקרייך, וואָס איז געשעהן נאָך לאַנגע וואַקלעניש אין סעפּטעמבער 1791. אין 4 חדשים אַרום נאָך דעם דאָזיגן אַקט (יאַנואַר 1792) האָט דער קיניג געהייסן דעם דירעקטאָריום ווידער אָנהויבן אַרבעטן וועגן דער יידנפֿראַגע. מ׳האָט נאָכאַמאָל אויסגעאַרבעט אַ „רעפֿאָרם־פּלאַן" מיט קלאָגעדיגע „הנחות", די געזעצגעבערישע קאָמיסיע האָט אים באַוויליגט, און ס׳איז געבליבן ניט מער, דער קיניג זאָל אים באַשטעטיגן. אָבער גראָד דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן אַ קריג מיט פֿראַנקרייך, האָט דער קיניג געהייסן לאָזן דערווייל דעם פּראָעקט ביז סוף קריג; ביז דעמאָלט זאָל די רעגירונג צוגרייטן אַלץ, כּדי פּראַקטיש דורכצופֿירן דאָס, וואָס „מ׳האָט שוין פֿאַרווירקליכט אין אַנדערע לענדער" (דעם 26 מאַי). דער „דערווייל" האָט זיך אָבער געצויגן 20 יאָר, און פּרייסן האָט פֿאַר דער צייט געפֿירט ניט איין מלחמה.

אונטער דער צייט איז פֿאָרגעקומען דאָס צווייטע און דאָס דריטע צעטיילן פֿון פּוילן (1793, 1795). פּרייסן איז צוגעקומען נייע געגנטן מיט יידן. צו דער פֿריהערדיגער פּוילישער פּראָווינץ מערב־פּרייסן איז צוגעקומען „דרום־ און ניי־מזרח־פּרייסן": די דעפּאַרטאַמענטן פּויזן (דער נייער טייל), קאַליש, וואַרשע, פּלאָצק און ביאַליסטאָק. ס׳איז אויסגעקומען אָנצומעסטן דעם פּרייסישן קאַזאַרמע־רעגלאַמענט דער יידישער מאַסע אין די נייע געגנטן, וואָס האָט נאָך ניט געוואוסט פֿון קיין „נומערן" פֿאַר יידישע משפּחות. די פּרייסישע רעגירונג האָט געמוזט אויסאַרבעטן אַ יידישע קאָנסטיטוציע, ספּעציעל פֿאַר יענע לענדער, דעם „אַלגעמיינעם רעגלאַמענט פֿאַר יידן אין דרום־ און ניי־מזרח־פּרייסן" (17 אַפּריל 1797). יידן, וואָס זיינען געווען שטענדיגע איינוואוינער מיט אַ באַשטימטן געשעפֿט צו דער צייט, ווען די פּוילישע פּראָווינצן זיינען אַריבער צו פּרייסן, די מעגן בלייבן; אַנדערע אָבער, וואָס האָבן ניט קיין פֿעסטע פּראָפֿעסיעס, מוזן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד צו אַ געוויסער צייט. די געבליבענע דאַרפֿן באַקומען פּעסער אָדער „שוץ־בריוו". די שטייערן האָט מען געהעכערט; אָנשטאָט דעם פּוילישן קאָפּ־שטייער האָט מען איצט איינגעפֿירט פֿאַרשיידענע שטייערן; פֿאַר „שוץ", פֿאַר אַן ערלויבעניש חתונה צו האָבן און דעסגלייכן. ס׳מעגן חתונה האָבן נאָר מענער ניט יינגער פֿאַר 25 יאָר, וואָס זיינען געזיכערט מיט אַ שטענדיג פֿאַרדינסט אָדער מיט אַ קאַפּיטאַל. קהל׳שע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג האָט צו טאָן נאָר מיט רעליגיעזע אינטערעסן; דער יידישער בית־דין ווערט אָפּגעשאַפֿט; אין די שולן מוז מען לערנען דייטש און פּויליש.

דעם דאָזיגן אַקט, דעם לעצטן פֿאַר פֿרידריך־ווילהעלם II, האָט מען דעמאָלט געהאַלטן פֿאַר „ליבעראַל“. העכער פֿאַר דער מדרגה „גדולדעט“ און „געשיצט“ האָט אַ ייד ניט געקאָנט דערלאַנגען. די אייגענע לאַגע איז געבליבן די ערשטע צעהן יאָר פֿאַר פֿרידריך־ווילהעלם III ‏(1797־1840).

§ 30. אַ פּרוב פֿון אַ רעליגיעזער פּשרה און די יידנפֿיינטליכע ליטעראַטור.

די שווערע לאַסט פֿון רעכטלאָזיגקייט, וואָס האָט געדריקט די יידישע מאַסע, איז געווען נאָך דאָפּלט שווערער פֿאַר דער נייער אינטעליגענץ, וואָס לויט איר קוק און לעבנס־שטייגער איז זי נעהענטער געווען צו דער געבילדעטער קריסטליכער באַפֿעלקערונג, איידער צו דעם אייגענעם פֿאָלק. די פֿאַרדייטשטע אויבערשטע שיכטן פֿון בערלינער יידן האָבן זיך געפֿילט פּערזענליך באַליידיגט, וואָס מען מישט זיי צונויף מיט דער „פֿינסטערער“ מאַסע און מ׳האַלט זיי אין איין יאָך פֿון בירגערליכער קנעכטשאַפֿט מיט אַלע יידן. די טוער אין די דאָזיגע שיכטן האָבן זיך געמיהט אויפֿקלערן די רעגירונג, זי זאָל זיך אומקוקן אויף דער טראַגישער לאַגע פֿון די געבילדעטע האַלב־דייטשן; ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. אין אַן ענטפֿער, וואָס דאָס גענעראַל־דירעקטאָריום האָט איינמאָל געגעבן אויף אַזאַ השתדלות פֿון די בערלינער מיוחסים — איציג, פֿרידלענדער און אַנדערע, איז פֿעסטגעשטעלט אַזאַ פּרינציפּיעלע באַנעמונג צו דער יידנפֿראַגע (1798): די רעגירונג ווייס וואויל, אַז אין איר יידן־רעזשים איז פֿאַראַן אַ געוויסע אכזריות; „לשם מענשליכקייט“ וואָלט מען געוויס באַדאַרפֿט אָפּשאַפֿן אייניגע אויסנאַם־געזעצן פֿאַר יידן, אָבער די רעגירונג קאָן אַזוינס ניט טאָן, וואָרום די דאָזיגע געזעצן זיינען אַ גליד אין אַ גאַנצער פּאָליטישער סיסטעם, און דער צוועק פֿון דער סיסטעם איז — פֿאַרהיטן די קריסטליכע באַפֿעלקערונג פֿאַר די „אומבאַקוועמליכקייטן“, וואָס ס׳וואָלט זיי פֿאַרשאַפֿט, ווען מ׳זאָל אַריינגעמען פֿאַר בירגער „די יידישע נאַציע“, בעת זי איז אָפּגעזונדערט, פֿול מיט „נאַציאָנאַלן האַס“, האָט אַן אייגענע קהלה־אָרדנונג, אַן אייגענע שול. כאָטש געבילדעטע יידן דערבײַ גלייך מיט פּשוט׳ע יידן, מוז דאָך די רעגירונג לאָזן אַלץ ווי ס׳איז געווען, אַזוי לאַנג, ביז די יידישע מאַסע וועט זיך ניט „אויסלייטישן“, — דעמאָלט וועט מיגליך זיין אַ רעפֿאָרם פֿאַר אַלע יידן, זיי זאָלן ווערן „מלוכה־בירגער“.

אַסימילירטע בערלינער יידן האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן אַזאַ לאַגע. ס׳האָט שוין אָנגעהויבן צו וואַקסן ביי זיי אַ געמיינע מחשבה: אויב מ׳קאָן ניט באַקומען קיין גלייכבאַרעכטיגונג פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, זאָל מען אפשר דאָס באַקומען פֿאַר די „בעסערע“, וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעזאָגט פֿון נאַציאָנאַלער

אָפּגעשלאָסנקייט און „רעליגיעזע פּאַראורטײלן״? בכן איז ביי אַ גרופּע אויפגע־קלערטע, מיט דוד פרידלענדערן אויבן־אָן, געבליבן אַפּעלירן צו דער געזעל־שאַפטליכער מיינונג. אָנהויב יאָר 1799 האָט זיך אין בערלין באַוויזן אַ אַנאָ־נימע בראָשור מיט דעם טיטל: „אַ בריוו צום אויבער־קאָנסיסטאָריאַל־ראַט פּאַס־טאָר טעלער פון איינינע פאַמיליע־פאָטערס פון יידישן גלויבן״. פּאַסטאָר טעלער האָט דעמאָלט געהאַט אַ שם אין בערלין אַלס פאָרשטייער פון ליבעראַלן פּראָטעסטאַנטיזם; צו אים האָבן זיך דאָס געווענדעט די מחברים פון דעם „בריוו״, ער זאָל זיי אויפקלערן „אַ געוויסנס־פראַגע, וואָס רירט זיי שטאַרק אָן״. די פאַרשטעלטע שרייבער זיינען זיך מתוודה: מיר האָבן שוין לאַנג פאַרנומען אַ געוויסן פּלאַץ צווישן די צוויי עקסטרעמען: צווישן דעם פאַנאַטישן גלויבן פון די תלמוד־יידן און דעם ניי־מאָדישן אומגלויבן פון דער יוגנט. מיר האַלטן פון די גרויסע וואַרהייטן, וואָס ליגן אין גרונד פון יעדער אמונה: גאָט איז איינער, די נשמה איז אומשטערבליך, מ׳דאַרף שטרעבן צו מאָראַלישער שלמות. די דאָזיגע גרונד־וואַרהייטן זעהען מיר אין דער רעליגיע, סיי ביי משה רבינו, סיי ביי קריסטוסן; שפּעטער האָבן זיך ביידע רעליגיעס אַראָפּגעשלאָגן פון זייערע יסודות: יודאַאיזם האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פאָרמעלע מצוות, קריסטנטום — אין מיסטישע דאָגמאַטן. יידישע מנהגים שטערן באמת די ביר־גערליכע פליכטן און פאַרן וואויל פון אונזערע קומענדיגע דורות דאַרפן מיר אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון מצוות. אָבער ווערן גלייך קריסטן קאָנען מיר ניט: די מניעה איז די קריסטליכע דאָגמאַטן, דער קריסטליכער „היסטאָ־רישער אמת״, וואָס איז סותר דעם „שכל־אמת״. ווילן מיר ניט באַגיין קיין צביעות, קאָנען מיר, למשל, ניט אָננעמען דעם דאָגמאַט פון „גאָטס זון״ אַזוי ווי די קירך מיינט דאָס. דאָ, אין דעם פּרט, דאַרפן מיר אָנקומען צו אייער (טעלערס) עצה. מיר פילן, אַז מיר מוזן פאַרבעסערן אונזער בירגערליכע לאַגע, דערצו איז נויטיג אומענדערן אונזער רעליגיעזן שטייגער, אָבער פאַר גליק טאָר מען דעם אמת און ערליכקייט ניט פאַרקויפן. מיר זעהען צו, ווי אַסך אונזערע מאַכן לייכטזיניג דעם לעצטן טריט און ווערן קריסטן; מיט אַ פּאָר ווערטער ווערן זיי פּטור פון רעכטלאָזיגקייט, אָבער אַזוינע גרים קאָנען אַ פאַר־שטאַנדיגן מענשן קנאַפּ פרייד פאַרשאַפן... „לערנט אונז, איידעלער פריינד פון ערליכקייט! זאָגט אונז: ווען מיר זאָלן וועלן אַריינטרעטן אין דער גרויסער קריסטליך־פּראָטעסטאַנטישער געזעלשאַפט, וואָס פאַר אַן עפנטליכן אני־מאמין וואָלט איר פון אונז געפאָדערט, איר און אַנדערע מענער פון אייער גערטן ראַט? מיר זיינען ווייניג, מיר זיינען אָבער זיכער, אַז אַסך אַנדערע וועלן אונז נאָכטאָן״. די מחברים לייקענען ניט, אַז זייער צוועק איז צו באַקומען ביר־גער־רעכט, זיי האָבן אָבער מורא, אַז זיי וועלן ניט דערגרייכן דעם צוועק, אַז זיי וועלן בלייבן „עפּעס אינמיטן צווישן יידן און קריסטן״, און די „פאַמיליע־פאָטערס״ מאַכן דערביי אַזאַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג: „אויב די פּראָטעס־

טאַנטישע רעליגיע פּאָדערט געוויסע צערעמאָניעס, — קאָנען מיר זיי אָננעמען אַזוי ווי פּשוט'ע פּאָרמאַליטעטן אויף צו אַריינטרעטן אין אַ געזעלשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז אויספירן די דאָזיגע צערעמאָניעס פּאָדערט זיך בלויז אַלס אַ סימן, אַז דער נייער גליד פון דער געזעלשאַפט האַלט פון אייביגע וואַרהייטן און פון די מענשליכע און בירגערליכע פליכטן, וואָס שטאַמען דערפון, אָבער דאָס זאָל ניט הייסן, אַז ער גלויבט אין די קירך־דאָגמען פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט".

אויף אַזאַ שטייגער האָט זיך אַ הייפל מענשן אין דער באַלאַנגרטער יידישער מחנה געגרייט איבערכאַפּן זיך צו די באַלאַנגערער, מ'האָט דאָ נאָר געזאָרגט, אַז די קאַפּיטולאַציע זאָל צוגיין וואָס ווייניגער שענדליך. אין בערלין האָט מען געוואוסט, אַז דער מחבר פון דעם „בריוו צו טעלערן" איז דוד פרידלענדער, אָבער דאָס האָט פאַרשאַפט נאָך מער אינטערעס פאַר דער בראָשור. אַ פאַרשטייער פון פּראָגרעסיווע יידן, מענדעלסאָנס אַ יורש, אַ גליד פון בערלינער יידישן קהלה־ראַט, קומט אין נאָמען פון זיינע מיינונגס־גענאָסן און לייגט פאָר אַ פּשרה צווישן יידנטום און קריסטנטום — דאָס איז דאָך באמת מערקווירדיג! טעלער האָט באַלד אָפּגעענטפערט („אַן ענטפער אויף דעם בריוו פון איינע פאַמיליע־פאָטערס"). ער באַגריסט די מעלדונג פון אַ טייל יידן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון איינ׳גע יידישע מנהגים, און הויבט באַלד אָן צו רעדן אַזוי ווי אַ מיסיאָנער: „איר זייט שוין ניט קעגן קריסטוסן — הייסט דאָס, זייט איר מיט אים. פאַרוואָס־זשע זאָלט איר ניט אָנטאָן קיין קירכליך אויסזעהן גלייך מיט די, וואָס טראָגן קריסטוס' נאָמען?" צי זייט איר ניט אַ געציילג אין נאָמס הענט פאַר אַ גרויסער זאַך? איר זאָגט, איר קאָנט ניט אָנערקענען דעם דאָגמאַט פון „גאָטס זון", איר זאָגט אָבער אויך, אַז איר ווילט ניט בלייבן אינמיטן צווישן יידן און קריסטן. אָבער צו זיין קריסט מוזט איר ווייניגסטנס אָנערקענען דעם סוד פון דער טויף און באַהעפטונג (אין קריסטוס), איר מוזט אויסגיין פונם „היסטאָרישן אמת", אַז קריסטוס איז דער גרינדער פון דער העכסטער מאָראַלישער רעליגיע. איר קאָנט פריי בלייבן אין רעליגיעזע מיינונגען (Lehrmeinungen), וואָס זיי זיינען פאַרשיידן אין דער קירך גופא, אָבער ניט אין דאָגמאַטן (Grundlehren)... דאָס איז אגב — אַזוי זאָגט טעלער — מיין איינענע מיינונג; איך ווייס ניט, צי אַלע מיינע חברים־טעאָלאָגן וועלן מיט מיר מסכים זיין. איך קאָן אייך ניט פאָראויסזאָגן, וואָס פאַר אַ בירגער־רעכט די מלוכה וועט אייך געבן נאָך אייער מעלדונג: דאָס געהערט נאָר צו אַן אַנדער אינסטאַנץ. דער פּראָטעסטאַנטיזם וואַרפט אונטער די קירך דער מלוכה, די מלוכה קאָן אָפּנעמען גלייכבאַרעכטיגונג ביי דער אָדער יענער סעקטע, אפילו ביי אַ קריסטליכער".

די דאָזיגע עפנטליכע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון יידישקייט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט האָט מען

זיך געוויצלט, אַז יידן ווילן האָבן אַ „טרוקענע טויף“, אַ „טויף אָהן טויף־וואַסער“. מ'האָט געראָטן די מחברים פון דעם „בריוו“ זיך אָננעמען מיט מוט און זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַ העלפט וועג. דע־לוק, אַ געטינגענער פּראָפעסאָר, אַ קלעריקאַל, אַ פיינט פון „נאַטוראַליסטן“; האָט אָפּגעדרוקט אַ „בריוו צו די יידישע מחברים“; ער איז אויפגעבראַכט אויף זייער פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם, אויף זייער גלויבן אין „פּראָגרעס“, אויף דער „פאַלשער אומגעלומפּערטער אידיי פון מענשן־רעכט“ — דאָס אַלץ זאָל נאָך דעם פּראָפעסאָרס מיינונג שטאַמען פון מענדעלסאָנען; ס'איז שעדליך פאַרן יידנטום און קריסטנטום גלייך. נאָך איינער האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור „משה און קריסטוס“; ער באַציהט זיך פריינדליך צו דעם יידישן „בריוו צום פּאַסטאָר טעלער“, וואָס אין דעם שפּירט זיך „מענדעלסאָנס איידעלער גייסט“; ער גיט אַן עצה די מחברים פון דעם „בריוו“ טאָן אַ טריט ווייטער און גאָר איבערגיין צום קריסטנטום. „אינאיינעם מיט אייך וועלן מיר גיין דורך די טויערן פון קריסטנטום צו דער רעליגיע פון שכל“. כדי צוגעבן מער חשק, זאָגט נאָך דער אַנאָנימער מחבר צו, אַז „אונזער איידעלער מאָנאַרך“ וועט זיך דערויף אומקוקן.

פון אַ צעהנדליג בראָשורן, וואָס זיינען דעמאָלט אַרויס אין בערלין וועגן דעם „בריוו“ איז באַזונדערס אינטערעסאַנט: „בריוו פון אַ פּרעדיגער מחוץ בערלין“. דער דאָזיגער פאַרשטעלטער „פּרעדיגער“ איז געווען דער גיי־מאָדישער קריסטליכער טעאָלאָג און ראָמאַנטיקער פ ר י ד ר י ך ש ל י י ע ר מ אַ כ ע ר, דער מחבר פון „רעדעס וועגן רעליגיע“, אַ ליבלינג אין די בערלינער יידישע סאַלאָנען, אָבער אַ פּרינציפּיעלער פיינט פון יודאַאיזם. פון דעם יידישן „בריוו“ צו טעלערן וויל ער קיין וועזן ניט מאַכן: דאָס איז פּשוט אַ קונצשטיק פון יידן צו בעסערן זייער רעכטליכע לאַגע, געמאַכט מיט גרויס פּאַראַד. אַזאַ טאַקטיק וועט געווים פאַרדריסן אַזוינע יידישע טוער, וואָס האָבן פריהער געקעמפט פאַר גלייכבאַרעכטיגונג מיט אַנדערע מיטלען. שליירמאַכער ווייס ניט, אָדער מאַכט זיך ניט וויסנדיג, ווער דער מחבר פון דעם בריוו איז, און זאָגט ווייטער אַזוי: „ווי אַזוי דאַרף דאָס פאַרדראָסיג זיין דעם פיינעם פרידלענדערן! אפשר וועט ער אויפהויבן זיין שטים קעגן אַזאַ פעלשונג אין אַן אמת'ער זאַך, ער, וואָס איז אַסך געטרייער מענדעלסאָנס לערע, איידער דער מחבר פון דעם בריוו!“ ניט שיין איז אַזאַ ברען צו אַ נייער אמונה, — מיינט שליירמאַכער — וואָס הינטער דעם שטעקן פּראַקטישע השבונות. היינטיגע צייטן בייט מען רעליגיעס נאָך דעם קורס נאָך, ס'זיינען פאַראַן יידן, וואָס זיינען „גלייך גרייט מל זיין זייערע קינדער אין טויפן זיי“. דער מחבר האָט ווייניג נחת פון יידישן מאַסן־שמד, וואָרום דאָס איז אַ „קריסטנטום אָהן קריסטוסן“: אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט קומען אָן מענשן אָהן גלויבן, וואָס אַהער האָט זיי פאַרטריבן דער פּאָליטישער דרוק. די קירך איז אין סכנה, מ'זאָל זי אָנשטעקן מיט אַ „פאַר־יידישט קריסטנטום“. אום אויסצומיידן אַזאַ סכנה, דאַרף זיך די קירך

משתדל זיין, אַז די רעגירונג זאָל באַזייטיגן דאָס, וואָס טרייבט יידן אויף אַזאַ צביעות, און געבן וואָסערע עס איז בירגער־רעכט די קינדער, וואָס זייערע „פּאַטערס" (די מחברים פון דעם „בריוו") בעטן פאַר זיי און זיינען גרייט דערפאַר אפילו מקריב זיין זייער אמונה. אָבער „נאַטוראַליזירן" יידן האַלט שלייערמאַכער פאַר אוממיגליך, אַזוי לאַנג, ווי יידן זיינען נאָך אַ נאַציע, וואָס האָט זיך אירע אייגענע געזעצן און קוקט נאָך אַרויס אויף משיח׳ן.

וואָס האָט פרידלענדער באַדאַרפט פילן נאָך אַזאַ קלאַפּ פון אַ פאַר־שטעלטן פריינד? פון איין זייט — פּאַסטאָר טעלער, וואָס הייסט זיך דער־לאַנגען די גאַנצע האַנט, קוים האָט מען דער קירך אַ פינגער געוויזן; פון דער אַנדערער זייט — אַ קריסטליכער פילאָזאָף, וואָס דעקט אויף די גאַנצע מיאוס׳קייט פון אַזאַ פשרה מיט דעם אייגענעם געווינסן. צי האָט זיך פריד־לענדער דערמאָנט, אַז פאַר ניין יאָר האָט ער מיט שטאָלץ אָפּגע־וואָרפן די קבצנ׳ישע נדבה, וואָס די רעגירונג האָט זיך געקליבן שענקען יידן מיטן „רעפאָרם־פּראָעקט", און האָט דעמאָלט הויך געהאַלטן דעם פאָלקס־כבוד, וואָס איצט האָט ער דאָס אַזוי דערנידערט אונטער אַ פאַר־שטעלטן נאָמען פון אַ „גרופּע פאַמיליע־פּאַטערס"?... ער האָט געשוויגן. עפּעס איז געבליבן ביים תלמיד פון דעם רבי׳נס גרויסער גייסטיגער ירושה (מענדעל־סאָן האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין משומדים), און דאָס האָט אים אָפּגע־האַלטן פון ווייטערדיגע סקאַנדאַלעזע מעשים. דער פּרוב צו באַשאַפן אַ יידיש־קריסטליכע סעקטע צוליב בירגער־רעכט האָט געפּלאַצט. וואָרום ס׳האָבן זיך גענומען ווייזן אַנדערע מענטשן מיט מער „מוט": אין דעם אויבן־אָן פון דער בערלינער געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמד־עפּידעמיע, פשוט, אָהן קונ־צן און אָהן חרטה־געפילן.

די „פאַמיליע־פּאַטערס" האָבן אינגיכן געהאַט די געלעגנהייט איינצוזעהן, אַז דער האַס צו די יידן שטעקט ניט נאָר אין דעם אַנטאַגאָניזם צווישן יידישער און קריסטליכער אמונה. אין יאָר 1803 האָט זיך אין פּרייסן צעפּלאַ־קערט אַ אומגעהייערע יידנפיינטליכע אַגיטאַציע; דער אויסרייד איז איצט געווען ניט די יידישע אָפּגעשלאָסנקייט, נאָר, פאַרקערט, די מורא פאַרן יידישן אַריינ־דרינגען אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט. דער רעדלפירער פון דעם דאָזיגן ליטעראַרישן אָנגרייף אויף יידן איז געווען אַ נישטיגער געריכט־באַאַמטער אין בערלין, אַ געמיינער אַגיטאַטאָר ג ר אַ ט ע נ ו י ע ר. הינטער אים זיינען, זעהט אויס, געשטאַנען קאָנסערוואַטיוו־קלעריקאַלע קרייזן פון דער דייטשער געזעל־שאַפט; יענע האָט שוין לאַנג באַאומרוהיגט דער פאַר׳עקשנ׳טער יידישער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיגונג, און בפרט, וואָס יידן זיינען נאָהענט געוואָרן צו דעם ליבעראַלן טייל פון פּרייסישער אַריסטאָקראַטיע דורך די רייכע בערלינער יידישע סאַלאָנען. גראַטענויער האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן פּאַמפלעט „קעגן יידן" (Wider die Juden) 1803, טענה׳נדיג, אַז ס׳איז אַ שאַנד צו פאַרקערן

מיט יידן, אַז פון גלייכבאַרעכטיגונג וועלן זיי בעסער ניט ווערן, וואָרום אַ תהום איז צווישן זיי און קריסטן: יידן זיינען אין כלל העסליך, זייער „עלעגאַנטע״ יוגנט — זיינען גאָט־לעסטערער, פראַנטן, אויסבּרענגער, זייערע סאַלאָן־דאַמען זיינען אומדערצויגן, כאָטש זיי חבר׳ן זיך מיט פירשטן און גראַפן. אויף יידן דאַרף נאָך ליגן קין׳ס צייכן: מ׳דאַרף, זיי זאָלן ווידער טראָגן די געלע לאַטע, אַזוי ווי אין מיטלאַלטער, מ׳זאָל זיי וויַיכן, אַזוי ווי אַ מגפה.

גראַטענויערס פּאַמפלעט אויף דער גראָבער גאַסן־שפּראַך האָט געווירקט ווי צינד־שטאָף. אין אַ קורצער צייט זיינען אַרויס זעקס אויסגאַבן, 13.000 עקזעמפּלאַרן. בּערלינער יידישע טוער האָבן תחלת ניט געהאַלטן פאַר נויטיג אָפּענטפערן דעם פּאַסקוויל־שרייבער; אָפּגערעכנט האָבן זיך מיט אים נאָר איינ־צלנע פּערזאָנען: איין ייד האָט אים עפנטליך געגעבן אַ פּאַטש, זיינע קרע־דיטאָרן האָבן דערלאַנגט זיינע וועקסלען אין געריכט. דאָס האָט דעם אַגיטאַטאָר נאָך מער אויפגערייצט. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ צוגאָב צו זיין בראָשור. ער אַליין שטאָלצירט דאָרט מיט דעם נאָמען „המן״ און העצט שטאַרק, מ׳זאָל זיך נוקם זיין אָן יידן. דעם נייעם המן האָט אָפּגעענטפערט קאָסמאַן, אַ פּראָפעסאָר אַ קריסט, מיט אַ בראָשור „פאַר יידן״. דער פאַרטיידיגער איז אָבער געווען אומפּאָרזיכטיג און האָט אָפּגעדרוקט אויפן טיטל־בלאַט אַ לכבוד „די פּרנסים פון בערלינער יידן און אַלע גוטע לייט אָהן אויסנאַם פון רעלי־גיע״, — דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ חשד, אַז דאָ האָבן צו שטעקן פאַראינ־טערעסירטע מענשן. אגב איז קאָסמאַנס אַפּאָלאָגיע אַרויס צו שוואַך; אין בער־לין האָט מען זיך געווערטלט, אַז זי איז שעדליכער פאַר יידן, איידער גראַטענויערס אָנפאַלן. ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַזאַ עפּיגראַם, כלומר׳שט פון אַ יידנס נאָמען:

אַ גראַטענויער האָט מיך באַליידיגט — עס זיי!
אַ קאָסמאַן האָט מיך פאַרטיידיגט — אוי וויי!

דער בּיכער־מאַרק איז ווידער פול געוואָרן מיט בראָשורן פאַר און קעגן יידן. ס׳האָבן זיך אויסגעזוכט כלומר׳שטע „געלערנטע״ פּ א ל צ אָ ו ו און ב ו כ ה אָ ל ק*), וואָס האָבן גענומען באַווייזן מיט ראיות פון „יידישער געשיכטע און תורה״, אַז יידן טויגן ניט און מ׳קאָן זיי אין אַ קריסטליכער מלוכה ניט ליידן. פּאַלצאָוו האָט אפילו אויסגעטראַכט אַ בבא־מעשה, אַז יידן האָבן יום־טוב 280 טעג אין אַ יאָר, ממילא איז דאָס אַ פאָלק ליידיג־גייער. בּוכהאָלץ האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָט דאָס לעסינג געקאָנט זיך באַפריינדן מיט מענדעלסאָנען: ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַ פריינדשאַפט צווישן אַ דייטש, אַ מענש פון דעם בעסטן קריסטנטום, און אַ יידן, וואָס האַלט זיך ביי אַ

*) די וויכטיגסטע ווערק פון יענער פּאָלעמישער ליטעראַטור ווערן געבראַכט צום סוף בוך (קוועלן און ליטעראַטור).

„פיה־רעליגיע". די גאַנצע יידנפראַגע, מיינט בוכהאָלץ, באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען קריסטן פון יידישע הענט; די דאָזיגע מערדער דאַרף מען אַלע אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן און זיי צעשיקן אין דיסציפּלינאַר־באַטאַליאָנען.

די פירער פון דער בערלינער קהלה האָבן דערזעהן, אַז די פּאָלעמיק שמעקט מיט אַ געפערליך העצן דעם המון, האָבן זיי גע׳פועל׳ט ביי דער מאַכט, די צענזור זאָל ניט דערלאָזן דרוקן ניט פאַר, ניט קעגן יידן מחמת דעם „רעש און אומאָרדנונג", וואָס אַזאַ פּאָלעמיק פאַרשאַפט. גראַטענויער האָט זיך געקלאָגט דעם קאַנצלער און אפילו דעם קיניג: אים פאַרמאַכט מען דאָס מויל, אים, וואָס ער וויל ראַטעווען דייטשלאַנד פון יידן, וועלכע „לעבן פון אונז, ניט מיט אונז"; ניין, ער וועט זיין שטרייט ווייטער פירן, וואָרום דאָס „דינט ער דער מלוכה". דעם ליטעראַרישן פּאָגראָם־מאַכער האָט דאָס אָבער ניט געהאָלפן.

נאָך דעם צענזור־פאַרבאָט אין בערלין האָט זיך דער וכוח ווייטער געפירט אויסער בערלין. איינעגע געבילדעטע יידן אין דער פּראָווינץ האָבן זיך אָנגענומען פאַר זייער פאָלק; זיי האָבן פאָרגעלייגט פאַרשיידענע פּראָעקטן, אָפטמאָלס נאַאיווע, ווי צו פאַרענטפערן די יידנפראַגע. איינער אַ קעניגסבערגער ייד האָט אָנגעוויזן אַ רפואה בדוקה: געמישטע חתונות מיט קריסטן; אַן אַנדערער האָט פאַרקערט געוואָרנט יידישע טעכטער פון קענטשאַפט מיט גראַטענויערס אומה. אהרן וואָלפסאָן, אַ שרייבער אין דעם „מאסף" און אַ לערער אין ברעסלוי, איז אַרויס מיט אַן אַפּאָלאָגיע פאַר יידן („ישורון, אָדער אַן אומפּאַרטייאישע באַלייכטונג וועגן אַלע טענות צו יידן", 1804). „אומפּאַרטייאישקייט" האָט ביי דעם מחבר געהייסן אַזאַ זאַך: ער האָט געראַטן דער רעגירונג רעפאָרמירן דעם יידישן לעבנס־שטייגער, צענזורירן דעם תלמוד און די רבנ׳ישע ליטעראַטור און זיי אויסרייניגן פון די פאַר־עלטערטע מיינונגען. קליגער פאַר די אַפּאָלאָגעטן האָבן שוין געשריבן די סאַטיריקער. איינער אַ יידישער שרייבער מיט אַ פאַרשטעלטן נאָמען עפּיפאַן האָט אָפּגעדרוקט אין קעניגסבערג אַ ביכל, וואָס זיין איראָנישער נאָמען ווייזט שוין דעם אינהאַלט; דאָס ביכל הייסט: „אַן אייזערנע ראיה, אַז מ׳מוז באַלד אויס׳הרג׳ענען אַלע יידן־מאַנספּילן און פאַרקויפן יידישע פרויען צו קנעכטשאַפט; אַנדערש קערט זיך איבער די וועלט, דער כלל מענשן, דאָס קריסטנטום, און אַלע מלוכות, — אַ בריוו צום יוסטיץ־קאָמיסאַר גראַטענויער פון דאָמיניק המן עפּיפאַן, אַ שונא־ישראל" (1804). נאָך איינער, ש. י. לעפראַנק, האָט שאַרף אָפּגעענטפערט די יידנפיינט אין זיין ביכל „בעלעראָפאָן, אָדער דער אָנגעשלאָ־גענער גראַטענויער, מיט אַ ווידמונג דעם טייוול" (1803). לעפראַנק האָט גענומען רעדן מיט גראַטענויערן אויף יענעמס לשון, אויף דער גאַסן־שפּראַך. ער שרייבט: „דו באַגייסט אין ליטעראַטור דעם גרעסטן שווינדל, דו פאַרקויפסט אַזאַ געמיינע

בייזווילינע פלוידעריי, געדרוקט אויף פויל פאפיר, צו זעקס גראָשן אַ שטיק, און דו האָסט נאָך די העזה אויפצו־וואַרפן יידן, אַז זיי זיינען שווינדלער; דו פאַרנינסט נישט אַ יידן, וואָס ער רעדט ריכטיג דייטש, וואָס ער טוט זיך אָן ליטישער, וואָס אָפטמאָלס איז ער פאַרשטאַנדיגער פאַר דיר, וואָס ער האָט קיין באָרד נישט, דו זאָלסט אים קאָנען רייסן פאַר איר, וואָס ער רעדט שוין מער נישט קיין פאַרדאָרבענעם דיאַלעקט, דו זאָלסט אים קאָנען נאָכקרימען״. נישט אומעטום האַלט אָבער לעפראַנק אויס דעם טאָן, צומאָל נייט ער איבער צו אַפּאָלאָגיע, און דאָס פירט איבער דעם איינדרוק, ווי למשל אַזאַ פראַזע, וואָס פאַסט כלל נישט פאַר אַן ענטפער אַ נאַסן־שרייבער: „שוין 20 יאָר, אַז יידן מיהען זיך מיט אַלע קרעפטן נעהענטער ווערן צו קריסטן, אָבער ווי אַזוי באַגייט מען זיך מיט זיי דאָרט? וויפיל דינים זיינע האָט שוין דער ייד מקריב געווען, אום זיך צופאַסן צו אייך, און איר ווייזט אים נאָך אַלץ דעם רוקן!״ אין אַזוינע פראַזן הערט זיך אַ קלאָגעדיגע נאָטע פון אויסגעשפּעטער ליבשאַפט, אַ טרויעריגער ווידער־קול פון אַ צייט, ווען די יידישע געזעלשאַפט אין דייטשלאַנד האָט זיך אַזוי פיל געמיהט צו פאַרווישן איר נאַציאָנאַלן טיפּ צוליב דייטשער בירגערליכקייט, און ס׳האָט נישט געהאָלפן.

§ 31. דער קולטור־קריזיס: רעוואָלוציע אין די זיטן, שמד־עפּידעמיע.

הוץ דעם דרוק פון דרויסן האָט נאָך דאָס דייטשע יידנטום איבער־געלעבט אַ שטאַרקן אינעווייניגסטן קריזיס אין לעבן און אין קולטור, כמעט אַ נאַציאָנאַלן צעפאַל. דער קריזיס האָט תּחילת אָנגערירט נאָר דעם אויבן־אָן אין דער יידישער געזעלשאַפט, אָבער ביסלאַכווייז האָט ער דערלאַנגט ווייטער ביז אַראָפּ צו דער מאַסע. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם אַלגעמיינעם קולטור־איבערקער, וואָס דייטשלאַנד האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט. וואָרום נישט געקוקט, וואָס יידן זיינען געווען מיט גוואַלד דערווייטערט פונם פּאָליטישן לעבן, האָבן זיי דאָך געצויגן צו דייטשער גייסטליכער קולטור, פון איר באַאיינפלוסט געוואָרן און אַליין געווירקט אויף איר.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען אויפקלערונג און הומאַניזם פון לעסינג־מענדעלסאָנס תּקופה האָבן אָפּגעטראָטן זייער אָרט געטע־שילערס קלאַסישן ראָמאַנטיזם און זיין דעקאַדענטישער פאַרצווייגונג — שלעגעלס און שלייער־מאַכערס מיסטישן ראָמאַנטיזם. פון דעם גריכישן שיינקייטס־קולט, וואָס דער ווייםאַרער „גרויסער געצנדינער״ האָט ווידער־באַשאַפן, איז געוואָרן אַ קולט פון תּאווה, אַ „פרייהייט פון ליידנשאַפט״. דיזעלבע יאָרן זעהען מיר אין פאַריז פלאַקערן אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע און אין דייטשלאַנד — אַ מאָראַלישע. דער באַרימטער

ראָמאַנטיקער זשאַן־פּאָל ריכטער, וואָס האָט יענע צייט באַזוכט בערלין, שרייבט פון דאָרט: „דאָ איז אַלצדינג רעוואָלוציאָנעריש (אין דער פאַמיליע און געזעלשאַפט), און דער נאָמען ווייב האָט דאָ קיין ווערט ניט. ס׳זעהט אויס, אַז דאָ אין אונזער וועלטל קומט פאַר אַ וויכטיגערע און אַ גייסטיגערע רעוואָלוציע, איידער אין פּאַריז, זי מאַכט אָן אַ חורבן ניט ווייניגער פאַר יענער". אין דער מיט פון דער דאָזיגער זיטן־רעוואָלוציע זעהען מיר דעם אויבן־אָן פון דער בערלינער יידישער געזעלשאַפט, דערהויפּט פרויען.

בערלינער יידישע געבילדעטע קרייזן, וואָס נאָך צו מענדעלסאָנס צייט זיינען זיי נאָהענט געוואָרן צו די קריסטליכע קרייזן, האָבן זיך אַרויסגעשטעלט זעהר פיינפיליג פאַר נייע ליטעראַרישע שטרעמונגען. די ליטעראַטור פון דער „שטורם־און־דראַנג"־תקופה האָט פאַר׳שיכור׳ט, האָט בלינד געמאַכט פאַר דער ווירקליכקייט. אַ זודיגער שטראָם סענטימענטאַליזם און ראָמאַנטיק האָט זיך אַריינגעריסן אין די שטילע שטרענגע יידישע פאַמיליעס. געטעס ראָמאַן „ווערטער", וואָס האָט אויפגערודערט אַזוי פיל פרויען־הערצער, האָט אָנגעמאַכט אַ שטורעם אין די הערצער ביי געבילדעטע יידישע מיידלאַך און יונגע פרויען, וואָס האָבן זיך אָנגעלייענט ראָמאַנען און האָבן ניט געקאָנט מער איבערטראָגן די שטרענגע יידישע זיטן. אין די סאַלאָנען ביי בערלינער יידישע דאַמען, אין די אינטימע „לייען־געזעלשאַפטן" פלעגט מען באַהאַנדלען אַלע ליטעראַרישע נייסן, יעדער נייע ווערק פון געטען, שילערן און דעסגלייכן. שילערס קאָרעספּאָנדענט שרייבט אים אין יאָר 1797: „אויף דעם נייעם מוזן־אַלמאַנאַך קוקט מען דאָ אַרויס מיט מער געשפּאַנטקייט, איידער וואו עס איז. אין בערלינער געבילדעטע יידישע קרייזן, די איינציגע קרייזן, וואו מ׳רעדט אייגנטליך פון ליטעראַטור, זאָגט מען זיכער, אַז איר און געטע באַווייזט זיך אין דעם אַלמאַנאַך גאָר מיט אַ נייעם זשאַנר לידער". שלייערמאַכער שרייבט פון בערלין צו זיין שוועסטער (1798): „ס׳איז גאָר פּשוט, וואָס יונגע געלערנטע און עלעגאַנטע מענער זיינען דאָ אָפטע געסט אין אָנגעזעהענע יידישע הייזער. ווער ס׳וויל נאָר געניסן אַ פיינע געזעלשאַפט מיט פרייע מאַנירן, זעהט אָנגענומען צו ווערן אין אַזוינע הייזער, דאָרט נעמט מען אויף זעהר גערן מענשן מיט טאַלענט".

דער אָנגעזעהענסטער צווישן די בערלינער סאַלאָנען האָט געהערט הענריעטע הערץ, אַ באַרימטער יידישער שיינהייט (1764—1847). אַ טאָכטער פון אַ האַמבורגער דאָקטאָר פון די ספרדים דע־לעמאָס, האָט זי באַקומען אַן עסטעטישע ערציהונג, ווי אַלע יידישע טעכטער אינם געבילדעטן קלאַס. די קענטעניש פון אייראָפּייאישע שפּראַכן, אָנגעלייענטקייט אין דער נייער בעלעטריסטיק, דערצו נאָך אַ זעלטענע שיינקייט — דאָס איז גענוג געווען, זי זאָל אויסנעמען ביי דער געזעלשאַפט. זעהר יונג, צו 16 יאָר, האָט זי חתונה געהאַט פאַר דעם פּאָפּולערן דאָקטאָר און פילאָזאָף מאַרקוס הערץ,

מענדעלסאָנס און קאַנטס אַ תּלמיד, וואָס איז געווען דאָפּלט עלטער פֿאַר איר.
דאָס גאַסטפֿריינדליך הויז פֿון די הערץ אין בערלין איז אין די 80־ער יאָרן געוואָרן
אַ מיטל־פּונקט פֿאַר דאָרטיגער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע. דאָ זיינען געווען
פֿאַרטראָטן צוויי שטרעמונגען: לעסינג־מענדעלסאָנס הומאַניזם (ניקאָלאַי, דאָם,
ראַמלער, טעלער) און די ניי־מאָדישע ראָמאַנטיק (שלייערמאַכער, פֿרידריך
שלעגעל, שאַמיסאָ). דאָקטאָר הערץ האָט געהערט צו דער ערשטער ריכטונג,
זיין יונגע פֿרוי — צו דער אַנדערער. דער מאַן דער פֿילאָזאָף און די ראָמאַנ־
טיש געשטימטע קאָקעטע פֿרוי האָבן זיך זעהר ווייניג אָנגעהערט. די יונגע פֿרוי,
וואָס האָט געהאַט אַרום זיך אַזוי פֿיל פֿאַרערער, האָט דעריבער געצויגן צו אַ
אינטימערן קרייז. פֿון דער פֿאַרשיידנאַרטיגער געזעלשאַפֿט אין איר סאַלאָן האָט
זיך אויסגעבילדעט אַזאַ קרייזל, יוגנט פֿון ביידע געשלעכטער, מיט דעם נאָמען
„טוגענד־בונד". אין צענטר פֿון דעם בונד איז געווען, חוץ הענריעטען, נאָך
אַ יונגע פֿרוי, וואָס איז אויך אומצופֿרידן געווען מיט איר פֿאַמיליען־לעבן.
דאָס איז געווען די קלוגע, טאַלענטפֿולע ד אָ ר אָ ט י י ע מ ע נ ד ע ל ס אָ ן
(1763—1839), דעם באַרימטן מענדעלסאָנס אַ טאָכטער און באַנקיר פֿייטס אַ
פֿרוי. צו דעם קרייז האָבן נאָך געהערט די ברידער הומבאָלט אין זייערע יונגע
יאָרן: דער קינפֿטיגער פּאָליטיקער ווילהעלם און דער נאַטור־פֿאָרשער אלכּסנדר.
אָבער דאָ האָבן זיך אַרומגעדרייט חשוד'יגע מענשעלאַך אויך, אַזוינע, ווי דער
לאָוועלאַס גענץ, דער קינפֿטיגער אַגענט פֿון מעטערניכס רעאַקציע. די בונד־
גענאָסן זיינען געווען זעהר היימיש צווישן זיך, האָבן זיך געזאָגט „דו" און
האָבן געהאַט פֿאַר זייער געהיימער קאָרעספּאָנדענץ אַ ספּעציעלן שיפֿר; אַ שטיק
צייט איז דאָס געווען דער יידישער אלף־בית, וואָס הענריעטע הערץ האָט
אויסגעלערנט דעם פֿאַרליבטן ווילהעלם הומבאָלט. געוויינליכע „מעשים טובים"
איז אין דעם „טוגענד־בונד" געווען קנאַפּ: ס'איז נאָך אָפּגעפֿרעגט, צי האָבן זיינע
מיטגלידער שטרענג געהאַלטן דעם פּונקט פֿון זייער קאָדעקס, וואָס ערלויבט נאָר גייסטי־
גע ליבע צווישן מאַן און פֿרוי. דאָס איז געווען אַ מין שול פֿאַרן „פּראַקטישן
ראָמאַנטיזם", אַ שפּיגל־בילד פֿונם ליטעראַרישן. ניט צופֿעליג זיינען ביידע
נביאים פֿון דער ראָמאַנטיק, שלייערמאַכער און שלעגעל, אינגיכן אַריין אין
דער מיט פֿון דעם „טוגענד־בונד" און האָבן געשפּילט אַ טראַגישע ראָלע אין
לעבן פֿון ביידע הויפּט־פֿיגורן פֿון „בונד", הענריעטע הערץ און דאָראָטייע
מענדעלסאָן־פֿייט.

פֿון אַלע הענריעטע הערצס ראָמאַנען האָט לענגער געהאַלטן איר ראָמאַן
מיט שלייערמאַכערן, אַ פּרעדיגער ביי דער קירך Charité אין בערלין פֿון
יאָר 1796 אָן. אַן אָפֿטער אַריינגייער צו די הערצס און זייער הויז־פֿריינד,
האָט שלייערמאַכער געוואונען הענריעטעס האַרץ מיט זיין לערע — אַ געמיש
פֿון קריסטליכער ראָמאַנטיק און „פֿרייער ליבע". אין בערלין האָט מען אַסך
גערעדט וועגן דער נאָהענטשאַפֿט פֿון דעם יונגן פּרעדיגער און דער יידישער

שיינהייט; ס'איז געווען באַקאַנט אַ קאַריקאַטור, אויף וועלכער דער קליינגעוויקטיגער און מאָגערער שלייערמאַכער שפּאַצירט געאָרעמט מיט דער הויכער, דיקער הענריעטען, און שטעקט ביי איר אַרויס עפּעס ווי פון דער קעשענע. ביידע האָבן אָבער געזיכערט, אַז צווישן זיי איז ניט מער ווי די ריינע פריינדשאַפט. דער ראָמאַן האָט זיך איבערגעריסן אין יאָר 1804, ווען מאַרקוס הערץ איז געשטאָרבן, זיין סאַלאָן האָט זיך פאַרמאַכט, און די אַלמנה אָהן קינדער איז געבליבן ביי אַ קליינער הכנסה פון ירושה. הענריעטע הערץ האָט זיך געהאַלטן אין די דייטשע אַריסטאָקראַטישע קרייזן, אָבער איז נאָך געבליבן ביי דער יידישער אמונה. מ'האָט איר געהאַט פאָרגעלייגט אַ שטעל פון אַ לערערין ביי דער פּרייסישער פּרינצעסין שאַרלאָטע (די קינפטיגע רוסישע קיסר'ין, ניקאָלאַי I פרוי), נאָר בתנאי, זי זאָל זיך טויפן; זי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט: זי האָט ניט געוואָלט מיט איר שמד קרענקען איר אַלטע מוטער. ווי נאָר די מוטער איז געשטאָרבן, האָט זיך הענריעטע געטויפט, געוואָרן אַ לוטעראַנערין (1817), און דערביי איז זי געבליבן ביזן טויט. מיט יידן האָט זי זיך שוין לאַנג איינגעטליך ניט אָנגעקערט: די יידישע אידעאַלן און אינטערעסן זיינען איר געווען פרעמד, דאָס יידישע פאָלק איז ביי איר אין די אויגן געווען אַ „מת”, אַ „מומיע”, אַזוי ווי ביי איר פריינד שלייערמאַכערן. זי האָט זיך איינגעגלויבט אין שלייערמאַכערס דייטשיש־קריסטליכע אידעאַלן, ווי ווייט אַ סאַלאָן־דאַמע האָט זיי געקאָנט פאַרשטיין; זי האָט אויך געהאַלטן, אַזוי ווי שלייערמאַכער, אַז אַ ייד קאָן ניט זיין קיין דייטשער בירגער, אויב ער ווערט ניט קיין קריסט. אַזוי האָט מען זיך אָפּגעוואָרפן פון נאַציאָנאַל־איינגס אין דער פאַמיליע ביי אַ אָנגעזעהענעם גרינדער פון דער השכלה, משה מענדעלסאָנס אַ חבר.

ראָמאַנטישער צויבער און אַסימילאַציע־גייסט האָבן געבראַכט אַ חורבן אין מענדעלסאָנס פאַמיליע אויך. טראַגישער פאַר אַנדערע האָט פּאַסירט מיט זיין עלטסטער טאָכטער, מיט דער גייסטרייכער דאָראָטייע. זי האָט זיך געפילט אומגליקליך מיט איר מאַן, שמעון פייט, אַ בערלינער באַנקיר, און צו 32 יאָר, שוין אַ מוטער פון צוויי קינדער, איז זי זיך צונויפגעגאַנגען מיט דעם פלאַמפייערדיגן ראָמאַנטיקער פרידריך שלעגעל, וואָס זי האָט זיך מיט אים געטראָפן ביי איר פריינדין הענריעטע הערץ אין הויז. שלעגעל, נאָך דעמאָלט זעהר יונג (25 יאָר אַלט), איז שוין באַרימט געווען אין ליטעראַרישע קרייזן אַלס איינער, וואָס זוכט נייע וועגן אין פּאָעזיע, אַ „שטורעם”, וואָס האָט אין זיין קריטיק אָנגעפירט שילערן אַליין. דער ריטער פון דייטשער ראָמאַנטיק און די טאָכטער פון אַ יידישן דענקער זיינען געוואָרן אינטים נאָהענט, זיי האָבן דאָס גאָר ניט געוואָלט לייקענען. דאָראָטייע האָט פאַרלאָזן איר מאַנס הויז און האָט זיך באַזעצט אין איין דירה מיט שלעגעלן, אין בערלין גופא. מיט הענריעטע הערצס הילף האָט זי געקריגן אַ גט פון מאַן. פייט האָט באַוויזן אַזוי פיל האַרץ, אַז ער האָט אפילו אָפּגעלאָזט די קינדער צו דער מוטער און האָט זיי

אַלע באַזאָרגט מיט פּענסיע. אײניגיכן איז אין דער ליטעראַרישער וועלט געשעהן אַ סקאַנדאַל: ס׳איז אַרויס שלעגעלס ראָמאַן „לוצינדע״ (1799), אַ מין עוואַנגעליום פון עראָטיזם און צעלאָזטער זינליכקייט; דער מחבר האָט זיך ניט געשעמט אויפדעקן פאַר דער וועלט די אינטימסטע פּרטים פון זיין פאַמיליע־לעבן. דאָס איז געווען אַ לויב־געזאַנג פאַר ראַפינירטע גלוסטיגקייטן, ליידיג־גייען און „ברענען דאָס לעבן״, דערצו נאָך קינסטלעריש שלעכט באַאַרבעט; די קריטיק האָט דאָס זעהר שלעכט אויפגענומען. אויסגענומען האָט דער ראָמאַן נאָר ביי געצייליטע מענשן, צווישן זיי אויך ביי שלייערמאַכערן, וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַנאָנים „בריוו וועגן לוצינדע״ ביישטייענדיג זיין פריינדס ראָמאַן. אין יאָר 1801 האָט דאָראָטייע אַרויסגעלאָזט איר ראָמאַן אויך, מיט דעם נאָמען „פלאָרענטין״; לויט דער שטימונג נאָהענט צו „לוצינדע״, יאָט ער אָבער ניט אַזוי באַליידיגט דאָס מאָראַלישע געפיל און דעם עסטעטישן געשמאַק. די שלעגעלס האָבן געפירט אַ וואַנדער־לעבן; מ׳האָט זיי געקאָנט זעהן אין בערלין, יענאַ, דרעזדען, לייפּציג, קעלן און פּאַריז; זיי זיינען געווען דערוויטערט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און האָבן געליטן נויט. אין יאָר 1804 האָט זיך דאָראָטייע געטויפט, געוואָרן אַ לוטעראַנערין און האָט פאָרמעל חתונה געהאַט פאַר שלעגעלן. אין עטליכע יאָר אַרום האָט די ראָמאַנטיק פון „צוריק צום מיטלאַלטער״ געבראַכט די פּאָר צו ווערן קאַטוילן. צו דער צייט האָבן זיי זיך באַזעצט אין ווין (1808), וואו שלעגעל האָט באַקומען אַ שטעל אין דער עסטרייכישער הויף־קאַנצעלאַריע. דאָראָטייע האָט דאָרט פאַרבראַכט כמעט דאָס גאָרע איבעריגע לעבן, אָפּפאָרנדיג נאָר פון צייט צו צייט קיין דייטשלאַנד און קיין איטאַליע זעהען זיך מיט די זין, די קינסטלער פייט, וואָס זיינען שוין אויך געווען געטויפט. געשטאָרבן איז זי אין יאָר 1839 אין פראַנקפורט ביים מיין, געהאַט איבערגעלעבט איר מאַן מיט 10 יאָר. איר יינגערע שוועסטער, העגריעטע מענדעלסאָן, וואָס איז געבליבן אַ מיידל און איז געווען אַ לערערין, האָט אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה. משה מענדעלסאָנס עלטערער זון, יוסף, אַ באַנקיר, איז געבליבן אַ ייד (געשטאָרבן אין יאָר 1848); אָבער דער צווייטער זון, אברהם, און אַלע אייניקלאַך מענדעלסאָנס האָבן זיך אויסגע׳שמד׳ט. דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר פעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי איז געווען אברהמ׳ס אַ זון, וואָס האָט זיך געטויפט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.

אַזוי איז באַשערט געווען, אַז דער גאַנצער דור פון דעם השכלה־באַשעפער זאָל אָפּפאַלן פון יידנטום. ביי דער ערשטער דערנעהענטונג צו דער דייטשער קולטור האָט די נעבילדעטע יידישע געזעלשאַפט ניט אויסגעהאַלטן און איז אַנטלאָפן פון איר פאָלק. אָנגעהויבן האָבן פרויען: לויט דער ערציהונג זיינען זיי נאָך ווייניגער פאַר מאַנסבילן געווען פאַרבונדן מיט דער קולטור און מיט די טראַדיציעס פון זייער פאָלק, אויף זיי האָט אויך שטאַרקער געווירקט דער כשוף פון ראָמאַנטיזם. צו די צוויי נעמען: העגריעטע הערץ און דאָראָטייע

מענדעלסאָן דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן אַ דריטער נאָמען פון אַ גייסטרייכער פרוי, וואָס די דייטשע קולטור האָט זי אויסגעריסן בײַ דער יידישער. רחל לעווין (1771־1833), אַ בערלינער גאָלדשמידס אַ טאָכטער, האָט אַסך טיפער און פאַרשטאַנדיגער איבערגענומען די אידעאָלאָגיע פון דער „שטורם־און־דראַנג״־תקופה, איידער אירע פריינדינס. זי איז געווען נאָהענט באַקאַנט מיט געטען, זיין אינדיווידואַליסטישער וועלט־קוק האָט אויף איר געהאַט די פולע שליטה, און זיינע ווערק האָט זי פאַרשטאַנען ווי ווייניג אין דייטשלאַנד. ניט מיט איר באַשיידן, נישטיג אויסזעהן האָט זי אויסגענומען, נאָר מיט איר שאַרפן, טיפן, כמעט מאַנספּילשן שכל; דאָס האָט צו איר געצויגן די געבילדעטע דייטשע געזעלשאַפט. אין איר „סאַלאָן־מאַנסאַרדע״, אַן אויבער־שטיבל בײַ איר פאָטער אין הויז אין בערלין, זיינען אויסגעווען אַסך דייטשע שרייבער, פּאָליטיקער און אָנגעקומענע פּאַרימטהייטן (אַ שטייגער — מאַדאַם סטאַל). רחל אַליין האָט געשריבן ווייניג, זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ זעלטענע פעהיגקייט צו באַגייסטערן יענעם צו שאַפן און אויסצובילדן טאַלענטן אין דעם קרייז, וואָס האָט זיך געפונען אונטער איר השפעה. שפּעט שוין, נאָך עטליכע ליבעס־עפּיזאָדן, האָט זי חתונה געהאַט פאַר איר פריינד, דעם פּרייסישן דיפּלאָמאַט און שרייבער וואַרנהאַגען פאָן־ענזע, און האָט זיך געטויפט (1814). וואָס האָט זי זיך אָנגעקערט מיט יידן? און דאָך פלעגט איר די דאָזיגע אָפּגעריסנקייט אַמאָל ברענגען צו טרויעריגע געדאַנקען: „מיר ווייזט זיך אויס, — שרייבט זי — אַז בעת איך בין אויף דער וועלט געקומען, האָט עפּעס אַן איבערנאַטירליך וועזן אַריינגעשטעקט מיר אין האַרצן אַזוינע ווערטער: האָב אַ שאַרף געפיל, זעה צו די וועלט, ווי ווייניג זיינען דאָס פעהיג צוצוזעהן, זיי גרויס און איידל און אייביג פאַרטראַכט! מ׳האָט אָבער פאַרגעסן צוגעבן: זיי אַ יידיש קינד! איבער דעם גיי איך אָפּ מיט בלוט מיין לעבן לאַנג״. מ׳דאַרף אָבער זאָגן, אַז אין רחל׳ס לעבן האָט זיך זעהר קנאַפּ געפילט דער דאָזיגער קרענקליכער געפיל פון אָפּגעריסנקייט און גייסטיגער צעשפּאָלטנקייט: ביזן סוף האָט זי געלעבט מיט דייטשע פרייד און לייד, מיט דייטשער פּאַטריאָטישער זאָרג בעת די מלחמות מיט נאַפּאָלעאָנען, אָבער מער פאַר אַלץ — מיט דייטשער ליטעראַטור, וואָס אירע בעסטע מייסטער האָט זי געהאַט בײַ זיך אין סאַלאָן. ערשט אויפן טויטן בעט האָט זיך רחל דערמאָנט אָן איר פאָלק; אין אַ צושטאַנד פון עקסטאַז האָבן זיך בײַ איר אַרויסגעכאַפּט אַזוינע ווערטער: „מיט אַנציקונג דערמאָן איך מיין אָפּשטאַם, די קייט פון געשיכטע, וואָס ציהט זיך איבער צייטן און לענדער און פאַרקניפּט די וויטסטע זכרונות פון דער מענשהייט מיט די מעשים פון אונזערע טעג. איך, די אַנטלאָפענע פון מצרים, ווייל דאָ און געפין סימפּאַטיע. דאָס, וואָס האָט מיר אַלע יאָרן אויסגעזעהן ווי די גרעסטע שאַנד, וואָלט איך איצט ניט אָפּגעגעבן פאַר קיין פּרייז״.

זאָל דאָס זיין אַ פאַרשפּעטיגטע חרטה פון אַן אויפגעוועקטן גייסט?

שוועער צו גלויבן! רחל איז געווען אַ געטרייע צוהערערין ביי די דייטשע לי־טעראַרישע נביאים, איר איז אָבער פרעמד געווען דער גייסט פון די אוראַלטע יידישע נביאים. די גאַנצע סביבה, וואָס רחל און נאָך אַזוינע „נייע מענשן" האָבן פון דאָרטן געצויגן די יניקה, האָט געהאַט אַ ווידער־געפיל קעגן יידן און יידישע גייסטיגע הייליגקייטן. געטע, וואָס האָט אויפגעלעבט דעם גריכישן עסטעטיזם, איז לויט זיין עצם וועלט־קוק געווען פיינטליך קעגן עטישן יודאַאיזם. ניט אומזיסט האָט ער פון דער אידעעלער געזעלשאַפט פון „שיינע גייסטער" (אין „ווילהעלם מייסטער") אויסגעשלאָסן יידן, וואָס זיי „לייקענען אין עצם די קוואַל פון אונזער העכסטער קולטור". געטע, דער פאָליטישער קאָנסערוואַטאָר, איז געווען אַן איבערצייגטער קעגנער פון יידישער בירגערליכער עמאַנסיפאַציע. אויף דער יידנפראַגע האָט ער געקוקט מיט די אייגענע אויגן, וואָס זיינע לאַנדס־לייט, פראַנקפורטער פאַטריציער, וואָס האָבן שענדליך געקעמפט קעגן עמאַנ־סיפאַציע (זעה ווייטער § 33). נאָך אַ זייל פון דעמאָלטיגער ליטעראַ־טור, דער פילאָזאָף־נאַציאָנאַליסט פיכטע האָט געפרעדיגט אויסגעשפראָכענע קולטורעלע שנאה צו יידן (אין זיין בוך וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, 1793). יידן זיינען, לויט זיין מיינונג, „אַ פיינטליכע מלוכה, וואָס קעמפט שטענ־דיג מיט אַלע איבעריגע מלוכות". ס'איז געפערליך צו געבן בירגער־רעכט אַזוינע מענשן, וואָס „זייערע מאָראַלישע געזעצן זיינען אונז פרעמד". „ניטאָ קיין בעסער מיטל פאַרהיטן זיך פאַר יידן, ווי אייננעמען ארץ־ישראל און זיי אַלע פאַרשיקן אַהין". מיר האָבן שוין געזעהן, אַז אַזוי האָט געהאַלטן פון יידן שלייערמאַכער אויך, דער האַרץ־פריינד און דער נשמה־פאַרזאָרגער ביי שיינע יידישע דאַמען. די נייע יידישע אינטעליגענץ איז געווען אָנגעזאַפט מיט די אידעאַלן פון די אַלע צייט־גייסטער און האָט ביי זיי איבערגענומען די פאַראַכטונג צום אייגענעם פאָלק. פאַר אַסך אַזוינע איז זייער אָפשטאַם געווען „די גרעסטע שאַנד" זייערע אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געזעהן ביי רחל לעווין.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמד־עפידעמיע. קומענדיג פון אויבן־אָן, איז זי ביסלאַכוויז אַראָפ צו די מיטעלע און נידעריגע שיכטן. מ'האָט זיך געטויפט פאַר „ליבשאַפט צו דייטשער קולטור", פאַר אַ קריסטליכן חתן אָדער אַ כלה, פאַר מאַכן אַ לעבן, פאַר פטור ווערן פון יידישער רעכטלאָזיגקייט אָדער פון אַ אומבאַקוועמער אפוטרופסות. פראָווינציעלע יונגע־לייט און מיידלאַך אין בערלין, פריי פון עלטערנס השגחה, פלעגן דאָ לעבן אַ גוטן טאָג. טאָמער האָבן די פירער פון דער יידישער קהלה אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויף די אויס־ברענגער (זיי האָבן דאָס געמעגט טאָן לויטן געזעץ), פלעגן די „פריידענקער" שרעקן, אַז זיי וועלן זיך טויפן; אָפט פלעגן זיי עס מקיים זיין אויך און דערמיט פטור ווערן פון דער קהלה'ס אפוטרופסות. צוזעהענדיג די אומגעהייערע שמד־פאַרפלייצונג, האָט די בערלינער קהלה גע'פועל'ט ביי דער מאַכט, אַז קינדער און דינער זאָלן זיך ניט טאָרן טויפן אָהן די עלטערנס אָדער בעלי־

בתים׳ם ווילן, און פרעמד־שטעטיגע משומדים זאָל מען אַרויסשיקן אַהיים. מער אײדער אומעטום האָט די שמד־עפּידעמיע געווילדעוועט אין בערלין; פון דאָרטן איז די „מאָדע״ אַריבער אין אַנדערע יידישע קהלות, קעניגסבערג און ברעסלוי. לסוף האָט זיך די פּרייסישע רעגירונג אַרומגעקוקט, אַז די קירך ווערט מיטאַמאָל צו פיג רייך מיט חשוד׳ע גרים, און זי האָט איינגעשטעלט אַ קאָנטראָל. אין יאָר 1810 איז אַרויס אַ קיניגליכער באַפעל, פּאַסטאָרן זאָלן ניט שמד׳ן קיין יידן אָהן אַ שריפטליכן שיין פון פּאָליציי, אַז דער טויף־קאַנדידאַט מיינט דאָס ערליך.

מיט אַ ביטער געפיל האָט געקוקט אויף דער שמד־עפּידעמיע דער טייל יידישער געזעלשאַפט פון פרידלענדערס שניט, וואָס האָט געשטרעבט צו אַסימילאַציע, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביי דער שוועל פון דער קירך, האָט אָבער די שוועל ניט געקאָנט אַריבערטרעטן. אליעזר בן־דוד (בענדאַוויד, 1762—1832), מענדעלסאָנס אַ תלמיד און דירעקטאָר פון דער יידישער „פרייער שול״ אין בערלין, האָט געמיינט איינזעהן, אַז די סיבה פון דער מאַסן־אָפּטריניגקייט שטעקט אין די פאַרעלטערטע פאָרמען פון יידישקייט, וואָס מוזן באַנייט ווערן. ער זאָגט: „מ׳קאָן ניט אויפוואַרפן די משומדים, וואָס די לעבעדיגע פרייליכע קירך איז זיי ליבער פאַר דער עלנטער לאַנגווייליגער סינאַגאָגע״ (1800). דער דאָזיגער בשורה־זאָגער פון די רעפאָרמיסטן האָט זיך בכלל ניט געגאַרט אין זיין דור. אין זיין בוך „צו דער כאַראַקטעריסטיק פון יידן״ (1793, די צווייטע אויסגאַבע 1813) טיילט ער דאָס פאָלק אויף 4 טיילן: א) אָרטאָדאָקסן, פאַרגליווערט אין מצוות, מייסטנס הויך־מאָראַלישע מענשן, אַ מין, וואָס גייט אויס, ווייל אונטערגעבן זיך דעם צייט־גייסט קאָן ער ניט. ב) צעלאָזטע יונגען, מייסטנס גביר׳ישע קינדער, קלערן נאָר פון זייערע תאוות, שפּייען אויף יעדן מאָראַלגעבאָט, שמד׳ן זיך גערן, אָבער קריסטן פאַראַכטן זיי. ג) האַלבגעבילדעטע, פאַרשטייען עפּעס, אַז דער אַלטער שטייגער טויג ניט; די אָרטאָדאָקסן האָבן זיי דערום ניט ליב. ד) געבילדעטע, וואָס זיינען אַזוי ווייט פון דער אַלטער יידישקייט, ווי פון דעם ניימאָדישן אומגלויבן. דער דאָזיגער פערטער גרופּע איז אָנגעצייכנט צו רעפאָרמירן יידישקייט דורך דעם, וואָס זי וועט צוריק אויפשטעלן משה רבינו׳ס „אמונה צרופה״ (ריינע רעליגיע) און וועט באַזייטיגן אַלטע היסטאָרישע „אויסוואוקס״. בענדאַוויד, אַ סאָלידער פילאָזאָף פון קאַנטס שול (אים געהערן איינציגע טראַקטאַטן וועגן גנאָסעאָלאָגיע), איז דאָך געווען אַ שלעכטער היסטאָריקער: די גאַנצע יידישע געשיכטע פון די לעצטע 17 הונדערט יאָר זעהט ביי אים אויס „פאַרצויגן מיט אַ געדיכטער שטאָק־פינסטערניש״, די גאַנצע עוואָלוציע פון יידישקייט איז ביי אים אין די אויגן ניט מער ווי אַ ווילדער פּראָצעס פון אָנהויפן מנהגים און אַבערגלויבנס. דער געדאַנק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ לעבעדיגער נאַציע, מיט אַן אַנטוויקלונג פון סאָציאַלע און גייסטיגע פאָרמען — דער געדאַנק איז אים אַזוי פרעמד, ווי אַלע צוגעשפּיצטע ראַציאָנאַליסטן בכלל.

אין די מיטעלע יידישע קרייזן האָט מען זיך אָנגעשמעקט מיט האַלב־בילדונג, אויבערפלעכיגקייט, מיט פרייהייט פון הפקרות. בלינד צעשטערן אַלע יידישע היסטאָרישע שטיצן — האָט דאָ געהייסן אַזוי גוט ווי באַווייזן העלדנמוט, ווי אַ סימן פון אַ גוטער געזעלשאַפט. „בערלינער מאָדע“ האָט דאָ געהערשט אין אידייען אַזוי גוט ווי אין קליידונג. פריידענקעריי איז דאָ געווען אַ פּאָר צו דער לעצטער שרייעדיגער מאָדע. צו נישטיג זיינען געווען מענדעלסאָנס נאָכקומער, זיי זאָלן זיך אַקעגנשטעלן דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט גע־האַלטן אין איין וואַקסן. קוים האָט ביי זיי געקלעקט קרעפטן צו גרינדן אין בערלין און אין קעניגסבערג אַ יוגנט־בונד מיט דעם נאָמען „געזעלשאַפט פון פריינד“, כּדי צו פאַראייניגן די מעסיגע עלעמענטן אין דער יידישער געזעל־שאַפט אַרום דעם „השכּלה“־אידעאַל (1792). יוסף, משה מענדעלסאָנס עלטערער זון, און יצחק אייכל, מענדעלסאָנס אַ תּלמיד, וואָס האָט אָנגעשריבן זיין לע־בּערס ביאָגראַפיע, זיינען געווען די פירער פון דער געזעלשאַפט. דער דעוויז איז דאָ געווען מענדעלסאָנס געבאָט: „דעם אמת זוכן, די שיינקייט ליבן, גוט זיין צו יענעם, דאָס בעסטע טאָן“. די געזעלשאַפט האָט ניט געהאַלטן ניט פון דער אָרטאָדאָקסיע, ניט פון שמד, קיין אייגענעם מיטלוועג האָט זי אָבער אויך ניט געהאַט אָנצו־ווייזן. איין איינציגע רעפאָרם האָט זי דורכגעפירט: זי האָט אָפּגעשאַפט דעם מנהג באַגראָבן מתים דעם אייגענעם טאָג. די געזעלשאַפט איז דערהויפּט געווען אַ מין חברה פאַר מאַטעריעלער קעגנזייטיגער הילף צווישן אירע מיטגלידער, אייגנטליך אַ קלוב, וואָס איז אָפּגעווען עטליכע צעהנדליג יאָר און האָט אין יידישן גייסטיגן לעבן גאָר ניט מיטגעבראַכט. צו גרויס איז געווען דער חורבן אין דער יידישער נשמה ביי יענעם איבערגאַנגס־דור, אַז ס׳זאָל קאָנען דערגרייכט ווערן עפּעס פּאָזיטיווס; צו שוואַך זיינען געווען די שאַפנדיגע קרעפטן אין אַ צייט פון דורכאויס צעשטערן. די שאַפונגס־אַרבעט פון יידישן גייסט וועט זיך אָנהויבן ערשט שפּעטער, נאָך דעם שווערן קריזיס.

§ 32. רעפאָרמעס אין פּרייסן, דער עדיקט פון יאָר 1812.

דער יידישער צעפאַל אין פּרייסן איז געקומען פון דעם קאָנטראַסט צווישן דעם בירגערליכן און קולטורעלן יידישן צושטאַנד: בעת יידן זיינען מיט־אַמאָל איבערגעגאַנגען פון דער אַלטער קולטור צו נייער, זיינען זיי נאָך אַלץ געבליבן ביי דער אַלטער בירגערליכער קנעכטשאַפט. איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען פּרייסן גופא איז געשטאַנען אין אַ געפאַר צעפאַלן ווערן — איבער דעם אייגענעם קאָנטראַסט צווישן גייסטיגן וואַקסן און פּאָליטישער אָפּגעשטאַנענ־קייט. דאָס לאַנד פון אַבסאָלוטיזם, וואו נאָר די ביוראָקראַטיע האָט געמעגט „טרייבן פּאָליטיק“, האָט באַקומען אַ גרויסע מפּלה פון נאַפּאָלעאָנען (1806—

1807). טילזיטער שלום האָט אויף העלפט פאַרקלענערט פּרייסנס טעריטאָריע (מ'האָט ביי פּרייסן אָפּגענומען כמעט אַלע פּוילישע פּראָווינצן, וואָס זיינען אַריין אין וואַרשעווער הערצאָגטום, און די געגנטן צווישן עלבע און ריין) און האָט דאָס לאַנד אונטערגעוואָרפן נאַפּאָלעאָנס ממשלה. דער דערנידעריקטער פּרייסישער קיניג פרידריך-ווילהעלם III האָט דעמאָלט אָנגעהויבן קלערן איבער-בעטן זיך מיט זיין אייגן פאָלק דורך אינעווייניקסטע רעפאָרמעס. צו דעם רע-גירונגס-רודער זיינען געקומען די ליבעראַלן שטיין און האַרדענבערג און האָבן אָנגעהויבן אַ רעפאָרמאַטאָרישע אַרבעט (1807—1812). מ'האָט אָפּגעשאַפט פּאַנ-שטשינע, פאַרברייטערט די רעכט פון אָרטיגער זעלבסט-פאַרוואַלטונג, אָפּגעשוואַכט דעם אַלטן שטאַנדן- און צעכן-רעזשים. דאָ האָט מען זיך דערמאָנט אָן יידן אויך, דעם געפּלאָגטסטן קלאַס אין פּרייסן. אין יאָר 1808, בעת מ'האָט רע-פאָרמירט די זעלבסט-פאַרוואַלטונג, האָט מען יידן געגעבן וואַלרעכט אין די שטאָטראַטן. קוים געדולדעטע „שוץ-יידן" זיינען מיטאַמאָל געוואָרן שטעטישע בירגער. יידן האָט מען אָנגעהויבן צולאָזן צו די מאַגיסטראַטן און סוחר'ישע גילדיעס. דוד פרידלענדער איז געווען אויסגעקליבן אין בערלינער שטאָטראַט און האָט מיט אַ קינדערשן שטאָלץ געטראָגן זיין נייעם טיטל „שטאָטראַט" (ראַטמאַן).

דערוואַרעמט פון דעם נייעם געזעלשאַפטליכן שטראָם, האָבן בערלינער יידישע טוער מיט דוד פרידלענדערן אויבן-אָן אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו אַרבעטן וועגן גלייכבאַרעכטיגונג. רעגירונגס-קאַנצעלאַריעס האָבן ווידער גענומען מאַכן רע-פאָרם-פּראָעקטן. איין ליבעראַלן פּראָעקט האָט דערלאַנגט אין יאָר 1808 אַ קע-ניגסבערגער יוריסט בראַנד, אַן אָנגעזעהענער טוער אין דער שטאָט-רעפאָרם. בראַנד האָט געפאָדערט גלייכבאַרעכטיגונג פאַר יידן, כדי צו מאַכן אַ סוף מיט זייער נאַציאָנאַלער אָפּגעשלאָסנקייט. ביז איצט — זאָגט ער — איז די יידישע רע-ליגיע געווען די מניעה פאַר גלייכבאַרעכטיגונג, אַזוי האָבן די קעגנער גע'טענה'ט. אָבער אַזאַ קוק לוינט זעהר די יידן, וואָרום אין היינטיגע צייטן פון גלויבנס-פריי-הייט קאָן מען שוין ניט אָפּנעמען קיין רעכט ביי מענשן איבער זייער אמונה; באמת אבער „איז ניט די אמונה, נאָר די נאַציאָנאַליטעט און דער ווילן צו בלייבן ביי דער נאַציאָנאַליטעט — די סיבה וואָס פאַרשאַפט יידן אומפריינדשאַפט ביי קריסטן". פראַנצויזן זיינען זיך מתחתן מיט דייטשן, יידן אָבער ניט. יידן זיינען געבליבן „אַ נאַציע אינמיטן אַ נאַציע" און וועלן אַזוי ווייטער בלייבן אַזוי לאַנג, ביז מ'וועט ניט דערלאָזן קיין געמישטע חתונות מיט אומגעטויפטע יידן; כדי אָבער אַזוינס צו דערלאַנגען, דאַרף מען יידן מאַכן פאַר בירגער. בראַנדס פּראָעקט אויסצוראָטן יידישע אָפּגעשלאָסנקייט דורך גלייכבאַרעכטיגונג האָט גע-פונען אַ שטיק ביים קאָנסערוואַטיוון מיניסטער שרעטער, וואָס בראַנד גופא רופט אים „המן". דער מיניסטער, וואָס האָט שטרענג אַכטונג געגעבן, מ'זאָל היטן די אַלע פונקטן פונם שענדליכן יידן-רעגלאַמענט, איז געוואָרן אַ שטיצער פון דער גלייכבאַרעכטיגונג, ווי נאָר ער האָט דערשפּירט, אַז עס שמעקט מיט

אויסראָטן די יידישע נאַציאָנאַליטעט *). אין זיין באַריכט דעם קריסטליך־האַרציגן קיניג ווייזט ער אָן, אַז מ׳דאַרף האָבן אַ נייע יידישע „קאָנסטיטוציע“, כּדי „אונטערצוגראָבן זייער נאַציאָנאַליטעט“. מ׳דאַרף זיי געבן אַלע בירגער־רעכט, בתּנאַי, זיי זאָלן דערפילן אַלע בירגער־פליכטן. שרעטער האַלט אויך, אַז יידן האָבן שוין „פאַרדינט“, מ׳זאָל זיי צולאָזן צו מיליטער־דינסט; יידן קאָנען צו־נויף קומען דער אַרמיי, וואָס דאַרף פאַרטיידיגן דאָס פאָטערלאַנד. דער קיניג האָט זיך אָבער געוואַקלט, דערהויפּט וועגן מיליטער־דינסט.

דאָס וואַקלעניש איז געוואָרן אויס ערשט נאָך דעם, ווי אָנשטאָט שרעטערן איז אַרויף דער ליבעראַלער קאַנצלער האַרדנבערג. האַרדנבערג האָט געהאַט אַסך באַקאַנטשאַפט מיט דער געבילדעטער יידישער געזעלשאַפט, האָט ער געשטיצט די נייע השתּדלות פון פרידלענדערן און פון דער בערלינער קהלה, מ׳זאָל יידן געבן בירגער־רעכט, בתּנאַי, זיי זאָלן נעמען אויף זיך אַלע בירגער־פליכטן, מיליטער־דינסט אויך (1810). צוויי יאָר האָט מען געאַרבעט איבער דעם עמאַנסיפּאַציע־געזעץ; אין דעם האָט אויך מיטגעטאָן ווילהעלם הומבאָלט, דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר בילדונג און קולטן, דער אַמאָליגער העלד פון יידישע סאַלאָנען **). לסוף האָט דער קיניג אונטערגעשריבן דעם אַקט, וואָס ער איז באַוואוסט מיט דעם נאָמען „עדיקט וועגן דער יידישער בירגערליכער לאַגע“ (דעם 11־טן מערץ 1812).

אין דעם ערשטן פּונקט פון עדיקט הייסט, אַז פּרייסישע יידן, וואָס האָבן דאָ פריהער געלעבט אויף פאַרשיידענע פּריווילעגיעס און קאָנצעסיעס, זיינען „אינלענדער (היימישע) און פּרייסישע שטאַאַטס־(מלוכה־)בירגער“. באַגרעניצן אין וואוינרעכט און באַשעפטיגונג, ספּעציעל יידישע שטייערן און אויסנאַם־געזעצן זיינען אָפּגעשאַפט. יידן זאָל מען צולאָזן צו מוניציפּאַל־שטעלעס און

---

*) בראנד באשרייבט א אינטערעסאנטן געשפרעך זיינעם מיט שרעטערן וועגן דער יידנ־פראגע. ווען בראנד האט אים געזאגט, אז ער ווייס ווי אזוי „צו דערלאנגען א טויט־קלאפ ניט יידן, נאר דעם יידנטום“ (אלס נאציע), האט אים דער מיניסטער געהייסן אנשרייבן אזא פראעקט, כדי צו דערלאנגען דעם קיניג. א ליבעראל און א קאנסערוואטאר זיינען זיך צונויפגעגאנגען אין איין פרטז: צו פארניכטן די יידישע נאציע דורך גלייכבארעכטיגונג. זעה די אקטן ביי גייגערן Geschichte der Juden in Berlin II, 182, און ביי יאלאוויטשן Geschichte der Juden in Königsberg 118—120; דער מחבר, אן אסימילאטאר, פראטעסטירט קעגן דעם „בלבול“, אז יידן זיינען א נאציע.

**) הומבאלט, דער גרויסער אידעאלאג פון ליבעראליזם, האט אויך געהאלטן גלייך מיט אנדערע, אז מ׳דארף צעשטערן די יידישע נאציאנאלע איינהייט. הומבאלט האט ניט געוואלט לייגן די פונקטן אין פראעקט, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דער ארגאניזאציע פון יידישע קהלות און באַשטימען אן אויבער־רב פאר גאנץ פרייסן, ווארום דאס וועט ברענגען דערצו, אז יידן זאלן אינערוויניג שטארקער און אייניגער ווערן, בעת מ׳דארף שטרעבן „יידן זאלן צעברעקלט ווערן און זיך אויסמישן מיט דער גאנצער נאציע“ (דער דייטשער); ער ראט אפילו פראטעזשירן יידישע סעקטן־מאכעריי, ווארום דאס „וועט אפשוואכן דעם צונויפבונד צווישן יידישע סינאגאגעס און קהלות“. זעה שטערנס בוך (אין דער ביבליאגראפיע צום איצטיגן §) ז. 237 א. וו.

צו אַקאַדעמישע אַמטן; די פּראַגע וועגן צולאָזן יידן צו מלוכה־שטעלעס בכלל האָט דער קיניג צוגעזאָגט צו פֿאַרענטפֿערן „מיט דער צייט". יידן האָבן די אייגענע פֿליכטן, וואָס אַלע בירגער, אין דעם גייט שוין אַריין מיליטער־דינסט אויך. אין געשעפֿטליכע פּאַפּירן מוזן יידן נוצן דייטש אָדער אַן אַנדער „לעבעדיגע שפּראַך", אָבער פֿאַר קיין פֿאַל ניט העברעאיש אָדער יידיש. אין דעם לעצטן פּונקט איז געזאָגט, אַז יידישע „רעליגיעזע ענינים" און שול־ערציהונג וועלן רעגולירט ווערן שפּעטער, דערצו וועט באַשאַפֿן ווערן ספּעציעל אַ באַראַטונג מיט אויטאָריטעטע יידישע טוער.

בכן האָט פּרייסן עמאַנסיפּירט אירע יידן — און דאָס איז אויך ניט גאָר — אין 20 יאָר אַרום נאָך דער יידישער עמאַנסיפּאַציע אין פֿראַנקרייך. די שאַנד פֿון רעכטלאָזיגקייט איז פֿון יידן אַראָפּגענומען געוואָרן. מ'קאָן זיך פֿאָרשטעלן די פֿרייד פֿון די באַפֿרייטע, דערהויפּט אין די העכערע יידישע קלאַסן, וואָס האָבן אַזוי קרענקליך געפֿילט דעם שאַנד־שטעמפּל פֿון האַלבע בירגער. די דאָזיגע קלאַסן זיינען אָבער געווען אומפֿריי ביי זיך אינעווייניג: זיי האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף מיט עפּעס אָפּדאַנקען פֿאַר גלייכבאַרעכטיגונג און קודם־כל — מיט אָפּשאַפֿן אין יידישן לעבן אַלע סימנים פֿון נאַציאָנאַלן לעבנס־שטייגער, ס'זאָל קיין שום גרונד ניט זיין אויפֿוואַרפֿן יידן זייער נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקייט. דער אַלטער שתּדלן דוד פֿרידלענדער, פֿאַר'שכּור'ט פֿון נצחון, האָט פֿאָרגעלייגט דער רעגירונג זיין הילף צו רעפֿאָרמירן דעם יידישן גייסטיגן שטייגער, אַזוי, ווי ער האָט דאָס געהאַט אַמאָל פֿאָרגעלייגט דער קירך. באַלד נאָך דעם ווי דער עדיקט פֿון יאָר 1812 איז פֿאַרעפֿנטליכט געוואָרן, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַנאָנים אַ בראָשור „וועגן דער נויטיגקייט צו רעפֿאָרמירן דעם יידישן גאָטס־דינסט אין די סינאַגאָגעס, יידישע שול־בילדונג, לערן־זאַכן און די ערציהונגס־סיסטעם בכלל, מחמת דער נייער אָרגאַניזאַציע פֿון יידישע קהלות אין פּרייסן". דער מחבר האַלט, אַז אָהן אַ סינאַגאָגע און שול־רעפֿאָרם וועט דער קינפֿטיגער דור „איזראַעליטן" ניט קאָנען געניסן אין אַ פֿולער מאָס די געשענקטע בירגער־רעכט; „אָהן אַ קירך־אָרגאַניזאַציע אָבער וועלן די איזראַעליטן ניט קאָנען ווייטער עקזיסטירן". רעפֿאָרמעס זיינען נויטיג אַזוינע: אונזער אַלטער סדור איז פֿול מיט קינות אויפֿן חורבן פֿון אונזער אַלטן פֿאָטערלאַנד און פּאָליטישער פֿרייהייט, אָבער איצט האָבן מיר דאָך באַקומען פֿרייהייט אַלס פּרייסישע בירגער. איצט האָבן מיר נאָר איין פֿאָטערלאַנד: פּרייסן, און פֿאַר אָט דעם פֿאָטערלאַנד דאַרפֿן מיר גאָט בעטן; איין מוטערשפּראַך האָבן מיר: דייטש, די שפּראַך דאַרפֿן מיר איינפֿירן אין דער סינאַגאָגע, וואָרום די שפּראַך קאָן גיכער דערוועקן אין דער נשמה אַ רעליגיעז געפֿיל, איידער די טויטע העברעאישע שפּראַך. דאָסזעלבע זאָל אויך פֿאַרדייטשט ווערן די יידישע שול. דער גרונד־געדאַנק איז דאָ איינער: אַסימילאַציע איז אַ נאַטירליכער אויספֿיר פֿון עמאַנסיפּאַציע.

פרידלענדער האָט דערלאַנגט זיין ביכל, אַלס פּראָעקט פאַר אַ רעפאָרם, זיין פריינד, קאַנצלער האַרדנבערג (אָקטאָבער 1812), יענער האָט דאָס איבער־נעגעבן דעם קולטן־דעפּאַרטאַמענט. דער מחבר האָט געשיקט אַן עקזעמפּלאַר דעם קיניג אויך, ער האָט אָבער באַקומען זעהר אַ קאַלטן ענטפער. דער פרו־מער קיניג האָט מורא געהאַט פאַר אַלערליי נייאיגקייטן; שרייבט ער וועגן פרידלענדערס פּראָעקט אַזוי: „אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן בלייבן ביי יידישקייט, וואָס בעצם האַלט זיך דאָס אויף תּורת־משה, קאָן איך באַוויליגן רעפאָרמעס אין זייער גאָטס־דינסט, רעליגיעזן אונטעררירכט און ערציהונג נאָר אַזוי ווייט, ווי דאָס איז ניט סותר דעם עצם און די יסודות פון דער יידישער אמונה. אויב פרידלענדער מיינט אויך אַזוי, קאָן זיין פּראָעקט צו־נוץ קומען“. האַרדנ־בערג האָט זיך אָנגענומען פאַר פרידלענדערן. ער דערקלערט דעם קיניג מיט צוויי בריוו, אַז דער עדיקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיגונג, וואָס האָט גע־מאַכט יידן פאַר גלידער פונם דייטשן פאָלק, פאָדערט אַ רעפאָרם אין יידישן אינעווייניגסטן לעבן. איצט זיינען שוין יידן מער ניט קיין פיינט פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט, קריסטן וועלן זיי שוין מער ניט פאַראַכטן; יידן דאַרפן איצט גאָט בעטן ניט וועגן משיח׳ן, נאָר פאַר דעם וואויל פונם פריי־סישן קיניג, זייער אויסלייזער און באַשיצער; איינפירן דייטש אין גאָטס־דינסט און אין דער שול — הייסט ניט אָנרירן די יסודות פון תּורת־משה. פרידלענדערס פּראָעקט האָט אויך אַרויסגערופן אַ ליטעראַרישע פּאָלעמיק. דאָס, דער פירער פון דער בערלינער יידישער קהלה, האָט זיך אָנגענומען פאַר תּפלות אויף לשון־קודש און האָט אויפגעוואָרפן פרידלענדערן, אַז ער וויל ברענגען צו אַ רעליגיעזער שפּאַלטונג. דער אַלטער העבראַאיסט שלמה פּאַפּנהיים האָט זיך אָנגענומען פאַר העברעאיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך און פאַר נאַציאָנאַלע תּפלות (1813)... אָבער דער קנאַל פון געוועהר האָט אינגיכן פאַרטויבט דעם אינעווייניגסטן שטרייט: פרייסן צוזאַמען מיט אַנדערע מלוכות האָט אָנגעהויבן איר גרויסע באַפרייאונגס־קריג קעגן נאַפּאָלעאָנען.

דער פּאַטריאָטישער ברען, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט אויך דערהיצט יידישע הערצער, וואָס ערשט נעכטן זיינען זיי געוואָרן בירגער. חוץ מאָביליזירטע רעקרוטן, זיינען עטליכע הונדערט יידן פרייוויליג אַריין אין דער פּרייסישער אַרמיי. יידישע סאָלדאַטן זיינען בייגעוועזן אין אַלע מלחמות פון די יאָרן 1813־1814; אַסך זיינען דער׳הרג׳ט אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער „פעלקער־שלאַכט“ הינטער לייפּציג און ביי וואַטערלאָאָ, אַסך האָבן באַוויזן העלדן־טאַטן און האָבן באַקומען אָרדנס פון אייזערנעם קרייץ; עט־ליכע צעהנדליגער יידן האָבן זיך דערדינט צו אָפיצערן. יידישע פרויען זיינען אַוועק אויפן פראָנט פאַר באַרמהערציגע שוועסטער. יידישע קהלות האָבן גע־געבן גרויסע געלט פאַרן באַפרייאונגס־קריג. אָפט פלעגט מען וועלן אַרויסוויזן פּאַטריאָטיזם, ווייזן, אַז מ׳האָט פאַרדינט עמאַנסיפּאַציע... אָבער דאָס אַלץ האָט

ניט געהאָלפן: די פּאָליטישע רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט נאָך דעם ווינער קאָנגרעס, האָט מיטגעבראַכט קיין פּרייסן אויך אַ רעאַקציע קעגן יידן. די עמאַנסיפּאַציע האָט מען אַרויסגעריסן בײַ פּרייסן אין אַ צושטאַנד פון דערנידערונג און מפּלות, איצט זאָל דאָס פאַר דער באַפרייטער פּרייסישער מלוכה ווערן אַן איבעריגע זאַך. די פאַרשפּעטיגטע גלייכבאַרעכטיגונג פון יידן אין פּרייסן האָט עקזיסטירט סך־הכל דריי יאָר, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אָפּבליהען און אויסגיין; אין לאַנד האָט שוין געשמעקט מיט רעסטאַוראַציע.

§ 33. עמאַנסיפּאַציע אויף אַ ווייל אונטער פראַנצויזישער הערשאַפט (וועסטפאַלן, פראַנקפורט, האַנזאַ).

זעקס יאָר הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנס פּאָליטיק אין דייטשלאַנד (1806—1812) האָבן געבראַכט יידן עמאַנסיפּאַציע אויף אַ ווייל אין די לענדער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער פראַנצויזישער איבער־הערשאַפט. קודם־כל זיינען יידן גלייכבאַרעכטיגט געוואָרן אין דעם אויפגעקומענעם וועסטפאַלער קיניגטום, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט באַשאַפן, נאָך דעם טילזיטער שלום פון יאָר 1807, פון טיילן האַנאָווער, ברוינשווייג, העסן און פּרייסישע געגנטן צווישן עלבע און ריין. אויבן־אָן אין דער דאָזיגער שפּיל־מלוכה איז געווען אַ שפּיל־קיניג זשעראָם באָנאַפּאַרט, נאַפּאָלעאָנס אַ ברודער, וואָס האָט רעגירט לויט דעם דיריזשאָר־שטעקעלע אין פּאַריז. נאָך דעם ווי אין וועסטפאַלער קיניגטום איז איינגעפירט געוואָרן די לאַנד־קאָנסטיטוציע מיט גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער, האָט דער קיניג געגעבן באַזונדער אַ דעקרעט וועגן אָפּשאַפן אַלע באַגרעניצן פאַר יידן (יאַנואַר 1808). דער דעקרעט הויבט זיך אָן אַזוי: „אַלע אונזערע אונטערטאַנען, וואָס האַלטן זיך בײַ תורת־משה, וועלן געניסן אין אונזער מלוכה די אייגענע רעכט און פרייהייטן, וואָס אַלע אונזערע איבעריגע אונטערטאַנען"; אפילו יידן, וואָס וועלן קומען פון אַנדערע לענדער, זאָגט מען צו גלייכבאַרעכטיגונג. דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פון פולער עמאַנסיפּאַציע אויף דייטשלאַנדס ערד.

דער איבערגאַנג פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג בײַ יידן אין וועסטפאַלן. ווען קיניג זשעראָם איז געקומען קיין קאַסעל, זיין רעזידענץ־שטאָט, האָבן אים יידן גאָר שטאַרק באַגריסט. בעת דער אילומינאַציע איז אין אַ פענסטער אין אַ יידיש הויז געווען אויסגעשטעלט אַרעסטאַנטישע הענט־קייטן מיט אַן אויפשריפט: „אונזערע קייטן זיינען צעריסן". אַ יידישע דעפּוטאַציע איז געקומען פערזענליך באַגריסן דעם קיניג. אויבן־אָן אין דער דעפּוטאַציע איז געווען אַן אָנגעזעהענער יידישער טוער ישראל יאַקאָבסאָן פון ברוינשווייג, פרידלענדערס אַ פריינד און אַ מיינונגס־גענאָסע.

ישראל יאַקאָבסאָן, דער פינאַנק־אַגענט בײם ברוינשווייגער הערצאָג קאַרל־פערדינאַנד, איז איבערגעגאַנגען אויף אַ פינאַנק־שטעל צו זשעראָם באָנאַפּאַרט נאָך דעם ווי ברוינשווייג איז געוואָרן אַ טייל פון וועסטפאַלער קיניגטום. יאַקאָבסאָן האָט שוין לאַנג געהאַלטן פונם פראַנצויזישן רעזשים, ער האָט געטרוימט וועגן יידישער עמאַנסיפּאַציע אין דייטשלאַנד אויפן פראַנצויזישן שטייגער און פון רעפאָרמעס אין אינעווייניגסטן יידישן לעבן. פון דער ידיעה, אַז נאַפּאָלעאָן רופט צוזאַמען אין פּאַריז אַ צונויפפאָר פון יידישע נאָטאַבלען, איז ער געקומען אין גרויס התפעלות. ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו דעם קיסר, ער זאָל פאַרשפרייטן זיין גרויסע „רעפאָרמאַטישע טעטיגקייט” אויף יידן אין דער גאָרער וועלט. דער בריוו איז געווען געדרוקט אין צייטונגען; אפשר איז דאָס געווען אַ סיבה צווישן אַנדערע, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל צונויפרופן דעם פּאַריזער סנהדרין. דעם סנהדרינ׳ס רעזאָלוציעס האָבן שטאַרק באַגייסטערט יאַקאָבסאָנען, וועלכער האָט זיך נאָך פריהער אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק ראַטעווען יידן מיט אַסימילאַציע. אין שטעטל זעזען האָט יאַקאָבסאָן געעפנט אַ שול מיט אַ פּאַנסיאָן (1801) פאַר יידישע און קריסטליכע קינדער גלייך: דאָס איז געווען אַ מוסטער־שול, און איר גרינדער האָט דורך איר באַקומען אַ שם פון אַ פילאַנטראָפּ. יאַקאָבסאָנס ליבסטע אידיי איז געווען — יידן זאָלן אויסערליך נאָהענט ווערן צו קריסטן, דער יידישער לעבנס־שטייגער זאָל ווערן גלייך דעם קריסטליכן, מעג דאָס אפילו זיין אַ געמאַכטע זאַך; דער דאָזיגער געדאַנק האָט געבראַכט צו גוטע אויפטוען, אָבער אויך צו מיאוסע פעלער.

דעם 9 פעברואַר 1808 איז צום קיניג זשעראָם אין קאַסעל געקומען אַ יידישע דעפּוטאַציע — 22 פאָרשטייער פון יידישע קהלות אין וועסטפאַלן מיט יאַקאָבסאָנען אויבן־אָן. יאַקאָבסאָן האָט געהאַלטן אַ רעדע; דעם קליינעם ברודער פון נאַפּאָלעאָן דעם גרויסן האָט ער פאַרגלייכט מיט כורש׳ן, וואָס האָט באַפרייט יידן פון גלות־בבל, בעת זיי „האָבן געשמאַכט אונטערן יאָך פון אַ באַרבאַרישער גזזעצגעבונג”. יידן ווילן פאַרדינען די גלייכבאַרעכטיגונג: „זיי ווילן אייך געבן סאָלדאַטן פאַר דוער אַרמיי, סוחרים פאַר די שטעט, אַקער־לייט פאַר די פעלדער”. דער קיניג האָט זעהר האַרציג געענטפערט: „זאָגט אייערע ברידער, זיי זאָלן געניסן די רעכט, וואָס מ׳האָט זיי געגעבן. זיי קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף מיין שוץ גלייך מיט מיינע אַנדערע קינדער”.

די עמאַנסיפּאַציע איז געווען געזיכערט, יאַקאָבסאָן האָט זיך האַסטיג גענומען איינפלאַנצן אין נייעם קיניגטום די פראַנצויזיש־יידישע קאָנסיסטאָריאַלע סיסטעם, וואָס דער פּראָעקט אירער איז קורץ פאַר דעם אויסגעאַרבעט געוואָרן אין פּאַריז. אַ רעגירונגס־קאָמיסיע האָט מיט יאַקאָבסאָנס הילף אויף גיך צונויפגעשטעלט דעם פּראָעקט פאַרן אָרטיגן שטייגער. דעם 31 מערץ 1808 האָט דער קיניג זשעראָם שוין געמעלדעט מיט אַ דעקרעט וועגן אַ נייער אָרגאַניזאַציע פון יידישע קהלות אין וועסטפאַלער קיניגטום. דאָס איז געשעהן אין צוויי

וואָכן אַרום, ווי ס׳איז פאַרעפנטליכט געוואָרן נאַפּאָלעאָנס דעקרעט וועגן יידי־שע קאָנסיסטאָריעס אין פראַנקרייך (§ 24). אינם אַריינפיר צום וועסטפאַלער דעקרעט ווערן דערמאָנט אַזוינע מאָטיוון: „ווי באַלד יידן געניסן פרייהייט צו האַלטן אָפן זייער אמונה, אַזוי ווי אַלע אַנדערע אונטערטאַנען, מוז דער יידי־שער קולט האָבן אויף זיך אונזער השגחה אַזוי ווי אַלע איבעריגע קולטן, ס׳זאָל קיין סתירות ניט אויפקומען צווישן דעם קולט און דער געזעצגעבונג, ווי אויך דער געזעלשאַפטליכער מאָראַל, וואָס זי דאַרף זיין דער וועג־ווייזער פאַר מענטשן און אויסבילדן אין פּאָליטישע געזעלשאַפט. יידן דאַרפן אויפהערן זיין אַ קאָרפּאָראַציע־פאַר זיך, זיי דאַרפן צעגיין אין דער נאַציע אַזוי ווי אַלע אונזערע אונטערטאַנען פון פאַרשיידענע אמונות, וואָרום זיי זיינען אַ גליד פון דער נאַציע". לויט דעם דעקרעט זאָל אין דער רעזידענץ, אין קאַסעל, ווערן אַ רעליגיעזע קאָנסיסטאָריע מיט אַ פּאַרזיצער, דריי רבנים און צוויי געבילדעטע בעלי־בתים. אויף אויסצוהאַלטן די קאָנסיסטאָריע זאָלן געבן די קהלות, ניט די רעגירונג. די קאָנסיסטאָריע האָט צו זאָגן אויף אַלע גייסטיגע ענינים פון די קהלות, ממילא אויף „רעליגיעזן למוד" אויך, אַזוי ווי אין פראַנקרייך. די קאָנ־סיסטאָריע דאַרף אויך זעהן, אַז רבנים און לערער זאָלן „פּרעדיגן, מ׳זאָל פאָלגן די געזעצן, בפרט בנוגע צו פאַרהיטן דאָס פאָטערלאַנד: זיי זאָלן לער־נען, אַז מיליטער־דינסט איז אַ הייליגער חוב, און ווער עס טוט דאָס, איז פריי פון אַלע מצוות, וואָס מען קאָן זיי ניט אויספירן אין דער דינסט".

סוף יאָר 1808 האָט זיך געעפנט די קאָנסיסטאָריע אין קאַסעל. די רע־גירונג האָט געמאַכט פאַרן פּרעזידענט ישראל יאַקאָבסאָנען, כאָטש ער האָט ניט געהערט צו די כלי־קודש, און פאַר גלידער — דריי רבנים און צוויי געביל־דעטע וועלטליכע יידן (איינער פון די צוויי איז געוועזן דוד פרענקל, אַ לע־רער אין דעסוי, אַרויסגעבער פון אַ פּראָגרעסיוון יידישן זשורנאַל אויף דייטש „שולמית"). די אַלע גלידער האָט יאַקאָבסאָן אָנגעוויזן, ער איז געוואָרן דער גאַנצער בעל־הבית אין דער נייער אינסטיטוציע. ער האָט באַשטעלט אַ שטעמפּל פאַר דער קאָנסיסטאָריע: „די קיניגליכע וועסטפאַלישע קאָנסיסטאָריע פון משה׳ס רעליגיע"; אַליין האָט ער זיך אָנגעטאָן אין אַ פּרעזידענטישער פאַראַד־קליידונג: אַ מאַנטיע פון שוואַרץ געוואַנט אויסגענייט מיט גאָלד מיט די עשרת־הדברות אויף דער ברוסט. די קאַסעלער קאָנסיסטאָריע איז געוואָרן אַ מיניסטעריום פאַר יידישע גייסטיגע ענינים, זי האָט געגעבן דעקרעטן, וואָס האָבן רעגולירט דאָס אינעווייניגסטע יידישע לעבן אין קיניגטום *). יאַקאָבסאָן האָט זיך גענומען האַסטיג רעפאָרמירן דעם יידישן רעליגיעזן און קהלה׳שן שטייגער. ווי ס׳איז אַרויסצוזעהן פון זיינעם אַ מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג,

---

*) אין יאר 1808 האט זיך אין קיניגטום וועסטפאלן גערעכנט ביז 15 000 יידישע נפשות. די יידישע באפעלקערונג האט אבער געהאלטן אין איין וואקסן: אהער פלעגן קומען אסך יידן פון אנדערע דייטשע לענדער צו געניסן דא יידישע גלייכבארעכטיגונג.

האָט ער געהאַלטן, אַז נאָר אַזאַ רעפאָרם איז אימשטאַנד צו פאַרהיטן די יידי־שע קהלה און דעם גאַנצן יונגן דור פאַר ווייטערדיגער דעמאָראַליזאַציע. אין דעם דייטשן יידישן קבוץ האָט ער צוגעזעהן צוויי עקסטרעמען: אויף איין זייט איז די שטרענג אָרטאָדאָקסאַלע מאַסע, וואָס האַלט הייליג די אַלע אָבגעלעבטע פאָרמען אין דער רעליגיע און אין לעבנס־שטייגער; אַקעגן ווידער — האָט זיך דער יונגער דור אָנגעשמעקט מיט אייראָפּייאישער בילדונג, צומאָל זעהר אויבן־אויף, און ער טוט זיך גאָר אויס פון דער פאָלקס־אמונה, אָדער ער שטייט צו צו דער מחנה פוסטע פראַנטן, צעלאָזטע אוממאָראַלישע פאַרשוינען, ניט צו יידן ניט צו קריסטן, וואָס זיי פאַר׳מיאוס׳ן דעם געדאַנק וועגן בילדונג ביי דער קאָנסערוואַטיווער מאַסע אין די אויגן. אין פראַנקרייך — אַזוי זאָגט יאַקאָבסאָן אין זיין מעמאָראַנדום — גייט די יידישע אויפלעבונג אַ זיכערן וועג: פריהער האָט די רעוואָלוציע גלייכבאַרעכטיגט יידן און האָט גלייך געמאַכט אַלע רעלי־גיעס; אָבער צו דעם קאָנווענטס צייט האָט די רעוואָלוציע גאָר אָפּגעשאַפט אַלע רעליגיעס. איצט איז געקומען נאַפּאָלעאָן, דער אויפטוער פונם פאַריזער סנהדרין, און טוט צו אָרגאַניזירן דעם יידישן קולט; די דאָזיגע פראַנצויזישע סיסטעם צו רעפאָרמירן יידישע קהלות איז אַם בעסטן אָנגעמאָסטן פאַר וועסט־פאַלער קיניגטום.

בכן האָט קאַסעלער קאָנסיסטאָריע אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן איין צירקולאַר נאָכן אַנדערן: אַ צירקולאַר וועגן רעכט און פליכטן פון רבנים און פּרנסים, אַ צירקולאַר וועגן מנינים, שולן און לערער. געפירט האָט זי זיך אויף נאַפּאָ־לעאָנס שטייגער: זי האָט געהייסן ענדערן פאַרשיידענע רעליגיעזע מנהגים, דער־הויפּט אַזוינע, וואָס קערן זיך אָן מיט בירגער־אַקטן. אויפן סמך פון אַ קיניג־ליכן דעקרעט האָט די קאָנסיסטאָריע גע׳פסל׳ט חתונות און גט׳ן, וואָס צו זיי זיינען פריהער ניט געמאַכט געוואָרן געהעריגע אַקטן אין די אָפיציעלע בירגער־ליכע אינסטיטוציעס; זי האָט פאַרווערט שטעלן אונטערן פרייען הימל חופה און אייניגע פאַרצייטיגע חתונה־צערעמאָניעס. די קאָנסיסטאָריע האָט געמאַכט פאַר אַ פליכט רעליגיעזע „קאָנפירמאַציע" (בר־מצוה) אין שול: פאַר יינגלאַך צו 13 יאָר, פאַר מיידלאַך צו 12 יאָר, נאָך דעם מוסטער פון פּראָטעסטאַנטישער קאָנ־פירמאַציע, מיט אַן עפנטליכן עקזאַמען אין קאַטעכיזיס, מיט רעדעס און מיטן רב׳ס אַ דרשה. דער דאָזיגער נייער איינפיר האָט שוין אויפגערודערט די אָר־טאָדאָקסן, אָבער נאָך מער זיינען זיי אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער קאָנסיס־טאָריעס אויפטוען וועגן בתי־מדרשים. כּדי איינצופירן איין סדר פון גאָטס־דינסט, האָט די קאָנסיסטאָריע פאַרווערט דאַוונען בצבור אין פּריוואַטע מנינים; אַלע יידן אין אַ שטאָט האָבן געזאָלט דאַוונען נאָר אין איין אָפיציעלער שול לויט אַ נוסח און אַ סדר, וואָס די קאָנסיסטאָריע האָט אָנגעוויזן. דערביי האָט מען אַרויסגעוואָרפן אייניגע תּפלות און אָפּגעשאַפט אייניגע מנהגים. די קהלות זיינען שטאַרק אויפגערודערט געוואָרן און האָבן זיך געקלאָגט פאַר דער רעגירונג אויף

דעם אומרעכט, וואָס ווערט דאָ באַגאַנגען קעגן געוויסנס־פרייהייט. אָבער יאַקאָב־סאָן האָט גע׳פועל׳ט ביים קיניג (יולי 1811) אַ דעקרעט, וואָס ניט גערעכט דער קאָנסיסטאָריע ווענן דעם פאַרבאָט צו דאַוונען אין אומרעפאָרמירטע מנינים. אויף אַזאַ ביוראָקראַטישן וועג איז דורכגעפירט געוואָרן די שול־רעפאָרם אויך. די קאָנסיסטאָריע האָט באַפוילן עפענען אין יעדער שטאָט צו איין שול; דעם למוד פון רעליגיע און העברעאיש זאָל לערנען אַ ייד, אַלגעמיינע למודים („דייטשישער למוד") זאָל לערנען אַ קריסט. אַלטע חדרים זיינען פאַרבאָטן. אין יאָר 1810 האָט מען אין קאַסעל געעפנט די ערשטע אָנפאַנגס־שול פון דעם נייעם שניט און אַ לערער־סעמינאַר. די אַלע רעפאָרמעס האָבן טייער געקאָסט, און דער קהלה־שטייער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די שווערע שטייער־לאַסט און די אומצופרידנקייט מיט די נייע איינפירן האָבן געבראַכט דערצו, אַז יידישע קהלות האָבן זיך געקלאָגט פאַרן קיניג: זיי האָבן געבעטן אָפּשאַפן די קאָנסיסטאָריע, וואָס קאָסט צו טייער און פאַרגרינגערן די לאַסט פון ספּעציעלע שטייערן, וואָס יידן מוזן צאָלן חוץ אַלגעמיינע מלוכה־שטייערן.

דאָס וועסטפאַלער קיניגטום אויף אַ ווייל האָט שוין אָבער געהאַלטן ביים סוף: ס׳איז געפאַלן צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָנען; דערמיט איז אויך געפאַלן די גאַנצע יידישע נייע אָרגאַניזאַציע. ניט לאַנג האָט דאָ געדויערט די יידישע עמאַנציפּאַציע; קוים 6 יאָר האָט דער וועסטפאַלער ישוב פון גלייכבאַרעכטיגונג עקזיסטירט אין דייטשן מדבר. צוואַנציג טויזנט יידן האָבן פריי אָפּגעאָטעמט די קורצע צייט: פון „געדולדעטע" און „שוץ־יידן" זיינען זיי געוואָרן בירגער. אַסך האָט געצויגן צו דעם פרייהייטס־פייערל; פון די אָפּגעשטאַנענע דייטשע לענדער האָבן זיך אַסך רעכטלאָזע יידן איבערגעצויגן קיין וועסטפאַלן. ניט לאַנג האָבן אויך געדויערט די אינעווייניגסטע יידישע רעפאָרמעס, וואָס יאַקאָבסאָן האָט פאַרגענומען. אגב האָבן זיי באַדאַרפט פאַלאַצן, ווען אפילו ניט דער פאָליטישער קריזיס. יאַקאָבסאָן האָט געוויס געהאַט אַ גוטן מיין: מיט רעפאָרמעס האָט ער געוואָלט צופוצן דאָס יידישע גייסטיגע לעבן, דאָס זאָל האָבן מער חן ביי דעם נייעם דור „געבילדעטע" יידן, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אַלטפרענקישע יידישע מנהגים און זיטן. אָבער דאָ איז געווען נאָך אַ מיין: איבערמאַכן אויפן דייטשן שטייגער די סינאַגאָגע, די שול, די קהלה־אָרגאַניזאַציע, כדי יידן זאָלן אויסזעהן ווי דייטשן. יאַקאָבסאָן האָט ניט פאַרשטאַנען די טיפע סיבות, וואָס רייסן אָפּ דעם יידישן געבילדעטן קלאַס פונם יידישן כלל, האָט ער זיין גאַנצע מיה און האָפנונגען אַריינגעלייגט אין רעפאָרמירן דעם אויסערליכן צערעמאָניאַל, וואָס ער האָט נאָך דערצו געטאָן ביד חזקה. ער האָט געמאַכט פון דער קאָנסיסטאָריע אַ רעפאָרם־פאַבריק; די רעפאָרם־סחורה האָט מען אָנגעוואָרפן די קהלות מיט גוואַלד און זיך ניט ווייסנדיג געמאַכט אויף די פראָטעסטן פון אומצופרידענע. יאַקאָבסאָן האָט ניט פאַרשטאַנען קיין רעפאָרם, וואָס זאָל שטימען מיט דער אַנטוויקלונג פונם פאָלק און זאָל האָבן וואָרצלען אין

דער היסטאָרישער סביבה, אַזוי, ווי דער גרעסטער טייל טוער פון יענער רע־וואָלוציאָנערער תקופה האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען. ער האָט אויך געלייקנט די אידיי פון יידישער נאַציע, אַזוי, ווי פרידלענדער און אַנדערע פירער פונם „נייעם יידנטום" האָבן דאָס געטאָן; זיין גאַנצע אַרבעט איז געווען צו מאַכן אַ פשרה צווישן אומגלויבן און צוגעפּוצטער רעליגיע לויט דער לעצטער מאָדע.

נאָך ווייניגער איידער אין וועסטפאַלן האָט די עמאַנסיפּאַציע געדויערט אינם אַלטן נעסט פון רעכטלאָזיגקייט — אין דער אימפּערישער פריי־שטאָט פראַנקפורט אם מיין. דאָ איז די פרייהייט אויף אַ ווייל נאָך שווערער אָנגעקומען. ביז נאַפּאָלעאָנס אריינקומען איז פראַנקפורטער געטאָ געווען דער פעלד פון מיטלאַלטער אין אַ שטורעמדיגן ים פון נייער צייט. די אָליגאַרכיע פון פּאַטריציער, וואָס האָבן רעגירט איבער דער שטאָט, האָט ניט געוואָלט הערן פון קיין נייע אויפטוען. די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ האָבן געקלאַפּט אין די טירן צו אַלע איראָפּעאישע קאָנגרעסן (§ 28), מ'האָט זיי אָבער ניט געעפנט־פערט. דערווייל האָט זיך אין געטאָ גופא גענומען עפּעס רירן: דער פריי־גייסט האָט גענומען שפּאַרן דורך די לעכער, וואָס די בערלינער השכלה האָט דורכגע־בראָכן, און האָט געוועקט צו אַ ניי לעבן. אַ גרופּע אויפגעקלערטע פראַנקפורטער יידן האָבן געגרינדעט אַ גימנאַזיע „פילאַנטראָפּין" צו ערציהען יידישע קינדער אין אַ היינט־וועלטיגן גייסט (1804); די נייע אינסטיטוציע איז געוואָרן אַ פעסטונג פאַר דער רעפאָרם. ס'זיינען אָנגעקומען ידיעות פון דער דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג אין פאַריז, און פראַנקפורטער משכילים זיינען ביי זיך שטאַרקער געוואָרן, בפרט נאָך, אַז דאָסזעלבע יאָר (1806) האָט נאַפּאָלעאָן גענומען דייטשלאַנד אין די הענט און האָט געגרינדעט דעם „ריין־בונד" מיט פראַנקפורט אין צענטר. פון פראַנקרייך זיינען געקומען האָפנונגען אויף עמאַנסיפּאַציע; פונם געטאָ האָט מען געענטפערט מיט לויב־געזאַנגען דער באַפרייאונג. אין פראַנקפורט איז געוואָרן אַ פּראָגרעס־ווער פאַרבאַנד פון 250 קהלה־גלידער, וואָס האָט געוואָלט אַריבערטראָגן קיין דייטשלאַנד פראַנצויזישע רעפאָרמעס. אין נאָוועמבער 1806 האָט דער פאַרבאַנד געשיקט אַ באַגריסונגס־אַדרעס דער יידישער דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג אין פאַריז. אין דעם אַדרעס האָט מען געריממט און געלויבט די איידלקייט פון דער פראַנצויזישער נאַציע, „וואָס האָט צעריסן די קייטן פון אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי לאַנג געפּלאָגט געווען", די חסדים פון דעם „אומשטערבליכן נאַפּאָלעאָן", וואָס האָט צונויפגערופן די בעסטע מענשן ביי יידן „אָפּצורייניגן אונזער רעליגיע" און די „קלוגע תשובות", וואָס די פאַריזער פאַרזאַמלונג האָט געגעבן אויף נאַפּאָלעאָנס פראַגן. דאָ האָט מען זיך אויך געוואונשן, אַז „דער שיינער מוס־טער, וואָס פראַנקרייך האָט געוויזן, זאָל איבערגענומען ווערן אויף יענער זייט פראַנצויזישע אימפּעריע אויך". די דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג האָט אויסגעהערט דעם אַדרעס גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ס'האָט זיך שוין געקליבן דער „גרויסער סנהדרין"; דער פאָרזיצער פורטאַדאָ האָט געענטפערט נאַפּאָלעאָנס חסידים אי־

דייטשלאַנד מיט ענליכע אויסדרוקן. אין צוויי חדשים אַרום האָבן שוין פאָר־שטייער פון פראַנקפורטער קהלה (דער רב שלמה טריר און יצחק הילדעסהיים) געהאַט דאָס גליק צו זיצן אין פאַריזער סנהדרין. אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען האָבן פראַנקפורטער דעפוטאַטן געמעלדעט, אַז זייער קהלה שטייט צו נאָר און גאָר צום סנהדרינ׳ס באַשלוסן; זי איז גרייט זיי צו פאָלגן „נאָך דעם ווי אונזער רעגירער וועט זיי באַוויליגן און אונזערע ברידער וועלן גענים די איינענע בירגער־רעכט, וואָס יידן אין פראַנקרייך און אין איטאַליע”. אין אַזאַ מעלדונג איז אָפן געזאָגט, אַז די אינעוויינִיגסטע יידישע רעפאָרם איז אַ סילוק פאַר עמאַנסיפאַציע; דאָס פראַנקפורטער עולה־רגל־זיין קיין פאַריז האָט דאָ באַקומען דעם ריכטיגן אויסטייטש.

דער פראַנקפורטער רעגירער, וואָס די דעפוטאַטן דערמאָנען אים, דאָס איז דער געוועזענער מיינצער קורפירשט קאַרל דאַלבערג, וואָס נאַפאָלעאָן האָט אים געמאַכט פאַר אַ הויפּט פון ריין־בונד. אַ ליבעראַלער מענש אין פראַנצוי־זישן סטיל, איז ער גרייט געווען אָפּצושאַפן דעם שענדליכן געטאָ־רעזשים, אָבער ביי דער פראַנקפורטער שטאָט־אָליגאַרכיע, ביי די קאָנסערוואַטיווע פאַט־ריציער און בירגער האָט מען געקאָנט פועל׳ן ניט מער ווי נישטיגע הנחות. דעם 30 נאָוועמבער 1807 איז אַרויס אַ נייער רעגלאַמענט פאַר פראַנקפורטער יידן, וואָס האָט זעהר ווייניג געענדערט דעם פריהערדיגן רעזשים. דער יידישער קוואַרטאַל איז פאַרברייטערט געוואָרן, אָבער ניט אָפּגעשאַפט; די צאָל פאַמיליעס אין פראַנקפורט טאָר ניט זיין מער פאַר דער אַלטער נאָרם (500); חתונה האָבן מעג מען נאָר, אויב ס׳איז פאַראַן „אַ וואַקאַנסיע” אין דער נאָרם. אַסך האַנדלס־צווייגן זיינען נאָך יידן פאַרווערט, פריי איז פאַר זיי נאָר מלאכה און שול־בילדונג. פאַר אַזוינע „פּריווילעגיעס” זאָל פראַנקפורטער יידישע קהלה צאָלן דער שטאָט אַ גרויסע סומע שוץ־געלט: 22.000 גולדן אַ יאָר. התמ׳עדיג דעם דאָזיגן אַקט, האָט דער פירשט־פרימאַס דאַלבערג צוגעשריבן: מיט דער צייט לאָזט זיך דער אַקט ענדערן „לויט דעם גייסט פון דער צייט”, אָדער ס׳וועלן נאָך אָפּגעשאַפט ווערן אַלע באַגרעניצן, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין דעם אַקט.

פראַנקפורטער יידן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט „ישועות ונחמות” פונם פראַנצויזישן פּראָטעקטאָראַט, האָבן זיך געפילט אָפּגענאַרט מיט דעם נייעם רעגלאַמענט. די פּראָגרעסיסטן האָבן געמאַכט אַ פּראָטעסט. די נייע פּרנסים פון דער יידישער קהלה, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעשטעלט, האָבן ניט געוואָלט פאַרטרעטן די אַמטן. אַ דעפוטאַציע פון דער קהלה איז געקומען צום פירשט פּרימאַס קיין פאַריז און האָט אים דערלאַנגט אַ פּראָטעסט־פּעטיציע מיט הונדערטער חתימות. אין דער זאַך האָט זיך אַריינגעלייגט ישראל יאַקאָבסאָן, דער פירער פון די עמאַנסיפּירטע וועסטפאַלער יידן. ער האָט דערלאַנגט דעם פּרימאַס אַן „אונטערטעניגסטן ראַפּאָרט”: דער פּרימאַס זאָל גיין אויפן וועג פון נאַפּאָלעאָן, דעם „העלד פון אונזער צייט”, און זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם

רעשט ווילדקייט, וואָס איז אַ שאַנד פאַר פראַנקפורטער געזעצגעבונג (אָנהויב יאָר 1808). ס'האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם אַלטן יידן־רעגלאַמענט און איז אַרויס מיט אַנאָנימער בראָשור קעגן יאַקאָב־סאָנס געדרוקטן ראַפאָרט. געטע, דער גרויסער פראַנקפורטער, דער פירשט פון פאָעזיע און דער פאָעט פון פירשטן, האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דעם שטרייט. אויף דער גרויסער הויך פון געדאַנק האָט זיך געטע ניט געקאָנט באַפרייען פון די אידעאַלן פון זיין פריווילעגירטן קלאַס: זיינע סימפאַטיעס זיי־נען געווען מיט די באַדריקער. ווי ס'איז אַרויסצוזעהן פון פריוואַט־בריוו, האָט ער געהאַלטן, אַז די נייע פראַנקפורטער „קאָנסטיטוציע” טוט רעכט, וואָס זי „טראַקטירט זיי (יידן) אַלס אמת'ע יידן און געוויזענע קייזערס קאַמער־קנעכט”. געטע שרייבט אין אַ בריוו אין אַ פרייליכן קאַלאַמבור־טאָן: „ס'איז מיר געווען זעהר צום האַרצן, וואָס מ'האָט אַזוי קונציג אָפגע'פטר'ט דעם דאָזיגן פינאַנץ־ראַט, דעם יאַקאָבינישן איזראַעלסאָן” (אַ קאַלאַמבור־איבערמאַכונג פון ישראל יאַקאָבסאָנס נאָמען). די פעטיציעס און די פראָטעסטן פון די עמאַנסיפאַציע־שטרייטער האָבן די ערשטע צייט טאַקע ניט געמאַכט קיין איינדרוק.

געענדערט האָט זיך די לאַגע ערשט אין יאָר 1810, ווען ס'האָט זיך ענדגילטיג קאָנסטיטואירט דאָס גרויסע פראַנקפורטער הערצאָגטום מיט דעמזעלבן פירשט־פרימאַס אויבן־אָן (דאָס הערצאָגטום איז באַשטאַנען פון דער אימפערישער שטאָט פראַנקפורט מיט טיילן פון מיינצער קורפירשט־לענדער און איינינע געגנטן ביים ריין). אין די גרונד־געזעצן פון הערצאָגטום איז געווינטליך גע־שטאַנען, אַז אַלע בירגער זיינען גלייך אַקעגן דעם געזעץ, פונדעסטוועגן האָט מען זיך ניט געאיילט גלייכבאַרעכטיגן יידן. די בירגער האָבן זיך אָנגעהויבן דינגען מיט יידן, ווי גרויס זאָל זיין די גלייכבאַרעכטיגונג און וואָס זאָלן יידן באַצאָלן דערפאַר. דער פירשט־פרימאַס קאַרל, איצט שוין גרויס־הערצאָג, איז באַשטאַנען געבן יידן גלייכבאַרעכטיגונג, בתנאי, אַז די פראַנקפורטער יידישע קהלה זאָל באַצאָלן דער שטאָט 440.000 גולדן, ד. ה. אַ צוואַנציג־פאַכיגן באַ־טרעף, וואָס יידן פלעגן פריהער צאָלן שוץ־געלט אַ יאָר און וואָס די שטאָט ווערט איצט אָן. יידן האָבן צוגעשטימט, און מ'האָט געשלאָסן דאָס געשעפט. דעם 28־טן דעצעמבער 1811 איז פאַרעפנטליכט געוואָרן דעם הערצאָגס אָן עדיקט, אַז דער פונקט וועגן בירגער־גלייכקייט אין די גרונד־געזעצן גילט פון היינט אָן פאַר פראַנקפורטער יידן אויך, ס'ווערן אָפגעשאַפט אַלע פריהערדיגע באַ־גרעניצן פאַר יידן.

בכן האָבן פראַנקפורטער יידן געקויפט בירגער־רעכט פאַר אַ האַלב מי־ליאָן גולדן. ס'איז נאָך אָפגעפרעגט צי וואָלטן זיי געגעבן אַזאַ פאַרמעגן, ווען זיי זאָלן געווען פאָרזעהן, אַז די גלייכבאַרעכטיגונג וועט דויערן ניט מער פאַר 2 יאָר. ווי נאָר דייטשלאַנד האָט געוואונען דעם באַפרייאונגס־קריג (די יאָרן

1813־1814), האָבן פראַנקפורטער בירגער אָראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם „יאָך" פון יידישער גלייכבאַרעכטיגונג צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן יאָך.

פראַנצויזישע הערשאַפט האָט געבראַכט יידן פרייהייט אויף אַ ווייל אויך אין די האַנזאַ־שטעט: אין האַמבורג, לובעק און ברעמען. די גרויסע יידישע קהלה אין האַמבורג (ביז 9000 נפשות) האָט געשמאַכט אונטערן יאָך פון דעם יידן־רעגלאַמענט, וואָס די געזעצגעבער פון דער פרייסטאַט, דער בורגע־רישער סענאַט און די האַנדלס־גילדיעס האָבן צוגעקלערט; דאָ איז מען אויסן געווען ציטעריג צו פאַרהיטן קריסטליכע האַנדלס־אינטערעסן פאַר יידישער קאָנקורענץ. אין יאָר 1810 האָט פראַנצויזיש מיליטער פאַרנומען האַמבורג, די שטאָט איז פאַראייניגט געוואָרן מיט דער פראַנצויזישער אימפּעריע, דערמיט גופא זיינען האַמבורגער יידן געוואָרן אויטאָמאַטיש גלייכבאַרעכטיגטע בירגער (1811). אַלע באַגרעניצן אין וואוינרעכט, אין פאַרווערבן נחלאות, אין האַנדל, מלאכה און שול־בילדונג זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן; יידן האָט מען אפילו געקליבן אין מוניציפּאַליטעט אויך. מ'האָט אָנגעהויבן איינפירן אין דעם קהלה־לעבן די פאַריזער קאָנסיסטאָריאַלע סיסטעם. אָבער די גלייכבאַרעכטיגונג, וואָס איז געקומען מיט די פראַנצויזן, איז אויך אַוועק מיט זיי, ווען די דייטשע באַפרייאונגס־אַרמיי האָט פאַרנומען האַמבורג (אָנהויב 1814). האַמבורגער יידישע יוגנט, וואָס האָט געדינט און בלוט פאַרגאָסן אין דער דאָזיגער אַרמיי, האָט זיך אפילו ניט געקאָנט מאָלן, אַז באַפרייען דאָס דייטשע פאָטערלאַנד הייסט אַזוי גוט ווי ווידער פאַרקנעכטן יידן.

אין די האַנדלס־שטעט לובעק און ברעמען, וואָס פריהער האָט מען יידן אַהין ניט אַריינגעלאָזט, זיינען אין משך פון די דריי יאָר אויסגע־וואַקסן קליינע יידישע קהלות; דערהויפּט האָט מען זיך אַהער איבערגעצויגן פון אַרומיגע שטעט און דערפער. ווי נאָר מ'האָט די דאָזיגע שטעט באַפרייט פון די פראַנצויזן, האָבן זיי זיך באַלד „פרייגעמאַכט" פון אומגעווינשטע קאָנקורענטן פאַר קריסטן־סוחרים, פון יידן.

§ 34. דער אַלטער רעזשים קעגן דעם נייעם (זאַקסן, בייערן, מעקלענבורג, באַדן).

אין אַסך דייטשע מלוכות האָבן יידן ניט באַוויזן צו דערגרייכן גלייכ־באַרעכטיגונג אפילו פאַר דער צייט פון פראַנצויזישער הערשאַפט. קיין הנהות האָט ניט אויסגעפירט דאָס הייפל יידן אין זאַקסן; כאָטש די זאַקסישע רעגי־רונג איז מער פאַר אַנדערע געקראָכן פאַר נאַפּאָלעאָנען, האָט זי דאָך באַוויזן אַ קונץ צו דערהאַלטן איר אַלטן יידנפיינטליכן רעזשים (§ 2). יידן זיינען דאָ מייסטנס געבליבן קוים „געדולדעטע"; מערן האָבן זיי זיך ניט געטאָרט; ביי אַריינפאָרן אין שטאָט פלעגט מען ביי יידן מאָנען דעם „פּיה־שטייער",

וואָס איז שוין געווען אָפּגעשאַפֿט כּמעט אין גאַנץ דייטשלאַנד. צוליב נאַפּאָלעאָנען האָט מען פֿראַנצויזישע און וועסטפֿאַלישע יידן באַפֿרייט פֿון דעם שענדליכן שטייער. דעם שטייער האָט מען אָפּגעשאַפֿט ערשט אָנהויב באַפֿרייאונגס־קריג (1813), ווען די פֿאַרבונדעטע פּרייסיש־רוסישע אַרמיי האָט פֿאַרנומען זאַקסן און געמאַכט דאָרט אַ דערווייליגע רעגירונג.

ב י י ע ר ן איז שטאַרק באַשטאַנען אויף איר רעכט צו האַלטן יידן אָהן רעכט. דרייסיג טויזנט יידן *) אין דעם לאַנד האָבן געשמאַכט אונטער אַ פּרעס פֿון אויסנאַם־געזעצן. אָבער דאָ איז שוין אויפֿגעקומען אַ נייע ליבעראַלע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַקעגן־געשטעלט דעם אַלטן רעזשים. אין אַ לאַנד, וואו קאַטוילישע איז געווען אָנערקענט פֿאַר דער אָפּיציעל־גילטיגער רעליגיע און אפילו פּראָטעסטאַנטן האָבן געמוזט ליידן פֿון געוויסע באַגרעניצן, האָט מען נאַטירליך ניט געקאָנט וואַרטן אויף אַ גרויסן נצחון. קורפֿירשט מאַקסימיליאַן־יוסף (פֿון יאָר 1806 — קיניג), וואָס האָט גע׳שמ׳ט פֿאַר אַ „ליבעראַל”, האָט געגעבן אַן עדיקט וועגן גלויבנס־פֿרייהייט, אָבער נאָר פֿאַר פּראָטעסטאַנטן (1800); צו יידן האָט זיך דאָס ניט אָנגעקערט. וועגן יידן איז נאָר געזאָגט געוועזן אַ וואונש, אַז „דער דאָזיגער אומגליקליכער קלאַס מענשן, וואָס מ׳קאָן זיי ניט פֿאַרטרייבן פֿונם לאַנד, וואָרום מ׳וואָלט אונז אויפֿגעוואָרפֿן, אַז מיר זיינען אומדערבאַרמדיג און אומגערעכט — זאָל באַקומען אַזאַ אָרגאַניזאַציע, אַז זיי זאָלן ביסלאַכווייז זיך קאָנען אויפֿהויבן אויף אַ מדרגה פֿון ניצליכע בירגער”. דערמונטערט פֿון אַזאַ „גנאָדיגער” רעזאָלוציע, האָבן זיך יידן אין פֿראַנקען געווענדעט צו אָבערטירן, אַ ווירצבורגער פּראָפֿעסאָר פֿון טעאָלאָגיע, וואָס האָט געוואָלט שפּילן די ראָלע פֿון דעם איידעלן אַבאַט גרעגואַר, ער זאָל פּועל׳ן ביים קיניג, מ׳זאָל יידן שענקען גלייכע בירגער־רעכט מיט קריסטן (1803). אָבערטיר האָט אַזאַ פֿאָדערונג געהאַלטן פֿאַר צו ריזיקאַליש, האָט ער „פֿון דיפּלאָמאַטיע וועגן” דערלאַנגט אין נאָמען פֿון יידן אַ מעסיגערע פּעטיציע, וואָס ער גופא האָט רעדאַקטירט. די פּעטיציע איז „אַן אונטערטעניגסטע בקשה” פֿון יידן אין פֿראַנקען, „מ׳זאָל זיי פֿאַרגרינגערן זייער ביטער מזל” און פֿאַרגלייכן זיי מיט אַלע אונטערטאַנען „אין פּרט פֿון מלוכה־שטייערן, האַנדל און געווערב, און בכלל אין אַלע פּריווילעגיעס פֿון דער בירגערליכער געזעלשאַפֿט, ווי ווייט מ׳קאָן אַזוינס דערלאַנגען און ווי ווייט דאָס שטערט ניט מלוכה־אינטערעסן”. די רעגירונג האָט פֿאַרשפּאָרט אפילו ענטפֿערן אויף אַזאַ שוין צו הכנעה׳דיגער בקשה, וואָס דער „אונטערטעניגסטער” טעאָלאָג האָט אָנגעוואָרפֿן יידן: דאָ איז דאָך שוין געווען אַ פֿאַרטיגער תּירוץ, וואָרום אויף וואָס פֿאַר אַ גזרה לאָזט זיך ניט זאָגן, אַז מ׳מוז דאָס האָבן צוליב „מלוכה־אינטערעסן?”

*) די דאזיגע ציפער געהערט צו דער צווייטער העלפט תקופה (די יארן 1801—1806), ווען איבער נאפאלעאנס מלחמות זיינען בייערן צוגעקומען נייע לענדער: פראנקען און שוואבן.

דער פּאָליטישער שטורעם פון יאָר 1806 האָט עטוואָס אָפּגערייניגט די לופט אין בייערן אויך, נאָך דעם ווי דאָס לאַנד איז אַריין אין „ריין־בונד“. די נייע קאָנסטיטוציע האָט געגעבן בירגער־רעכט אַלע איינוואוינער „אָהן אויסנאַם פון רעליגיעזער געזינונג“, אָבער נאָר פאַר קריסטליכע גלויבנס. יידן האָבן באַקומען נישטיגע הנחות: מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם „לייב־צאָל“ (1808) און מ׳האָט אָנגעהויבן צולאָזן יידן אין אַלגעמיינע שולן; עטוואָס פריהער האָט מען זיי „געטאָן די ערע“ זיי צולאָזן צו בירגער־מיליציע. פונם בירגער־לעבן האָט מען נאָך יידן געהאַלטן פונדערווייטנס, דערפאַר אָבער האָט מען גענומען פאַרשמעלערן די אַלטע קהלה־אויטאָנאָמיע: מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם יידישן בית־דין. די פיורטער גרויסע קהלה האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס ביי יידן ווערן אָפּגענומען אַלטע פּריווילעגיעס, בעת קיין נייע בירגער־רעכט גיט מען זיי ניט (1809). די קהלה האָט דערלאַנגט אַ פּעטיציע דעם קיניג, ווייזנדיג, אַז יידן דאַרפן האָבן אַ בית־דין צו רעגולירן אינעווייניגסטע שטרייטיגקייטן, בפרט, אַז אַסך ציוויל־אַקטן זיינען פאַרבונדן מיט יידישע דינים (התונות, צוואות און דעסגלייכן). דער קיניג האָט באַפרידיגט די בקשה און האָט ערלויבט דעם יידישן בית־דין דערווייל בלייבן. דערפאַר אָבער האָט ער ביזן יאָר 1812 ניט געוואָלט הערן פון יידישער גלייכבאַרעכטיגונג. אין יענעם יאָר איז דער דראַנג פון יידישע השתדלות׳ן נאָך שטאַרקער געוואָרן. דער פּרייסישער עמאַנסיפּאַציע־אַקט פון דעמזעלבן יאָר האָט געשטאַרקט די בייערישע יידן. מינכענער און באַמבערגער קהלות האָבן דערלאַנגט פּעטיציעס דעם קיניג, געבעטן, ער זאָל עמאַנסיפּירן אין דער גאַנצער מלוכה זייערע „גלויבנס־גענאָסן“ לויט דעם פּרינציפּ: „גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן“. די בעטער האָבן זיך פאַררופן אויף די באַשלוסן פונם פּאַריזער סנהדרין און באַוויזן, אַז די יידישע אמונה שטערט ניט צו זיין גוטע בירגער; זיי האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז יידן זיינען שוין עמאַנסיפּירט אין פראַנקרייך, האָלאַנד, וועסטפאַלן, פראַנקפורטער הערצאָגטום און אין פּרייסן.

די יידישע השתדלות׳ן נאָכאַנאַנד האָבן לסוף גענויט די בייערישע רעגירונג אַרויסצוגעבן אַ נייעם געזעץ וועגן יידן (דעם 10־טן יוני 1813). אָבער די קעמפער פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע האָבן זיך אָפּגענאַרט אינם געזעץ: אָנשטאָט פרייהייט האָט מען זיי דערלאַנגט די אַלטע קנעכטשאַפט מיט אַ נייעם נאָמען. אינם אַריינפיר צום עדיקט רעדט זיך פון אַ פולער „גלויבנס־פרייהייט“, אָבער די 34 פּונקטן, וואָס גייען נאָכדעם, זיינען פּונקט דער היפּוך דערפון. דער נייער געזעץ האָט געלאָזט אומגערירט די צוויי וויכטיגסטע שטיצן פון דער אַלטער קנעכטשאַפט: דאָס שענדליכע „שוץ־יידנטום“, דאָס הייסט וואוינרעכט אַלס אַ קאָנצעסיע, וואָס מ׳דאַרף פאַר איר טייער באַצאָלן, און די נאָרם אַקעגן פאַרמערונג. יעדע יידישע פאַמיליע, וואָס האָט זיך געזעצליך באַזעצט אין בייערן ביזן יאָר 1813, האָט באַדאַרפט אַרויסנעמען ספּעציעל אַ „מאַטריקל“ אויף וואוינרעכט ביי זיך אויף אַן אָרט; דער „מאַטריקל“ גייט איבער בירושה

פונם פאָטער צום עלטסטן זון. דער עלטסטער זון האָט רעכט חתונה צו האָבן, די איבעריגע זין מוזן וואַרטן מיט חתונה־האָבן אויף אַ „וואַקאַנסיע", ד. ה. ביז אַ יידישע פאַמיליע שטאַרבט אויס, אָדער זי קלייבט זיך אַרויס; אַלס אויסנאַם קאָן מען קויפן אַ נייעם מאַטריקל פאַר אַ געצאָלט ביז 1000 גולדן. אין פונקט 12 רעדט זיך אָפן, וואָס מ'איז אויסן מיט אַזאַ רעגלאַמענטאַציע: „די צאָל יידישע פאַמיליעס אין יעדער אָרט, וואו זיי האָבן געוואוינט ביז אַהער, זאָל בכלל ביסלאַכווייז קלענער ווערן, אויב זי איז צו גרויס, אָבער בשום אופן ניט גרעסער ווערן". דער אייגענער אידעאַל (יידן זאָלן ווערן ווייניגער) זאָל אויך דערלאַנגט ווערן, דורך אַ סיסטעם פון שווערע באַגרעניצן אין פאַרקער און אין האַנדל. פרעמדע יידן־סוחרים טאָרן זיך אין לאַנד ניט באַזעצן, דער קיניג קאָן אַרויסגעבן מאַטריקלען נאָר פאַבריקאַנטן, בעלי־מלאכות און ערד־אַרבעטער.

אַזוי האָט זיך די ביירישע רעגירונג אָפגערופן אויף אַ „פאָדערונג פון דער צייט". ס'האָט געהייסן, דער נייער עדיקט זאָל „אויסלייטישן" אָדער „ערציהען" יידן; דורך רעפרעסיעס זאָלן יידן „לייטישער" ווערן, זיי זאָלן נאָכדעם זוכה זיין אַריינצוקומען אין דעם געבענשטן לאַנד פון פרייהייט. אָבער די ביירישע רעגירער האָבן דערמיט נאָר באַוויזן, אַז זיי גופא דאַרף מען פאָליטיש ערציהען. ריכטיג באַמערקט איין ביירישער היסטאָריקער (לערכנפעלד), אַז די ווערטער וועגן „גלויבנס־פרייהייט" אין אָנהויב עדיקט קלינגען ווי אַ ביטערער שפאַס . . . דער נייער פרעה־געזעץ האָט אויפגעבראַכט יידישע קהלות, בפרט נאָך, אַז דער געזעץ האָט שטאַרק אָנגערירט די קהלה־אויטאָנאָמיע: די רעגירונג האָט ווידער אָפגעשאַפט דעם יידישן בית־דין, אַזוי ווי אַ באַפרידיגונג פאַר די „חסדים", וואָס זי האָט באַוויזן יידן אין פרט פון בירגער־רעכט. ס'האָט ווידער פראָטעסטירט די אַלטע פיורטער קהלה, וואָס האָט זיך גערימט מיט אירע רבנים, ישיבות און צדקה־חברות. די פיורטער פרנסים שרייבן אין זייער פעטיציע: „ס'קרענקט אונז צו לייענען דעם פונקט (אַז יידן זאָל ווייניגער ווערן). ביז איצט האָבן מיר געקוקט אויף דעם צוקום אָדער אָפפאַל אין אונזער קהלה אַלס אויף אַ סימן, אַז דער וואוילשטאַנד אונזערער און פון דער שטאָט הויבט זיך אָדער ער פאַלט; אין דעם עדיקט פון אייער מאַיעסטעט זעהען מיר אַ שטרעבן צו פאַרהאַלטן אונזער וואוילשטאַנד, אָבער אַ לאַנגער שטילשטאַנד ברענגט יעדן אָרגאַניזם צו פאַלן. מיר קאָנען אויך ניט פאַרהוילן אונזער זאָרג, אַז אַזאַ באַציהונג צו אונז פון אייער מאַיעסטעט וועט אין המון אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז יידן זיינען לחלוטין שעדליך, און דאָס וועט אונז פאַרשאַפן נאָך מער פלאָג און פאַראַכטונג". צום לעצט בעט די פיורטער קהלה לאָזן דעם יידישן בית־דין. דער קיניג האָט באַפרידיגט די בקשה וועגן בית־דין נאָר בנוגע פיורט, אַלס אויסנאַם; פון דעם פראָטעסט אָבער בכלל קעגן דעם עדיקט האָט ער זיך ניט וויסנדיג געמאַכט. די שענדליכע ביירישע „יידן־

קאָנסטיטוציע" האָט געהאַלטן אַ לאַנגע צייט ביז איבער דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848.

בעסער איז מיט די רעפאָרמעס צוגעגאַנגען אין מעקלענבורג, וואָס איז אויך צוגעשטאַנען צום „ריין־בונד". דער הערצאָג פרידריך־פראַנץ I, וואָס האָט פריהער געהאַלטן פון נאָרמירן די צאָל יידישע באַפעלקערונג (§ 2), האָט איצט גענומען נאָכגיין נאָך דער פראַנצויזישער מאָדע. מיט איז אָבער אויסגעקומען אויסצושטיין אַ קאַמף פאַר אַ יידן־רעפאָרם מיט דעם יידנפיינטליכן לאַנדטאַג. אין יאָר 1811 האָבן דעפוטאַטן פון מעקלענבורגער יידישע קהלות דערלאַנגט דעם הערצאָג אַ פעטיציע וועגן גלייכבאַרעכטיגונג. די פעטיציע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם לאַנדטאַג מיט אַ רעזאָלוציע פון הערצאָג, אַז ס'איז געוואונשן גלייכבאַרעכטיגן יידן, כדי „אָפצושאַפן דאָס בייז, וואָס ווערט איצט באַגאַנגען קעגן יידן ביי זייער איצטיגער לאַגע אין דער מלוכה". דער לאַנדטאַג, וואָס איז באַשטאַנען פון פריצים און סוחרים, האָט צוגעשטימט, אַז מ'דאַרף גרינגער מאַכן די יידישע לאַגע „פון וועגן יושר, מענשליכקייט און מלוכה־אינטערעסן", ער האָט זיך אָבער שטאַרק אַקעגן־געשטעלט קעגן פולער יידישער עמאַנסיפאַציע איבער די אינטערעסן פון דער אייגענער קעשענע. „וועט דער ייד פריי ווערן, — אַזוי האָבן זיי גע'טענה'ט — וועט ער אויסנוצן זיינע האַנדלס־פייהיגקייטן אויף אַרויסצושטופן קריסטן פונם האַנדל". דער לאַנדטאַג האָט דעריבער פאָרגעלייגט אַזוינע קאָנדיציעס פאַר עמאַנסיפירן יידן בהדרגה: 1) יידן זאָלן זיך אָפזאָגן פון איינגע „ניט־וויכטיגע" פרטים אין זייער רעליגיע, ווי למשל פון שבת, פון כשר, פון יידישע חתונה־דינים. 2) דער יונגער יידישער דור זאָל ערצויגן ווערן אין דער דייטשער שול; יעדער פאָטער זאָל מעגן נעמען צו מסחר נאָר איין זון; די איבעריגע זאָל ער געוויינען צו מלאכה, ערד־אַרבעט אָדער קונסט (יאַנואַר 1812). מ'קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי אַזאַ פראָעקט צו רעגלאַמענטירן מיט פאָליציי־כללים דאָס יידישע גייסטיגע און פאַמיליען־לעבן, האָט אויפגעבראַכט מעקלענבורגער יידן. דעפוטאַטן פון יידישע קהלות האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צום אַלטן געלערנטן טיקסענען, פראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע אין ראָשטאָק, אַ קענער פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס האָט אַסך מיה אָפגעגעבן — און אומזיסט געוויינטליך — אויף מאַכן יידן פאַר קריסטן. די דעפוטאַטן האָבן געבעטן טיקסענען, ער זאָל אויסנוצן זיין השפעה אויפן הערצאָג, כדי צו־נישט מאַכן דעם לאַנדטאַגס צביעות'דיגן פראָעקט. דער פראָפעסאָר האָט זיי צוליב געטאָן, כאָטש דערביי האָט ער ניט אויפגעהערט צו חזר'ן די אַלטע מיסיאָנערישע טענה, אַז ווי לאַנג יידן וועלן זיך ניט אָפזאָגן פונם תלמוד און פונם שלחן־ערוך, וועלן זיי זיך ניט איינלעבן מיט קריסטן.

אגב האָט דער הערצאָג אַליין אויך געהאַלטן פון אַ רעפאָרם. די פרייסישע עמאַנסיפאַציע פון יאָר 1812 האָט אים צוגעגעבן מוט, האָט ער

אין פעברואַר 1813 געגעבן אַן עדיקט לויטן פּרייסישן שטייגער, נאָר שטאַרק פאַרשמעלערט. יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן שוין „שוץ־בריוו", באַקומען אַ נאָמען „היימישע" און ווערן גלייכבאַרעכטיגט מיט קריסטן, נאָר מיט געוויסע אויסנאַמען. זייערע קינדער, וואָס האָבן נאָך ניט קיין שוץ־בריוו, דאַרפן באַקומען ביי דער רעגירונג אַ קאָנצעסיע אויף דעם נאָמען „היימישע"; דערצו דאַרפן זיי צושטעלן אַ שיין פון זייער רעכטס־פייהיגקייט. אַלע פּראָפעסיעס זיינען פאַר יידן אָפן, חוץ הויזירן; דערויף דאַרף מען האָבן ספּעציעל אַן ערלויבעניש. יידן ווערן צוגעלאָזט צו מיליטער־דינסט און צו מוניציפּאַל־שטעלעס, אָבער דערווייל ניט צו מלוכה־שטעלעס; דאָס זאָל קומען „מיט דער צייט". פאַר די דאָזיגע הנחות זאָלן זיך יידן אָפּזאָגן פונם יידישן בית־דין, אויך פון זייערע דינים וועגן חתונות און גט'ן; דאָס זאָל געהערן צו די אַלגעמיינע ציוויל־אינסטיטוציעס. ס'מעגן זיין געמישטע חתונות, אָבער בתנאַי, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען לויט דעם קריסטליכן שטייגער און די קינדער זאָלן ערצויגן ווערן ווי קריסטן. די „שטאַנדן" אין לאַנדטאַג זיינען אָבער געווען שטאַרק אומצופרידן אויך מיט דער דאָזיגער אַרומגעפליקטער „יידן־קאָנסטיטוציע". בעת יידישע יוגנט האָט אין די יאָרן 1813־1814 פאַרגאָסן בלוט פאַר באַפרייען דייטשלאַנד, האָבן מעקלענבורגער פּריצים און סוחרים־קריסטן ניט אויפגעהערט צו פאַרוואַרפן דעם הערצאָג מיט פּעטיציעס, ער זאָל ראַטעווען דאָס לאַנד פון יידישער „גלייכבאַרעכטיגונג".

די יידן־פּאָליטיק אין באַדן איז געווען אַ געמיש פון אַ נייעם עמאַנציפּאַציע־וועג און פון אַלטע רעפּרעסיעס. דאָ אין דעם הערצאָגטום, בשכנות מיט פראַנקרייך, האָבן זיך נאָך פאַר נאַפּאָלעאָנס נצחונות געלאָזט פילן די פראַנצויזישע פרייהייטס־אידייען; דער קריזיס אין יאָר 1806 האָט פאַרשטאַרקט די ליבעראַלע שטרעמונגען. לויט דער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1807 האָט מען באַדענער יידן איבערגעטראָגן פון „שטייער־שטאַנד" אין דער קאַטעגאָריע „פרייע שטאַאַטס־בירגער", אָבער צו באַקומען די רעכט פון דעם נייעם שטאַנד האָט יעדער ייד באַדאַרפט צושטעלן אַ שיין, אַז ער „לעבט פון דיזעלבע פּראָפעסיעס, וואָס קריסטן", ד. ה., אַז ער באַשעפטיגט זיך ניט מיט קליינהאַנדל, מעקלעריי און וואָכער. דעמזעלבן דיסציפּלינאַרן גייסט זעהען מיר אויך אין הערצאָג קאַרל־פרידריכס עדיקט וועגן יידן פון 13 יאַנואַר 1809. באַדענער יידן, „אַלס אַ רעליגיעזע גרופּע אין לאַנד", באַקומען רעכט פון געמיינדע־בירגער, אָדער פון אָרטס־בירגער, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען זיי שפּייזן זיך „פון בירגערליכע חיונה־קוועלן". חוץ „הויזירער" (פּעדלער), מעקלער, פּראָצענטניקעס זיינען אויסגעשלאָסן פונם בירגער־שטאַנד אויך פּיה־הענדלער, וואָס גראָד אין באַדן זיינען זיי געווען אַסך צווישן יידן. אַזוי איז דער גרעסטער טייל פון דער יידישער מאַסע, וואָס איז באַשטאַנען — אויב ניט אַריינרעכענען די וואָכערניקעס — פון אָרימע הענדלער („נויט־האַנדל" ווי דער געזעץ דריקט זיך אויס),

געווען אויסגעשלאָסן פון גלייכבאַרעכטיגונג. דערפאַר אָבער האָבן די גע־
טרייע רעגירער שטאַרק געזאָרגט פאַר איבערבויען די יידישע „רעליגיעזע" קהלות.
די פראַנצויזישע קאָנסיסטאָריאַלע סיסטעם האָט דאָ אין באַדן באַקומען אַזאַ
אויסזעהן: יעדע סינאַגאָגע אויף אַן אָרט האָט זיך איר אָרטיגן רב, זי איז
אונטערגעוואָרפן דער קרייז־סינאַגאָגע מיט דעם קרייז־רב; די העכסטע פאַרוואַל־
טונג — „דער איזראַעליטישער אויבער־ראַט" זיצט אין דער רעזידענץ (קאַרלסרוהע)
און באַשטייט פון 8 רבנים און וועלטליכע מענשן לויט דעם הערצאָגס באַ־
שטימען. דער אויבער־ראַט, וואָס האָט פאַר אַ פאָרזיצער אַ געבילדעטן רב
אָדער אַ געבילדעטן וועלטליכן מענשן, פירט איין באַשטימטע נאָרמען פאַר
קהלה׳שער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און זאָרגט פאַר אינעווייניגסטע רעפאָרמעס. אין
יאָר 1812 איז אין אויבער־ראַט באַשטימט געוואָרן אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר, וואָס
אָהן זיין סאַנקציע האָט קיין באַשלוס אין אויבער־ראַט קיין מאַכט ניט געהאַט.
אין באַדענער עדיקט פון יאָר 1809 האָבן געשטעקט אַסך גוטע כוונות אָבער
צו פיל איז ער געווען אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון אַפּוטרופּסות און סאָרטירן
בירגער אויף קאַטעגאָריעס; מ׳קאָן אים דעריבער ניט האַלטן פאַר קיין אַקט
פון עמאַנסיפּאַציע, ווי מ׳האָט שפּעטער, אין דער תקופה פון רעאַקציע, געמיינט.

§ 35. די נייע ליטעראַטור און די נייע שול.

מיר האָבן שוין פריהער געהאַט אָנגעוויזן, אַז דער אינעווייניגסטער קול־
טור־קריזיס איז ביי די דייטשע יידן פאָרגעקומען האַסטיגער און שאַרפער,
איידער דער פּאָליטישער קריזיס. דער פּראָגרעסיווער טייל פון יידישער געזעלשאַפט
האָט זיך צוגעאיילט אַראָפּוואַרפן פון זיך צו פיל פון איר אַלטער קולטור; צו־
זאַמען מיט אָפּגעלעבטס האָט מען דאָ אַרויסגעוואָרפן אייביגע לעבנס־פעהיגע
נאַציאָנאַלע ווערטן, און דאָס איז געטאָן געוואָרן אין אַ צייט, ווען רעגירונגען
און פעלקער האָבן זיך נאָך פעסט געהאַלטן ביי זייער אַלטער פיינטליכער
באַנעמונג צו יידן. דאָרט ווידער, וואו די נעענדערטע פּאָליטישע לאַגע האָט
געבראַכט יידן גאַנצע אָדער האַלבע עמאַנסיפּאַציע, האָט דאָס נאָך צוגעגעבן
חשק צו צעברעכן דעם גאַנצן יידישן לעבנס־שטייגער. די אַלע קריזיסן
האָבן זיך קנאַפּ אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור ביי יידן אין יענע
צייטן. די ליטעראַטור האָט ניט באַוויזן מיטגיין מיט דעם האַסטיגן אימפּעט
פון דער צייט.

די רעוואָלוציאָנערע תקופה אין נאַפּאָלעאָנס צייט מיט די שטורעמדיגע
איבערקערענישן איז ניט געווען מזל׳דיג פאַר דער יונגער, נאָך שוואַכער
השכלה־ליטעראַטור. קודם־כל האָט פונם קולטור־קריזיס געליטן די יידישע
שפּראַך און די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור־פאָרם. די אומגאַנגס־שפּראַך, יידיש, האָט

מען צו מענדעלסאָנס צייט פּאַריאָגט פון דער פאַמיליע און פון דער שול. מענדעלסאָנס דייטשע ביבל־איבערזעצונג, געדרוקט מיט יידישע אותיות, האָט געהאַט אַ קלאָרן צוועק: אַרויסצושטופּן פון דער שול און פון דער סינאַגאָגע דעם יידיש־דייטשן „זשאַרגאָן”. ערב רעוואָלוציע האָט מענדעלסאָנס קרייז געפּרובט באַשאַפן אַ ליטעראַטור אויף ניי־העבּרעאיש, אָבער דאָס איז צוגעגאַנגען זעהר שווער, און איניגיכן איז דאָס אין דייטשלאַנד צו־נישט געוואָרן. דער „פאַראיין פון ליבּהאָבּער פון דער העבּרעאישער שפּראַך” האָט אַרויסגעגעבּן די זאַמל־ביכער „המאסף” מער וויינינער רעגולער ביזן יאָר 1790, צופעליגע זאַמלונגען זיינען דערנאָך אַרויסגעגאַנגען מיט אינטערוואַלן ביזן יאָר 1797, דערנאָך איז די אויסגאַבּע ניט געוואָרן. אין יאָר 1809 איז געמאַכט געוועזן דער לעצטער פּרוב צו באַנייען די זאַמל־ביכער, אָבער אין צוויי יאָר אַרום האָבּן זיי זיך גאָר אָפּגעשטעלט (פאַר דער צייט האָט זיך דריי מאָל געבּיטן דער אָרט פון דער אויסגאַבּע: בערלין, קעניגסבּערג, בּרעסלוי). גענומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס די העבּרעאישע שפּראַך איז אַלץ מער פאַרשוואונדן געוואָרן פון שול און פון דער ליטעראַטור ביי די געבּילדעטע יידן, וואָס האָבּן באַקומען ערציהונג אין דער דייטשער שול אויף דער דייטשער שפּראַך. „ליבּהאָבּער פון העבּרעאיש” איז געוואָרן אַלץ וויינינער; דער „המאסף”, וואָס האָט ניט געהאַט קיין צושטראָם פון יונגע ליטעראַרישע קרעפטן און פון נייע לעזער, האָט געצאַנקט און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין זיין השכלה־ערציהערישן אינהאַלט, ביז ער איז גאָר אַנטשוויגן געוואָרן. דער רעדאַקטאָר שלום הכהן, וואָס האָט אין יאָר 1809 געמאַכט דעם לעצטן פּרוב אויפצולעבּן דעם „המאסף”, קלאָגט זיך: „מיט אַ געקלעמט האַרץ האָבּן מיר צוגעזעהן, ווי אונזער הייליגע שפּראַך פאַלט אַלץ און צאַנקט. טאָג אויף טאָג ווערן אירע פריינד וויינינער. איז דען שוין קיין האָפנונג ניט פאַראַן אויפהויבּן איר ווערט, באַווייזן פעלקער איר שיינקייט?” ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ניט גראָד „פעלקער”, נאָר אפילו דאָס איינציגע פאָלק, וואָס די „הייליגע שפּראַך” האָט באַדאַרפט ביי אים האָבּן אַ קולטור־ווערט, אפילו דאָס דאָזיגע פאָלק אין דעמאָלטיגן דייטשלאַנד וויינינסטנס, מאַכט זיך זעהר ווייניג פון העבּרעאיש. דער אָרגאַן אויף העבּרעאיש האָט געמוזט אָפּטרעטן פאַר אַן אָרגאַן אויף דייטש.

אין יאָר 1806 האָט אין דעסוי, אין מענדעלסאָנס היים, אָנגעהויבּן אַרויסצוגיין אויף דייטש אַ חודש־זשורנאַל (שפּעטער איין מאָל אין צוויי חדשים) מיט דעם נאָמען „שולמית, אַ פעריאָדישע אויסגאַבּע צו אַנטוויקלען קולטור און הומאַניזם ביי דער יידישער נאַציע”. דער שטענדיגער רעדאַקטאָר איז געוועזן דוד פרענקל, דירעקטאָר פון יידישע שולן אין הערצאָגטום אַנהאַלט־דעסוי און אַ גליד פון יאַקאָבּסאָנס קאָנסיסטאָריע אין וועסטפאַלישן קיניגטום. דער זשורנאַל, וואָס איז אויפגעקומען צו דער צייט, ווען מ'האָט אין פּאַריז צונויפגערופן די יידישע דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג, איז געוואָרן דער שופר פאַר די

אידייען פון דער פאַרזאַמלונג און דערנאָך פון דעם פאַריזער סנהדרין. די אידעאַלן פון „קולטור און הומאַניזם" האָבן אין דער פּראַקטיק געהייסן: עמאַנ־סיפּאַציע און אַסימילאַציע. די ערשטע צייט האָט מען אין זשורנאַל געפּרע־דיגט אַסימילאַציע זעהר איינגעהאַלטן, אָבער וואָס מער די יידישע עמאַנסיפּאַציע איז אַריינגעדרונגען קיין דייטשלאַנד, אַלץ שטאַרקער און אָפענער איז געוואָרן די אַסימילאַציע־טענדענץ. נאָך דעם יאָר 1807 ווערט ניט אין קעפּל די ווערטער: „ביי דער יידישער נאַציע"; אָנשטאָט דעם קומט די אויפשריפט „ביי איזראַעליטן". אין די יאָרן 1808־1812 ווערט דער זשורנאַל פּאַקטיש אַן אָרגאַן פון ישראל יאַקאָבסאָן און פון דער וועסטפאַלער קאָנסיסטאָריע; דער רעדאַקטאָר גופא איז געווען אַן אַקטיווער גליד אין דער דאָזיגער קאָנסיסטאָריע. מיטאַרבעטער זיינען געווען דוד פרידלענדער און די שפּעטערדיגע שטרייטער פאַר אַ רעליגיעזער רעפאָרם (סאַלאָמאָן, קלעע, יאָלסאָן און אַנד.). לויט דעם אינהאַלט און ליטעראַטור־פאָרם שטייט דער זשורנאַל „שולמית" העכער פאַר דעם פּרימיטיוון „המאסף", אָבער דער יונגער דור איז געבליבן קאַלט צום דייטשן זשורנאַל אַזוי ווי פריהער צו דעם העברעאישן; דער דור האָט אָנגע־וואוירן ניט די שפּראַך אַליין, נאָר יעדן אינטערעס בכלל צו יידישער ליטע־ראַטור אויף יעדער שפּראַך.

ס'איז מערקווירדיג, וואָס אין משך פון דער גאַנצער איבערגאַנגס־תקופה פון דער „ערשטער עמאַנסיפּאַציע" האָט דאָס דייטשע יידנטום ניט געגעבן קיין איין אָנגעזעהענעם שרייבער. מיטלמעסיגע ליטעראַרישע קרעפטן, וואָס זיינען איינגיכן פאַרגעסן געוואָרן, האָבן זיך גרופּירט אַרום די דערמאָנטע אויסגאַבן. דוד פריד־לענדערס ליטעראַרישע אַרבעטן האָבן געהאַט נאָר אַן אַגיטאַציע־ווערט אויף אַ ווייל, אַלס אַ טייל פון זיין געזעלשאַפטליכער אַרבעט; אליעזר בענדאַוויד (§ 31) האָט זיך אַסך אָפּגעגעבן מיט קאַנטס פילאָזאָפיע, און יידן האָט ער געשענקט אַ פּאָר נישטיגע בראָשורן. יענע צייט, ווען די יידישע אַסימילירטע אינטעליגענץ האָט געהאַלטן אין איין ברעכן דאָס יידישע לעבן, איז אויסגע־רונען דער קוואַל פון יידישער שאַפונג. די אָרטאָדאָקסאַלע מאַסע ווידער איז געשטאַנען ווי געפּלעפט פאַר דעם תהום, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר אירע אויגן, און איז געווען לחלוטין אומבאַהאָלפן מיט איר פאַרעלטערט געווער קעגן דעם דראַנג פונם היסטאָרישן שטורעם.

דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער רעוואָלוציע־תקופה האָט פאַרשווענקט אין זיין שטראָם דאָס גאַנצע פריידענקערישע, וואָס דאָס יידנטום האָט פאַרמאָגט. דער פּראָגרעסיווער אני־מאמין האָט געהייסן, ס'זאָל ווערן אויס צווישן־שיידן צווישן נאַציעס, אַלע פאָלקס־טיפּן זאָלן זיך צונויפשמעלצן; די איינטיילונג לויט קולטור־היסטאָרישע טיפּן, לויט נאַציעס, האָט פאַר יענער אויבערפלעכלעכער צייט אויסגעזעהן פונקט אַזוי ווילד, ווי אונטערשיידן צווישן פאַרשיידענע

קאַטעגאָריעס בירגער, די ביטערע ירושה פונם אַבסאָלוטיזם און פונם שטאַנדן־רעזשים. אָבער אין דער פּראַקטיק האָט דער יידישער קאָסמאָפּאָליטיזם געלייקנט ניט מער ווי די יידישע נאַציע, וואָרום אַסימילאַציע, דער צווייטער אַני־מאמין פון יענער צייט, האָט געהייסן דוקא זיך אַריינטאָן אין די אינטערעסן פון די אַרומיגע נאַציעס; יידישע קאָסמאָפּאָליטן זיינען געווען אויסגעצייכנטע דייטשע אָדער פראַנצויזישע פּאַטריאָטן. ניט גרינג איז יידן אָנגעקומען אויפגענומען ווערן אין דער דייטשער געזעלשאַפט, וואו ס'איז נאָך פאַרבליבן גענוג איינגעבאַקענע יידנפיינטשאַפט; ניט ווייניג דערנידערונג און שפּאָט זיינען זיי אויסגעשטאַנען. ס'איז געוואָרן אַ קנעכטישע געוויינהייט: פאַרהוילן פאַר קריסטן דעם יידישן אָפּשטאַם. לודוויג בערנע, דעמאָלט אַ סטודענט אין היידלבערגער אוניווערזיטעט, שרייבט צו העגריעטע הערץ (1807): „דאָ שטודירן איינינגע יידישע יונגע־לייט פון פיינע פאַמיליעס. ס'איז אינטערעסאַנט צוצוזעהן, ווי פלייסיג די לייט באַהאַלטן דאָס אויס, אַז זייער אור־פאָטער האָט צוגעהונקען. ווערסט דאָ קיינמאָל ניט טרעפן, צוויי יידן זאָלן שפּאַצירן אינאיינעם אָדער אפילו רעדן (אין עפנטליכע ערטער)". דער היסטאָריקער יאָסט, וואָס האָט אין יאָר 1813 שטודירט אין געטינגען, דערציילט, אַז זיינע יידישע חברים זיינען שוין דעמאָלט געווען ערב שמד. אין זיין „געשיכטע פון דער נייער צייט" באַמערקט ער, ווי יידן זיינען פון דער הויט געקראָכן נושא חן זיין ביי קריסטן און פלעגן דערפאַר ווערן אויסגעלאַכט. אַ געבילדעטער ייד פלעגט דעמאָלט קוקן אין די אויגן נאָר דער אויסערליכער סביבה; פאַר איר האָט ער זיך געוואָלט פאַרענטפערן, איר האָט ער געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז מיט איר איינס, אַז ער קערט זיך מער ניט אָן מיט דעם אַלטן יידנטום, וואָס איז געווען אין זיינע אויגן אַ סימוואָל פון טויט און פוסטקייט.

דער גרעסטער אַסימילאַציע־קעסל — דאָס איז געווען די דייטשע שול, די אָנפאַנגס־ מיטל־ און הויך־שול, וואוהין די יידישע יוגנט האָט געשפּאַרט. אָבער די יידישע שול, צוגעשניטן אויפן דייטשן שטייגער, איז ניט פיל בעסער געווען. אין דער בערלינער „פריישול", וואו בענדאַוויד איז געווען דירעקטאָר, און אין יאַקאָבסאָנס שול־פּאַנסיאָן אין זעזען האָבן געלערנט צוזאַמען יידישע און קריסטליכע קינדער, און דאָס לערנען איז געווען צוגעפּאַסט צו דער דאָגמע פון פאַרדייטשן*). די ברעסלויער „ווילהעלם־שול", געגרינדעט אין יאָר 1791 אויף דער רעגירונגס איניציאַטיוו, אָבער אויסגעהאַלטן אויף יידיש קהלה־געלט, האָט די אָרטאָדאָקסן געקרענקט און די אויפגעקלערטע געפרייט: יענע האָבן דאָ געזעהן אַן אומגליק פאַר יידן, די — אַ הילף און אַן אויפלעבונג. גובר געווען האָבן די אויפגעקלערטע, און זיי האָבן גענומען פירן די יוגנט אויפן

*) אין דעם באריכט פון דער „פריי־שול" פאר דאס יאר 1815 ווערט גערעדט מיט פרייד וועגן דעם צוזאמענלערנען פון יידן מיט קריסטן — דער בעסטער וועג, זיי זאלן בעהענטער ווערן; גראד דאסזעלבע יאר האט פון ס'ניי אופגעפלאקערט א פייער פון יידנפרעסערייי אין דייטשלאנד.

ווענ צו אַסימילאַציע. דיזעלבע סיסטעם האָט אויך געהערשט אין פראַנקפור־
טער „פילאַנטראָפּין“ (§ 33) און אין אַנדערע „נאָרמאַלע“ שולן, וואָס זיינען
געוואָרן פאַבריקן אויף צו פּראָדוצירן „דייטשן פון משה־רבינו׳ס גלויבן“.

די קולטור־רעוואָלוציע ביי די דייטשע יידן האָט זיך געשפּייזט ניט
אַליין פון די פּאָליטישע און אידייאישע קריזיסן אין דייטשלאַנד צו יענער
צייט, נאָר אויך פון דעם גרינדליכן עקאָנאָמישן איבערקער, וואָס איז פאָר־
געקומען אין יידישן לעבן. האַנדל האָט אויפגעהערט צו זיין די איינציגע
יידישע פּראָפעסיע, יידן האָבן זיך גענומען פאַר פאַבריק־אינדוסטריע, פאַר
מלאכות, פאַר פרייע פּראָפעסיעס; געשעהן איז דאָס אַ טייל מחמת דער וויר־
קונג פון דער עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג, אַ טייל איבער די עקאָנאָמישע קריזיסן
צו נאַפּאָלעאָנס צייט. צו פרייע פּראָפעסיעס האָט זיך געריסן די יידישע יוגנט,
וואָס האָט שטודירט אין די הויכשולן. צו נאַפּאָלעאָנס צייט האָט זי געהאַט
גרויסע אויסזיכטן אויף מלוכה־אַמטן און געזעלשאַפטליכע שטעלעס, וואָס אין
וועסטפאַלן זיינען זיי שוין געווען אָפן פאַר יידן; אין אַנדערע ערטער (פּרייסן)
איז געווען אַ צוזאָג אויף דער נאָהענטסטער צייט. די פרייע פּראָפעסיעס אָדער
דאָס גרייטן זיך צו זיי זיינען געווען אַ גוטע פּראַקטישע שול פאַר אַסימי־
לאַציע, ווייל דאָ איז די יידישע אינטעליגענץ פון דער הויט געקראָכן צו באַווייזן,
אַז זי פאַרדינט בירגערליכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג.

קאַפּיטל IV

די פעסטקייט פונם אלטן רעזשים אין עסטרייך

§ 36. די פּאָליטישע לאַגע בכלל.

די עסטרייכישע מאָנאַרכיע האָט פעסטער פאַר אַנדערע אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון דער רעוואָלוציע. נאָך יוסף דעם II־טנס טויט (1790) האָט דער אַלטער קלעריקאַלער אַבסאָלוטיזם אַרויסגעשטופּט דעם נייעם, דעם „אויפגעקלערטן". דער צוריק־אויפגעקומענער רעזשים האָט שווער געדריקט דאָס לאַנד מיט די פיל פעלקער, צווישן זיי אויך אַ האַלבן מיליאָן יידן. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע מיט איר אומוואַרפן „טראָנען און אַלטאַרן" האָט אַרויסגערופן מצד די אָרד־נונגס־היטער נאָך אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד קעגן רעפאָרמעס. נאַפּאָלעאָנס מלחמות האָבן אָנגערירט עסטרייך נאָר אין די גרעניץ־געגנטן, אָבער ניט אין צענטר; דאָס יאָר 1806, וואָס האָט אויף אַ ווייל איבערגעקערט גאַנץ דייטש־לאַנד, האָט עסטרייך אָנגערירט נאָר מאָראַליש: ביים עסטרייכישן קייזער איז אָפּגענומען געוואָרן די קרוין פון דער „הייליגער רוימישער אימפּעריע" און דער פאָרמעלער טיטל: דער הויפּט פון דער דייטשער נאַציע. דעם אַלטפרענקישן לאַנד פון די האַבסבורגער האָט מען ניט אָנגעוואָרפן קיין פרעמדע קאָנסטי־טוציע.

לויט דער צאָל יידן איז עסטרייך געווען דאָס צווייטע לאַנד נאָך רוס־לאַנד. יידן זיינען געווען שיטערער אין ווין און אין דייטש־עסטרייך; די גע־דיכטע מאַסע האָט געלעבט אין די סלאַווישע און אין די אונגאַרישע לענדער: אין בעהמען און מעהרן (76 טויזנט לויט דער ציילונג פון יאָר 1803), אין גאַ־ליציע (295 טויזנט), אין אונגאַרן מיט סלאַוואָניע און טריעסט (85 טויזנט). די דאָזיגע דריי מלוכה־טיילן זיינען געווען דער געזעצליכער „תחום" פאַר יידן, אין אַנדערע זיינען זיי געווען איינוואוינער אויף אַ ווייל. יידן זיינען געשטאַנען אויסער דער בירגער־געזעלשאַפט: דריי פאַרשיידענע סיסטעמען געזעצגעבונג האָבן רע־גולירט זייער בירגערליכע לאַגע: 1) אין ווין און אין דייטש־עסטרייך האָבן גע־

ציילטע פריווילעגירטע פערזאָנען, באַזונדערס די זעהר רייכע, געקאָנט באַקומען קאָנצעסיעס צו וואוינען און צו האַנדלען דאָרט פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל. 2) אין בעהמען און אין מעהרן איז געווען אַ געוויסע געזעצליכע נאָרם פאַר דער צאָל יידן; איבער דער נאָרם האָבן זיך יידן ניט געטאָרט מערן. 3) אין גאַליציע און אין אונגאַרן איז ניט געווען קיין פאַרבאָט אויף מערן זיך, אָבער דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז רעגולירט געוואָרן דורך באַגרעניצונגס־געזעצן, וואָס די צענטראַלע אָדער די אָרטיגע מאַכט האָט פאַר זיי צוגעקלערט. חוץ די שטאַר־קע באַגרעניצן אין פרט פון פערזענליכע און בירגערליכע רעכט, האָבן נאָך יידן געליטן (דערהויפּט אין בעהמען און אין גאַליציע) אין נאַציאָנאַלן לעבן אויך: די מאַכט פלעגט זיך אָפּט אַריינמישן אין יידישע אינעווייניגסטע ענינים מיט דעם צוועק צו דענאַציאָנאַליזירן — אַ ירושה פון יוסף II פּאָליטיק „אויס־צוליי טישן״ יידן.

נאָך יוסף II טויט האָבן די קלעריקאַלן געוואָלט אָפּשאַפן זיין „טאָלעראַנץ־עדיקט״; די אידיי פון טאָלעראַנץ גופא איז ביי זיי געווען גע־האַסט. די קאַטוילישע בישאָפן האָבן זיך געקלאָגט פאַרן נייעם קייזער לעאָ־פּאָלד II (1790—1792) אויף דער טאָלעראַנטער באַציהונג צו ניט־קאַ־טוילן פאַר דעם געוועזענעם קייזער; בפרט האָבן זיי זיך געקלאָגט, וואָס יידן לאָזט מען צו אין קריסטליכע שולן; דאָס קאָן ברענגען, אַז קריסטן זאָלן, חלילה, פאַרפירט ווערן אין יידישקייט. די קריסטליכע גייסטליכשאַפט האָט געוואָלט האָבן, אַז טאָלעראַנץ צו יידן זאָל ניט זיין קיין לאַנד־געזעץ, די מאַכט אָדער פעאָדאַלן אויף די ערטער זאָלן האַנדלען לויט זייער איינזעהן. אָבער די נייע רעגירונג האָט אויך ניט געקאָנט אָנהויבן איר פירונג פון אַזאַ אכזריות־דיגער אַקציע. גראַף קאָלאָווראַט, דער פאַרוואַלטער פון דער הויף־קאַנצעלאַריע, האָט אָנגעוויזן דעם קייזער אין אַ ראַפּאָרט, אַז פאַר עסטרייכס פּרעסטיזש וואָלט זעהר שעדליך געווען אָפּצושאַפן דעם טאָלעראַנץ־עדיקט, וואָס אין זיין צייט האָט ער אויסגענומען ביי גאַנץ אייראָפּע, און איינפירן אַ רעזשים פון „אונטערדריקן דאָס געוויסן״. דער הויכגעשטעלטער הויף־מענש האָט געלערנט דעם מאָנאַרך אַזעלכע אלף־בית־תורות, אַז „פון נויטן מיט גוואַלד ווערט יענער קיין רעכטער קריסט ניט; ס׳קומען נאָר צו צבוע׳יאַקעס, וואָס אין האַרצן פאַראַכטן זיי און לעס־טערן די רעליגיע, וואָס זיי האָבן געמוזט אָננעמען איבער נויט״. לעאָפּאָלד II האָט אָפּגעוואָרפן די השתדלות פון די קלעריקאַלן. מ׳פאַרשפּאָרט אָפּן אָפּשאַפן „טאָלעראַנץ״, אַז מ׳קאָן דאָס שענער מאַכן פאַרשטעלט: אָנ־שטאָט טאָלעראַנץ צו יידן סתם, קאָן מען זאָגן: טאָלעראַנץ צו געוויסע קאַטע־גאָריעס יידן און דערמיט באַשאַפן אַ הייפל פריווילעגירטע מיט גוט־באַצאָלטע פריווילעגיעס, בעת די גרויסע מאַסע וועט בלייבן ביי איר רעכטלאָזיגקייט. דאָס דאָזיגע קונצשטיק איז אָפּגעטאָן געוואָרן שפּעטער, אין דער לאַנגער רעגירונגס־צייט פון פראַנץ I (1792—1835).

דער דאָזיגער מאָנאַרך האָט איבערגעלעבט די גרעסטע היסטאָרישע איבערקערן: דעם שטורעם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, די דונערס פון נאפּאָלעאָנס מלחמות, וואָס האָבן אים געקאָסט אַ היפּש שטיק לאַנד, און דאָך האָט זיין געקרוינטע קאָפּ זיך גאָר ניט אָפּגעלערנט. מער פאַר אַלץ האָט פראַנץ מורא געהאַט פאַר „נייע אויפטועך", און ער פלעגט זיך אָפּט קלאָגן, אַז „די וועלט איז היינט משוגע געוואָרן אויף נייע קאָנסטיטוציעס". אַזוי ווייט האָט ער מורא געהאַט פאַר „נייס", אַז ער פלעגט אָפּציהען און לגמרי באַגראָבן אַזוינע רעפאָרמעס, וואָס ער אַליין האָט שוין פאַרשטאַנען, ווי נויטיג זיי זיינען. אין זיינע באַפעלן פלעגט ער אָפּט דערמאָנען, אַז ער מיינט פאַרבעסערן די יידישע לאַגע, אָבער געטאָן האָט ער פונקט פאַרקערט. אָנגעהויבן האָט ער דערפון, וואָס ער האָט דערלאָזט אין יאָר 1792 צו באַשאַפן אין ווין אַ „יידן־אַמט", אַ באַזונדער פּאָליציי־אָפּטיילונג, וועלכע זאָל אַכטונג געבן אויף יידן, וואָס וואוינען אָדער וואָס קומען צו פאָרן קיין ווין, זאָל קאָנטראָלירן זייער וואוינרעכט, געבן זיי שיינען אויף באַזעצן זיך אָדער אויף אַרויסציהען און דעסגלייכן. דורך דעם דאָזיגן פּאָליציי־גיהנום זיינען דורכגעגאַנגען צוויי דורות רעכטלאָזע יידן, וואָס די נויט האָט זיי געטריבן אין דער רעזידענץ. דער „יידן־אַמט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ פּרוב, האָט עקזיסטירט מער ווי פופציג יאָר, ביז דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848.

לויט די געזעצן פון די יאָרן 1790—1798 האָבן אין ווין געמעגט וואוינען נאָר אַזוינע יידן, וואָס האָבן אַ באַשטימטע באַשעפטיגונג, פאַרמאָגן דערצו אַ קאַפּיטאַל ניט ווייניגער פאַר 8—10 טויזנט פלאָרין און שטעלן צו אַ שיין וועגן זייער ריינעם „מאָראַלישן כאַראַקטער". אַזאַ קאָנצעסיע האָט געהייסן „טאָלעראַנץ" און האָט געקאָסט אַ היפּש ביסל „טאָלעראַנץ־געלט"; ווער עס האָט באַקומען אַזאַ קאָנצעסיע, האָט געהייסן „טאָלערירטער ייד". אין יאָר 1804 איז אין ווין געווען סך־הכל 119 אַזוינע „טאָלערירטע" יידישע פאַמיליעס, און זיי האָבן געצאָלט 18 טויזנט פלאָרין אַ יאָר נאָר פאַר וואוינרעכט אַליין; די איבעריגע, „ניט־טאָלערירטע" יידן האָבן געוואוינט אין דער רעזידענץ אומלעגאַל, ד. ה. מיטן חסד פון פּאָליציי, וואָס האָט דערפאַר גענומען כּאַבאַר. דער פּאָליצייאישער דרוק האָט באַשאַפן אַ דעמאָראַליזאַציע. רייכע פּריווילעגירטע יידן האָבן קרום געקוקט אויף צוגעקומענע „טרפ'ע" ברידער; ס'האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז די פּריווילעגירטע האָבן געבעטן די רעגירונג, זי זאָל זיך אומקוקן אויף די „פרעמדע" און זאָל אָננעמען שטרענגע מיטלען קעגן זיי. באַנקירן און רייכע סוחרים האָבן נעאַרבעט, מ'זאָל אָפּשאַפן יידישע באַגרעניצן נאָר פאַר זיי און פאַר זייער־גלייכן.

זעלטן ווען האָבן זיך די פּריווילעגירטע איינגעשטעלט צו בעטן, מ'זאָל גרינגער מאַכן דער יידישער מאַסע. אין יאָר 1793 האָט ווינער קהל

דערלאַנגט אַ פּעטיציע אין דער הויף־קאַנצעלאַריע און האָט דאָרט געבעטן אַזוינע זאַכן: מ'זאָל אָפּשאַפן די „בילעטן־טאַקסע", וואָס מ'פלעגט אין ווין אויפמאָנען פון אַריינגעפאָרענע פאַר יעדן טאָג וואוינרעכט, וואָרום דאָס איז אייגנטליך דער אייגענער „לייב־צאָל", וואָס איז שוין אָפּגעשאַפט; מ'זאָל נעמען ביי יידן חתונה־שטייער ניט מער ווי ביי קריסטן, און ס'זאָל ניט זיין קיין מוז, אַז ביי דער חופּה זאָל בייזיין אַ פּאָליציי־באַאַמטער; מ'זאָל אין די אָפיציעלע מעלדונגען צו יידן אויסמיידן דעם טיטל „יודע", און מ'זאָל פון „יידן־אַמט" אַראָפּנעמען די שילד מיט דער אויפשריפט: „פאַר יידן, מעבל־טרעגער און פורמאַנעס". אָבער צוגלייך מיט אַזוינע בקשות האָבן די פּעטיציע־שרייבער געשטעלט דער רעגירונג נאָך צוויי וואונשן, וואָס זיינען געווען צו דרייסט פאַר יענער צייט: צולאָזן יידן צו מלוכה־אַמטן און ניט אַרויסגעבן קיין שום באַפעלן וועגן יידן אָהן דעם וויסן פון ווינער קהל. דערויף האָט ווינער קהל באַקומען אַ שאַרפן קאַנצעלאַרישן אָפּענטפער: מ'קאָן ניט אָפּשאַפן די בילעטן־טאַקסע, ווייל דערפון האַלט מען אויס דעם „יידן־אַמט", ד. ה. די פּאָליצייאישע אינסטיטוציע, וואָס דאַרף אַכטונג געבן אויף יידישער רעכטלאָזיגקייט און דערנידערן יידן אויף יעדן טריט; די רעגירונג מוז נוטיג האָבן די „שלייער־טאַקסע" אָדער חתונה־שטייער, — מסתמא אַ באַפרידיגונג פאַר דעם „שאָדן", וואָס יידן מערן זיך; דער פּאָליצייאישער קאָמיסאַר מוז בייזיין ביי דער חופּה צוליב קאָנטראָל; די הויף־קאַנצעלאַריע קאָן באַשטיין אויסמיידן דעם טיטל „יודע" אין אָפיציעלע פּאַפּירן, אָבער די שילד אין „יידן־אַמט" מוז בלייבן. די קאַנצעלאַריע איז מודה, אַז אין געזעץ איז ניט פאַראַן קיין פאַרבאָט, יידן זאָלן פאַרנעמען מלוכה־אַמטן, בפרט, אַז צווישן יידן זיינען איצט פאַראַן אַסך געבילדעטע און ספּעציאַליסטן אין פאַרשיידענע פאַכן, אָבער מ'קאָן דאָס ניט אויספירן. אַ תירוץ גיט מען דערביי אַזאַ, אַז דער אָנהויב קלעפּט זיך ניט צום סוף: „יידן וועלן ניט וועלן אָנקומען אויף אַסך שטעלעס מחמת זייערע רעליגיעזע מנהגים", און אויב מ'זאָל יידן צולאָזן צו מלוכה־שטעלעס, וואָלטן זיי געוווען „איבערפול" אומעטום. וועגן דעם, אַז די רעגירונג זאָל זיך באַראַטן מיטן קהל, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן יידישע ענינים, איז דער ענטפער אַזוי: די רעגירונג קאָן אָנפרעגן עקספּערטן אין פאַרשיידענע ענינים, אָבער קיין מוז איז דאָס פאַר איר ניט; בכן איז אַזאַ בקשה פון ווינער קהל „אַ גאוה און אַ העזה".

אַזוי קלוג האָט די רעגירונג פאַרשטאַנען אָפּצוענטפערן אויף אַ השתדלות צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע. זי האָט זיך אָבער אויך ניט געלאָזט פירן פון אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געאַרבעט צו פאַרערגערן די לאַגע. אין יאָר 1794 האָט די הויף־קאַנצעלאַריע אָפּגעוואָרפן דעם פּראָעקט, אַז יעדער „טאָלערירטער" ייד זאָל מוזן אַריינטראָגן 12 טויזנט פלאָרין פאַר זיכערקייט, אַז ער וועט פּינקט־

ליד צאָלן די יערליכע „טאָלעראַנץ־טאַקסע". דער אויפטוער פֿון דעם פּראָעקט האָט זיך באַמיהט צו באַווייזן עפּעס מיט א מין קרומער לאָגיק, אַז דאָס וועט זיין אַ שטיק רעפֿאָרם אין יודאַאיזם. די קאַנצעלאַריע האָט אים אָפּגעענטפֿערט, אַז געוויס איז זעהר געוואונשן צו רעפֿאָרמירן די „יידישע נאַציע" און „אָפּריי־ניגן איר לערע פֿון פֿאַלשע תּלמוד׳ישע און רבנ׳ישע אויסטייטשן", אָבער אַזאַ זאַך לאָזט זיך ניט דערלאַנגען דורך דעם, וואָס מ׳זאָל פֿאַרשפּעלערן די „טאָ־לעראַנץ". יידן דאַרפֿן אַליין זעהן אָפּריינִיגן דעם קערן פֿון תּורת־משה פֿון דער תּלמוד׳יש־רבנ׳ישער שאָלאַכץ; דאָס דאַרף מען איבערלאָזן „די געלערנטע און פֿאַרשטאַנדיגע דענקער, וואָס זיינען ביי יידן שוין פֿאַראַן אַסך".

ווינער „טאָלערירטע יידן" זיינען געווען אַ מין באַזונדער קאַטעגאָריע אין דער באַפֿעלקערונג. דער דאָזיגער נאָמען האָט זיך געטראָפֿן אין אָפֿיציעלע פֿאַ־פּירן און אַפילו אויף מצבות אויך; ביז היינט זיינען נאָך געבליבן מצבות מיטן נוסח: „דאָ ליגט דער טאָלערירטער יודע (אַזוינער און אַזוינער)"... היות ווי „טאָלע־ראַנץ" האָט מען געקאָנט קויפֿן פֿאַר געלט, איז וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ מער בעלנים אויף דער סחורה, כאָטש זי האָט געקאָסט טייער. די רעגירונג האָט זיך איבערגעשראָקן פֿאַר אַזאַ וואוקס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. אין ווין איז אין יאָר 1802 אַרויס אַ קייזערליכער עדיקט, מ׳זאָל אויפֿהערן פֿאַרקויפֿן טאָלעראַנץ־שיינען. פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך אַ ייד געקאָנט באַזעצן אין ווין ניט אַנדערש נאָר ווי מיט דעם קייזערס גנאָד; צו אַזאַ גנאָד האָבן זוכה געווען נאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן. שפּעטער האָט מען אויסגעטייטשט, אַז „טאָלעראַנץ" ניט מען אַ יידן נאָר ווי לאַנג ער אַליין לעבט, און נאָך זיין טויט דאַרף זיך זיין אלמנה מיט די קינדער אַרויסציהען פֿון ווין. די פּאָליציי האָט באַקומען אַ געלעגנהייט צו ווילדעווען ווי ווייט זי האָט געוואָלט; אָהן רחמנות פֿלעגט זי פֿאַריאָגן פֿון דער רעזידענץ די פֿאַמיליעס פֿון פֿאַרשטאָרבענע. אָבער די „גע־זעצליכע" יידן האָבן אויך ניט געקאָנט זיך פֿריי באַשעפֿטיגן מיט וואָס זיי האָבן געוואָלט. יידן־סוחרים האָבן ניט געטאָרט האַנדלען מיט תּבואה, מיט זאַלץ און שפּייז־וואַרג. אַ ייד אַ דאָקטאָר האָט ניט געטאָרט היילן קיין קריסטן. יידן האָבן ניט געטאָרט ניט קויפֿן, ניט בויען קיין הייזער אין ווין. ערשט אין יאָר 1811 האָט מען מיט גרויס מיה גע׳פּועל׳ט, זיי זאָלן מעגן אויסבויען אַ בנין פֿאַר אַ סינאַגאָגע און אַ שול. די רעגירונג האָט ניט געקאַרגט אויך אין קליינליכע קלעריקאַלע פֿאַראָרדנונגען. אין קאַטוילישע תּעניתים האָבן כּלי־זמר ניט געטאָרט שפּילן אויף יידישע התונות; אַפילו פּורים־שפּילן זיי־נען די טעג געווען פֿאַרווערט. און ביים קייזער פֿראַנץ איז דאָס געווען איינע פֿון זיינע מלוכה־זאָרגן, אַז די דאָזיגע פֿאַרבאָטן זאָלן אויסגעפֿירט ווערן.

ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער קייזער און די רעגירונג האָבן דערפֿילט אַ מורא פֿאַר די, וועלכע זיי האָבן זיי אַזוי פֿיל געטראָטן מיט די פֿיס. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1806—1807, ווען אין פּאַריז איז זיך

צונויפגעקומען די דעפוטאַטן־פאַרזאַמלונג און דער סנהדרין. נאָך דעם ווי ס'איז
פאַרעפנטליכט געוואָרן דער אויפרוף, אַז יידישע פאָרשטייער פון אַלע לענדער
זאָלן זיך באַטייליגן אין סנהדרין, האָט זיך אין דער עסטרייכישער רע־
גירונג אָפּגערופן איר שטענדיגע מורא פאַר פראַנקרייך און זי איז צערו־
דערט געוואָרן. אינם „יידישן פאַרלאַמענט" האָט זי איינגעזעהן נאַפּאָלעאָנס
אַ פּאָליטיש קונצשטיק: אַ טייוולשן מיין צו מאַכן אַ געהיימען בונד
פון יידן אין אַלע לענדער צו שטיצן פראַנצויזישע פּאָליטיק. די רעגירונג האָט
מורא געהאַט, אַז עסטרייכישע יידן וועלן אויסניצן די געלעגנהייט און וועלן
צוזאַמען מיט די זיגער זיך נוקם זיין פאַר זייער רעכטלאָזיגקייט און דערנידע־
רונג. פאָן־זומעראַו, שעף פון דער פּאָליציי, האָט צעשיקט אַ צירקולאַר אַלע
פּאָליציי־פאַרוואַלטער אין דער פּראָווינץ (17 אָקטאָבער 1806), מ'זאָל אַכטונג געבן
אויף דער אַגיטאַציע, וואָס שטאַמט פון פּאַריז: „גענוג איין קוק טאָן אויף דער
זאַך, ווי זי טוט זיך, אום איינצוזעהן איר פּאָליטישע טענדענץ און פאַרשטיין,
וואָס פאַר אַ געפאַר דאָ שטעקט פאַר די מלוכות, וואו דאָס דאָזיגע פאָלק
איז פאַרשפּרייט און ס'האָט וואָג מחמת זיין רייכקייט, זיינע באַציהונגען, הינטער־
גענג און אחדות. דאָס, זעהט אויס, איז די אייגענע טאַקטיק, צוליב וועלכער
נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט פון די מאַסאָנען אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און האָט
זיך פאַרשאַפט דורך זיי אין איינינע לענדער אַ געהיים־פּאָליציי פאַר זיינע
צוועקן". דער פּאָליציי־שעף פאָדערט דעריבער, די אָרטיגע מאַכט זאָל אָננעמען
אַלע מיטלען, עסטרייכישע יידן זאָלן זיך ניט פאַרבינדן מיט דעם פּאַריזער
יידישן „קאָנגרעס". צו דעם צוועק זאָלן זיי אַכטונג געבן אויף דער אויסלענ־
דישער קאָרעספּאָנדענץ ביי יידן, דערהויפּט ביי געבילדעטע, און שטרענג נאָכ־
שפּירן, צי איז ניט אָנגעקומען ערגעץ צו אַ קהלה אַן איינלאַדונג פון פּאַריז.
פּאָליציי זאָל פאַר קיין פאַל ניט געבן יידן קיין פּעסער צו פאָרן נאָך פּאַריז,
און זאָל געבן צו פאַרשטיין אַזוינע, וואָס ווילן פאָרן, וואָס פאַר אַ מ'אוס'ן
סוף זיי קאָנען האָבן, זיי און זייער פאָלק אויך.

די עסטרייכישע פּאָליציי האָט אָנגעהויבן „קוקן" און שרייבן ראַפּאָר־
טן צו „נאַטשאַלסטווע", — טיילווייז מיט ריכטיגע ידיעות, טיילווייז מיט
נאַרישע קלאַנגען. דאָס, וואָס פּאָליציי האָט צוגעזעהן אין בעהמען, מעהרן
און אין גאַליציע, האָט איר קלאָר געמאַכט, אַז די אָרטיגע יידן, אַלס
שטרענגע אָרטאָדאָקסן און חסידים, האַלטן ניט פונם פּאַריזער סנהדרין, וואָס
ער איז אויסן צו רעפאָרמירן יידישקייט. דער דירעקטאָר פון ווינער פּאָ־
ליציי האָט אפילו צוגעשטעלט „פּאַקטישן מאַטעריאַל", ד. ה. אַ צעטל
יידישע פאַמיליעס אין ווין, און אָנגעצייכנט דערביי, וואו מ'האַלט שטרענג
יידישקייט און מ'עסט כשר'ס, און וואו ניט. פּאָליציי האָט פּלייסיג איבער־
געכאַפּט יידישע קאָרעספּאָנדענץ. זי פלעגט מיט שרעק אָנזאָגן, אַז דער און דער
האָט באַקומען אַ בריוו מיט ידיעות וועגן סנהדרין; אַזוינע בריוו פלעגט מען

פֿריהער גוט דורכקוקן, איידער זיי זיינען געקומען צו די אַדרעסאַטן אין די הענט; די אַדרעסאַטן גופא פֿלעגט מען שוין אויך גוט נאָכקוקן. דערהויפּט איז די רעגירונג אומרוהיג געווען איבער דעם, וואָס האָט זיך געטאָן אין דער פּראָגרעסיווער טריעסטער קהלה, דער איינציגער אין עסטרייך, וואָס האָט געהאַלטן פֿונם פּאַריזער סנהדרין. דאָ האָט מען באַפֿוילן פּאָליציי פֿאַרהאַלטן יעדן ייִדן, וואָס וועט קומען פֿון פּאַריז קיין טריעסט און אים נעמען אויף אַ שטרענגן פֿאַרהער. דעם עסטרייכישן געזאַנטן אין פּאַריז האָט מען באַפֿוילן „אַכטונג געבן, ווי ווייט מיגליך, אויף עסטרייכישע ייִדן, אויב אַזוינע זאָלן זיין דאָרט". וועגן אַלע אַזוינע ידיעות פֿלעגט באַראָן זומעראַו ראַפּאָרטירן דעם קייזער פֿראַנצן; ביידע האָבן געבראָכן זייערע מלוכה־קעפּ, ווי אַזוי בייצושטיין אַזאַ „געפֿאַר". דער קייזער איז געווען שטאַרק צופֿרידן, וואָס די קאָנסערוואַטיווע ייִדישע קרייזן האַלטן ניט פֿון נאַפּאָלעאָנס אויפֿטוען, אים האָט אָבער געמאַכט זאָרג דאָס הייפּל אויפֿגעקלערטע, וואָס איז „נוטה צו דעאיזם". דער רעגירונגס פּחדנות האָט זיך איבערגעוואָרפֿן אויף אָנגעזעהענע ווינער ייִדן אויך. ווען בערנאַרד עסקעלעס, דער רייכסטער קהל׳ס־מאַן אין ווין, האָט באַקומען פֿונם סעקרעטאַר פֿון דער פּאַריזער דעפּוטאַטן־פֿאַרזאַמלונג אַן אויפֿרוף מיט אַן איינלאַדונג צום סנהדרין, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט דאָס באַלד איבערגעגעבן דעם פּאָליציי־דירעקטאָר. עסקעלעס האָט געהאַט די זכיה אויפֿגענומען ווערן ביים שעף זומעראַו, און מ׳האָט ביי אים גענומען אַ וואָרט, אַז ער וועט איבערגעבן פּאָליציי דעם ענטפֿער, וואָס ווינער קהל וועט שיקן קיין פּאַריז.

די ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען דעם אמת׳ן צוועק פֿונם סנהדרין און נאַפּאָלעאָנס מיין דערביי, האָבן געהאַט וואָס צו לאַכן פֿון דער קאָמישער שרעק, וואָס איז באַפֿאַלן דעם עסטרייכישן קייזער און זיין רעגירונג. אינגיכן איז די שרעק אַריבער און מ׳האָט זיך מיט ייִדן אין עסטרייך ווידער אָנגעהויבן פֿירן אַזוי ווי פֿריהער. דערזעלבער פֿראַנץ I, וואָס האָט בעת׳ן איבערשרעק אַזוי געשעצט די סימפּאַטיע פֿון „זיינע" ייִדן, האָט זיך מיט זיי גראָב אָפּגערעכנט נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה. אפֿילו אין פּאַריז, צווישן די פֿאַרבינדעטע מאָנאַרכן (1814), פֿאַרגעסט ער ניט זיינע קליינליכע „היימישע געשעפֿטן"; דאָ, אין פּאַריז דערגייט צו אים אַ ידיעה פֿון ווין, אַז איינִיגע ייִדן פֿאַרבויגן דעם געזעץ און פֿאַרווערבן זיך דאָרטן הייזער — שיקט ער דעם קאַנצלער אַ שטרענגן באַפֿעל: אַ סוף מאַכן צו אַזאַ „סקאַנדאַל". דאָ, אין פֿראַנקרייך, אין לאַנד פֿון דער גרויסער רעוואָלוציע, דערוויסט ער זיך אויך און ווערט אויפֿגעבראַכט, וואָס ניט־קאַטוילן פֿאַרגינען זיך מאַכן בעלער און טענץ אין די טעג פֿון „גרויסן פֿאַסטן" — שיקט ער אינמיטן דעם פֿעלדצוג אַ באַפֿעל קיין ווין: פֿאַרווערן אַזוינע פֿאַרוויילונגען. די מלוכה האָט פֿון דעם דאָזיגן באַפֿעל געהאַט דעם גוטן געווין, וואָס פּורים האָט עסטרייכישע פּאָליציי אַכטונג געגעבן, אַז קריסטן זאָלן ניט זיין ביי ייִדן צו דער סעודה

§ 37. די סיסטעם פון נארמירונגען אין בעהמען און מעהרן.

די סיסטעם פון „קאָנצעסיעס” אָדער „טאָלעראַנץ” פאַר יידן אין דייטש־עסטרייך, ד. ה. אויסער דעם יידישן „תחום”, איז געווען אַ פשוט׳ע פאָרם פון רעכטלאָזיגקייט. קונציגער איז געווען די סיסטעם פון נאָרמירן די צאָל יידן, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין די „קרוין־לענדער”, אין בעהמען און אין מעהרן. דאָ איז געבליבן פעסט די אַלטע נאָרם פאַר דער יידישער באַפעלקערונג: ס׳האָט געמעגט זיין 8600 פאַמיליעס אין בעהמען און 5400 אין מעהרן. פאַר בעהמען איז די דאָזיגע נאָרם נאָכאַמאָל באַשטעטיגט געוואָרן אין יאָר 1789, און מ׳האָט שטרענג אָפגעהיט, דאָס זאָל זיין אַן אייזערנע וואַנט קעגן דעם נאַטירליכן צו־וואוקס. די מעטאָדע איז באַקאַנט: אין יעדער פאַמיליע מעג חתונה האָבן נאָר דער עלטסטער זון, וועמענס פאַמיליע ס׳וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון זיין עלטערן־פאַמיליע נאָך איר צעפאַלן; די אַנדערע זין טאָרן ניט חתונה האָבן, סיידן זיי דאַרפן זיך אַרויסציהען פונם לאַנד, אָדער ס׳זאָל טרעפן אַ גליק, אַז עמיצער אַ פאָטער פון אַ געזעצליכער פאַמיליע זאָל שטאַרבן אָהן קינדער, ס׳זאָל, הייסט דאָס, פריי ווערן אַ „פאַמיליע־נומער” אין דער נאָרם. בחורים איבער דער נאָרם קאָנען באַקומען אַן ערלויבעניש חתונה האָבן נאָר אין פאַל, ווען זיי קומען אָן פרייוויליג אין מיליטער־דינסט אָדער ווען זיי נעמען זיך פאַר ערדאַרבעט. אָבער אפילו די, וואָס מעגן שוין חתונה האָבן לויט דער נאָרם אָדער אַלס ספעציעלע פריווילעגיע, קאָנען דאָס טאָן נאָר ביי אַזוינע תנאים: דער חתן טאָר ניט זיין יינגער פון 22 יאָר, די כלה — פון 18 יאָר; חתן־כלה דאַרפן צושטעלן אַ שיין, אַז זיי האָבן געענדיגט אַן עלעמענטאַרע „נאָרמאַל־שול”; זיי דאַרפן האָבן אַ געזיכערטן קוועל פאַר חיונה און אַ געוויס פאַרמעגן; און צו אַלעם דעם דאַרפן זיי האָבן אַן ערלויבעניש פון דעם קרייז־אַמט. די דאָזיגע שענדליכע געזעצגעבונג, וואָס האָט איינגעטיילט די יוגנט אין „פאַמיליאַנטן” (אַזוינע, וואָס האָבן אַ „פאַמיליע־נומער” און מעגן חתונה האָבן) און אַזוינע, וואָס קאָנען ניט חתונה האָבן אָדער מוזן לעבן אָהן חופה וקידושין, האָט פאַרשאַפט בעהמער יידן אַסך פיין און דערנידערונג; דאָס איז געווען די שענדליכסטע זאַך אין יידישער קנעכטשאַפט אין אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט.

די עסטרייכישע רעגירונג האָט נאָרמירט דעם נאַטירליכן צו־וואוקס ביי יידן. זי האָט אָבער ניט פאַרגעסן אָן יידישע פרנסות אויך *) און האָט דאָס געטאָן מיט איר געוויינליכער צביעות: מיט זיסע רייד וועגן דעם וואויל פון די, וועמען זי האָט געפלאָגט. איין פונקט אין בעהמישן רעגלאַמענט (1797

*) דא אין וויטער ווערט באהאנדלט די געזעצגעבונג פון דער גאנצער עפאכע; דער וויכטיגסטער אקט איז דא דער בעהמישער, „יידן־פאטענט” פון יאר 1797, וואס מ׳האט אים געהאלטן פאר א געווינס קעגן פריהערדיגע רעגלאמענטן. דיזעלבע סיסטעם האט געגאלטן פאר יידן אין מעהרן אויך.

זאָגט אַזוי: „היות ווי די רעגירונג שטרעבט צו מאַכן יידן פאַר העכסט ניצליכע בירגער, וואָס זאָלן ווערט זיין די שוץ, וואָס די מלוכה גיט זיי, זיינען פאַר זיי בכלל אָפּן אַלע אָנשטענדיגע חיונה־קוועלן, אַזוי ווי פאַר קריסטן". דאָס איז דער אָנהויב, און ווייטער גייען נאָכאַנאַנד פונקטן, וואָס מאַכן צו־נישט דעם כלומר'שט פרומען מיין: יידן טאָרן ניט אַרענדירן ניט קיין שענקען, ניט קיין מילן, טאָרן ניט האַנדלען מיט קיין תבואה, און מיט קיין זאַלץ, ד. ה. יידן איז פאַרווערט אַסך אָנשטענדיגע פרנסות, וואָס זיינען פאַר קריסטן אָפּן, יידן־הויזירער אין פראָג האָבן געמעגט האַנדלען נאָר מיט אַלטוואַרג — מסתמא אויך פון „כבוד" וועגן.

אין בעהמען האָבן יידן געהאַט וואוינרעכט נאָר אין די ערטער, וואו זיי זיינען געווען צוגעשריבן. אַ „נומערירטע" פאַמיליע האָט זיך ניט געטאָרט איבערציהען אין אַ ניי אָרט אָהן אַ הסכם פון דאָרטיגער מאַכט. אין צענטר פון בעהמישן יידישן קבוץ, אין פראָג, האָט מען באַדאַרפט האָבן ספּעציעל אַן ערלויבעניש אויף זיך איבערציהען פונם „יידישן קוואַרטאַל" („יידן־שטאָט") אין „קריסטליכן" טייל פון שטאָט, און ניט אַלע מאָל האָט מען אַזוינס געקאָנט פועל'ן. ביי יידן האָט מען געריסן ספּעציעלע גרויסע שטייערן; עסטרייכישע „טאָלעראַנק" האָט טייער געקאָסט. אין רעגלאַמענט פון יאָר 1797 איז געווען געשריבן, אַז „אַלע יידן מעגן פריי האַלטן די רעליגיע פון זייערע אבות און זייערע אַלטע טראַדיציעס", אויף ציפער־שפּראַך האָט די דאָזיגע „פרייהייט" געהייסן אַזוי: אויף צו בויען אַ סינאַגאָגע דאַרף מען האָבן אַן ערלויבעניש און דאָס קאָסט 1000 פלאָרין שטייער אַ יאָר; אַזעלכע שטייערן דאַרף מען צאָלן פון בית־עולמ'ס אויך. רבנים, די יידישע שול און יידישע ליטעראַטור, אפילו רעליגיעזע ספרים, האָבן אויף זיך אַ שטרענגן קאָנטראָל פון אַ קריסטליכער אַדמיניסטראַציע. רבנים מעגן זיין נאָר אַזוינע פּערזאָנען, וואָס פאַרמאָגן אַ דייטשע בילדונג. אין יאָר 1798 האָט דער בעהמישער „גובערניום" געגעבן אַ באַפעל, אַז צו רבנים־שטעלעס זאָל מען צולאָזן נאָר אַזוינע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ קורס „פילאָזאָפיע, נאַטור־רעכט און עטיק" אין אַן עסטרייכישן אוניווערזיטעט. ס'איז אַ מוז פאַר אַלע יידישע ייִנגלאַך און מיידלאַך צו לערנען אין אַ דייטשער „נאָרמאַלער" שול: אָהן אַ שיין פון אַ שול טאָר מען ניט חתונה האָבן. תלמוד ווערט שטאַרק גע'רודפ'ט אין חדרים און אין ישיבות. אַ לערער פון תלמוד מעג זיין נאָר אַן אָפּיציעלער רב, וואָס האָט אַלגעמיינע בילדונג; „הויז־לערער", ד. ה. מלמדים, מעגן לערנען מיט קינדער נאָר העבראַיש און עלעמענטאַרע למודים פון יידישקייט. ייִנגלאַך מעג מען אַוועקזעצן פאַר דער גמרא ניט פריהער, איידער זיי ברענגען אַ שיין, אַז זיי האָבן געענדיגט אַ דייטשע נאָרמאַל־שול. ס'האָט אויך ניט געפעלט קיין צענזור אויף יידישע ספרים: אַ דעקרעט פון יאָר 1811 פאַרווערט צו נוצן ביים דאַוונען אין שול און

אין דער היים סדורים און מחזורים, וואָס זיינען ניט דורכגעגאַנגען די עסטרייכישע צענזור. אַ שטרענגע צענזור האָט געגאָלטן אויך פאַר יידישע וועלטליכע ביכער; אויף אויסשרייבן ביכער פון אויסלאַנד האָט מען יעדער מאָל באַדאַרפט האָבן אַ באַזונדער ערלויבעניש.

אויף דער שפּראַך פון דעם עסטרייכישן געזעצגעבער האָט דאָס געהייסן: „גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן", און מ'האָט זיך ביי אַזאַ סיסטעם ניט געשעמט אָפן צו זאָגן (אין דעקרעטן פון די יאָרן 1808 און 1811): „היות ווי די „יידנשאַפט" געניסט פּריווילעגיעס מיט קריסטליכע אונטערטאַנען גלייך (?), דאַרף זי טראָגן אַלע מלוכה־פליכטן אויך גלייך מיט זיי". און תוך כּדי דבור, כּדי צו באַשטעטיגן דעם פּרינציפּ פון „גלייכע פליכטן", זאָגט מען: „אין פּרט פון שטייערן גילטן פאַר יידן ספּעציעלע געזעצן". אַזוי האָט מען אין בעהמען און אין מעהרן געמאַכט „גלייכע" געזעצן פאַר יידן: יעדער אוממענשליכער אויסנאַם־געזעץ הויבט זיך אָן מיט אַ הקדמה, אַז אויסן איז מען נאָר „טאָלעראַנץ" און דאָס וואויל פון אַלע אונטערטאַנען אָהן אונטערשייד פון אמונות. מיט שיינע הקדמות האָט מען געוואָלט יוצא זיין קעגן דעם גייסט פון דער צייט, אָבער אין דעם טעקסט פון געזעץ האָט מען מיט דעם דאָזיגן גייסט געקעמפט.

§ 38. די אויסלייטישן־פּאָליטיק אין גאַליציע.

אין דעם געדיכטן יידישן ישוב אין גאַליציע, וואָס איז צוגעקומען עסטרייך פון פּוילן*), האָט מען ניט געקאָנט גלאַט נאָרמירן די צאָל יידן — האָט דאָ די עסטרייכישע רעגירונג אויסגעפונען אַנדערע מיטלען, ווי צו פּטרן זיי, אַלץ, געוויינטליך, מיט דעם מיין „אויסצולייטישן" יידן. אין דער געגנט האָט געגאָלטן אַ באַזונדער יידישע קאָנסטיטוציע — יוסף דעם צווייטנס „טאָלעראַנץ־פּאַטענט" פון יאָר 1789 מיט אַסך צוגאָבן און אויסטייטשן, וואָס זיינען שפּעטער צוגעקומען פון פאַרשיידענע רעגירער. דער יידן־רעגלאַמענט, אייגנטליך אַ שטראָף־קאָדעקס פאַר יידן, האָט דאָ אויך, געוויינטליך, געהאַט אַ קלינגעדיגן נאָמען: „פּאַטענט, וואָס אויף זיין גרונד זאָלן יידן געניסן אַלע רעכט און פּריווילעגיעס ווי אַלע בירגער". „גלייך מיט אַלע בירגער" האָט דאָ געהייסן נישט מער, וואָס יידן זיינען געוואָרן אונטערגעוואָרפן דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג און דעם שטאָטישן געריכט, דערפאַר האָט מען ביי יידן

*) דער פארנעם פון דער געגנט האט זיך געביטן אין די יארן 1789—1815. נאך דעם דריטן צעטיילן פוילן (1795) איז צו עסטרייך צוגעקומען מערב־גאליציע מיט קראקע (מזרח־גאליציע האט עסטרייך שוין געהאט פון פריהער). אין יאר 1809 איז מערב־גאליציע אפגעריסן געווארן פון עסטרייך און פאראייניגט מיט ווארשעווער הערצאגטום, אבער אין יאר 1815 איז דאס ווייטער אומגעקערט געווארן צו עסטרייך.

אָפּגענומען זעהר אַ וויכטיגע ירושה פונם פּוילישן רעזשים: די ברייטע קהלה־אויטאָנאָמיע האָט מען שטאַרק פאַרשמעלערט. דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן איז פאַרענגט געוואָרן דורך שטרענגער רעגלאַמענטאַציע. יידן זיינען פאַרווערט פּראָפעסיעס, וואָס זיינען באַזונדערס פאַרשפּרייט צווישן זיי: אַרענדירן לאַנד־ווירטשאַפטליכע צווייגן, שענקען, ביר־ברייזן, מילן; קויפן ערד אין דערפער מעג אַ ייד נאָר פאַר זיך, וויפיל ער איז בכח אַליין צו באַאַרבעטן. קיין נייע יידישע פאַמיליעס האָבן זיך ניט געטאָרט באַזעצן אין לעמבערג, אַלטע, איינגעזעסענע פאַמיליעס, האָבן געמעגט דאָרטן וואוינען נאָר אין געוויסע קוואַרטאַלן. יידן האָבן באַדאַרפט זיך נעמען פאַמיליע־נעמען פאַר דער אָפיציעלער רעגיסטראַציע, מייסטנס האָבן זיי אַזוינס ניט געהאַט. אויף חתונות איז געווען אַ שטרענגער קאָנטראָל; דאָס האָט געהערט צו דער סיסטעם פון אָפיציעלער מוז־בילדונג פאַר יידן, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין עסטרייכישער יידן־פּאָליטיק.

די עסטרייכישע רעגירונג האָט זיך גענומען מיט גוואַלד בילדן יידן, ניט באַהאַלטנדיג דעם אמת׳ן מיין: מאַכן אַ ניי יידנטום מיט וואָס וויניגער נאַציאָנאַלער קולטור; און דאָס האָט זי פאָרגענומען אין אַ גרויסער געגנט, וואו יידן האָבן געשטעקט איבערן קאָפּ אין רבנות און חסידות, וואו אויף אייראָפּע־אישער בילדונג האָט מען געקוקט ווי אויף אַן אומגליק, וואָס וויל צעשטערן די אייביגע יסודות פון יידישקייט, און וואו מ׳האָט דעריבער געדאַרפט לאָזן פירן אַ פ ר י י ע ן קאַמף קעגן דעם אָפּגעלעבטן לעבנס־שטייגער. און ס׳האָט זיך געפונען אַ ייד, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַזאַ קלאָגעדיגע שליחות מיט גוואַלד בילדן יידן: דאָס איז געווען הערץ האָמבערג.

האָמבערג איז געבוירן אין פּראָג, פאַרבראַכט יאָרן אין ישיבות און איז שפּעטער אויפגעקלערט געוואָרן אין בערלין אין מענדעלסאָנס קרייז. רוסאָס „עמיל” האָט געהאַט אויף אים אַזאַ ווירקונג, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּ־געבן מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט. אַ צייט (1782—1787) איז ער געווען לערער ביי מענדעלסאָנס קינדער, מיטגעאַרבעט אין דעם ראַציאָנאַליסטישן „ביאור” צו מענדעלסאָנס תנ״ך. די ידיעה וועגן טאָלעראַנץ־עדיקט און יוסף דעם צווייטנס בילדונגס־רעפאָרמעס האָבן האָמבערגן זעהר דערפרייט, און ער איז געקומען צוריק אַהיים מיטאַרבעטן ביי די רעפאָרמעס. אין ווין האָט ער אויסגע־האַלטן אַן אוניווערזיטעטס־עקזאַמען אויף פילאָזאָפיע, ער האָט געפּרובט באַ־קומען אַ קאַטעדרע אין פּראָגער אוניווערזיטעט, אָבער די רעגירונג האָט אים ניט געוואָלט באַשטעטיגן פאַר דאָצענט; דעמאָלט האָט ער זיך איבערגע־געבן דער רעגירונג דורכצופירן די יידישע שול־רעפאָרם אין גאַליציע. אַליין אַ טרוקענער ראַציאָנאַליסט, אָהן פאַרשטענדעניש פאַר היסטאָרישער עוואָלוציע, האָט האָמבערג געמיינט, אַז יידן לאָזט זיך איבערמאַכן דורך „בילדונג” מיט גוואַלד; אַלס קאַריעריסט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳לוינט אים בעסער צו דינען דער רעגירונג, איידער זיין אייגן געפּרובט פאָלק. אין יאָר 1787

האָט האָמבערג באַקומען דעם אַמט פון „אויבער־אויפזעהער” אויף אַלע נייע יידישע שולן, וואָס ער גופא האָט געזאָלט עפענען אין גאַליציע. אין לעמבערג האָט ער געהאַט אַ שלעכטן אויפנעם ביי יידן, אַלס אפיקורס און רעגירונגס־אַגענט קיינער האָט אים ניט געוואָלט פאַרדינגען קיין דירה; דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט זיך נעמען מיט אַ ברען פאַר דער אַרבעט. אין דער צייט פון פיר יאָר האָט ער געעפנט אין גאַליציע ביז הונדערט „דייטשיש־יידישע” אָנהויב־שולן מיט אַסך דייטש און קנאַפ יידישקייט, און קוים צונויפגעשאַרט פאַר זיי לערער צווישן דעם הייפל „משכּילים”. אינגיכן איז אין לעמבערג געוואָרן אַ סעמינאַר פאַר יידישע לערער. זעהר שווער איז אָנגעקומען צונויפטרייבן קינדער אין די רעגירונגס־שולן, בעת יידן האָבן געקוקט אויף די שולן, ווי אויף פאַבריקן פאַר משומדים; נאָר דאָ איז צו הילף געקומען די רעגירונג: דער „פאַטענט” פון יאָר 1789 האָט געגויט יידן אָפּגעבן זייערע קינדער אין די נייע שולן: אָהן אַ שיין פון אַזאַ שול האָט אַ יינגל ניט געטאָרט לערנען גמרא אין אַ חדר; אָהן אַזאַ שיין אָדער אַ באַווייז, אַז מ׳האָט זיך געלערנט דייטש אין דער היים, האָט מען ניט געטאָרט חתונה האָבן.

האָמבערגן האָט מען איבערגעגעבן דורכפירן די דאָזיגע גוואַלד־בילדונג מיט דער הילף פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, און אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן אַ וויי־געשריי פון דער יידישער מאַסע, וואָס האָט ניט געקאָנט אויסשטיין דעם יאָך פון אַ „טשינאָווניק” אַ יידן. האָמבערג און די נייע לערער, דער רעגירונגס איבערגעגעבענע אַגענטן, האָבן אומדערבאַרמדיג געבראָכן די לאַנגאָניגע סיסטעם פון יידישער ערציהונג. מ׳האָט זיך אַריינגעריסן מיט פאָליצייאישער גוואַלד אין יידישן גייסטיגן לעבן, גע׳רודפ׳ט די איינגעשפאַרטע. האָמבערגס נאָמען איז נאָך מער פאַרהאַסט געוואָרן, ווען מ׳איז דערגאַנגען, וואָס פאַר אַ חלק ער האָט געהאַט אין מאַכן אַ נייעם שטייער אויף יידן, די ליכט־פאַכט. אין יאָר 1795 האָט אַ לעמבערגער געשעפטס־מאַכער, קאָפּלער, אויפגעגעבן דער רעגירונג אַ פּראָעקט מאַכן אַ שטייער אויף בענש־ליכט ביי יידן; אַזאַ אָפּצאָל זאָל, נאָך זיין מיינונג, איינטראָגן דער קרוין אַ היפּשן באַטרעף; ער גופא האָט זיך אויסגערופן נעמען די פאַכט פון אַזאַ אָפּצאָל פאַר אַ סומע פון צוויי הונדערט טויזנט פלאָרין אַ יאָר. קייזער פראַנצן האָט דאָס זעהר געשמעקט, ער האָט אָבער ניט געקאָנט מיטאַמאָל באַשליסן אַרויפוואַרפן אַזאַ נייע לאַסט אויף דער אָרימער יידישער מאַסע, דערצו נאָך, אויף אירן אַ הייליגן מנהג; האָט ער אָנגעפרעגט ביי האָמבערגן. יענער האָט געענטפערט, אַז ליכט־בענשן האָט ניט קיין וואָרצלען אין יידישן קולט; יידן וועט דער נייער אָפּצאָל ניט שווער זיין. בכן איז אין יאָר 1797 איינגעפירט געוואָרן די ליכט־פאַכט, אַ נייע לאַסט אויף יידן, וואָס האָט זיך געצויגן אַריבער 50 יאָר (ביזן יאָר 1848). אַלע זיינען זיכער געווען,

אַז האָמבערג האָט דאָ אַ טובה געטאָן דעם פאַכטער קאָפּלערן און ניט גלאַט פאַר אַ דאַנק־וואָרט. אינגיכן האָבן קיין ווין אָנגעהויבן לויפן נאָכאַנאַנד אָנ־קלאָגן אויף האָמבערגס אומגעזעצליך האַנדלען אין זיין אַמט; ער האָט גע־מוזט פאָרן קיין ווין פאַרענטפערן זיך. צום סוף האָט ער געמוזט פאַר־לאָזן לעמבערג און זיך באַזעצן אין ווין (1801). אין 5 יאָר אַרום (מערץ 1806) האָט דער קייזער געגעבן אַ באַפעל פאַרמאַכן אַלע דייטשיש־יידישע שולן אין גאַליציע. יידישע קינדער האָבן געמעגט לערנען אין אַלגעמיינע שולן, בתנאי, זיי זאָלן זיצן אויף באַזונדערע בענק, אָפּגעזונדערט פון קריסטליכע לערן־קינדער.

געבליבן אָהן אַ שטעל, האָט זיך האָמבערג גענומען פאַר אַן אַנדער פּראָפעסיע: מאַכן אָפיציעלע לערנביכער פאַר דער יידישער יוגנט. פון יאָר 1808 אָן ניט ער אַרויס יידישע קאַטעכיזיסן („אמרי שפר", „בני־ציון", „בן־יקיר") אויף העברעאיש מיט אַ דייטשער איבערזעצונג. די דאָזיגע לערנביכער, געשריבן אין אַ טאָן פון אָפיציעלן פּאַטריאָטיזם און טרוקענער מאָראַל, זיינען זעהר גע־פעלן דער רעגירונג אַלס אַ זיכער געצייג „אויסצוליטישן" יידן און זיי צוגע־וויינען פאָלגן ווי קנעכט. אַ קייזערליכער דעקרעט פון 14־טן דעצעמבר 1810 האָט געהייסן: 1) איינפירן האָמבערגס לערנביכער אין אַלע יידישע שולן, 2) געבן ערלויבענישן אויף חתונות אין גאַליציע און אין בעהמען נאָר די יונגע־לייט, בחורים און מיידלאַך, וואָס וועלן אויסהאַלטן ביי פּאָליציי אַן עקזאַמען אויף קאַטעכיזיס „בני־ציון". צו עסטרייכס קלאָגעדיגער געזעצגעבונג וועגן יידישע חתונות איז בכן צוגעקומען נאָך אַ ווילדע המצאה: אַן עקזאַמען ביי פּאָליציי אויף חתן אָדער אויף כלה. די דאָזיגע „רעפאָרם" האָט מען איינגעפירט אין דער שפּעטערדיגער תקופה פון רעאַקציע (1815—1848), און זי האָט מיטגעבראַכט ניט ווייניג טראַגיש־קאָמישע מעשיות.

בעת ער איז געווען צענזאָר אויף יידישע ספרים, האָט האָמבערג פאָר־געלייגט דער רעגירונג אַ פּלאַן אויסצורייניגן יידישע ספרים, וואָס האָט גע־שמעקט אַזוי גוט ווי אַ מסירה (1811): די צענזור זאָל ניט דורכלאָזן קיין נייע תפלות (חוץ תפלות פאַר דעם קייזער), קיין קבלה־ספרים, קיין דרוש־חבורים אָהן מאָראַלישע פאָרשריפטן, קיין נייע רבנ'ישע ספרים (אַלטע איז שוין אויך איבער־גענוג), קיין ביאָגראַפיעס פון רבנים, וואָס האָבן גאָר ניט אויפגעטאָן חוץ אין תלמוד, קיין מעשיות פון צדיקים. האָמבערג האָט אויך פאָרגעלייגט צו־נויפרופן אַן אסיפה פון רבנים אין בעהמען, מעהרן, אונגאַרן און גאַליציע, זיי זאָלן אויסמעקן פון סדורים און פון רבנ'ישע ספרים אַלץ, וואָס קאָן באַליידיגן ניט־יידן. האָמבערג גופא האָט צונויפגעשטעלט פאַר דער עסטרייכישער צענזור אַ צעטל יידישע ספרים, וואָס זיינען „טריף" פונם פּאָליטישן קוק. פאַר די אַלע פאַר־דינסטן האָט קייזער פראַנץ געמאַכט האָמבערגן פאַר אינספּעקטאָר אויף יידישע שולן אין בעהמען (1814); אין דעם אַמט איז דער מיסיאָנער פון פּאָליציי־אישער בילדונג אָפּגעווען ביזן טויט (1841).

גאַליציאַנער ייִדן האָבן אויסגעפירט בילדונגס־דינסט פונקט אַזוי שלעכט, ווי ס'איז געווען מיט מיליטער־דינסט, וואָס מ'האָט זיי אָנגעוואָרפן נאָך אין יאָר 1788. די זאָרג, וואָס דער געזעץ וועגן די רעקרוטן (§ 5) האָט פאַרשאַפט דער ייִדישער מאַסע, איז נאָך ניט געווען אַריבער. די אָרטאָדאָקסאַלע מאַסע האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גזרה אויף אירע קינדער, אויף איר רעליגיע און מנהגים, און האָט זיך ניט געקאָנט באַרוהיגן: זי האָט זיך געקערט צום מלך אויפן הימל און צום מלך אויף דער ערד, זי האָט גאָט געבעטן אין די שולן, געשיקט דעפוטאַציעס קיין ווין, מ'זאָל אָפּשאַפן די גזרה. אין יאָר 1790 האָט די רעגירונג זיי צוליב געטאָן און האָט ערלויבט ייִדן צאָלן אַ רעקרוטן־שטייער אָנשטאָט צושטעלן רעקרוטן, אָבער אין יאָר 1804 איז דער געזעץ וועגן רעקרוטן ווידער גילטיג געוואָרן. דאָס איז געווען אין רעכטן ברען פון נאַפּאָלעאָנס מלחמות, און דער פאַרקנעכטעטער גאַליציאַנער ייִד האָט געהאַט גענוג גרונדן ניט צו וועלן פאַרגיסן בלוט פאַר אַ מלוכה, וואָס האָט אים געיאָגט און געפּלאָגט. אַסך יונגע־לייט האָבן עמיגרירט קיין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער, אַנדערע האָבן געפונען עצות קעגן געזעץ, אַסך האָבן פונדעסטוועגן געדינט אויך. די קאָמאַנדירן האָבן זיי גרינגער געמאַכט די דינסט דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיי געשטעלט אין פור־דינסט, ניט אין די מאַרש־טיילן.

§ 39. אונגאַרן.

דאָס אונגאַרישע ייִדנטום איז געווען זעהר ענליך צום גאַליציישן לויט זיין סאָציאַלער לאַגע און קולטור־שטייגער. די רעכטליכע לאַגע איז דאָ אָבער געווען אַנדערש אין געוויסע פּרטים. דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין אונגאַרן איז געווען באַלעסטיגט מיט אַ שווערן „טאָלעראַנץ־שטייער” אַריבער אַ מיליאָן גולדן. מחמת דער אונגאַרישער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע און דעם פעאָדאַלן רעזשים, האָבן ייִדן געהאַט אויף זיך אַסך בעלי־בתּים: אין די קיניג־שטעט האָבן איבער זיי געהערשט דעם שטאַטהאַלטערס באַאַמטע און די מאַגיסטראַטן; אין די פּריץ'ישע ישובים — די פּריצים. ייִדן האָבן געלעבט אין געדיכטע מאַסן אין פּרעסבורג, אָפען, פּעשט און האָבן שטענדיג באַדאַרפט אויסשטיין אַ קאַמף פאַר וואוינרעכט און פאַר באַשעפטיגונגס־רעכט קעגן די מאַגיסטראַטן, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן זייער אַלטע פּריווילעגיע ניט צו דערלאָזן ייִדן (de non tolerandis judaeis). ייִדן האָבן לגמרי ניט געטאָרט וואוינען אין ראַיאָן פון באַרג־אינדוסטריע. מ'האָט זיי געשטערט, אין איינִיגע ערטער אפילו פאַרווערט, קליינהאַנדל און הויזירעריי, וואָס האָט געשפּייזט אַסך אָרימע ייִדישע פאַמיליעס.

אָפּקלאַנגען פון דעם קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע און האָפנונגען אויף דעם נייעם רעגירער (לעאָפּאָלד II) האָבן אויפגערודערט די ייִדישע געזעלשאַפט

אין אונגאַרן. אין יאָר 1790 האָט זי זיך געווענדעט צום קייזער מיט אַ פּע־
טיציע וועגן פֿאַרבעסערן די יידישע לאַגע. די פּעטיציע האָט מען איבערגעשיקט
דעם אונגאַרישן סיים, וואָס האָט זי איבערגעגעבן צו באַהאַנדלען אין אַ באַ־
זונדער קאָמיסיע. ס'האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער סיים (אין דער
סעסיע פֿון יאָר 1791) איז גרייט צופֿרידנשטעלן די יידישע השתדלות, בתנאי,
אַז יידן זאָלן געבן רעקרוטן אין דער אַרמיי (דעמאָלט איז דאָס נאָך ניט געווען
קיין מוז פֿאַר אונגאַרישע יידן). אין רעכניק איז זיך צונויפֿגעקומען אַן אסיפה
פֿון יידישע קהלה־פֿאָרשטייער און האָט באַהאַנדלט די פֿראַגע, צי לוינט דאָס
טאָן, כּדי צו געווינען סימפּאַטיע בּיים סיים. אַ דעלעגאַט נפֿתּלי ראָזנטאַל
האָט אָנגעוויזן, אַז יידן לוינט בעסער מיט גוטן נעמען אויף זיך מיליטער־
דינסט, כּדי געווינען דערפֿאַר בירגער־רעכט, וואָרום פֿריהער־שפּעטער וועט די רע־
גירונג אַלץ־איינס אָנוואַרפֿן יידן די לאַסט. אָבער קאָפּל טעבען, אַ פּאָפּולערער
פֿאַרטרעטער פֿון דער פּרעסבורגער קהלה, האָט אָפּגערעדט די פֿאַרזאַמלונג פֿון
אַרויפֿוואַרפֿן פֿרייוויליג אויפֿן פֿאָלק די שווערסטע לאַסט, דאָס רוב האָט צו
אים צוגעשטימט. דערווייל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אונגאַרישער
סיים האַלט נאָך ווייט פֿון צו נעמען אַזאַ קרבן בּיי יידן. ווען אין סיים
איז צו רייד געקומען פֿון מיליטער־דינסט פֿאַר יידן, האָט באַטיאַני, קאַרדי־
נאַל־פּרימאַס, מיט היץ אָנגעוויזן, אַז יידן האָבן ניט פֿאַרדינט דעם כּבֿוד
צו דינען אונטער דער אונגאַרישער פֿאָן. דער פּראָעקט פֿון דער קאָמיסיע
וועגן געבן יידן אַ טייל רעכט האָט אפילו ניט דערלאַנגט צום סיים אין
יאָר 1792 — ס'איז געבליבן בּיים אַלטן.

אַ נייע פּאָליטישע כוואַליע — די באַפֿרייאונגס־באַוועגונג, וואָס נאַ־
פּאָלעאָנס נצחונות האָבן מיטגעבראַכט, — האָט אויפֿגעמונטערט די אונגאַ־
רישע יידן צו קעמפֿן פֿאַר זייערע רעכט. אין יאָר 1807 האָבן זיי דער־
לאַנגט דעם סיים אַ פּעטיציע, ער זאָל זיי געבן גלייכע רעכט מיט די
ניט־אַדל־שטאַנדן, נאָר בתנאי, זיי זאָלן דערהאַלטן זייער קהלה־אויטאָנאָמיע;
ווייטער האָבן זיי געבעטן, מ'זאָל געזעצליך אָנערקענען אַזוינע קלאַסן בּיי
יידן: ערד־אַרבעטער, פֿאַבריקאַנטן, בעלי־מלאכות, סוחרים, שטעטישע און
הויזירער; דער לעצטער קלאַס (הויזירער), וואָס דער געזעץ איז קעגן אים,
זאָל אויך טאָלערירט ווערן אַזוי לאַנג, ביז ערד־ און פֿאַבריק־אַרבעט וועלן פֿאַר־
שפּרייט ווערן בּיי יידן. די סיים־קאָמיסיע האָט אָבער ניט געקאָנט „ליידן”
הויזירער, וואָס קאָנקורירן מיט קרעמער; יידן איז אויסגעקומען זיך ווענדן צום
קייזער פֿראַנץ מיט אַ בקשה, ער זאָל ניט לאָזן רואינירן אַן אָרימע מאַסע
הויזירער, וואָס ברענגט נוצן דעם לאַנד.

די רעגירונג האָט זיך נאָך געוואַקלט, צי זאָל זי אָפּנעמען דעם לעצטן
ביסן ברויט בּיי צעהנדליגער טויזנטער קליינהענדלער צי ניט, אָבער וועגן מיליטער־דינסט
פֿאַר יידן האָט זי ניט לאַנג געטראַכט: זי האָט באַשלאָסן נעמען בּיי זיי רעק־

רוטן (1807). אין דערזעלבֿער צייט האָט זי נעהעכערט אויף 50% דעם „טאָ־לעראַנץ־שטייער", אַ סימבאָל פֿון קנעכטשאַפֿט פֿאַר „פֿרעמדע", וועלכע מען האָט נאָר־וואָס פֿאַרפֿליכטעט פֿאַרגיסן בלוט פֿאַרן פֿאָטערלאַנד. אַזוי האָט מען פֿאַרשטאַנען גלייכע פֿליכטן און גלייכע רעכט אין אונגאַרן. אין יאָר 1811 האָט דער טאָלעראַנץ־שטייער שוין אָנגעטראָפֿן 1.600.000 גולדן. אונגאַרישע יידן האָט ניט אויסגעמיטן קיין אָפֿיציעלע בילדונגס־מאַכעריי אויך; דאָ איז דאָס אָבֿער ניט פּראַקטיקירט געוואָרן אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווי אין גאַליציע. אויף חתונה־האָבֿן האָט מען באַדאַרפֿט ברענגען אַ שיין, אַז מ'האָט געענדיגט אַ „נאָרמאַלע שול". יידן האָבֿן זיך געמוזט „אַן עצה טאָן" קעגן גזירה, אָדער אויפֿן אַלטן שטייגער זיך אויסקויפֿן ביי דער מאַכט מיט געלט פֿון אויספֿירן דעם אָנגעוואָרפֿענעם גזירה.

§ 40. דער קולטור־צושטאַנד.

עסטרייכישע יידן זיינען ניט געווען אַזוי שטאַרק אַריינגעצויגן אין דער פּאָליטישער באַוועגונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער תקופֿה, און דעריבֿער האָט זיי ניט אַזוי אָנגערירט דער קולטור־קריזיס, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס יידישע נייסטיגע לעבן אין דייטשלאַנד. דאָ האָבֿן זיך נאָך געהאַלטן די צוויי זיילן פֿון דער אַלטער קולטור: רבנות און חסידות, בעת אין דייטשלאַנד איז שוין דאָס ערשטע געווען שטאַרק אונטערגעבראָכן און דאָס צווייטע האָט זיך גאָר ניט באַוויזן צו באַפֿעסטיגן. רבנות איז נאָך געווען פֿעסט אין בעהמען, אין מעהרן און אין אונגאַרן; אין די גרויסע קהלות זיינען געווען אָנגעזעהענע אָרטאָדאָקסישע רבנים, ווי ר' יחזקאל לאַנדוי און זיינע נאָכקומער אין פּראָג, ר' מרדכי בענעט אין ני־קאָלסבורג („לאַנד־ראַבינער אין מעהרן"), ר' משה סופֿר („חת"ם סופֿר") אין פּרעסבורג און אַנדערע. אין גאַליציע אָבֿער האָט חסידות, אָנהויבנדיג פֿון סוף 18־טן יאָרהונדערט, פֿאַרפֿלייצט כמעט אַלע קהלות, חוץ געציילטע גרעסערע רבנ'ישע צענטרען (לעמבערג, קראָקע, בראָד). די „גוטע יידן" האָבֿן געבראַכט די יידישע מאַסע אין גרויס התפּעלות, איינגע מיט באַווייזן „ניסים", אַנדערע מיט זייער פֿרומקייט און הייליגקייט (ר' אלימלך ליזענסקער און זיינע נאָכקומער, ר' וואָלף זבאַראַזשער, ר' משה־לייב סאַסאָווער א. אַנד.). דאָס לעצטע צעהנדליג יאָר פֿונם 18־טן יאָרהונדערט איז נאָך אין די קהלות צוגעגאַנגען אַ שטרייט צווישן רבנים און גוטע יידן. דער נעוויסער אַגיטאַטאָר קעגן חסידים, דער מתנגד'ישער דרשן ישראל לייבל, איז געקומען פֿון ליטע קיין גאַליציע גראָד אין דער צייט (1798), ווען אין רוסלאַנד האָט ווידער אויסגעבראָכן די מלחמה פֿון מתנגדים מיט חסידים (זעה ווייטער, § 52). אָבֿער דאָ האָט ער געטראָפֿן אַן אָרגאַניזירטע חסיד'ישע מאַכט, וואָס האָט אים נישט נעלאָזט זאָגן אין די שולן און האָט אים

פאַר'מסר'ט פאַר פאָליציי, אַלס אַ געפערליכן אַגיטאַטאָר. די ערשטע יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט איז די מלחמה צווישן חסידים און מתנגדים עטוואָס אָפגעשוואַכט געוואָרן. די קעגנער האָבן דערפילט, אַז אויף זיי ביידע רוקט זיך אַ נייע „גזרה” — בילדונג, וואָס די רעגירונג האָט גענומען איינפירן מיט אַזוינע אַגענטן ווי הערץ האָמבערג.

שוין דאָס אַליין, וואָס משכילים אין עסטרייך האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער רעגירונג, בעת יענע האָט געהאַלטן אין איין רודפ'ן די יידישע מאַסע, איז גענוג געווען, זי זאָל וואַרפן אַן אומ'חן אויף דעם עצם געדאַנק פון בילדונג. געוויס איז דאָס געווען אָפגעשטאַנענקייט און חסיד'ישע ווילדקייט פון דער מאַסע, ווען זי האָט זיך מיט אַלע מיגליכע מיטלען געווערט קעגן די „דייטשיש־יידישע” שולן, אָבער דאָ האָט געשטעקט אַ פאָליטישער פראָטעסט אויך; וואָרום פאַר יידישע גייסטיגע אינטערעסן האָט מיטאַמאָל גענומען זאָרגן אַ רעגירונג, וואָס האָט געפירט אַ פרעה־פאָליטיק קעגן יידן, זיי זאָלן זיך ניט מערן, און האָט זיי געהאַלטן אין דער ערגסטער רעכטלאָזיגקייט. די שנאה צו די אָפיציעלע אויפקלערער פון האָמבערגס שניט האָט זיך איבערגעוואָרפן אויף די שטילע משכילים־אידעאַליסטן, וואָס האָבן זיך באמת באַגייסטערט מיטן אידעאַל פון אַ קולטור־אויפלעבונג. מ'האָט גע'רודפ'ט די נייע אפיקורסים, מ'האָט זיי געטריבן פון דער פאַמיליע, פון דער געזעלשאַפט, מ'האָט געברענט זייערע „שעדליכע” ביכלאַך. די משכילים אין גאַליציע איז אויסגעקומען אויסצובאַהאַלטן זיך, בילדן געהיימע קרייזן, וואו מ'האָט שטילערהייט געלייענט לעסינגס, שילערס, מענדלסאָנס ווערק און די נאַאיווע מליצה פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, וועמענס אָרגאַן ס'איז געווען דער בערלינער „המאסף” (§ 35).

ממילא האָט די ניי־העברעאישע ליטעראַטור ניט געקאָנט שטאַרק אַרויסקוקן אויף אָנגעזעהענע שרייבער אין עסטרייך. חוץ האָמבערגן, וואָס ער האָט זיך גאָר אַריינגעלאָזט מאַכן שלעכטע אָפיציעלע לערנביכער, איז דאָ געווען איין אָנגעזעהענער שרייבער יהודה־לייב בן־זאב. ער איז געווען אַ געבוירענער אין קראָקע און דאָרט האָט ער שטילערהייט שטודירט די פאַרבאָטענע וויסנשאַפטן; דערנאָך איז ער געקומען קיין בערלין און ברעסלוי און איז אָפן געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין אפיקורס'ישן „המאסף”. ער האָט זיך גענומען אַ צוועק צו באַשאַפן אַ געצייג אויף אויפצולעבן די ביבלישע ליטעראַטור־שפראַך, וואָס די רבנ'ישע ליטעראַטור האָט זיך דערווייטערט פון איר, און האָט אָנגעשריבן צוויי גרונדווערק: אַ העברעאישע גראַמאַטיק („תלמוד לשון עברי”, ברעסלוי 1796) און אַ העברעישן לעקסיקאָן („אוצר השרשים”, ווין 1807). דאָס איז געווען אַ נויטיגער טייל צום „ביאור” (מענדעלסאָנס פירוש אויף תנ"ך) און האָט געהאַט דעמזעלבן צוועק — אַז דער יסוד פון דער נייער ליטעראַטור זאָל זיין תנ"ך, ניט תלמוד. בן־זאב האָט נאָך מער ראַציאָנאַליסטיש אויסגעטייטשט דעם תנ"ך, איידער דער

„ביאור“; ער האָט דער ערשטער זיך איינגעשטעלט צו פאַרעפנטליכן אַן „אַריינפיר אין תנ״ך“ („מבוא למקראי קודש“, ווין 1810), אַ שטיק ביבל־קריטיק, וואָס ער האָט גענומען ביים באַוואוסטן דייטשן אָריענטאַליסט אייכהאָרן. דעם גרעסטן טייל ליטעראַרישע ווערק האָט בן־זאב געשריבן און גערדוקט אין ווין, דאָרט האָט ער פאַר־בראַכט די לעצטע צעהן יאָר אַלס קאָרעקטאָר אין יידישער דרוקעריי פון שמיד (געשטאָרבן איז ער אין ווין אין יאָר 1811, צו 43 יאָר). דאָ אין ווין, ווייט פון זיינע גאַליצישע פאַנאַטיקער, האָט ער געהאַט די מיגליכקייט צו שרייבן און ניט מורא האָבן פאַר קיין רדיפות. פונדעסטוועגן איז ער דאָ אויך ניט געווען גאַנץ רוהיג. איינער פון זיינע גאַליצישע פריינד האָט אים געבעטן אַרויסטרעטן מיט אַ קריטיש ווערק קעגן חסידות. דערויף האָט אים בן־זאב גע־ענטפערט (1808), אַז ער האָט מורא אָנרירן חסידים, וואָרום זיי קאָנען פון נקמה וועגן פאַרברענען אַלע זיינע ביכער אין גאַליציע. „אגב, זאָגט ער, האָבן מיר צו דאַנקען די צבוע'יאַקעס (חסידים), וואָרום ווען ניט זיי, וואָלטן מיר נישט גע־קאָנט אויסהאַלטן פון די מתנגדים. אַז צוויי גנבים קריגן זיך, קאָן אַמאָל אַן ערליכער מענש אַרויסבאַקומען, וואָס מ'האָט ביי אים אַוועקגע'גנב'עט. חסידים פאַלן אָן אויף לומדים, לומדים אויף חסידים, דער טייוול טאַנצט צווישן זיי, דערווייל לאָזט מען אונז (משכילים) צו־רוה“... אין די ווערטער הערט זיך אַ באַליידיגט געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט. די פיאָנערן פון השכלה זיינען נאָך געווען שוואַך און עלנט אין דער אָפגעשטאַנענער פרום־פאַרצייטיגער מאַסע אין עסטרייך; די השכלה גופא איז נאָך געווען פון אויבן אויף. מיר וועלן נאָך זעהן, ווי די שטרעבונג צו אַ מאָדערנער לעבעדיגער קולטור ווערט מיט דער צייט טיפער און ברייטער, און אַסך דראַמאַטישער וועט אויסזעהן דער קאַמף קעגן דעם אָפגעלעבטן יידישן שטייגער.

בערלינער „שמד־עפידעמיע“ האָט נאָך ניט דערלאַנגט קיין עסטרייך. משומדים האָבן זיך געמערט בלויז ביי דער ווינער יידישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט געזוכט אַ וועג צו דער קריסטליכער געזעלשאַפט. אין די דאָזיגע אַריסטאָקראַ־טישע נעסטן האָט זיך די אַסימילאַציע איינגעוואָרצלט. אין אָנהייב 19־טן יאָר־הונדערט טרעפן מיר נאָך אין ווין פאַני אַרנשטיינס סאַלאָן (§ 5), דער פרוי פון אַ ווינער באַנקיר, וואָס דער קייזער האָט אים געגעבן דעם באַראָן־טיטל. ביי דער באַראָנעסע אין גרויסאַרטיגן סאַלאָן (אגב איז זי אָפיציעל געבליבן ביי יידישקייט) האָבן זיך געטראָפן רייכע און געבילדעטע יידן — נאָך אַלץ מיט דעם טיטל „טאָלערירטע“, מיט עסטרייכישע באַאַמטע, שרייבער און קינסטלער. אין די יאָרן פונם באַפרייאונגס־קריג קעגן נאַפּאָלעאָנען, האָט באַראָנעסע אַרנשטיין אַרויסגעוויזן אין איר פילאַנטראָפישער טעטיגקייט אַ פייערדיגן דייטשן פּאַטריאָטיזם. נאָכדעם, בעת דעם ווינער קאָנגרעס, פלעגן אין סאַלאָן צו איר אָפט אַריינקומען דיפּלאָמאַטן פון פאַרשיידענע אייראָפּייאישע מלוכות.

קאַפּיטל V

יידן אין פּוילן אין דער צייט פון די לעצטע צעטיילן

§ 41. די יידנפראַגע אין דער ליטעראַטור פונם פיריאָריגן סיים.

דאָס ערשטע יאָר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען דאָס ערשטע יאָר פון רעפאָרמעס אין פּוילן. אין פאַריז זיינען די גענעראַל־שטאַטן מיט דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע געוואָרן פון אַ שטאַנדן־פּאַרלאַמענט אַ נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג; אין וואַרשע איז דער רעפאָרמאַטאָרישער סיים, דער פיריאָריגער אָדער דער גרויסער סיים, געבליבן אַ שלאַכטישער, אָבער אויף אים האָט זיך אויך געפילט די ווירקונג פון די פראַנצויזישע פרייע אידייען. דער דריטער שטאַנד, די שטעטישע („מעשטשאַנעס"), האָבן געפאָדערט גלייכבאַרעכטיגונג און איינע פון די ערשטע הויפּט־רעפאָרמעס פון סיים איז געווען צו געבן זיי גלייכע בירגער־רעכט מיט דער שלאַכטע, אָבער ניט קיין גלייכע פּאָליטישע רעכט. די רעפאָרמאַטאָרס האָבן געהאַט פאַר זיך נאָך צוויי וויכטיגע פראַגן: פּויערים און יידן. די פּויערים־פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן, אָבער אין אַ פּאַרלאַמענט פון פּריצים האָט מען געגעבן דערויף אַן ענטפער, ווי ס'לוינט פאַר קנעכט־איינגנטימער. די יידנפראַגע האָט נאָר דורכגעשוועבט, ווי אַ שוואַרצער שאָטן, אין די רעש'יגע זיצונגען פון פיריאָריגן סיים, און מען האָט דעם שאָטן פאַריאָגט אין אַ ווייט ווינקל, אין אַ באַזונדער „דעפּוטאַציע" אָדער קאָמיסיע; דאָרט איז די פראַגע געבליבן שטעקן ניט פאַרענטפערט. מ'דאַרף אָבער זאָגן, אַז שולדיג דערין איז געווען ניט אַליין דער קאָנסערוואַטיזם פון די פּוילישע רעפאָרמאַטאָרס; דאָ איז געווען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט געשטערט צו ראַדיקאַלע רעפאָרמעס: רוסלאַנד האָט פּוילן צוגעשטעלט אַ מעסער צום האַלז. רוסלאַנד האָט גאָר ניט געוואָלט, פּוילן זאָל רעפאָרמירט ווערן, וואָרום נאָך דעם ערשטן צעטיילן האָט פּוילן געזאָלט זיין אַ צווייטער און אַ דריטער געריכט ביי די „גרויסע מלוכות" צום טיש. דער סיים האָט געקעמפט קעגן רוסלאַנדס אַפּוטרופּסות, וואָס איז געטאָן געוואָרן דורך דעם רוסישן רעזידענט אין וואַרשע; דער סיים האָט געגרייט דאָס לאַנד צו אַן אומפאַרמיידליכער מלחמה קעגן דעם שטאַרקן שכן. די סיים־

שטאַנדן איז געלעגן אַסך מער צו רעאָרגאַניזירן די אַרמיי און פאַרשטאַרקן דעם קריג־פאָנד, איידער אינעווייניגסטע רעפאָרמעס.

מחוץ דעם סיים האָט געברויזט און געשטורעמט. נעבן דעם געזעצגעבערישן פאַרלאַמענט איז געוואָרן נאָך אַ פאַרלאַמענט, אַ ליטעראַרישער — די „פּאָליטישע ליטעראַטור פונם פיריאָריגן סיים", וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פּאָליטישער ליבעראַליזם. „קאָלאָנטאַיס קוזניע" אַליין, די פּובליציסטישע קאַנצעלאַריע פון די רעפאָרמאַטאָרס, האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט בראָשורן און פלוג־בלעטער וועגן אַלע פראַגן, וואָס באַלאַנגען צו רעפאָרמירן פוילן. צעהנדליגער בראָשורן האָבן באַהאַנדלט אינגאַנצן אָדער טיילוויז די יידנפראַגע. דאָ האָט מען געפירט אַ היציגע פּאָלעמיק וועגן דער „יידן־רעפאָרם" אָנשטאָט דעבאַטן אין סיים.

אָנגעהויבן האָט זיך די ליטעראַרישע פּאָלעמיק וועגן דער יידנפראַגע פון אַ בראָשור, וואָס בוטרימאָוויטש, סיים־דעפוטאַט פון פּינסק, דער הויפּט־קעמפּער פאַר רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן, האָט אַרויסגעלאָזט. דאָס איז אייגנטליך געווען איבערגעדרוקט די בראָשור פון „איינעם אָהן אַ נאָמען" (§ 9). בוטרימאָוויטש האָט די בראָשור איבערגעדרוקט אין יאָר 1789 מיט אַ נייעם טיטל: „אַ מיטל צו מאַכן פון פוילישע יידן ניצליכע בירגער אין לאַנד" און מיט אַ צוגאָב פון אייגענע באַמערקונגען. בכן האָט דער פּאָפּולערער דעפוטאַט געשטעלט זיין חתימה אויף אַ „רעפאָרם־פּראָעקט", וואָס אין תוך האָט דאָ געשטעקט אַזאַ געדאַנק: יידן זיינען ביי זייער איצטיגן צושטאַנד „שעדליך פאַר דער מלוכה" ניט דערפאַר, ווייל אַזוי איז זייער נאַטור, נאָר מחמת זייער באַזונדער סיסטעם ערציהונג און לעבנס־שטייגער; דעריבער דאַרף מען זיי פריהער געבן אַ נייע ערציהונג, אַ פּאָליטישע און אַ מאָראַלישע, איידער מ'מאַכט זיי פאַר בירגער. די רעפאָרם איז: מ'זאָל יידן צוציהען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, צו מלאכה און ערדאַרבעט, מ'זאָל זיי דערווייטערן פון שעדליכער שענקעריי און מ'זאָל באַזייטיגן זייער אָפּגעזונדערטקייט; דאָס לעצטע זאָל דערגרייכט ווערן דורך דעם, וואָס מ'זאָל פאַרשמעלערן זייער קהלה־אויטאָנאָמיע, מ'זאָל איינפירן פויליש אָנשטאָט „זשאַרגאָן" אין דער יידישער שול און אין געשעפטס־לעבן, מ'זאָל פאַרווערן די יידישע קליידונג און ניט לאָזן ברענגען ספרים פון אויסלאַנד. צו אַזאַ פּראָעקט פון „אויסלייטישונגס"־מיטלען האָט בוטרימאָוויטש צוגעגעבן נאָך אַ זאַך: יידן זאָלן ניט טאָרן דינען ביי מיליטער, ביז זיי וועלן ניט ווערן דורך בילדונג גוטע פּאַטריאָטן, וואָס זיינען גרייט דינען דעם פאָטערלאַנד.

אָבער אפילו אַזאַ פּראָעקט, וואָס שטייט בעצם אויף אַ סיסטעם פון אפּוטרופּסות און אַסימילאַציע, האָט דעם גרעסטן רוב פוילישע געזעלשאַפט אויך אויסגעזעהן צו ליבעראַל. אַ פוילישער פּראָגרעסיווער זשורנאַל האָט זיך אָפּגערופן מיט אַן אַרטיקל: „געדאַנקען וועגן בוטרימאָוויטשס פּראָעקט פון אַ יידן־רעפאָרם" (דעצעמבער 1789). דער מחבר פון די „געדאַנקען" געפינט אינם

פראָעקט אַ קערן „געזונטע פאָליטיק“, ער פאַרשטייט אָבער ניט, ווי אַזוי מען „פאַרמאַכט די אויגן אויף יידישע חסרונות איבער צו פיל זאָרג פאַרן פרינציפ פון מענשן־רעכט“. דער אַנאָנימער זשורנאַליסט פאָדערט, מען זאָל גאָר אָפּשאַפן קהל, יידישע קהלות זאָלן האָבן ניט מער ווי אַ סינאַגאָגאַלע אויטאָנאָמיע; ער האַלט אויך, אַז מ׳דאַרף באַגרעניצן יידישע קרעמעריי אין די שטעט, כדי יידן זאָלן זיך מוזן נעמען פאַר מלאכה און ערדאַרבעט. איינִיגע פובליציסטן האָבן גערעדט וועגן יידן זעהר שאַרף. דער געוויסער סטאַשיק, אַ דעמאָקראַטיש־געשטימטער קסיאָנדז, דער מחבר פונם ווערק „אַ התראָה פוילן“, זאָגט אויף יידן, אַז דאָס איז „אַ היישעריק אין לאַנד זומער און ווינטער“; אַזאַ „מחנה שנאָרער“ האָט זיך געקאָנט געפינען אַן אָרט נאָר אין אַ סביבה, וואו מ׳פראָטעזשירט ליידיג־גייעריי; דערביי האָט סטאַשיק פאַרגעסן, אַז די דאָזיגע „שנאָרער“ האָבן באַשאַפן האַנדל אין לאַנד פון שלאַכטע און כלאָפעס. דער רוב שרייבער, וואָס האָט שאַרף קריטיקירט יידן, איז געווען איינִיג, אַז אויסלייטישן די נאַציע קאָן מען נאָר מיט רעפאָרמעס, וואָס זאָלן גענעבן ווערן פון אויבן. אַן אַלט היסטאָריש פאָלק, מיט אַן אַלטער זעלבס־פאַרוואַלטונג, האָט מען דאָ באַהאַנדלט ווי אַן ערב־רב, וואָס מ׳קאָן איבערמאַכן זייער לעבנס־שטייגער, ווי מ׳וויל: ס׳איז געגוג צו פאַרבייטן יידיש מיט פויליש, פריהער אין געזעלשאַפטליכן לעבן, דערנאָך אין פריוואַט־לעבן; אָנשטאָט אַ יידישער שול — געבן אַ פוילישע שול; אָנשטאָט קהל — אַ מאַגיסטראַט; אָנשטאָט האַנדל — הייסן זיך נעמען פאַר מלאכה און ערדאַרבעט. דער חילוק ביי די פראָעקטן־מאַכער איז געווען נאָר אין גראַד פון ראַדיקאַליזם און צוואַנג: איינע ווילן גאָר אָפּשאַפן די קהלה־אוויטאָנאָמיע (קאָלאָנטאַי), אַנדערע ווילן איינצוימען און מאַכן די רעגירונג פאַר אַן אפוטרופוס אויף איר (בוטרימאָוויטש און אַנדערע). איינִיגע האַלטן, אַז מ׳דאַרף יידן שערן בערד און פאות, ברענען תלמוד און קלענער מאַכן די צאָל ימים־טובים; אַנדערע האַלטן פאַר גענוג פאַרווערן יידישע קליידונג, פאַרמאַכן יידישע דרוקן און העלפן איבערזעצן יידישע רעליגיעזע ספרים אויף פויליש. אַלע פראָעקטן־מאַכער געפעלט זעהר נאָרמירן יידישע חתונות אויפן פרייסיש־עסטרייכישן שטייגער (מ׳זאָל חתונה האָבן נאָר מיטן הסכם פון דער מאַכט, מ׳זאָל דאַרפן באַווייזן, אַז מ׳איז מאַטעריעל געזיכערט און מ׳האָט דורכגעמאַכט אַ שול).

איינִיגע פובליציסטן האָבן צו אַלעם דעם נאָך אַריינגעמישט די פראַגע וועגן די „נעאָפיטן“, ד. ה. וועגן משומדים פון דער סעקטע פראַנקיסטן, וואָס זיינען אַריין צווישן פוילישן אַדל און בירגער, אָבער דאָרט האָבן זיי זיך געפילט פרעמד, זיינען געווען עלנט אין דער מיט צווישן קריסטליכער און יידישער געזעלשאַפט; די שרייבער האָבן אויסגעדריקט די פאַראַכטונג, וואָס די פוילישע געזעלשאַפט האָט געהאַט צו די פאַרשטעלטע נעאָפיטן, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי זייערע סעקטאַנטישע מנהגים, פלעגן פאָרן קיין אויסלאַנד צו פראַנקן און אים שיקן פדיונות.

קענען דעם כאָר שטימען, וואָס האָבן אין איין קול געלעסטערט יידן, און האָבן געזעהן פאַר זיי נאָר איין אויסוועג: „איבערמאַכן" זיי מיט פּאָליציי־מיטלען — קענען די אַלע האָט זיך געלאָזט הערן נאָר איין יידישע שטים. דער כעלמער רב הערש יאָזעפאָוויטש האָט אָפּגעדרוקט אַ בראָשור אויף פּויליש: „געדאַנקען וועגן דעם פּלאַן צו מאַכן פון פּוילישע יידן ניצליכע איינוואוינער אין לאַנד". דער מחבר ווייסט צו שעצן בוטרימאָוויטשעס גוטן ווילן; ס'איז אים אָבער גרויס וואונדער, וואָס אפילו געבילדעטע לייט פאַרשוואַרצן דעם כלל יידן און מאַכן אים ערב פאַר די שולד פון יחידים, בעת דער כלל האָט דאָך מעלות אויך און ברענגט נוצן דעם לאַנד. דער מחבר פּראָטעסטירט שאַרף קעגן אָפּשאַפן קהל און קעגן מישן־זיך אין יידישע גייסטיגע ענינים, בכלל קעגן אַלע אַסימילאַציע־פּראָיעקטן, וואָס וועט „אומברענגען דאָס יידישע פאָלק". אַלס אָרטאָדאָקסישער רב, קאָן ער ניט נאָכגעבן אפילו אין פּרט יידישע קליידונג; דערביי זאָגט ער מיט אַן איראָניע, אַז אויב יידן זיינען שוין יאָ אַזאַ פאַרדאָרבענע אומה, איז דאָך שוין גלייכער, זיי לאָזן זייער איצטיגע קליידונג, מ'זאָל זיי גרינגער דערקענען צווישן די גוטע און פרומע קריסטן.

יענע צייטן איז נאָך אין וואַרשע ניט געווען קיין קרייז „בערלינער" משכילים (זיי האָבן זיך באַוויזן שפּעטער, בעת דער הערשאַפט פון פּרייסן), וואָס זאָלן זיך אויך אַרויסזאָגן וועגן די רעפאָרם־פּראָיעקטן פון זייער קוק. „געבילדעטע" האָבן דעמאָלט געהייסן אַזוינע, וואָס האָבן פאַרקערט מיט דער רעגירונג אין פינאַנץ־אָפּעראַציעס אָדער צושטעלן סחורות פאַר דער מלוכה. אין אַרכיוו איז געבליבן אַ פּראָעקט פון איינעם אַזאַ „פּראָגרעסיסט", דעם קיניגליכן פאַקטאָר אברהם הירשאָוויטש, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם קיניג סטאַניסלאַוו־אויגוסט בעת דעם „גרויסן סיים". דער מחבר לייגט פאָר איינציגע פּאַטענטירטע מיטלען, גענומען ביי די פּוילישע רעפאָרמאַטאָרס: מאַכן פון יידן בעלי־מלאכות און ערד־אַרבעטער („אין די פרייע סטעפּן פון אוקראַינע") און פאַרווערן חתונות צווישן מינדעריעריגע; די קליידונג־רעפאָרם ראַט ער אָנצוהויבן דערווייל פון פאַרווערן לוקסוס־זאַכן: זייד, אַטלעס, סאַמעט, פּערל און צירונג, וואָרום די תאוה צו לוקסוס רואינירט דעם מיטלשטאַנד. רבנים דאַרף מען באַשטימען נאָר אין גרויסע שטעט, וואָרום אין די פּריץ'ישע שטעטלאַך קויפט מען רבנות ביי פּריצים און דערנאָך באַרייסן די רבנים די קהלות. די רעגירונג דאַרף איינשטעלן אָרדנונג אין די קהלות, וואָרום יידן אַליין „קאָנען ניט איינשטעלן קיין צוועקמעסיגע פירונג" איבער זייערע שטענדיגע מחלוקת'ן. דער מחבר איז גרייט מיט לייב און לעבן פאָלגן דער מאַכט „אויסצוואָרצלען די איינרעדענישן און פאַלשע באַגריפן פון דער פאַרפירטער נאַציע"...

יענע צייט האָט זיך נאָך ניט געפונען דער פרייער ייד, וואָס זאָל אָפן זאָגן די פּוילישע רעפאָרמאַטאָרס: ווילט איר מאַכן יידן „ניצליך דער מלוכה", איז מאַכט פריהער די מלוכה ניצליך פאַר יידן, אַזוי ווי פאַר אַלע

פעלקער אין לאַנד. ס'איז פאַראַן נאָר איין וועג צו פאַרריכטן דאָס, וואָס הונ־דערטער יאָרן קנעכטשאַפט און רדיפות האָבן איבערגעפירט: בירגערליכע גלייכ־שטעלונג און פרייהייט. די פוילישע רעפאָרמאַטאָרס, וואָס זיינען נאָך געווען איינגעגלויבט אינם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם", זיינען אָבער נאָך ניט געווען דערוואַקסן צו דעם פשוט'ן געדאַנק, וואָס איז אין פאַריז פאָרמולירט געוואָרן בעת דער רעוואָלוציע: „ס'קאָן ניט זיין קיין פרייהייט אויף העלפט, אַזוי ווי ס'קאָן ניט זיין קיין גערעכטיגקייט אויף העלפט".

§ 42. די גאַס און די סיים־קאָמיסיע.

אין יאָר 1789 און די ערשטע העלפט 1790 איז די יידנפראַגע ניט דער־מאָנט געוואָרן אויף די זיצונגען פון פירי־אָריגן סיים. דער סיים האָט מיט היץ דעבאַטירט וועגן וויכטיגע געזעץ־פּראָעקטן, וועלכע האָבן באַדאַרפט באַשטימען דעם גורל פון לאַנד, און האָט זיך ניט געוואָלט צוהערן צום דעפּוטאַט בוטרימאָוויטשס רייד, אַז אַ יידן־רעפאָרם געהערט אויך צו די ערשט־וויכטיגע פראַגן, וואָס מ'טאָר זיי ניט אָפּלייגן. די ליידנשאַפטליכע ליטעראַרישע פּאָלעמיק האָט אויך קיין פעולה ניט געהאַט אויפן סיים, ער זאָל גיכער צוקומען צו דער יידנ־פראַגע. אָבער פלוצים האָט זיך די גאַס אַריינגעריסן אין סיים אַריין, דער סיים איז וואַך געוואָרן.

דער וואַרשעווער המון האָט זיך גענומען פאַרענטפערן די יידן־פראַגע אויף אַן אייגענעם שטייגער. קודם־כל האָבן קריסטליכע הענדלער און בעלי־מלאכות ניט געוואָלט ליידן קיין יידישע קאָנקורענץ. די ערשטע צוויי יאָר סיים־צייט איז פון זיך אַליין בטל געוואָרן דער געזעץ, אַז יידן מעגן קומען קיין וואַרשע נאָר אויף ירידים, בעת די סיים־סעסיעס. היות ווי דער סיים האָט זיך דער־קלערט פאַר אַ לאַנגיאָריגן, האָבן יידן געהאַלטן, אַז זיי מעגן וואוינען אין וואַרשע, כל־זמן די סעסיע דויערט. פון דער פּראָווינץ זיינען אָנגעקומען אַ מאַסע יידן־סוחרים און בעלי־מלאכות צו זוכן אַ פּאַרדינסט; פוילישע הענדלער און האַנטווערקער האָבן דאָס באַלד דערפילט: די אָנגעקומענע האָבן אָפּגענומען קונדן ביי די תושבים, די מיטגלידער פון וואַרשעווער צעכן און גילדיעס. דער פּריווילעגירטער קלאַס שטעטישע בירגער איז געווען אויפגעבראַכט. אין מערץ פון יאָר 1790 האָט זיך אַ מחנה צעך־האַנטווערקער, דערהויפּט שניידער און קירזשנער, געלאָזט צו דעם ראַטהויז און האָט געמאַכט אַ ליאַרעם, אַז אויב דער מאַגיסטראַט וועט ניט פאַרטרייבן יידן פון וואַרשע, וועלן זיי, די צעך־לייט, זיי אַלע אויסקוילן. דער בירגערמייסטער יאַן דעקערט, דער קעמפער פאַר גלייכבאַרעכטיגונג פון די „מעשטשאַנעס", האָט באַלד צו וויסן געגעבן דעם סיים וועגן דער דעמאָנסטראַציע; דער סיים האָט געשיקט צוויי דעפּוטאַטן באַרוהיגן דעם

עולם. די דעפּוטאַטן האָבן געפּרעגט, וואָס ווילן די דעמאָנסטראַנטן; דערויף האָט מען זיי געענטפערט, אַז פון די צוגעקומענע יידן קאָן מען מער ניט אויסהאַלטן: זיי רייסן אויס בּיי די היימישע שניידער און קירזשנער דאָס לעצטע פּאַרדינסט. די דעפּוטאַטן האָבן צוגעזאָגט טאָן אין דער זאַך, און האָבן געהאַלטן וואָרט; אויף מאָרגן האָט די אַדמיניסטראַציע פּאַרטריבן פון וואַרשע אַלע יידישע בּעלי־מלאכות און גאַסן־הענדלער; אין שטאָט זיינען געבּליבּן נאָר סוחרים און געשעפטס־מענשן, וואָס האָבן קראָמען אָדער סקלאַדן.

די פּאַרטריבּענע אָרימע מאַסע, וואָס האָט זיך ניט געהאַט וואוהין אַהינצוטאָן, איז אינגיכן שטילערהייט צוריקגעקומען קיין וואַרשע. צווישן קריסטן איז ווידער געוואָרן אַ גערודער, דעם 16־טן מאַי 1790 איז דאָס געקומען צו אַ פּאָגראָם. דעם טאָג האָט אַ צעכן־שניידער פּאָקס געטראָפן אין גאַס אַ יידן אַ שניידער מיט אַ שטיקל אַרבּעט, איז ער בּאַפאַלן דעם יידן און גענומען בּיי אים רייסן דאָס פּעקל פון די הענט; דער ייד האָט זיך אויסגעריסן און איז אַנטלאָפן. פּאָקס האָט געמאַכט אַ געשריי, ס׳זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַסך מייסטערס־קריסטן. עמיצער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן געהרג׳עט אַ שניידער אַ פּאָלאַק, איז געוואָרן אַ געשריי: „נקמה נעמען”. אַ בּאַנדע איז בּאַפאַלן טלאָמאַצקער גאַס, אָבער יידן האָבן זיך דאָ בּאַפעסטיגט הינטער אַ פּאַרקאַן און אָפּגעוואָרפן דעם אָנפאַל. דערפאַר האָט דער המון „געוואונען די שלאַכט” אין אַנדערע גאַסן: מ׳האָט צעראַבּירט יידישע הייזער און קראָמען, דאָס בּעסטע צעשלעפּט, דאָס איבעריגע אַריינגעוואָרפן אין די בּרונימער. ס׳איז געקומען דעם מאַרשאַלאָקס וואַך, האָט זי געכאַפּט פון די בּאַנדעם שטיינער. ערשט אַ קאָמאַנדע פוס־סאָלדאַטן און קאַוואַלעריסטן האָט צעטריבּן דעם המון און איינגעשטעלט אָרדנונג. דער סיים איז געווען אויפגערודערט פון דעם געשעהענעם, ער האָט געהייסן אויספאָרשן די זאַך און בּאַשטראָפן די שולדיגע. די שטראָף איז געווען ניט מער, וואָס מ׳האָט אַרעסטירט דעם אויפטוער פּאָקסן, און איינציגע זיינע מיטטוער. דערפאַר אָבער האָט מען זיך שטאַרק גענומען צו יידן: מ׳האָט געכאַפּט אין די גאַסן בּעלי־מלאכות מיט זייער אַרבּעט, גאַסן־הענדלער מיט סחורה און צוגעשטעלט זיי אין פּאָליציי־צירקל צום מאַרשאַלאָק. דאָרט האָט מען זיי געגעבּן שמיץ און דערנאָך פּאַרטריבן פון שטאָט. אַזוי האָט מען בּאַהאַנדלט יידישע בּעלי־מלאכות גראָד די יאָרן, ווען אין אַלע רעפאָרם־פּראָעקטן האָט מען איינגעליינט די וועלט, אַז מ׳מוז יידן צוגעבּן חשק צו פּראָדוקטיווער אַרבּעט.

די אומרוהען אין וואַרשע האָבן געבּראַכט צו וויכטיגערע רעזולטאַטן. דעם סיים איז קלאָר געוואָרן, אַז מ׳קאָן שוין ווייטער ניט אָפּלייגן די פּראַגע, וואָס די גאַס האָט זיך שוין צו איר גענומען אויף איר שטייגער. דעם 22־טן יוני 1790 האָט דער סיים אויסגעקליבּן אַ „דעפּוטאַציע (קאָמיסיע) פאַר אַ יידן־רעפאָרם” פון די דעפּוטאַטן: בּוטרימאָוויטש, יעזערסקי (לוקאָווער קאַשטעלאַן) און אַנדערע. אינגיכן איז יעזערסקי געוואָרן פּאָרזיצער אין דער קאָמיסיע. ער האָט

געהאלטן פון ראדיקאלע רעפארמעס בכלל, און ספעציעל אין דער יידנפראגע האט ער אויסגעצייכנט פארשטאנען דעם עקאנאמישן תוך פון דער פראגע. אקעגן דער אפגעדראשענער פראזע, אז „מ׳דארף יידן מאכן פאר ניצליכע בירגער”, האט ער גע׳טענה׳ט אין סיים, אז יידן זיינען שוין לאנג ניצליך: זי פירן ארויס פוילישע פראדוקטן קיין אויסלאנד, דערמיט בארייכערן זיי דאס לאנד; זאלן יידן בעסער באהאנדלט ווערן, וועט די פינאנץ־לאגע פון דער מלוכה בעסער ווערן, דער האנדלס־אומזאץ וועט גרעסער ווערן אויף אסך מיליאנען. אונטער בוטרימאוויטשס און יעזערסקיס פירונג האט די קאמיסיע זעהר ענעריגיש געארבעט. זי האט באטראכט די רעפארם־פראעקטן, וואס בוטרימאוויטש, טשאצקי און אנדערע האבן דערלאנגט. בוטרימאוויטשס פראעקט איז געווען אן אויסצוג פון דער פריהער־דערמאנטער בראשור, וואס ער האט איבערגעדרוקט. ענליך צו דעם איז געווען דער פראעקט פונם געוויסן היסטאריקער און פובליציסט טאדעאוש טשאצקי, דעם פירער פון דער פינאנץ־קאמיסיע אין סיים. די גרונד־געדאנקען פון זיין פראעקט זיינען אזוי: 1) ביז איצט האט די רעגירונג נאר געליטן יידן, פון היינט אן באקומען זיי רעכט פון „בירגער” („אביוואטעלי”). 2) פאר בירגער־רעכט, וואס די רעגירונג גיט זיי, קאן זי פאדערן, אז יידן „זאלן זיין ציוויליזירט, דער מלוכה צו נוצן”. 3) ס׳ווערן אפגעשאפט אלע אונטערשיידן פון יידן ביז קריסטן, חוץ אין רעליגיע־זאכן. 4) אלע פראפעסיעס זיינען פאר יידן אפן, חוץ שענקעריי, פון וועלכער מ׳דארף זיי באזייטיגן אויף 50 יאר, און אנשטאט דעם דארף מען זיי צוגעוויינען צו ערדארבעט. מיט דעם צוועק צו ציוויליזירן יידן מוז מען איינפירן אזעלכע באגרעניצן און צוואנגס־מיטלען: יידן זאל פארווערט זיין פריה־צייטיגע חתונות (ביז 20 יאר פאר מענער, ביז 18 יאר פאר פרויען); ס׳טארן ניט חתונה האבן אזוינע פערזאנען, וואס האבן ניט קיין זיכערע מיטלען צום לעבן; די, וואס וועלן ניט צושטעלן קיין שיין, אז זיי האבן געענדיגט אן עלעמענטארע בילדונגס־שול, ווערן באגרעניצט אין זייערע בירגער־רעכט און פראפעסיע־רעכט; יידישע ספרים ווערן צענזורירט; יידן זאלן פארבייטן זייער קליידונג אויף א פוילישער אדער אויף א דייטשער און זייער יידישע שפראך אין אפיציעלע דאקומענטן — אויף פויליש.

אנהויב יאר 1791 האט די סיים־דעפוטאציע אויסגעארבעט א רעפארם־פראעקט און האט אים דערלאנגט דעם סיים צו באטראכטן. דער טעקסט פונם פראעקט איז צו אונז ניט דערגאנגען, אבער ס׳איז קלאר, אז אין גרונד איז ער גענומען פון בוטרימאוויטשס און טשאצקיס פראעקטן. דער סיים איז געווען פארטאן אין די הכנות צו פארעפנטליכן די קאנסטיטוציע פונם 3־טן מאי, האט ער קיין צייט ניט געהאט צו פארנעמען זיך מיט דער יידנפראגע. שוין נאך דעם ווי די קאנסטיטוציע איז געווען פארעפנטליכט, האט בוטרימאוויטש געפאדערט אין דער זיצונג פון 24־טן מאי, מ׳זאל איילינג באטראכטן דעם פראעקט

פון דער „יידישער קאָמיסיע“, אָבער אַ צווייטער גליד פון דער קאָמיסיע, דער בראַצלאַווער דעפּוטאַט כאַלאָנעווסקי, האָט דערקלערט, אַז דער פּראָעקט פון דער קאָמיסיע, וואָס פאַרבּרייטערט יידישע האַנדלס־רעכט, איז שעדליך פאַר קליינ־פּוילן, דעריבּער לייגט ער פאָר דעם סיים זיין אייגענעם פּראָעקט. דער סיים האָט זיך גערן אָנגעכאַפּט פאַר דער געלעגנהייט אָפּצולייגן די פריקרע פראַגע. אין יוני איז די סעסיע איבּערגעריסן געוואָרן ביז סעפּטעמבּער. בכן איז די גרויסע פּוילישע רעפאָרם, די קאָנסטיטוציע פונם 3־טן מאַי 1791, פאַרעפנטליכט גע־וואָרן אָהן שום ענדערונגען אין דער יידישער לאַגע. אמת, די קאָנסטיטוציע האָט געלאָזט אומגערירט אויך דעם אַלטן שטאַנדן־רעזשים, דעם פּריץ׳ישן פעאָדאַ־ליזם און פּויערשע קנעכטשאַפט, אָבער דאָך האָט זי געגעבּן געוויסע רעכט שטאָטישע בּירגער און האָט אין אַ געוויסער מאָס דעמאָקראַטיזירט די פאַר־טרעטונגס־אינסטיטוציעס. דאָס גוסס׳ע פּוילן האָט אין איר צוואה פאַרגעסן נאָר אָן דעם שטיף־קינד — אָן יידן.

די טיים־סעסיע, וואָס האָט זיך ווייטער געפירט אין הערבּסט 1791, האָט געאַרבּעט בּיי זעהר אַ שווערער לאַגע: די רעאַקציאָנערע קעגנער פון דער נייער קאָנסטיטוציע האָבּן אויפגערודערט דאָס לאַנד: ס׳האָט זיך אָנ־גערוקט אַן אינעווייניגסטער בּירגער־קריג און אַ מלחמה מיט רוסלאַנד. פונדעסט־וועגן איז בּוטרימאָוויטש ניט מיד געוואָרן צו דערמאָנען דעם סיים, אַז די רע־גירונג מוז זיך אומקוקן אויף דעם „אומגליקליכן פאָלק, וואָס קאָן זיך אַליין ניט אַרויסהעלפן און ווייסט אפילו ניט, ווי אַזוי מאַכט מען זיך בּעסער“ *). ער האָט געפאָדערט, די קאָמיסיע זאָל נאָך אַ מאָל בּאַטראַכטן דעם פּראָעקט פון פריהער, בּתנאי, זי זאָל דעם פּראָעקט אויסבּעסערן „לויט די איצטיגע אומשטאַנדן“ און זאָל אים ווידער דערלאַנגען דעם סיים. יעזערסקי האָט געשטיצט דעם פאָרשלאָג און האָט געהאַט מוט אַרויסצוזאָגן (אין דער סיים־זיצונג פון 30־טן דעצעמבּער) זיין אויבּן־דערמאָנטן געדאַנק, אַז יידן פאַרשפּאַרט מען ערשט „מאַכן פאַר ניצליכע בּירגער“, זיי זיינען „שוין ניצליך“. דער סיים האָט אָנגענומען בּוטרימאָוויטשס פאָרשלאָג, און די קאָמיסיע האָט זיך ווידער גענומען פאַר דער אַרבּעט, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ קלאָגעדיגער. נאָך לאַנגע רייד איז די קאָמיסיע געקומען צו אַזאַ אויספיר: „צו פאַרבּעסערן די יידישע לאַגע מוז מען איינרעגולירן דאָס יידישע לעבּן, אָבער רעגולירן לאָזט זיך דאָס ניט, בּיז פון יידן וועלן ניט אַראָפּגענומען ווערן די קהל׳שע חובות **); דאָס וועט

*) דער פראַנצויזישער סטיל פון דעם דאָזיגן אויסדרוק און די צייט, ווען ער איז געזאָגט געוואָרן, ברענגען צום געדאַנק, אַז אויף די רעפאָרמיסטן אין דער קאָמיסיע האָט געווירקט די פראַנצויזישע יידן־עמאַנסיפּאַציע, וואָס איז גראָד דאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן (28 סעפּ־טעמבּער 1791).

**) די יידישע קהלות אין פּוילן האָבּן געהאַט גרויסע חובות, וואָס זיי האָבּן געמאַכט אין פאַרשיידענע צייטן צו דעקן דעפיציטן פון שטייערן, עקסטראַ־הוצאות וכדומה. די קרעדיטאָרן זיינען

דערגרייכט ווערן ערשט דעמאָלט, ווען די פינאַנץ־קאָמיסיע וועט נעמען ליקווידירן די חובות". דער סיים האָט גערן צוגעשטימט צו דער קאָמיסיע; אַ יאָך איז פון אים אַראָפ: מ'דאַרף מער ניט קלערן פון קיין רעפאָרם, פון קיין גלייכבאַרעכטיגונג; ס'איז גענוג, מ'זאָל הייסן די אָרטיגע געריכטן פעסטשטעלן, וואָס באַטרעפן די חובות, און די פינאַנץ־קאָמיסיע זאָל זיי דעקן פון קהל'שע פאָנדן אָדער פון ספּעציעלע קוועלן; אַרבעט וועט דאָ קלעקן אויף יאָרן־לאַנג. אַזוי האָט מען ליקווידירט די „יידן־רעפאָרם" מיט דעם אויסרייד, אַז מ'ליקווידירט יידישע חובות.

יידן, וואָס זיינען באַ'עולה'ט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע פונם 3־טן מאַי, זאָלן האָבן געפּרובט ווירקן אויף דער רעגירונג און אויפן סיים דורך דעם קיניג סטאַניסלאַוו־אויגוסט (אַזוי ווייניגסטנס דערציילן איינינע שרייבער פון יענער צייט); דערצו האָבן זיי אויסגענוצט זייערע פאַרבינדונגען אין הויף. ערגעץ וואו זאָל געווען פאָרגעקומען אַ געהיימע באַראַטונג פון יידישע שתדלנים, און דאָרט האָט מען אויסגעקליבן דריי דעלעגאַטן צו אונטערהאַנדלען מיטן קיניג וועגן פאַרבעסערן די יידישע לאַגע. די דעלעגאַטן האָבן געטאָן דאָס דורך דעם קיניג'ס סעקרעטאַר פּיאַטאָלי (ענדע 1791 און אָנהויב 1792). איינגיכן האָט זיי דער קיניג אויפגענומען אויף אַן אודיענץ זעהר פייערליך: ער זאָל געווען געזעסן דערביי אויפן טראָן. יידן האָבן געבעטן בירגער־רעכט און רעכט צו קויפן נחלאות אין די שטעט, ניט אָנרירן זייער קהלה־אויטאָנאָמיע, זיי זאָלן אויך פריי זיין פונם מאַגיסטראַטס אפּוטרופּסות. מ'דערציילט, אַז די יידישע דעלעגאַטן זאָלן האָבן צוגעזאָגט דעם קיניג אַ מתנה פון 20 מיליאָן צו דעקן זיינע חובות. פון דעם זאָלן האָבן געוואוסט איינינע סיים־פירער אויך, צווישן זיי דער ראַדיקאַל קאָלאָנטאַי. דער קיניג האָט כלומר'שט געפּרובט דורכפירן אַ יידן־רעפאָרם דורך דער קאָמיסיע און דורך דעם סיים, נאָר ס'איז ניט געראָטן... די פראַגע פון הונדערטער יאָרן־לאַנג האָט ניט געקאָנט פאַרענטפערט ווערן אין אַזאַ שווערער צייט, ווען דער טויט האָט שוין נעשוועבט איבער'ן לאַנד, וואָס האָט אָנגעשטרענגט די לעצטע קרעפטן אין דעם קאַמף פאַר אומאָפהענגיגקייט.

§ 43. דאָס צווייטע און דאָס דריטע צעטיילן פון פוילן. בערעק יאָסעלעוויטש.

פוילן האָט גע'גוסס'ט. די קאָנסערוואַטיווע קעננער פון דער מאַי־קאָנסטיטוציע האָבן זיך פאַראייניגט מיט דער רוסישער רעגירונג, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם וועג צום ליבעראַליזם. ס'איז געוואָרן די טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע, ס'האָט אויפגעפלאַקערט אַ בירגער־קריג (זומער 1792). יידן זיינען בכלל

געוועזן: שטאָט־מאַגיסטראַטן, קאַטוילישע קלויסטערס און פּריוואַטע מענשן. וועגן ליקווידירן די חובות פון יידישע קהלות האָט מען אסך גערעדט אין די סיימען פון 18־טן יאָרהונדערט.

געווען ווייט פון פּאָליטיק, דאָך האָבן זיי אין אייניגע ערטער געהאַלטן מיט די קעמפער פאַר דער נייער קאָנסטיטוציע אין פּוילן: יידישע שניידער אין ווילנע האָבן זיך גענומען אומזיסט אויפנייען צוויי הונדערט מונדירן פאַר דער פרייהייטס־אַרמיי; סאָכאַטשעווער און פּולאַווער קהלות האָבן געגעבן געלט אויף פּאַטריאָטישע צוועקן; באַרדיטשעווער יידן זיינען מיטגעווען אין דער דעפּוטאַציע פון אָרטיגע סוחרים, וואָס האָט מקבל־פּנים געווען דעם פירער פון דער פּוילישער אַרמיי יוזעף פּאָניאַטאָווסקי. זיי האָבן אים דערלאַנגט אינסטרומענטן פאַר די פּאָלק־מוזיקאַנטן. יידישע קהלות אין וואָלין און אין פּאָדאָליע האָבן שטאַרק געליטן פון די קריגס־אָפּעראַציעס. די אָסטראָהער קהלה האָט איבערגעלעבט די באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט דורך רוסישן מיליטער (יולי 1792). אָבער דאָס לאַנד איז ניט געהאָלפן געוואָרן. אין יאָר 1793 איז פאָרגעקומען דאָס צווייטע צעטיילן פון פּוילן צווישן רוסלאַנד און פּרייסן. רוסלאַנד האָט צוגענומען וואָלין מיט אַ טייל קיעווער געגנט, פּאָדאָליע און מינסקער קאַנט; פּרייסן האָט צוגענומען דעם צווייטן טייל גרויס־פּוילן (קאַליש, פּלאָצק) מיט דאַנציג און טאָרן. פון פּוילן איז ווידער אָפּגענומען געוואָרן אַ גרויסער טייל לאַנד מיט הונדערטער טויזנטער יידן. די באַליידיגטע פּוילישע נאַציע האָט געפילט אַ שמערצליכן ווייי פון דעם נייעם ריס — ס'האָט אויפגעפלאַקערט אַ רעוואָלוציע (1794).

קאָסטיושקאָ, דער פירער פון דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט געהאַט אויף זיך די השפּעה פון צוויי גרויסע רעוואָלוציעס, פון דער אַמעריקאַנער און פראַנצויזישער, האָט געהאַט אַסך העכערע באַגריפן פון פּאָליטישער און בירגערליכער פרייהייט, איידער די שלאַכטע אין פּוילן, וואָס האָט געקעמפט פאַר פרייהייט: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'קאָן ניט זיין קיין פרייע מלוכה ביי פּאַנשטשינע און אומגלייכקייט פון בירגער. דעם פירערס דעמאָקראַטישע שטרעבונגען האָבן צייטנווייז אויפגעבליצט אין ברען פון קאַמף פאַר באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד, און די געדריקטע קלאַסן האָבן געפילט, אַז דאָ קומט פאָר עפּעס מער פון אַ שלאַכטישער רעוואָלוציע. די באַגייסטערונג פאַר פרייהייט האָט פאַרכאַפּט אַ טייל יידן אויך. דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט בעת וואַרשע איז אַ צייט געווען באַלאַגערט (זומער און הערבסט 1794) דורך דער רוסיש־פּרייסישער אַרמיי און די גאַנצע באַפעלקערונג איז גערופן געוואָרן צו פאַרטיידיגן די רעזידענץ. די אייגענע יידן, וואָס קורץ פאַר דעם פלעגט מען זיי באַפאַלן אין גאַס און די אַדמיניסטראַציע פלעגט זיי טרייבן פון וואַרשע, זיינען איצט געשטאַנען אויף דער וואַך מיט זייערע פּלאָגער גלייך, צוזאַמען האָט מען געמאַכט גראָבנס און שאַנצן צו פאַרטיידיגן די שטאָט. אָפט פלעגן די דאָזיגע פרייוויליגע קומען אויפן ערשטן אומרוהיגן סיגנאַל מיט געווער אין האַנט צו געבן אַ ווידערשטאַנד די באַלאַגערער; אונטער קוילן און גראַנאַטן פלעגן זיי אָפּוואַרפן דעם שונא צוזאַמען מיט אַלע

וואַרשעווער, אָנווערנדיג דער׳הרג׳עטע און פֿאַרוואונדעטע. ביי וואַרשעווער ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרטיידיגט די שטאָט, איז אויפֿגעקומען אַ געדאַנק צו מאַכן אַ באַזונדער ייִדישן לעגיאָן צו פֿאַרטיידיגן דאָס פֿאָטערלאַנד. איבן־אָן אין דער דאָזיגער גרופּע פּאַטריאָטן איז געווען ב ע ר ע ק י אָ ס ע ל ע ו ו י ט ש.

בערעק יאָסעלעוויטש איז געבוירן בערך אין יאָר 1765 אין אַ זאַמוטער שטעטל קרעטינגע; ער האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן לעבנס־וועג, וואָס אַלע ייִדישע יונגע־לייט צו זיין צייט: פֿריהער דער חדר, דערנאָך אַ פֿאַקטאָר ביים פּריץ. ער איז אָנגעקומען אויף אַ שטעלע צום ווילנער בישאָף מאַסאַלסקי, און דאָ הויבט זיך אָן זיין אויסטערלישע קאַריער. מאַסאַלסקי פֿלעגט אָפֿט פֿאָרן קיין אויסלאַנד, דערהויפּט קיין פּאַריז, און מיטנעמען מיט זיך זיין קערעוודיגן פֿאַקטאָר. בערעק האָט זיך אויסגעלערנט פֿראַנצויזיש און האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צוקוקן פֿון דער זייט צו פּאַריזער סאַלאָנען, וואו זיין פּאַטראָן פֿלעגט פֿאַרקערן. דאָ האָט ער דערזעהן פֿאַר זיך גאָר אַן אַנדער וועלט, ער האָט דערשפּירט די נייע אידייען, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין דער וועלטשטאָט ערב רעוואָלוציע. צו דער צייט פֿונם פֿיריאָריגן סיים האָט בערעק, שוין דעמאָלט אַ פֿאַמיליען־מאַן, פֿאַרלאָזן די שטעלע ביי מאַסאַלסקין און האָט געוואוינט אין וואַרשע אין דער פֿאָרשטאָט פּראַגע. דאָ, אין דער אַטמאָספֿער פֿון פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג, זיינען ביי בערעקן רייף געוואָרן די פּאָליטישע איינדרוקן, וואָס ער האָט באַקומען פֿון זיין פֿאַרקערן מיט פּריצים און פֿון רייזן אין אויסלאַנד. דער אויפֿטריט פֿון דעם העלד קאָסטיושקאָ און דאָס באַלאַגערן וואַרשע האָט פֿאַרקערפּערט זיין נעפּלדיגן פּאָליטישן געדאַנק אין אַ קאָנקרעטער אידיי: מ׳דאַרף קעמפֿן פֿאַר באַפֿרייען פּוילן, פֿאַר רעטן די רעוידענץ, וואו דער פֿיינט האָט פֿאַרשפּאַרט סיי ייִדן און סיי קריסטן; מ׳דאַרף באַווייזן, אַז דעם פֿאָטערלאַנדס שטיף־קינדער קאָנען אויך קעמפֿן אין איין שורה מיט אירע זין און אַז זיי פֿאַרדינען אַ בעסערע מערכה. סעפּטעמבער 1794, אין רעכטן ברעג פֿון פֿאַרטיידיגן וואַרשע, האָט בערעק יאָסעלעוויטש דערלאַנגט דעם הויפּט־קאָמאַנדיר קאָסטיושקאָ אַ בקשה, ער זאָל ערלויבן מאַכן אַ באַזונדער טייל גרינגע קאַוואַלעריע פֿון ייִדישע וואָלאָנטערן. קאָסטיושקאָ האָט גערן צוגעשטימט און האָט דאָס מיטגעטיילט אין אַ באַזונדער באַפֿעל דעם 17־טן סעפּטעמבער. אין דעם באַפֿעל לויבט ער שטאַרק דעם פּאַטריאָטישן ברען פֿון די פֿרייוויליגע, וואָס „זיי געדענקען דאָס לאַנד, וואו זיי זיינען געבוירן געוואָרן, און זיי פֿאַרשטייען, אַז פֿון פּוילנס פֿרייהייט וועלן זיי אויך געניסן גלייך מיט אַנדערע“. בערעקן האָט מען געמאַכט פֿאַר קאָמאַנדיר פֿונם ייִדישן פֿאָלק; ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרווערבן וואָלאָנטערן און זאַמלען געלט אויף וואָפֿן.

דעם 1־טן אָקטאָבער איז אין דער וואַרשעווער „רעגירונגס־צייטונג“ ערשינען בערעק יאָסעלעוויטשס אַן אויפֿרוף צו ייִדן אויף פּויליש, נאָ אין אַן

אַלטן העברעאישן סטיל: „הערט, קינדער פונם פאָלק ישראל, איר אַלע, וואָס איר האָט אין האַרצן דעם גרויסן גאָט, איר אַלע, וואָס איר ווילט העלפן ביישטיין דאָס פאָטערלאַנד!... ווייסט, איצט איז געקומען די צייט אָפּצוגעבן דערפאַר אַלע כוחות... אַסך גרויסע פריצים, שלאַכטישע קינדער און געלערנטע זיינען גרייט זיך מפקיר זיין פאַרן פאָטערלאַנד. פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר, גע'רודפ'טע, זיך ניט נעמען פאַר געווער, בעת מיר זיינען געפלאָגט מער פאַר אַלע אויף דער וועלט?... פאַרוואָס זאָלן מיר ניט מיט אונזער פראַצע זיך פאַרווערבן פרייהייט, וואָס מ'האָט אונז צוגעזאָגט פונקט אַזוי פעסט און ערליך, אַזוי ווי אַלע אַנדערע?... אָבער פריהער דאַרף מען פאַרדינען פרייהייט... מיך האָט געטראָפן אַ גליק באַשטימט צו ווערן פאַר פאָלקאָווניק. וואַכט זשע אויף צו באַפרייען דאָס געפלאָגטע לאַנד פוילן! ברידער געטרייע, לאָמיר מלחמה האַלטן פאַרן פאָטערלאַנד ביזן לעצטן טראָפן בלוט! אויב מיר וועלן דאָס ניט דערלעבן (די באַפרייאונג), זאָלן וויינגסטנס אונזערע קינדער לעבן פריי און רוהיג, ניט וואַנדערן ווי ווילדע חיות. וואַכט אויף אַזוי ווי לייבן און לעמפערטן!"...

בערעקס שפראַך איז זעהר נאַאיוו, זיין פאָליטישער געדאַנק אויך. ער רופט יידן בלוט פאַרגיסן פאַר פרייהייט מיט „גרויסע פריצים" גלייך, און פאַרגעסט, אַז פריצימ'ס פרייהייט הייסט נאָך ניט יידישע פרייהייט, וואָרום זעהר ווייניג איז געווען פריצים אַזוינע הומאַניסטן ווי קאָסטיושקאָ. ער האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען מערב־יידן האָבן געשטרעבט צו באַווייזן, אַז זיי זיינען געטרייע בירגער. מסתמא האָבן געשוועבט פאַר זיינע אויגן יידישע געשטאַלטן, וואָס האָבן אין יאָר 1789 געדינט אין פאַריזער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע... בערעקס באַגייסטערונג האָט אים געבראַכט אַ היפשע צאָל וואָלאָנטערן. אין אַ קורצער צייט איז געוואָרן אַ פאָלק פון 500 מאַן. דער יידישער מיליטער־טייל, באַוואָפנט אויף גיך אויף קאַרגע מיטלען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונגס־קאַסע און פון נדבות, האָט ניכער אויסגעזעהן ווי אַ פאָלקס־מיליציע, אָבער דאָס פליכט־געפיל איז ביי זיי אַלע געווען פעסט, כאָטש זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל געהאַלטן אַ ביקס אין האַנט. דער יידישער פאָלק האָט באַוויזן זיין פעהיגקייט זיך מקריב זיין דעם אומגליקליכן טאָג פון 4 נאָוועמבער, ווען סובאָראָווס מיליטער האָט געשטורעמט פראַגע. צווישן די 15 טויזנט פאָלאַקן, וואָס זיינען אומגעקומען אויף די וואַלן פון פראַגע, אין די גאַסן פון וואַרשע און אין די כוואַלעס פון ווייסל, איז געווען דער יידישער פאָלק אויך. דער גרעסטער טייל איז געפאַלן אויף די פעסטונגען פון רוסישע קוילן און שפיזן. בערעקן איז געראָטן צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד צוזאַמען מיט גענעראַל זאַיאָנטשעק, קאָסטיושקאָס מיטטוער (קאָסטיושקאָ איז נאָך פריהער געווען געפאַנגען). בערעק איז געווען אַרעסטירט אין עסטרייך, נאָר אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך אַרויסגעריסן, אינגיכן איז ער שוין געווען אין פראַנקרייך צוזאַמען מיט אַלע פוילישע עמיגראַנטן פונם לעצטן אויפשטאַנד.

דאָס דריטע צעטיילן פון פוילן (1795) האָט אַריינגעבראַכט קיין רוס־לאַנד די געדיכטע יידישע מאַסע פון ליטע (ווילנער און גראָדנער געגנט). פרייסן האָט איינגעשלונגען דעם רעשט גרויס־פוילן מיט וואַרשע און מאַזאָוויע און דעם ביאַליסטאָקער קרייז. עסטרייך איז צוגעקומען קראָקע און לובלינער געגנט. פון דעמאָלט אָן ווערט דער פויליש־יידישער קבוץ צעשפּאָלטן צווישן די דריי דערמאָנטע לענדער און פירט זיין געשיכטע צוזאַמען מיט אַלע יידן אין יענע לענדער. דאָס דריטע צעטיילן איז אָבער נאָך ניט געווען דאָס לעצטע. אויף אַ קורצער צייט באַווייזט זיך ווידער דער שאָטן פון אַ האַלב־פרייען פוילן. אין 12 יאָר אַרום נאָך דעם דריטן צעטיילן, בעת נאַפּאָלעאָן האָט געהאַלטן אין צעשניידן די פּאָליטישע קאַרטע פון אייראָפּע און אויסטיילן מלוכות אויף אַ ווייל, האָט ער אָפּגעריסן ביי פרייסן גרויס־פוילן און באַשאַפן דאָס וואַר־שעווער הערצאָגטום אונטער דער הערשאַפט פון דעם זאַקסישן קיניג פרידריך־אויגוסט דעם III־טן (אַן אייניקל פון אויגוסט דעם III־טן, דעם לעצטן פוילישן קיניג פון דער זאַקסישער דינאַסטיע). דאָס איז געשעהן אין יאָר 1807, נאָך דעם ווי נאַפּאָלעאָן האָט צעשמעטערט פרייסן. אין צוויי יאָר אַרום נאָך זיין נצחון איבער עסטרייך האָט נאַפּאָלעאָן אָפּגענומען ביי איר אַ טייל פוילישע פּראָווינצן און צוגעגעבן צום וואַרשעווער הערצאָגטום (1809).

§ 44. וואַרשעווער הערצאָגטום.

וואַרשע, אָפּגערייניגט פון פרוסאַקעס, איז נאָך אַן איבערדייס פון 12 יאָר ווידער געוואָרן די רעזידענץ פון דער פוילישער מלוכה, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט צוריק אויפגעשטעלט אונטער זיין אַפּוטרופּסות. וואַרשעווער הערצאָגטום, וואָס איז באַשטאַנען פון 10 דעפּאַרטאַמענטן גרויס־ און קליין־פוילן (וואַרשע, קאַליש, לאָמזשע, פּלאָצק, פּויזן, בידגאָשטש, דערנאָך קראָקע, לובלין, ראַדאָם, סעדלעץ), האָט באַקומען אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע מיט צוויי געזעצגעבערישע קאַמערן (סיים און סענאַט), מיט „נאַפּאָלעאָנס ציוויל־קאָדעקס“, וואָס איז אָקאָרשט איינגעפירט געוואָרן אין פראַנקרייך. אין די גרונד־געזעצן איז געשטאַנען, אַז אַלע זיינען גלייך אַנטקעגן געזעץ. דער פּראָגרעסיווער טייל יידן אין וואַרשע האָט דערזעהן אַ האָפנונג אויף בעסערע צייטן. פריהער ביים פרייסישן רעזשים, זיינען זיי געווינט געווען ניט צו גלייכבאַרעכטיגונג (אַזוינס איז אין פרייסן גופא ניט געווען), אָבער צו קעמפן פאַר גלייכבאַרעכטיגונג, קעגן דעם ווילן פון דער אָפּגעשטאַנענער חסיד׳ישער מאַסע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים אַלטן רעזשים. אין דער יידישער געזעלשאַפט האָט מען נאָך שטאַרק געגלויבט אין נאַפּאָלעאָנען, מ׳האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיך אָננעמען פאַר פוילישע יידן אויך. אָבער זיי האָבן זיך אָפּגענאַרט. דאָס ערשטע יאָר פונם וואַרשעווער הערצאָגטום

(1807—1808) איז אויסגעפאַלן גראָד דאָס יאָר, ווען נאַפאָלעאָן האָט אָנגעהויבן פירן אַ רעפרעסיווע פאָליטיק קעגן די יידן: דעם 17־טן מערץ 1808 איז אַרויס דער „שענדליכער דעקרעט“, וואָס האָט אָפגעשטעלט דעם געזעץ וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיגונג כמעט אין דער גאָרער פראַנצויזישער אימפעריע אויף 10 יאָר. פוילישע פאָליטיקער, וואָס האָבן זיך גאָר ניט אָפגעלערנט פון אַלע אומגליקן, האָבן נאָך איצט אויך ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך גלייכבאַרעכטיגונג יידן, און זיי האָבן אויסגענוצט די רעאַקציע קעגן יידן אין פראַנקרייך.

פריהלינג 1808 האָט די רעגירונג פון וואַרשעווער הערצאָגטום זיך געמוזט באַשעפטיגן מיט דער יידנפראַגע: יידן האָבן דערלאַנגט פעטיציעס וועגן בירגער־רעכט, דערצו איז דאָס נאָך געווען ערב די וואַלן אין סיים. דער מיניסטאָרן־ראַט האָט שוין געוואוסט פון נאַפאָלעאָנס „שענדליכן דעקרעט“, האָט ער זיך אָנגעכאַפט פאַר אים מיט ביידע הענט. דעם הערצאָג פרידריך־אויגוסט האָט מען דערלאַנגט אַ ראַפאָרט: „פאַר דעם הערצאָגטום וואָלט געווען אַ געפאַר, ווען דאָס יידישע פאָלק, וואָס געפינט זיך דאָ אין די גרויסע מאַסן, זאָל מיטאַמאָל באַקומען בירגער־רעכט“, וואָרום דאָס דאָזיגע פאָלק „האַלט זיך ביי זיין נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס איז פרעמד דעם לאַנד“, און איז באַשעפטיגט מיט אומפּראָדוקטיווע פרנסות *). ווי אויף מיטל זיך אַרויסצומאַכן פון „גלייכע בירגער־רעכט“, וואָס שטייט אין דער קאָנסטיטוציע, ווייזט אָן דער מיניסטאָרן־ראַט אויף נאַפאָלעאָנס דעקרעט, וואָס שאַפט ניט אָפ די גלייכבאַרעכטיגונג, נאָר לייגט זי אָפ. די וואַרשעווער רעגירונג האָט זיך געוואָלט נאַראַנטירן נאַפאָלעאָנס הסכם אויף איר פאָליטיק, האָט זי געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט אירע אַגענטן אין פראַנקרייך און מיט דעם פראַנצויזישן מיניסטער, דעם אַנטיסעמיט שאַמפאַניאַי. ביי נאַפאָלעאָנען האָט מען דאָס נע'פועל'ט, און ווי נאָר דאָס איז דערגאַנגען קיין דרעזדען און קיין וואַרשע, האָט דער הערצאָג אַרויסגעגעבן אַזאַ דעקרעט (דעם 17־טן אָקטאָבער 1808): „די איינוואוינער אין וואַרשעווער הערצאָגטום פון משה'ס רעליגיע ווערן באַזייטיגט אויף צעהן יאָר פון פאָליטישע רעכט, וואָס זיי האָבן געזאָלט באַקומען, מיט דער האָפנונג, אַז פאַר דער צייט וועלן זיי איסוואָרצלען אין זיך אַלע סימנים, וואָס שיידן זיי אָפ פון אַנדערע. דער דאָזיגער באַשלוס זאָל אונז פונדעסטוועגן ניט שטערן שענקען פאָליטישע רעכט איינצלנע פערזאָנען פון יענער אמונה פריהער פאַר דעם טערמין אויך, אויב נאָר זיי וועלן פאַר־

*) ווי אזוי פוילישע מיניסטארן האבן זיך פארגעשטעלט אידעאלע יידן, וואס פארדינען עמאנסיפאציע, דאס באווייזט א בריוו פונם פוילישן פינאנץ־מיניסטער דעמבאווסקי (מערץ 1808): „לויט דער קאנסטיטוציע טארן יידן ניט האבן ניט קיין באזונדערע קהלות, ניט קיין בית־דין, ניט קיין באזונדער שבועה, ניט קיין אייגענע קליידונג, ניט קיין באזונדערע מנהגים און פאראור־טיילן, ניט קיין אייגענע שולן און א באזונדער סיסטעם ערציהונג — בכלל דארפן זיי ניט זיין קיין באזונדער פאלק מיט חתונות נאר צווישן זיך“.

דינען בײ אונז אַזאַ גנאָד און זײ װעלן יוצא זײן קעגן די פּונקטן, װאָס מיר װעלן פעסטשטעלן אין אַ באַזונדער באַפעל װעגן די, װאָס געהערן צו משה׳ס רעליגיע״.

אַזוי האָט װאַרשעװער רעגירונג, מיט אײדעלע רײד אין נײ־מאָדישן פּראַנצױזישן סטיל, אָפּגענומען בײ אַלע, „װאָס געהערן צו משה׳ס רעליגיע״, די בירגער־רעכט, װאָס זײ קומט לױט דער קאָנסטיטוציע. פון מליצה װעגן װערט דאָ געזאָגט „פּאָליטישע רעכט״, בעת באמת האָט מען בײ ייִדן אָפּגענומען װיכטיגע בירגער־רעכט. נאָװעמבער 1808 איז ייִדן פאַרװערט געװאָרן צו פאַרװערבן שלאַכטישע פאַמיליע־גיטער. מ׳האָט װידער באַגרעניצט דאָס ייִדישע װאױנרעכט אין װאַרשע; דער דעקרעט פון 16־טן מערץ 1809 באַפעלט ייִדן זיך אַרױסציהען אין משך פון אַ האַלב יאָר פון די הױפּט־גאַסן אין װאַרשע חוץ יחידים, װי באַנקירן, גרױסע סוחרים, דאָקטױרים, קינסטלער. מ׳האָט גענומען צוריק פירן די אַלטע פּױלישע ייִדן־פּאָליטיק אין די שענדליכסטע פאָרמען.

אין דער ייִדישער געזעלשאַפט האָט זיך אַ ריר געטאָן. אין װאַרשע איז שױן דעמאָלט געװען אַ היפּשע גרופּע פּראָגרעסיװע ייִדן, װאָס האָבן איבערגענומען בערלינער אױפגעקלערטקײט און האָבן אָראָפּגעװאָרפן פון זיך דאָס אױסערליכע ייִדישע אױסזעהן, װאָס ייִדן זײנען דערפאַר געשטראָפט געװען מיט אָפּנעמען בײ זײ די בירגער־רעכט. אַ גרופּע אַזױנע ייִדן (17 מאַן) האָט געװאָלט אױסנוצן פאַר זיך דעם צװײטן טײל דעקרעט פונם 17־טן אָקטאָבער 1808, אַז דער הערצאָג קאָן שענקען בירגער־רעכט אַזױנע, װאָס װעלן „אױסװאָרצלען אין זיך אַלע סימנים״ פון ייִדישקײט; האָבן זײ זיך געװענדעט צום יוסטיץ־מיניסטער (יאַנואַר 1809): „שױן פון לאַנג מיהען זײ זיך נעהענטער װערן צו דער קריסטליכער באַפעלקערונג אין זײער מאָראַלישער פירונג און אין קלײדונג; איצט זײנען זײ זיכער, אַז זײ זײנען שױן װערט בירגערליכע רעכט״. אויף אַזאַ קנעכטישער בקשה האָט דער יוסטיץ־מיניסטער לובענסקי (פון די „קאָנסטיטוציאָנעלע״ מיניסטאָרן, װאָס האָבן פאַרשטאַנען דורכפירן דעספּאָטישע פּאָליטיק אונטער ליבעראַלע דעקאָראַציעס) אָפּגעענטפערט מיט אַ דרײ: „דאָס, װאָס לױט דער קאָנסטיטוציע זײנען אַלע גלײך פאַר דעם געזעץ, הײסט נאָך ניט, אַז אַלע זײנען בירגער. אַ בירגער איז נאָר דער, װער ס׳איז געטרײ דעם קיניג און האַלט נאָר פױלן פאַר זײן פאָטערלאַנד. צי קאָנען אָבער אַזױנע, װאָס געהערן צו משה׳ס רעליגיע, האַלטן דאָס לאַנד פאַר זײער פאָטערלאַנד? צי װילן זײ דען זיך ניט אומקערן אַהײם, אין לאַנד פון זײערע אבות? צי האַלטן זײ זיך דען ניט פאַר אַ באַזונדער נאַציע? בײטן די קלײדונג איז נאָך ניט גענוג״.

חוץ די דאָזיגע פּראַק־אױפגעקלערטע, װאָס האָבן געטראַכט פון פּריװילעגיעם נאָר פאַר זיך, זײנען נאָך אין דער װאַרשעװער ייִדישער געזעלשאַפט

געוועזן אָנהענגער פון בערלינער השכלה, וואָס האָבן געהאַלטן אַ חוב פאַר זיך צו קעמפן פאַר די רעכט פון זייער פאָלק. דעם 17־טן מערץ 1809 האָבן פינף פאַרשטייער פון דער וואַרשעווער קהלה (מיכל ראַווסקי־עטינגער און אַנדערע) דער־לאַנגט דעם סענאַט פון הערצאָגטום אַ מעמאָראַנדום; דאָ האָט זיך שוין געהערט ניט נאָר אַ בקשה אַליין, נאָר אַ פאַרדראָס אויך: „טויזנטער מענשן פונם פוילישן פאָלק פון יידישן גלויבן, וואָס וואוינען אין לאַנד שוין הונדערטער יאָרן לאַנג און האָבן געוויס רעכט צו האַלטן דאָס לאַנד פאַר זייער פאָטערלאַנד מיט אַנדערע איינוואוינער גלייך, ווערן באַליי־דיגט און געפייניגט אַלע טאָג אָהן שום שולד פון זייער זייט: דאָס איז אַ שאָד פאַר דער געזעלשאַפט און אַ באַליידיגונג פאַר דעם כלל מענשן". ניט געקוקט אויף דעם אויפגעקלערטן גייסט פון אונזער צייט און אויף דער „קלוגשאַפט פון נאַפּאָלעאָן דעם גרויסנס געזעצן", האָבן יידן ניט קיין בירגער־רעכט, קיין פאַרטיידיגער אין סיים און ניט אין סענאַט; מיט וויטאָג מוזן זיי צוזעהן, אַז „זייערע קינדער און קינדסקינדער וועלן קיין בעסערס ניט דערלעבן". „אויף אונז ליגט אַ לאַסט פון שטייערן, שווערער איידער אויף אַלע אַנדערע; מיר טאָרן זיך ניט פאַרגינען קיין פרייד צו פאַרווערבן אַ שטיקל ערד, אויסבויען אַ הויז, פאַרווערבן אַ ווירטשאַפט, אַ פאַבריק, פריי האַנדלען — בכלל מיר טאָרן קיין זאַך ניט, וואָס גאָט און נאַטור לאָזן דאָס דעם מענשן פריי. אין וואַרשע הייסט מען אונז אפילו זיך אַרויסציהען פון די הויפּט־גאַסן. צי דען זאָל אונז אייביג בלייבן פרעמד די ערד, וואָס אונזערע עלטערן זיינען דאָ גע־בוירן געוואָרן און האָבן טייער באַצאָלט פאַר אַזאַ מתנה? הערן סענאַטאָרס! זאָלן קומען פאַר אייך די טרערן פון פאָטערס, קינדער און שפּעטערדיגע דורות: מיר בעטן, איר זאָלט דערנעהענטערן די גליקליכע מיגליכקייט, מיר זאָלן אויך געניסן די רעכט און די פרייהייטן, וואָס נאַפּאָלעאָן דער גרויסער האָט געשענקט אַלע איינוואוינער אין לאַנד און וואָס אונזער ליב פאָטערלאַנד גיט אַלע אירע קינדער".

אויף אַזאַ טרערן־בקשה, אויף אַזאַ הכנעה׳דיג פאַררעכענען־זיך צו „מענשן פון פוילישן פאָלק", האָט דער סענאַט זיך אָפּגערופן מיט אַ שאַרפן ראַפּאָרט צום הערצאָג: יידן זיינען אַליין שולדיג אין זייער רעכטלאָזיגקייט, וואָס קומט פון זייערע „אומערליכע פרנסות" און פון זייער „לעבנס־אַרט, וואָס איז שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט". מ׳דאַרף רעפאָרמירן דעם יידישן לעבנס־שטייגער, דערויף דאַרף מען אָוועקזעצן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ רעפאָרם־פּלאַן. אַזאַ קאָמיסיע איז שוין געוועזן פון סוף 1808 אָן מיט רעפּע־רענדאַר וואָידאַ אַלס פאָרזיצער. זי האָט געאַרבעט איבער אַ „רעפאָרם־פּלאַן" לויט דעם געוויסן מוסטער: בילדונג מיט גוואַלד און מאַכן יידן פאַר פּאָלאַקן, אָבער אַלע אַזוינע קאָמיסיעס זיינען געוועזן ניט מער ווי אַן אָנשטענדיגער אויסרייד צו באַגראָבן די יידנפראַגע.

גראָד די צייט, ווען די רעגירונג פונם וואַרשעווער הערצאָגטום האָט אָפּגעוואָרפן די יידישע קלאָג־בקשה וועגן גלייכבאַרעכטיגונג, מיט דעם אויס־רייד, אַז זיי פעלט פּאַטריאָטיזם, — גראָד דעמאָלט האָט אין וואַרשע געלעבט און געאַרבעט בערעק יאָסעלעוויטש, די פּאָן פון יידישן פּאַטריאָטיזם, דער העלד פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1794; צוועלף יאָר האָט ער געוואַנדערט אין מערב־אייראָפּע, באַטייליגט זיך אין אַסך נאַפּאָלעאָנס מלחמות צווישן „דאָמ־בראָווסקים פּוילישע לעגיאָנען“, איצט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, אין וואַרשעווער הערצאָגטום, און איז געוואָרן שעף פון אַן עסקאַדראָן אין דער רעגולערער פּוילישער אַרמיי. דעם אַלטן קעמפערס טרוים איז ניט מקוים געוואָרן: אומזיסט איז זיין „יידישער פּאָלק“ געפאַלן אויף פּראַגער וואַלן אין יאָר 1794, די ברידער פון יענע פּאַטריאָטן האָבן איצט באַדאַרפט אויס־בעטן בירגער־רעכט פאַר זיך. אָבער בערעק האָט שוין פאַרגעסן אָן זיין ערשטן אויפרוף: ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנאַל אַ מיליטער־מענש. פּוילישער פּאַטריאָטיזם און פּערזענליכער העלדנמוט האָבן אים געבראַכט צו דער לעצטער העלדן־טאַט אין זיין לעבן. אין פרילינג 1809 האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה פון דעם הערצאָגטום מיט עסטרייך; בערעק יאָסעלעוויטש האָט זיך אין שפּיץ פון זיין עסקאַדראָן אַ וואָרף געטאָן אין שלאַכט נעבן קאָצק קעגן דעם פיינטס קאַוואַלעריע, און אין דער שלאַכט איז ער אומגעקומען נאָך גרויסע העלדן־טאַטן (5 מאַי). די צייטונגען האָבן באַוויינט דעם העלדנס אומקומען. אַ פאָרשטייער פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, סטאַניסלאַוו פּאָ־טאָצקי, האָט וועגן אים אַ רעדע געהאַלטן אין וואַרשעווער „געזעלשאַפט פון פריינד פון וויסנשאַפט“: „נאָך דיר, העלדישער פּאָלקאָווניק בערקאָ, וועט טרויערן דאָס לאַנד פון העלדן. דאָס פאָטערלאַנד געדענקט דיינע אַלטע וואונדן און דיינע אַלטע שלאַכטן. אייביג וועט מען געדענקען, אַז דו האָסט דער ערשטער געוויזן דיין פאָלק אַ וועג פון אויפגעוואַכטער העלדישקייט. דו האָסט אויפגעלעבט געשטאַלטן פון די קריגס־לייט, וואָס די טעכטער פון ציון האָבן אַמאָל באַוויינט“. דאָס „פאָטערלאַנד“ האָט אים אָפּגעדאַנקט אויף זיין שטייגער: בערעקס אלמנה, וואָס האָט ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן און דער־ציִהען אירע קינדער (די פּענסיע איז געווען צו קליין), האָט דורך אַ ספּעציעלן הערצאָגס דעקרעט, באַקומען אַן ערלויבעניש צו וואוינען אין דעם „פּאַרבאָ־טענעם“ טייל וואַרשע און צו „האַנדלען דאָרט מיט בראָנפן“...

ניט נאָר קריסטן אַליין האָבן מורא געהאַט פאַר יידישער גלייכבאַרעכ־טיגונג, מיר זעהען דאָס צו ביי יידן אויך, ביי דער גרויסער מאַסע, וואָס האָט געשטעקט איבערן קאָפּ אין חסידות און האָט געקוקט „גוטע־יידן“ אין מויל אַריין. די געפּלאָגטע אָרימע מאַסע האָט, געוויינטליך, געוואָלט פּטור ווערן פון די ביטערע אויסנאַם־געזעצן, וואָס האָבן איר פאַראומערט דאָס לעבן, זי האָט אָבער מורא געהאַט פאַר „בירגערליכער עמאַנסיפּאַציע“, זי האָט מורא

געהאַט, אַז דער יידישער גייסטיגער שטייגער זאָל געבראָכן ווערן, די אויטאָנאָמע יידישע קהלה און די שול זאָל ניט בלייבן, ס׳זאָל זיך מערן אפיקורסות און יידן זאָלן מיט גוטן אָדער מיט בייזן פאַרפּויליִשט ווערן. דאָס, וואָס מ׳האָט צוגעזעהן אין די מערב־לענדער און ביי אייגענע יידישע רעפאָרמאַטאָרס, האָט נאָר געקאָנט אָפּשרעקן די יידישע אָרטאָדאָקסיע. דערהויפּט האָט זיך די פרומע מאַסע געשראָקן פאַר מיליטער־דינסט אין יענער צייט, ווען די רעגירונג פונם וואַרשעווער הערצאָגטום האָט גענומען ביי יידן רעקרוטן פאַר די בלוטיגע שלאַכטן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געפירט. די רביים (ישראל קאָזעניצער, יעקב־יצחק לובלינער) האָבן געמאַכט אַ גרויסע אַגיטאַציע אין לאַנד אָפּצושאַפן די צוויי־ענדיגע גזרה: גלייכבאַרעכטיגונג און רעקרוטן, וואָס איז אַן אומגליק פאַר דער אמונה און פאַרן פאָלק. חסידישע דעפּוטאַציעס זיינען געגאַנגען צום קריגס־מיניסטער יוזעף פּאָניאַטאָווסקי און צו אַנדערע מיניסטאָרן בעטן, אַז פאַר יידן זאָל גילטן די אַלטע פּוילישע געזעצגעבונג. אַזאַ בעטן, אָפּט מיט אַ היפּשן געלט־צוגאָב דערצו, איז פּוילישע מיניסטאָרן געווען אַסך מער צום האַרצן, איידער השתדלות׳ן פון וואַרשעווער פּראָגרעסיווע יידן וועגן גלייכבאַרעכטיגונג. די רעגירונג האָט איצט געהאַט אַ תירוץ אויף איר שלעכטער יידן־פּאָליטיק: אמת׳ע פרומע יידן ווילן אַליין ניט קיין עמאַנסיפּאַציע. מיר האָבן שוין געזעהן, אַז נאָך אין יאָר 1808 האָט די רעגירונג כמו פאַרגעזעהן דעם ווילן פון דער פאַנאַטישער יידישער מאַסע און האָט זיי אויסגעשלאָסן פון בירגער־רעכט אויף צעהן יאָר; איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז פון מענשן, וואָס מ׳האָט זיי אויסגעשלאָסן פון דער בירגער־געזעלשאַפט, קאָן מען ניט מאָנען אַזאַ בלוטיגן קרבן, ווי געבן רעקרוטן; האָט זי צוליב געטאָן יידן און האָט זיי ערלויבט צאָלן אַ געוויסן געלט־שטייער אָנשטאָט דינען אין מיליטער. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין דעם דעקרעט פון 29־טן יאַנואַר 1812; יידן האָבן געזאָלט אַריינטראָגן 700.000 גילדן אַ יאָר רעקרוטן־געלט. פּוילישע יידן האָבן שוין ניט באַדאַרפט מער צושטעלן קיין האַרמאַטן־פלייש פאַר נאַפּאָלעאָנס בלוטיגע אויפטועכן אָבער יידנפיינט האָבן באַקומען נאָך אַ געלעגנהייט טייטן מיט די פינגער, אַז יידן זיינען קיין פּאַטריאָטן ניט.

אין קריגס־שטורעם פון יאָר 1812, ניט לאַנג פאַר איר פאַלן, האָט די רעגירונג פון וואַרשעווער הערצאָגטום געפונען צייט אונטערצורייסן די יידישע עקאָנאָמישע לאַגע. דעם 30־טן אָקטאָבער איז, לויט מיניסטער לובענסקיס ראַפּאָרט, אַרויס אַ דעקרעט, אַז אין צוויי יאָר אַרום טאָרן יידן מער ניט האַנדלען מיט קיין בראָנפן און האַלטן שענקען; דאָס הייסט, מ׳האָט אָפּגענומען ברויט ביי צעהנדליגער טויזנטער יידישע פאַמיליעס. אין אַ געהיים־צירקולאַר האָט די רעגירונג געגעבן אַזאַ פאַרענטפערונג: אויבנקן זאָל די טעריטאָריע פונם הערצאָגטום גרעסער ווערן, פּוילן זאָל זיך אומקערן צו די אַלטע גרעניצן (אַזוי האָט מען דעמאָלט אַרויסגעקוקט), בכן דאַרף מען זיך פאַראויס

פֿאַרהיטן פֿאַר דער גרויסער מאַסע יידן, וואָס וועט צוקומען פּוילן. די פּוילישע פּאָליטיקער האָבן זיך אָפּגעגעבן אין חשבון: נאַפּאָלעאָנס שטאַר־קייט איז געבראָכן געוואָרן, ער גופא איז געפֿאַלן; דאָס וואַרשעווער הערצאָג־טום, אַ שאָטן פֿון פֿרייען פּוילן, איז ווידער אַריינגעפֿאַלן אין די הענט צו די דריי מלוכות, וואָס האָבן צעטיילט פּוילן, דערהויפּט צו רוסלאַנד. און דער מיליאָן פּוילישע יידן האָט שוין געוואוסט, וואָס זיי קאָנען אַרויסקוקן פֿון די נייע הערשער...

קאַפּיטל VI

דער נייער יידישער צענטער אין רוסלאַנד

§ 45. דער געזעצגעשטעלטער יידישער „תחום“ (סוף יעקאַטערינע II רעגירן).

וואָס מער די רוסישע מלוכה האָט איינגעשלונגען גרויסע שטיקער פּוילן מיט אַ היפּשער צאָל יידן, אַלץ שטאַרקער האָט זי געפילט, אַז אין איר אינער־ווייניגסטער פּאָליטיק קומט צו אַ נייע פּראַגע — די יידנפּראַגע. יענע צייטן, צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין פון אַ גלייכן וועג, פון גלייכבאַרעכטיגן יידן; מ'האָט געהאַלטן פאַר גלייכער זייטן־וועגן: ספּעציעלע געזעצן וועגן יידן. אַנדערש האָט מען זיך גאָר ניט געקאָנט פאָר־שטעלן אין אַ לאַנד, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף פאַרקנעכטעטע פּויערים פון אונטן און אויף דער קיסר'ישער זעלבסטהערשונג מיט דעם אדל פון אויבן. דאָס ביסל ליבעראַליזם, וואָס האָט זיך צומאָל געלאָזט פילן אין לאַנד, האָבן פאַרטראָגן אַהער צופעליגע פּאָליטישע מערב־ווינטן, אָבער זיי זיינען געווען צו שוואַך און האָבן ניט געקאָנט דורכלופטערן די שטיקנדיגע אַטמאָספער. ווען אין די מערב־לענדער האָט זיך אַ לאָז געטאָן דער שטורעם־ווינט פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, האָט מען דאָ אין רוסלאַנד גענומען פאַרשטעקן אַלע שפּאַ־רעס, ס'זאָל אַהער ניט דערלאַנגען די „פּאָליטישע עפּידעמיע“. יעקאַטערינע II האָט אָנגעהויבן רעגירן ליבעראַל און האָט פאַרענדיגט רעאַקציאָנער (די יאָרן 1789—1796). גראַד אין די דאָזיגע רעאַקציע־יאָרן איז געשעהן אין דער יידישער געשיכטע אַ וויכטיגער קריזיס: דאָס צווייטע און דאָס דריטע צעטיילן פון פּוילן האָט איבערגעגעבן דער רוסישער מלוכה נייע טעריטאָריעס מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג: אוקראַינע און ליטע; צוזאַמען מיט דעם טייל רייסן (ווייסרוסלאַנד), וואָס איז נאָך פריהער פאַראייניגט געוואָרן מיט רוסלאַנד, איז דער רוסישער מלוכה צוגעקומען אַ גרויסע יידישע מאַסע אין מערב־געגנט. וואָס די דאָזיגע געגנט ווערט גרעסער, ווערט אַלץ קלאָרער די באַציהונג פון דער רוסישער מלוכה צו יידן. עס איז שוין ניט צו באַמערקן יענע אומזיכערקייט

און וואַקלעניש אין דער יידנפראַגע, וואָס מ׳האָט געקאָנט צוזעהן אין אָנהויב פון יעקאַטערינעס רעגירן; ס׳ווערט אַלץ קלאָרער און באַשטימטער איין טענדענץ: צושמידן יידן צו דער צוגעקומענער געגנט, ניט אַריינלאָזן זיי אין די אַלט־רוסישע טיילן פון דער אימפעריע, און דאָ, אין דער צוגעקומענער געגנט גופא, זאָל אויך פאַרשמעלערט ווערן דער קרייז פון זייער עקאָנאָמיש לעבן; יידן זאָלן אויסגעטיילט ווערן פונם שטאַנד סוחרים און שטעטישע („מעשטשאַנעס״) אין אַ באַזונדער שטייער־גרופּע, וואָס זאָל טראָגן אויף זיך די שווערסטע שטייער־לאַסט. אויסנאַם־געזעצגעבונג פאַר יידן ווערט אַ סיסטעם.

פאַר דעם צווייטן צעטיילן פון פוילן, ווען די רוסישע רעגירונג האָט פאַרגעזעהן, אַז איר וועט צוקומען אַ נייע מאַסע יידן, האָט זי זיי צוגעגרייט אַ טרויעריגע מתנה: דעם געזעץ וועגן יידישן „תחום״, וואָס האָט געוואָלט שאַפן אַ פאַרקנעכטעטן שטאָטישן קלאַס אין אַ ים פון פויערשע דאָרף־קנעכט. גענומען האָט זיך דאָס ניט פון אויבן, פון דער רעגירונג, נאָר פון אונטן, פון דעם קריסטליכן סוחרים־שטאַנד, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר פרייער יידישער קאָנקורענץ און האָט געבעטן שוץ. יידן־סוחרים אין די צוויי רוסישע גובערניעס, מאָהילעווער און פאָלאָצקער (וויטעבסקער), וואָס זיינען געלעגן ביי דער גרעניץ פון סמאָלענסקער און מאָסקווער גובערניעס, האָבן אָנגעהויבן פאָרן קיין סמאָלענסק און מאָסקווע און האַנדלען דאָרט הורט און לאַחדים מיט אויסלענדישער מאַנופאַקטור. יידן האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן: זיי האָבן פאַרקויפט גוטע סחורה צו מעסיגע פרייזן. דאָס האָט אָבער אָנגערייצט מאָסקווער סוחרים, האָבן זיי אין פעברואַר 1790 דערלאַנגט דער מאָסקווער העכערער מאַכט אַן אָנקלאָג אויף יידן: „יידן האַנדלען מיט אויסלענדישע סחורות, פאַרקויפן ביליגער, איידער די אַנדערע און ברענגען דערמיט היפּש שאָדן דעם היגן האַנדל״. די אָנקלאָגער פאַררופן זיך אויף די אַלטע מאָסקאָווּיטער טראַדיציעס, וואָס האָבן ניט צוגעלאָזט אַהער קיין יידן; זיי פאַרזיכערן די מאַכט, אַז פון יידישער קאָנקורענץ וועט דער גאַנצער אָרטיגער האַנדל צערודערט ווערן און רוסישע סוחרים וועלן רואינירט ווערן. די דאָזיגע בקשה פון רוסישע סוחרים, וואָס האָבן געוואָלט האַלטן ביי זיך די האַנדלס־מאָנאָפּאָליע, כדי צו עקספּלואַטירן דעם רוסישן קויפער, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דער רעגירונג. אין הערבסט פון דעמזעלבן יאָר, ווען דער מלוכה־ראַט האָט באַהאַנדלט די קענען־השתדלות פון יידן, מ׳זאָל זיי ערלויבן זיך צושרייבן צו מאָסקווער און סמאָלענסקער סוחרים־שטאַנד, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יידן קאָן מען ניט לאָזן פריי האַנדלען אין די אינעווייניגסטע רוסישע גובערניעס, וואָרום „קיין נוץ וועט ניט זיין פון אַזאַ צולאָזן זיי״. אין אַ יאָר אַרום האָט יעקאַטערינע II באַשטעטיגט דעם באַשלוס אין אַ באַזונדער אוקאַז (23 דעצעמבער 1791): „יידן טאָרן זיך ניט צושרייבן צום סוחרים־שטאַנד אין די אינעווייניגסטע רוסישע שטעט און האַפן־שטעט; זיי קאָנען זיין בירגער און שטעטישע נאָר אין רייסן״. כדי גרינגער צו מאַכן די גזרה, ווערט אין דעמזעלבן אוקאַז צוגעגעבן:

„מ'האלט פאר וואויל, אז דאס אייגענע רעכט פאר יידן צו זיין בירגער ווערט פאשפרייט, חוץ רוסישע גובערניעס, נאך אויף יעקאטערינאסלאווער און טאוורי־שער געגנט". די רעגירונג איז צו יענער צייט בכלל אויסן געווען צו קאלאני־זירן די דאזיגע צוגעקומענע אומבאזעצטע געגנט (ניי־רוסלאנד), — האט זי „צוגע־לאזט" יידן אויך.

אזוי זיינען רוסלענדער יידן צום ערשטן מאל פארשפארט געווארן אין א „תחום" — אין רייסן. אין צוויי יאר ארום, נאך דעם צווייטן צעטיילן פון פוילן, איז צו דעם צפון־מערב־געטא צוגעקומען בשכנות מינסקער גובערניע און די דרום־מערב־געגנט: וואלין מיט א גרויסן טייל קיעווער און פאדאליער קאנט. דעם 23־טן יוני 1794 האט דער געזעץ פעסטגעשטעלט א גרעסערן „תחום": „יידן מעגן זיך פארנעמען מיט סוחר'ישע און שטעטישע באשעפטיגונגען אין די גובערניעס: מינסקער, איזיאסלאווער (וואלינער), בראצלאווער (פאדאליער), פאלאצקער (וויטעבסקער), מאהילעווער, קיעווער, טשערניגאווער, נאווגאראד־סעווערסקער (פאלטאווער), יעקאטערינאסלאווער און אין טאורישער געגנט". מיט דעם דאזיגן אוקאז איז דער „תחום" פארגרעסערט געווארן אויף רוסיש־אוקראינע אדער קליינרוסלאנד (טשערניגאווער, פאלטאווער און א טייל קיעווער גובערניע), וואס פון דארטן פלעגט מען טרייבן יידן פאר די דריי קיסר'ינס, וואס פאר יעקאטערינע II. די דאזיגע רוסיש־אוקראינישע געגנט איז געווען שטארק פארבונדן מיט דער נאר־וואס צוגעקומענער פויליש־אוקראינע, און די רעגירונג האט געמוזט אהין „צולאזן" די אלטע איינוואוינער — יידן; אפילו די הייליגע שטאט קיעוו האט מען פריי געעפנט פאר יידן. די געגנט פון ביידע זייטן דנעפר איז איצט געווארן דער יידישער צענטר. אין יאר 1795, לויטן דריטן צעטיילן פון פוילן, איז צו דעם דנעפר־באסיין צוגעקומען דער נעמאן־באסיין — ליטע (ווילנער און גראדנער גובערניעס). אזוי האט זיך אויסגע־בילדעט דער יידישער „תחום" צום סוף 18־טן יארהונדערט. מזרח־רוסלאנד האט מען אבער פונקט אזוי שטרענג געהיט פאר יידן, ווי אמאל צו דער צייט פון מאסקאווויטער מלוכה. ווער האט דאס געקאנט פאראויסזאגן דעם מיליאן יידן, וואס איז איצט אריינגעפאלן צו רוסלאנד, אז די אלטפרענקישע מאסק־ווער פאליטיק צו פארשפארן די טירן פאר א גאנץ פאלק וועט בלייבן א היי־ליגער געבאט ביים רוסישן רעזשים דאס גאנצע 19־טע יארהונדערט און א טייל פון 20־טן?

אין דעמזעלבן אוקאז פון יאר 1794, וואס האט פארצוימט דעם יידישן „תחום" מיט אן אייזערנער וואנט, איז פאראן נאך א באזונדער שטייער־אויס־נאם פאר יידן. יידן, וואס ווילן זיך צושרייבן אין די שטעט צום סוחרים־שטאנד אדער צו שטעטישע („מעשטשאנעס"), „דארפן צאלן דאפלטן שטייער אקעגן קריסטליכע סוחרים און שטעטישע"; ווער ס'וויל נישט בלייבן אין שטעט אויף אזעלכע קאנדיציעס, דארף זיך ארויסציהען פון רוסלאנד, אפצאלנדיג פריה־

הער אַ געלט־שטראָף: דעם דאָפּל־שטייער פֿאַר דריי יאָר. דאָס הייסט, אַז
פֿאַר דאָס „רעכט" צו בלייבן אויפֿן אַלטן אָרט און ניט טאָרן פֿריי פֿאַרקערן
אין דער אימפּעריע קומט פֿון אַ יידן צוויי מאָל אַזוי פֿיל שטייער, ווי פֿון
אַ שטעטישן קריסט, וואָס איז פֿריי צו פֿאַרקערן אין גאַנץ רוסלאַנד. צו
דער דאָזיגער שטייער־שטראָף קומט נאָך צו אַ רעקרוטן־אָפּגאָב, וואָס יידן
דאַרפֿן צאָלן גלייך מיטן קריסטליכן סוחרים־שטאַנד אָנשטאָט צו געבן רעקרוטן
(אוקאַזן פֿון די יאָרן 1794 און 1796). קאַראַאימען אין טאַווּרישער גובערניע האָט
מען באַפֿרייט פֿון דעם דאָפּל־שטייער אויף דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר זובאָווס
השתּדלות; קאַראַאימען האָבן אויך געמענט האָבן לאַנד־גיטער. בכלל האָט מען
די קאַראַאימען געגעבן דיזעלבע רעכט, וואָס קריסטן, „נאָר מיט אַ התראה,
אַז זיי זאָלן ניט צולאָזן צו זיך רבנ'ישע יידן" (אַן אוקאַז פֿונם 8־טן יוני
1795). דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער מאָטיוו פֿון אויסנאַם־געזעצן פֿאַר יידן איז דאָ
קלאָר: אַ הייפֿל קאַראַאימען, וואָס זיינען הונדערטער יאָרן לאַנג געווען אָפּגעריסן
פֿון דער יידישער היסטאָרישער עוואָלוציע, זיינען געווינשטע בירגער אין לאַנד,—
יידן אָבער דאַרף מען האַלטן אויף אַ קייט.

קלאָר איז ניכּר דער שטראָף־גייסט אינם אוקאַז פֿון יאָר 1795: אַלע
דאָרפֿס־יידן זאָלן זיך צושרייבן אין שטעט; „מ'זאָל זעהן, זיי זאָלן זיך איבער־
ציהען אין די אויעזד־(קרייז)־שטעט, כּדי די לייט זאָלן זיך ניט אַרומדרייען דער
געזעלשאַפֿט צום שאָדן, נאָר זיי זאָלן האַנדלען און טאָן מלאכות, זיי זאָלן
אַליין האָבן און דער געזעלשאַפֿט נוץ ברענגען". דערמיט האָט מען סאַנקציאָ־
נירט דאָס אומגעזעצליך האַנדלען פֿון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס פֿלעגט אָפֿט
אַרויסטרייבן איינגעזעסענע יידן פֿון די דערפֿער אין די שטעט אַריין מיט דעם
אויסרייד, אַז יידן מעגן זיין צוגעשריבן נאָר צו שטעטישע. יידן, וואָס מ'פֿלעגט
אַרויסטרייבן פֿון די דערפֿער, זיינען רואינירט געוואָרן; זיי האָבן ניט געקאָנט
מיטאַמאָל איינאָרדענען זיך אַלס הענדלער און בעלי־מלאכות, בעת אָרטיגע
סוחרים און האַנטווערקער האָבן שווער פֿאַרדינט זייער ברויט. די סיסטעם פֿון
מלוכה־אַפּוטרופּסות האָט נאָר געקאָנט שטערן, ניט אַנטוויקלען יידישע עקאָנאָ־
מישע אַרבעט. יעקאַטערינע האָט נאָכגעטאָן יוסף'ס, דעם עסטרייכישן קייזערס
סיסטעם (§§ 5 און 38).

מ'האָט געפּרובט פֿאַרשמעלערן די קהל'שע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אויך.
אין יאָר 1795 איז אַ צווייט מאָל איבערגע'חזר'ט געוואָרן דער באַפֿעל, אַז היות
ווי יידן מעגן זיך באַטייליגן אין דער שטעטישער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, אין
די ראַטהויזן און אין די מאַגיסטראַטן, ווערן ביי קהל אין די גובערניע־ און
אויעזד־שטעט אָפּגענומען אַלע געזעלשאַפֿטליכע און געריכטליכע פֿונקציעס;
„זיי דאַרפֿן מער זיך ניט אָנקערן מיט קיין זאַך, חוץ אמונה־זאַכן". באמת אָבער
האָבן יידן זיך זעהר ווייניג אָנגעקערט מיט שטעטישער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג
איבער דער פֿיינטשאַפֿט, וואָס קריסטליכע שטעטישע האָבן זיי באַוויזן. דעם

קהל אָבער האָט די רעגירונג גופא באַדאַרפט נויטיג האָבן: זי האָט אים אָנ־גענוואָרפן אויפמאָנען און גאַראַנטירן שטייערן פון יידן. דער קהל איז דעריבער געבליבן אויך ביי דער נייער פאַרשמעלערטער קהלה־אויטאָנאָמיע (ווייטער, § 51).

אַזוי האָט זיך די לעצטע יאָרן פון יעקאַטערינעס רעגירן אָנגעהויבן אויס־בילדן אַ סיסטעם פון אויסנאַם־געזעצן פאַר יידן. צווישן מזרח־ און מערב־רוסלאַנד האָט מען אָוועקגעשטעלט אַ פעסטע „מאָסקווער" וואַנט. אינעווייניג, אין „תחום" גופא, האָט מען אָנגעהויבן אויסבילדן נאָך אַן ערגערן „תחום": יידן זאָלן פאַרטריבן ווערן פון דערפער און איינגעפרעסט ווערן אין שטעט און שטעטלאַך. יעקאַטערינעס נאָכפאָלגער איז באַשערט געווען גיין ווייטער אין דעם דאָזיגן וועג.

איין רעפאָרם איז אין יענער צייט יאָ געמאַכט געוואָרן: אין די עפנטליכע אַקטן פון די לעצטע יאָרן פון יעקאַטערינעס רעגירן איז ניט צו באַמערקן מער דאָס זידל־וואָרט „זשיד"; אָנשטאָט דעם קומט דאָס וואָרט „יעווריי". דאָס איז די איינציגע רעפאָרם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט דורכגעפירט.

§ 46. פּראָעקטן צו רעגלאַמענטירן דעם יידישן לעבנס־שטייגער (פאַוועל דעם I־טנס רעגירן).

פאַר פאַוועל I (1796—1801) זעהען מיר צו דיזעלבע סיסטעם פון שטרענ־גער אַפּוטראָפּסות אויף יידן. דעם יידישן „תחום" איז צוגעקומען נאָך אַ פאַס ערד: קורלענדער גובערניע. אין קורלענדער הערצאָגטום, וואָס איז פאַראייניגט געוואָרן מיט רוסלאַנד אין יאָר 1795, זיינען געווען עטליכע טויזנט יידן, „טאָ־לערירטע", לויטן נוסח דייטשלאַנד, אַלס אויסלענדער, וואָס האָבן זיך נאָר טיילווייז דערשלאָגן צו אָרגאַניזירן קהלות. דאָ איז געוואָרן אַ פראַגע: ווי אַזוי מאָנט מען אויף שטייערן ביי די הויזירער (וואַנדער־הענדלער), ד. ה. ביי אַ גרויסן טייל יידן אין קורלאַנד, וואָס זיינען ניט געווען צוגעשריבן ניט צו שטעט, ניט צו דערפער, ניט צו יידישע קהלות? אין יאָר 1799 האָט די רו־סישע רעגירונג געגעבן דערויף אַן ענטפער: פאַרגלייכן יידן אין קורלאַנד מיט יידן אין אַנדערע גובערניעס, זיי מעגן זיך צושרייבן צום סוחרים־שטאַנד און צו שטעטישע און האָבן אַ קהלה. אַזוי זיינען די פינאַנץ־אינטערעסן פון דער מלוכה געוואָרן אַ געלעגנהייט צו באַשאַפן יידישע קהלות אין דער ממשלה פון דייטשע באַראָנען.

די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען איינגעפרעסט אין „תחום" פון די מערב־גובערניעס, האָט אפילו ניט געקאָנט פריי רירן זיך אין דעם „תחום" גופא. אַסך יידן פון דעם פאַראָרימטן רייסן האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין די

רייכערע קליינרוסלענדער גובערניעס, דערהויפט אין נאָוואָגראָד־סעווערסקער (פאָל־טאַווער) גובערניע. די רעגירונג האָט זיך אומגעקוקט אויף אַזאַ אינעווייניגסטער יידישער עמיגראַציע און האָט זי גענומען „רעגולירן“: אַרויספאָרן פון רייסן קיין אוקראַינע האָבן געמעגט נאָר סוחרים; ניט־צוגעשריבענע צו האַנדלס־גילדיעס האָבן דאָס געקאָנט טאָן נאָר אויף דיזעלבע קאָנדיציעס, וואָס פאַר אַלע פערזאָנען פון די נידעריגע שטייער־קלאַסן (מעשטשאַנעס און פויערים), ד. ה. זיי האָבן באַדאַרפט אַרויסנעמען אַרויסלאָז־שיינען פון זייער שטאַנד־געזעלשאַפט (דעצעמבער 1796).

ניט קיין סך איז אויפגעטאָן געוואָרן אין דער געזעצגעבונג פאַר יידן אין די יאָרן פון פאַוועלס רעגירן; דערפאַר אָבער האָט מען זיך אַסך געגרייט צו אַזאַ געזעצגעבונג. די צייט איז רייך מיט פראָעקטן צו רעגלאַמענטירן דעם יידישן לעבנס־שטייגער אויפן גרונד פון אָפיציעלע „אויספאָרשונגען“. די לעצטע יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט (1797—1800) אַרבעטן די קאַנצעלאַריעס אויף אַלע כלים צו באַקענען די רעגירונג מיט דעם צושטאַנד פון די צוגעקומענע פראָווינצן און ספעציעל פון דער יידישער באַפעלקערונג דאָרט. אָנגעהויבן האָט מען פון אויספרעגן פריצים און די אַדמיניסטראַציע אין יענע געגנטן. אין יאָר 1797 איז די געלעגנהייט דערצו געווען דער הונגער אין מינסקער גובערניע. פון פעטערבורג האָט מען באַפוילן דעם מינסקער גובערנאַטאָר קאַרנעיעוון אויספרעגן די אָרטיגע מאַרשאַלס (אַדל־פירער), אויפקלערן, „פון וואַנען נעמט זיך די אָרימקייט ביי פויערים“, און צושטעלן אַ פראָעקט, ווי זייער צושטאַנד צו פאַרבעסערן. דאָס איז געווען אַ קנאַפע חכמה פאָרלייגן פריצים, קנעכט־אייגנטימער, זיי זאָלן אויפקלערן די אמת׳ע סיבות, פאַרוואָס פויערים, זייערע קנעכט, הונגערן. דעם ענטפער אויף אַזאַ קלוגע שאלה איז ניט שווער געווען פאָראויסזעהן. פוילישע מאַרשאַלס זיינען זיך צונויפגעקומען קיין מינסק און האָבן געפונען דעם שולדיגן: די פאָליטישע ענדערונגען אין דעם געוועזענעם פוילישן קאַנט, די אומגערעטעניש, שלעכטע וועגן א. ד. ג., דערהויפט אָבער יידן: „אַסך פריצים האַלטן יידן ביי זיך (אין די דערפער) אויף אַרענדעס און אין שענקען קעגן דעם ווילן פון דער מאַכט, וואָס הייסט זיי (יידן) וואוינען אין די שטעט“. יידן־שענקערס אין די דערפער ברענגען פויערים צו שכור׳ן דורך דעם, וואָס זיי גיבן זיי בראָנפן אויף באָרג, און „איבער דעם טויגן פויערים ניט מער צו ווירטשאַפט“. זיי אַליין, די פריצים, און די מאַגנאַטן זיינען געוויינטליך גאָט די נשמה שולדיג. צו ראַטעווען די פויערים דאַרף מען נאָר ווידעראַמאָל באַשטעטיגן, אַז „טרייבן בראָנפן מעגן נאָר פריצים; יידן און אַנדערע שענקערס איז דאָס פאַרווערט“, און אין דאָרף־שענקען „זאָלן נאָר פריצים מעגן פאַרקויפן בראָנפן“. דאָס הייסט: פויערים וועלן אויפגעריכט ווערן און ווערן אַרבעטס־פייהיג, אויב זיי וועלן טרינקען נאָר פריצ׳ישן בראָנפן, ניט קיין יידישן... מ׳האָט, דוכט זיך, געקאָנט פאַרשפאָרן צו האָבן אַ גרויסן מלוכה־קאָפ אום

איינצוזעהן, וואָס זיינען אויסן מיט אַזאַ „מיינונג“ די פּריצים, וועלכע האָבן דאָ געזאָרגט נאָר וועגן זייער בראָנפן־מאָנאָפּאָליע (די פּוילישע „פּראָפּינאַציע“); פונדעסטוועגן האָט דער מינסקער גובערנאַטאָר צוגעשטעלט די מיינונג דעם קיסר, און יענער האָט געמאַכט אַזאַ רעזאָלוציע: „אָננעמען מיטלען, אַזוי ווי די אַדעל־מאַרשאַלס ווייזן אָן, צו באַגרעניצן די רעכט פון יידן, וואָס זיי רואינירן דאָס פּויערטום“ (28 יוני 1797). דער סענאַט האָט אויך דערמאָנט דעם גובערנאַטאָר אָן יעקאַטערינעס אוקאַז, אַז מ׳זאָל זעהן איבערזעצן יידן אין די אויעזד־שטעט, „כּדי די לייט זאָלן זיך ניט אַרומדרייען דער געזעלשאַפט צום שאָדן“. דאָס איז געווען אַזוי גוט ווי געבן „אָפענע הענט“ אַרויסצוטרייבן יידן פון דערפער און פאַרוואַנדלען איינגעזעסענע יידן אין נע־ונד׳ניקעס.

אין יאָר 1798 האָט מען גענומען אויספרעגן פּריצים אין וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניע, ווי קלערן זיי צו באַגליקן דאָס פּאָטערלאַנד. די מאַרשאַלס פון פּאָדאָליער גובערניע זיינען זיך צונויפגעקומען קיין קאַמענעץ און האָבן אויסגעאַרבעט נאָך אַ ברייטערן „רעפאָרם־פּלאַן“, איידער זייערע מינסקער קאָלעגן. זיי דאַנקען דעם קיסר „פאַר דעם מאַיעסטעטישן גנאָד, וואָס מ׳האָט זיי געלאָזט די פּראָפּינאַציע“, און פאָדערן, אַז „ניט יידן, ניט קריסטן אפילו זאָלן ניט טאָרן אַרענדירן בראָנפן־טרייבן אָדער פּראָפּינאַציע אין שטעטלאַך און אין דערפער“; די „פּריווילעגיע“ זאָל בלייבן נאָר פאַר פּריצים, זיי זאָלן מעגן אַריינזעצן אין די שענקען וועמען זיי ווילן. נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך גאַראַנטירט די מאָנאָפּאָליע אָנצו׳שכור׳ן פּויערים דורך אייגענע שענקערס, האָבן די פּריצים גענומען מאַכן אַ תכלית פון יידן: יידן זאָלן אַרויספירן דאָרפישע, ד. ה. פּריצ׳ישע פּראָדוקטן קיין אויסלאַנד, כּדי „ערד־אַרבעטער און פּריצים זאָלן דערפון געניסן“, די רעשט יידן זאָלן אַ טייל „בלייבן ביי די פּריצים אין די שענקען“ און אַ טייל „זאָל מען נויטן צו ערדאַרבעט און מלאכות“.

יידן גופא זיינען אָבער, זעהט אויס, ניט געווען שטאַרק צופרידן פון אַזוינע גאָלדענע אויסזיכטן, זיי זאָלן זיין פאַרקויפט ביי פּריצים אויסצוברענגען זייערע דאָרף־פּראָדוקטן און בראָנפן. ביי יידן איז פאָרגעקומען אַ ישוב אין אָסטראָג (וואָלינער גובערניע). ס׳זיינען זיך צונויפגעקומען דעלעגאַטן פון קהלות, און ס׳איז געבליבן: מאַכן געלט און שיקן אַ דעפּוטאַציע צום קיסר, זי זאָל איבערגעבן די נויטן און די פאַרלאַנגען פון יידן אין דרום־מערב־געגנט, וואָס מ׳האָט ביי זיי אפילו פאַרגעסן פרעגן, ווי זיי גופא שטעלן זיך פאָר זייער צוקונפט. דער דרום־מערב׳דיגער גענעראַל־גובערנאַטאָר, גראַף גודאָוויטש, „איז שטילערהייט דערגאַנגען“, וואָס יידן ווילן טאָן. אַלס ווייטזיכטיגער פּאָליטיקער האָט ער מורא געהאַט, „טאָמער שטעקט דאָ עפּעס אין דעם געלט־זאַמלען (אויף אַ יידישער דעפּוטאַציע) אַ יידיש שפּיצל“. ער האָט קאָנפיסקירט דאָס צונויפגענומענע געלט און האָט וועגן דעם מיטגעטיילט קיין פּעטערבורג. ווי פאַרוואונדערט איז אָבער געווען דער איבערפלייסיגער גענעראַל־גובערנאַטאָר, ווען

פון פעטערבורג האָט ער באַקומען אַן ענטפער, אַז דער קיסר האַלט דאָס פאַר קיין עוולה ניט, וואָס יידן ווילן שיקן צו אים אַ דעפוטאַציע; דאָס קאָנפיסקירטע געלט הייסט מען אים אומקערן און די דעפוטאַציע זאָל ער לאָזן פאָרן (סעפטעמבער 1798). צי איז די דעפוטאַציע געפאָרן און וואָס איז נעוועזן דער סוף — ווייסט מען ניט, אָבער דער פאַקט גופא באַווייזט, אַז אפילו אין יענער פינסטערער צייט האָט די אָפגעשטאַנענע חסיד׳ישע מאַסע אין וואָלין און אין פאָדאָליע ניט איננאַנצן אָנגעוואוירן דעם חוש פון דעם פאָליטישן און סאָציאַלן קריזיס, וואָס קומט פאָר.

צולעצט האָט זיך דער ליטווישער אַדל אָפגערופן אויף דער רעגירונגס־אַנקעטע. מאַרשאַלס פון 19 אויעזדן אין ליטע האָבן אין יאָר 1800 דערלאַנגט דעם ווילנער גובערנאַטאָר פריזעלן זייער „מיינונג״, אָנגענומען אין אַ באַראַטונג מיט אַלע שטימען קעגן דריי. לויטן דאָזיגן ראַדיקאַלן פראָעקט טאָרן יידן ניט טרייבן קיין בראָנפן און האַלטן איינגענע שענקען, זיי טאָרן ניט פאַרקויפן קיין בראָנפן אפילו אין „שלאַכטישע שענקען״ אויך. דאָרפס־יידן, וואָס וועלן דורכדעם בלייבן אָהן ברויט, דאַרף מען אַ טייל אַרויסשיקן אין די שטעט, אַ טייל „באַזעצן אויף מלוכה־ און פריוואַט־ערד, זיי זאָלן זיך דאָרט מעגן באַשעפטיגן מיט ערדאַרבעט, אַרענדירן און נעמען אין זיכערקייט לאַנדגיטער״. צו דער עקאָנאָמישער רעפאָרם זאָל צוקומען אַן אינעווייניקסטע רעפאָרם: מ׳דאַרף „פאַרווערן די יידישע קליידונג, זיי זאָלן זיך קליידן אַזוי ווי אַלע״; מ׳דאַרף בכלל מאַכן אַ סוף מיט דער יידישער אָפגעשלאָסנקייט, וואָרום איצט „האַלטן זיי זיך פאַר אַ באַזונדער פאָלק, האָבן אַן איינענע פירונג מיט דעם נאָמען סינאַגאָגעס אָדער קהל׳ס, וואָס נעמען זיך ניט נאָר די גייסטיגע מאַכט אַליין, נאָר זיי מישן זיך אויך אין ציוויל־זאַכן און אפילו אין פאָליצייזאַכן״. זאָל דאָס אַלץ ווערן אויס, וועלן יידן ווערן איינס מיט דער אַרומיגער באַפעלקערונג. דעם ליטווישן אַדל, וואָס האָט פאַראיינס מיט יידישע שענקען געוואָלט אָפשאַפן די קהלה־אויטאָנאָמיע, קוימט דער „רעפאָרמאַטאָרישער״ ברען פון אויסן: דאָס האָט זיי אונטערגעזאָגט דער ווילנער גובערנאַטאָר פריזעל, אַ געבילדעטער דייטש, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט די רעפאָרם־פלענער אין דייטשלאַנד. אין אַפריל 1800 האָט ער אָפגעשיקט דעם סענאַט די מיינונג פונם ליטווישן אַדל מיט אַ צוגאָב פון אַן אייגענעם היפשן מעמאָראַנדום, גענומען מייסטנס פון די פוילישע פראָעקטן צו דער צייט פונם פיריאָרינן סיים. פריזעל האַלט, אַז מ׳דאַרף האָבן אַ „גרינדליכע רעפאָרם״ פאַר יידן און פאַררופט זיך אויף די מערב־לענדער, אָבער פון דאָרט האָט ער גענאַשט די ערגסטע מעטאָדן פונם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם״. ער מיינט, „אַז דאָס ערציהען פון יידישן פאָלק דאַרף מען אָנהויבן פון זיין רעליגיע״: מ׳דאַרף „אויסראָטן אַלע סעקטעס און אָבערגלויבן, פאַרווערן נייע רעליגיעזע ריכטונגען, וואָס שווינדלער פאַרפירן דערמיט די יידישע מאַסע און פאַרפינסטערן זי נאָך מער ווי פריהער״

(אַ רמז אויף חסידות און רביים; די רעגירונג האָט זיך גראָד יענע צייט אײַנ־טערעסירט מיט דער מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים). מ׳דאַרף נויטן יידן, זיי זאָלן אָפּגעבן זייערע קינדער אין „עפנטליכע שולן", פירן אַלע געשעפטס־פּאַפּירן אויף פּויליש, גיין געקליידעט אַזוי ווי אַלע, חתונה האָבן ניט פריהער פאַר 20 יאָר. יידן זאָלן זיין אײַנגעטיילט אין דריי קלאַסן: סוחרים, בעלי־מלאכות און ערד־אַרבעטער; די דריי קלאַסן זאָלן זיין אײַנגעשלאָסן אין די אַלגעמיינע שטאַנדן אין לאַנד; דערמיט וועט מען פאַרשפּאָרן אָנקומען צו קהל אַלס אַ שטייער־אויפמאָנער, און קהל׳שע אויטאָנאָמיע וועט פון זיך אַליין בטל ווערן.

די אַלע מיינונגען פונם אַדל און פון די גובערנאַטאָרס זיינען אָנגעקומען אין סענאַט אין פריהלינג 1800; דעם סענאַט האָט דאָס אַלץ געזאָלט נוצן אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם „סטאַטוט" וועגן יידן. דאָ איז דאָס צו האַנט געקומען דעם באַרימטן רוסישן דיכטער דערזשאַווין; ס׳איז באַשערט געווען, אַז ער זאָל איינגיכן ווערן אַ „ספּעציאַליסט" אין דער יידנפראַגע. דערזשאַווין אַליין איז געווען אַ געבווירענער פון אַ וויטן מזרח־געגנט אין רוסלאַנד, דעם גרעסטן טייל לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין פּעטערבורגער קאַנצעלאַריעס; די יידישע מאַסע האָט ער ערשטע מאָל דערזעהן אין אַ רייסיש שטעטל שקלאָוו, וואָס אַהין איז ער געשיקט געוואָרן אין יאָר 1799 וועגן אַן אַקציע מיט גענעראַל זאָריטש, דעם אייגנטימער פון דעם שטעטל. זאָריטש איז געווען יעקאַטערינעס אַ פאַוואָריט, אין שקלאָוו האָט ער געפירט אַ פאַרשייט ברייט לעבן, אַזוי ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ גוטס־באַזיצער אַ סאַטראַפּ. ער האָט אָנגעריירט יידן אויך ביי זיך אין שטעטל: זאָריטש האָט זיך איינגעבילדעט, אַז יידן אין זיין שטעטל זיינען פונקט אַזוינע קנעכט זיינע, ווי די פּויערים אין דאָרף, און ער מעג זיך מיט זיי פירן ווי אים גלוסט; איינגיע יידן האָט ער פאַרטריבן פונם שטעטל און צוגענומען ביי זיי די הייזער, אַנדערע האָט ער געפּאַטשט, ביי אַנדערע ווידער האָט ער צוגענומען משקאות ניט צאָלנדיג. יידן האָבן זיך נעקלאָגט אויף אַזאַ פאַרקנעכטונג, און פּאַוועל האָט געשיקט דעם סענאַטאָר דערזשאַווין קיין שקלאָוו איינצוזימען דעם צווילדעוועטן גוטס־באַזיצער. דערזשאַ־ווין מיט זיין פּריץ׳ישן גייסט האָט ניט געמאַכט קיין גרויס וועזן פון זאָריטשס ווילדע מעשים און האָט ראַפּאָרטירט, אַז יידן זיינען אויך שולדיג. זאָריטש איז איינגיכן געשטאָרבן (1800), און דערמיט האָט זיך דער סכסוך פאַרענדיגט. אָבער ביי דער געלעגנהייט האָט דער סענאַט דערקלערט, אַז יידן געהערן בכלל צום סוחרים־שטאַנד און צו שטעטישע און זיינען ניט אונטערגעוואָרפן די פּריצים אין פּריץ׳ישע שטעטלאַך און דערפער.

אין אַ יאָר אַרום איז דערזשאַווין נאָך אַ מאָל געשיקט געווען קיין רייסן, דאָס מאָל מיט גאַנץ גרויסע פולמאַכטן. אין ביידע ווייסרוסישע גובערניעס איז געווען אַ שרעקליכער הונגער, און שולדיג איז געווען ניט די אומגערעטעניש

אליין, נאר אויך דיווילדע אויפפירונג פון די פריצים: זיי האבן געלאזט זייערע אייגענע פויערים אהן ברויט, און אליין האבן זיי צוגעשטעלט גרויסע פארטיעס תבואה אויף ארויסצופירן אדער אויף די גוראלנעס צו מאכן בראנפן, וואס דערמיט האט מען דעמאראליזירט דיזעלבע פויערים. דער קיסר האט באפוילן דערזשאווינען א סוף מאכן צו די דאזיגע פארברעכערישע מעשים, באשטראפן יענע פריצים, וואס „יאגן זיך נאך געלט אהן א מאס און לאזן זייערע פויערים אהן הילף", אפנעמען ביי זיי די גיטער און אוועקשטעלן אונטער א השגחה (יוני 1800). אין דער צוגאב־אינסטרוקציע, וואס אבאליאנינאוו, דער גענעראל־פראקוראר פונם סענאט, האט געגעבן דערזשאווינען, איז געווען נאך אזא פונקט: „און היות ווי לויט די ידיעות האבן די זשידעס ניט קיין קליינעם חלק אין דער פויערשער ארימקייט אין רייסן, איז זיין מאיעסטעטס ווילן, אז אייער עקסעלענץ זאל זיך דערהויפט אומקוקן אויף זייער ארבעט אין דעם פרט און איר זאלט אנגעבן אייער מיינונג, ווי אזוי צו באזייטיגן די שעדליכקייט, וואס זיי פארשאפן". די דאזיגע יידנפיינטליכע צושריפט, וואס דא האט געשטעקט דערזשאווינס האנט, יעדנפאלס זיין הסכם, האט געזאלט אפשוואכן דעם קלאפ אויף די פריצים און אים אפפירן אויף יידן.

מיט דער רעוויזיע אין רייסן איז דערזשאווין פארטיק געווארן זעהר גיך; ער האט געמאכט אן אפוטרופסות אויף א גוט פון א פוילישן מאגנאט אגינסקי, אליין פארמאכט א יידישע גוראלנע אין ליאזנע, דער רעזידענץ פון באקאנטן חסיד'ישן רבי שניאור זלמן; דאס איז געטאן געווארן מיט אזא אימפעט, אז דערפון איז ארויסגעשפרונגען אן אנקלאג אויף דערזשאווינען, אז ער האט געשלאגן א יידישע פרוי. נאך דעם ווי ער האט אזוי „איינגעשטעלט ארדנונג", האט זיך דערזשאווין גענומען פאר דער הויפטזאך, לויט זיין מיינונג, ד. ה. צונויפשטעלן א מעמאראנדום וועגן יידן מיט אזא טיטל: „סענאטאר דערזשאווינס מיינונג, ווי אזוי צו באזייטיגן דעם ברויט־מאנגל אין רייסן דורך דעם, וואס יידן זאלן איינגעצוימט ווערן אין זייערע אומערליכע באשעפטיגונגען, ווי אזוי צו רעפארמירן זיי (יידן) און דעסגלייכן". אין דעם טיטל גופא שטעקט שוין דער מיין; ארויפווארפן אויף יידן די שולד פאר דעם עקאנאמישן חורבן, אין וועלכן עס זיינען שולדיג געווען פריצים. דערזשאווין האט אבער ניט געהאלטן פאר גענוג אפשאצן די יידישע עקאנאמישע ראלע אליין; ער האט געוואלט אפמאלן דאס יידישע אינעווייניגסטע לעבן, זייער גלויבן און מנהגים, ערציהונג און קהלה־פירונג, דעם יידישן „מאראלישן צושטאנד". צו דעם האט ער גענאט פארשיידענע קוועלן. דעם מעמאראנדום האט ער געשריבן אין וויטעבסק אין הערבסט 1800. דארט האט ער אויסגעפרעגט קריסטליכע סוחרים און שטעטישע, וואס האבן געטראגן א שטענדיגן האס אויף יידן, „גע־לערנטע" פון דער יעזואיטישער קאלעגיע, „טשינאווניקעס" אין פארשיידענע קאנצעלאריעס און אפילו „קאזאקן אליין" אויך. אגב האט דערזשאווין גע־

האָט צו האַנט צוויי פּראָעקטן פון „אויפגעקלערטע יידן”. איין פּראָעקט שטאַמט פון נאָטע שקלאָווער, אַ רייכן סוחר פון פּעטערבורג, אַ געוועזענעם ליוועראַנט אין פּאָטיאָמקינס אַרמיי, וואָס האָט פאָרגעלייגט מאַכן פאַבריקן פאַר יידן אין באַזונדערע קאָלאָניעס, „נאָהענט צו די האַפנס ביים שווארצן ים”, וואו מען זאָל זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט און פיה־צוכט אויך. דער אַנדערער פּראָעקטן־מאַכער, איינער אַ דאָקטאָר פראַנק פון קרעסלאַווקע (וויטעבסקער גובערניע), אַ דייטשער ייד פון מענדעלסאָנס חסידים, האָט פאָרגעלייגט, די רעגירונג זאָל נעמען רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע, וואָס „אין איר ערשטער עכטער געשטאַלט שטיצט זי זיך אויף דעאיזם און אויף ריינער מאָראַל”, נאָר מיט דער צייט איז זי פאַרהויקערט געוואָרן מחמת דעם „תלמוד׳ס נאַרישקייטן”. פראַנק האַלט, אַז אין רוסלאַנד דאַרף מען נאָכטאָן מענדעלסאָנען; מ׳דאַרף מאַכן פאַר יידן עפנטליכע שולן, די יוגנט זאָל לערנען רוסיש, דייטש און העבּרעאיש, ווייל אַן אויפגעקלערטער ייד איז שוין געוויס אַ נוץ פאַר דער מלוכה. חוץ די דאָזיגע פּראָעקטן האָט דערזשאַווין געהאַט פאַרשיידענע פריוואַטע „יידן־רעגלאַמענטן”, די דערמאָנטע „מיינונגען” פון די מאַרשאַלס און גובערנאַטאָרס אין מערב־געגנט און דעסגלייכן. דער הויך־געשטעלטער באַאַמטער, וואָס האָט געזעהן יידן נאָר דורכפאָרנדיג אין רייסן, האָט געהאַלטן, אַז ער ווייסט שוין גענוג, און ער האָט גענומען צונויפשטעלן אַן אויספירליכע „מיינונג”, ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן.

דאָס בילד פונם יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס דערזשאַווין האָט אָפּגעמאָלט מיט די פינסטערסטע פאַרבן, באַווייזט נאָר, אַז ער האָט געהאַט גאָר אַ קנאַפּן פאַרשטאַנד פאַר דער זאַך. ס׳איז צו באַוואונדערן די תמימות, ווי אַזוי ער באַנעמט פּרטים פונם יידישן לעבן. יידישע באַשעפטיגונגען: האַנדל, אַרענדע, שענקעריי, מעקלעריי — זיינען ביי אים אין די אויגן „קונציגע שטיק, ווי אַזוי ביי יענעם אויסצאַפּן דאָס פאַרמעגן”. זייערע חדרים זיינען נעסטן פון אָבערגלויבן. יידן פאַרמאָגן כּלל ניט קיין מאָראַליש געפיל; מענשן־ליבשאַפט, ערליכקייט און נאָך אַזוינע מעלות זיינען זיי ווילד־פרעמד; זיי ווייסן נאָר „זאַמלען רייכקייט צו אויסבויען אַ נייעם בית־המקדש אָדער צו באַפרידיגן זייערע תּאוות(?)”. אָפּגעפאַרטיגט יידן מיט אַזאַ אַטעסטאַציע, גייט דערזשאַווין איבער צום גרויסן פּראָעקט (88 פּונקטן), ווי אַזוי צו „רעפאָרמירן יידן”. יידן זאָלן שטיין אונטער „אַ הויך־מאַיעסטעטישער השגחה”; אויף זיי זאָל אַכטונג געבן אַ פּראָטעקטאָר, אַ קריסטליכער טשינאָווניק; ער מיט קאָמיסיעס אין די גובערניעס זאָלן דאָס דורכפירן די „יידן־רעפאָרם”. מ׳דאַרף מאַכן אַ ציילונג צווישן יידן און געבן זיי פאַמיליע־נעמען. יידן זאָלן איינגעטיילט ווערן אין פיר קלאַסן: סוחרים, שטעטישע „מעשטשאַנעס”, דאָרפישע „מעשטשאַנעס” און דאָרפישע ערד־אַרבעטער; יעדער מוז זיין צוגעשריבן צו איינעם פון די פיר קלאַסן. די גאַנצע מאַסע דאַרף מען צעזעצן אין פאַרשיידענע שטעט אין רייסן, אַ טייל, וואָס איז

צו פיל, דאַרף מען אַרויסשיקן אין אַנדערע גובערניעס. קהל דאַרף מען אָפּשאַפן; אָנשטאָט דעם זאָל ווערן אין יעדער גובערניע „אַ סינאַגאָגע“ מיט רבנים און שמשים צו פאַרוואַלטן מיט יידישע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, און פּעטערבורג זאָל זיין דער העכסטער יידישער בית־דין מיט דעם נאָמען „סענדאַרין“ (אַזוי שרייבט דערזשאַווין דאָס וואָרט „סנהדרין“, וואָס ער האָט נעהערט ערגעץ־וואו), מיט אַן אויבער־רב אָדער אַ „פּאַטריאַרך“ אויבן־אָן. ווייטער ברענגט ער אַ צעטל צוואַנגס־ און שטראָף־מיטלען: פאַרווערן יידן האַלטן קריסטליכע דינערשאַפט, ניט צולאָזן זיי צו שטעטישע מאַגיסטראַטן, נויטן יידן אַראָפּוואַרפן פון זיך די יידישע קליידונג און שרייבן אַלע נעשעפטס־פּאַפּירן אויף רוסיש, פּויליש אָדער דייטש. יידישע קינדער זאָלן לערנען ביי מלמדים ניט מער ווי ביז 12 יאָר, נאָכדעם זאָל מען זיי אָפּגעבן אין קריסטליכע שולן. צולעצט זאָל די רעגירונג מאַכן אַ דרוקעריי צו דרוקן יידישע רעליגיעזע ספרים „מיט פילאָזאָפישע אָנמערקונגען“. דערזשאַווין איז זיכער, אַז אויף דעם וועג „וועט דער איינגעשפּאַרטער ייד באַקומען אַ לייטיש אויסזעהן“; דער קיסר פּאַוועל, אויב ער וועט דורכפירן אַזאַ רעפאָרם, וועט געריטמט ווערן, וואָס ער האָט מקיים געווען די מצוה: „האָט ליב אייערע פיינט און טוט גוטס די, וואָס האַסן אייך“.

דאָס איז דערזשאַווינס פּראָעקט — אַ געמיש פון בויך־סברות פון אַ פרום־פּאַרצייטיגן רוס וועגן אַ קולטור, וואָס ער ווייס זי ניט, מיט רעפאָרמאַטאָרישע פּלענער אויף דעמאָלטיגן אייראָפּייאישן שטייגער; אַ פּלאָנטער פון קלעריקאַלע ביוראָקראַטישע שטיק מיט אַ שמעק פון אויפקלערונג און מיט „פילאָזאָפישע“ חקירות; איינגעגעסענער יידנהאַס מיט אַ שטיקל נעפּיל פאַר דער יידישער היסטאָרישער טראַגעדיע און מיט עפּעס אַ ווילן „מאַכן יידן פאַר ניצליך דער מלוכה“. אין תוך שטעקט דאָ דער גייסט פון קאַנצעלאַרישער אויבער־השגחה און רעגלאַמענטאַציע, אַ נאַאיווע זיכערקייט, אַז זייטיגע מענשן קאָנען איבערמאַכן אַן אַלט קולטור־פאָלק, אַזוי ווי מ׳שטעלט איבער פיגורן אין אַ שאָך. דאָ איז מען נעוועזן איינגעגלויבט, אַז אַ רעפאָרם לאָזט זיך מאַכן מעכאַניש; אגב זעהען מיר צו דאָסזעלבע אין אייראָפּע אויך, כאָטש ניט אַזוי נאַאיוו.

דערזשאַווינס „מיינונג“ איז אָנגעקומען אין סענאַט אין דעצעמבער 1800, צוזאַמען מיט די פריהערדיגע מיינונגען פון די מאַרשאַלס אין מערבגעגנט און פון די גובערנאַטאָרס האָט דאָס געזאָלט דינען דעם סענאַט אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ גרינדליכן געזעץ־אַקט וועגן יידן. אָבער פאַר פּאַוועל איז דאָס שוין ניט באַשערט געווען דורכצופירן. אין מערץ 1801 איז דער קיסר טראַגיש אומגעקומען; אין די ערשטע יאָרן פון אלכסנדר׳ס רעגירן איז די „יידן־רעפאָרם“ געוואָרן אַ שטרייט־זאַך צווישן נייע ליבעראַלע שטרעמונגען און דער אַלטער רוסיש־פּוילישער יידן־פּאָליטיק.

§ 47. „דער קאָמיטעט איינצואָרדנען יידן" און דער „סטאַטוט" פונם יאָר 1804.

אין אָנהויב אַלכּסנדר I רעגירן האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פריי ווינטל און האָט דורכגעלופטערט די פאַרשימלטע פּעטערבורגער קאַנצעלאַריעס, וואו ס'זיינען געזעסן טשינאָווניקעס, וואָס האָבן קיין באַגריף ניט געהאַט פונם יידישן לעבן און האָבן געהאַלטן אין איין צוקלערן מיטלען, ווי אַזוי דאָס דאָזיגע לעבן גרינדליך רעפאָרמירן. ניט אַזוי גיך איז מען ווידער געקומען צו דער יידנפראַגע. אין די יאָרן 1801—1802 איז די רעגירונג געווען פאַרנומען מיט רעפאָרמירן דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דער מלוכה־פירונג: ס'זיינען באַשאַפן געוואָרן מיניסטעריומס און אַ מלוכה־ראַט, דער סענאַט איז געוואָרן אויס „רעגירער", און די מאַטעריאַלן וועגן דער יידנפראַגע, וואָס זיינען דאָרט געלעגן, האָבן געזאָלט איבערגיין צו אַן אַנדער אינסטיטוציע. אַזאַ אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן אין נאָוועמבר 1802, אויפן קיסר'ס באַפעל, מיט דעם נאָמען „קאָמיטעט איינצואָרדנען יידן". פאַר גלידער אין קאָמיטעט זיינען באַשטימט געווען: דער אינערן־מיניסטער קאָטשובעי, דער יוסטיץ־מיניסטער און „ספּעציאַליסט" אין דער יידנפראַגע דערזשאַווין, גראַף וו. זובאָוו און צוויי פּוילישע הויך־באַאַמטע: אַדאַם טשאַרטאָריסקי — געהילף־אויסערן־מיניסטער און אַלכּסנדר'ס אַן אינטימער פריינד, און סענאַטאָר סעווערין־פּאָטאָצקי. דעם קאָמיטעט האָט מען איבערגעגעבן באַהאַנדלען אַלע פראַגן, וואָס קומען פאָר אין דערזשאַווינס „מיינונג" וועגן יידן אין רייסן, מיט דעם צוועק, אַז „דאָס איינאָרדנען יידן זאָל גילטן פאַר די איבעריגע גובערניעס אויך, וואָס זיינען צוגעקומען פון פוילן".

צווישן יידן האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אין פּעטערבורג איז געוואָרן אַ קאָמיטעט ספּעציעל וועגן יידן און דער דאָזיגער קאָמיטעט זאָל האָבן פאַר זיך אַלס וועג־ווייזער דערזשאַווינס פּראָעקט. יידן אין צפון־מערב־געגנט, וואָס האָבן שוין געקענט דעם סענאַטאָר־רעוויזאָר און זיין יידנפיינטליכע געזינונג, זיינען דעריבער זעהר באַזאָרגט געווען. אין מינסק איז וועגן דעם פאָרגעקומען אַן עקסטראַ־אסיפה פון קהל (דעצעמבער 1802), וואו ס'איז באַשלאָסן געוואָרן: „היות ווי ס'זיינען צו אונז דערגאַנגען שלעכטע קלאַנגען פון פּעטערבורג, אַז יידישע ענינים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פינף הויך־באַאַמטע אין די הענט, — מוז מען פאָרן קיין פּעטערבורג און בעטן אונזער קיסר, אַז זיי (די הויך־באַאַמטע) זאָלן פאַר אונז ניט אויפטאָן קיין שום נייס". מ'האָט געשטעלט צום צעטל אַלע בעלי־בתים אויף צו דעקן די הוצאות פון דער דעפּוטאַציע. מ'האָט אויסגערופן אַ תענית אויף דריי טעג, און אין די שולן האָט מען געזאָגט סליחות, יידן זאָלן ניצל ווערן פון דער גזרה. צום אינערן־מיניסטער קאָטשובעי איז דערגאַנגען, אַז יידן זיינען אויפגערודערט, האָט ער צעשיקט די גובערנאַטאָרס אַ צירקולאַר (יאַנואַר 1803), זיי זאָלן זעהן באַרוהיגן דעם עולם, זיי זאָלן

מעלדן די קהל׳ס, אַז „מיט גרינדן אַ קאָמיטעט צו באַהאַנדלען זייערע (יידישע) ענינים איז מען פאַר קיין פאַל ניט אויסן געווען זיי ערגער מאַכן, נאָר פאַרקערט, מ׳מיינט זיי פאַרשאַפן רוה און בעסערע איינאָרדנונג".

יידן האָט באַרוהיגט ניט אַזוי פיל דעם מיניסטרס ווערטער, ווי דער רעגירונגס מעשים. אָנהויב 1803 האָט דער „יידישער קאָמיטעט" באַשלאָסן צונויפרופן קיין פעטערבורג דעפוטאַטן פון די גובערניע־קהלות און אויסהערן זייער מיינונג וועגן די באַדערפענישן פון אַ נאַציע, וואָס פריהער האָט מען זי געוואָלט רעפאָרמירן אומגעפרעגט. פאַר פעטערבורגער קאַנצעלאַריעס איז דאָס געווען אַ שטיק רעוואָלוציע. די קהלות האָבן זיך ענערגיש גענומען פאַר דער אַרבעט שיקן דעפוטאַטן; ווינטער און פריהלינג זיינען זיך אין פעטערבורג צונויפגעקומען יידישע דעפוטאַטן פון פאַרשיידענע גובערניעס. דאָ האָבן זיי דערלעבט אַ שטיקל טרייסט: דערזשאַווין איז געוואָרן אויס יוסטיץ־מיניסטער און ממילא איז ער אַרויס פונם „יידישן קאָמיטעט"; צו קאָנסערוואַטיוו איז דער פאָעט געווען פאַר אַ ליבעראַלער רעגירונג אין די ערשטע יאָרן פון אלכסנדר׳ס רעגירן. מיט דערזשאַווינס דעמיסיע איז זיין „מיינונג" געוואָרן אויס מוז פאַרן קאָמיטעט. די אָנגעקומענע דעפוטאַטן האָבן געטראָפן אין פעטערבורג אַ גרופע יידן, דערהויפט פון רייסן, וואָס פלעגן דאָ קומען אויף אַ קורצער צייט געשעפטליך. קיין שטענדיג וואוינרעכט האָבן די יידן דאָ ניט געהאַט, קוים וואָס מ׳האָט זיי אַהער אַריינגעלאָזט אויף אַ וויילע, אָבער איין פריווילעגיע האָט מען זיי געגעבן: זיי האָבן דאָ געמעגט שטאַרבן און באַגראָבן זייערע מתים אויף אַן אייגענעם בית־עולם, וואָס זיי האָבן באַקומען אין יאָר 1802. דאָס איז געווען אַ רמז׳דיגער אָנהויב פון אַ יידישער קהלה אין פעטערבורג; דאָ אויפן נייעם בית־עולם איז פאָרגעקומען דער קבלת־פנים פון די אָנגעקומענע דעפוטאַטן (זומער 1803), בעת מ׳האָט איבערגעטראָגן דריי יידישע מתים פונם קריסטליכן בית־עולם אויפן יידישן.

צווישן פעטערבורגער יידן זיינען געווען עטליכע, וואָס האָבן געהאַט קענטשאַפט מיט הויך־געשטעלטע באַאַמטע און האָבן געוואוסט די קאַנצעלאַרישע פירונגען, ממילא האָבן זיי געקאָנט צו־הילף קומען די פראָווינציעלע דעפוטאַטן. איינער אַזאַ פעטערבורגער, יענער נאָטע שקלאָווער (איצט שוין ביי דעם פאַמיליע־נאָמען נ אָ ט ק י ן), וואָס האָט אין יאָר 1800 דערלאַנגט דערזשאַווינען זיינעם אַ רעפאָרם־פּראָעקט, איז אַפנים געווען דער אָפיציעלער פירער ביי די דעפוטאַטן, וואָרום ער איז נאָך פריהער גערופן געוואָרן מיטאַרבעטן אינם „יידישן קאָמיטעט". נאָטקין איז נאָך אַלץ באַשטאַנען אויף זיין מיינונג, אַז מ׳דאַרף דערהויפט צוועדן יידן צו ערד־ און פאַבריק־אַרבעט; ער האָט אָבער ניט דערלעבט, זיין געדאַנק זאָל אַריין אין די קאַנצעלאַרישע מוחות: ער איז געשטאָרבן ערב אַרויסגעבן דעם נייעם סטאַטוט פאַר יידן, נאָר עפּעס פון נאָטקינס געדאַנק האָט זיך דאָך צוגעקלעפט צום נייעם סטאַטוט. נאָך אַ פעטערבורגער, אברהם

פרץ, אַ רייכער סוחר און אַ קאָמערץ־ראַט, האָט זיך ניט געמישט דירעקט אין דער אַרבעט פון די דעפּוטאַטן, ער האָט אָבער דאָך געקאָנט זיי צו־נויק קומען דורך זיין געשעפטס־קענטשאַפט מיט פאַרשיידענע ביוראָקראַטישע קרייזן.

דערווייל האָט דער „יידישער קאָמיטעט" באַהאַנדלט אַלע פּראָעקטן, וואָס ער האָט באַקומען, האָט אַרויסגעאַרבעט אַ רעפאָרם־פּלאַן און האָט אים מיטגעטיילט די יידישע דעפּוטאַטן. נאָך אַ לאַנג קווענקלען־זיך האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי קאָנען ניט אָפּגעבן זייער מיינונג וועגן דעם, איידער זיי האָבן זיך באַראַטן מיט זייערע קהל׳ס, און האָבן געבעטן, מ׳זאָל זיי געבן אַ האַלב יאָר צייט אויף אַ ישוב. דער קאָמיטעט איז ניט איינגעגאַנגען אויף אַזאַ לאַנגן טערמין, האָט ער צעשיקט די וויכטיגסטע פּונקטן פון דעם פּראָעקט די קהל׳ס דורך די גובערנאַטאָרס, בתנאי, אַז קהל׳ס זאָלן „נאָר ניט בייטן אין די פּונקטן", נאָר זיי זאָלן זאָגן זייער מיינונג, ווי אַזוי די רעפאָרמעס דורכצופירן. די דאָזיגע שריפטליכע אַנקעטע האָט אָבער אויך קיין פּעולה ניט געהאַט. קהל׳ס האָבן ניט געטאָרט זאָגן קיין מיינונג וועגן עצם פּראָעקט, האָבן זיי מייסטנס נאָר געבעטן, אַז די „מיטלען אויסצולייטישן" יידן זאָל מען אָפּלייגן אויף 20 יאָר; דערהויפּט זאָל מען אָפּלייגן דעם געפּלאַנטן פאַרבאָט, יידן זאָלן ניט טאָרן האַלטן קיין שענקען און קיין אַרענדעס, וואָס דאָס קאָן אונטעררייסן דעם גאַנצן עקאָנאָמישן בנין פונם יידישן לעבן. דער קאָמיטעט האָט זיך ניט ווייסנדיג געמאַכט פון דער יידישער בקשה, ער האָט זיך ווייטער געטאָן זיין זאַך מיט דעם איינענעם וועג.

אין קאָמיטעט גופא זיינען אָבער אויך געווען פאַרשיידענע מיינונגען. דאָרט האָבן געשטרייט צוויי ריכטונגען: ניצליכקייט און מענשליכקייט; איינע האָבן געהאַלטן נאָר פון „אויסלייטישן" יידן מיט גוואַלד, אַנדערע האָבן געוואָלט געבן יידן גלייכבאַרעכטיגונג. צו די לעצטע האָט געהערט ספּעראַנסקי, דער גרויסער מלוכה־מאַן, וואָס וואָלט אפשר אַרויסגעפירט רוסלאַנד אויף אַ ליכטיגן וועג נאָך אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט, ווען ניט דאָס פאַרשלאָפענע, אָפּגעשטאַנענע רוסישע לעבן. יענע צייט האָט ער געדינט ביים מיניסטער קאָטשובעי אין אינערן־מיניסטעריום און האָט געשאַפן רעפאָרם־פּלענער אין פאַרשיידענע צווייגן מלוכה־פירונג. ער האָט אויך אַסך געאַרבעט אין „יידישן קאָמיטעט". אין זשורנאַל פונם קאָמיטעט פון 20־טן סעפּטעמבער 1803 איז געבליבן אויסגעדריקט אַזאַ מערקווירדיגע מיינונג פון ספּעראַנסקי: „רעפאָרמעס, וואָס ווערן דורכגעפירט מיט דער מאַכט פון אַ רעגירונג, זיינען בכלל ניט שטאַרק, און בפרט זיינען זיי ניט זיכער, ווען די מאַכט דאַרף ביינקומען הונדערטער־יאָריגע געוויינשאַפטן. דעריבער איז דאָס זיכערסטע און דאָס בעסטע, מ׳זאָל יידן פריי לאָזן דעם וועג צו זייער איינגן וואויל, און נאָר קוקן פון אַ זייט, וואוהין זיי גייען, און אָפּרוימען אַלץ, וואָס קאָן זיי אָפּווענדן פון דעם וועג. מ׳דאַרף קיין זאַך ניט טאָן מיט גוואַלד, ניט מאַכן קיין ספּעציעלע אינסטיטוציעס, ניט טאָן פאַר

זיי, נאָר אויפבינדן און פריי מאַכן זייער איינענע אַרבעט. וואָס ווייניגער פאַרבאָטן, וואָס מער פרייהייט — דאָס זיינען די פשוט'ע טרייב־קרעפטן ביי יעדער איינאָרדנען אַ געזעלשאַפט". דאָ איז געווען געזאָגט דאָס ערשטע קלוגע וואָרט אין די קרייזן פון דער פעטערבורגער ביוראָקראַטיע, זינט די רעגירונג האָט גענומען באַהאַנדלען די יידנפראַגע. דאָ איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַר'משפט געוואָרן די סיסטעם פון מלוכה־אפוטרופסות אָדער „צוכט־מיטלען", וואָס דערמיט האָט מען דעמאָלט, און שפּעטער אויך, געוואָלט רעפאָרמירן אַ גאַנצע נאַציע. דאָ איז צום ערשטן מאָל געקומען דער פרינציפּ פון מענשליכקייט: לאָזט יידן פריי דעם וועג צו אַנטוויקלען זייערע קרעפטן, לאָזט זיי פריי אַליין טאָן, וועלן זיי סוף־כּל־סוף אַליין געפינען דעם וועג צו פראָגרעס. אָבער צו אַזאַ הויכן פּאָליטישן געדאַנק האָבן זיך דעמאָלט ניט געקאָנט אויפהויבן אפילו די ליבעראַלע מלוכה־טוער אין פעטערבורג. צו אַן איידל געוויקס איז דאָס געווען פאַרן רוסישן קלימאַט, אפילו אין זיין פריהלינגס־תּקופה, און ס'איז פאַרוועלקט געוואָרן.

סוף־כּל־סוף האָט אין קאָמיטעט גובר געווען די אויסגעפּרובטע מלוכה־קלוגשאַפט פון יענער צייט — די סיסטעם פון אפוטרופסות און רעפאָרמעס מיט גוואַלד. אין באַריכט, וואָס דער קאָמיטעט האָט דערלאַנגט אלכּסנדר I (אָקטאָבער 1804), איז שוין קיין שפּור ניט געבליבן פון דעם פריי־גייסט, וואָס מיט אַ יאָר פריהער האָט זיך דאָס אַריינגעכאַפּט אין קאָמיטעטס־זשורנאַל. דער באַריכט ווייזט אָן בערך די צאָל יידן: 174.385 נפשות מאַנסבילן, וואָס צאָלן שטייערן; „דאָס איז אפילו קיין פינפטל ניט פון זייער גאַנצער באַפעלקערונג", ד. ה. דער קאָמיטעט האַלט, אַז אין רוסלאַנד איז פאַראַן אַקעגן אַ מיליאָן יידן. די דאָזיגע מאַסע איז איינגעפּרעסט נאָר אין די צוגעקומענע פּויליש־ליטווישע גובערניעס, אין קליינרוסלאַנד און אין קורלאַנד; אין די אינעווייניגסטע גובערניעס לאָזט מען יידן ניט אַריין (דאָ קומט אנב אַ היסטאָרישע נאָטיץ: „קיין רוסלאַנד האָט מען קיינמאָל ניט אַריינגעלאָזט יידן צו באַזעצן זיך"). יידן צאָלן דאָפּלטע שטייערן; זיי זיינען אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם געריכט און דער שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג; זייערע קהל'ס זיינען אונטער דער השגחה פון דער גובערניע־פּאָליציי; פונדעסטוועגן האַלטן זיי זיך ווייט פון די אלגעמיינע אינסטיטוציעס און טוען אָפּ אַלע זייערע געשעפטן אין די קהל'ס. צולעצט ווערט אָנגעוויזן, אַז יידן זיינען שטאַרק באַשעפטיגט מיט דעם בראָנפן־האַנדל, דאָס ברענגט אַסך שאָדן, און די קריסטליכע באַפעלקערונג באַקלאָגט זיך דערויף. אויף דעם גרונד האָט דער קאָמיטעט אויסגעאַרבעט אַ פּראָעקט פון דעם נייעם „סטאַטוט וועגן איינאָרדנען יידן", וואָס דער קיסר האָט אינגיכן באַשטעטיגט (דעם 9 דעצעמבער 1804).

די דאָזיגע קאָנסטיטוציע — אַ געמיש פון „פרייהייטן" און באַגרעניצן — זאָל זיך נעמען פון דעם, וואָס די רעגירונג (אַזוי שטייט אין אַריינפיר

צום סטאַטוט) „זאָרגט פאַר דעם אמת'ן גליק פון יידן און אויך פאַר דעם נוצן פון דער שטאַם־באַפעלקערונג אין די גובערניעס, וואו די דאָזיגע לייט מעגן וואוינען”. אין דער דאָזיגער פּראַזע איז שוין פאָראויס אָפּגע'פסק'עט אַ „תחום” פאַר יידן; דאָס איז די אַלטע טעריטאָריע פון 13 גובערניעס: פינף ליטוויש־רוסישע, פינף אוקראַאינישע אָדער קליינרוסישע (וואָלינער, קיעווער, פּאָדאָליער, פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער) און נאָך דריי גובערניעס אין ניירוס־לאַנד. אין דעם סטאַטוט איז פאָרגעזעהן, אַז יידן־ערדאַרבעטער מעגן זיך באַזעצן נאָך אין צוויי מזרח־גובערניעס, אַסטראַכאַנער און קאַווקאַזער. אין ע ק אָ נ אָ מ י ש ן פּרט איז פאַרבאָטן די שענקעריי און דאָרף־אַרענדעס — דאָס זאָל אומדערבאַרמדיג אויסגעוואָרצלט ווערן; אַקעגן זאָל געשטיצט ווערן ערדאַרבעט, יידן זאָל מען אין דעם פּרט העלפן מיט אַלע מיגליכקייטן. דער שווערסטער פּונקט פון דעם סטאַטוט פון 1804 ווענן שענקעריי און דאָרף־אַרענדעס זאָגט אַזוי: „פונם 1־טן יאַנואַר 1807 פאַר די גובערניעס אַסטראַכאַנער, קאַווקאַזער, קליינרוסישע און ניירוסישע, און פון 1־טן יאַנואַר 1808 פאַר די איבעריגע גובערניעס — טאָר קיין ייד ניט האַלטן אין קיין דאָרף און קיין ישוב קיין שום אַרענדע, קיין שענק, קיין איינפאָר־הויז, ניט אויף זיין נאָמען, ניט אויף יענעמס נאָמען, ער טאָר ניט פאַרקויפן דאָרט קיין בראָנפן, אפילו ניט וואוינען דאָרט”. מיט איין פען טינט האָט מען דאָ ראשית אויסגעמעקט אַ באַשעפטיגונג, כאָטש ניט קיין געהויבענע, וואָס האָט אָבער געשפייזט כמעט אַ העלפט יידן, און צווייטנס האָט מען נאָך מער פאַרשמעלערט דעם יידישן „תחום”, אָפּרייסנדיג פון אים די דערפער.

פאַר אָט דעם עקאָנאָמישן און רעכטליכן קלאַפּ האָט מען געמיינט פאַרגיטיגן יידן מיט די פּריווילעגיעס, וואָס דער סטאַטוט זאָגט צו יענע, וועלכע זאָלן זיך ווען פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט: זיי מעגן קויפן ניט־באַזעצטע ערד אין מערב־ און דרום־גובערניעס און אין צוויי מזרח־גובערניעס אָדער באַקומען חלקים מלוכה־ערד, און דערביי זיינען זיי די ערשטע יאָרן פריי פון שטייערן. אָבער אינגיכן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די רפואה איז געווען אַ קנאַפּער טרייסט פאַר דער פאַרשאַפּטער הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס זיינען שוין לאַנג געווען באַשעפטיגט מיט דאָרף־פּרנסות, האָט מען געזאָלט פאַרטרייבן פונם דאָרף; איינאָרדנען אָבער ביי ערדאַרבעט איז מיגליך געווען אויף דער נאָהענטסטער צייט נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי. אין געזעץ רעדט זיך נאָך פון אַ צווייטן סאָרט פּראָטעזשירטע פּראָפעסיעס — דאָס איז פאַבריק־אַרבעט און מלאכות: פאַבריקאַנטן און בעלי־מלאכות זיינען פריי פונם דאָפּלטן שטייער; ווער ס'וועט גרינדן „די נויטיגסטע פאַבריקן”, קאָן באַקומען אַ הלואה פון דער רעגירונג. סוחרים און שטעטישע געהערן צו דער נידעריגסטער, „טאָלערירטער” קאַטעגאָריע. פאַבריקאַנטן, בעלי־מלאכות און סוחרים מעגן קומען געשעפטליך אויף אַ צייט אין די אינעווייניגסטע גובערניעס און אפילו אין די

רעזידענץ־שטעט, אָבער ניט אַנדערש ווי מיט אַ גובערנאַטאָר־פּאַס, אַזוי ווי אויף אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד.

אינם קאַפּיטל „וועגן יידישער בירגערליכער איינאָרדנונג" געפינען מיר אין סטאַטוט, אַז יידן זיינען אונטערגעוואָרפן די שטעטישע מאַגיסטראַטן, דער פּאָליציי און דעם אַלגעמיינעם גערוכט; פון דער אַנדער זייט ווידער מעגן יידן זיך אויסקלייבן אַלע דריי יאָר רבנים און „קהל׳ס־לייט", וועלכע די גובערניע־פאַר־וואַלטונג דאַרף באַשטעטיגן. רבנים דאַרפן „אַכטונג געבן אויף רעליגיעזע ענינים און פּסק׳ענען אַלע שטרייטיגקייטן, וואָס געהערן צו רעליגיע"; זיי איז אָבער שטרענג פאַרבאָטן צו נוצן דעם חרם. קהל דאַרף זאָרגן, אַז יידן זאָלן פּינקטליך צאָלן רעגירונגס־שטייערן; די יידישע קהלה־אויטאָנאָמיע, הייסט דאָס, זאָל זיך האַלטן אויף צוויי יסודות: אויף רעליגיע און איינמאָנען מלוכה־שטייערן, אויף נאָט־זאַכן און געלט־זאַכן, און צופּאַסן דערצו אַלע איבעריגע אירע אָנגעלעגנהייטן.

די אייראָפּייאישע שילד פאַר דער „יידישער קאָנסטיטוציע" איז געווען דאָס ערשטע קאַפּיטל פון סטאַטוט: „וועגן בילדונג". יידן מעגן פריי אָנקומען אין אַלע רוסישע פאָלקס־שולן, גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן; זיי מעגן עפענען אייגענע בילדונגס־שולן, בתנאי, אַז דאָרט זאָל געלערנט ווערן איינע פון די דריי שפּראַכן: רוסיש, פּויליש אָדער דייטש. אויף איינער פון די דאָזיגע שפּראַכן זאָלן אויך געשריבן ווערן אַלע עפנטליכע אַקטן, וועקסלען, האַנדלס־ביכער און דעסגלייכן; ס׳ווערט דערויף געגעבן אַ טערמין פון צוויי ביז זעקס יאָר זינט דער „סטאַטוט" ווערט פּובליקירט. יידן, וואָס ווערן אויסגע־קליבן פאַר ראַטמענער אין די שטאָט־מאַגיסטראַטן, ווי אויך פאַר רבנים און פאַר קהל׳ס־לייט, מוזן קענען איינע פון די דריי דערמאָנטע שפּראַכן לייענען און שרייבן; יידן־ראַטמענער מוזן טראָגן אַ פּוילישע, אַ רוסישע אָדער אַ דייטשע קליידונג. די דאָזיגע אויפקלערונגס־פּראָגראַם איז געווען פאַר דער רוסישער רעגירונג אַ מין אָפּגעבן אַ חוב דער מערב־אידיי פון אַסימילאַציע: די יידישע שפּראַך זאָל ניט דערמאָנט ווערן אין עפנטליכן לעבן און אין דער שול — אַן אומזין בנוגע צו אַ מיליאָן יידן, וואָס האָבן גערעדט און גע־שריבן אויף יידיש. בכלל אָבער איז דער „סטאַטוט" פונם יאָר 1804 אַן אויס־געגאָסענער „יידן־רעגלאַמענט" אויפן פּרייסיש־עסטרייכישן שטייגער. אין תוך שטעקט דאָ די סיסטעם פון „רעפאָרמעס מיט גוואַלד", וואָס ספּעראַנסקי האָט אומזיסט אַזוי געוואָרנט קעגן דעם. די דאָזיגע סיסטעם האָט געבראַכט דערצו, אַז מ׳האָט מיט גוואַלד גענומען ברעכן אַ לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין משך פון הונדערטער יאָרן; ס׳איז געקומען צו אומדער־באַרמדיגע שטראָף־מעטאָדן ביי די פאַרזאָרגער און צו אומגליקן ביי די פאַרזאָרגטע.

§ 48. די רעזולטאַטן פונם יידן־סטאַטוט.

דער גירוש פון די דערפער.

דער „סטאַטוט" פונם יאָר 1804 האָט צוגעזאָגט גליק אויף שפּעטער און געבראַכט צרות דערווייל. רוסלענדער יידן, וואָס זיינען נאָך ניט געווען אָנגערירט פון די מערב־אידייען, האָבן זיך ניט געקאָנט אָנכאַפּן אָן די שפּעטערדיגע גליקן, וואָס מ׳ניט זיי מיט דעם תנאי אונטערצורייסן די יסודות פון נאַציאָנאַל־איינגס: זייער שפּראַך, זייער שול, און זייער קהלה־אויטאָנאָמיע. אַקעגן אָבער האָבן יידן שמערצליך געפילט, אַז ס׳רוקט זיך אָן אַן עקאָנאָמישער חורבן: צענדליגער טויזנטער פאַמיליעס זאָלן אַרויסגעוואָרפן ווערן פונם דאָרף. איינגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אומגליק איז נוגע זעכציג טויזנט פאַמיליעס. פאַר די דריי יאָר, וואָס זיינען געבליבן ביזן טערמין, האָט די דאָזיגע גרויסע מאַסע געוויינטליך ניט געקאָנט זיך צופּאַסן צו נייע פּראָפעסיעס און איינאָרדנען זיך אין נייע ערטער. בכן האָט דאָס געהייסן, אַז מענשן זאָלן פשוט אויסשטאַרבן פון הונגער. עס האָבן אָנגעהויבן פליהען השתדלות׳ן קיין פּעטערבורג, מ׳זאָל אָפּליינען דעם גירוש אויף אַ לענגערער צייט. געטאָן אין דעם האָבן ניט נאָר יידן אַליין, נאָר פּריצים אויך; זיי וואָלט אויסגעקומען צו ליידן גרויסע היזקות, ווען מ׳זאָל אַרויסטרייבן יידן־אַרענדאַטאָרס און שענקערס פון זייערע דערפער. וואָס נעהענטער ס׳איז געקומען צום לעצטן טערמין פונם גירוש — אָנהויב 1808, אַלץ שטאַרקער זיינען געוואָרן די וויי־געשרייען פון דער פּראָווינץ. ווער ווייסט, ווי אַזוי די רוסישע רעגירונג וואָלט זיך אָפּגערופן אויף די דאָזיגע וויי־געשרייען, ווען ניט אַ זייטיגע געשעהעניש, וואָס האָט פּאַסירט יענע צייט, און האָט אָנגעמאַכט אַ גערודער אין פּעטערבורגער הויכע פענסטער.

אין הערבסט 1806 האָט מען פון פּאַריז צעשיקט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע די באַקאַנטע אויפרופן וועגן דעם „גרויסן סנהדרין". דער דאָזיגער אויפטו נאַפּאָלעאָנס, וואָס האָט אַזוי אָנגעשראָקן די עסטרייכישע רעגירונג (§ 36), האָט אָנגעמאַכט אַ טומל אין פּעטערבורג אויך. נאַפּאָלעאָן האָט נאָר וואָס געהאַט צעשמעטערט פּרייסן, איז שוין אַריין אין אירע פּוילישע פּראָווינצן און האָט מאַרשירט צו רוסלאַנדס גרעניץ. די מורא פאַר נאַפּאָלעאָנס פּאָליטישן געניוס האָט דער רוסישער רעגירונג אַריינגעגעבן אַ חשד, אַז מיט דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין פּאַריז איז נאַפּאָלעאָן אויסן צו געווינען אויף זיין זייט די יידישע מאַסן אין פּרייסן, עסטרייך און רוסלאַנד. ביי אַזאַ לאַגע האָט שוין דער רוסישער רעגירונג אויסגעוויזן געפערליך צו נעמען איצט טרייבן יידן: דערמיט קאָן זי זיך פאַרשאַפן נייע שונאים גראָד אין דעם מערב־קאַנט, וואו ס׳קאָן אַרויסשפּרינגען אַ מלחמה. אום אויסצומיידן די דאָזיגע געפאַר, האָט מען באַדאַרפט באַרוהיגן דעם עולם און אָפּלייגן דעם

גירוש. בכן האָט דער אינערן־מיניסטער קאָטשובעי דערלאַנגט אַלכסנדר׳ן אַ ראַפּאָרט, אַז מ׳מוז „אָפּלייגן דאָס אַרויסשיקן יידן פון די דערפער אין די שטעט אַריין און בכלל זיך פאָרזיכטיג באַנעמען צו דער דאָזיגער נאַציאָנאַלער אַקציע אַקעגן די אויסזיכטן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג". דאָס איז געשעהן אָנהויב פעברואַר 1807, גראָד די טעג, ווען אין פאַריז זיינען פאָרגעקומען די ערשטע זיצונגען פונם סנהדרין. דער קיסר האָט צוגעשטימט, און באַלד איז געוואָרן ספּעציעל אַ קאָמיטעט צו באַהאַנדלען די פראַגע, ווי אַזוי אָנצווענדן דעם „סטאַטוט" פון יאָר 1804. סענאַטאָר אַלעקסעיעוו האָט באַקומען אַ באַפעל אַרומצועהן די מערב־גובערניעס און קלאָר מאַכן, „ווי ווייט איבער דער מיליטערישער לאַגע, איבער דער איצטיגער לאַגע אין די גרעניץ־גובערניעס בכלל און איבער דעם רואין, וואָס יידן וואָלטן געליטן, ווען מ׳זאָל זיי מיט גוואַלד אַרויסשיקן, איז דעם גירוש איצט שווער אָדער גאָר אוממיגליך דורכצופירן" (15 פעברואַר). אין דערזעלבער צייט האָט דער מיניסטער באַפוילן די גובערנאַטאָרס אין מערב־געגנט אַכטונג געבן, אַז רוסישע יידן זאָלן קיין מגע־ומשא ניט האָבן מיטן פאַריזער סנהדרין, וואָס דורכדעם וויל די פראַנצויזישע רעגירונג געווינען פאָליטישע סימפּאַטיע ביי יידן. אין דעם צירקולאַר האָט מען די גובערנאַטאָרס געגעבן אַזאַ קלוגע עצה: איינרעדן יידן, אַז דער פאַריזער סנהדרין וויל גאָר ענדערן די יידישע אמונה, דעריבער איז ער געפערליך. דער הייליגער סינאָד האָט אָבער פון זיין זייט צעשיקט צירקולאַרן, די גייסטליכע זאָלן איינרעדן קריסטן, אַז נאַפּאָלעאָן איז אַ שונא דער רוסישער קירך און אַ גוטער פריינד פון יידן. דער סינאָד שרייבט: „כדי גאָר צו דערנידעריגן קריסטוס־קירך, האָט ער (נאַפּאָלעאָן) צונויפגערופן אין פראַנקרייך די יידישע סינאַגאָגעס און האָט אויפגעשטעלט דעם יידישן סנהדרין, דיזעלבע גאָט־פיינטליכע פאַרזאַמלונג, וואָס האָט אַמאָל געהאַט די חוצפה פאַר׳משפט׳ן אויף קרייץ־טויט אונזער גאָט און אויסלייזער יעזוס קריסטוס. איצט וויל ער צונויפנעמען יידן, וואָס גאָט האָט זיי געשטראָפט און צעזייט אויף גאָר דער ערד, און זיי אָנשיקן אַראָפּוואַרפן קריסטוס־קירך און מאַכן פון נאַפּאָלעאָנען אַ פאַלשן משיח". אָט אַזוי האָט די אָנגעשראָקענע רוסישע רעגירונג באַוויזן אַ קונץ שרעקן יידן, אַז נאַפּאָלעאָן איז זייערער אַ שונא, און קריסטן — אַז נאַפּאָלעאָן איז אַ יידנפריינד; דאָ זאָגט זי, אַז דער סנהדרין איז קעגן דער יידישער אמונה, און דאָרט זאָגט זי, אַז דאָס איז אַן אויפטו פון אַ יידישן פאַלשן משיח אויסצוראָטן קריסטנטום.

ביי אַזאַ שווערער לאַגע האָט די רעגירונג באַשלאָסן נאָכאַמאָל דערגיין ביי יידן דורך אַן אַנקעטע זייער מיינונג, ווי אַזוי דורכצופירן די „רעפאָרם". דעם קיסר׳ס אוקאַז וועגן דעם איז געשריבן זעהר ווייך: „אַזוי ווי מיר ווילן געבן אונזערע אונטערטאַנען פונם יידישן פאָלק אַ נייעם באַווייז, ווי מיר זאָרגן פאַר זייער וואוילשטאַנד, האַלטן מיר פאַר נויטיג ערלויבן אַלע יידישע קהל׳ס אין ווילנער, גראָדנער, קיעווער, מינסקער, פאָדאָליער, וואָלינער, וויטעב־

סקער און מאָהילעווער גובֿערניעס אויסקלייבֿן דעפּוטאַטן, זיי זאָלן צושטעלן דורך די גובֿערנאַטאָרס זייער מיינונג, ווי אַזוי איז גלייכער אַם בעסטן דורכצופירן די מיטלען, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין „סטאַטוט” פון יאָר 1804. די דעפּוטאַטן האָט מען געהייסן קומען אין די גובֿערניע־שטעט, זיי זאָלן דערלאַנגען זייערע מיינונגען די גובֿערנאַטאָרס. אינגיכן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען „מיינונגען” פון די דאָזיגע דעפּוטאַטן, אָדער „נאמנים פון די יידישע קהל׳ס”. אַלע דעפּוטאַטן האָבן געבעטן גאָר אָפּשאַפן דעם פּונקט וועגן דעם גירוש אָדער ווייניגסטנס אָפּלייגן דעם גירוש אויף אַסך יאָרן; אָבער ניט דאָס אַליין: זיי האָבן אָפּגעענטפערט אויף אַנדערע פּונקטן פון דער יידישער קאָנסטיטוציע אויך. די דעפּוטאַטן האָבן געבעטן, מ׳זאָל אָפּשאַפן דעם דאָפּל־שטייער, וואָס מ׳נעמט ביי סוחרים און שטעטישע, מ׳זאָל פאַרברייטערן די קאָמפּעטענץ פונם יידישן בית־דין, מ׳זאָל גרינגער מאַכן די פּונקטן וועגן באַזייטיגן די יידישע שפּראַך פון אָפּיציעלע אַקטן, וועקסלען און האַנדלס־ביכער. אייניגע האָבן געבעטן, אַז מ׳זאָל אָפּלייגן דעם פּונקט וועגן דער שפּראַך, ווייל דאָס שטערט דעם האַנדל; אַנדערע האָבן געוואָלט, אַז אויף יידיש (העבֿרעאיש) זאָל מען מעגן שרייבן וועקסלען ביז הונדערט רובל (דאָס האָט געהערט, אגבֿ, צו „היתר־עיסקא”). די דעפּוטאַטן האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז רבנים און ראַטמענער קאָנען זיך ניט אויסלערנען רוסיש אַזוי גיך. זיי זיינען מסכּים, אַז ראַטמענער און די, וואָס פאָרן אויסערן „תּחום”, זאָלן טראָגן אַ פרעמדע קליידונג, אָבער שוין בעסער דעם לאַנגן רוסישן סורדוט („פּאָדיאָווקע”), איידער די דייטשע קליידונג: די פּאַסט נאָר ניט פאַר יידן, וואָס טאָרן ניט גאָלן די באָרד. וועגן בילדונג האָבן דעפּוטאַטן אָנגעוויזן, אַז יידישע קינדער וועלן קיין פּעולה ניט האָבן אין אַ רוסישער שול, ווייל זיי פאַרשטייען די שפּראַך ניט; בעסער זאָלן זיי זיך לערנען רוסיש אין אַ יידישער שול, דאָרט, וואו זיי לערנען יידישקייט און זייער שפּראַך.

ווען די דאָזיגע מיינונגען פון יידישע דעפּוטאַטן זיינען אָנגעקומען קיין פּעטערבורג, איז שוין די פּאָליטישע שטימונג געווען דאָרט גאָר אַן אַנדערע. יולי 1807 איז געשלאָסן געוואָרן דער טילזיטער שלום: צווישן נאַפּאָלעאָנען און אלכּסנדר I איז געוואָרן אַ „האַרציגער אָפּמאַך”, רוסלאַנד האָט שוין מער ניט באַדאַרפט מורא האָבן פאַר „באָנאַפּאַרטס אינטריגעס”. דער איבערשרעק פאַר אַן אויפשטאַנד פון רוסישע יידן מיט דער הילף פון פּאַריזער סנהדרין איז אַריבער, אגבֿ איז זיך שוין דער סנהדרין געהאַט צעגאַנגען; ממילא איז ניט געבליבן מער קיין אָפּיציעלער רחמנות צו יידן, וואָס מ׳קלייבט זיך זיי רואינירן. ס׳איז געוואָרן אַלץ נעהענטער צום לעצטן טערמין אַרויסטרייבן יידן פון דערפער (1 יאַנואַר 1808). צוויי חדשים פאַר דעם (19־טן אָקטאָבער 1807) איז אַרויס דעם קיסר׳ס אַ שטרענגער אוקאַז צו די גענעראַל־גובֿערנאַטאָרס אין מערבֿ־געגנט: „מלחמה־אָנגעלעגנהייטן האָבן געקאָנט שווערער מאַכן אָדער

אָפּשטעלן דאָס אַרויסשיקן יידן. איצט איז די מלחמה אויסגעמיטן און מ׳קאָן בייקומען די שוועריגקייטן דורך דעם, וואָס יידן זאָל מען אַרויסשיקן ביסלאַכווייז. איבער די דאָזיגע טעמים האַלטן מיר פאַר נויטיג פעסטשטעלן אַ סדר, ווי אַזוי דורכפירן דאָס אַרויסשיקן אָהן שום אָפּליינגן און הנחות". דער נאַנצער „סדר" איז געווען, וואָס דעם גירוש האָט מען צעלייגט אויף דריי יאָר: אַ דריטל יידן זאָל פאַרטריבן ווערן אין יאָר 1808, אַ דריטל — אין יאָר 1809, אַ דריטל — אין יאָר 1810, אַכטונג געבן אויפן גירוש זאָלן ספּעציעלע קאָמיטעטן ביי די גובערנאַטאָרס: די קאָמיטעטן זאָלן פאָדערן פון די קהל׳ס, זיי זאָלן צו־הילף קומען מיט געלט די אַרויסגעטריבענע, ד. ה. קהל׳ס זאָלן היילן, וואָס די רעגירונג האָט געשלאָגן.

דער שרעקליכער גירוש האָט זיך אָנגעהויבן. „ווער ס׳האָט זיך אַליין ניט אַרויסגעקליבן, האָט מען געטריבן מיט גוואַלד אונטער אַ וואַך פון פויערים און סאָלדאַטן. מ׳האָט זיי צונויפגעטריבן אַזוי ווי פיה אין די שטעט און שטעטלאַך און געלאָזט אויפן גאַס. דערהויפּט איז דער גירוש צוגעגאַנגען אומדערבאַרמדיג אין וויטעבסקער גובערניע". אַסך אַרויסגעטריבענע האָבן זיך געבעטן, מ׳זאָל זיי לאָזן באַזעצן זיך אין נײ־רוסלאַנד אין די קאָלאָניעס; דאָרט האָבן זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנעט עטליכע הונדערט יידישע פאַמיליעס, אָבער קיין פרייע פּאַסיגע ערד איז שוין ניט געווען, קיין געלט־מיטלען אויף קאָלאָניזאַציע אויך ניט, און די בקשות זיינען ניט באַפרידיגט געוואָרן. דער אומגליק איז געווען אַזוי גרויס, אַז גובערנאַטאָרס האָבן שוין אָנגעהויבן שיקן ראַפּאָרטן קיין פעטערבורג, אַז מ׳קאָן ניט אויספירן דעם באַפעל אַרויסצושיקן יידן, דערביי זאָלן ניט רואינירט ווערן טויזנטער פאַמיליעס. אין דעצעמבער 1808 איז אַרויס אַ נייער באַפעל: לאָזן דערווייל יידן אויף די ערטער ביז ס׳וועט זיין אַ ספּעציעלע פאַראָרדנונג. אָנהויב יאַנואַר 1809 איז געוואָרן אין פעטערבורג אַ נייער קאָמיטעט, דער דריטער שוין, צו באַהאַנדלען פון אַלע זייטן די פראַגע, ווי אַזוי אָפּצו־ווענדן יידן פון שענקעריי אין די דערפער, זיי זאָלן זיך נעמען פאַר אַנדערע באַשעפטיגונגען. אין קאָמיטעט זיינען אַריין: סענאַטאָר אַלעקסעיעוו, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די מערב־גובערניעס, געהיים־ראַט פאָפּאָוו, געהילף־אינערן־מיניסטער קאָזאָדאַוולעוו און אַנדערע. דעם קיסר׳ס אינסטרוקציע אויף פאָפּאָווס נאָמען (ער איז געווען פאָרזיצער אין קאָמיטעט) איז מודה, אַז אַרויסשיקן יידן פון די דערפער אין די שטעט איז ניט מיגליך איבער דעם, וואָס „יידן, מחמת אָרימקייט, קאָנען ניט מיט אייגענע קרעפטן פאַרלאָזן די איינגעזעסענע ערטער און איינאָרדנען זיך ביי נייע פרנסות, און די רעגירונג קאָן אויך ניט נעמען אויף זיך זיי אַלע איינאָרדנען אין נייע ערטער". דעריבער „דאַרף מען אויסגעפינען מיטלען, אַז יידן, וואָס ס׳וועט ביי זיי אָפּגענומען די איינציגע פרנסה — פאַרקויפן בראָנפן אין דערפער, איינפאָר־הייזער און שענקען — זאָלן זיך קאָנען שפּייזן פון אַרבעט". דעם קאָמיטעט

איז אויך געזאָגט געווען, אַז ער זאָל באַטראַכטן די לאַנג־אָנגעקומענע מיינונגען פון די יידישע דעפוטאַטן.

דריי יאָר האָט דער קאָמיטעט געאַרבעט, צולעצט האָט ער דערלאַנגט אַלכּסנדר I אַ מערקווירדיגן באַריכט (מערץ 1812). דאָס ערשטע מאָל נאָך ספעראַנסקים פריהער־דערמאָנטער דעקלאַראַציע (§ 47) איז דאָ אין אַן אָפיציעלן דאָקומענט געזאָגט געוואָרן אַן אמת וואָרט וועגן דער יידנפראַגע. יידן וויל מען דערווייטערן פון שענקעריי אין דאָרף, מ'זאָגט, אַז דאָס שאַדט דער באַפעלקערונג; אָבער די סיבה פון שכּרות זיינען ניט די שענקערס, די סיבה שטעקט אין דער פראָפינאַציע (רעכט צו טרייבן בראָנפן), וואָס דאָס איז אַ פריווילעגיע פון פריצים און די וויכטיגסטע קוועל פון זייער הכנסה. טרייבט אַרויס פון די דערפער 60 טויזנט שענקערס־יידן — קומען מאָרגן אויף זייער אָרט 60 טויזנט שענקערס־פויערים, און ס'וועט ווייניגער ווערן 60 טויזנט גניטע ערד־אַרבעטער; יידן, אַקעגן, וועלן אָבער אַזוי גיך קיין גניטע ערד־אַרבעטער ניט ווערן, בפרט נאָך, אַז די רעגירונג האָט קיין מיטלען ניט צו מאַכן מיטאַמאָל פון אַזוי פיל שענקערס — אַקער־לייט. דער דאָרף־ייד ווערט ניט רייך פונם פויער, מייסטנס איז ער אַן אָרימאַן, קוים וואָס ער שפייזט זיך פון שענקעריי און פון פאַרקויפן פויערים די סחורות, וואָס זיי האָבן נויטיג. דער ייד קויפט אָפ ביים פויער דאָס ברויט אויף אַן אָרט, דערמיט פאַרשפאָרט ער אים פאָרן אין שטאָט אַריין. אין דער דאָרפישער ווירטשאַפט איז דער ייד אַ ניצליכער פאַרמיטלער; ניט דער פויער, ניט דער פריץ קאָנען זיך באַגיין אָהן אים. אַריבערפירן אַלע דאָרף־יידן אין די שטעט און מאַכן זיי פאַר פאַבריקאַנטן, סוחרים און בעלי־מלאכות איז ניט מיגליך, קוים וואָס די דאָרטיגע יידן האָבן ברויט; מאַכן גלאַט פאַבריקן — הייסט אַזוי גוט, ווי „וואַרפן קאַפיטאַל אין וואַסער אַריין"; די רעגירונג האָט אויך ניט קיין פרייע מיליאָנען אויסצוהעלפן פאַבריקאַנטן. די לעצטע אויפטוען פון דער רעגירונג האָבן געבראַכט דערצו, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן ביי זיין פריהערדיגער אָרימקייט און איז נאָך מער רואינירט געוואָרן דורך דעם, וואָס מ'האָט יידן מיט געוואַלד גענויט צו פאַרלאָזן אַ באַשעפטיגונג, וואָס דערפון האָבן זיי זיך געשפייזט עטליכע הונדערט יאָר. „צוזעהענדיג די דאָזיגע לאַגע פון אַ גאַנץ פאָלק און מורא האָבנדיג, אַז מיט די געוואַלד־מיטלען, וואָס מ'באַגייט קענען יידן ביי איצטיגע פאָליטישע אומשטאַנדן זאָל מען ניט פאַרביטערן דאָס דאָזיגע ביז גאָר געפלאָגטע פאָלק, — האַלט דער קאָמיטעט פאַר נויטיג, מ'זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף מאַכן צו דער איצטיגער שווערער לאַגע, מ'זאָל יידן לאָזן אויף זייערע אַלטע ערטער און זיי ערלויבן די באַשעפטיגונגען, וואָס זיינען פאַרבאָטן אינם אַרטיקל 34 פון סטאַטוט (וועגן די דערפער).

די רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבן; דאָ האָט געווירקט ניט אַזוי פיל דעם קאָמיטעטס קלאָרע אייזערנע ראיות, די שאַרפסטע קריטיק קעגן דער גאַנצער

סיסטעם מלוכה־אפּוטרופּסות, ווי יענע „פּאָליטישע אומשטאַנדן”, וואָס ווערן דערמאָנט אין באַריכט. קיין רוסלאַנד האָט שוין מאַרשירט נאַפּאָלעאָנס אַרמיי; ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע רוסישע מלחמה, וואָס איז געוואָרן אַן אייראָפּייאישע. איצט, ווען די פראַנצויזישע אַרמיי האָט פאַרפולט גאַנץ מערב־רוסלאַנד, איז שוין געווען אַסך געפערליכער צו פלאָגן און אויפרייצן צעהנדליגער טויזנטער מענשן, איידער אין יאָר 1807, ווען מ׳האָט נאָר מורא געהאַט פאַר אַ פראַנצויזישן אָנפאַל. איצט האָט מען שוין ניט באַדאַרפט קיין ספּעציעלן באַפעל צו לאָזן יידן אין די דערפער, ס׳איז שוין ממילא אַזוי געוואָרן. רוסלאַנד איז געשטאַנען אין דער גרעסטער געפאַר, דאָס לאַנד האָט באַדאַרפט פאַראייניגן אַלע כוחות, אויך די יידישע, אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף.

§ 49. די מלחמה פון יאָר 1812.

מ׳האַלט בכלל, אַז יידן האָבן קיין ראָלע ניט געשפּילט אין דער מלחמה פון יאָר 1812, ווייל פון זיי האָט מען נאָך דעמאָלט קיין רעקרוטן ניט גענומען; די דאָזיגע פאָרשטעלונג איז ניט גאָר ריכטיג. דער מלחמה־פלאַץ — דאָס איז געווען מערב־רוסלאַנד, דערהויפּט ליטע און רייסן, מיט אַ געדיכטער יידישער מאַסע אין די שטעט, שטעטלאַך און דערפער. פאַר יעדער מיליטער־טייל באַזונדער האָט אַסך געהאַט צו זאָגן, ווי אַזוי איז די באַנעמונג פון דער אָרטיגער יידישער באַפעלקערונג צו דעם און צו יענעם צד. ס׳איז באַוואוסט, אַז די פּאָלאַקן זיינען מייסטנס געווען נאַפּאָלעאָנס צד, אויף אים האָבן זיי אַרויסגעקוקט, ער זאָל ווידער אויפריכטן פּוילן. ניט אַזוי פּשוט איז געווען די באַציהונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צו ביידע צדדים. פון איין זייט האָבן יידן געמוזט זיין שטאַרק אויפגערייצט קעגן דער רוסישער רעגירונג פאַר דעם גירוש פון די דערפער, און וואָלט דער גירוש פאָרגעקומען ווייטער, וואָלט די פראַנצויזישע אַרמיי געמוזט אויסזעהן ווי אַן אויסלייזער ביי יידן אין די אויגן. אָבער דער גירוש איז אָפּגעשטעלט געווען נאָך דריי יאָר פאַר דער מלחמה; מ׳האָט אויך געקאָנט מיינען, אַז דער אכזריות׳דיגער געזעץ זאָל גאָר בטל ווערן; ער איז דאָך אַזוי שאַרף קריטיקירט געווען אינם קאָמיטעטס באַריכט. פון דער אַנדער זייט ווידער האָט נאַפּאָלעאָנס גלאַנץ שוין אָנגעהויבן טונקלער ווערן אפילו ביי מערב־אייראָפּייאישע יידן. אין רוסלאַנד ביי דער אָרטאָדאָקסאַלער יידישער מאַסע האָבן נאַפּאָלעאָנס רעפאָרמעס אין יידישקייט קיינמאָל ניט אויסגענומען: פאַר קאָנסיסטאָריע אָנשטאָט קהל האָט מען זיך דאָ געשראָקן, דאָס זאָל זיין אַ „גזרה” אויף יידן. די חסיד׳ישע מאַסע, קאָנסערוואַטיווער פאַר אַלע איבעריגע טיילן פון פאָלק, האָט נאָר געבענשט אלכסנדר דעם I דערפאַר, וואָס ער האָט איר געלאָזט זיך אויסטיילן אין באַזונדערע

מנינים אין די קהלות (לויט דעם „סטאַטוט“ פֿון יאָר 1804, דער פּונקט וועגן יידישע סעקטעס). רבי שניאור־זלמן, דער פֿירער פֿון די רייסישע חסידים, וואָס פֿריהער האָט איִם די רוסישע רעגירונג פֿאַרשטעקט אין פּעטער־פּאַוועל־פֿעסטונג איבער אַ חשד און דערנאָך האָט זי איינגעזעהן, אַז ער איז פּאָליטיש כּשר, — האָט אויסגעדריקט די באַציהונג פֿון דער אָרטאָדאָקסאַלער יידישער מאַסע צו די ביידע צדדים אין זיין פֿאָלגנדיגער נביאות: „אויב נאַפּאָלעאָן וועט געווינען, וועלן יידן רייכער ווערן און זייער לאַגע (בירגערליכע) וועט געהויבן ווערן, דערפֿאַר אָבער וועט זיך זייער האַרץ דערווייטערן פֿון אונזער פֿאָטער אין הימל. אויב אָבער אונזער קיסר אלכּסנדר וועט געווינען, וועלן יידישע הערצער נעהענטער ווערען צו אונזער פֿאָטער אין הימל, כאָטש יידן וועלן אָרימער ווערן און זייער לאַגע וועט נידעריגער ווערן“, דאָס הייסט אַזוי: בעסער בירגערליכע קנעכט־שאַפֿט, איידער גלייכבאַרעכטיגונג, ווייל אין ערשטן פֿאַל וועט קיין האָר ניט געמינערט ווערן פֿון יידישקייט, אין צווייטן פֿאַל שטייט יידישקייט אין סכּנה.

די דאָזיגע סיבות און די אינסטינקטיווע אָנגעשטויסנקייט אויף דעם שונא, דעם אָנפֿאַלער, האָבן געבראַכט דערצו, אַז רוסיש־ליטווישע יידן האָבן אומע־טום באַוויזן זייער טריישאַפֿט צו רוסלאַנד און זיינען צו־הילף געקומען דער רוסישער אַרמיי מיט שפּייז און אויסשפּירן. דער געוויסער רוסישער פּאַרטיזאַן דאַווידאָוו דערציילט אַזוי: „פּוילישע איינוואוינער אין גראָדנע זיינען געווען שטאַרק קעגן אונז; פֿאַרקערט, זיינען אונז אַלע יידן אין פּוילן געווען אַזוי איבערגע־געבן, אַז זיי האָבן ניט געוואָלט דינען דעם שונא פֿאַר אויסשפּירער און פֿלעגן אונז אָפֿט מיטטיילן וויכטיגע ידיעות וועגן אים“. מחמת מ'האָט ניט געקאָנט זיכער זיין מיט פּוילישע אַדמיניסטראַטאָרס אין גראָדנע, האָט מען די פּאָליציי־מאַכט דאָרט איבערגעגעבן דעם יידישן קהל. ווילנער גובערנאַטאָר אַטעסטירט, אַז „יידן האָבן שטאַרק געצויגן צו דער רוסישער רעגירונג, בעת דער שונא איז דאָ געווען“. די פּאָלאַקן זיינען געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף יידן פֿאַר זייער רוסן־פֿריינדשאַפֿט; ס'האָבן זיך געהערט קלאַנגען, אַז זיי ווילן אויסקוילן אַלע יידן און רוסן אין ווילנער און מינסקער גובערניע און אין ביאַליסטאָקער געגנט. יידן האָבן אָפֿט באַוויזן מסירת־נפֿש. ניט איין ייד איז אומגעקומען פֿון פֿראַנצויזישע הענט דערפֿאַר, וואָס ער האָט ביי זיך אויסבאַהאַלטן רוסישע קור־יערן מיט דעפּעשן אָדער ער האָט איבערגעגעבן דעם רוסישן מיליטער ידיעות וועגן דער פֿראַנצויזישער אַרמיי. אלכּסנדר האָט געוואוסט פֿון די דאָזיגע מעשים. אין קאַליש האָט ער אויפֿגענומען אין אַן אוידיענץ פֿאָרשטייער פֿון דער קהלה און האָט געהאַט מיט זיי אַ לאַנגן געשפּרעך. צווישן יידן אין פּוילן זיינען פֿאַרשפּרייט געווען אויפֿרופֿן אויף דער פֿאָלקס־שפּראַך, מ'זאָל גאָט בעטן, אלכּסנדר זאָל געווינען, ער וועט אויסלייזן יידן. בכלל האָט דער פּאַטריאָטישער ברען באַגייסטערט אין אַ געוויסער מאָס די יידישע מאַסע אויך.

ביי דער הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער רוסישער אַרמיי, וואָס איז אַריינגע־

דרונגען קיין מערב־אייראָפּע, זיינען אין די יאָרן 1812־1813 געווען צוויי יידי־
שע דעפּוטאַטן: זונדל זאָנענבערג פון גראָדנע און אליעזר דילאָן פון נעסוויזש.
די דאָזיגע צוויי כּלל־טוער האָבּן, זעהט אויס, געשפּילט אַ דאָפּלטע ראָלע:
ראשית, זיינען זיי געווען גרויסע ליוועראַנטן, זיי פלעגן בּאַקומען בּאַשטע־
לונגען פון דער אינטענדאַנטסטווע און זיי איבּערגעבּן די אַגענטן אויף די ערטער;
צווייטנס, זיינען זיי געווען יידישע שתדלנים, וואָס האָבּן בּאַדאַרפט בּיישטיין
יידישע נויטן בּיים קיסר און בּיי הויך־געשטעלטע הויף־מענשן. אין יענע אומ־
זיכערע צייטן האָט דער רעגירונג געלוינט צו האַלטן בּיי דער הויפּט־קוואַרטיר
פאָרשטייער פון יידן, וואָס זיי זאָלן קאָנען ווירקן אויף זייער ׳פאָלק אַזוי ווי
די רוסישע רעגירונג האָט דאָס געוואָלט. אין יוני 1814, אין בּרוכזאַל, האָט
קיסר אלכּסנדר געהייסן דורך די דעפּוטאַטן איבּערגעבּן די „יידישע קהל׳ס
זיין גנאָדיגן גוטן מיין” און האָט צוגעזאָגט אינגיכן געבּן אַ „בּאַפעל וועגן
זייערע (יידישע) פאַרלאַנגען און בּיטעס צו פאַרבּעסערן זייער לאַגע”. בּיי
אלכּסנדר׳ן איז נאָך פריש געווען דער איינדרוק פון יידישער פּאַטריאָטישער
שטימונג, איז ער געניגט געווען צו פאַרבּעסערן זייער לאַגע. שפּעטער אָבּער,
נאָך דעם ווינער קאָנגרעס, איז אויף אייראָפּע און רוסלאַנד געקומען אַ נעדיכטע
רעאַקציע, און רוסישע יידן איז נאָך בּאַשערט געווען פון איר צו ליידן.

§ 50. דאָס עקאָנאָמישע לעבּן און זיינע קריזיסן.

די פּאָליטישע קריזיסן פון דער איבּערגאַנגס־צייט האָבּן געמוזט שטאַרק
פאַרערגערן די עקאָנאָמישע לאַגע בּיי די רוסיש־פּוילישע יידן. דער מיליאָן יידן
אין די מערב־גובּערניעס איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן: דער גרעסע־
רער טייל האָט געוואוינט אין שטעט און שטעטלאַך, דער קלענערער — אין
דערפער. די בּאַמיהונגען פון דער רוסישער רעגירונג צו מאַכן פון דער גאָרער
יידישער מאַסע שטאָט־מענשן און בּאַשאַפן אַ נייע גרופּע ערד־אַרבּעטער
זיינען ניט געראָטן; איין זאַך איז יאָ דערגרייכט געוואָרן: דאָס פריהערדיגע
גלייכגעוויכט צווישן יידישע שטעטישע און דאָרפּישע פּרנסות איז געשטערט
געוואָרן.

אַ שטאָטישער ייד איז געווען אַ הענדלער, אַ בּעל־מלאכה אָדער אַ שענ־
קער. אין די שטעט זיינען געווען אַסך מער יידישע הענדלער איידער קריסטליכע.
דערהויפּט איז דעמאָלט גרעסער געוואָרן דער יידישער אָנטייל אין דעם אויסערן־
האַנדל: יידישע סוחרים פלעגן פאָרן אַלע יאָר אויף אויסלענדישע ירידים, קיין
לייפּציג און קעניגסבּערג, איינקויפן סחורה, דערהויפּט מאַנופאַקטור. קיין אויס־
לאַנד פלעגן זיי אַרויספירן רוסישע און פּוילישע פּראָדוקטן: פעל, לעדער א.
אַנד. וואָס מער פּוילישע ערד איז אַריבּער צו רוסלאַנד, אַלץ גרעסער איז גע־

וואָרן דער מאַרק פֿאַר די אויסלענדישע סחורות. ס'זיינען צוגעקומען די אינעווייניגסטע רוסישע גובערניעס. יידן האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטאָן, אָבער באַלד האָבן זיי באַקומען אַ ווידערשטאַנד מצד רוסישע סוחרים, וואָס האָבן געמאַכט אַ ליאַרעם, אַז מ'קאָנקורירט זיי אויס; זיי האָבן גע'פּועל'ט ביי דער רעגירונג אַ מאָנאָפּאָליע פֿאַר אָרטיגע עקספּלואַטאָרס אויף דעם פֿאַרניצערס קעשענע (§ 45). אמת, די מאָנאָפּאָליסטן האָבן ניט געקאָנט גאָר פֿאַרמאַכן דעם אינעווייניגסטן מאַרק פֿאַר די ביליגע, שיינע אויסלענדישע סחורות; יידישע סוחרים פֿלעגן אויסניצן זייער רעכט צו קומען אויף אַ ווייל און פֿלעגן אָנפֿירן אַזוינע סחורות (לויטן סטאַטוט פֿון יאָר 1804 זיינען אַזוינע רייזעס ערלויבט געוואָרן אויף ספּעציעלע גובערניע־פּאַספּאָרטן). אָבער דער יידישער האַנדל האָט זיך ניט געקאָנט פֿריי אַנטוויקלען: די וויכטיגסטע מניעה איז דאָ געווען דער תּחום־גרעניץ צווישן מערב־ און מזרח־רוסלאַנד. די צווייטע שטאָטישע פּרנסה, מ ל א כ ה, האָט זיך גערעכנט אַ שטאַפּל נידעריגער איידער האַנדל; דערמיט האָט זיך באַשטימט דער אָרימער קלאַס. דער בעל־מלאכה פֿלעגט קריגן זעהר שלעכט געצאָלט, ספּעציעל יידישע צעכן זיינען געווען זעהר זעלטן. אַז אַ ייד אַ בעל־מלאכה פֿלעגט קומען פֿונם אָרימען שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אַריין, האָט ער געהאַט אויסצושטיין צרות פֿון אָרגאַניזירטע קריסטליכע צעכן. מיר האָבן שוין געזעהן, אַז אין וואַרשע, בעת די שטאָט האָט נאָך געהערט צו פּוילן, ערב דעם צווייטן צעטיילן, איז אפֿילו געקומען צו אַ פּאָגראָם. אַ דריטע יידישע פּרנסה איז געווען דער שענק, געוויינטליך פֿאַרבונדן מיט אַן אכסניה אָדער אַ קרעטשמע. דער שענק אין שטאָט איז מייסטנס געווען אויסגערעכנט פֿאַר דעם פּויער, וואָס פֿלעגט קומען אין שטאָט אַריין חנאות און מאַרק־טעג. אין די שטעט איז אָבער שענקעריי געווען אַ בייזאַך, דערהויפּט איז דאָס געווען אַ געשעפֿט אין דאָרף.

אַלע אָביעקטיווע צוזעהער פֿונם עקאָנאָמישן לעבן פֿון יענער צייט באַשטעטיגן, אַז יידישע פֿאַרמיטלעריי און מלאכה אין שטעט און אין דערפֿער איז געווען אַ וויכטיגער טייל פֿון דער קולטורעלער ווירטשאַפֿט; אָהן אַ יידן איז ניט מיגליך געווען עפּעס צו קויפֿן, פֿאַרקויפֿן אָדער אויסאַרבעטן. אַ ייד האָט ביליגער געמאַכט דעם פּראָדוקט סיי אין מלאכה, סיי אין האַנדל: ער האָט זיך צופֿרידן־געשטעלט מיט אַ קליינעם פֿאַרדינסט, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין גרויסע לעבנס־באַדערפֿענישן. אַ ייד איז אַרומגעפֿאָרן אומעטום, און דער פּויער האָט געקאָנט אויספֿאַרקויפֿן אַלע זיינע פּראָדוקטן ביי זיך אויף אַן אָרט, אפֿילו אַזוינע קלייניגקייטן, וואָס ס'האָט ניט געלוינט פֿירן אין שטאָט אַריין. און ביי אַלעם דעם, וויפֿיל אַ ייד האָט ניט איבערגעאַרבעט, איז ער אין דורכשניט געווען אַזוי אָרים ווי דער פּויער, כאָטש יידן האָבן ניט געוואוסט פֿון אַזאַ פּלאָג, ווי שכרות, וואָס האָט רואינירט די פּויערשע ווירטשאַפֿט. די יידישע אָרימקייט האָט זיך גענומען דערהויפּט דערפֿון, וואָס שטעט און שטעט־

לאַך זיינען געווען איבערפֿולט מיט הענדלער און בעלי־מלאכות: אַהער פֿלעגן אַריינפֿאַלן די יידישע פֿאַמיליעס, וואָס מ׳האָט זיי געטריבן פֿונם דאָרף, און וואָס האָבן נאָך פֿאַרגרעסערט די אָרימע באַפֿעלקערונג.

אויב מיר געפֿינען אין אָפֿיציעלע אַקטן, אַז יידן אין ד ע ר פֿ ע ר האָבן זיך באַשעפֿטיגט ניט מער ווי מיט שענקעריי, איז דאָס ניט גאָר ריכטיג: יידישע דאָרף־פּרנסות זיינען געווען פֿאַרבונדן מיטן בראָנפֿן־געשעפֿט, אָבער אַחוץ שענקעריי האָט דער ייד זיך באַשעפֿטיגט מיט נאָך זאַכן אויך. ער האָט אַרענדירט ביים פּריץ די פּראָפּינאַציע, די מילך־פּאַכט, אַ מיל, די פֿישעריי; ער פֿלעגט אויפֿקויפֿן ביי די פּויערים זייערע פּראָדוקטן און פֿאַרקויפֿן זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן נויטיג געהאַט צו דער ווירטשאַפֿט: זאַלץ, כּלים, קאָסעס, סערפּן און דעסגלייכן; דאָס אַלץ פֿלעגט ער ברענגען פֿון דער שטאָט. אַ ייד אין דאָרף איז געוויינטליך געווען דער שענקער, דער קרעמער און דער אָפּקויפֿער. צווישן שטאָט און דאָרף האָבן זיך געצויגן יידישע קרעטשמעס אָדער איינפֿאָרן; דאָס זיינען געווען סטאַנציעס פֿאַר דורכפֿאָרער, צו יענע צייטן, ווען קיין אייזנבאַן איז נאָך ניט געווען. הונדערטער יאָרן לאַנג האָט זיך איינגעשטעלט אַזאַ עקאָנאָמישער שטייגער, איצט האָט דאָס די רוסישע רעגירונג גענומען ברעכן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס נאָך פֿאַר יעקאַטערינע II: גובערנאַטאָרס פֿלעגן אָפּט טרייבן דאָרף־יידן אין שטאָט אַריין; דער תּירוץ איז געווען: ס׳איז פֿאַראַן אַ „גרונט־געזעץ", אַז יידן „דאַרפֿן זיך פֿאַרשרייבן פֿאַר סוחרים און שטעטישע". דער צוויי־דייטיגער באַפֿעל פֿונם יאָר 1795, „צו איבערזעצן יידן אין די אויעזד־שטעט, כּדי די לייט זאָלן זיך ניט אַרומדרייען דער געזעלשאַפֿט צו שאָדן" — דער דאָזיגער באַפֿעל האָט נאָר געגעבן פֿרייע הענט פֿלינקע אַדמיניסטראַטאָרס — זיי האָבן שוין געהאַט אַן אָנצוהערעניש און אַ הכשר אויף רדיפֿות. צולעצט, ווען אין יאָר 1804 איז אַרויס דער געזעץ, אַז אין דריי יאָר אַרום זאָלן אַלע יידן אַרויסגעשיקט ווערן פֿון דערפֿער, האָבן אַסך פּריצים נאָך פֿאַר דעם טערמין ניט געלאָזט מער זייערע אַרענדאַטאָרס־יידן בלייבן און האַנדלען אין דאָרף. די שטעט זיינען פֿאַרפּלייצט געוואָרן פֿון צונעקומענע, בעת די איינגעזעסענע האָבן אויך ניט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן. די רעגירונג האָט אָנגעוויזן די געטריבענע צוויי נייע פּראָפֿעסיעס: מאַכן פֿאַבריקן און קאָלאָניעס. אָבער אויף צו עפֿענען אַ פֿאַבריק האָט אַ רואינירטער דאָרף־ייד ניט פֿאַרמאָגט ניט קיין געלט, ניט קיין פֿאַך־קענטעניש; דערצו נאָך איז בכלל ניט מיגליך געווען צו מאַכן פֿאַבריקן, איידער נאָך ס׳איז געווען אַ מאַרק, וואו אָפּצוזעצן די פּראָדוקציע. יידן האָבן געעפֿנט עטליכע פֿאַבריקן פֿאַר וואָל־אויסאַרבעט אין ליטע און אין וואָלין, אָבער די האָבן געווינטליך ניט געקאָנט פֿאַרשאַפֿן קיין אַרבעט פֿאַר צעהנדליגער טויזנטער מענשן. ממילא איז געבליבן די איינציגע האָפֿנונג: ע ר ד אַ ר ב ע ט און ק אָ ל אָ נ י ע ס.

דער געזעץ פֿונם יאָר 1804 זאָגט צו אומפֿאַרמעגליכע יידן, וואָס ווילן ווערן ערד־אַרבעטער, אַז זיי וועט געגעבן ווערן מלוכה־ערד אין אייניגע גובערניעס.

הלוואות אויף איינצופירן א ווירטשאפט, און דערצו וועט זיי נאך געשענקט ווערן שטייערן עטליכע יאר נאכאנאנד. די פארטריבענע דארף־יידן האבן זיך אנגע־כאפט פאר דעם צוזאג, ווי פאר א לעצטער האפנונג. אין יאר 1806 האט זיך א גרופע יידן פון מאהילעווער גובערניע (פון טשעריקאווער און מסטיסלאווער אויעזד) געווענדעט צום גובערנאטאר און געבעטן, מ׳זאל זיי געבן ערד אין נײ־רוסלאנד אויף פירן א פעלד־ווירטשאפט. נחום פינקלשטיין, א משולח פון איינער אזא גרופע, איז געפארן קיין פעטערבורג און האט איבערגעגעבן די בקשה דעם מיניסטער קאטשובעי; יענער האט אים געהייסן פארן אין כערסאנער גובערניע באטראכטן און אויסקלייבן ערד. דער מיניסטער האט זיך ווענן דעם פאשטענדיגט מיטן כערסאנער גובערנאטאר, הערצאג רישעליע, און ס׳איז געבליבן באטיילן יידן־קאלאניסטן באזונדערע חלקים ערד אין די סטעפעס און באזעצן זיי דארט אונטער דער השגחה פון דער נײ־רוסלענדער „אפעקונער קאנטאר" (קאלאניזיר־קאנטאר). די ערשטע מאהילעווער גרופעס האבן נאך ניט באוויזן זיך צוגרייטן צום איבערפארן, און שוין האבן זיך א שאט געטאן בקשות פון אסך גרופעס יידן פון אנדערע גובערניעס (טשערניגאווער, וויטעבסקער, פאדאליער), מ׳זאל זיי באזעצן אין די קאלאניעס אין נײ־רוסלאנד. סוף יאר 1806 איז שוין געווען אזוי־נע בעלנים אנדערהאלבן טויזנט פאמיליעס, לערך 7000 נפשות. פאר דער רע־גירונג איז דאס געווען אומגעריכט; זי איז גאר ניט געווען צוגעגרייט אריבערפירן אזא מענגע מענשן אויף דער מלוכה׳ס חשבון. אין יאר 1807 זיינען געווארן די ערשטע יידישע קאלאניעס אין דרום־רוסלאנד: באבראווי קוט, סיידעמינוכע (שדה־מנוחה), דאבראיא, איזראילעווקע — אלע אין כערסאנער גובערניע; באזעצט האבן זיך דארט לערך 300 פאמיליעס, 2000 נפשות.

וואס ווייטער, איז געווארן אלץ מער בעלנים צו באזעצן זיך אין די קאלאניעס. אין פארלויף פון יאר 1808, ווען מ׳האט דערהויפט שטארק געטריבן יידן פון דערפער, האבן רייסישע גובערנאטארס פארפלייצט דעם אינערן־מיניסטער מיט בקשות, אריינלאזן קיין נײ־רוסלאנד וואס מער יידישע פאמיליעס. דער וויטעב־סקער גובערנאטאר שרייבט: „פאר דער צייט האט מען פארטריבן דארף־יידן, רואי־נירט, געמאכט פאר ארימע־לייט. מייסטנס האבן זיי ניט מיט וואס א טאג איבערצוקומען און וואו איבערצונעכטיגן, — פארן זיי דעריבער מאסנווייז קיין נײ־רוסלאנד. אסך פון יענע, וואס קוקן ארויס זיך באזעצן אין נײ־רוסלאנד, האבן אויספארקויפט זייער האב און גוטס און האלטן אין איין בעטן, מ׳זאל זיי לאזן אהין כאטש וואוינען דארט". אבער אין דער אייגענער צייט שיקט די קאלאניזיר־קאנטאר און רישעליע ראפארטן קיין פעטערבורג, אז מ׳מוז פאר־האלטן דעם שטראם איבערפארער, ווארום די ערשטע פארטיעס קאלאניסטן האבן זיך אויך קוים איינגעארדנעט; פאר נײע פארטיעס איז ניטא קיין הייזער, ניט קיין אינווענטאר. אנהויב יאר 1810 האט די קאלאניזיר־קאנטאר געהאט צו טאן מיט טויזנט פאמיליעס קאלאניסטן; עטליכע טויזנט זיינען אהן אן ער־

לויבעניש געקומען און האָבן אַרויסגעקוקט, מ׳זאָל זיי קאָלאָניזירן. די דאָזיגע מאַסע איז ניט געוויינט געווען צום היגן קלימאַט; ס׳האָט אויסגעפעלט הייזער, שפּייז, און מחמת דעם האָבן זיך באַוויזן צווישן זיי קראַנקהייטן. דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז די רעגירונג זאָל אויף אַ צייט אויפהערן צו באַזעצן יידן אין קאָלאָניעס אין נייַ־רוסלאַנד (אַ באַפעל פונם 6 אַפּריל 1810).

בכן זעהען מיר, אַז פון יידן איז קיין מניעה ניט געווען צו ווערן ערד־אַרבעטער, וואָלט נאָר די רעגירונג [illegible] ענרייט געווען צו אַזאַ וויכטיגער עקאָנאָמישער רעפאָרם. אַרום צעהן [illegible] קאָלאָניסטן זיינען אַוועק קיין נייַ־רוסלאַנד, צעהנדליגער טויזנט[illegible] האָ[illegible]עריסן אַהין. אָבער די רעגירונג האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר די [illegible] פון דער נייער זאַך און האָט אָפּגע־שטעלט די באַוועגונג. ד[illegible] ווייל האָט מען אויפגעהערט צו טרייבן יידן פון די דערפער מחמת דער געפאַר פון אַן עקאָנאָמישן חורבן; בכן איז אויף אַ צייט באַזייטיגט געוואָרן די הויפּט־סיבה, פאַרוואָס יידן האָבן זיך געלאָזט אין נייע ערטער. אַ צייט האָט זיך דאָס געוואַקלט און געוואָרפן, ביז דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן האָט זיך ווידער באַפעסטיגט אויף די אַלטע יסודות: אויף האַנדל, מלאכה און דאָרף־געשעפטן.

§ 51. דער קריזיס פון דער יידישער אויטאָנאָמיע: קהל און מאַגיסטראַטן.

די סיסטעם פון מלוכה־אַפּוטרופּסות האָט אָנגערירט די קהל׳שע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אויך. שוין די לעצטע יאָרן פון יעקאַטערינעס רעגירן איז קלאָר געוואָרן, אַז די רעגירונג וויל פאַרשמעלערן די קהלה־אויטאָנאָמיע; מ׳האָט זיך ניט ווייסנדיג געמאַכט, וואָס מ׳האָט פריהער צוגעזאָגט, בעת מ׳האָט אָפּגענומען רייסן, אַז מ׳וועט לאָזן די איינוואוינער „ביי די אַלטע פרייהייטן". די רוסישע רע־גירונג איז ניט געוויינט געווען, אירע אונטערטעניגע זאָלן „אַליין טאָן"; זי האָט געקוקט מיט חשד אויף די ברייטע פונקציעס פון קהל, וואָס ער האָט סיי אין עקאָנאָמישן, סיי אין גייסטיגן לעבן, כאָטש דאָס אַלץ האָט קהל געמעגט טאָן לויטן געזעץ, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אויפמאָנער פון מלוכה־שטייערן. לויט די באַפעלן פון די יאָרן 1786 און 1795, געהערן שוין צו קהל ניט מער ווי גייסטיגע ענינים און שטייערן. „די יידישע קאָנסטיטוציע" פונם יאָר 1804 האָט אויפגעטאָן נאָך מער: זי טיילט אָפּ קהל פון רבנות; יעדער האָט זיך זיין פונקציע: רבנים „זאָלן אַכטונג געבן אויף יידישקייט און פסק׳ענען שאלות, וואָס געהערן צו אמונה־זאַכן"; קהל „זאָל אַכטונג געבן, מ׳זאָל פּינקט־ליך צאָלן מלוכה־שטייערן". דאָס איז געוואָרן פון דער גאַנצער געוועזענער קהלה־אויטאָנאָמיע אין פוילן. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פּראַקטיק האָט קהל איצט אויך געהאַט מער צו זאָגן, ווי דאָס איז געשטאַנען אויפן פּאַפּיר: יידן

פלעגן גיין אויף דין־תורות אין געשעפטס־זאכן מייסטנס צום רב; מ׳האט אויך ניט שטארק געקוקט, וואס דער חרם איז פארבאטן: וואס פאר אן אנדער שטראף האט דער בית־דין געהאט? די רעגירונג ווידער האט זיך גענויטיגט אין קהל, ער זאל איינמאנען שטייערן, און בכלל האט די רעגירונג באדארפט נויטיג האבן אן אויטאריטעטע ארגאניזאציע, וואס זי זאל מיט איר פארקערן וועגן יידישע ענינים, — ממילא האט זי געמוזט צולאזן, וואס קהל איז ביי יידן עפעס מער איידער א שטייער־אויפמאנער. ווען די רעגירונג האט געוואלט וויסן, ווי קוקן יידן אויף דעם אדער יענעם פלאן, האט זי זיך געווענדעט צו קהל׳ס און געגעבן זיי פולמאכט צו שיקן דעפוטאטן קיין פעטערבורג אדער אין די גובערניע־שטעט (די יארן 1803 און 1807).

די רעגירונג האט אין דעם פרט געמוזט נאכגעבן די פאקטישע אומשטאנדן, וואס זיינען געווען שטארקער פאר איר; זי האט נאכגעגעבן א פאר־איינגטער מאסע, וואס האט געפירט אן אייגן לעבן און האט זיך ניט געוואלט אפזאגן פון אן אייגנעם שטייגער אזוי ווייט, אז זי זאל זיך פארשמעלצן מיט דער ארומיגער סביבה, אז זי זאל איבערגעבן אירע אינטערעסן די אלגעמיינע מאגיסטראטן, אבער פרינציפיעל האט די רעגירונג גראד געוואלט פארקערט. פון יעקאטערינע II אן טראגט זי זיך ארום מיט דעם געדאנק „צו מאכן א סוף מיט דער יידישער אפגעשלאסנקייט” דורך דעם, וואס יידן זאלן אריינגיין אין די געהעריגע סוחר׳ישע און שטעטישע שטאנד־ארגאניזאציעס. ווען די רעגירונג האט אין די 1780־גער יארן אויפגעטאן אזא נייס, ווי צולאזן יידן פאר ראטמענער אין די מאגיסטראטן און פאר מיטגלידער אין שטאט־געריכט— זיינען פעטערבורגער געזעצגעבער געווען זיכער, אז יידן וועלן זיך שעצן איבערגליקליך, וועלן זיך אליין אפזאגן פון זייער אלטער קהלה־ארגאניזאציע און וועלן ווערן איינס מיט די קריסטליכע שטאנדן אין דער שטאט־פארוואלטונג. די רעגירונג האט זיך אפגענארט סיי אין דער יידישער, סיי אין דער קריסטליכער געזעלשאפט. יידן האבן אפילו ניט געקלערט אפצושאפן ביי זיך זייער קהל; זיי זיינען גערן געגאנגען צו וואלן אין די מאגיסטראטן: ביז איצט האבן דארט בעל־הבת׳עוועט זייערע אלטע שונאים, קריסטליכע סוחרים און שטעטישע, איצט זאלן יידן אליין ביישטיין זייערע אינטערעסן — צאלן זיי דאך שטייערן ניט ערגער פאר יענע! ניט אזוי גרינג איז דאס אבער צוגעגאנגען: קריסטן האבן זיך שטארק געווערט קעגן דעם. אין די צוויי רייסישע גובערניעס זיינען יידן געווען אויסגעקליבן אין די מאגיסטראטן פאר ראטמענער און ריכטער; מייסטנס אבער פלעגן קריסטן קונציג מאכן זיך א מערהייט און ניט צולאזן יידן אין די מאגיסטראטן. רוסישע „מעשטשאנעס”, דערהויפט אבער פוילישע, האבן געהאלטן שטאט־פארוואלטונג פאר זייער פריווילעגיע, וואס יידן ווילן דאס איצט ביי זיי אויסרייסן. די גובערנאטארס אין דרום־מערב־געגנט האבן זיך געוויינטליך צוגעהערט צו אזא שטימונג ביי דער קריסטליכער געזעלשאפט און האבן אויף

אייגן באַראָט געמאַכט אַ פּראָצענט־נאָרם פאַר יידן אין מאַגיסטראַטן: אין שטעט מיט אַ רוב יידישער באַפעלקערונג האָבן זיי ערלויבט יידן אויסקלייבן ניט מער פון אַ דריטל ראַטמענער אין מאַגיסטראַט (1796—1802). יידן, הייסט דאָס, זיינען פון אַ מערהייט אין שטאָט געוואָרן אַ מינדערהייט אין מאַגיסטראַט — ממילא האָבן זיי ניט געקאָנט ביישטיין זייערע אינטערעסן ניט ביים פונאַנדערטיילן שטאָטישע שטייערן, ניט אין שטאָטישע געריכטן. פאָרשטייער פון פּאָדאָליער יידן האָבן זיך געקלאָגט אין פּעטערבורג, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן.

אין די צוויי ליטווישע גובערניעס, וואָס זיינען צוגעקומען נאָכן דריטן צעטיילן פוילן, האָט די קריסטליכע אָפּאָזיציע אויסגעפירט נאָך מער: דאָ האָט מען גאָר אָפּגעשטעלט דעם געזעץ וועגן יידישער פאַרטרעטונג אין די מאַגיסטראַטן. ווען קיין ווילנע איז אָנגעקומען דעם סענאַטס באַפעל, מ'זאָל צולאָזן יידן פאַר גלידער אין די מאַגיסטראַטן (1802), איז די קריסטליכע געזעלשאַפט דאָרט געוואָרן אויסער זיך. די גדלות ביי די אַלטע „שטאָט־פאָטערס" און די געמיינע יידנפיינטשאַפט האָט דערלאַנגט אַזוי וויט, אַז קריסטליכע שטעטישע האָבן געשיקט אַזאַ ביט־שריפט אלכסנדר I (פעברואַר 1803): זיי פּראָטעסטירן, וואָס מ'וויל צו־נישט מאַכן זייער אַלטע פּריווילעגיע, אַז „יידן און אַנדערגלויביגע טאָרן ניט פאַרנעמען קיין שטעלעס" אין ליטע; צולאָזן יידן אין די מאַגיסטראַטן איז אַ שאַנד און אַן אומגליק פאַר דער ליטווישער רעזידענץ־שטאָט, וואָרום „זיי (יידן) האָבן קיין באַגריף ניט פון מאָראַל, מיט זייער שטייגער ערציהונג קאָן מען קיינמאָל ניט קומען צו ווערן אַ ריכטער; בכלל שפּייזט זיך דאָס דאָזיגע פאָלק נאָר פון שווינדל"; „קריסטן פאַלט גאָר אָפּ דער חשק צו דינען דעם כלל, אויב יידן קאָנען הערשן איבער זיי". די בעטער שרעקן אָן, אַז יידישע „הערשאַפט", ד. ה. יידישע ראַטמענער אין מאַגיסטראַט, זאָל זיין אפילו אַ דריט־חלק, וועט אונטעררייסן דעם פאָלקס־צוטרוי צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און צום געריכט: „דער המון וועט ניט פאָלגן, ער וועט נאָך שפּעטן אויך, אויב ער וועט קומען אין אַ הויף אָרט און דאָרט וועט ער טרעפן אַ יידן פאַר אַ נאַטשאַלניק און פאַר אַ ריכטער, וואָס מ'קאָן אַזוינעם ניט פאָלגן ניט לויט דעם שטאַנד זיינעם, ניט לויט זיין אמונה". קאָוונער קריסטליכע געזעלשאַפט באַקלאָגט זיך אויך אויף דער נייער גזרה און ברענגט נאָך אַן אייזערנע ראיה, פאַרוואָס מ'טאָר יידן ניט צולאָזן צו קיין שטאָט־אַמטן: כּדי צו געבן אַ שבועה, שטייט אויף דעם טיש אין געריכט אַ צלם מיט דער „הייליגער פיגור" פונם געקרייציטן; אַ ייד אָבער, אויב ער וועט זיין אַ ריכטער, „וועט ניט קוקן אויף איר (אויף דער פיגור), נאָר ער וועט לויט זיין מנהג קלערן פון איר אַל דאָס בייז, דעריבער וועט מען נאָר לאַכן פונם קריסטליכן געזעץ, אָנשטאָט צו האָבן דרך־ארץ פאַר קריסטליכער גערעכטיגקייט". די דאָזיגע ראיות האָבן איבערגעצייגט די רעגירונג: דער סענאַט האָט צוריקגענומען זיין באַפעל וועגן צולאָזן יידן אין די מאַגיסטראַטן אין ליטע (1803).

בכן האָט די ווילדע שנאה פון פּריווילעגירטע קריסטליכע שטעטישע אָדער געשטערט יידן צו אַרבעטן אין דער שטאָטישער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג, אָדער גאָר ניט צוגעלאָזט זיי צו אַזאַ אַרבעט. ווי יידן זיינען ניט געווען אָפּ־געשטאַנען, האָבן זיי דאָך געהאַט נענוג בירגער־מוט און האָבן געשיקט זייערע פאַרטרעטער צו זייערע שונאים אין לאַגער אַריין צוזאַמען צו אַרבעטן פאַר די שטאָט־אינטערעסן; אָבער דער אָפּגעשלאָסענער שטעטישער שטאַנד מיט זיינע מיטלאַלטערישע השגות האָט ניט געוואָלט אָנערקענען, אַז יידן זיינען אויך שטאָט־בירגער. יידן האָבן ניט געקאָנט בייקומען דעם קאָנסערוואַטיזם פון דער אַרומיגער סביבה. זיי האָבן נאָך געהאַט זייער אייגענע קהל'שע זעלבסט־פאַר־וואַלטונג; וואָלטן זיי אַריינגעליינט אהער זייער גאַנצע געזעלשאַפטליכע ענערגיע, וואָלט די קהלה־אויטאָנאָמיע ווידער אויפגעבליהט, ניט געקוקט אויף אַלע מניעות, וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט; אָבער דאָ איז צוגעקומען אַ נייע מניעה: די גרויסע שפּאַלטונג אינעווייניג אין די קהלות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זינט חסידות איז אויסגעוואַקסן, אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, און האָט דערלאַנגט די העכסטע מדרגה אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט.

§ 52. די חסידיש־מתנגד'ישע מחלוקת און דער רעגירונגס אַריינמישן־זיך.

די צייט, ווען ס'זיינען פאָרגעקומען די צעטיילן פון פּוילן, איז פאָרגע־קומען אַ שפּאַלטונג אין פּוילישן יידנטום. פּוילישע יידן זיינען צעריסן געוואָרן אויסערליך צווישן דריי מלוכות: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן; דאָס גייסטיגע לעבן זייערס איז צעריסן געוואָרן צווישן חסידות און רבנות. אפילו אין די דאַ־טעס זעהען מיר אַ מערקווירדיג צונויפפאַלן: דאָס ערשטע מאָל זיינען ווילנער רבנים אַרויס קעגן חסידים (דער אָנהויב פון דער מחלוקת) אין יאָר 1772, דאָס יאָר פונם ערשטן צעטיילן פּוילן; דאָס לעצטע מאָל זיינען דיזעלבע רבנים אַרויס קעגן חסידים אַ יאָר נאָך דעם לעצטן צעטיילן (1796). אינמיטן צווישן די צוויי דאַטעס האָט חסידות געהאַלטן אין איין געווינען. חסידים האָבן גע־וואונען כמעט גאַנץ דרום־מערב־געגנט (וואָלין, קיעווער קאַנט, פּאָדאָליע); חוץ אייניגע שטעט האָבן זיי דאָ געהאַט דעם רוב אין די קהלות, זייער נוסח איז איינגעפירט געוואָרן אין די שולן; זייערע רביים האָבן גובר געווען די רבנים. אין דער צפון־מערב־געגנט האָט זיך חסידות פאַר דער צייט באַפעסטיגט אין רייסן, וואָס איז צוואַנציג יאָר איינע אַליין געווען אונטער רוסישער הערשאַפט, פּאָליטיש אָפּגעריסן פון פּוילן. דאָ האָט זיך באַפעסטיגט אַ חסיד'ישער צענטער מיט רבי שניאור־זלמן ליאָזנער אויבן־אָן. קיין דורכאויס־חסיד'ישע קהלות זיי־נען נאָך אָבער דאָ ניט געווען: מייסטנס זיינען די קהלות באַשטאַנען פון ביי־דע פּאַרטייען, חסידים און מתנגדים; אַמאָל איז די פּאַרטיי געווען פון אויבן,

אַמאָל יענע; דאָס האָט געבראַכט צו שטענדיגער מחלוקת אין קהל און אין די שולן. רבנות האָט זיך געהאַלטן נאָר אין ליטע, חסידות האָט דאָ קיין שטאַרקע אחיזה ניט געהאַט. אין איניגע שטעט (פינסק, אַמדור, מינסק, ווילנע א. אַנד.) זיינען געווען קליינע הייפלאַך חסידים מיט אייגענע „שטיבלאַך“, מייסטנס אין פריוואַטע הייזער; זיי פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר קהל, וואָס פלעגט זיי רודפ׳ן. אין יאָר 1794 האָט מינסקער קהל פאַרמאַכט דאָס חסיד׳ישע שטיבל. אין ווילנע, אין גאון׳ס רעזידענץ־שטאָט, זיינען חסידים געווען אַ שטילע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע. די זיכערסטע חסיד׳ישע נעסט איז געווען קאַרלין, אַ פאָרשטאָט ביי פינסק; דאָרט האָבן חסידים געהאַט זייערע רביים און אייגענע מנינים. (איינער אַזאַ רבי, ר׳ שלמה קאַרלינער, דערציילט מען, איז אומגעקומען אין 1792 יאָר, בעת דאָס פויליש־רוסישע קאָנפעדעראַטיש חייל האָט געווילדעוועט אין מינסקער גובערניע). פון קאַרלין איז געגאַנגען די פּראָפּאַגאַנדע פון חסידות אויף גאַנץ ליטע, דעריבער האָבן חסידים דאָ געהאַט אַ נאָמען: „קאַרלינער“.

נאָכן דריטן צעטיילן פוילן זיינען ליטווישע חסידים אויפגעלעבט געוואָרן: ליטע איז פאַראייניגט געוואָרן מיטן שכנות׳דיגן רייסן, וואו די חסיד׳ישע קהלות האָבן צו יענער צייט זיך פאַרפעסטיגט אונטער דער פירונג פון רבי זלמן. חסיד׳ישע השפעה איז שטאַרק גרעסער געוואָרן. צוליב אַגיטאַציע־צוועקן האָט די חברה צעלאָזט קלאַנגען, אַז דער ווילנער גאון, דער גרעסטער רודף פון חסידות, האָט חרטה געהאַט אויף אַלץ, וואָס ער האָט באַגאַנגען קעגן דער סעקטע, און דער חרם אויף חסידים איז אויס. ווען דאָס איז דערגאַנגען קיין ווילנע, זיינען מתנגדים באַשטאַנען, דער ווילנער גאון זאָל נאָכאַמאָל פאַרעפנטליכן אַ כרוז, אַז די באַציהונג צו די „אפיקורסים“ בלייבט די אייגענע, און חרם בלייבט חרם (מאַי 1796). צוויי משולחים זיינען אַרויסגעפאָרן מיט דעם דאָזיגן כרוז אין פאַרשיידענע שטעט צו אַגיטירן קעגן חסידות. שפּעטער האָט דער גאון אַרויסגעלאָזט נאָך אַן אויפרוף צו די גובערניאַלע קהל׳ס אין ליטע, רייסן, וואָלין און פאָדאָליע: „איר, בערג פון ישראל, די גייסטיגע פירער אין יעדער גובערניע, איר, די פירער פון די קהל׳ס אין מאָהילעוו, פּאָלאָצק, זשיטאָמיר, ווינניצע און קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, — איר האָט אַ האַמער אין האַנט צו דערשלאָגן אַלע שלעכט־טוער, אַלע פינסטערע כוחות, אַלע פאָלקס־פיינט. ווי איז צו די דאָזיגע לייט! זיי פאַרשטערן די געזעצן, פאַרשוועכן אונזער תורה און מאַכן אַ נייע תורה, זיי באַגייען פאַלשקייטן אין גאָטס הויז, טייטשן פאַרקערט אונזערע דינים. ס׳איז צייט זיך נוקם צו זיין פאַר גאָטס תורה, מ׳דאַרף פאַרן פאָלק אין די אויגן באַשטראָפן די דאָזיגע גאָטס־לעסטערער פון זייער טובה וועגן, זאָל קיינער אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבן און זיי אין שטוב ניט אַריינלאָזן! . . .“

דער ווילנער גאון, דער אַלטער קעמפער פון רבנות, האָט אָנגעריצט אַזאַ מלחמה קעגן חסידים, ווייל ער איז זיכער געווען, אַז די „נייע סעקטע“,

וואָס האָט שוין אויף איר זייט הונדערטער טויזנטער חסידים, וועט אומברענגען סיי דאָס פאָלק, סיי די אמונה, וואָרום זי צעשפּאַלט דאָס פאָלק ישראל אינע־ווייניג גראָד אין אַ צייט, ווען עס ווערט צעריסן אויסוויייניג דורך די פּאָליטי־שע איבערקערן. ער האָט זיך אויך געשראָקן פאַרן קולט פון רביים, בעלי־נסים, וואָס דאָס איז אַ געפאַר פאַר ריינקייט פון דער יידישער אמונה. דערהויפּט איז דער גאון געווען אויפגעבראַכט אויף ר' שניאור־זלמנ'ס ספר „תניא", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1796: דאָרט איז קלאָר געגעבן געוואָרן די מיסטיש־פאַנטע־איסטישע חסיד'ישע סיסטעם, וואָס די אָרטאָדאָקסן האָבן דאָ איינגעזעהן גאַנץ־לעסטערונג און אפיקורסות. אין דעם גאונ'ס אויפרוף איז געווען אַ רמז אויפן דאָזיגן ספר; דער מחבר האָט שמערצליך דערפילט דעם קלאַפּ. ר' שניאור־זלמן האָט אָפּגעענטפערט מיט אַן אויפרוף, געוויזן, אַז דעם גאון האָט מען פאַרפירט אין אַ טעות וועגן דעם אמת'ן זין פון חסידות, און האָט פאָרגעלייגט זיין קעגנער אַ מינדליכן אָדער אַ שריפטליכן וויכוח, כדי קלאָר צו מאַכן דעם אמת און „מאַכן שלום ביי יידן". אָבער דער גאון האָט ניט געוואָלט פירן וויכוחים מיט אַן „אפיקורוס". דערווייל איז זיך דער ווילנער מתנגד'ישער אויפרוף צעגאַנ־גען אין שטעט און שטעטלאַך. אין אַסך קהלות איז געקומען צו שאַרפע מחלוקת צווישן מתנגדים און חסידים; די מתנגדים זיינען געווען די אָנפאַלער.

אַ קרייזל ווילנער חסידים, שטאַרק אויפגערייצט פון די רדיפות, האָט זיך פאַרגונען אַ ווילדע שטיק. אין דער ימים־טובים־צייט, אין הערבסט פון יאָר 1797, אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם לעצטן אויפרוף, איז דער ווילנער גאון געשטאָרבן; גאַנץ ווילנע איז געווען אין טרויער. אין דער צייט איז זיך אַ הייפל חסידים צונויפגעקומען אין אַ שטוב און האָט געמאַכט אַ פריילעכע סעודה צוליב דעם, וואָס מ'איז פטור געוואָרן פון דעם רודף. אַזאַ מיאוס'ע דעמאָנסטראַציע אין דעם טאָג פון גאונ'ס לויה האָט אויפגעבראַכט די גאַנצע קהלה אין ווילנע. שטאָט־בעלי־בתים האָבן נאָך אויפן בית־עולם געגעבן אַ נדר זיך נוקם זיין אָן חסידים. אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די פּרנסים, און ס'איז געבליבן אָנלערנען די ווידערשפעניגע: איינעגע זאַכן זיינען געזאָגט געוואָרן אָפן, למשל, אַרויפלייגן נאָך אַ מאָל אַ חרם אויף דער סעקטע; אַנדערע האָט מען געהאַלטן בסוד. מ'האָט אויסגעקליבן ספּעציעל אַ קאָמיסיע פון פינף קהל'ס־לייט און מ'האָט זיי געגעבן דעם רשות מלחמה צו פירן קעגן דער „אפיקורסות". ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָט מען זיך אין דער דאָזיגער מלחמה ניט אָפּגעזאָגט פון אַזוינע מיטלען, ווי פאַר'מסרן די פירער פון חסידות פאַר דער רוסישער רעגירונג.

אינגיכן איז געשעהן אַ מיאוס'ע זאַך. צום גענעראַל־פּראָקוראָר לאָפּוכין איז אָנגעקומען אַ מסירה „אויף די שעדליכע זאַכן, וואָס דער שאַפער פון דער קאַראָלינער (חסיד'ישער) סעקטע זלמן בּרוכ'אָוויטש טוט קעגן דער מלוכה".

ער און זיינע חברה־לייט אין רייסן און אין ליטע. אין הערבסט 1798 איז צום וויטעבסקער גובערנאַטאָר אָנגעקומען פונם גענעראַל־פּראָקוראָר אַ קיסר׳ישער באַפעל: אַרעסטירן אין ליאָזנע רבי שניאור־זלמנ׳ען, דעם פירער פון דער סעקטע און צוואַנציג זיינע העלפער. דעם רבי׳ן האָט מען אָפּגעשיקט „מיט אַ שטאַרקער וואַך" אויף אַ פאַרהער קיין פעטערבורג; די איבעריגע זיינען געבליבן אַרעסטירט אין ווילנע. ר׳ שניאור־זלמנ׳ען האָט מען אויסגעפרעגט אין דער „געהיימער עקספּעדיציע", דאָרט וואו מ׳פלעגט אויספרעגן די וויכטיגסטע מלוכה־פאַרברעכער. מ׳האָט אים פאָרגעהאַלטן אַזוינע שולדן: ער האָט באַשאַפן אַ שעדליכע רעליגיעזע סעקטע, וואָס האָט אומגעביטן דעם נוסח פון דאַוונען ביי יידן, ער פאַרשפּרייט שעדליכע געדאַנקען, ער זאַמלט געלט אויף געהיימע צוועקן אין פּאַלעסטינע. אין דעם אויספרעגן האָט געשטעקט אַ חשד, אַז דער אַרעסטירטער איז פּאָליטיש ניט ריין, אַז ער זאָל געהערן צו אַ באַהאַלטענער אָרגאַניזאַציע מאַסאָנען מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם. ר׳ שניאור־זלמן האָט געגעבן אַ שריפטליכע תשובה אויף די אַלע פראַגן אויף העברעאיש. דאָס איז איבערזעצט געוואָרן אויף רוסיש און האָט געמאַכט אין פעטערבורג אַ גוטן איינדרוק. דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט צוגעשטעלט דעם קיסר פּאַוועל אַ באַריכט וועגן „אַלע אומשטאַנדן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט ביי דער אויספאָרשונג", און האָט באַקומען אַ באַפעל: ר׳ שניאור־זלמנ׳ען און די איבעריגע אַרעסטירטע פריילאָזן, נאָר „שטרענג אַכטונג געבן אויף זיי, צי האָבן זיי ניט געהיימע באַציהונגען אָדער קאָרעספּאָנדענץ מיט אַזוינע, וואָס רעדן שלעכט פון דער רעגירונג און פון דער מלוכה־אָרדנונג". סוף יאָר 1798 האָט מען רבי זלמנ׳ען פרייגעלאָזט.

איצט איז געקומען די צייט, חסידים זאָלן זיך נוקם זיין אָן זייערע שונאים. היות ווי די שולדיגע אין אַלע רדיפות זיינען געווען די פרנסים פון ווילנער קהל, די „קאָמיסיע פון פינף גלידער", איז ביי די חסידים געבליבן אַראָפּוואַרפן די דאָזיגע פרנסים און אַוועקזעצן אויף זייער אָרט אַנדערע פון איינענע מענשן. ווילנער חסידים האָבן אונטערגעקויפט די גובערניע־אַדמיניסטראַציע. אָנהויב יאָר 1799 האָבן זיי אָנגעקלאָגט קהל פאַר דער אָרטיגער מאַכט, באַשולדיגט די פרנסים, אַז זיי באַגייען פאַלשקייטן און פאַרשווענדן קהל׳ס געלט. זיי האָבן אויסגעפירט, אַז איינינע פרנסים זיינען אַראָפּ פון דער שטעל און מ׳האָט זיי אַרעסטירט. אָנשטאָט זיי האָט די גובערניע־אַדמיניסטראַציע געווירקט, מ׳זאָל אויסקלייבן אַנדערע פון דעם חסיד׳ישן צד. די ווילנער קהלה האָט זיך צעשפּאָלטן; אַ טייל האָט געהאַלטן מיט די אַלטע פרנסים, אַ טייל מיט די נייע; פון ביידע צדדים זיינען געפלויגן קיין פעטערבורג מסירות און אָנקלאָגן איינס אויף דאָס אַנדערע. די פּלאָג פון מסירות, וואָס ניט צופעליג איז זי אויסגעוואַקסן אין די ערשטע יאָרן פונם ר ו ס י ש ן רעזשים אין ליטע, האָט געבראַכט דערצו, אַז ס׳זאָל אויפקומען אַזאַ מוסר, ווי דער רב אביגדור חיימ׳אָוויטש פון פינסק. אביגדור איז געווען אַ רב אין פינסקער קרייז, די חסידים

האָבן אים גע׳רודפ׳ט און פאַרטריבן פון דער שטעל; מער פאַר אַלץ האָט אים געקרענקט, וואָס ער האָט אָנגעוואוירן זיינע הכנסות. אַ שטיק צייט האָט זיך אביגדור גע׳משפט מיט קהל אין אַלערליי געריכטן; ער האָט אָבער ניט אויסגעפירט, האָט ער זיך גענומען נוקם זיין אָן די פירער פון דער סעקטע, וואָס איבער איר האָט ער אָנגעוואוירן דאָס רבנות. אין אָנהויב 1800 האָט אביגדור דערלאַנגט אויף דעם קיסר פאַוועלס נאָמען אַ לאַנגע מסירה אויף חסידים, געמאַכט די דאָזיגע סעקטע פאַר „אַ שעדליכע, געפערליכע" אָרגאַניזאַציע, וואָס טוט ווייטער די אַרבעט פון די שבתי־צבי׳ניקעס. ער האָט געבראַכט אַסך פאַלשע שטעלן פון חסיד׳ישע ספרים צו באַווייזן, אַז די רביים פון דער דאָזיגער סעקטע לערנען זייערע פאָלגער מורא האָבן נאָר פאַר גאָט, און ניט פאַר קיין מענשן („האָט מורא פאַר דעם באַשעפער, ניט פאַר דער באַשעפעניש"), דאָס הייסט, זיי זאָלן ניט מורא האָבן פאַר די הערשער און אפילו פאַר אַ קיסר אויך ניט.

די מסירה איז אָנגענומען געוואָרן, און מ׳האָט זיך פאַר איר ערנסט גענומען. אָנהויב נאָוועמבער אין דעמזועלבן יאָר האָט מען ווידער אַרעסטירט אין ליאָזנע ר׳ שניאור־זלמנ׳ען און מ׳האָט אים אָפּגעשיקט מיט צוויי סענאַט־קוריערן קיין פעטערבורג. דאָ האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין פּעטראָ־פּאַוול־פעסטונג, דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרהער אויג־אויף־אויג מיט דעם מוסר אביגדור׳ן. ר׳ שניאור־זלמנ׳ען האָט מען פאָרגעהאַלטן 19 פּונקטן, אין וואָס מ׳באַשולדיגט אים; ער האָט געגעבן דערויף אַ שריפטליכע תשובה און האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן אַלע באַשולדיגונגען, אַז חסידים אָנערקענען ניט קיין רעגירונגס־מאַכט, אַז זיי זיינען מאָראַליש פאַרדאָרבן, אַז זיי זאַמלען געלט און קומען זיך צונויף פאַר געהיימע צוועקן. ענדע נאָוועמבער האָט מען שניאור־זלמנ׳ען אַרויסגעלאָזט; ער האָט אָבער ניט געטאָרט אָפּפאָרן פון פעטערבורג ביז זיין פּראָצעס וועט ניט באַטראַכט ווערן אין סענאַט (אַהין איז די זאַך איבערגעגאַנגען פון דער „געהיימער עקספּעדיציע"). ביז דער סענאַט האָט זיך אויסגעקליבן באַטראַכטן ר׳ שניאור־זלמנ׳ס זאַך, איז דערווייל פאָרגעקומען דער הויף־איבערקער פון מערץ 1801. אלכסנדר I איז אַרויף אויפן טראָן, ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ניי ווינטל, און דעם 29־טן מערץ 1801 האָט מען אויפן קיסר׳ס באַפעל אָפּגעלאָזט ר׳ שניאור־זלמנ׳ען פון פעטערבורג.

די רעגירונג האָט זיך איבערצייגט, אַז די יידישע רעליגיעזע שפּאַלטונג איז כלל ניט שעדליך פאַר דער מלוכה און האָט זי לעגאַליזירט. לויט דעם סטאַטוט פונם יאָר 1804, מעג זיך יעדער סעקטע אין אַ קהלה האָבן אייגענע מנינים און אייגענע רבנים, קהל אָבער איז איינער פאַר אַלע סעקטעס אין שטאָט. דער געזעץ האָט אָנערקענט, וואָס דאָס לעבן האָט שוין פריהער אויסגעפירט. די רעליגיעזע שפּאַלטונג איז שוין געווען אַ פאַקט, און די גרויסע מחלוקת פון די יאָרן 1796—1801 איז געווען דער לעצטער ריס. אָבער פאַר דער קהלה־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַזוי אויך געווען אונטערגעריסן איבער די

פּאָליטישע קריזיסן, איז די שפּאַלטונג געווען אַ שווערער קלאַפּ. די קהל׳ס זיינען געווען אָפּגעשוואַכט איבער דער מחלוקת אינעווייניג, זיינען דעמאָראַליזירט געווען איבער די מסירות און איבער דער רעגירונגס מישן־זיך, און אַז ס׳איז געקומען אַ צייט (די ערשטע יאָרן פון אַלכּסנדר I), ווען די רעגירונג האָט גענומען מאַכן „רעפאָרמעס“ פאַר יידן און האָט אָנגעפרעגט די קהל׳ס, האָבן זיי ניט געהאַט די נויטיגע אחדות, כּדי עפּעס צוזאַמען אויפצוטאָן. די קהלות אין דרום־מערב־געגנט זיינען אַזוי ווייט פאַרטאָן געווען אין חסידות, אַז זיי האָבן פאַרשלאָפן אַלע געשעהעענישן, וואָס האָבן פאַרגעזאָגט אַ געזעלשאַפטליך־עקאָנאָמישן קריזיס, און האָבן זיך דערויף ניט אָנגערופן. זייערע דעפּוטאַטן האָבן אפילו זעלטן ווען געענטפערט אויף די אָנפרעגן פון דער רעגירונג אין די יאָרן 1803 און 1807; מייסטנס האָבן דאָס געטאָן די דעפּוטאַטן פון רייסישע און ליטווישע גובערניעס; דאָרט איז אין דער יידישער געזעלשאַפט נאָך ניט אָפּגעשטאָרבן דער חוש פאַר רעאַלע פּאָליטישע אינטערעסן.

§ 53. רבנות, חסידות, השכלה („בערלינער“).

אין יענער צייט, ווען אין מערב־אייראָפּע איז פאָרגעקומען אַן איבערקער אין דעם אַלטן יידישן שטייגער, זיינען די געדיכטע יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע קולטורעל געבליבן פאַרגליווערט שטיין אויף איין אָרט. ביידע ריכטונגען פון זייער גייסטיג לעבן, רבנות און חסידות, האָבן ציטעריג אָפּגעהיט די יסודות פונם אַלטן לעבנס־שטייגער. די ערציהונג איז געבליבן ווי אַמאָל: אין חדרים און אין ישיבות האָט מען געלערנט תּורה, מ׳האָט געשאַרפט די מוחות, מ׳איז אָבער געווען אָפּגעריסן פונם לעבן; מיידלאַך האָבן אַזאַ ערציהונג אויך ניט געהאַט. מ׳האָט זיך געפירט אַלטפרענקיש, פריה חתונה געמאַכט קינדער (צו 13—16 יאָר), געהאַלטן אויף קעסט, געקינדלט ביי דער גרעסטער אָרימקייט און אָפּגעקומען דאָס לעבן בשהי־פּהי, אויסגעצערט און יונגערהייט פאַרעלטערט. די דאָזיגע פרום־פאַרצייטיגע מאַסע האָט מורא געהאַט פאַר יעדער גייסטיגן „נייס“, פאַר יעדער פרוב צו פאַרברייטערן איר גייסטיגן און געזעלשאַפטליכן קוק. צו אַ קריג צווישן רעליגיעזער און וועלטליכער קולטור איז נאָך ניט געקומען. די מחלוקת צווישן רבנות און חסידות איז געווען לשם שמים, דאָס איז געווען אַ קריג וועגן דעם טיפ פון אַ פרומען יידן: די אַלטע דיסציפּלין פון תּורה און מצוות האָט זיך געראַנגלט קעגן דער כוואַליע פון באַגייסטערטער מיסטיק, קעגן דעם בלינדן קולט פון הייליגע רביים.

צי האָט די מחלוקת געהאַט אַ פּעולה אויף דעם רבנות, דאָס זאָל אויפגעפרישט ווערן? קיין קלאָרע שטאַרקע סימנים פון אויפלעבן זעהען מיר ניט יענע צייט, כאָטש אין איין פּרט, טעאָרעטיש, איז יאָ עפּעס אויפגעטאָן געוואָרן. דער ווילנער גאון האָט געוויזן אַ מעטאָדע פון פּשט אין לערנען אָנשטאָט דעם ווילדן פּלפּול, און דאָס איז בּיסלאַכווייז איינגעפירט געוואָרן אין

ליטווישע ישיבות. ס'איז אפילו געוואָרן ספּעציעל אַ ישיבה אין וואָלאָזשין (1803), און ר' חיים וואָלאָזשינער, דעם ווילנער גאון'ס אַ תּלמיד, האָט דאָרט איינגעפלאַנצט דעם נייעם שניט אין לערנען. מיט דער צייט זיינען פון דאָרט אַרויס נאָכאַנאַנד רבנים און לומדים „פונם גאון'ס דרך". אין דער לומדי־ישער וועלט האָט זיך אויך געלאָזט באַמערקן אַ ביסל טאָלעראַנץ צו „חכמות חצוניות" (וועלטליכע וויסנשאַפטן), אָבער נאָר צו מאַטעמאַטיק און מעדיצין. די מורא פאַר „פילוסופיה" איז געבליבן ווי פריהער, און מ'האָט זיך פעסט געהאַלטן ביים כלל, אַז פרייע פאָרשונג קלעפּט זיך ניט מיט יידישקייט. דער יידישער קאָפּ האָט געשטעקט אינגאַנצן אין די „ד' אמות של הלכה" און איז געווען אומבאַהאָלפן עפעס אויפצוטאָן. אין יענע שטורעמדיגע תּקופה פון כמעט 25 יאָר האָט זיך אין דער רבנ'ישער וועלט ניט באַוויזן קיין איין גרויסע ליטעראַרישע קראַפט נאָך דעם גאון, קיין איין שרייבער מיט אַ ווייטערן קוק. דער שאַפונגס־גייסט האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן.

מער לעבעדיגער גייסט איז געבליבן יענע צייט אין חסידות, כאָטש אין פּרט אויפטאָן איז חסידות אויך געפאַלן אַקעגן דער פריהערדיגער תּקופה פונם בעל־שם־טוב און זיינע ערשטע תּלמידים. אויבן־אָן איז שוין געווען דער „גוטער ייד", וואָס האָט געהאַנדלט מיט מופתים און געלעבט פון דער פאָלקס פינסטערקייט, דאָך האָט זיך נאָך ניט אויפגעהערט קיין תּורה־זאָגער, קיין וועג־ווייזער, וואָס האָבן געצויגן ווייטער דעם פאָדים פון דעם בעש"ט'ס שיטה. אין רייסן האָט געוואונען אַ נייע שיטה אין חסידות; דאָ האָט מען צונויפ־געפּירט דעם בעש"ט'ס האַרציגקייט מיט ליטווישער חקירה. ר' שניאור־זלמן, דער באַשאַפער פון דער דאָזיגער שיטה און דער גורם פון דער פריהער־דער־מאָנטער רעליגיעזער שפּאַלטונג, וויל פאַר'תורה'ן דאָס חסידות, וואָס האָט אַלץ מער אַרויסגעוויזן אַ נטיה צום פּרינציפּ: „כ'גלויב, ווייל ס'איז ניט צו גלויבן". חסיד'ישע האַרץ־התלהבות ווערט ביי דעם „תּניא" אַ געהויבענע חקירה: ער רעדט אַמאָל פון גאָט־קענען אין סטיל פונם רמב"ם, ר' שניאור־זלמן האַלט כלל ניט פון „גוטע יידן" מיט „מופתים", וואָס זיינען אַזוי אָנגענומען געווען ביי אוקראַינער יידן.

אין אוקראַינע גייט זיך חסידות זיין אַלטן וועג. די צוויי זיילן, ר' יצחק בערדיטשעווער (געשטאָרבן 1809) און ר' נחום טשערנאָבילער (געשטאָרבן 1799), האָבן נאָך געהאַט די קבלה פונם בעש"ט. אין ר' לוי־יצחק'ס „קדושת לוי" (1798) זעהען מיר נאָך די האַרציגקייט פון דער חסיד'ישער אמונה אָהן ווילדער התפּעלות. ער אַליין, דער וועג־ווייזער פון די וואָלינער חסידים, האָט אין זיין פּריוואַט־לעבן פאַרמאָגט ביז גאָר די מידות פון אַ מענשן־פריינד און אַ אוהב־ישראל. אין פאָלק דערציילט מען נסים פון זיין ליב־שאַפט צו דעם געיאָגטן און געפאַלענעם. ר' נחום טשערנאָבילער, „דער מגיד", איז אויסגעווען קיעווער און וואָלינער געגנט און האָט מער גענומען מיט קבלה. די לעצטע יאָרן זיינע איז ער געווען מער אַ רבי „אַ בעל־מופת", וואָס מ'פלעגט

צו אים פֿאָרן פֿון נאָהענט און ווייט: ער איז געווען דער פֿאָטער פֿון דער גרויסער פֿאַרצווייגטער „טשערנאָבילער דינאַסטיע“ אין אוקראַינע.

באַזונדער פֿאַר זיך שטייט אַ פּאָדאָליער רבי, אַ בעל־דמיון, ר׳ נ ח מ ן ב ר אַ צ ל אַ ו ו ע ר (1810—1772), בעש״ט׳ס אַן אור־אייניקל. דאָס איז געווען אַ טיפּע פּאָעטישע נאַטור, וואָס האָט זיך דערווייטערט פֿון די אַלע מופֿתים־גוטע־יידן. ער האָט געוואָלט אומקערן דאָס חסידות צו איר קינדערשער פּשטות פֿון בעש״ט׳ס צייטן. די יאָרן 1799־1798 איז ער געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. יענע צייט איז דאָרט דורכגעגאַנגען נאַפּאָלעאָנס אַרמיי: דורך דער פֿאַרשלאָפֿענער מזרח־וועלט האָט זיך דורכגעטראָגן אַ האַסטיגער שטראָם פֿון דער היי־ציגער אייראָפּע, אָבער דער פּאָדאָליער יונגער־מאַן האָט זיך צוגעהערט צו די קבֿרים פֿון די גרויסע מקובלים, ר׳ שמעון בן־יוחאי און דעם אר״י, און צו דער מיסטישער תּורה פֿון די לעבעדיגע צדיקים, וואָס האָבן זיך אויף דער עלטער באַזעצט אין טבריה. ר׳ נחמן איז צוריק אַהיים געקומען און האָט זיך באַזעצט אין בראַצלאַוו; צו אים האָבן אָנגעהויבן פֿאָרן פּאָדאָליער חסידים. צווישן געציילטע מקורבֿים האָט ער געזאָגט, אָדער ריכטיגער, ער האָט געטרוימט אויף אַ קול, פֿון אַ מלכות־שדי, אַן אייניגונג פֿון פֿאָלק מיט זיין צדיק אין אַ געטליכער התלהבֿות. געזאָגט האָט ער מייסטנס מיט אָנצוהערענישן, אַמאָל פֿלעגט ער פֿאַרקליידן זיינע געדאַנקען אין פֿאָלקס־מעשׂיות. ער האָט געמאַכט דעם „לקוטי־מהר״ן“ און אַנדערע ספֿרים; אומעטום האַלט ער פֿאַר דעם געדאַנק, אַז מ׳דאַרף גלויבן אָהן קונצן, אָהן חקירה. פֿילאָזאָפֿיע האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ געפֿאַר פֿאַר דער נשמה; דער רמב״ם און חקירה־שרייבער זיינען אים געווען דערווידער. פֿאַר „בערלינער השׂכּלה“, וואָס ער האָט נאָר געהערט פֿון איר, האָט ער זיך געשראָקן. ר׳ נחמן איז פֿריה פֿאַרשטאָרבן (צו 38 יאָר) פֿון אַ לונגען־פֿעלער, אין אומאַן צווישן זיינע מקורבֿים. צו זיין קבֿר ציהען נאָך איצט אויך „בראַצלאַווער חסידים“.

בכלל אָבער איז אַ רבי פֿון יענער צייט ווייט געווען סיי פֿון ר׳ זלמנ׳ס חקירה־טיפֿקייט, סיי פֿון ר׳ נחמנ׳ס הייליגער פּשטות. די רביים זיינען אַלץ ווייטער געוואָרן פֿון תּורה־לערער און געוואָרן אַלץ מער „גוטע יידן“, „בעלי מופֿתים“. מחנות׳ווייז פֿלעגן פֿאָרן צו זיי פֿאַרגלויבטע חסידים, און זיי, „די פֿאַרמיטלער צווישן גאָט און פֿאָלק“, האָבן שוין פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו מאַכן דערפֿון געלט. זיי זיינען רייך געוואָרן פֿון פּדיונות און מתּנות, האָבן געלעבט אין פּאַלאַצן אַזוי ווי פּוילישע פּריצים אָדער רייכע בישאָפֿן. ב ר ו ך ט ו ל ט ש י נ ע ר (1810—1780), דעם בעש״ט׳ס אַן אייניקל, האָט געהאַלטן אין מעדזשיבאָזש אַ גרויסאַרטיגן הויף; ער האָט אפֿילו געהאַט אַ הויף־נאַר אויך, הערשל אָסטראָפּאָלער, וואָס זיינע מעשׂיות און ווערטלאַך זיינען נאָך ביז היינטיגן טאָג ביים פֿאָלק אין מויל. די אייגענע בעלי־מופֿתים זעהען מיר צו אין קרוין־פּוילן אויך; יענע צייט האָט דאָס לאַנד געהערט פֿריהער צו פּרייסן, דערנאָך צום וואַרשעווער

הערצאָגטום אונטער נאַפּאָלעאָנס פּראָטעקטאָראַט. דאָרט זיינען די ערשטע מפורסמים געוואָרן ר׳ ישראל קאָזעניצער און ר׳ יעקב־יצחק לובלינער (הורוויץ). אין אַלע פּאָליטישע און קולטורעלע קריזיסן, וואָס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין לאַנד: אין חורבן פונם אַלטפּרעַנקישן פּוילן, אין נאַפּאָלעאָנס וואונדערליכע נצחונות, אין דער „אפּיקורסות", וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַנד, אין רעקרוטן־נעמען ביי יידן — אין דעם אַלעמען האָבן זיי איינגעזעהן חבלי־לידה פון משיח׳ס קומען. זיי אַליין אָבער האָבן ניט געהאַלטן פון „עצבות", און האָבן געפירט די עדה פאַרברענטע חסידים לעבעדיג און האָפערדיג, גענומען פּדיונות פאַר קמיעות, ברכות, עצות. ביידע זיינען געשטאָרבן דאָס יאָר, ווען נאַפּאָלעאָן איז געפאַלן, און האָבן דערלעבט צו זעהן די רוסישע הערשאַפט אין לאַנד (1815־1814).

שוועריך איז אָנגעקומען דער דייטשער השכּלה זיך דורכשפּאַרן אין דעם דאָזיגן וועלטל אַריין צווישן צוויי ווענט — רבנות און חסידות. פונדעסטוועגן זעהען מיר, ווי עפּעס גיט זיך אַ ריר. ס׳באַווייזט זיך דער „בערלינער" (אַזוי האָבן געהייסן „די נייע"). דער בערלינער טראָגט שוין אַ קורצן דייטשן ראָק, גאָלט די באָרד, האַלט ניט פון קיין מצוות, רעדט דייטש אָדער די לאַנד־שפּראַך און דוכנ׳ט פאַר משה מענדעלסאָן. דערווייל איז דאָס נאָך „אויפגע־קלערטקייט" אויף באָרג, אויבן־אויף; דאָ האַנדלט זיך מער פון וועלטליך געקליידעט, איידער פון מענשליך ווִיסן. אַזוי זעהט אויס דער „בערלינער" איידער ס׳באַווייזט זיך דער ערנסטער „משכּיל", אַ תּקופה שפּעטער. „בערלינער" באַווייזן זיך קודם־כּל אין וואַרשע, אין די צעהן יאָר פון פּרייסישער הער־שאַפט דאָרט (1797—1806). די מגע־משא פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט מיט דער פּרייסישער האָט געהאַט איר ווירקונג: דער בערלינער יידישער פראַנט באַ־וויזט זיך אין וואַרשעווער גאַסן, און די חסיד׳ישע בכּבוד׳יגע קאַפּאָטע טרעט אים אָפּ דעם וועג. מ׳הויבט דאָ אָן נאָכטאָן דער פּרייסיש־יידישער ליטע־ראַטור. אין יאָר 1796 איז אין וואַרשע אַרויס זשאַק קאַלמאַנסאָנס (מענדעלסאָנס אַ תּלמיד) אַ ביכל אויף פראַנצויזיש (Essai sur l'état actu-el des juifs) מיט אַ לכּבוד דעם מיניסטער הוים, וואָס האָט איינגעפירט רע־פאָרמען אין די פּרייסיש־פּוילישע פּראָווינצן. דאָס ביכל איז אַ באַריכט וועגן דעמאָלטיגן צושטאַנד ביי יידן און אַ פּראָעקט, ווי אַזוי צו רעפאָרמירן זייער לעבנס־שטייגער. דער באַריכט איז געמאַכט אויף נוסח מערב־אייראָפּע: ס׳איז אַן אומגליק, וואָס יידן זיינען אָפּגעשלאָסן, אַ גליק וועט זיין, ווען זיי וועלן זיך צונויפשמעלצן מיט די פעלקער, וואָס אַרום זיי. קאַלמאַנסאָנס פּראָעקט איז כּמעט דאָס אייגענע, וואָס די פּוילישע פּראָעקטן פון בוטרימאָוויטש און טשאַצקי: מ׳דאַרף אָפּשוואַכן די מאַכט פון רבנים און קהל, אויסראָטן חסידים און רביים, איינפירן אַ דייטשע קליידונג, גאָלן די באָרד, מאַכן דייטשע שולן און איינ־פלאַנצן בירגער־געפיל ביי יידן. שפּעטער, צו דער צייט פון פראַנצויזישער

הערשאַפט אין וואַרשע (1807—1812), איז צו דער בערלינער מאָדע צוגעקומען אַ פראַנצויזישער איבער־מאַנטל: אַ גרופּע וואַרשעווער פּראַנטן פאָדערן גלייכבאַרעכטיגונג דערפאַר, וואָס זיי „האָבן אומגעביטן זייער קליידונג און מאָראַלישע באַגריפן“ (§ 44). די פאָרשטייער פון וואַרשעווער קהל חתמ׳ענען זיך אין אַ פּעטיציע צום סענאַט: „מענשן פונם פוילישן פאָלק פון דער יידישע אמונה“, נאָכטועדיג דער לעצטער פאַריזער מאָדע (דעם פראַנצויזישן סנהדרין). דאָ האָט מען זיך דאָס ערשטע מאָל אויסגעשריבן פונם יידישן פאָלק און זיך פאַרשריבן פאַר פאָלאַקן, נאַאיוו און ניט באַטראַכט, אַ רמז אויף שפּעטערדיגע „משה רבינו׳ס פאָלאַקן“. בערלינער אויפגעקלערטע פון פרידלענדערס חדר האָבן שטאַרק פּראָטעזשירט אַזאַ שטימונג ביי פוילישע „בערלינער“. אין „המאסף“ ווענדן זיי זיך צו פוילישע יידן: „ביז ווי לאַנג וועט איר רעדן די איבערגעפּירטע דייטשע שפּראַך (יידיש) אָנשטאָט אייער לאַנד־שפּראַך — פוילישע? פון הונדערט יידן אין דייטשלאַנד קאָנען אַלע, אָדער דער רוב, רעדן מיט הויכגעשטעלטע לייט און רעגירער, אין פוילן וועט זיך ניט געפינען אַזוינע צעהן אָדער פינף אויף הונדערט“.

מערב־איראָפּייאישע אויפקלערונג האָט אָנגעהויבן אָנשפּאַרן אפילו אין די ווייטע צפון־געגנטן פון רוסלאַנד. מיר האָבן שוין געזעהן, אַז בעת דערזשאַווין האָט רעווידירט רייסן, האָט זיך געפונען אין קרעסלאַווקע אַ דאָקטאָר פראַנק, מענדעלסאָנס אַ פאָלגער, וואָס האָט פּראָעקטירט רעפאָרמירן די יידישע שול און רעליגיע (§ 46). אין פּעטערבורג האָט זיך ביי דעם מעצענאַט אברהם פּרץ אויפגעהאַלטן זיין געוועזענער לערער ל י י ב נ ע ו ו אַ כ אָ ו י ט ש, אַ געבוירענער פון לעטיטשעוו (פּאָדאָליער גובערניע). דאָס יאָר, ווען יידישע דעפּוטאַטן זיינען זיך צונויפגעקומען אין פּעטערבורג (1803), האָט נעוואַכאָוויטש אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור אויף רוסיש (דערנאָך אויף העברעאיש אויך) מיט דעם נאָמען „אַ וויי־געשריי פון דער טאָכטער פון יהודה“, מיט אַ לכבוד דעם אינערן־מיניסטער קאָטשובעי, דעם פאָרזיצער אינם „יידישן קאָמיטעט“. אין דעם לכבוד געפינען מיר דעם גרונד־געדאַנק פון דעם „וויי־געשריי“ — גרויס דרך־ארץ פאַר רוסלאַנדס גרויסקייט און אַ ווייטאָג פאַר יידן, וואָס מ׳לאָזט זיי נאָך ניט געניסן פונם לאַנדס „גליק“: „ווי דערהויבט ווערט מיין נשמה מיט רוסלאַנדס נצחונות און שטאַרקייט, אַזוי דערנידערט ווערט זי מיט דעם ווייטאָג פון מיינע ברידער, וואָס זייערע לאַנדס־לייט דערווייטערן זיי פון זייער האַרצן“. „בת־יהודה“ האַלט ווייטער אין איין קלאָגן, וואָס דער האַס צו יידן איז ניט געמינערט געוואָרן ניט אין 18־טן יאָרהונדערט, אין „דער תקופה פון מענש־ליבשאַפט, טאָלעראַנץ און מילדקייט“, ניט איצט, „אין דעם פרייליכן פריהלינג פון היינטיגן יאָרהונדערט, וואָס דער אָנהויב איז געוועזן אַזוי געהויבן, ווען אַלכסנדר דער לייטזעליגער איז אַרויף אויפן טראָן“. „אַסך גרויסע לייט פאַראַכטן דאָס יידישע פאָלק, דער נאָמען ייד איז געוואָרן צו־שאַנד און צו־שפּאָט ביי קינדער און קליין־קעפּלדיגע“. ער פאַררופט זיך אויף מענדעלסאָנען און לעסינגען און זאָגט

ווייטער: „איר זוכט אינם מענשן דעם יידן! זוכט אינם יידן דעם מענשן — און איר וועט אים זיכער געפינען". נעוואַכאָוויטש ענדיגט זיין בּיכל מיט אַ ביטערן ווײ־געשריי: „בעת אַלע פעלקער האָבּן גענעפנט דאָס האַרץ איינס דעם אַנדערן, מוז נאָך דאָס יידישע פאָלק צוזעהן, ווי ס'ווערט פאַראַכט. איך פיל די גאַנצע לאַסט פון אַזאַ פּיין. איך שריי צו אַלע, וואָס פאַרמאָגן האַרץ און רחמנות: פאַרוואָס קומט דעם יידישן פאָלק, איר זאָלט דאָס אַזוי פאַראַכטן? אַזוי האָט ווײ־געשריען בת־יהודה, געווישט די טרערן, געזיפצט און ניט געקאָנט טרייסטן זיך".

מ'מוז אָבער זאָגן, אַז דער מחבר גופא האָט זעהר גיך געפונען אַ טרייסט פאַר זיך: אין עטליכע יאָר אַרום נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין „ווײ־געשריי" און ער איז נאָך אַלץ געווען „דערוויטערט פון די לאַנדס־לייטס הערצער", האָט ער זיך אַן עצה געטאָן: ער האָט זיך גע'שמד'ט, געוואָרן פון ר' לייב „לעוו אַלעקסאַנדראָוויטש" און האָט אָנגעהויבּן שמירן מוסר־השכלה'דיגע דראַמעס אויף רוסיש; ער האָט אפילו מיט זיי נושא־חן געווען ביי דעם דעמאָלטיגן רוסישן עולם, וואָס איז ניט געווען קיין שטאַרקער איבערקלייבער. נעוואַכאָוויטש האָט אויסגעלאָזט ווי אַן עכטער „בערלינער", וואָרום אין בערלין גופא האָט די שמד־מגפה געהאַלטן אין העכסטן ברען. זיין מעצענאַט, אברהם פרץ, האָט אים נאָכגעטאָן; מיט דער ליווערייי פאַר דער אַרמיי האָט ער דאָס געמאַכט זעהר שלעכט, ער איז רואינירט געוואָרן. די קינדס־קינדער פון ביידע משומדים האָבּן פאַרנומען אָנגעזעהענע מלוכה־אַמטן.

אין דעם פינסטערן רוסלאַנד זעהען מיר אַן אָפּשיין פון דער השכלה־ליטעראַטור ביי מערב־יידן. מ ע נ ד ל ל ע װ י ן פון סאַטאַנאָוו (1741—1819), וואָס האָט געהאַט די השפעה פון מענדעלסאָנען גופא, פרובט פלאַנצן די נייע זאָמען ביי זיך אין דער היים. ער זעצט איבער אויף העברעאיש טיסאָט אַ פאָפולער מעדיצין־ביכל, פראַנקלינס סיסטעם פון לעבּנס־מאָראַל, קאַמפּעס רייזע־באַשרייבּונגען, אויף יידיש זעצט ער איבּער „משלי" און „קהלת". אָבער אַזאַ זאַך — רעדן צום פאָלק אויף דעמס שפּראַך — האָט שטאַרק אויפגעבראַכט משכילים פון יענער צייט. איינער אַ בערדיטשעווער משכיל, ט ו ב י ה פ ע ד ע ר (געשטאָרבּן 1817), האָט אָנגעשריבּן אַ פלאַם־פייערדיגן פאַמפלעט („קול מחצצים") קעגן אַזאַ חילול־השם: פאַרשוועכן דעם הייליגן לשון מיט דער „גאַס־שפּראַך". פעדער גופא האָט געשריבּן וועגן דקדוק, פאַרטייטשט פסוקים, און נאָך מער האָט ער געשריבּן „מליצה". אַזוינע שוואַכע זאַכן הייסן נאָך ניט קיין איבּערקערעניש אין ליטעראַטור. דאָס איז שוין אָבער אַן אָנזאָג אויף עפּעס נייס: ס'באַווייזט זיך אַ װ ו ע ל ט ל י ך ב י כ ל נעבּן אַ רבּנ'ישן אָדער אַ חסיד'ישן ספר. די איבּערגעשראָקענע אָרטאָדאָקסיע פילט אינסטינקטיוו, אַז דאָ קומט אַ נייער שטראָם, וואָס זאָל פאַרוועלטליכן די יידישע ליטעראַטור.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע

קוועלן און ליטעראַטור

אַריינפיר.

§ 2

Dohm, Ueber die bürgerliche Verbesserung der Juden (Berlin 1781); D. Friedlaender, Aktenstücke, die Reform der jüdischen Kolonien in d. Preußischen Staaten betreffend (Berl. 1793), 64—65; Rönne u. Simon, Die früheren und gegenwärtigen Verhältnisse der Juden in d. sämtlichen Landesteilen d. Preußischen Staats (Breslau 1843), 340—51 u. passim; Börne, Gesam. Schriften II, 517 (Reclam); Sidori, Gesch. d. Juden in Sachsen (1840); Levy, Gesch. d. Juden in Sachsen (Berl. 1901), 71—75; Taussig, Gesch. d. Juden in Bayern (München 1874); Donath, Gesch. d. Juden in Mecklenburg (Leipzig 1874), 154—55; Levin, Vorarbeiten für d. badische Judengesetzgebung etc. (Monat. f. Gesch. u. Wiss. d. Jud., 1908); Grunwald, Hamburgs deutsche Juden bis 1811 (Mitteil. zur jüd. Volkskunde, 1903).

§ 3

Rönne-Simon, 203, 226, 240—264; Jolowicz, Geschichte d. Juden in Königsberg (Posen 1867) 78—81; Friedlaender, Aktenstücke, 66—119; Freund, Die Emanzipation der Juden in Preußen, Bd. I, 16—30 (Berlin 1912).

§ 4

Mendelssohn's Schriften (ed. 1843) I, 49; Jolowicz, l. c. 82—84, 98. L. Geiger. Geschichte der Juden in Berlin. (Berl. 1871), 102—104; II, 140—145. Annalen der Juden in den Preußischen Staaten (Berl. 1790), 329—330.

וועגן פּרייסישן רעפאָרם־פּראָעקט 1787—1790 זעה:

Annalen der Juden in d. P. S., 326; Friedlaender, Aktenstücke, 53—184; L. Geiger, l. c. I, 139—140; II, 159, 339—41. Mitteilungen d. Gesamtarchivs d. deutschen Juden, 1. Jahrgang (1908), 23—29; Levin, Judengesetzgebung Friedrich Wilhelms II (Monatsschrift, 1912-1913).

אויספירליך לויט אַרכיוו־מאַטעריאַל ביי Freund, דאָס דערמאָנטע ווערק, ב. I, ז. 35—49 און דערצו, די געהעריגע אַקטן אינם 2־טן באַנד (Urkunden).

5 §

Wolf. Geschichte der Juden in Wien, 79, 86, 90, 270—271 (Wien 1876); **Idem,** „Die Völker Oesterreich-Ungarns“ (Wien 1883), VII, 41—50;

„המאסף“ 1789, זייט 252—255 (קעניגסבערג־בערלין):

Stein, Geschichte der Juden in Böhmen (Brünn 1904), 95—116; **Brawer,** Galizien wie es an Oesterreich kam (**Wien 1910**);

Балабан, Переход польских евреев под власть Австріи: Галиційскіе евреи при Маріи-Терезіи и Іосифѣ II („Еврейская Старина“ 1913, стр. 297—307

Bergel, Gesch. d. ungarischen Juden (Leipzig 1879), 68, 74; **Pribram,** Urkunden und Akten zur Geschichte d. Juden in Wien, Bd. I, 440—635 (Wien 1918).

6 §

Hallez. Des juifs en France, de leur état moral et politique (Paris 1845), 100—101, 132—43; **Halphen,** Rucueil des lois concernants les isrélites (Paris 1851), 165—178; **Malvezin,** Histoire des juifs à Bourdeaux (1875); **Révue des études juives, t. I—II (Organisation des juiveries du Comtat** Venaissin); „Avignon“, Jewish Encyclopedia II, 355; Révue des études juives XXXIII, 98, 115—116; **Glaser,** Geschichte der Juden in Straßburg (1894) 36—37, 39—43, 45—47, 81—82; **L. Kahn,** Les juifs de Paris au XVIII siècle (Paris 1894), 72—73; **Idem,** Les juifs à Paris depuis le VI **siècle (Paris 1889), 54—59; Idem,** Les juifs de Paris pendant la Révolution (Paris 1899), 2—13;

וועגן דער צאָל יידן איז פאריז ארום דאָם יאָר 1780 זעה:

Révue des études juives t XXIII (1891), 85—98.

7 §

Berliner. Geschichte der Juden in Rom (Frankfurt 1893), **IIa, 105—119, 208; Vogelstein-Rieger,** Geschichte der Juden in Rom (Berlin 1893), II, **250—54; Jost,** Neuere Geschichte der Israeliten (Berlin 1847), II, 245—47, **266,** 271—72; Jewish Encyclopedia VII, 665.

8 §

Picciotto, Sketches of Anglo-jewish history (London 1875), 274 etc.; **Hyamson,** History of the Jews in England (**London 1908**), **300 ss.; Graetz,** Geschichte d. Juden XI, 227 (1870); **Haller,** Rechtliche Stellung der Juden im Kanton Aargau (1901); Jewish Encyclopedia, IX, 231 (Netherlands); XI, 608 (Sweden).

וועגן דעם לעבן פו די ערשטע יידישע איינוואוינער אין שוועדן זעה:

Aaron-Isaks, Sjelfbiografi, Stockholm, 1896

(די אויטאָביאָגראַפיע אין דער יידיש־דייטשער שפּראַך איז איבערגעזעצט אויף איצטיגן יידיש פון נ. שטיף, בערלין 1922).

9 §

Czacky, Rozprawa o żydach, § 9 (Kraków 1860), 117—144; **Korzon,** Wewnetrzne dzieje Polski za Stanislawa Augusta (Krak. 1882), I, 164—67, 230—32; Salomon Maimon's Lebensgeschichte. Berlin 1792, Bd. I, Kap. 1, 9—12; Охотскій, „Разсказы о польской старинѣ" т. I, 54—55, (Спб. 1874) **Voliencina Legum** (Petrsb. 1860) VII, 333, 352; VIII, 95; **Nußbaum,** Szkice historyczne z życia żydow w Warszawie (War. 1881); **Smolenski,** Stani sprawa żydow w XVIII w. (War. 1876), 46—53; **Maciejowski,** Żydzi w Polsce, na Rusi i Litwie (War. 1878), 81—87; Бершадскій, Литовскіе евреи (Спб. 1883), 46—48; Актын Виленской коммиссіи для разбора древн. актов т. 29 (Вильна 1902), 463—480; Геккер, Евреи въ польских городах во 2.-й полов. XVIII в. („Евр. Стар." 1913); Дубнов, Исторія хасидскаго раскола („Восход" 1890—91 г);

ר ש " י. פ י ן, קריה נאמנה, 1860, ז. 27, 130, 273; ב. כ ץ, תולדות השכלת היהודים ברוסיה (זאמלבוך „הזמן", 1903, I, 97—102).

ביבליאָגראַפיע „ad loca" צו דעם דאָזיגן § געפינט זיך אין:
„Еврейская Старина" 1909 г. т. II, стр. 3—16,

וואו ער איז צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט מיט דעם נאָמען:
„Еврейская Польша въ эпоху раздѣлов."

10 §

С. Беннет, Къ исторіи западно-русских евреев („Еврейск. Библ." IV, 9—10); Голицын, Русское законодательство о евреях (Спб. 1886), 61, 112, 128, Коробков, Перепись евр. населенія Витеб. губ. въ 1772 г („Евр. Старина, 1912, стр. 173).

11 §

Wiernik, History of the Iews in America (New-York, 1912), pp. 86—103; **S. Wolf,** The american Jew as patriot etc. (Philad. 1895);

ש ו ו ר ץ, תבואת הארץ (ירושלים 1845); „אהבת ציון" (אַ באַשרייבונג פון אַ רייזע קיין פּאַלעסטינע פון אַ פּוילישן אויסוואַנדערער שמחה בן יהושע אין יאָר 1764); ש. רומני לי, מסע בערב, (בּרלין 1792), אַ רייזע איבער בערבעריע: דער יידישער טעקסט מיט אן ענגלישער איבערזעצונג — קעמברידזש 1887; לונץ, היהודים בארץ הצבי (זאמלבוך „ירושלים", ירושלים 1895—1901).

קאַפּיטל I.

14 §

Adresse presentée à l'Assemblée Nationale le 26 Août 1789 par les juifs residans à Paris; Adresse presentée à l'Ass. Nat. le 31 Août 1789 par les députés réunis des juifs établis à Metz, dans les Trois Evêches, en Alsace et Lorraine; Memoire pour les juifs de Luneville etc.; Memoire

particulier pour la communauté des juifs établis à Metz, redigé par **Isaak Ber Bing:** Motion en faveur des juifs, par **M. Grégoire,** Curé d'Ebremenisl, député de Nancy, Paris 1789.

איבערגעזעצט גאַנצערהייט אויף רוסיש אינם זאַמלבוך: „Парламентскія рѣчи по еврейскому вопросу", ред. С. Познера, Спб. 1914, 268—298;

—די אַלע בראָשורן זיינען געדרוקט געוואָרן אין פּאַריז אין יאָר 1789; „המאסף" 1789, זייט 353, 354, 355—371, 393—395; דאָסזעלבע, 1890, זייט 30—32;

Halphen, Récueil de lois, 179—82; **L. Kahn.** Les juifs de Paris pendant la Révolution (Paris 1899), 14—26;

Дубнов, Эмансипація евреев во время великой французской революціи (1906), стр. 16—27;

Lucien-Brun, La condition des juifs en France depuis 1789 (Lyon 1900), 45—60; **Liber,** Les juifs et la convocation des états generaux („Rev. d. ét. juiv." 1912-13).

§§ 15—18

„המאסף" פאַר די יאָרן 1789—90;

Halphen, דאָס דערמאָנטע ווערק, 1—11, 33—183 (אויסצוגן פון די אָפיציעלע באַריכטן פון „Moniteur" א. אַ. וו.);

Kahn. Les juifs de Paris pendant la Révolution, 30—112

(ס'ווערן אויספירליך ציטירט די מיינונגען פון דער דאַמאַלדיגער פּרעסע);

Олар, Политическая Исторія Французской Революціи (Спб.. 1903); **Idem,** Внутренняя исторія французской революціи (Москва, 1906), Дубнов, Эмансипація евреев во время французской революціи, стр. 27—72

(מער אויספירליכע ציטאַטן פון די רעדעס אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג);

Познер, Парламентскія рѣчи, стр. 299—317,

(קלערמאָן־טאָנערס רעדע איז דא געבראַכט מיט איינינע וואַריאַנטן, ווייל זי איז, ווי ס'ווייזט אויס, גענומען געוואָרן פון „Archives Parlementaires" ניט פון **Moniteur**, פון וואַנען ס'איז ציטירט אונזער טעקסט, לויט דעם איבערדרוק אין דעם זאַמלבוך פון **Halphen**).

§ 19

Grégoire, Histoire des sectes religieuses (Paris 1828—45), t. III p. 415, 421; **Graetz,** Gesch. d. Juden, XI, Note 3; **Kahn,** Les juifs de Paris pendant la Revolution, 124—209 (אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן דער טעראָר־עפּאָכע) **Idem,** Les juifs à Paris depuis le VI siècle, 72—84; **Hildenfinger,** Actes du district de Strasbourg 1790—95 (Revue des études juives t. 60—61, 1910-11).

§ 20

Fauchille. La question juive en France sous le premier Empire (Paris 1884), 5—13; **Berr-Isaac-Berr,** Réflexion sur la régeneration complète des juifs en France (Paris 1806);

П о з н е р , Очерки по исторіи западно-европейских евреев въ началѣ XIX в. („Восход“ 1904, кн. IX, 1905 г. кн. I и VI)

(ס'איז אויסגענוצט דער מאַטעריאַל פון פאַריזער „Archives Nationales“);

Halphen,

דאָס דערמאָנטע ווערק, 307—228 (דער באַריכט פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע);

Grégoire, Observations nouvelles sur les juifs (Paris 1806); **Reuss,** Documents sur l'antisemitisme dans le Bas-Rhin 1794-1799 (Revue des études juives, t. 59, 1910).

21 §

Pelet de Lozère, Opinions de Napoleon sur divers sujets (Paris 1833), 211—12; **Souvenirs du baron de Barante,** Paris 1890, I, 149,

אַן אויסצוג פון די דאַזיגע מעמואַרן וואָס איז שייך יידן האָט גיזאָ געמאַכט אין

Révue de deux Mondes 1867, t. 70

איז איבערגעדרוקט ביי גרעצן,

Geschichte der Juden XI, Note 6; **J. Levy,** Napoleon I. et la réunion du grand sanhedrin (**Rév. d. ét. juiv. 1894, t. 28 p. 265—269**); **Fauchille,** La question juive etc. I, p. 14—15; **Kahn,** Les juifs pendant la Revolution, 328—31; **Halphen** 18—19, 239—241; **M. Liber,** Napoleon I. et les juifs. La question juive devant le conseil d'état en 1806. —

צונויפגעזאמלט פריהערדיגע מאַטעריאַלן און נייע אַרכיוו־דאָקומענטן

(Revue des études juives 1920-21, t. 71 p. 127—147; t. 72, pp. 1—23, 135—162).

23—22 §§

Bran, Gesammelte Aktenstücke über d. Verbesserung d. Zustandes d Juden, Hamburg 1807, Bd. 1—2; **Tama,** Collection des actes rélatifs au dernier état des individus professants la réligion hebraique, Paris 1806; **Halphen,** 20—34, 242—300; **Fauchille,** 23—45; **Pasquier,** Extrait des memoires . . . (Rev. d. ét. juiv. 1894 t. 28, pp. 271—79); Reform der Israeliten in Frankreich, „Sulamith“ 1807, 3—27.

24 §

Pasquier, 280; **Barante** — גיזאָס פראַגמענט — **Graetz.** XI,Ne o **6, p.** 622;

Fauchille, 47—77 (אסך ווערטפולע אַרכיוו־ידיעות);

Halphen, 307—328 (דער באַריכט פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע);

П о з н е р:. („Восход“ 1905, кн. I, VI) דער דערמאָנטע אַרטיקל;

Kahn, Juifs de Paris pendant la Révolution, **337—351; Idem, Juifs à Paris** depuis le VI s., **80—86;**

קאַפּיטל II.

25 §

די פראָטאָקאָלן פון די דעבאַטן וועגן דער יידנפראַגע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון דער באַטאַווער רעפּובליק און אַנדערע אקטן פון יענער צייט זיינען פאַראַן אינם בוך פון הירש אילפעלד: „דברי נגידים“, אמסטערדאַם 1799. וועגן דער באוועגונג אין צוזאמענהאַנג מיטן פאַריזער „סנהדרין“ זעה „שולמית“, 1807, זייט 15—27, 95—109;

Jost. Neuere Geschichte, II, 87—99 (Berlin 1847); **Graetz,** Gesch. XI, 227—234; **Koenen,** Geschiedenis der Juden in Nederland (Utrecht 1843);

26 §

Rieger. Geschichte der Juden in Rom, II (Berlin 1895), 347—360; **Berliner,** Geschichte der Juden in Rom, II (Frankfurt 1893), 120—137; **Lolli,** Venice (Jew. Encyclopedia, XII, 415—16); Leghorn, Mantua, Turin (ibid.);

Познер, Очерки и т. д. („Восход“ 1905, кн. XI). „המאסף“ 1797, זייט 271

27 §

Kayserling, Geschichte der Juden in d. Schweiz, Monatsschrift für Geschichte und Wiss. d. Judentums 1863; **Haller,** Die rechtliche Stellung der Juden im Kanton Aargau (Aargau 1901);

Пасманик: „Исторія эмансипаціи евреев въ Швейцаріи“. журн. „Еврейская Жизнь“ (1906 г. кн. 12).

קאַפּיטל III.

28 §

Die Juden in Deutschland und deren Annahme zu Reichs- und Provinzial-Bürgern;

Graetz, Geschichte d. Juden. XI, (1870) 242—244, 250, 252 (בערם אויפרוף);
Rönne u. Simon, Verhältnisse der Juden in Preußen etc. (1843), Seite 213.

29 §

D. Friedlaender, Aktenstücke, die Reform der jüdischen Kolonien in d. Preußischen Staaten betreffend (Berlin 1793), 120—183; **Geiger,** Gesch. d. Juden in Berlin; I, 134—39; II 164—171, 175—76, 347; **Rönne u. Simon,** l. c. 226—231, 291—302; **M. Freudenthal,** Die ersten Emanzipations-Bestrebungen der Juden in Breslau (Breslau, s. a.); **R. Levin,** Die Judengesetzgebung Friedrich Wilhelms II. (Monatsschr. für Gesch. u. Wiss. d. Jud. 1913 pp. 74, 211, 363, 461); **Freund,** Die Emanzipation der Juden in Preußen, Bd. I, 49—65; Bd. I, 49—65; Bd. II (Urkund.) 65—96 (Berlin 1912)

30 §

די פּאָלעמישע ליטעראַטורן פון דעם יאָר 1799 וועגן דעם אינצידענט פרידלענדער־טעלער (דעם מחבר פון דעם בוך איז געלונגען זי דורכשטודירן כמעט אינגאַנצן לויט די ערשטע אויסגאַבן אין דער בערלינער מלוכה־ביבליאָטעק; מיר ברענגען דא נאָר די וויכטיגסטע בראָשורן):

Sendschreiben an Herrn Ober-Konsistorial-Rat und Probst Teller zu Berlin, von einigen Hausvätern jüdischer Religion (Berlin 1799); Beantwortung des Sendschreibens einiger Hausväter jüdischer Religion an mich, den Pastor Teller, Berlin 1799; **De Luc,** Lettre aux auteurs juifs d'un memoire adressé a M. Teller etc., Berlin 1799; Moses und Christus: Ueber den innern Wert und die wahrscheinlichen Folgen des Sendschreibens einiger Hausväter etc., Berlin 1799; Treue Relation des ersten Eindrucks, den das Sendschreiben etc. auf das Publikum machte, Berlin 1799; Gespräch über das Sendschreiben . . . zwischen einem christlichen Theologen und einem alten Juden. Briefe bei Gelegenheit . . . . des Sendschreibens jüd. Hausväter, von einem Prediger außerhalb Berlin Berlin 1799.

(אויפן שער פון דעם דאָזיגן עקזעמפּלאַר אין דער בערלינער ביבליאָטעק איז צוגעשריבן דער נאָמען פונם מחבר. און אויך אין קאַטאַלאָג **Schleiermacher:**;
די גאַנצע פּאָלעמישע ליטעראַטור פון די יאָרן 1803—1804 וועגן גראַטענויערס פּאַמפּלעט איז אָנגעוויזן ביי **Graetz,** Geschichte, Bd. XI, Note 4

Geiger, Geschichte d. Juden in Berlin, II, 301—319.

31 §

J. Fürst. Henriette Herz, ihr Leben und ihre Erinnerungen, Berlin 1850; **S. Hensel,** Die Familie Mendelssohn, 1729—1847, zwei Bände (Berlin 1882); **Reich,** Dorothea Schlegel (Mainz 1881); **Varnhagen's** Nachlaß, von **L. Assing,** 1867; **Varnhagen,** Rahel, ein Buch des Andenkens, 1834 (2. Auflage, Berlin 1904); **Berdrow,** Rahel Varnhagen (Stuttgart 1900); **Assing,** Aus Rahels Herzensleben, Briefe und Tagebücher (Leipzig 1877); Rahels Briefwechsel (Leipzig 1861, 1874-75, 8 Bd.);

Гильбранд, Высшее берлинское общество и евреи („Еврейская Библіотека“ изд. Ландау, т. III, С. П. Б. 1873); Л. Гейгер, Берлинское еврейское общество XVIII вѣка („Восход“ 1897, кн. III);

L. Geiger, Gesch. d. Jud. in Berlin, II, 114—16; **L. Bendavid,** Etwas zur Charakteristik der Juden (Leipzig 1793, 2. Auflage 1813); **Idem,** Philosophische Aufsätze, Berlin 1800 (אַן אַרטיקל וועגן דער ערציהונג ביי יידן); **Guttmann.** Lazarus Bendavid, seine Stellnng zum Judentum etc. (Monatsschrift f. Gesch. u. Wiss. d. Jud. 1917, S. 26—50, 176—211); **Jolowicz,** Geschichte der Juden in Königsberg, S. 107, 113, 122.

Samter. Judentaufen im 19. Jahrhundert (Berlin 1906); **Lesser.** Chronik der Gesellschaft der Freunde in Berlin (1842);
Гайм, Романтическая школа въ Германіи (рус. изд. Солдатенкова, Москва 1891.)

32 §

A. Stern. Abhandlungen u. Aktenstücke zur Geschichte d. preußischen Reformzeit 1807—1815 (Leipzig 1885); **L. Geiger,** l. c. II, 182, 210—218; **Jolowicz,** l. c. 117—125, 206—208; **Rönne-Simon,** 264 u. passim. **D. Friedlaender,** Ueber die durch die neue Organisation der Judenschaften in d. Preuß. Staaten notwendig gewordene Umbildung ihres Gottesdienstes etc. (Berlin 1812.)

ש. ברנפלד, תולדות הרפרמציון בישראל (קראָקא 1900) זייט 66—70;
„Sulamith". Zeitschrift zur Beförderung der Kultur und Humanität unter den Israeliten (Dessau 1822), pp. 54—63, 381—405; **Freund,** Die Emanzipation d. Jud. in Preußen, Bd. I, 106—226; Bd. II (Urkunden), 208 fg.

33 §

L. Horwitz, Die Israeliten unter d. Königreich Westfalen (Cassel 1900);
„Sulamith" 1807—12 (די אַקטן פון דער קאַסעלער קאָנסיסטאָריע און אַנד.);
„המאסף", 1810—1811;
Rönne-Simon, S. 371—38 (די דעקרעטן פון זשעראָם באָנאַפּאַרט);
S. Stern, Gesch. d. Judentums von Mendelssohn bis auf die neuere Zeit, Breslau 1870, 150—52, 162; **Jost,** Neuere Geschichte d. Israeliten I, 24—26, 32—33 (Berlin 1846)
(אָנגעוויזן די ליטעראַטור וועגן דער פראַנקפורטער פּאָלעמיק פון די יאָרן 1807—1808);
L. Geiger, Goethe und die Juden (Zeitschrift f. Gesch. d. Jud. in Deutschland, I, 232, 361—362; Berlin 1886); **Auerbach, Geschichte der israelitischen** Gemeinde Halberstadt, 1866, S. 139—40, 215—26;
Kayserling, Die Belagerung Hamburgs 1813—1814 (Monatsschrift etc. 1864 p. 41—46); **Haarbleicher,** Zwei Epochen aus d. Geschichte der Israelit. Gemeinde in Hamburg, 1868; **Grunwald,** Hamburgs deutsche Juden bis 1811 (Mitteilungen d. Gesellsch. f. jüd. Volkskunde, 1903); **Carlebach,** Geschichte d. Juden in Lübeck (Lübeck 1899).

34 §

Al. Levy, Geschichte der Juden in Sachsen, Berlin 1900 (אַ קנאַפּע קוועלע);
Eckstein, Der Kampf der Juden um ihre Emanzipation in Bayern, auf Grund handschriftlichen Quellenmaterials, Fürth 1905; **Donath,** Geschichte der Juden in Mecklenburg (Leipzig 1874), S. 154—177, 327—335; **„Sulamith",** IV. Jahrg. 271, 302, 339; **Jost, I,** 183—189 (Großherzogtum Baden); **Levin,** Vorarbeiten für die Badische Judengesetzgebung in d. Edikten 1807 bis 1809 (Monatsschrift f. Geschichte d. Jud. 1908).

35 §

„המאסף“ און „שולמית“ פאַר די יאָרן, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין טעקסט (אין „שולמית“ זיינען געדרוקט כמעט אלע אָפיציעלע אַקטן, וואָס זיינען נוגע יידן אין דייטשלאַנד אין נאַפּאָלעאָנס עפּאָכע, און פאַר דער פּאָליטישער געשיכטע קאָן מען זיך אָהן זיי ניט באַגיין).

Jost, Bd. III (Kulturgeschichte), 1—7; **Samter,** Judentaufen im 19. Jahrh., 7—10; **Freudenthal,** Die ersten Emanzipations-Bestrebungen d. Juden in Breslau, 29—102

(די געשיכטע פון דעם צעהן־יאָריגן קאַמף פאַר און קעגן דער ווילהעלמס־שול);
L. Geiger, Gesch. d. Jud. in Berlin, II, 234.

קאַפּיטל IV.

40—36 §§

G. Wolf, Geschichte der Juden in Wien (Wien 1876), 95—129; **Wertheimer,** Die Juden in Oesterreich vom Standpunkte der Geschichte des Rechts etc. (Leipzig 1842) I, 355 und passim;

Зайчик, Очерки эмансипаціи евреев въ Австро-Венгріи („Восход“ 1892 г. кн. 9);

A. Stein, Geschichte d. Juden in Böhmen, nach amtlichen Quellen (Brünn 1904), 95—116; **Stöger,** Darstellung der gesetzlichen Verfassung der galizischen Judenschaft (Lemberg 1833), I—II, passim; (Rohrer) Versuch über die jüdischen Bewohner der österreichischen Monarchie, Wien 1804; **Pribram,** Urkunden und Akten zur Geschichte d. Juden in Wien, Bd. I, 595 bis 688; Bd. II, 1—252 (Wien 1918); **Balaban,** Herz Homberg i szkoly józefinskie dla żydow w Galicyi (1787—1805) Lwów 1906; **Bergel,** Geschichte der ungarischen Juden (1879), 82—89;

Дубнов, Религіозная борьба въ концѣ XVIII вѣка („Восход“ 1892 г. кн. XII; 1893 г. кн. II)
Glaubwürdige Nachricht von einer neuen Sekte . . . Chasidim, von **Israel Löbel** („Sulamith“ 1807, 329—333);

בן־זאב'ס בריוו (§ 40) איז אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג „המליץ“, 1873, No. 6.

קאַפּיטל V.

44—41 §§

Smolenski, Stan i sprawa żydow polskich w XVIII w. (Warsz. 1876), 55—84 **Kraushar,** Frank i frankisci polscy (Krak. 1895), I, 139—49; **Maciejowski,** Zydzi w Polsce (Warsz. 1878), 87, 111, 120;

Шаперна, Характерный историческій документ (Записка Гиршовича), „Восход“ 1902, кн. VI;

Korzon, Wewnetrzne dzieje Polski za Stanislawa Augusta (Krak. 1882), I, 240 et pass.; **Czacki**, Rorprawa o żydach, Krak. 1860, 119—134; **Kraszewski**, Polska w czasie trzech rozbiorów, II, 318—20; III, 108, 122 **Gumplowicz**, Stanislawa Augustu proekt reformy zydowstwa, Krak. 1875; **Deiches**, Sprawa żydowska podzas Sejmu Wielkiego (Kraków 1895).

Гек'кер Проэкты реформ еврейскаго быта въ концѣ XVIII в. („Еврейская Старина" 1914 г. стр. 211 сл. 328—340); Охотскій Расказы о польской старинѣ (Спб. 1874), I 254—259; Дубнов, Историческія сообщенія, № 10 (о евреях города Острога въ войнѣ 1792 г. „Восход" 1894 г., кн. X, стр. 18 сл.); **Luninski**, Berek Joselewicz (Warsz. 1909); „Еврейская Старина" 1909 г., т. II 128 сл.;

Moscicki, Żydzi polscy pod berlem Katarzyny II (Kwartalnik posw. badaniu przeszlosci żydów w Polsce, Warz. 1912, I, 61—65);

טאָגבוך פוי געזעצן אין װאַרשעװער הערצאָגטום בעת די יאָרן 1812—1807 בײ

Голицын, Ист. рус. законодательства о евреях, Спб. 1886, стр. 1001 сл; Вйшницер, Проэкт реформы еврейскаго быта в Герц. Варшав. и ц-вѣ польском („Пережитое" I. 166—71 Спб. 1908); Гессен, В эфемерном государствѣ („Евр. Старина" 1910, стр. 6 сл.);

Askenazy, W dobie Ksiestwa Warszawskiego (Kwartalnik . . . 1912, I, 1, 9).

„Еврейская Польша в эпоху послѣдних раздѣлов" („Евр. Старина" 1911 года стр. 441—463).

קאַפּיטל VI.(*

45 §

Шугуров, Исторія евреев в Россіи („Русск. Архив" 1894 г., I, 163—167);

די אַנקלאַג פוז מאָסקװער סוחרים פון יאָר 1790 איז איבערגעדרוקט אין זשורנאַל „Восход" 1895 года, кн. I, отд. 2, стр. 31—33;

Оршанскій, Русское законодательство о евреях (Спб. 1877), 183—184; Голицын, Исторія рус. законодат. о евреях (Спб. 1886), 136; Леванда, Хронологическій сборник законов, касающихся евреев (Спб. 1874), № 42—47.

46 §

Бершадскій, Положеніе о евреях 1804 г, „Восход" 1895 года; кн. I—IV; Державин, Собраніе сочиненій (акад. изд. 1878 г.), т. VI, 113—14, 24, 175; том VII („Мнѣніе о евреях"); Гессен, Евреи в Россіи (Спб. 1906), стр. 344, 453, документальныя приложенія.

---

*) אין דער פריהערדיגער רעדאַקציע פון דעם דאָזיגן קאַפּיטל:
(„Судьбы евреев в эпоху западной первой эмансипаціи 1789—1825", Евр. Стар. 1912, 3—25, 113—143.)
געפינט זיך אַן אױספירליכע ביבליאָגראַפיע אין די אונטער־שורות׳דיגע באַמערקונגען.

47 §

Голицын, 412, 422, 429 434—35, 918, 928; „Восход“ 1895, книга IV, 95, Брафман, Книга Кагала, т. II, №№ 335, 339, 349, 352; Гордон, К исторіи поселенія евреев в Петербургѣ („Восход“ 1881, II, 29, 39—40); „Русск. Архив“ 1903, кн. II 253—57; Леванда Сборн. законов № 59 (Положеніе 1804 г.).

48 §

Доклад Еврейскаго Комитета 1812 г. („Русскій Архив“ 1903, кн. II, 253—274; Оршанскій, 271 сл.; Голицын, 513 сл. С. Гинзбург, Отечественная война 1812 г. и русскіе евреи, стр. 30 сл. (синодскій указ 1806 года о Наполеоновском Синедріонѣ), Спб. 1912; Леванда, Сборник законов №№ 64,69—70; Гессен, 322; Никитин, Евреи-земледѣльцы (Спб. 1887), 16.

49 §

Гинзбург, 129—141

Евреи в войнѣ 1812 года („Евр. Старина“ 1912 г., I, 85 сл); Голицын 587, 590, 981, 985;

העלמאַן, בית רבי (בערדיטשעוו 1901) 47;

Ан-скій, Отечественная война и евреи (Москва, 1912, в „Извѣстіях Общества распространенія правильных свѣдѣній о еврействѣ“, вып., I 64—73, 75—83); К столѣтію Комитета Министров (Спб. 1902), I, 559—60; Гессен, Депутаты еврейскаго народа, „Евр. Старина“ 1909 г., т. II, 19—20.

50 §

Севергин, Записки путешествія по западному краю (Спб. 1803); Долгоруков, Описаніе поѣздки по юго-западному краю в 1810 г. (цит. у Голицына, 976—79);

Surowiecki, O upadku przemyslu i miast w Polsce (1810), Kraków 1861, 139—147.

Никитин, Евреи-земледѣльцы (Спб. 1887, стр. 8—16); Дубнов, Историческія сообщенія, № 5 („Восход“ 1893 г., кн. VIII, 24—28); Леванда Сборн. зак. №№ 67, 73; Коробков, Участіе евреев во внѣшней торговлѣ Польши и т. д. („Евр. Стар.“ 1911 г., стр. 201 сл).

51 §

Бершадскій, „Восход“ 1895 г. кн. VI, 46—63. Гессен, Евреи в Россіи, 220, 237; Голицын, 348—355; Критикус, Литер. Лѣтопись, „Восход“ 1895 г. кн. I, 37 сл; Леванда, Сборник Законов, № 59, стр. 51—54 положенія 1804 г.

52 §

Дубнов, Исторія хасидскаго раскола („Восход“ 1890 г., кн. XI—XII); **Idem**, Религіозная борьба (**Ibid** 1893, кн. I, 37—47); **Idem**, Вмѣшательство русскаго правительства в антихасидскую борьбу („Евр. Стар.“ 1910 г, кн. I—II), Гессен, Евреи в Россіи, 164 сл.

53 §

ש. י. פין. שפה לנאמנים, ווילנא 1881; תולדות אדם: ר׳ זלמן דעם ווילנערס ביאגראפיע, ווילנע 1801;

Дубнов, Исторія хасидскаго раскола („Восход“ 1890 г., кн. XI—XII и 1891 г., кн. X); Городецкій, Леви-Ицхок Бердичевскій („Евр. Старина“ 1909 г., т. I, 205 сл.);

הורודצקי, ר׳ נחמן מברצלב (זאמלבוך „הגורן“ IV, בערדיטשעוו 1903); צעדערבוים, כתר כהונה, אָדעס 1866, זייט 74; פרֶנק, יהודי פולן בימי נפולֶאָן, ווארשא 1912;

Calmanson, Essai sur l’état actuel des juifs, Varsovie 1796;

„המאסף“ 1809, זייט 286—291;

Невахович, Вопль дщери іудейской, Спб. 1803 („Будущность“ т. III. стр. 118 сл. Спб. 1902);

דערזעלבער, קול שועת בת יהודה (שקלוב 1804);

Станиславскій, Мендель Левин („Восход“ 1881 г., кн. III).

ייִדישער ליטעראַרישער פאַרלאַג, בערלין

JUDISCHER LITERARISCHER VERLAG G.m.b.H.

BERLIN SW 68, ZIMMERSTRASSE 7—8

ס'איז אַרויס פון דרוק די ערשטע סעריע ביכער:

I. ל. קוויטקאָ: גריך־גראָז (לידער) . . . גרונד־פּרייז — 5 מאַרק

II. „ 1919 (לידער) . . . . . . גרונד־פּרייז — 5 מאַרק

III. אָפּאַטאָשו: פאַרלוירענע מענשן (ראָמאַן) . . — 6 מאַרק

IV. דער נסתּר: געדאַכט (מעשׂיות) ערשטער באַנד . . — 6 מאַרק

V. דער נסתּר: געדאַכט (מעשׂיות) צווייטער באַנד . . — 7 מאַרק

VI. מרדכי אַלפּערסאָן: 30 יאָר אין אַרגענטינע
(מעמואַרן) . . . . גרונד־פּרייז — 9 מאַרק

VII. דוד קאָיגען: אין שטורעם פון געשיכטע
(מעמואַרן) . . . . גרונד־פּרייז — 4,5 מאַרק

VIII. פ. שניאורסאָן: חיים גראַוויצער
(דערציילונג) . . . . גרונד־פּרייז — 2,5 מאַרק

IX. א. טשעריקאָווער: אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקראַינע אין 1917—1918
(אייסגאַבע „מזרח־ייִדישער היסט. אַרכיוו") . . . גרונד־פּרייז — 8 מאַרק

X. ש. דובנאָוו: די נייסטע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק
ערשטער באַנד (1789—1815)

ס'דרוקן זיך:

XI. ע. קאָרמאַן: ברענענדיגע בריקן (אַנטאָלאָגיע)

XII. י. ח. ברענער: אַרום א פּינטעלע (מסביב לנקודה)
ראָמאַן, פון העברעאיש ב. סלוצקי

XIII. א. טורגענעוו: די כתבים פון אַ יעגער
איינציגע דערציילונגען, פון רוסיש — ב. סלוצקי

XIV. ל. דייטש: ייִדן אין דער רוסישער רעוואָלוציע
(זכרונות וועגן ייִדן־רעוואָלוציאָנערן) פון רוסיש — ע. קאָרמאַן

XV. בערנהאַרד קעלערמאַן: דאָס געשעהעניש
נייער ראָמאַן, אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון כתב־יד פון דייטש — ע. קאָרמאַן

XVI. אין דער תּקופה פון רעוואָלוציע — זאַמלביכער

XVII. פּנקס אוקראַינע — זאַמלבוך

ס׳דרוקט זיך:

די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק

פוז ש. דובנאָוו

צווייטער באַנד — די תקופה פון דער ערשטער רעאַקציע (1815—1848)
און די תקופה פון דער צווייטער עמאַנסיפּאַציע (1848—1881)

דריטער באַנד — די תקופה פון דער צווייטער רעאַקציע (1881—1914)

ס׳גרייט זיך צום דרוק:

די אַלגעמיינע געשיכטע פון יידישז פאָלק

פון ש. דובנאָוו

אין אן איבערגעארבעטער און פארברייטערטער אויפלאגע, וואס וועט ערשיינען אין די יארן 1923—1924 אין פאלגנדיגן סדר:

ערשטער באַנד — די מזרח־תקופה: פון די עלטסטע צייטן ביזן סוף פון דער פּערסישער הערשאַפט (332 י. פאַרן קריסט.)

צווייטער באַנד — די מזרח־תקופה: פון דער גריכישער הערשאַפט ביזן פאַלן פון דער יידישער מלוכה (332 י. פאַרן קריסט. — 72 י. נאָכן קריסט.)

דריטער באַנד — די מזרח־תקופה: די רוימיש־ביזאַנטישע און פּערסיש־אַראַבישע הערשאַפט אויף מזרח ביז די קרייץ־צוגן (73—1096 י. נאָכן קריסט.)

פערטער באַנד — די מערב־תקופה: מיטלעלטער — פון דער ערשטער קאָלאָניזאַציע פון איירָאָפּע ביזן סוף פון די קרייץ־צוגן (XII יאָהר.)

פינפטער באַנד — די מערב־תקופה: דאָס שפּעטערע מיטל־עלטער ביזן פאַלן פונם יידישן צענטר אין שפּאַניע (1215—1492)

זעקסטער באַנד — נייע צייט: די צעזייטקייט פון די ספרדים און די העגעמאָניע פון די אשכנזים (1492—1648)

זיבעטער באַנד — נייע צייט: די דייטש־פּוילישע הערשאַפט פון דער איבערגאַנגס־צייט (1648—1789)